This material was made publicly available by the

**Heritage Projects Foundation**

info@yiddish-culture.com

**https://yiddish-culture.com**

© The Heritage Projects Foundation

*This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:*

info@yiddish-culture.com

**© The Heritage Projects Foundation**

31.528

# סאָוועטיש

6

1975

# היימלאנד

# סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

יול

7

1975

# אינהאַלט


די פייגל, וואָס זײַנען פאַרבלעגדעט... ווערטער פון מיכאַיל איסאַקאָווסקי, פרײַ איבערזעצט פון רוסיש אַרן ווערגעליס . . . . . . . . . 3

יוסף בראַגינסקי. מיר זײַנען אינטערנאַציאָנאַליסטן . . . . . . . . . . 4

אונדזערע מיטצײַטלער. ישׂראל סערעבריאַני. אײַנדרוקן פון אַ רײַזע קיין ביראָבידזשאַן . . 9

חיים ביידער. ס׳גייט דער מענטש (לידער) . . 20

הירש דאָבין. אַף כאַרעווע ערטער (דערציילונג) . . . . . . . . . . . 24

צו איינע לידער פון הירש בלאָשטיין, כאַנע ווײַנערמאַן, ליפּע העלער, זיאמע טימענטשיק, פּיניע קיריטשאַנסקי, באָריס מאָגילנער, מישע מאָגילעוויטש, עליע ביידער . . . . . . . . . . . 49

יוסף ראַבין. העשל דער סטאָליער און זײַן אייניקל (ראָמאַן. סאָף) . . . . . . . . 53

אַף די שפּורן פון געשעענעם. מיכאַיל לוואָוו. די שוווּע; יעכיעל פאַליקמאַן. פיר יינגלעך; ראָזע קאַץ־ראַבינאָוויטש. אַזוינס פאַרגעסט זיך ניט . . . . . . . . . . 111

שיפרע כאָלאָדענקאָ. ניט פאַרעפנטלעכטע לידער . . . . . . . . . . . . . 123

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. אַזריעל ליבערמאַן. צוויי געלערנטע . . . . . . . 125

אַרן יערוסאַלימסקי. ליכטיק זאָל ווערן! (צום נײַנציקסטן יאָרטאָג, זינט ס׳איז דערשינען די ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור אין ייִדיש) . . . . 129

וועלוול ווערניק. אַ וואַלד־לעגענדע און אַנד. לידער . . . . . . . . . . . . . . 134

אירמע דרוקער. געזען און געהערט . . . . 136

פּאָרטרעטן פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שוישפּילער. יעשועה ליובאָמירסקי. דער וועג פון אַ ביינע־מײַסטער . . . . . . . . . . . . . 147


## ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט


הערש רעמעניק. נאַטאַן זאַבאַרע און זײַן לעצטער ראָמאַן . . . . . . . . . . . . 151

אַרן ווערגעליס. דער דענקמאָל אין באַבי יאַר וועט שטיין לעדוירעס . . . . . . . . 158

וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פובליקאַציעס. ל. קרילאָוו, ט. קאַראַסאָוואַ. וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן . . . 165

אונדזערע מיטיילונגען. לייב ווילסקער. צו דער געשיכטע פון דרוק־וועזן בײַ ייִדן . . . . . . 170

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. וועגן פאַקטן און געשעענישן (לויט דער פּאַריזשער צײַטונג „נײַע פּרעסע") . . . . . . . . . . . . . 174

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" . . . . . 175

דאָס איז טשיקאַווע. י. גינעווסקי. לעגינס באַליבטע לידער . . . . . . . . . . . . . 179

פאַרשיידנס . . . . . . . . . . . . . 180

פריילעכע שורעס. וויצן פון ישׂראל. צייכענונגען פון ה. אינגער . . . . . . . . . . . 184

נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר . . . . . . . . . 186

כראָניק . . . . . . . . . . 19, 169, 173, 182

לאָמיר זינגען נײַע לידער. קוק, ווי בלעטער שלאָפן. ווערטער פון מ. מאָגילעוויטש, מוזיק פון ס. פײַנטוך . . . . . . . . . . . . . . 188

עליע פאַלקאָוויטש. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . . . . . . . . . . . . . . 190



**הויפּט־רעדאַקטאָר**

א. ווערגעליס.

**רעדקאָלעגיע:**

כ. ביידער, א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), נאָטע לוריע, מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

# די פייגל, וואָס זײַנען פאַרבלענדעט...

**«Летят перелетные птицы»**

ווערטער פון מיכאַיל איסאַקאָווסקי

„...דאָ אין ייִסראָעל, — אין דער פרעמד! — זינגט זיך מיר אָפּט די רוסישע ליד „ליעטיאט פערעליאָטניִע פטיצי”, און, איר מעגט פון מיר לאכן — זינגענדיק, וויין איך... איך בעט אײַך, זעצט איבער די דאָזיקע ליד אף ייִדיש אזוי, אז זי זאָל זײַן מערער צוגעפּאסט צו אונדזער איצטיקן לעבן. איך און אזוינע ווי איך האָבן זיך פריִער צו איר ניט צוגעהערט...

(י. פּ־ן, טעל־אוויוו)”

די פייגל, וואָס זײַנען פאַרבלענדעט,
פון קלוימערשטע ווערסנעס פאַרפירט,
זיי פליִען אין אנדערע לענדער,
און איך בלײַב אף שטענדיק מיט דיר.
דאָס גליק — אין דער היים איך געפין עס,
און כ׳זוך אין דער וועלט עס ניט סטאם.
איך דאַרף ניט קיין שום פּאַלעסטינעס,
מיך ציט ניט אין אייווער־לעיאם.

פיל לענדער אין שלאכט כ׳האָב געביטן,
געשפּאַנט מיט דער ביקס אין דער האנט,
און כ׳ווייס, ווי די דאָליע איז ביטער —
צעשיידט זײַן מיט אייגענעם לאנד.
געזען כ׳האָב דאָס לעבן דורך וויכערס,
געווען שוין סײַ קאלט און סײַ הייס,
און כ׳ווייס ניט קיין גרעסערע שליכעס,
ווי טאָן, וואָס דו ווילסט און דו הייסט.

פונקט דאן, ווען איך פאל שוין א מידער
אָן קויכעס, נאָך ווײַט פונעם ברעג,
איך ווייס, אז אויב זאָגן וועסט ווידער,
כ׳וועל נאָכאמאָל דורכגיין דעם וועג.
אף אייביק, אין וואָר און אין דרימל,
זײַן גליקלעך עס איז מיר באשערט
מיט דיר, אונטער רוסישן הימל,
מיט דיר, אף דער רוסישער ערד.

די פייגל, זיי מעגן זיך שעמען,
זיי זוכן דעם נעכטיקן טאָג,
זיי זוכן זיך ערטער באקוועמע,
און איך האָב מיר דאָס, וואָס כ׳פאַרמאָג.
דער רויך פון די היימישע קוימענס
פאַר מיר ער איז זיס — מאָלע־טאָם.
איך דאַרף ניט קיין פרעמדע מעקוימעס,
מיך ציט ניט אין אייווער־לעיאם.

פרײַ איבערזעצט פון רוסיש אַרן ווערגעליס

יויסעף בראגינסקי,
פארדינסטפולער טוער פון דער וויסנשאפט
און מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט
פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון טאדזשיקיסטאן

# מיר זײַנען אינטערנאציאָנאליסטן

„מיר זײַנען קעגנער פון נאציאָנאלער סינע, נאציאָנאלער רײַסערײַ, נאציאָנאלער אָפּגעזונ־דערטקייט. מיר זײַנען מענטשן צווישנפעל־קערלעכע, מיר זײַנען אינטערנאציאָנאליסטן".

וו. אי. לענין. פולע זאמלונג פון די ווערק, ב. 40, ז. 43.

„פּראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!". מיט אָט דעם רוף פארענדיקט זיך דער „מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי". שוין מער ווי 100 יאָר, אז מיט דעם רוף עפנט זיך יעדע פּערזאָדישע אויסגאבע פון די קאָמוניסטישע פארטייען און פון די ארבעטער־פּארטייען, אף וועלכער שפּראך זי זאָל ניט ארויסגיין. דער דאָזיקער לאָזונג פלאמט העל אף די פאָנען פונעם רעוואָליוציאָנערן קאמף, ער דריקט אויס דעם טאָך פון דער לערע וועגן פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם, וואָס אירע יעסוידעס האָבן פארלייגט קארל מארקס און פרידריך ענגעלס.

לענינס אָנפירונג מיט דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־באוועגונג האָט געמאַכט מעגלעך די פּראקטישע פארווירקלעכונג פון די פּרינציפּן פונעם פּראָלעטארישן אינטערנאַציאָנאליזם. די ערשטע אין דער וועלט סאָציאַליסטישע מעלוכע, וועלכע וו. אי. לענין האָט געשאפן, — דער פארבאנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, — איז די לעבעדיקע פארקערפּערונג פונעם פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם.

שטיצנדיק זיך אף די פּרינציפּן, וועלכע ק. מארקס און פ. ענגעלס האָבן פאנאנדערגעאַר־בעט, ארויסגייענדיק פון די דאָזיקע פּרינציפּן און באַרײַכערנדיק זיי מיט רעוואָליוציאָנערער פּראקטיק, האָט וו. אי. לענין אנטוויקלט ווײַטער די טעאָריע, די אידייען־סיסטעם פון פּראָלע־טארישן, סאָציאַליסטישן אינטערנאציאָנאליזם.

פונקט ווי קארל מארקס, וואָס האָט אין איינער פון זײַנע ערשטע ארבעטן („די עקאָנאָמיש־פילאָסאָפישע מאנוסקריפּטן", 1844) געגעבן א פּינקטלעכע דעפיניציע פונעם באגריף קאָמוניזם: „דער קאָמוניזם איז רעאלער הומאניזם. קאָמוניזם איז דאָס זעלבע, וואָס הומאניזם, ער איז דער פּראקטישער, פּאָזיטיווער הומאניזם", אזוי האָט וו. אי. לענין בא די ערשטע טריט פון זײַן רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט באוויזן זײַן טיפן הומאניסטישן צוגאנג צו די פּראָבלעמען פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן, דערונטער — פון די נאציאָנאלע באציִונגען. דאָס זעט מען אינעם גאנצן אינהאלט און אפילע אינעם עצעם סטיל פון לענינס ווערק. וו. אי. לענין האָט שטענדיק געזען די קאָנקרעטע פאקטן פונעם רעאלן לעבן פון די ארבעטסלײַט, און דאָס האָט אָנגעפילט זײַנע טעאָרעטישע האנאָכעס מיט מיטגעפיל צו די מענטשלעכע גורלען.

שוין אין זײַנע ערשטע ווערק האָט וו. אי. לענין הינטער אלע סטאטיסטישע אויסרעכענונגען און עקאָנאָמישע אנאליזן געזען דעם האָרעפאשנעם מענטשן — דעם סאראטאָווער, קורסקער פויער, דעם קאמישינער באטראק, די לײַדנדיקע אונטערדריקטע מענטשן פונעם פיל־נאציאָנאלן רוסלאנד.

אין א סאך יאָרן ארום, שוין אין זײַנע לעצטע נאָטיצן, שרײַבט וו. אי. לענין מיט טיפן פארדראָס וועגן די באאָבאכטונגען, וועלכע האָבן אין דער יוגנט פארוווּנדעט זײַן הארץ, — „אופלעבנדיק די וואָלגער דערינערונגען וועגן דעם, ווי מע טרעטירט בא אונדז אינאָראָדצעס"[1].

עס איז דעריבער נאטירלעך, וואָס אין 1894 (אקוראט אין א האלבן יאָרהונדערט ארום נאָך דער אויבן געבראכטער האנאָכע פון ק. מארקס, אז קאָמוניזם איז דאָס זעלבע, וואָס הומאניזם) האָט וו. אי. לענין, באם פאָרמולירן דעם טאָך פונעם פראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם, צוגלײַך מיטן באטאָנען דעם מארקסיסטישן פרינציפ פון קלאסן־סאָלידאריטעט, באלד אפן אָרט אָפגעמערקט די זיטלעכע, הומאניסטישע באדײַטונג פונעם אינטערנאציאָנאליזם — פון דער פרײַנטשאפט פון די ארבעטנדיקע און אונטערדריקטע מענטשן אָן אונטערשייד פון ראסע און נאציאָנאליטעט: „ס'איז ניטאָ קיין אנדער מיטל פון קאמף מיט נאציאָנאלן האס, ווי דאָס אָרגאניזירן און באהעפטן דעם קלאס אונטערדריקטע צום קאמף קעגן דעם קלאס אונטערדריקער אין יעדן באזונדער לאנד, ווי דאָס פאראייניקן אזעלכע נאציאָנאלע ארבעטער־אָרגאניזאציעס אין איין אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־ארמיי צום קאמף קעגן דעם צווישנפעלקערלעכן קאפיטאל" (דאָרט, ב. 1, ז. 155).

וו. אי. לענין האָט אָנגעוויזן אף די היסטאָרישע וואָרצלען, אף די קלאסן־וואָרצלען פון די צוויי אידעאָלאָגיעס — פונעם בורזשואזן נאציאָנאליזם און פונעם פראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם.

באם אופקום פון דער בורזשואזער פאָרמאציע און אין די ערשטע עטאפן פון איר אנטוויקלונג האָט די אידיי פון נאציע געדינט אין א געוויסער מאָס דעם געזעלשאפטלעכן פראָגרעס, זי האָט זיך געשטעלט קעגן דער מיטלאלטערלעכער אידעאָלאָגיע פון די פעאָדאלן־לײַבייגנטימער. ווען אָבער אפן מײַרעוו זײַנען אופגעקומען און זיך פארפעסטיקט די נאציאָנאלע בורזשואזע מעלוכעס, האָט דער וווּקס פון זייער קאָלאָניזאטאָרישער עקספּאנסיע אפן מיזרעך אָנגענומען אלץ מער אָן אנטיהומאניסטישן כאראקטער און עס האָט זיך אלץ בוילעטער ארויסגעוויזן דער רעאקציאָנערער טאָך פונעם בורזשואזן נאציאָנאליזם. דער דאָזיקער טאָך האָט פולשטענדיק אנטשפראָכן דעם מעהוס פונעם קלאס, וואָס האָט אים געבראכט אף דער וועלט, פון דעם קלאס, וואָס זײַן גאָט איז דער מעזומענער רובל, די פאָרם פון זײַן לעבנסטעטיקײַט — די אומדערבארעמדיקע קאָנקורענץ, זײַן גלויבנס־סימבאָל — „איין מענטש דעם צווייטן איז א וואָלף". אין העסקעם מיט זײַן קלאסן־נאטור האָט דער בורזשואזער נאציאָנאליזם געשפרייט רײַסערײַ און סינע צווישן די מענטשן פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן, געהעצט זיי איינעם קעגן צווייטן, אָפרײַסנדיק זיי פונעם געזעלשאפטלעכן קאמף קעגן די עקספּלואטאטאָרן און ארײַנציִענדיק זיי אינעם טהאָם פון מילכאָמעס.

אינמיטן פונעם XIX יאָרהונדערט האָט דער באוווּסטזיניקער פראָלעטאריאט ארויסגעשטעלט קעגן דער אידעאָלאָגיע פונעם בורזשואזן נאציאָנאליזם זײַן אייגענע אידעאָלאָגיע — דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאציאָנאליזם. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע אנטשפרעכט פולשטענדיק דעם קלאסן־מעהוס פונעם פראָלעטאריאט, וואָס זײַן יעסאָד בילדעט די פארגעזעלשאפטלעכטע ארבעט און זײַן העכסטער מאָראלישער פרינציפ איז: „איין מענטש דעם צווייטן איז א פרײַנט, א כאווער און א ברודער".

אין אונדזער עפּאָכע איז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאציאָנאליזם די איינציקע עכט הומאניסטישע אידעאָלאָגיע, וועלכע איז ענג פארבונדן מיטן אידעאל פונעם קאָמוניזם —

[1] וו. אי. לענין. פולע זאמלונג פון די ווערק, ב. 45, ז. 359; אינאָראָדצעס — אזוי פלעגט מען אין צארישן רוסלאנד רופן מענטשן, אָפשטאמיקע פון קליינע פעלקערשאפטן.

דעם רעאלן, פּראַקטישן הומאַניזם. אין דעם באַשטייט טאַקע די צוזאַמענגעס־קראַפט פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע, און ניט געקוקט אף אלע שטערונגען, געהערט איר די צוקונפט.

די אנטשיידענע קלאַסן־געראַנגלען אפן אידעאָלאָגישן געביט נעמען אָפּט אָן אפן היינ־טיקן עטאַפּ די פאָרם פון א קאַמף צווישן דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און דעם פּראָלעטאַ־רישן אינטערנאַציאָנאַליזם. נאָך ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט וו. אי. לענין געשריבן: „בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם און פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם — דאָס זיינען צוויי אומבאַשאָלעמדיק פיינטלעכע לאָזונגען, וועלכע אנטשפּרעכן די צוויי גרויסע קלאַסן־לאַגערן פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און דריקן אויס צוויי פּאָליטיקעס (נאָך מער: צוויי וועלט־אָנשויונגען) אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע"[1]. אין דער פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז באַנעגייע דער היינטיקער עפּאָכע געמאַכט אזא אויספיר: „דאָס פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע גרונט־געווער, וואָס די צווישנפעלקערלעכע רעאַקציע און די אינערלעכע רעאַקציאָנערע קרעפטן נוצן אויס קעגן דער איינהייט פון די סאָציאַליסטישע לענדער, — איז דער נאַציאָנאַליזם. די נאַציאָנאַליסטישע איבערגלויבנס און די רעשטן פון דער געוועזענער נאַציאָנאַלער רייסעריי, — דאָס איז אזא געביט, ווו דער ווידערשטאַנד קעגן דעם סאָציאַלן פּראָגרעס קאָן זיין דער סאַמע לאַנגער און אקשאָנעסדיקער, פאַרביטערטער און צופּאַסנדיקער"[2].

באַטאָנענדיק די נייטיקייט צו מאַכן א קאָנקרעטן היסטאָרישן אונטערשייד צווישן דעם נאַציאָנאַליזם פון די אונטערדריקנדיקע נאַציעס און פון די אונטערדריקטע נאַציעס, האָט וו. אי. לענין פאַנאַנדערגעאַרבעט די פּראָגראַם־פאָדערונג וועגן די רעכט פון נאַציעס אף זעלבסטבאַשטימונג ביז צום מעלוכישן אָפּטיילן זיך. טיף דיאַלעקטיש און קאָנסעקווענט אינטערנאַציאָנאַליסטיש איז וו. אי. לענינס אָנווייזונג וועגן דעם, ווי עס דאַרפן זיך באַציען צו דער פראַגע וועגן דעם רעכט פון די נאַציעס אף זעלבסטבאַשטימונג די סאָציאַליסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן פון די אונטערדריקנדיקע נאַציעס (דער טראָפּ ווערט געשטעלט אף דעם רעכט פון די נאַציעס אף זעלבסטבאַשטימונג) און פון די אונטערדריקטע נאַציעס (דער טראָפּ ווערט געשטעלט אף דער רעאַלער אייניקונג פון די נאַציעס[3]. וו. אי. לענינס אָנווייזונג, אז די סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענע נאַציעס דאַרפן אין דער ערשטער ריי פירן דעם קאַמף גראָד מיט דעם „אייגענעם" (גרויסמעכטיקן אָדער אָרטיקן) נאַציאָנאַליזם, פאַרבלייבט א געבאָט פאַר די קאָמוניסטן, פאַר אלע בירגער פון פססר.

באַהאַנדלענדיק די פראַגע וועגן דער טאַקטיק פון די קאָמוניסטן באַנעגייע דעם נאַציאָנאַ־ליזם פון די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע פעלקער, האָט וו. אי. לענין אָפּגעמערקט, אז אזא מין נאַציאָנאַליזם איז אין א געוויסער מאָס פּראָגרעסיוו, אף וויפל זיין שאַרף איז געווענדט גראָד קעגן דעם אימפּעריאַליזם. אין דער זעלבער צייט האָט וו. אי. לענין שטענדיק באַטאָנט, אז עס איז אומדערלאָזבאַר צו מאַכן פּרינציפּיעלע האַנאָכעס דעם נאַציאָנאַליזם און אז מע מוז אָפּהיטן דעם פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַלער איינהייט פונעם פּראָלעטאַ־רישן קאַמף. אָט וואָס ער האָט געשריבן וועגן דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און וועגן זיין „לעפּערעכדיקער פּראָגרעסיווקייט": „דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט איז אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט היסטאָריש אומפאַרמיידלעך, און, רעכענענדיק זיך מיט דער דאָזיקער געזעלשאַפט, אנערקענט דער מאַרקסיסט פולשטענדיק די היסטאָרישע געזעצ־לעכקייט פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען... אראָפּשליידערן יעטווידן פעאָדאַלן דרוק, יעטווידע אונטערדריקונג פון נאַציעס, קאָלערליי פּריווילעגיעס פאַר איינער פון די נאַציעס אָדער פאַר איינער פון די שפּראַכן — דאָס איז די אומבאַדינגטע פליכט פונעם פּראָלעטאַריאַט, אלס דעמאָקראַטישע קראַפט, דער אומבאַדינגטער אינטערעס פונעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנ־קאַמף, וועלכער ווערט פאַרטונקלט און פאַרהאַלטן דורך נאַציאָנאַלער רייסעריי. אָבער מיטווירקן דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם דורך אריבערטרעטן די דאָזיקע שטרענגע גרענעצן, וועלכע זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אין באַשטימטע היסטאָרישע ראַמען, הייסט פאַראַטן דעם פּראָלעטאַריאַט און שטעלן זיך אף דער זייט פון דער בורזשואַזיע. דאָ איז פאַראַן א גרענעץ, וואָס איז זייער פילבאַר"...[4]

דעריבער מאַכט וו. אי. לענין דעם אויספיר: „דער מאַרקסיזם איז אומבאַשאָלעמדיק צום נאַציאָנאַליזם, מעג דער דאָזיקער נאַציאָנאַליזם זיין דער סאַמע „יושערדיקער", „רייניק־

[1] דאָרט, ב. 24, ז. 123; [2] „פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד", מ., 1961, ז. 62; [3] פולע זאַמלונג פון די ווערק. ב. 26, ז. 328, ב. 30, ז. 44—45; [4] דאָרט, ב. 24, ז. 131—132.

קער", פּילבאַרער און ציוויליזירטער. אַנשטאַט יעדן מין נאַציאָנאַליזם שטעלט ארויס דער מאַרקסיזם דעם אינטערנאַציאָנאַליזם"[1]. הייסט עס, אַז צום אונטערשייד פון דער לעפּיערעכ־דיקער פּראָגרעסיוויקייט פונעם בורזשואזן נאַציאָנאַליזם איז בעפּיירעש און שטענדיק פּראָ־גרעסיוו דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם.

די טרייַהייַט צום פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם האָט וו. אי. לענין זייער קלאָר אויסגעדריקט אין די פאָלגנדיקע פאָרמולעס. אין 1916 האָט ער געשריבן: „קעדיי צו זייַן א סאָציאָל־דעמאָקראַט און אינטערנאַציאָנאַליסט, דאַרף מען טראַכטן ניט בלויז וועגן דער אייגענער נאַציע, נאָר שטעלן העכער פון איר די אינטערעסן פון אַלע נאַציעס, זייער אַלגעמיינע פרייַהייַט און גלייַכבארעכטיקונג"[2]. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע (אין 1918) האָט ער באַטאָנט, אַז די באָלשעוויסטישע ליניע וועגן זיג פונעם סאָציאַליזם צוערשט אין איין לאַנד „איז געווען די איינציקע אינטערנאַציאָנאַליסטישע, ווייל זי האָט דורכגעפירט דעם מאַקסימום דערפון, וואָס קאָן דורכגעפירט ווערן אין איין לאַנד, קעדיי צו אַנטוויקלען, אונטערהאַלטן, סטימולירן די רעוואָליוציע אין אַלע לענדער"[3].

אין די באַדינגונגען, ווען אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געזיגט דער סאָציאַליזם, ווען עס איז אויפגעקומען א סאָציאַליסטישע וועלט־סיסטעם, זייַנען די לענינישע אידייען וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם געקומען צום אויסדרוק אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פונעם סאָציאַ־ליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם, זיי האָבן באַהערשט מיליאָניקע מאַסן, געוואָרן דער שטענ־דיקער לעבנס־קוואַל פון זייער וועלט־אַנשויונג און פון דער פּסיכאָלאָגישער ספער פון זייער לעבן. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַליזם דרינגט דורך אַלע זייַטן פונעם סאָוועטישן לעבנשטייגער, ער איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם און מיטן געפיל פון אַלנאַציאָנאַלן שטאָלץ פאַר דער נייַער היסטאָרישער געמיינזאַמקייַט — פונעם סאָוועטישן פאָלק.

אַן אָרגאַנישער טייל פון דער היסטאָרישער געמיינזאַמקייַט פונעם סאָוועטישן פאָלק זייַנען די סאָוועטישע יידן.

צענדליקער יאָרן האָבן די פאָרגעשריטענע יידישע פּראָלעטאַריער, די פאָרגעשריטענע יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן, צוזאַמען מיט זייערע ברידער לויטן קלאַס, וועלכע געהערן צו אַלע פעלקער פון רוסלאַנד, — געקעמפט אונטער די באָלשעוויסטישע פאָנען קעגן די קאָלערליי וואַריאַציעס פון דעם יידישן בורזשואזן נאַציאָנאַליזם און קעגן זייַן באַזונדערס רעאַקציאָנערער פאָרם — דעם ציוניזם, קעגן די סעפּאַראַטיסטישע, נאַציאָנאַליסטישע אידייען פונעם „בונד". אין אָט דעם קאַמף זייַנען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן די קאַדרען פון די פּראָלעטאַרישע אינטערנאַציאָנאַליסטן.

אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכער מישפּאָכע פון אַלע פעלקער פון פּססר האָבן אויף די שלאַכטפעלדער דערוויזן זייער טרייַהייַט צום היימלאַנד פיל יידן — קריגסלייַט פון דער סאָוועטישער אַרמיי, אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. מער ווי 300 טויזנט פון זיי זייַנען באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס, 133 האָבן באַקומען דעם טיטל העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

דעריבער איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס באַציען זיך די סאָוועטישע יידן, וועלכע דענקען אינטערנאַציאָנאַליסטיש, מיט אזא פאַרדראָס צו דער האַנדלונג פון יענע, וועלכע זייַנען געווען סאָוועטישע בירגער, נאָר האָבן זיך געלאָזט פאַנגען אויף דער ווענטקע פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און זייַנען אוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל, פאַרלירנדיק, אַזויאַרום, זייער סאָוועטישע בירגערשאַפט.

דער ציוניזם האָט פונעם ערשטן טאָג פון זייַן עקזיסטענץ ניט פאַרמאָגט קיין נאַציאָ־נאַלע באַפרייַונגס־אידיי. פון דער לענינישער טעאָריע וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם איז צו זען, אַז דער נאַציאָנאַליזם פון אַן אונטערדריקטער פעלקערשאַפט קאָן בלויז דעמאָלט פאַר־מאָגן אין זיך לעפּיערעכדיקע פּראָגרעסיווע שטריכן, אויב ער פאַרבינדט זייַן טעטיקייַט־פּראָגראַם מיטן קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם. דער ציוניזם אָבער האָט שטענדיק פאַרבונדן זייַן פּראָגראַם גראָד מיטן שקלאַפישן בוקן זיך צו די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס (דייַטשלאַנד, ענגלאַנד, פּשא).

---

[1] דאָרט, ז. 131; [2] דאָרט, ב. 30, ז. 44—45; [3] דאָרט, ב. 37, ז. 304.

דער ציוניזם מיט זײַנע קאָנצעפּציעס פון „אטאַ־בעכארטאַנו” („ייִדן זײַנען אויסדערוויילט צווישן אלע אנדערע פעלקער”), מיט זײַן דעמאגאָגישן לאָזונג „קאָל ייִסראָעל כאווײרים” („ייִדן ווייסן ניט פון קיין קלאסן און קלאסנקאמף”), מיט זײַן פאראכטונג צו דער אידיי פון אינטערנאציאָנאלער סאָלידאריטעט, — דער ציוניזם האָט פונעם ערשטן טאָג פון זײַן עקזיסטענץ געטראָגן אין זיך בורזשואז־רעאקציאָנערע שטריכן, וועלכע זײַנען געוואָרן אָנשוילעכער און קלאָרער באַם פארווירקלעכן זײַן ראסיסטישע טעאָריע און פּראַקטיק — די אָפן אימפּעריאַליסטישע, פארכאפּערישע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל און פון זייערע מיטהעלפער און אונטערהעצער, באזונדערס אין פשא.

די סאָוועטישע מענטשן פון אלע נאציאָנאליטעטן היטן הייליק אָפּ וו. אי. לענינס געבאָטן וועגן דעם, אז דאָס בעסטע מיטל פון קאמף קעגן די קאָלערליי דערשײַנונגען פון בורזשואזן נאציאָנאליזם איז די פארווירקלעכונג פון די אידייען פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאציאָנאליזם. דעם קאמף פאר די דאָזיקע אידייען הייבן זיי שטענדיק אָן מיטן קאמף קעגן דעם „אייגענעם”, דעם אָרטיקן נאציאָנאליזם, קעגן די פארשיידענע איבערבלײַבעכצן פונעם נאציאָנאליזם. דאָס צענטראלע אָרט פארנעמען דאָ לענינס היסטאָרישע ווערטער: מיר זײַנען אינטערנאציאָנאליסטן.

די סאָוועטישע ייִדן טאָרן ניט אָפּשוואכן זייער קאמף קוידעמקאָל קעגן דעם ייִדישן נאציאָנאליזם, באזונדערס דעם ציוניזם. דאָס איז זייער און זייער אָן ערנסטער קאמף, און מיר פירן אים, ארויסגייענדיק, ווי אלע סאָוועטישע מענטשן, פון די דערמאָנטע לענינישע פּאָזיציעס, פון לענינס רוף:

מיר זײַנען אינטערנאציאָנאליסטן!

## פון רעדאקציע.

דער אווטאָר פון דעם דאָזיקן ארטיקל פּראָפעסאָר יוסעף בראגינסקי, הויפּט־רעדאקטאָר פונעם זשורנאל „די פעלקער פון אזיע און אפריקע”, מערקט איצט אָפּ 70 יאָר פון זײַן געבוירן און 50 יאָר ליטעראריש־געזעלשאפטלעכע טעטיקײַט. צו דער דאטע איז י. בראגינסקי באלוינט געוואָרן מיט דער מעלוכע־פּרעמיע פון דער טאדזשיקישער סאָוועטן־רעפּובליק פאר זײַן בוך „צו דער געשיכטע פון דער טאדזשיקישער און פערסישער ליטעראטורן”.

מיר באגריסן הארציק דעם כאָשעוון יובילאר, אונדזער אווטאָר, און ווינטשן אים געזונט און נײַע שעפערישע אופטוען.

**אונדזערע מיטצײַטלער**

## ייִסראָעל סערעבריאַני

# אײַנדרוקן פון א רײַזע קיין בירָאבידזשאַן

### אין וועג

גוט, אזוי גוט איז צו זײַן אונטערוועגנס...

(מוישע קולבאַק)

פאר מיר אליין איז דאָס געווען אן אומדערוואַרטע רײַזע. גוטעפרײַנט האָבן מיך געפרוּווט אָפּריידן, ארויסגעזאָגט אָן א שיר וואָרענענדיקע האשאָרעס: וועגן מײַן עלטער, וועגן דעם שווערן און קאָמפּליצירטן וועג...

נאָך מער. די בריוו צו מײַנע בירָאבידזשאַנער באקאנטע און קרויווים וועגן מײַן פארטראכט זײַנען, אף וויפל איך האָב געקענט אורטיילן, אופגענומען געוואָרן אָן באגײַסטערונג, מיט פארבאָרגענע ספּייקעס און וואָרעניש, — ניט, כאָלילע, צוליב דעם, וואָס זיי זײַנען ניט גאַסטפרײַנטלעך, נאָר אלץ צוליב די זעלבע מאָטיוון: דער עלטער, דער וועג, דער קלימאַט, די דיסטאַנץ (ארום 8 טויזנט קילאָמעטער). עמעס, זיי האָבן אלע צוגעזאָגט, און האָבן עס טאקע אויסגעפילט נאָך מער ווי מע דארף, אז זיי וועלן טאָן אלץ, קעדיי מײַן לײַכטזיניקע אונטערנעמונג זאָל זיך אײַנגעבן און עס זאָל אלץ אדורך אמבעסטן.

אויך דער דאָקטער פון דער שרײַבערישער פאָליקליניק האָט פון מײַן פלאַן ניט געכאַפּט קיין „היספּײַלעס", געשטעלט א באַדינג, אז גלײַך נאָך מײַן צוריקקער זאָל איך טייקעף קומען צו אים, קעדיי דורכמאכן די נייטיקע „אנאליזן".

האקלאל, אויסגעהערט אלע אייצעס, בין איך אוועק אפן וואָקזאל און געקויפט א בילעט אפן עקספּרעס „ראָסיִא" מאָסקווע—וולאדיוואָסטאָק, וואָס מאכט דורך דעם וועג פאר זיבן מעסלעס.

איצטער, נאָך מײַן דורכגעמאכטער נעסיִע אהין און צוריק, ווייס איך שוין גוט, אז בירָאבידזשאַן איז גאָרניט אזוי ווײַט. באַזונדערס איז עס קלאָר געוואָרן פון מײַן צוריקוועג: איך בין ארויסגעפלויגן פון כאַבאַראָווסק האלב דרײַ באטאָג און געקומען קיין מאָסקווע ארום פיר אזייגער... באטאָג! בעסאכאקל — ארום א שאָ אָנדערהאלבן, ווייניקער ווי פון מאָסקווע קיין... פערעדעלקינאָ! עמעס, מע דארף נעמען אין אכט דעם אונטערשייד פון די געאָגראפישע מערידיִאנען, וואָס „גאַנוועט" ארײַן זיבן שאָ. אזויארום באקומט זיך שוין אכט שאָ פליִען. נאָר ווער איז דאָס מעכויִעוו ארײַנצולאָזן זיך אין אזעלכע ווײַטע כעזשבוינעס? איך בין דאָך ניט קיין בוכהאלטער. איך קאָנסטאטיר א פאקט. מיר דערמאָנט זיך גאָר דאָס באקאנטע כסידישע לידל:

מע האָט אויסגעטראכט א פאראוואָז
און מע נעמט זיך מיט דעם איבער,
דער רעבע פארשפּרייט די קאפּאָטע זײַנע
און שווימט דעם יאם אריבער...

„איל־62" האָט צעשפּרייט די פליגלען זײַנע, און מיר זײַנען בעשאָלעם דעם לופט־יאַמאָקיִאנוס אריבער „אין איין האלב שאָ!" אָן א גוזמע און אָן ניסים.

אלזאָ, טײַערע פרײַנט! הערט זיך ניט אײַן, וואָס „קינדער פלאפּלען" מיקויעך בירָאבידזשאַן!...

א ביסל שפּעטער, אויב איר וועט האָבן געדולד, וועלן מיר אײַך דערציילן גענויער וועגן בירָאבידזשאַן און וועגן די בירָאבידזשאַנצעס. אָבער איידער איך לאָז זיך אין וועג ארײַן, וויל איך דאָ דערמאָנען וועגן צוויי אויסלענדישע זשורנאליסטן פון דײַטשלאנד און אמעריקע, וואָס האָבן געמאכט א נעסיִע קיין בירָאבידזשאַן.

יעווא בריוק, ווי זי דערציילט, איז געפאָרן קיין בירָאבידזשאַן לויט איר אייגענער איניציִאטיוו, קעדיי צו שאפן זיך אן אייגענע מיינונג וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. נאָך איר באזוך האָט זי אָנגעשריבן א דאָקומענטאלע דערציילונג און א ריי פארצייכענונגען וועגן אירע אײַנדרוקן. פראגמענטן פון זיי זײַנען געווען געדרוקט אין „בירָאבידזשאַנער שטערן" און אויך אין „סאָוועטיש היימלאנד".

יעווא בריוק איז פון דײַטשלאַנד געפלויגן מיט אַן אַעראָפּלאַן. וועגן ביראָבידזשאַן האָט זי פריִער געהאַט אַ מעטושטעשע פאָרשטעלונג, לויט פאַרשיידענע אויסלענדישע ווערסיעס.

צוליב די זעלבע טעמים האָט געמאַכט זײַן רײַזע דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ניו־יאָרקער צײַטונג „דיילי וואָרלד" מאַיק דייווידאָוו. זײַן „ביראָבידזשאַנער רעפּאָרטאַזש" איז אויך געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" און אין דער רוסישער זאַמלונג „אַף די ברעגן פון בירא און בידזשאַן", וואָס איז דערשינען אין כאַבאַראָווסק. דאָס זײַנען באַגײַסטערטע באַריכטן וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

איך בין אויך געפאָרן לויט מײַן אייגענער איניציִאַטיוו. געפאָרן בין איך אַהין, ווי געזאָגט, מיטן באַן (וואָס האָב איך זיך וואָס צו אײַלן?). איך האָב פאַר זיך ניט געשטעלט קיין קאָנקרעטע צילן, געוואָלט אין פלוג פּאַשעט באַפרידיקן מײַנע אַן אינערלעכע באַדערפעניש: אַ קוק טאָן! לויט טשערנישעווסקיס קאָנצעפּציע, האָב איך עס געטאָן צוליב „עגאָיִסטישע" טעמים.

איך האָב אפילע געמיינט און געהאָפט, אַז מײַן נעסיִע וועט דורכגיין אינגאַנצן אומבאַמערקט, עלעהיי איך פאָר אַף אַ קוראָרט, אָדער אין אַ טוריסטישער רײַזע, ווי איך האָב עס שוין עטלעכע מאָל געטאָן, און אַלעמאָל איז עס בײַ מיר דורכגעגאַנגען שאַ־שטיל. איך בין דאָך ניט מעכוּיעוו אַלע מײַנע פּערזענלעכע אײַנדרוקן און איבערלעבונגען באַשרײַבן, און אַזוי־אַרום „צעפּויקן" זיי פאַר דער וועלט...

אָבער דאָס מאָל מוז איך דערציילן...

אין וועג האָב איך געטראָפן נאָך אַ סאַך עלטערע לײַט — סײַ היגע, סײַ אויסלענדער, טוריסטן און סאָוועטישע מענטשן, וועלכע פאָרן אין אורלויב, מאַנצבלען און פרויען, מיט פאָטאָ־ און קינאָ־אַפּאַראַטן. פרויען אין הויזן און אין קלוימערשטע קליידלעך אָדער אין גאָר לאַנגע קליידלעך און אין מאַנטלען דערצו.

לאָזט זיך אויס, אַז מע האָט מיך אומזיסט געשראָקן. גראַדע עלטערע מענטשן רײַסן זיך אין וועג אַרײַן. אין דעם האָב איך זיך איבערצײַגט שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען איך האָב דורכגעמאַכט אַ רײַזע מיטן טוריסטן־צוג „דרוזשבאַ" איבער די ברעגן פון שוואַרצן און קאַספּישן יאַמען, איבער קאַווקאַז און מיטל־אַזיע. צווישן די רײַזנדער איז געווען אַ גרויסער פּראָצענט באַיאָרטע מענטשן, אינגאַנצן גראָווע, ווי די טויבן, אין גראָבע ברילן און אויך אָן ברילן. אייניקע אפילע מיט קאָמפּליצירטע הער־אַפּאַראַטן.

צו מיר איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען אַן עלטערער מענטש אַזש פון לאָס־אַנדזשעלעס. ער האָט דעמלט געמאַכט אַ רײַזע איבער דער וועלט אַלס אַ טוריסט. פאַרפאָרן איז ער צו מיר, ווײַל אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך בין זײַנער אַ קאָרעוו, זײַן פאַמיליע איז די זעלבע, וואָס מײַנע.

מײַן אומדערוואַרטער „קאָרעוו" איז שוין לאַנג געווען אַ פּענסיִאָנער (אין אויסלאַנד, ווי באַוווּסט, ווערט מען אַ פּענסיִאָנער מיט פינף יאָר שפּעטער ווי בײַ אונדז). ער איז פון די מענטשן, וועלכע זײַנען „גרינג אַף דער פוס", אַגעוו איז ער לויט דער פּראָפעסיע אַ קאָמיוואָיאַזשאָר (עס לעבן נאָך ערגעץ שאָלעם־אַלייכעמס פּערסאָנאַזשן!), און די פּענסיע באַקומט ער טאַקע פון דער פירמע זײַנער, ווו ער האָט אָפּגעדינט אַ שאָק מיט יאָרן. די ווײַטע רײַזע קיין מאָסקווע האָט דער לאָס־אַנדזשעלעסער קאָמיוואָיאַזשאָר דורכגעמאַכט מיטן ווילן צו אָנזעטיקן מיט אײַנדרוקן יעדן טאָג פון זײַנע עלטערע יאָרן.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ געשיכטע, וואָס מײַן מאַמע, אָלעהאָהאַשאָלעם, האָט פיל מאָל דערציילט (מײַן מוטער ליגט פונעם 22־טן נאָיאַבער 1941 אינעם קייווער אַפן בעסוילעם פון דעם פּאָלעסיער שטעטעלע נאַראָווליע, באַם טײַך פּריפּעט. זי איז צוזאַמען מיט אַלע ייִדן פונעם שטעטעלע געגאַנגען רוּיִק צופוס אַף איר אייגענער לעווײַע. אייניקע אַלטע לײַט האָבן אפילע אָנגעטאָן זייערע טאַכריכים, וועלכע זיי האָבן באַצײַטנס פאַרגרייט. זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן אויך וועגן דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן העראָיִזם פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס. זיי האָבן ניט געהאַט קיין פיזישן קויעך, ניט קיין געווער, האָבן זיי זיך באַוואָפנט מיט זייער גײַסט און מיטן גלויבן אין קומענדיקן זיג פונעם לעבן, פאַר וועלכן עס האָבן זיך דעמלט געשלאָגן מיט געווער אין די הענט זייערע קינדער אין דער רויטער אַרמיי. מיט ביטל האָבן זיי געקוקט אַף די הענקער, גייענדיק אין לעצטן וועג).

אָט איז די מײַסע:

צו אַ שווערן כוילע איז געקומען אַ דאָקטער, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז עס איז ניטאָ קיין שום רעטונג. עס בלײַבט אַ געוויסע מעגלעכקײַט צו פאַרלענגערן דאָס לעבן פונעם כוילע בלויז אַף איין שאָ, אויב ער וועט מאַסקים זײַן איבערצוטראָגן אייניקע ווייטעקלעכע אײַנשפּריצונגען.

אָבער צי איז עס ביכלאַל קעדײַ צוליב איין שאָ לעבן?

דער קראַנקער האָט זיך גערן אָנגעכאַפּט אין דער דאָזיקער ליכטיקער האָפענונג:

— וואָס וואַקלט איר זיך, טײַערער דאָקטער? עפּעס אַ קלייניקײַט אַ שאָ לעבן! נאָך אַ גאַנצע שאָ לעבן!..

ווען די דאָזיקע שורעס וועגן עלטערע מענטשן זײַנען שוין געווען אָנגעשריבן, האָב איך דורכגעלייענט די נאָרוואָס פּובליקירטע אין „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" אַרויסזאָגונג פונעם פאָלקס־אַרטיסט פון פּססר ניקאָלײַ סימאָנאָוו, וואָס באַשטעטיקט קימאַט פּינקטלעך מײַן געדאַנק:

— ווען איך בין געווען יונג, איז מיר שרעקלעך געווען אָנצווווערן דאָס אַלץ, וואָס רינגלט מיך אַרום. שרעקלעך, ווי פאַר דער

פינצטערניש. ליכטיק, ליכטיק און פּלוצלינג פינצטער. עס איז שרעקלעך געוועזן אָנצוּווערן דאָס ליכט, דאָס געפיל פון לעבן, דעם אָטעם. איצט איז עס גאָר ניט שרעקלעך. וואָס שוואַכער עס איז דער קערפּער, אַלץ שטאַרקער איז די גייַסטיקע טעטיקייַט. און ביזן הייַנטיקן טאָג האַלט איך אין איין זוכן דעם איקער.

טייַכן און אָזערעס, בערג, וועלדער, טאָלן, קאָלאָסאַלע ערדן־„פּרעריעס" ליגן אפן פילמייַליקן וועג.

דער צוג יאָגט און יאָגט, און מיר, די אייַנוווינער פון דער לויפנדיקער צוזאַמענוווינונג, הייבן זיך אָן צוגעוווינען איינער צום אַנדערן. עמעס, די שכיינים בייַטן זיך אָפט, אָבער דאָס איז גראָד א מייַלע פון דער דאָזיקער קאָמונאַלער דירע: אייניקע גייען אַראָפּ, אַנדערע שטייַגן אַרויף, אָבער דאָס שטערט ניט דעם אייַנגעשטעלטן ריטם און דעם אייגנאַרטיקן שטייגער פון די פּאַסאַזשירן. ביפראַט נאָך, אַז דאָסראָוו רייַזנדע, דער סטאַבילער „יאָדער", וואָס האָט זיך נאָך אַרייַנגעזעצט אין צוג אין מאָסקווע, פאָרט גאַנץ ווייַט, נאָך ווייַטער פון מיר — קיין כאַבאַראָווסק, וולאַדיוואָסטאָק, נאַכאָדקא, סאַכאַלין און אפילע קיין יאַפּאָניע.

אף דער סטאַנציע טשיטא איז צו מיר אין קופּע אַרייַנגעשטיגן א יונגע פרוי, וואָס איז באַקאַנט מיט ביראָבידזשאַן, זי האָט זיך דאָרט געלערנט אין פּעדשול. איצט וווינט זי אף סאַכאַלין מיט איר פאַמיליע. אַזוי אַז איך האָב שוין אין וועג באַקומען אייניקע אומיטלבאַרע אינפאָרמאַציעס וועגן ביראָבידזשאַן.

אָנהייבנדיק פון דעם „טויער" פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט — פון דער סטאַנציע אָבלוטשיע, בין איך ווי צוגעשמידט צום פענצטער. אומעטום זע איך עפּעס אַזוי ווי קענטלעכע פּנעמער. עס דוכט זיך מיר, אַז איטלעכער פון זיי איז מיר שוין פון לאַנג באַקאַנט, ערגעץ האָב איך אים געזען און מיט אים ניט פאַרענדיקט א וויכטיקן געשפּרעך. דאָס, וואָס איך האָב שוין געהערט און געלייענט, איז מיר ניט גענוג. דערפאַר טאַקע פאָר איך א קוק טאָן אף ביראָבידזשאַן מיט די אייגענע אויגן. ווי זאָגט דאָס ווערטל: „בעסער גוט געזען, איידער שלעכט געהערט".

## ביראָבידזשאַן און ביראָבידזשאַנצעס

אָ, ליבע מייַנע, אָ, טייַערע!<br>
דאָס האַרץ טוט וויי פון צאַרטקייַט!<br>
איך פריי זיך און איך וויין,<br>
איך בין מעשוגע פון ליבע.<br>
פּיאָנערן, אָ, פּיאָנערן!

(אואָלט אוִיטמען)

ביראָבידזשאַן, און די יידישע אווטאָנאָמע געגנט ביכלאַל, האָט שוין א רייַכע געשיכטע, פאַרמאָגט אויך א גאַנץ היפּשע קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור. זי האָט שוין אַליין אויך אויסגעכאָוועט און דערצויגן א באַדייַטנדיקע גרופּע יידישע און אויך רוסישע שרייַבער. א טייל פון זיי, ווי עמאַנויל קאַזאַקעוויטש און אַרן ווערגעליס, זייַנען צוליב געוויסע אומשטענדן, באַזונדערס צוליב דער מילכאָמע, אַרויסגעפאָרן פון דער געגנט, זיי האָבן אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן זייער „אַלטע" היים. ביז הייַנטיקן טאָג פאַרנעמען די ביראָבידזשאַנער מאָטיוון א צענטראַל אָרט אין ווערגעליסעס שאַפן. אַלץ, וואָס דער פרי פאַרשטאָרבענער עמאַנויל קאַזאַקעוויטש האָט געשאַפן אין יידיש, איז געווידמעט ביראָבידזשאַן. איצט איז זייַן פּאָרטרעט אויסגעשטעלט אין היגן קאַנטקענטעניש־מוזיי צווישן די פּאָרטרעטן פון די כאָשעווסטע פּיאָנערן פון ביראָבידזשאַן. שוין זייַענדיק א באַרימטער רוסישער שרייַבער און ביז זייַנע לעצטע טעג, האָט קאַזאַקעוויטש זיך ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיטן וויגעלע פון זייַן שאַפן, ביראָבידזשאַן. ניט אומזיסט דערמאָנען אים זייַנע אַלטע פרייַנט מיט גרויס ליבע.

אין ביראָבידזשאַן איז אויך איצט טעטיק א גרופּע יידישע און רוסישע שרייַבער און זשורנאַליסטן. וועגן אייניקע פון זיי וועלן מיר גענויער זיך אָפּשטעלן צום סאָף פון די דאָזיקע נאָטיצן.

וועגן הייַנטיקן ביראָבידזשאַן, וועגן די דאָרטיקע מענטשן און זייערע נייַע „יידישע פּראָפעסיעס" האָבן מיר ניט לאַנג צוריק געלייענט אין דעם אַפּרעל־נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" פונעם פאָריקן יאָר, וואָס איז געווידמעט דעם פערציקסטן יאָרטאָג זינט דער אַנטשטייונג פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

געקומען בין איך אַהער אין דער מיט פונעם כוידעש סענטיאַבער. ס'איז געווען אָוונט־צייַט. עס האָבן מיך באַגעגנט פרייַנט און קרויווים, צווישן זיי די שרייַבער נאָכעם פרידמאַן און בוזי מילער.

לויט אַלע סימאָנים האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז בא מייַנע פרייַנט איז דאָס שוין געוואָרן אַן אָפּגעמאַכטע זאַך: סטאַנציע וועל איך האַלטן בא פרידמאַנען. אין זייַן געראַמער דירע איז שוין געווען אויסגעטיילט פאַר מיר א פּרעכטיקער צימער, א באַקוועמער אף צו אַרבעטן און רוען.

איך האָב שוין פון לאַנג געהערט, אַז אין

ביראָבידזשאַן שטייט אַלע יאָר „אַ גאָלדענער הארבסט". ווי איך האָב זיך שפּעטער איבערצײַגט, איז עס טאַקע ריינער עמעס, כאָטש גראַדע די ערשטע פּאָר טעג פון מײַן קומען זײַנען געווען אַ ביסל כמאַרנע.

ניט געקוקט אָפן וועטער, בין איך גלײַך דעם ערשטן טאָג אַרויס אָף די ביראָבידזשאַנער גאַסן „דאָס שטעטעלע באַקוקן".

נאָך אין באַן האָב איך דערפילט, אַז ניט נאָר איך האָב סענטימענטן פאַר ביראָבידזשאַן. די אויסלענדישע טוריסטן, באַזונדערס די יוגנטלעכע, וועלכע זײַנען אַ ביסל פלינקער אָף די פיס, האָבן זיך ניט געפוילט אָף דער סטאַנציע אָבלוטשיע, וואָס געפינט זיך גאַנץ הויך און צו וועלכער עס פירן אַ היפּש ביסל טרעפּ, אַרופלויפן צו דעם וואָקזאַל־בינין, ווו עס איז מיט יידישע אויסיעס, באַנאַנד מיט די רוסישע, אָנגעשריבן דער נאָמען פון דער שטאָט. זיי האָבן פון פאַרשיידענע זײַטן אָפגיך אַראָפּגעכאַפּט אָף דער לענטע דעם דאָזיקן „עקזאָטישן" וואָקזאַל — דעם טויער פון דער ווייניק באַקאַנטער פאַר דער וועלט יידישער אויטאָנאָמער געגנט...

נען אַ מידער. אַזוי אַז אָף מאָרגן האָב איך שוין געמוזט איבערזיצן אין שטוב, אַפילו מיט אַ שטיקל טעמפּעראַטור.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ וואָרענונג אָף ווײַטער. ניט אַלץ מיטאַמאָל. ס'איז דיר ניט קיין שטעטעלע פונעם טכום־האַמוישעווו!

אינגיכן איז טאַקע געקומען דער צוגעזאָגטער „גאָלדענער הארבסט" מיט אַ זון „אָפן גאַנצן הימל". אין כאַבאַראָווסק איז ניט לאַנג צוריק דערשינען אַ כרעסטאָמאַטיע מיט דעם דאָזיקן שיינעם און טרעפלעכן נאָמען: „סאָלנצע וואָ ווסיאָ נעבאָ". די ווײַטמיזרעכדיקע זון איז בעעמעס אַן אויסטערלישע. אין אָט דעם קאַנט גייט זי אַרויס פון איר „פּוטערפאַס" און איז נאָך יונג, פריש און זאָרגלאָז־שפּילעוודיק. אָף „מײַרעוו" (דאָ קלינגט דאָס וואָרט „מײַרעוו" גאָר אַנדערש ווי באַ אונדז. אַלץ, וואָס איז ניט ווײַטמיזרעכדיק, הייסט שוין דאָ „מײַרעוו", אַפילו סיביר און אוראַל), — אָף „מײַרעוו" קומט די זון שוין אַ היפּש פאַרמאַטערטע און „אָפּגעדינטע", זי איז שוין אַ ביסל פאַרייכערט

אַ באַגעגעניש מיט י. סערעבריאַנין (דער צווייטער פון לינקס) אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן"

איז אָט, שוין אין ערשטן טאָג בין איך געווען אין היגן קאַנטקענטעניש־מוזיי, ווו איך האָב זיך דערוווסט, אַז די שטאָט ביראָבידזשאַן פאַרמאָגט 254 גאַסן און געסלעך. געווען בין איך אויך אין דער שאָלעם־אַליכעם־ביבליאָטעק, וואָס געפינט זיך בישכיינעס מיטן מוזיי. דערנאָך בין איך אַרויס אָפן שאָלעם־אַליכעם־פּראָספּעקט, ־געפּרוווט אים דורכגיין צופוס כאָטש, אָבער דאָס האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן, איך האָב געמוזט זיך אומקערן אַהיים מיטן אויטאָבוס, געקומען בין איך צו פרידמאַ־

פון דער „מײַרעוודיקער ציוויליזאַציע". אַזאַ מין זון, ווי דאָ הי, איז ווירקלעך אין ערגעץ ניטאָ. זי דערמאָנט אַ קינד, וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף.

די געשיכטע פון ביראָבידזשאַן שטייט פאַר אונדזערע אויגן, פאַרקרעפטערט אין האָלץ און שטיין. צוזאַמען מיט די פילצאָליקע נײַע, מילך־ווײַסע געבײַדעס און בוינגען זעט איר דאָ אַלטע, שוין פאַרשוואַרצטע, הילצערנע הײַזער, צווישן זיי אויך די גרויסע שטוב, ווו עס האָבן אַמאָל געלעבט די יידישע שרײַבער, זשורנאַליסטן און קולטור־טוער.

פאַר די טוישווים פון דער שטאָט איז עס

אַלץ לעבעדיקע געשיכטע, וואָס זיי אַליין האָבן געמאַכט מיט די אייגענע הענט. די דאָזיקע אַלטע, פאַרשוואַרצטע הילצערנע געבייַדעס האָבן אויך אַמאָל געוווּסט פון שטורמישע טעג, ווען זיי האָבן „געקערט וועלטן". מע האָט זיך מיט זיי געגרויסט, ווי מע גרויסט זיך איצט (און עפּשער נאָך מער) מיט די נייַע סיליקאַטנע מויערן.

ווי עס גייט איבער דער הויפּט־אַרכיטעקטאָר פון שטאָט אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש קריגער, בויט זיך איצט ביראָבידזשאַן לויט נייַע פּרינציפּן: ביז אַהער זייַנען די נייַע פּילשטאָקיקע הייַזער געוועז צעוואָרפן צווישן די שכיינעסדיקע אַלטע הייַזער, און דעריבער האָט עס ניט געבראַכט צום געהעריקן בויערישן עפעקט. איצט בויען זיך די נייַע מויערן קוואַרטאַלנווייַז, און זיי שאַפן מיקראָראַיאָנען.

די אַלטע הייַזער זעען איצט אויס פאַרעלנט — הייַנט־מאָרגן וועט מען זיי אַראָפּטראָגן. ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן דער פאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון געגנטאויספירקאָם יאָסיף באָקאָר, פּראָיעקטירט זיך איצט אַ ספּעציעל הויז פאַר וועטעראַנען פון דער געגנט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ גייט ניט דורך גלאַט. אין זייַנער אַ פאַרצייכענונג באַשרייַבט דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער ביראָבידזשאַנער פּראָזאַיקער סאַלוואַדאָר באָרזשעס, ווי־אַזוי דער שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי יאַקאָוו שמושמאַן זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ פון אַ נייַער דירע, פון אַ וווינונג מיט אַלע באַקוועמלעכקייַטן אינעם הויז, וואָס זייַן פאַבריק האָט ערשט אויסגעבויט. ער זאָגט זיך אָפּ, ווייַל ער קאָן זיך ניט שיידן מיטן סאָד, מיטן גאָרטן, מיט די בלומען בא דער שטוב...

דאָס איז ניט קיין איינצלנער פאַל. אַזוינס טרעפט מיט נאָך ביראָבידזשאַנער פּיאָנערן, וועלכע האָבן אַליין דורכגעלייגט אַ וועג אין דער טייַגע, געבויט און אויסגעבויט די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט.

אין העשל ראַבינקאָווס דערציילונג „נייַשטאָט" ווערן מיט אַ לייַכטער איראָניע געשילדערט טוישוווים „קאָנסערוואַטאָרן" — אייַנגעפונדעוועטע באַלעבאַטים, וואָס האַלטן, אַז עס איז אַ „קנאַפּע סימכע, וואָס די שטאָט רוקט זיך אָן", און „עקסטרעמיסטן", וועלכע שרייַען, אַז זיי ווילן אויך וווינען אין שטאָטישע דירעס מיט וואַנעס, גאַז, הייסער וואַסער...

מיר דוכט, אַז די „קאָנסערוואַטאָרן"־אַקשאָנים זייַנען דאָ ניט קיין סאַך. און סאָפּקאָלסאָף וועלן זיי זיך מוזן „אונטערגעבן" און אַריבערגיין אין די נייַע שטאָטישע מויערן.

אַגעוו, ביראָבידזשאַן פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט אין די פאַרמעסטונגען פון 232 שטעט פון סיביר און פונעם ווייַטן מיזרעך און טראָגט דעם נאָמען „די סאַמע וווּיל־אייַנגעאָרדנטע שטאָט". ביראָבידזשאַן האַלט אייַן שוין עטלעכע יאָר די איבערגאַנג־פאָן פונעם מיניסטעריום פאַר קאָמונאַלער ווירטשאַפט פון רספּסר.

ווען איך האָב זיך גענומען אָנפרעגן בא פרייַנט און באַקאַנטע: ווו איז אייַער טייַגע, פון וועלכער איך האָב זיך אַזויפיל אָנגעלייענט און אָנגעהערט, האָבן זיי זיך אַ ביסל ווי פאַרענטפערט און אָוועקגעפירט מיך אין דעם שטיקל „נאַטורעלער טייַגע", וואָס איז איצט דער „פּאַרק פון קולטור און אָפּרו".

— נו, — זאָג איך, — אויב דאָס רופט זיך בא אייַך טייַגע, איז אַ כידעש, וואָס מיר רופן אַזוי ניט די וועלדער הינטער מאָסקווע...

אָט וואָס פאַר אַ „טאַכלעס" מע האָט געמאַכט פון דער טייַגע! עס איז דאָך אַ כאַרפּע און אַ בושע. כ'בין געווען אין ביראָבידזשאַן און ניט געזען קיין טייַגע! פרייַנט האָבן מיר געייצעט, אַז אויב איך וויל אומבאַדינגט זיך באַקענען מיט דער טייַגע, זאָל איך נעמען אַ טאַקסי און אָפּפאָרן אַ 15—20 קילאָמעטער, דאַן קאָן מען זיך אָנשטויסן אָף דער עמעסער טייַגע. קיין ביקס דאַרף איך מיט זיך ניט נעמען — קיינע בערן און טיגרען, אַפילע אַ פּאָשעטע קאָזוליע וועל איך שוין דאָרט אַזוי גיך ניט באַגעגענען. פרעג איך אייַך: צו וואָס טויג מיר אַזאַ טייַגע? איך זע שוין, וואָס מע האָט דאָ שוין אָפּגעטאָן און וואָס מע קלייַבט זיך צו טאָן ווייַטער.

עס טרעפט אָפּט, ווען איך שפּאַציר מיט מייַנע פרייַנט, מיט נאָכעם פרידמאַנען אָדער מיט העשל ראַבינקאָוון, איבער די ביראָבידזשאַנער גאַסן און פּלעצער, שטעלן זיי זיך פּלוצעם אָפּ און גיבן אַ זאָג: „אָט דאָ איז גאָר ניט לאַנג צוריק געווען די עמעסע בלאָטע!"

איך גלייב יאָ און גלייב ניט. נאָר זיי וועלן דאָך ניט ריידן גלאַט אין דער וועלט אַרייַן!

בא הייַנטיקן טאָג איז ביראָבידזשאַן, דוכט מיר, דאָס טריקנסטע אָרט אין דער וועלט. בא אונדז אין דעם ייִשעוו פּערעדעלקינאָ, הינטער מאָסקווע, איז אַ סאַך מער בלאָטעס און זומפּן. אין דער צייַט פון די „פּוילע" וועטערן העלפט דאָ אַפילע ניט קיין אַספאַלט.

איך מוז גלייַך פון אָנהייב אָן זיך מוידע זייַן, אַז ניט איך האָב אַנטדעקט דאָס, וואָס איך וועל באַלד זאָגן, — ניט איך, נאָר דער טאַלאַנטפולער, העלדיש אומגעקומענער יונגער פּראָזאַיקער־הומאָריסט פון ווייַסרוסלאַנד עליע קאַהאַן. דאָס האָט ער אַנטדעקט אין איינער פון די ערשטע יונגע שטעט, אין מאַגניטאָגאָרסק, וואָס איז דאַן אַלט געווען בלויז 4 יאָר, אַז דאָרט זייַנען ניטאָ קיין קלויסטערס („אַ שטאָט אָן קלויסטערס"). ביראָבידזשאַן, ווי אַלע נייַע שטעט (קאָמסאָמאָלסק־אָפן־אַמור, דיוונאָגאָרסק און אַנדערע), האָט ניט קיין קלויסטערס און קיין סינאַגאָגעס, קיין מעטשעטן און ענלעכע רעליגיעזע טעמפּלען. מע באַגייט זיך אויסגעצייכנט אָן זיי. עס בויען זיך אין די דאָזיקע

שטעט קולטור־פּאַלאַצן, קלובן, טעאַטערן, קינאָ־זאַלן, ספּאָרט־סטאַדיאָנען, צירקן...

צווישן די אײַנוווינער זײַנען דאָ ניטאָ קיינע רעליגיעזע באַריערן (ווי זאָגט טעוויע: „מײַן גאָט — דײַן גאָט"...). אַלע געטער, און באַזונדערס זייערע מעשאָרסים, האָבן, ווי באַוווּסט, „דעם זעלבן איבלדיקן רייעך"... אַהער, אין די נײַע שטעט, לאָזט מען זיי לעכאַטכילע ניט אַרויף אַף דער שוועל.

אין ביראָבידזשאַן וווינען האַרעפּאַשנע ייִדן. פון יענע ייִדן, וועלכע אונדזערע קלאַסיקער האָבן גערופן — עמעסע אמכאַ. דוירעסדיקע האַרעפּאַשניקעס און איצטיקע מאָדערנע פּראָלעטאַריער־אוואַנגאַרדיסטן פון דער גרויס־אינדוסטריע. אויך די היגע אינטעלעקטואַלן — אינזשעניערן, דירעקטאָרן, וויסנשאַפטלער, זשורנאַליסטן, שרײַבער — שטאַמען פון די זעלבע האַרעפּאַשניקעס־פּיאָנערן.

דאָס זײַנען קינדער און קינדסקינדער פון די שטעטלדיקע און דאָרפישע פּאַשעטע ייִדן. דאָ זײַנען זיי געבוירן געוואָרן, דאָ איז געשטאַנען דאָס וויגעלע, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער עמעסער ייִכעס. איך באַגעגן זיי דאָ אומעטום, די קינדער פון העראָישע פּיאָנערן, וועלכע האָבן דורכגעלייגט אַ וועג אין דער טײַגע, אויסגעבויט אַ ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט, וואָס גייט אַרײַן ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער גרויסער מישפּאָכע פון סאָוועטישע רעפּובליקן, קאַנטן, געגנטן.

אַ ביראָבידזשאַנער „אינטעלעקטואַל" קאָן אויך איצט האַלטן אַ האַק און אַ זעג אין דער האַנט, און אויב מע דאַרף — אויך אַ ביקס. די ביראָבידזשאַנער זײַנען נאָענט צו דער נאַטור, קלײַבן זיך פּאַנאַנדער אין אירע רײַכטימער, קענען פּלאַנצן סעדער און בלומען, האָבן פּײַנט באַטלאָנים און ליידיקגייער, צעבאַלעוועטע פּוסטעפּאַסניקעס. דאָס איז אַ נײַער ייִדישער שייוועט — עכטע ייִדישע סיביריאַקעס און ווײַטמיזרעכניקעס, וועלכע שרעקן זיך ניט פאַר קיין שוועריקײַטן.

אין יעדן ביראָבידזשאַנער געזינד זײַנען פאַראַן דרײַ, פיר און פינף קינדער. האָבן אַ סאַך קינדער איז דאָ אַ „מאָדע". דאָ וווינען צעצווײַגטע און טיף־פאַרוואָרצלטע אין היגן באָדן ייִדישע און ניט־ייִדישע מישפּאָכעס, אָפט „געמישטע" — היגע מיט ניט־היגע, ייִדן מיט רוסן. דאָ האָט זיך שוין אויסגעבילדעט אַ געוויסער ביראָבידזשאַנער פּאַטריאָטיזם. באַ די יוגנטלעכע, וועלכע זײַנען צופעליק אָדער צײַטווײַליק, צוליב געוויסע אומשטענדן, אַרויסגעפאָרן פון ביראָבידזשאַן, — זיי לערנען זיך אין די נאָענטסטע גרעסערע צענטערן, אָדער אין די ווײַטערע סאָוועטישע רעפּובליקן, — באַ זיי איז שוין צו מערקן אַ געוויסע נאָסטאַלגיע נאָך ביראָבידזשאַן (העשל ראַבינקאָוו דערציילט וועגן דעם זייער שיין אין זײַן דערציילונג „מיליע"). און ס'איז קיין וווּנדער ניט: דאָ זײַנען באַ אייניקע פאַרבליבן עלטערן־פּיאָנערן, ברידער און שוועסטער, קרויווים און פרײַנט, באַ אַנדערע — אויך פרויען און קינדער, פאַרבליבן זײַנען אויך טײַערע קוואָרים און מאַצייוועס... ווו אַ ביראָבידזשאַנער זאָל זיך ניט געפינען — אַף סאַכאַלין און מאַגאַדאַן, נאַכאָדקע און קאַמטשאַטקע, אַף די יאַמען און אָקעאַנען, אין אַרמיי און אין פלאָט, — אומעטום פאַרגעסט ער ניט, אַז זײַן היים איז ביראָבידזשאַן. שוין אָפּגערעדט פון די נאָענטסטע שטעט, ווי כאַבאַראָווסק און וולאַדיוואָסטאָק, טשיטאַ און נאָוואָסיבירסק. פונדאַנען כאַפּט מען זיך אָפּט אַראָפּ צוגאַסט אַהיים.

פון ביראָבידזשאַן איז קיינער ניט אַוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל און אין אַנדערע לענדער — ניט געקוקט דערויף, וואָס אַ געוויסער טייל ביראָבידזשאַנער זײַנען געקומען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און זיי האָבן דאָרט איבערגעלאָזט קרויווים און פרײַנט. אייניקע פון די דאָזיקע ביראָבידזשאַנער זײַנען טאַקע געפאָרן אַהין צוגאַסט, ווי טוריסטן, דערין אויך אין ייִסראָעל, זיך געזען מיט זייערע קרויווים, געוווּען דאָרט אַפּילע אַ לענגערע צײַט. ווען עמעצער פון זיי וואָלט וועלן זיך אַריבערקלײַבן אין אַן אַנדער לאַנד, וואָלט ער עס געקענט לײַכט טאָן, ביפראַט אַז צווישן זיי זײַנען געווען עלטערע מענטשן. קיינער וואָלט זיי ניט געשטערט און אַפּילע ניט פאַריבל געהאַט אַף זיי. אָבער דאָס איז ניט געשען. אַלע האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין ביראָבידזשאַן, אַפּילע אַזעלכע, וועלכע האָבן דאָ ניט קיין געזינד און קיין קרויווים! דאָס הייסט ניט, אַז די היגע ייִדן אינטערעסירן זיך ניט מיט דער לאַגע אין ייִסראָעל. ווי אַלע סאָוועטישע מענטשן, ווילן זיי וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרט, אין דעם אומרויִקן ווינקל אַף דער ערד. אָבער דאָס איז ניט דערפאַר, ווײַל עמעצער קלײַבט זיך אַהין איבערפאָרן. ווי קאָן מען פאַרלאָזן אַ היים, וועלכע מע האָט געבויט מיט די אייגענע הענט און מע ווייסט שוין אַלע אירע „קאַפּריזן" — סײַ גוטע און סײַ אַפּילע ניט גאָר גוטע, אַ היים, ווו מע האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען?

איך בין ניט קיין אַרכיטעקטאָר. פון דער קולטור־געשיכטע ווייס איך, אַז גאָר אַמאָל האָבן די אוראַלטע מענטשן געבויט זייערע הײַזער און געצעלטן אַף סווײַעס, קעדיי זיך צו באַשיצן פון ווילדע כײַעס, פון פײַנטקײַט און צוליב נאָך אַנדערע סיבעס. ערגעץ אין אַפריקע בויט מען נאָך איצט אויך אַזוינע געבײַדעס. דאָ, זאָגט מען, ווערט עס געטאָן צוליבן אייגנאַרטיקן ביראָבידזשאַנער באָדן. דאָס באַפרײַט די בויער פון אַ סאַך שוועריקײַטן און פון איבעריקער אַרבעט. מע דאַרף ניט בויען קיין ספּעציעלע קאָטלאָוואַנען און אַנדערע

אײַנריכטונגען פארן פונדאמענט. איך ווייס ניט, צי איך גיב דאָ איבער פינקטלעך די אלטנײַע ארגומענטן פארן דאָזיקן וואריִאנט. די נײַע מעטאָדן אין דער היגער ארכיטעקטור האָבן, מיסטאמע, א געוויסן בירֹאָבידזשאנער „גרונט". דער עקסקורס אין דער ווײַטער פארגאנגענהײַט האָט געבראכט נוצן דער קעגנוווארט און דער צוקונפט.

דער באשריבענער בויונגס־מעטאָד האָט נאָך פאר מיר א סימבאָלישע באדײַטונג: דאָס שמעקט מיט ברײשיס, מיטן אָנהייב פון דער מענטשלעכער קולטור, וואָס האָט באקומען א טיקן און א העמשעך אין אונדזער נײַער צײַט.

וועגן אייניקע אלטע טראדיציעס אין בירֹאָבידזשאן האָבן געשריבן דער אויבן דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענט פון „דיילי וואָרלד" מאיק דייווידאָוו און דער קאָרעספּאָנדענט פון טאסס אין כאבאראָווסק פּאוועל ריאבאָוו, באזונדערס וועגן דער קונסט פון גרייטן ייִדישע נאציִאָנאלע מײַכאָלים אינעם רעסטאָראן פון דעם נײַעם האָטעל „וואָסטאָק" (דער דירעקטאָר איז דאָ ארן באָבראָווסקי, אן אימיגראנט פון בוענאָס־אײַרעס).

איך בין געווען צוגאסט בא אייניקע היגע טוישווים, און איך קאָן באשטעטיקן, אז וואָס שײַעך ייִדישע מײַכאָלים, לעבן דאָ נאָך א סאך „אלטע" טראדיציעס. עמעס, דאָס זײַנען שוין היפּש „אסימילירטע" נאציִאָנאלע געריכטן. פאר קאשרעס גאראנטירן קען מען ניט, נאָר דער טאם איז, ווי געווען. א שאָד, וואָס אין אונדזער עלטער איז עס אלץ פארבונדן מיט גרויסע „געפארן". כאָטש אזוינע געפערלעכע מײַכאָלים, ווי טשאָלנט און קוגל, זײַנען הײַנט ארויס פון דער מאָדע, אפּאָנעם, צוליב דעם, וואָס קיין „רוסישע אויוונס" זײַנען שוין קימאט ניט געבליבן, און אָן דער דאָזיקער „פּאבריקע", אף וויפל איך ווייס, איז אומעגלעך צוגרייטן די דאָזיקע געריכטן.

אין בירֹאָבידזשאן בין איך געווען אין די טעג פון ראָשעשאָנע, האָבן זיך טאקע באוויזן אפן טיש קאווענעס, דיניעס, ווײַנטרויבן און פארשיידענע ווײַנען. לאָזט זיך אויס, אז אין בירֹאָבידזשאן זײַנען די דאָזיקע דאָרעמדיקע מײַכאָלים ניט קיין נאָווינע: מע ברענגט דאָס אלץ לעראָוו סײַ פון די ווײַטע דאָרעמדיקע געגנטן, סײַ פון דער ייִדישער געגנט גופע. עס לעבן נאָך אייניקע סעלעקציִאָנערן־פּיִאָנערן, וועלכע האָבן דאָ „אקלימאטיזירט" די „ציטעריקע" פרוכטן און געוויקסן. וואָס איז שײַעך ייִדישע מײַכאָלים, האָב איך שוין לאנג ניט פארזוכט אזוינס. ייִדישע מאמעס קאָנסולטירן זייערע ניט־ייִדישע שכיינעס און קרויווים, זייערע רוסישע שניר.

אפילע אין כאבאראָווסקער גרעסטן רעסטאָראן, ווו איך האָב אף צוריקוועגס געגעסן א מיטיק צוזאמען מיט מײַנע דאָרטיקע פרײַנט און באקאנטע, האָט מען אונדז דערלאנגט א געבראָטנס „פּאָ־בירֹאָבידזשאנסקי".

מוישע כאשטשעוואצקי, אין זײַן פארצייכענונג „א רײַזע קיין בירֹאָבידזשאן", שילדערט די ליידן פונעם יונגן בירֹאָבידזשאנער שפּראכקענער, כאווער שנײַדער, צו וועלכן מע קומט פונעם היגן ייִדישן רעסטאָראן מיט אן אָנפראגע וועגן שאפן אף ייִדיש די נייטיקע מעניו: „וואָרפנדיק דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, רוקט שנײַדער צו צו זיך דאָס פּאפּירל און אף דעם טאקע נעמט ער גלײַך שרײַבן קעגן די רוסישע ווערטער — ייִדישע: סופּ — א סופּ, באָרשטש — א באָרשטש, בוליאָן — א יויך, אן עסיק־פלייש, ראָסלפלייש... נאָר באם וואָרט „פעלמעני" שטעלט ער זיך אָפּ אף א רעגע. ער קאָן ניט באשליסן, וואָס איז עס אזוינס: צי קניידלעך, צי קרעפּלעך, צי קנישעס, צי וואָרנעטשקעס, צי וערטוטן, וואָרעניקעס, צי גאָר עפּעס אנדערש. סאָפקאָלסאָף טוט ער א מאך מיט דער האנט — ווייס איך וואָס, נאָך גיין טראכטן, און שרײַבט אנטשלאָסן אָן: „פעלמעניעס"! און זאָגט צום שאָליעך פון רעסטאָראן: „און מער זאָלט איר מיר ניט דולן דערמיט דעם קאָפּ..."

אייניקע טראדיציעס זײַנען דאָ אינגאנצן אָפּגעפאלן. קיין טאנייסים, לעמאָשל, פאסט מען ניט. פּאָשעט דערפאר, ווײַל די בירֹאָבידזשאנער ייִדן האָבן ניט קיין שום זינד און זיי דארפן זיך אין גאָרנישט ניט מיסוואדע זײַן, בעטן מעכילע. זיי פארדינען ערלעך זייער ברויט.

(דאָס האָט מיר אויך באשטעטיקט דער פאָרזיצער פונעם בירֹאָבידזשאנער געגנטלעכן פאָלקס־געריכט, לעוו פיליפּאָוו, און די פאָרזיצערן פונעם שטאָטישן געריכט, פאיִנא טארגאָנסקאיא, מיט וועמען איך האָב געהאט א שמועס באם פאָרזיצער אין קאבינעט. לעוו פיאָדאָראָוויטש האָט פאר מיר זיך קימאט ווי באַרימט, אז צווישן די בירֹאָבידזשאנצעס זײַנען קימאט ניטאָ קיין געזעצברעכער. דער אוילעם איז דאָ גוט דערצויגן, די ייִדן ארבעטן אין אלע געביטן מוסטערהאפט — אויך אין זײַן סיסטעם, אין יורידישן געביט. דארף מען שוין בעסערע באווײַזן?..).

צווישן די היגע ייִדישע טוישווים גייען נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ארום אייניקע טראדיציִאָנעלע וויצן, אנעקדאָטן, מײַסעס, וועלכע זיי האָבן נאָך געבראכט פון דער „אלטער היים". אזעלכע פאָלקס־שאפונגען זײַנען שוין מיסטאמע אינגאנצן אומפארשטענדלעך פאר די ייִנגערע דוירעס. אָט, לעמאָשל, דערציילט מיר נאָכעם פרידמאן אזא „מײַסע שעהאָיאָ":

עס גייט אן עלטערע ייִדענע און רעדט צו זיך אליין:

— אוי, א כורבן איז מיר, א כורבן איז מיר!

אזוי כאזערט זי איבער די ווערטער עטלעכע מאָל.

מיטאמאָל דערפילט זי, אז עמעצער גייט איר נאָך. מע קאָן נאָך מיינען, אז זי איז, כאָלילע, ניט בא די געדאנקען. זי טוט א קוק, ערשט עס גייט איר נאָך עפּעס א יונגערמאן. גיט זי אים אף טשיקאוועס א פרעג:

— יונגערמאַן! שוין לאַנג, אַז איר גייט מיר נאָך?

— יאָ, זאָגט ער, נאָך פונעם ערשטן כורבן...

איך בין זיכער, אַז מע קאָן דאָ געפינען אַ היפש ביסל עמעסע פערל פון דער אַלטער ייִדישער פאָלקס־שאַפונג.

גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז איך בין בײַגעוועזן אַף דער געגנטלעכער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג, וואָס האָט זיך געעפנט אין שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ צום אַלפאַרבאַנדישן טאָג פון די טוער פון דער לאַנדווירטשאַפט. זיך דאָרט באַקענט מיט קאָלערליי היגע לאַנדווירטשאַפטלעכע קולטורן. באַזונדערס וואַרפט זיך אין די אויגן די פולווערטיקע סאָיע־קולטור, אַרום וועלכער עס מיִען זיך טויזנטער ערדאַרבעטער — באַוווּסטע מײַסטערס, מעכאַניזאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער לאַנדווירטשאַפט. צווישן זיי זײַנען פאַראַן פיל ייִדן.

די ערדאַרבעטער פון דער געגנט האָבן האַיאָר באַקומען די העכסטע גערעטעניש פון טוווּע פאַר אַלע יאָרן, זיי האָבן פאַרקויפט דער מעלוכע מער ברויט, ווי מע האָט אָנגעמערקט לויטן פּלאַן. אַזוי אויך מיט אַנדערע קולטורן: קאַרטאָפל, קוקורוזע, גרינס...

אין די אַלע פראַגן בין איך, עמעס, ניט שטאַרק באַהאַוונט. אַף דעם זײַנען אין ביראָבידזשאַן פאַראַן ספּעציִאַליסטן. די היגע זשורנאַליסטן, וועלכע זײַנען גוט באַקאַנט מיט דער לאַנדווירטשאַפט און מיט אירע מענטשן, באַלויכטן סיסטעמאַטיש אין דער געגנטלעכער און קאַנטישער פּרעסע די ספּעציפישע אײַניאָנים, ווי מע זאָגט — מיט ציפערן אין די הענט. איך פון מײַן זײַט וויל בלויז אָפמערקן דעם גרויסן אינטערעס, וואָס אַזוינע אויסשטעלונגען רופן אַרויס בײַ דער אָרטיקער באַפעלקערונג: מע קומט אַהער, ווי אַף אַן עמעסן יאָמטעוו — סײַ עלטערע מענטשן, סײַ שילער פון די שולן, סײַ, נאַטירלעך, גופע די אָנטיילנעמער פון דער אויסשטעלונג.

איך האָב זיך באַקאַנט מיטן אַגראָנאָם איסאַק זאַקאָן, וועלכער ווייסט גוט די באַזונדערקייטן פון דער היגער לאַנדווירטשאַפט.

געקומען איז ער אַהער אין 1934, נאָכן ענדיקן דעם כאַרקאָווער לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט. ער געדענקט נאָך גוט די וויסנשאַפטלער, וועלכע האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט אים אַף דעם אַזויגערופענעם „פּרווו־פעלד“ — דעם פּראָפעסאָר ברוק, וואָס לעבט נאָך איצט אין כאַבאַראָווסק, דעם סעלעקציאָנער גיטליץ, וועמען ברוק האָט באַצייכנט ווי דעם „היגן מיטשורינעץ“, דעם ערשטן פּאָרזיצער פונעם קאָלווירט אין וואַלדהיים פעלדהענדלער, און אַנד. ער אַליין, איסאַק זאַקאָן, אַרבעט שוין 40 יאָר אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. געבוירן אין 1906, האָט ער געענדיקט אַן אוקראַיִנישע זיבנײָאָריקע מיטלשול אין דעם דאָרף ווערבאָלאָזי פון טשערניגאָווער ראַיאָן, און טאַקע פונעם אוקראַיִנישן דאָרף שטאַמט זײַן ליבע צו דער ערד. ער האָט אַ פרוי און דרײַ קינדער: צוויי זין און אַ טאָכטער. דער עלטערער וווינט אין כאַבאַראָווסק, ער איז שעף פון אַ צעך. דער ייִנגערער אַרבעט אַפן ביראָבידזשאַנער זאַוואָד „דאַלסעלמאַש“ אַלס מײַסטער. די טאָכטער האָט פאַרענדיקט אַ פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט פאַר פאָרשול־בילדונג, און איצט איז זי אַ מעטאָדיסט אין דער געגנטלעכער פּעדשול.

פאַר דער דערעפענונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג בין איך געווען אַף אַ באַזוך אין וואַלדהיים, געוואָלט אַ שמועס טאָן מיטן באַרימטן פּאָרזיצער פונעם קאָלווירט „לעֶנינס געבאָטן“, מיט וולאַדימיר פּעלערן. צוזאַמען מיט מיר איז אויך געקומען אַהער דער פאַרוואַלטער פונעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אָפּטייל פון דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן“ שמועל קערדמאַן.

דערזען אַ באַקאַנטן מענטשן פון רעדאַקציע מיט עפעס אַן אומבאַקאַנטן, האָט פּעלער זיך אַ קער געטאָן צו אונדז, געגעבן די האַנט און אַ פרעג געטאָן, צוליב וואָס מיר זײַנען געקומען. קערדמאַן האָט מיך פאָרגעשטעלט. איך האָב דערקלערט, אַז איך האָב וועגן אים, פּעלערן, אַ סך געלייענט און געהערט און וועל זיך סטאַרען אים לאַנג ניט פאַרהאַלטן. איך בין געקומען דעריקער אַ קוק טאָן אַף אים. אויב עס וועט זײַן מעגלעך, אויך זיך דורכשמועסן.

פּעלער האָט אונדז אײַנגעלאַדן צו זיך אין קאַבינעט, געבעטן עטוואָס צוּוואַרטן, ווײַל ער דאַרף זיך באַראַטן מיט זײַנע כאַווײרים.

בלויז דאָס, וואָס איך בין בײַגעוועזן אַף דער דאָזיקער זאַכלעכער באַראַטונג פון די קאָלווירט־אָנפירער — בריגאַדירן, אַגראָנאָמען, טראַקטאָריסטן — און אויסגעהערט זייערע אײַליקע געשפּרעכן, טײַנעס און פראַגן, האָט שוין מיר עפעס וואָס דערציילט וועגן דעם גאַנג און ריטם פונעם אייגנאַרטיקן קאָלווירטישן לעבן. דער אוילעם איז געווען אַן אינטערנאַציִאָנאַלער. אויבנאָן, בײַם טיש איז געזעסן דער פּאָרזיצער, אַ מאַסיווער, ברייטפּלייציקער, אין אַ צעשפּיליעט וואַרעם רעקל. די הענט — גרויסע און פעסטע — אוועקגעלייגט אַפן טיש, אויסערלעך איז ער אײַנגאַנצן אַ רויִקער, רעדט שטיל, מיט קאַרגע זשעסטן, דער קאָפּ שוין אַ גראָוולעכער, די אויגן גרויע, אַ ביסל אַרויסטאַרטשענדיקע, מידע... ער הערט אַלעמען אויס, פרעגט זיך פּאַנאַנדער, דערבײַ רייכערט ער אַ סיגאַרעט נאָך אַ סיגאַרעט.

דער אוילעם פילט זיך פרײַ: מע רייכערט, מע שפּאַנט אַרום, ווער עס רעדט זיצנדיק און ווער עס הייבט זיך אויף האַסטיק בײַסן ריידן, ווער עס רעדט שטילער, און ווער עס הייבט גלײַך אָן אַף אַ העכערער אָקטאַווע. בלויז פּעלער בײַט קימאַט ניט די שטים.

ווען אַלע פראַגן זײַנען שוין געלייזט געוואָרן און דער אוילעם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, ווענדט זיך צו מיר פּעלער:

— פונוואָנען זאָגט איר?

איך בין אַליין פֿון ווײַסרוסלאַנד, און צו זײַן אוקראַיִנישן ייִדישן דיִאַלעקט בין איך ניט געוווינט. דאָך האָב איך זיך באַלד געכאַפּט, אַז דער פּאַריזיצער רעדט אויף אַ ריינעם ייִדיש, ער שטאַמט געוויס פֿון יענע מעקוימעס, ווו מע זאָגט „טאַטע”, „מאַמע”... און דאָס האָט ער טאַקע גלײַך באַשטעטיקט: ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף לעבן וויניצע, אין אַ מישפּאָכע פֿון שמידן. זײַן גאַנצע ווײַטערדיקע ביאָגראַפֿיע איז מיט עפּעס ענלעך אויף זײַן אויסערלעכן גיבערישן אויסזען. הויך, ברייט און רויִק זײַנען זײַנע זשעסטן און באַוועגונגען.

ס׳איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ סאַך באַקוועמער און לײַכטער צו ריידן מיט אַן אַרבעטער אָדער מיט אַ קאָלווירטניק, ווען דו ביסט באַהאַוונט אין זײַן אַרבעט.

מיט פֿעלערן האָבן מיר געשמועסט וועגן די אַמאָליקע „טרודאָדני” אין די קאָלווירטן. איך האָב אַמאָל געאַרבעט אין אַ קאָלווירטישער קוזניע און ניט געקענט דערגיין קיין טאָלק אין די „טרודאָדני” — וויפֿל איך האָב פֿאַרן פֿריילינג און זומער פֿאַרדינט. מיר האָבן געשמועסט וועגן דער אַמאָליקער און איצטיקער לאַגע מיט די רעזערוו־טיילן צו די טראַקטאָרן און קאָמבײַנען. דאַן זײַנען די מאַשינעס געווען דאָס אייגנטום פֿון די מאַשין־טראַקטאָרישע סטאַנציעס, און איצט, ווי באַוווּסט, געהערן זיי צום קאָלווירט גופֿע.

פֿעלער האָט אויף זײַן שטייגער רויִק און אויסשעפּלעך דערציילט, אַז מיט רעזערוו־טיילן זײַנען איצט די קאָלווירטן פֿולשטענדיק באַזאָרגט. וואָס שײַעך די קאָלווירטניקעס, פֿאַרדינען זיי זייער גוט. מע באַקומט צו דער צײַט דעם געהאַלט, אומאָפּהענגיק פֿון דער קאַפּריזער גערעטעניש. איר קענט אַ קוק טאָן, וויִאַזוי מענטשן לעבן איצט, וואָס פֿאַראַ הײַזער און סעדער זיי פֿאַרמאָגן, איר קאָנט זיך אַרײַנכאַפּן אין זייערע קלובן, אין די קינאָ־טעאַטערן, אויף די סטאַדיִאָנען. די קאָלווירטניקעס טוען זיך אָן ניט ערגער פֿון די שטאָטישע מענטשן, און זייערע קולטורעלע באַדערפֿענישן האַלטן אין איין וואַקסן.

אומגעריכט האָט פֿעלער מיך אַ פֿרעג געטאָן, אורטיילנדיק, אַפּאָנעם, לויט מײַן פֿאַמיליע, צי שטאַם איך ניט פֿון די אַמאָליקע נעגידים?

פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אונדזערע איצטיקע אומשטענדן, נאָך עטלעכע און פֿופֿציק יאָר סאָוועטנמאַכט, איז נאַיִוו צו באַרימען זיך מיטן פּראָלעטאַרישן ייִכעס. אויב עמעצער קומט אַפֿילע אַרויס פֿון אַן אַמאָליקן קרעמער אָדער סוחר, פֿון אַ ראָוו אָדער גאַלעך, שפּילט עס שוין קיין ראָליע ניט. די סאָוועטישע מענטשן האָבן זיך פֿון לאַנג „איבערגעקאָכט” אין פּראָלעטאַרישן, סאָוועטישן „קעסל”, ווי מע זאָגט. אַזוי, אַז איבעריקס גרויסן זיך מיטן פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם איז שוין ניט שײַעך. אָבער אַז מע פֿאַרגיט אַזאַ פֿראַגע, איז, פֿונדעסטוועגן, פֿאַר אַ „נאַש בראַט” לײַכטער צו ענטפֿערן. דעריבער, ווען פֿעלער האָט בײַ מיר אַ פֿרעג געטאָן וועגן מײַן סאָציִאַלער אָפּשטאַמונג, האָב איך אים געענטפֿערט, אַז איך שטאַם גראַדע פֿון באַלמעלאָכעס, אָדער, ווי מע פֿלעגט זיי אויך אַמאָל רופֿן, קאַפּצאָנים. מײַן ייִכעס גייט פֿון אַ „ניקאָלײַעווער סאָלדאַט”, וועלכער האָט זיך ניט באַנוצט מיט זײַנע רעכט אויף „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ” אין די פֿאַרבאָטענע פֿאַר ייִדן גובערניעס. ער איז געקומען, נאָך זײַן 25־יאָריקער געטרײַער „סלוזשבע”, צוריק צו זיך, אין זײַן ווײַסרוסיש שטעטעלע קאַלינקאָוויטש, פֿונוואַנען די „לאָווטשעס” האָבן אים אַרויסגעשלעפּט, אַן אַכטיאָריק ייִנגל, בעת ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ שטאַל. און געשטאָרבן איז ער אויפֿן 83־טן יאָר, קימאַט פֿון הונגער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט שוין פֿאַרמאַגט אַן אייגענע כאַטע און אַ גאָרטן, וועלכע ער אַליין האָט געבויט און געפֿלאַנצט.

איך האָב אויך דערציילט, אַז איך אַליין בין אַ פּראָלעטאַריער, אַ געוועזענער ייִדישער זעצער מיט אַ צוואַנציקיאָריקן סטאַזש...

בײַ דער געבײַדע פֿון קאָנטאָר האָב איך באַמערקט עפּעס אַ ריי צי גלאַט אַזוי אַן אוילעם פֿון יוגנטלעכע. מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס איז עס פֿאַר אַ פֿריילעך געזעמל. פֿעלער האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס זײַנען שילער פֿון דער היגער שול, וועלכע פֿאָרן העלפֿן אַראָפּנעמען די גערעטעניש אין אַ נאָענטן סאָווכאָז.

וולאַדימיר איזראַיִלעוויטש האָט מיך אַוועקגעפֿירט ניט ווײַט פֿון דער קאָנטאָר און געוויזן די נײַע גערעמע שטאַלן פֿאַר די קאָלווירטישע בעהיימעס און אָקסן. דאָ זײַנען אײַנגעאָרדנט ספּעציִעלע אָפּטיילן פֿאַר געווינערנס, פֿאַר יונגע קעלבלעך, אַ גרויסער הויף־פּלאַץ פֿאַר „פּראָגולקעס” פֿונעם פֿי. אַלץ איז געמאַכט אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכן אופֿן, לויט די לעצטע דערגרייכונגען פֿון דער פֿיציכטלערישער וויסנשאַפֿט.

מיך האָט אַ ביסל שאָקירט, וואָס די בעהיימעס ליגן אויף אַ צעמענטענער פּאָדלאָגע. אַמאָל פֿלעגן די קי אומעטום ליגן אויף אונטערגעבעטער שטרוי.

אויף דער דאָזיקער נאַיִווער פֿראַגע מײַנער האָט פֿעלער מיט אַ שמייכל מיר געענטפֿערט, אַז איך זאָל זיך גאָר ניט זאָרגן. די בעהיימעס פֿילן זיך אויסגעצייכנט אויף אַזאַ מין גלאַטן אונטערבעט, אָן די שטרויענע, פֿײַכטע „פּערענעס”, אין אַ וואַרעמער, ליכטיקער און טרוקענער שטאַל.

וולאַדימיר איזראַיִלעוויטש האָט מיר דערציילט אויך אייניקע פֿראַטים וועגן זײַן פּערזענלעכן לעבן, וועגן זײַן אַרבעט. ער האָט אַ סאַך איבערגעלעבט און איבערגעליטן. מע דאַרף ניט מיינַען, אַז אַלץ איז אָנגעקומען גלאַט און לײַכט. עס זײַנען געווען אויך גרויסע שוועריקײַטן, ניסיוינעס. שוין אָפּגערעדט פֿון דער מילכאָמע־צײַט, נאָר אויך נאָך דער מילכאָמע, דאָ, אין בירָאָבידזשאַן גופֿע.

איצט איז ער פעסט פארוואָרצלט. זײַן פארצווײַגטע מישפּאָכע — קינדער און אייניקלעך — געפינען זיך דאָ אלע ארום אים, ארבעטן און לערנען זיך. פעלער רעדט גוט ייִדיש. ער האָט נאָך באוויזן צו לערנען אין טראדיציאָנעלן כיידער, געענדיקט א זיבניאָריקע ייִדישע שול. ער איז א געטרײַער לייענער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, באזוכט גערן דעם ייִדישן טעאטער. וולאדימיר פעלער פארמאָגט א סאך מעלוכע־באלוינונגען, ער איז א העלד פון סאָציאליסטישער מי, דעפּוטאט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסםר. לויטן עלטער איז ער שוין א פענסיאָנער. דאָך זעצט ער פאָר זײַן אָנגעשטרענגטע פרוכטבארע ארבעט אין פיל געביטן, און באזונדערס אין זײַן בארימטן וואלדהיימער קאָלווירט.

אין איינעם א טאָג האָב איך ארײַנגעקוקט אין געגנטלעכן פאָלקס־געריכט, געוואָלט בײַזײַן אף זײַנע זיצונגען, אָבער גראָד אין יענער צײַט זײַנען קיין „אינטערעסאנטע פּראָצעסן“ דאָרט ניט געווען. דער פאָרזיצער פונעם געריכט לעוו פיאָדאָראָוויטש פיליפּאָוו, וועגן וועלכן איך האָב שוין פארבײַגייענדיק דערמאָנט, האָט מיך אײַנגעלאדן צו זיך אף א שמועס. ער האָט עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן, אז די אָרטיקע באפעלקערונג פירט זיך אויף גוט, מע לעבט פרידלעך, מיט סייכל און פארשטאנד.

איך האָב אים אָבער אראָפּגעשלאָגן פון די פאנטעליגעס:

— איך בין דורכגעגאנגען פארבײַ דעם ראָג, — האָב איך דערווידערט, — דאָרט, ווו עס הענגט דאָס צעטל פון די היגע שטאָט־שיקורים, איז ניט צום פארזינדיקן...

— יאָ, — שלאָגט ער מיך איבער מיט א געלעכטער, — איר דארפט זיך ניט וווּנדערן. לעמײַ זאָל איך ליגן זאָגן, עס טרעפט... זעלטן, אָבער עס טרעפט...

ווײַטער האָב איך בא אים געפרעגט: וואָס איז די מײַסע, וואָס דאָ זעט מען גאנץ ווייניק פון די צעכראסטעטע יונגעלײַט מיט די פּאטלעס, באָרד און פייעס? אף דעם האָט ער מיר געענטפערט, אז מע קוקט אף אזעלכע לײַט קרומלעך. עס זײַנען אפילע געווען פאלן (כאָטש מע האָט עס גלײַך פאריכט), אז די סאניטארע אינספּעקציעס האָבן געפּרוווט אופווירקן אף עטלעכע „פאטלאטע“ מיט דער הילף פון א געזעלשאפטלעכן אויסרייד.

איינער א היגער פאבריקמאכער האָט מיר געזאָגט, אז אויך ער האָט א כיילעק אין דעם, וואָס די שילער פון די עלטערע קלאסן זײַנען אקוראט געשוירן. ער רעקאָמענדירט זיי, וויאזוי זיך צו שערן, אז די פריזור זאָל זײַן צוגעפּאסט צו זייער אויסזען און צום אָנטאָן.

קימאט אלע ביראָבידזשאנער — אָנהייבנדיק פון די טוישווים און ביז די יונגע — האָבן אן אינטערעסאנטע און ראָמאנטישע ביאָגראפיע, וואָס איז פארבונדן מיט דער אייגנארטיקער געשיכטע פון דער געגנט. צענדליקער, הונדערטער פארצייכענונגען און רעפּאָרטאזשן זײַנען אָנגעשריבן און פארעפנטלעכט געוואָרן אין דער געגנטלעכער און קאנטישער פּרעסע וועגן די ביראָבידזשאנער ארבעטער און קאָלווירטניקעס, וועגן דער היגער אינטעליגענץ.

אף א באגעגעניש מיט די מיטארבעטער פון דער רעדאקציע „ביראָבידזשאנער שטערן“ האָב איך דערציילט וועגן אייניקע אײַנדרוקן פון ביראָבידזשאן, וועגן מײַנע באגעגענישן מיט אינטערעסאנטע מענטשן. אין די אנטיסאָוועטישע צײַטונגען פון אויסלאנד פארשפּרייט מען קלאנגען, אז א גרויסער פּראָצענט איבערוואנדערער, וועלכע זײַנען געקומען נאָך דער מילכאָמע, האָבן פארקערעוועט אף צוריק. איך האָב זיך אָבער איבערצײַגט, אז דאָס איז ניט ריכטיק. פארשטייט זיך, אז פונקט ווי צווישן די ערשטע איבערוואנדערער, אזוי אויך צווישן די נײַע זײַנען געווען אייניקע, וואָס האָבן ניט אויסגעהאלטן דעם „עקזאמען“ און זײַנען טאקע אוועקגעפאָרן — אָדער צוריק אין די אלטע ערטער, אָדער אין אנדערע שטעט פונעם ווײַטן מיזרעך. געבליבן אָבער איז דער געזונטער עלעמענט, די ארבעטער, קאָלווירטניקעס, טעכנישע אינטעליגענץ. מיט אייניקע פון זיי האָב איך זיך פערזענלעך באגעגנט אף די פאבריקן און זאוואָדן און אויך אין היימישע אומשטענדן.

וועגן לעאָניד קליינערן האָט סאלוואדאָר באָרזשעס געשריבן אין זײַנער א פארצייכענונג, אז ער איז „א מענטש, וואָס רוט ניט“. די דאָזיקע כאראקטעריסטיק איז פאר קליינערן אָנגעמאָסטן. שוין דאָס צוועלפטע יאָר איז ער דעפּוטאט פונעם ביראָבידזשאנער שטאָט־סאָוועט, מיטגליד פון דער פארטיי־ביוראָ פון קאָמבינאט. אין שטאָט־סאָוועט איז ער טעטיק אין דער שטייגער־קאָמיסיע. ניט פון די לײַכטע קאָמיסיעס...

לעאָניד קליינער איז ניט קיין ביידעווודיקער, ווי דאָסראָוו היגע ייִדן, לעהייפּעך צו דעם אמאָליקן לופט־מענטש, וואָס פלעגט אײַך גלײַך פארשיטן מיט נײַן מאָס רייד. אין דעם זין זײַנען די היגע ייִדן גיכער ענלעך צו זייערע שכיינים — די סיביריאקעס. זיי רעדן מיט קארגע זשעסטן, ווי דאָסראָוו האָרעפּאשניקעס, וואָס פּאטערן ניט אומזיסט קיין צײַט.

קליינער איז געבוירן געוואָרן אין 1921, און געקומען איז ער אהער פון ניקאָלײַעוו מיט אן עשעלאָן איבערוואנדערער. אין ניקאָלײַעוו איז ער געווען א שלאָסער אף א שיפּבוי־זאוואָד. געענדיקט 8 קלאסן, אויך א פאבריק־זאוואָדישע שול. אָנהייבנדיק פונעם 1941 יאָר און ביזן סאָף פון דער מילכאָמע איז ער געווען אפן פראָנט — א רויטפלאָטלער־דעסאנטניק, צוויי מאָל פארוווּנדעט. אָנטיילגענומען אין די שלאכט־אָפּעראציעס ארום קערטש, פעאָדאָסיע, אף דער „קליינער ערד“ אונטער נאָוואָראָסיסק. ער האָט באקומען א ספּעציעלע

שלאכט־כאראקטעריסטיק פאר ראטעווען א קאָמאנדיר. דעם טאָג פון ניצאָכן איבערן דײַטשישן פאשיזם האָט לעאָניד קליינער באגעגנט אין פוילן.

דאָרט, ווו ער ארבעט איצט, אין פאניער־צעך פונעם קאָמבינאט, האָט מען אים ליב און מע שעצט אים פאר זײַן מוסטערהאפטער ארבעט, פאר די ראציאָנאליזאטאָרישע פאָרשלאָגן, פאר דער געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט זײַנער.

אויסער אלץ, איז קליינער פאָשעט א גוטער מענטש, א גוטער שאָכן און א פרײַנט. ער האָט גלאט אזוי ליב צו העלפן א מענטשן. מע דערציילט, אז מיט זײַנע אייגענע הענט האָט ער אין דער היים געמאכט אלץ, וואָס איז נייטיק אין דער באלעבאטישקײַט. קוים באמערקט ער, אז בא זײַנע פרײַנט איז עפּעס ניט אזוי, פארקאטשעט ער די ארבל און נעמט זיך מײַסטערעווען.

אומדערווארט איז פאר מיר געווען די ביאָגראפיע פון קליינערס פרוי סימע. דאָס איז א בלאָנד, כיינעוודיק ווײַבל. ניט קיין הויכע. איצט ארבעט זי אלס עלטערער בוכהאלטער.

לאָזט זיך אויס, אז זי איז אויך ניט קיין „פראָמאך״: זי איז אן אקטיווע אָנטיילנעמערן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. איר מיליטערישע ספּעציאליטעט — צונויפלייגן פאראשוטן. אליין איז זי אויך ניט איין מאָל „געשפרונגען״. איר מיליטערישע שול איז זי דורכגעגאנגען אין פּאָדאָלסק, הינטער מאָסקווע, אף ספּעציעלע קורסן, לויט א פּוטיאָווקע פונעם קאָמסאָמאָל, אין 1941. געארבעט אף א זאוואָד אין סטאלינגראד. די עלטערן זײַנען בא איר אומגעקומען. פון אפּרעל 1942 ביז יול 1945 האָט זי געדינט אין 651־טן אוויא־פּאָלק. אין לעצטן מילכאָמע־יאָר האָט זי געארבעט אלס פאראשוטן־אינסטרוקטאָר. געלערנט האָט זיך סימע מיכײַלאָוונע אין א יידישער שול, זי לייענט גערן די יידישע ליטעראטור, דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״.

די קליינערס האָבן צוויי קינדער. די טאָכטער אידע לערנט זיך הינטער־אויגיק אין אינסטיטוט פאר קולטור, אין כאבאראָווסק. זי ארבעט דאָרט אין פּיאָנערן־פּאלאץ. דער זון מיכאיל לערנט זיך אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, אויך אין כאבאראָווסק. דאָ אין ביראָבידזשאן וווינען אויך קליינערס ברידער מיט זייערע מישפּאָכעס. די פּלעמעניקעס און פּלעמעניצעס זײַנען באשעפטיקט אין פארשיידענע געביטן — אף זאוואָדן און אין קאָלווירטן און אפילע אינעם פלאָט...

(סאָף קומט)

# כראָניק

## ביראָבידזשאנער נײַס

### נאָכן קאנטישן דורכקוק פון ארטיסטן־ליבהאָבער

אין כאבאראָווסק האָט זיך פארענדיקט דער קאנטישער דורכקוק פון דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט, געווידמעט דעם 30־טן יאָרטאָג פונעם גרויסן זיג איבערן היטלערישן פאשיזם.

אין שלוס־קאָנצערט האָבן אָנטיילגענומען קאָלעקטיוון און באזונדערע אויספילער פון כאבאראָווסק, ביראָבידזשאן, קאָמסאָמאָלסק, ניקאָלײַעווסק.

וואר'עם האָבן די צושויער אופגענומען מאטוויי בלאנטערס ליד „אין בײַפראָנטיקן וואלד״, וועלכע עס האָט אויסגעפילט אין דער באגלייטונג פון א פידלער־אנסאמבל ב. ראקאָווע (ביראָבידזשאן), מאָדעסט טאבאטשניקאָווס „די ליד פון שלאכט־פרײַנט״ אין דער אויספילונג פונעם אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אָ. טיכאָמיראָוו (כאבאראָווסק) און אנדערע.

דאָס ערשטע אָרט אינעם דורכקוק האָבן פארנומען די כאבאראָווסקער בילדונגס־טוער, דאָס צווייטע — די ביראָבידזשאנצעס.

די זיגער זײַנען באלוינט געוואָרן מיט ערן־גראמאָטעס און אָנדענק־מאטאָנעס.

### „מאטאָנעס פון דער אוסוריער טײַגע״

אזוי הייסט דאָס בוך פונעם פארדינסטפולן וואלדציכטלער פון דער רוסלענדישער רעפּובליק, דעם פאָרשער פון דער ווײַטמיזרעכדיקער פלאָרע נ. אוסענקאָ. אין בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן פאָלגנדע ארטיקלען: „די טײַגע — א פרוכטןסאָד״, „גאָרטנווארג אין דער טײַגע״, „א שעפע פון שוואָמען״, „האָניק אין קאנט״, אין וועלכע דער אווטאָר ברענגט א סאך אינטערעסאנטע, ביז אהער ווייניק באוווסטע יעדיעס.

בלויז פרוכטן־ און יאגעדע־געוויקסן ווערן אף דער אוסוריער ערד אָנגעציילט ביז 60 מינים. די ווײַטמיזרעכדיקע טײַגע רופט מען מיט רעכט אָן די וואלד־אפּטייק, ווײַל מע געפינט דאָ אזעלכע זעלטענע רעפּוע־געוויקסן, ווי זשענשען, זאמאניכע, עלעוטעראָקאָק און אנד.

### פריילעכע און וויסנדורשטיקע

די „פארמעסטונגען פון פריילעכע און וויסנדורשטיקע״, ווי זיי ווערן געוויינלעך אָנגערופן, זײַנען פּאָפּולער בא דער יוגנט פונעם געגנטלעכן צענטער. לעצטנס איז אין דעם ביראָבידזשאנער קולטור־פּאלאץ פאָרגעקומען אזא פארמעסט צווישן די שילער פון די מיטלשולן נומ. 9 און נומ. 181. דער אָוונט איז געווען געווידמעט פראגן פון ליטעראטור און קונסט.

צום שלוס זײַנען מיט דערפאָלג ארויסגעטראָטן די אָנטיילנעמער פון דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט.

געזיגט האָט די קאָמאנדע פון דער שול נומ. 9, וועלכע האָט אָנגענומען 72 אייגלעך. בלויז אף איין אייגל איז אָפּגעשטאנען די קאָמאנדע פון דער שול נומ. 181.

# ס'גייט דער מענטש

## אין נאָוואָקוזניעצק

„מאָסקווע, קרעמל. די ערשטע דאָמנע פון נאָוואָקוזניעצקער קאָמבינאַט האָט ארויסגעגעבן דעם ערשטן טשוהון. שעף פון „קוזניעצקבוי” ס. מ. פראַנקפורט. 8 אפרעל 1932”.

(פון די צײַטונגען)

ס'טוט אין פויק פון נערוון־קנויל א זעץ:
צווישן נאכט און בליצן פון מארטענען
פראַנקפורט גייט אַף גאסן פון קוזניעצק,
און קוזניעצקער גאסן אים דערקענען.

פראַנקפורט גייט — און ס'הילכן זײַנע טריט,
פונקט ווי ס'וואָלטן זיך אהער דערטראָגן
יענע ערשטע קלעפּ אין ערד־גראַניט,
וואָס מיט לאָמען האָט מען דאָ געשלאָגן.

פראַנקפורט גייט — און ס'איז אים אלץ
באקאנט.
נאָר פארוואָס מע פרעגט — פארשטיין ער קאָן
ניט:

— עפּעס האָסט, בראטישקא, זיך פארזאמט,
ווּ ביסטו געוועזן, סערגיי מיראָניטש?

און מארטענען לויכטן פון דער ווײַט,
הודען טאָג און נאכט מיט שטאָל צעגליטן, —

דאָרט, ווו אין דער טײַגע ווילד־פארשײַט
פלעגן וואָיען אומגעצאמטע ווינטן.

ס'קאָכט און קאָכט דער פײַערדיקער שטראָם
צווישן סאלאַירער בערג און טײַכן,
דער פארשײַטער טײַך, וואָס רופט זיך טאָם,
קאָן צו אים אפילע זיך ניט גלײַכן.

ס'גייט דער מענטש. עס שפּריצט פון אים מעטאל,
פראָמעטייער פונקען פון אים בלאָזן —
ווי א דענקמאָל פונעם פיעדעסטאל
וואָלט אצינד אין אייביקײַט זיך לאָזן.

ס'האָט די צײַט איר אייגענעם געזעץ:
פײַער טראָגסטו — וועסטו לעבן, לעבן.
פראַנקפורט גייט אַף גאסן פון קוזניעצק,
ווּעמען ער זײַן פלאם האָט אָפּגעגעבן.

## באלאדע וועגן פעלץ

ביז הײַנט פאר מײַנע אויגן שטייט
דאָס בילד פון יענע ווײַטע יאָרן:
א שאָפּנפעלץ מײַן טאטע נייט
און זיפצט, און קרעכצט, און הוסט מיט צאָרן.

איך כאַפּ זיך אוף אינמיטן נאכט —
דער שלאָף אנטרינט פון מײַנע אויגן:
דער טאטע נייט, דער טאטע וואכט,
איבער די פעלצן אײַנגעבויגן.

איך גיי אין שול אוועק — ער זיצט,
קיין צײַט ער האָט ניט גיין אין דרויסן,
איך קום פון שול — דער טאטע שוויצט,
ארומגעלייגט מיט טונקלע שמויסן.

אין פאָדערהויז — א טאָג, א וואָך
די פעל זיך וויקן אין די פעסער.
ער וועט זיי אויסשפּרייטן דערנאָך
און שאָבן מיט א ברייטן מעסער.

די גאנצע שטוב איז שוין פארלייגט
מיט שאָפּנפעלצן, רויע פעלן,
נאָר ווידער ווערט א פאס פארווייקט
מיט שמויסן און מיט זײַעכץ געלן.

אָט יענער ביטערער גערוך
איז נאָך ביז איצט אין מיר פארבליבן,
און פון דער ווײַט אין נאָז, מיר דוכט,
ער שלאָגט מיט זויערקײַט און איבל.

און איך געדענק: אַפן יאַריד
דער טאַטע פירט אַוועק זײַן סקוירע.
ער קערט זיך אום, און זײַן געמיט
איז אָנגעפילט מיט מאַרעשכוירע.

— מע נעמט ניט, — זאָגט ער, — אין דער האַנט,
געוואָרן מאַדניקעס מעסוקן.
זיי גיב שעוויאָט, זיי גיב געוואַנט,
אַף פעלצן וויל מען שוין ניט קוקן!

— — — — — — — — — —

אַף מאָסקווער גאַסן כ׳גיי אַרום,
ס׳איז גאַרניט אַזוי קאַלט אין דרויסן,
נאָר כ׳זע — די מענטשן אומעטום,
זיי פעלצן זיך אַצינד אין שמויסן.

די פעלצן כ׳זע אַף שריט און טריט —
געפאַרבט אין שוואַרצן, ווײַסן, געלן:
קיין אַנדער מאַנטל וויל מען ניט —
בלויז פוטערס זײַנען הײַנט געפעלן.

און פאַר די אויגן מײַנע שטייט
א בילד — פאַרגעסן כ׳קאָן ניט גראָד עס:
א שאָפּנפעלץ מײַן טאַטע נייט
און שעלט די וועלט מיט אירע מאָדעס.

## אַלץ נאָך ווייניק

דאַכט זיך, אַלץ איך האָב געהאַט —
וואָס בעיאַד און ניט בעיאַד,
צי געוואָלט, צי ניט געוואָלט:
ס׳האָט דער גוירל מיר געצאָלט
סײַ מיט אומגליק, סײַ מיט גליק,
סײַ מיט שאָלעם, סײַ מיט קריג,
סײַ מיט גוטס און סײַ מיט שלעכטס,
סײַ מיט אומרעכטס, סײַ מיט רעכטס, —
נאָר ס׳איז אַלץ געווען מיר ווייניק,
און פאַרוואָס — אַליין כ׳פאַרשטיי ניט.

דאַכט זיך, ס׳האָט פאַר מיר די וועלט
אַלע פרוּוון אויסגעשטעלט:
סײַ דורך קעלט און סײַ דורך היץ,
סײַ דורך ליב און סײַ דורך שמיץ,
סײַ דורך ליבע, סײַ דורך האַס,
סײַ דורך ערנסט, סײַ דורך שפּאַס,
סײַ דורך טײַנעג, סײַ דורך נויט,
סײַ דורך לעבן, סײַ דורך טויט, —
נאָר ס׳איז אַלץ ביז הײַנט מיר ווייניק,
און פאַרוואָס — דעם סאָד כ׳דערגיי ניט.

דאַכט זיך, דאָס, וואָס איז באַשערט,
האָט געגעבן מיר די ערד:
וואָס מע מעג ניט, וואָס מע מעג,
גוטע יאָרן, שוואַרצע טעג,
זיסן האָניק, אויכעט סאַם,
ווײַטן וועג און ברייטן יאַם,
סײַ א גלעט און סײַ א ריס,
סײַ א קוש און סײַ א ביס, —
נאָר ס׳איז אַלץ געווען מיר ווייניק,
וואָס באַדאַרפט — איך ווייס אַליין ניט.

כ׳זאָג: עס איז אַזוי, ווײַזט אויס,
ווײַל מײַן גיריקייט איז גרויס
און ניטאָ איז קיין לימיט:
וואָס באַקומען און וואָס ניט?
און, אַפּאַנעם, ווען דאָס לעבן
וואָלט מיר אַלס געשאַנק געגעבן
מעסושעלאַכס לאַנגע יאָרן,
וואָלט איך אויך ניט זאַט געוואָרן...

## באַלאַדע וועגן דעם עלנטן הונט

צום הויז פילשטאָקיקן, וואָס האָט אַנטקעגן נײַ־יאָר
פאַר אײַנוווינער די טירן אופגעמאַכט,
האָט עמעץ אין זײַן היים דער שפּאָגל־נײַער
מיט אַלע כפייצים אויך א הונט געבראַכט.

אַן אַלטער קעלעוו, נאָר פון יענע וועכטער,
וועמען אַליין די אויגן גיבן אויס.
דעם מינדסטן שאָרך אַף מײַלן ווײַטע הערט ער,
קיין נעפעש וועט ער צולאָזן צום הויז.

געשטאַנען איז ער אומעטיק אין דרויסן —
ווי גלײַך ער וואָלט אַן איבעריקער זײַן,
און פײַערן פון הונדערט פענצטער גרויסע
אַף אים געוואָרפן האָבן זייער שײַן.

האָט ער געבילט א נאכט אין קאס צעגליטן,
געהאט א ווילדן אַף דער וועלט פארדראָס:
אוועלכע פענצטער דארף ער איצטער היטן?
אין וועלכער דירע ווינט זײַן באלעבאָס?

ס׳האָט ניט געלייגט זיך אין זײַן מארך דעם קליינעם,
אז גאָר אַף אנדער דינסט ער איז דאָ הײַנט,
ווײַל וויפל ס׳ווינען אין דעם מויער שכיינים —
דערגיי, ווער ס׳איז א פרעמדער, ווער — א פרײַנט!..

נו, ביל! נו, ביל! קאָן זײַן, דו דארפסט זיך קלאָגן
און בייזערן זיך דארפסטו גאָר,
וואָס אָפּנעמען מע וויל דײַן פליכט — זי טראָגן
עס פלעגן דײַנע אָוועס דאָר צו דאָר...

זײַ וויסן, אז מע וועט דיך מער ניט העצן,
ווײַל וויפל מענטשן ס׳קומען דאָ צו גיין —
בלויז פרײַנטשאפט, וואָס מיט זיי וועט זיך באזעצן,
אין הויז וועט באלעבאטעווען אליין!

באם הויז פילשטאָקיקן, וואָס האָט מיט יעדן גאָרן
געלויכטן העל, אין גאס ארײַן געצילט,
א הונט איז שיר ניט הייזעריק געוואָרן
און האָט אומזיסט א גאנצע נאכט געבילט...

## פרילינג אין סינכראָפאזאָטראָן

(א שפאס)

נו, וואָס זאָל איך מיט דיר אצינדער טאָן,
אז ביסט אזוי געוואָרן אומגעדולדיק —
פארגעסן האָסט דײַן סינכראָפאזאָטראָן
און ווארפסט מיר אויס, אז איך אין דעם בין שולדיק.

ווער ווייסט? ווער ווייסט?
דו פרעגסט מיך, וואָס דאָס הייסט?
אפּאָנעם, ס׳איז געווען אזוי באשערט —
און פּרווו דערגיין, צי גוט דאָס איז, צי שלעכט.

כ׳האָב ניט געוואָלט — מיר גלייב — דער פיזיק שאטן,
פארגיין דעם וועג אפילע ניט געטראכט.
דײַן הארץ צעשפאלטן וויל איך, ווי דעם אטאָם,
נאָך פריִער, ווי דו האָסט אַף דעם געווארט.

דאָס גאנצע, זאָגסטו, אקאדעמיש שטעטל
פארשטיין ניט קאָן, וואָס טוט זיך איצט מיט מיר.
דעם קאלענדאר, א בלעטל נאָך א בלעטל,
כ׳רײַס אָפּ און קלאפּ און דונער אין דײַן טיר.

די ביימער שוין צעעפענען די קרוינען,
און ס׳טוט די ערד זיך אָן מיט גרינער פראכט:
אפּאָנעם, אויך אפילע פּאָזיטראָנען
אנטקעגן פרילינג האָבן ניט קיין מאכט.

ווער ווייסט, ווער ווייסט?
דו פרעגסט מיך, וואָס דאָס הייסט?
אפּאָנעם, אז אזוי איז שוין באשערט —
אויך פיזיקער איז ליבן ניט פארווערט!

## יונגע באָבעס

גנייוויש זיך א דריי געטאָן באַם שפיגל,
די פריזור צעשויבערטע פאַריכט...
וואָס זשע האָט דאָס אייניקל פון וויגל
אָנגעשטעלט די אויגן אומגעריכט?

ערשט ניט לאַנג אזוי האָט איר מיזיניק
אויך צו איר די הענטעלעך געשטרעקט...
אָ, ווי ס'יאָגט די צײַט אזוי אומזיניק,
יאָגט און מיטאַנאַנדער אַלץ פאַרמעקט!

אַלץ — און שוין?

פאַרוואָס זשע גיט א שטאָך עס
פּלוצעם און דאָס גאַנצע בלוט צעצינדט?
און דער אָוונט — פונקט ווי אַפּצולאָכעס —
רײַסט אַרײַן אין הארץ זיך מיט א ווינט.

דורך צעפּראַלטן פענצטער קאָן מען הערן:
ס'שושקעט זיך אין סקווער א יונגע פּאָר...
נו איז וואָס? געמעגט זי וואָלט זיך שווערן,
אַז עס גייט ניט אָן איר אָף קיין האָר.

נאַרישקייטן! — מענטשן וועלן לאַכן,
מאַלע וואָס עס קומט אַפן געפיל...
עפשער אָט דאָס פענצטער בלויז פאַרמאַכן —
עפּעס איז געוואָרן, דאַכט זיך, קיל...

וואָלט מען אויך דאָס הארץ געקאָנט פאַרוויגן
אָט אזוי, ווי מע פאַרוויגט דאָס קינד...
יונגע באָבעס שטייען פאַרן שפּיגל:
קערט זיך אָפּ, זײַט מוחל זיי די זינד.

## ווי וואָלט איך געקאָנט אַנדערש לעבן?

אָן אָט דעם ווײַנשלבוים, וואָס וואַקסט דערנעבן
און אַלעמאָל, ווען פרילינג קומט, זיך ציט
צו מיר אין פענצטער מיט זײַן דופּטיק־זיסן צוויט, —
איך וואָלט געקאָנט דען לעבן?

אָן אָט דעם הימל, וואָס מיט אָפּגרונט בלויען
שפּאַרט אָן זיך רונד־אַרום אין האָריזאָנט, —
איך וואָלט אָן אים דען אָטעמען געקאָנט
און עמעצן אָן צווייפל זיך פאַרטרויען?

אָן אָט דער ערד, וואָס האָט אזויפיל יאָרן
מיט זאַפט געגנערט מײַן ברייט צעצווײַגטן שטאַם
און מיך פאַרהאַרטעוועט אין פײַער־פלאַם, —
וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן?

און אָט דער גאָב צו זײַן מיט פרײַנט צוזאַמען
אין אומגליק און אין גליק, אין פרייד און לייד, —
ווען זײַן איך וואָלט מיט אָט דער גנאָד צעשיידט,
צו וואָס געטויגט א לעבן וואָלט אזא מין?

הירש דאָבין

# אַף כאַרעווע ערטער

## 1

זעליק פונדאטער, דער סטארשינא פון דער ראַטע טאנקיסטן, איז שווער פארווּנדעט געוואָרן, און מע האָט אים דעמאָביליזירט פון דער ארמיי. באַם אויסשרײַבן זײַנע דאָקומענטן, ווען מע האָט אים געפרעגט, וווהין קלײַבט ער זיך פאָרן, האָט זעליק געמאָלדן, אז ער וויל זיך אומקערן אהיים, אהין, ווו מע האָט אים מאָביליזירט, בייס די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן, און ווו ער האָט איבערגעלאָזט זײַן פרוי און קינד.

פונדאטער האָט זיך אַן ערעך פאָרגעשטעלט, וואָס עס דערוואַרט אים אין זשלאָבין. ער האָט געוווּסט, אז שוין אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע איז זײַן היימשטעטל ארײַנגעפאלן אין די הענט פונעם סוינע און עס איז א גרויסער סאָפעק, צי עמעצער פון דער ייִדישער באפעלקערונג, וואָס האָט זיך באַצײַטנס ניט באוויזן עוואקויִרן אָדער זיך ראטעווען אַף אַן אנדער אויפן, איז דאָרט געבליבן לעבן. און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אַף דעם אלעמען, האָט זעליק פאראקשנט זיך געהאלטן בא זײַנעם, אז ער וויל פאָרן אהיים. עמעס, דאָס וואָרט „אהיים” האָט ער אויסגערעדט מיט אזא פארביטערניש אין דער שטימע, אזש דער שרײַבער פון שטאב און דער ראָטע־קאָמאנדיר האָבן זיך איבערגעקוקט.

דער שרײַבער פון שטאב האָט זיך שוין געקליבן אויסשרײַבן זעליקן די דאָקומענטן, ווען דער ראָטנער קאָמאנדיר האָט אים אָנגענומען פאר דער האנט און געבעטן צוּוואַרטן.

— ווייסט כאָטש, — האָט ער זיך געווענדט צו זעליקן, — וואָס איז געבליבן פון דײַן זשלאָבין? עמעצער איז דאָרט פאראַן פון דײַנע אייגענע?

— איך ווייס ניט, כאַווער קאָמאנדיר.

— האָסט זיך כאָטש אָנגעפרעגט, ווו זיי קאָנען זײַן?

— אלץ געטאָן.

— נו?

— קיין קלאָרן ענטפער האָב איך ניט באקומען.

— מ׳ד־א, — האָט ניט פריילעך א מרוקע געטאָן דער קאָמאנדיר, אזוי שטארק א רײַב געגעבן מיט א שוועבעלע איבער דעם פושקעלע, אז דאָס שוועבעלע האָט זיך אזש צעבראָכן. ער האָט דאָך באשלאָסן אונטערמונטערן א ביסל דעם סטארשינא און צוגעגעבן, — און דו, פונדעסטוועגן, לאָז ניט אראָפּ דעם קאָפּ. דאָס דערוויַיזט נאָך גאָרניט.

— כאווער קאָמאנדיר, מע דארף מיך ניט טרייסטן. איך בין מער ווי זיכער, אז קיינער פון מײַנע אייגענע לעבט שוין מער ניט.

— וואָס טויג דיר אלץ אויסלייגן צום שלעכטן? עס זײַנען דאָ טויזנטער בײַשפּילן, ווען מענטשן זוכן זיך אָפּ. בא איינעם עלטערן, בא אנדערע — פרויען און קינדער. די מילכאָמע האָט אלעמען אזוי צעשלײַדערט, אז עס איז אומעגלעך זיך צונויפקלײַבן. — און באלד פארענדיקט, שוין א ביסל שטילער, אליין ניט זײַענדיק פולקאָם איבערצײַגט אין דעם, אז פונדאטערס מישפּאָכע איז ניט אומגעקומען, — איבעריקנס, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? זע

אליין, ווי ס'איז בעסער. קאַלזמאַן מע האָט נאָך די דאָקומענטן ניט אויסגעשריבן, קאָנסטו זיך באַטראַכטן.

זעליק האָט גאָרניט געענטפערט. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן פאַרשטיינט. ערשט אין עטלעכע רעגעס אַרום האָט ער זיך מיט אַ זיפץ אָפּגערופן:

— וואָס עס זאָל מיך דאָרטן ניט דערוואַרטן, נאָר פאָרן וויל איך אהיים. וועל איך קיינעם פון מײַנע ניט געפינען, נעם איך דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס און פאָר אַוועק. העגנט האָב איך, פאַר אַרבעט האָב איך קיין מורא ניט. און רוסלאַנד איז גרויס. וווהין איך וועל ניט קומען, וועל איך מײַן שטעטל באַשטיין.

אָט אַזוי, ניט איבעריקס פּריילעך, אָבער גאַנץ האַפּערדיק האָט זעליק אָפּגעענטפערט, אַ סאַך מאַכנדיק צו אַלע רייד. זײַענדיק גוט באַקאַנט מיטן כאַראַקטער פון זײַן סטאַרשינאַ, מיט וועלכן ער איז אויסגעוועזן צוזאַמען ניט אויף איין פראָנט, איז דער ראָטנער קאָמאַנדיר מאַסקים געוועזן:

— ווער ווייסט, עפּשער ביסטו גערעכט.

באַקומען די דאָקומענטן, האָט זיך זעליק פונדאַסטער מיט אַלעמען געזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן אהיים.

געוועזן איז עס פרילינג־צײַט, ניט לאַנג פאַר דעם, איידער די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט, אין איינער אַ שטאָט בײַ דעם באַלטישן יאַם.

דער וועג אהיים האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט אַזאַ לאַנגער, ווי אַ שווערער. די מילכאָמע איז נאָך געווען אינעם סאַמע ברען. אויף די סטאַנציעס זײַנען געשטאַנען עשעלאָנען מיט מיליטער, טאַנקען און מאַשינעס. גאַנץ אָפט איז אויסגעקומען וואַרטן, ביזוואַנען מע וועט ניט באַפרײַען דעם וועג און מע וועט קאָנען פאָרן ווײַטער. געוווינט שוין אָבער אין מעשעך פון דער מילכאָמע צו אַלץ, האָט זעליק געדולדיק אַלץ איבערגעטראָגן און ניט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקן אומרו.

אויסער אים זײַנען אינעם וואַגאָן געפאָרן אויך אַנדערע סאָלדאַטן. ווער עס איז באַפרײַט געוואָרן פון דער אַרמיי איבער דעם געזונט־צושטאַנד און וועמען מע האָט אַרויסגעפאָדערט אויף אַרבעט אין דער אינדוסטריע אָדער לאַנדווירטשאַפט, ווו עס האָבן אויסגעפעלט פאַכמענער.

צוזאַמען מיט אַלעמען איז זעליק געלאָפן אויף די סטאַנציעס נאָך אָקרעפּ אָדער אײַנוואַשן זיך מיט קאַלטער וואַסער אונטערן קראַן. אין פרײַע מינוטן האָט ער אויך געשפּילט אין קאָרטן און אין דאָמינאָ און אַזוי שטאַרק געקלאַפּט מיט די ביינדלעך, אַז מע האָט געקענט הערן אינעם צווייטן עק פונעם וואַגאָן.

נאָר אָט האָט דער צוג זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צו באַקאַנטע, היימישע ערטער, און זעליקן איז באַפאַלן אַן אומרו. ניט קענענדיק רויק אײַנזיצן אינעם וואַגאָן, האָט ער זיך אָנגעטאָן, אַרופגענומען אויף זיך דעם רוקזאַק און, נאָך אַ סאַך פריער ווי דער באַן האָט זיך דערנעענטערט צו זשלאָבין, אַרויס אינעם טאַמבור.

שטייענדיק צוגעדריקט מיטן שטערן צו דער קילער שויב, איבער וועלכער עס האָבן זיך געקײַקלט רעגן־טראָפּנס, האָט זעליק שווײַגנדיק, מיט אַ ציטעריק האַרץ, אַרויסגעקוקט אין דער פינצטערער נאַכט.

אינעם טאַמבור איז געווען פינצטערלעך און קאַלט. פײַכט און פינצטער איז אויך געווען די נאַכט הינטערן פענצטער. נאָר זעליק האָט גאָרנישט ניט באַמערקט. ער איז געשטאַנען בײַם פענצטער, געהערט, ווי־אַזוי די רעדער קלאַפּן, ווי עס סקריפּעט און שאָקלט זיך דער וואַגאָן, און האָט אַלץ געטראַכט וועגן איינעם און דעם זעלבן, וועגן דעם, וואָס אים דערוואַרט אין דער היים.

הילכיק פײַפנדיק, האָט זיך געטראָגן דער צוג, איבערלאָזנדיק הינטער זיך קאַרג־באַלויכטענע פּאָלוסטאַנקעס, אויף וועלכע אויסער דעם דעזשורנעם מיט זײַן לאַמטערן האָט מען קיינעם ניט געזען.

פאַרבײַ זײַנען געשוווּמען שווערע, טונקעלע מאַסיוון פון וועלדער. ערטערווײַז, ווו די דײַטשן האָבן אויסגעהאַקט ביז אַ ביימל, קעדיי שווערער מאַכן פאַר די פּאַרטיזאַנער דעם צוגאַנג צו דער אײַזנבאַן־ליניע, האָבן זיך די וועלדער אָפּגערוקט. ווו־ניט־ווו זײַנען נאָך געלעגן ביסלעך שניי און, לויכטנדיק אין דער פינצטער, געלאָזט זען די ערטער, וועלכע מע איז פאַרבײַגעפאָרן.

וואָס ווײַטער מע איז געפאָרן, אַלץ האַסטיקער איז געוואָרן דאָס יאָגעניש פונעם צוג, גלײַך ער וואָלט פאַרשטאַנען, ווי אומגעדולדיק זעליק איז.

אָט האָט דער באַן זיך אויסגעבויגן אין אַ האַלבער רונג, און אין אַ זײַט פונעם לאָקאָמאָטיוו זײַנען אויפגעקומען שימערירנדיקע פײַערלעך. אין זעליקס האַרצן האָט זיך דערוועקט

די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָ־
וועטיש היימלאַנד" באגריסן הארציק דעם טאַ־
לאַנטפולן שרײַבער הירש דאָבין אין צוזאמענ־
האַנג מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג.
מיר ווינטשן ה. דאָבינען פיל געזונט און נײַע
שעפערישע דערפאָלגן.

א האָפענונג: וויבאלד פײַערן שײַנען, דאַרפן דאָרטן געוויס אויך זײַן מענטשן. פאַרוואָס זאָל ער צווישן זיי אויך ניט טרעפן זײַן מישפּאָכע? נאָר ס'איז שווער אפילו צו גלייבן, אז אזעל־כעס קאָן געשען. געוויס. ער האָט דאָך אזויפיל געשריבן, אומעטום זיך נאָכגעפרעגט אף מײַ־רען און אפן קינד. עס איז, דוכט זיך, גאָר ניטאָ שוין אזא מין אָרט, וווהין ער זאָל ניט האָבן געשריבן. און דאָך... ווער ווייסט, וואָס אמאָל קען זיך טרעפן. עפשער גראָדע אף זײַן מאַזל... ניט אלעמען האָט זיך די פאשיסטן אײַנגעגעבן אומצוברענגען. ער ווייסט: פיל יידן האָבן די פאַרטיזאַנער געראַטעוועט, געהאָלפן אריבער־גיין די פראָנט־ליניע. אנדערע האָט די אָרטיקע באפעלקערונג אויסגעבאהאלטן. עפשער וועט אויך אים באשערט זײַן צו געפינען זײַן מיש־פּאָכע.

די אײַזנבאַן־דעפּאָ פון זשלאָבין איז דער צוג פאַרבײַגעגאנגען אזוי נאָענט, אז מע האָט דורך די גרויסע פענצטער געזען, ווי מענטשן אַרבעטן דאָרט. עס האָבן געבליצט שוויס־אַפּאַראַטן, געצונדן די נאַכט מיט זייערע פײַערן און אומנאַטירלעך האַסטיק באלויכטן אלץ ארום.

באלד האָט זיך די געבײַדע פון דעפּאָ אוועק־גערוקט ערגעץ אין א זײַט צוזאמען מיט די לאָקאָמאָטיוון און שורעס וואַגאָנען, וואָס האָבן געוואַרט אף רעמאָנט. אף אייניקע פון די וואַגאָנען האָט מען פאַריכט די דעכער און עס האָט זיך געהערט דאָס הילכיקע קלאַפּן פון האַמערס אין בלעך.

אָט האָט זיך שוין אויך באוויזן די גאַס לעבן וואָקזאַל מיט אירע נידעריקע, הילצערנע שטיבלעך און גערטנדלעך ארום די פענצטער, אין וועלכע ווו־ניט־ווו האָט שוין געברענט שײַן. און זעליק האָט זיך פאַרכידעשט אפן גרויסן ווונדער, וואָס ער זעט: ווי קומט עס, אז באַם סאמע וואָקזאַל, אף וועלכן מע האָט, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, ניט איין מאָל געוואָרפן באָמבעס, זאָל גאַנץ בלײַבן די גאַס מיט הײַזער? וויבאלד אזוי, קען זײַן, אז אויך באַם דניעפּער, ווו סראָוו פון דער באפעלקערונג האָט געלעבט, האָט עפעס־וואָס זיך אויך אײַנגעהיט.

אין זעליקן האָט זיך די האָפענונג געשטאַרקט, איז שיר ניט איבערגעוואַקסן אין א זיכערקײַט, אז ניט אומזיסט איז ער געקומען אהער צו פאָרן. עס האָט אים באהערשט א גוואַלדיקער אומגעדולד. ער האָט זיך מער ניט געקענט דערוואַרטן, ווען דער צוג וועט בלײַבן שטיין, כאָטש צו דער סטאַנציע איז שוין געבליבן גאָר ווינציק.

ווי אפּצולאָכעס, ווײַל אין זעליקן האָט שוין אלץ געברענט, איז דער סעמאַפאָר געווען פאַרמאַכט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט פאַרלאַנגזאַמט זײַן באוועגונג, ביז ער איז אינגאַנצן געבליבן שטיין, שטאַרק פעכקענדיק און ארויסלאָזנדיק דעם איבעריקן דאַמף.

סאָפקאָלסאָף האָט זעליק באשלאָסן, אז ער האָט מער ניט וואָס צו וואַרטן: פונדאַנען וועט ער שוין טרעפן אהיים מיט פאַרבונדענע אויגן. ער האָט אופגעעפנט די טיר פונעם טאַמבור און, פאַרזיכטיק, ניט אָנצורירן דעם פאַרווונדעטן פוס, וועלכער האָט זיך נאָך רעכט ניט געהאַט פאַרהיילט, אראָפּ אף דער נאַסער ערד. אונטערהינקענדיק איז ער אוועק מיט די שפּאַלעס.

ער איז פאַרבײַ דעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט וואַרעם געעטעמט מיט א רייעך פון מאַזוט, דורכגעגאַנגען די סטאַנציע און, איבערלאָזנדיק זי הינטער זיך מיט אלע אירע געבײַדעס און קאַרגער שײַן פון פײַערן, אוועקגעגאַנגען גלײַך אין דער נאַכט אַרײַן, אונטערן רעגן, וואָס האָט אָן אופהער שטילערהייט געזיפּט, צעפּרעסנדיק די לעצטע ביסלעך שניי.

ער איז געגאַנגען, זעליק, מיטן הויכן אָנשיט פון דער באַן־ליניע, וואָס האָט געפירט צום דניעפּער, באשליסנדיק בא זיך, אז, ניט דערגייענדיק צו דער בריק, וועט ער פאַרקע־

רעוּוען אַף רעכטס און מיט דער סאָוועטישער גאַס, אַזוי ווי ער איז טויזנטער מאָל געגאַנגען, זיך אוועקלאָזן צו זיך אַהיים.

ער איז געגאַנגען און פון אויבן, פון דער הייך, געקוקט אַרום זיך. ער האָט געוואָלט זען, וואָס איז איבערגעבליבן פון די אַמערסטן באַוווינטע גאַסן. אים האָט געדוכט, אַז, אויב ער זעט גאָרניט פאַר זיך, איז עס נאָר דערפאַר, ווײַל עס איז פינצטער און עס גייט אַ רעגן. וויפל ער איז אָבער ווײַטער ניט געגאַנגען, האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט. אַרום־און־אַרום האָט זיך געשפּרייט אַ וויסטעניש. מע האָט ניט געזען קיין פּײַערל, קיין סימן פון לעבן.

אָט איז ער שוין צוגעקומען צום באַקענטן שלאַגבאַום, וואָס צאַמט איבער דעם וועג פון פּאָטשטאָוועו גאַס צו די קאַזאַרמעס אין דער „סענאַפּרעסאָוואַלניע". אַמאָל, נאָך פאַר דער רעוואָליוציע, האָט זיך דאָ, אין די געמויערטע קאַזאַרמעס, געפונען אַ מיליטערישע טייל, שפּעטער האָט מען אין איינער פון די קאַזאַרמעס געעפנט אַ קלוב מיט אַ זאַל, ווי אַ פעלד די גרייס, ווו מע האָט געשטעלט ספּעקטאַקלען. איצטער איז קיין סימען פון אַלץ ניט געבליבן. אומעגלעך איז אויך געווען צו באַשליסן בא זיך, אַף אַ וועלך אָרט האָבן זיך געפונען צוריַעל דעם הויכנס גערטענער, דורך וועלכע ער איז יינגלווײַז געגאַנגען אַהיים פון זײַן מירען, קעדיי פאַרקירצן זיך דעם וועג.

ניט איין מאָל האָט אים דער זון־אויפגאַנג געטראָפן אַף אָט די דאָזיקע גערטענער. אַ געדיכטער טוי איז דאַן געלעגן אַף די בייטן פון אוגערקעס. עס האָט זיך פאַרגעדענקט דער שטאַרקער גערוך פון אוקראָפּ. ער איז דעמלט יונג געווען, יונג און גליקלעך, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער גייט ניט, ווי אַלע שטערבלעכע, מיט די פיס אַף דער ערד, נאָר שוועבט אינדערלופטן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אַרום־און־אַרום איז ניט קיין זינדיקע ערד, נאָר אַ טייל פון גאַנעידן. און ניט קיין פייגעלעך צווייטשערן עס, אַרומפּלי:ענדיק אינעם רוים, נאָר מאַלאָכים, וועלכע רימען און לויבן דעם אַלמעכטיקן שעפער פון דער וועלט. ניט ער און ניט מירע האָבן זיך דאַן ניט פאַרגעשטעלט, וואָס עס דערוואַרט זיי אין דער צוקונפט.

היפּש כּורוועס איז זעליקן שוין אויסגעקומען צו זען מיט זײַנע אויגן פאַר דער צײַט פון דער מילכאָמע, און פונדעסטוועגן איז ער נישטוימעם געוואָרן, ווען ער האָט דערזען לויכטן דעם בלאַסן אויבערפלאַך פונעם דניעפּער ניט קיין פאַרשטעלטן פון קיין גאַסן און הײַזער. ערגעץ טיף אין זיך האָט זעליק נאָך, קענטיק, דערוואַרט, אַז אַלץ וועט זײַן גוט. דיווירקלעכקײַט האָט אָבער אַ סאָף געמאַכט צו אַלע האָפענונגען.

זעליק איז אַזוי צערודערט געוואָרן, אַז ער האָט ניט באַמערקט, וויאַזוי ער האָט פאַרלאָרן דעם אָנשיט פון אונטער די פיס. ער האָט זיך דערזען שטיין אַרומגערינגלט מיט שטעכדראָט אַף צעבראָכענער ערד, צווישן גריבער און בערג.

טאַפּנדיק מיט דער האַנט דעם שטעכיקן דראָט, האָט ער געפּרוּווט זוכן אַן אַרויסגאַנג, נאָר אים ניט געפונען און אָנשטאָט דעם אָנגעטראָפן אַף אַ גרוב מיט וואַסער, פון וועלכן ער איז קוים אַרויסגעקראָכן.

אים איז אײַנגעפאַלן, אַז בא די בריקן דאַרף זײַן אַ וואַך, און ער וועט קאָנען פרעגן, וויאַזוי מע קומט אַרויס אַף דער סאָוועטישער גאַס. ער איז מער ווי זיכער געווען, אַז די גאַס איז ערגעץ דאָ ניט ווײַט. עס איז אים אָבער אַ ביזע־ביזאַיען געווען צו פרעגן עמעצן דעם וועג אַהיים. דערצו נאָך איז געווען אַ געפאַר, אַז ער קען זיך דאָ ערגעץ אָנרײַסן אַף אַ מינע. נאָך דעם אַלעמען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, האָט מער ניט געפעלט ווי אומקומען לעבן דער סאַמע היים.

ניט וויסנדיק, וואָס מע טוט, איז זעליק געשטאַנען אַ לענגערע ווײַלע, געשטאַנען, ביזוואַנען ער האָט ניט דערהערט דאָס פּײַפן פון אַ לאָקאָמאָטיוו. דאַן האָט ער זיך אויסגע־דרייט, דערזען לויכטן פון ווײַטן די פײַערן פון דער סטאַנציע און זיך געלאָזט גיין אַף צוריק.

ער איז געגאַנגען אונטערן רעגן, וואָס האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו גיסן, און געטראַכט וועגן איינעם און דעם זעלבן, אַז אויב ער וועט דאָ ניט געפינען מירען מיטן קינד, וועט ער זיך אַרופזעצן אַפן ערשטן באַן, וואָס וועט זיך מאַכן, און אוועקפאָרן, וווהין די אויגן וועלן טראָגן. דאָ וועט ער ניט פאַרבלײַבן.

# 2

אינעם בופֿעט פֿונעם וואָקזאַל, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער, שטאַרק־צעצווײַגטער פֿיקוס און איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער וואַנט איז געהאַנגען אַ רעפּראָדוקציע פֿון פּעראָווס באַרימט בילד „די יעגער אַף אָפּרו“, וואָס עס האָט, קענטיק, אָנגעמאָלט אַן אָרטיקער קינסטלער, איז בײַ איינעם פֿון די טישלעך געזעסן זעליק פֿונדאַטער מיט אַן אָנגעשפּאַרטן קאָפּ אַף די הענט.

אַ דורכגענעצטער פֿונעם רעגן, אַ פֿאַרמאַטערטער פֿונעם אומזיסטן זוכן דעם וועג אַהיים, איז ער ניט לאַנג צוריק אַרײַנגעקומען אַהער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אַ שטול און איז אַזוי געבליבן זיצן, באַשליסנדיק בײַ זיך, ווײַזט אויס, איבערוואַרטן אינעם בופֿעט, ביז וואַנען עס וועט ווערן ליכטיק.

אינעם בופֿעט זײַנען, כּוץ זעליקן, געזעסן נאָך אייניקע פּאַסאַזשירן. קיינער פֿון זיי האָט גאָרנישט ניט געגעסן, ניט געטרונקען. אויסער טיי מיט סאַכאַרין, שטיקלעך הערינג מיט ציבעלע און שוואַרצע, אײַנגעשרומפּענע בולקעלעך ווער ווייסט פֿון וואָס געבאַקענע, צי פֿון מעל אָדער גאָר פֿון קאַרטאָפֿל — און דאָס אויך לויט קאָמערציע־פּרײַזן, — האָט מען אין בופֿעט גאָרנישט ניט געקענט קריגן. מע איז געזעסן און געדרעמלט, וואַרטנדיק, ווען עס וועט אָנקומען דער נייטיקער צוג.

די צײַט איז פּונקט געווען אַזאַ, ווען באַנען גייען זעלטן פֿאַרבײַ, און אַף דער סטאַנציע האָט מען דעריבער ניט באַמערקט קיין איבעריקע באַוועגונג. פֿון דער ליניע האָבן זיך בלויז דערטראָגן קורצע, אָפּגעהאַקטע פֿײַפֿן פֿונעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט מאַנעווירט, און דער גערודער פֿון וואַגאָנען, וועלכע מע האָט צונויפֿגעטשעפּעט. פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך געעפֿנט די שווערע אַרײַנגאַנג־טיר און מיט אַ טויבן קלאַפּ זיך ווידער פֿאַרמאַכט. אַף אַלעמען איז שוין געלעגן די שווערע מידקײַט פֿון לעצט־באַנאַכטיקע שאָען, ווען דער שלאָף פּײַניקט באַזונדערס שטאַרק.

אָט איז שוין די אָפּראַמערן צוגעטראָטן אָפּראַמען דעם זאַל, אַליין אויך זיך קוים באַוועגנדיק פֿאַר מידקײַט, ניט אויפֿהערנדיק אָבער צו וועקן די דרעמלענדיקע פּאַסאַזשירן, אַז זיי זאָלן אויפֿהייבן די פֿיס אָדער צונעמען די פּעקלעך און לאָזן צוראַמען.

אויסערגעוויינלעך שטאַרק האָט זיך שוין אויך געוואָלט שלאָפֿן דער יונגער פֿרוי מיטן ווײַסן פֿאַרטעכל און אינעם ווײַסן הײַבל, וועלכע איז געשטאַנען בײַם בופֿעט. זי האָט איבערגעציילט דאָס אָפּגעלייזטע געלט און געשמאַק געגענעצט, פֿאַרשטעלנדיק דאָס מויל מיט דער האַנט.

פֿאַרענדיקט מיט אירע געלט־כעזשבוינעס און געמאַכט אַ שטיקל אָרדענונג אינעם בופֿעט, האָט די פֿרוי אַרויסגענומען פֿונעם בײַטעלע אַ שפּיגעלע און זיך פֿאַרקוקט דערין. פֿאַר דער נאַכט אָפּזײַן דאָ, אַפֿן וואָקזאַל, אין טומל און הו־האַ, האָט זי אויסגעזען מיד. אונטער די אויגן זײַנען געווען טונקעלע קרײַזן. די פֿרוי האָט שווער אַ זיפֿץ געטאָן. די לעצטע צײַט ווערט זי אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער אַזוי פֿאַרומערט, אַז עס קומט איר אויס אָנטאָן זיך אַ קויעך, קעדיי זיך ניט צעוויינען. אויך איצט איז איר ניט פֿריילעך אַפֿן האַרצן. און שוין מער פֿון געוווינהײַט, איידער דאָס איז איר נייטיק, טוט זי אָפּסנײַ אַ זיפֿץ.

זי איז, ווײַזט אויס, ניט צופֿרידן מיט איר אויסזען, נעמט אַרויס פֿאַרב און פֿאַרבט זיך די ליפּן. פֿאַרמאַכנדיק דאָס טרײַבעלע, אין וועלכן די פֿאַרב איז אײַנגעפּאַסט, פֿירט זי לײַכט דורך מיט דער אייבערשטער ליפּ איבער דער אונטערשטער, אַז די פֿאַרב זאָל זיך גלײַך אויסלייגן. זי שטייט זיך אַזוי אייניקע מינוט פֿאַרטאָן אין זיך, נאָר אָט לייגט זי צוריק אַלץ אַרײַן אינעם בײַטעלע און, ניט האָבנדיק מער וואָס צו טאָן, שפּאַרט זי זיך אָן מיט דער ברוסט אינעם געשטעל פֿונעם בופֿעט, הינטער וועלכן זי געפֿינט זיך, און קוקט אַרויס צו די פּאַסאַזשירן, וואָס דרעמלען, זיצנדיק בײַ די טישלעך. איר בליק ווערט אַלץ מער און מער אויסגעלאָשן, ווי זי וואָלט פֿאַר זיך קיין זאַך ניט געזען. זי פֿאַרטראַכט זיך ווידער. ווער ווייסט, וואָס ס'טוט זיך בײַ איר בייסמײַסע אַף דער נעשאָמע. עפּשער האָט עמעצער פֿון די מיליטערלײַט, וואָס זיצן אינעם זאַל, איר דערמאָנט אינעם מאַן, אַף וועלכן זי האָט שוין מער ניט וואָס צו וואַרטן פֿונעם פֿראָנט. ווער ווייסט...

אומעטיקלעך און טרויעריק איז אַפֿן האַרצן דער יונגער פֿרוי. טאָג־אײַן און טאָג־אויס זעט זי דאָ פֿאַר זיך די פּאַסאַזשירן. פֿאַר דער צײַט, וואָס זי אַרבעט אינעם בופֿעט, האָט זי זיך שוין אַזויפֿיל אָנגעזען מיט זיי, אַז אַלע האָבן בײַ איר איין פּאָנעם. אָט באַלד וועט ווידער אָנקומען אַ באַן. זי וועט ווידער דערהערן אַן אײַליקן געלאָף פֿון פֿיס איבערן

פעראַן. ווי ווילדע וועט מען זיך אַריַינרײַסן אינעם בופעט, ניט אַף לאַנג אָנפּילן דעם זאַל מיט ראַש און דערנאָך ווידער נעלעם ווערן, פאַרשווינדן. און נאָר אייַנצלנע פון זיי וועלן דאָ איבערבלײַבן מיט זייערע פּעקלעך. און אָט אַזוי וועט ווידער אַוועקגיין אַ שאָ, נאָך אַ שאָ, אַ טאָג נאָך אַ טאָג. ביין, ניט אַזוי האָט זי זיך פֿאַרגעשטעלט איר לעבן, ווײַס ניט אַזוי. ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט אַלץ געווען אַנדערש...

פון דער קיך, וואָס געפינט זיך הינטער איר, רופט זי עמעצער. זי קלײַבט זיך אויסצו־דרייען און פרעגן, וואָס מע וויל פון איר. נאָר אין דער זעלבער רעגע, וואָס זי וויל עס טאָן, פאַלט איר בליק אַפן סטאַרשינאַ, וואָס זיצט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אַף די הענט, האַלטנדיק אויסגעצויגן זײַן פאַרוווּנדעטן פוס.

אויך פריִער, ווי נאָר זעליק איז אַרײַנגעקומען אינעם זאַל, האָט דאָס ווײַבל אים געהאַט באַמערקט. זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל צוקומען צום בופעט, נאָר זיך ניט דערוואַרט דערויף, זיך פאַרנומען מיט אַנדערע און אין אים פאַרגעסן. און עס איז אַפילו קיין כידעש ניט, וואָס אַזעלכעס האָט געקענט פּאַרלויפן. ניט דאָס ערשטע מאָל זעט זי דאָ אַזוינע, ווי ער. אָן אופהער פאָרן איצט אַרום מיליטערישע. ווער עס קערט זיך אום צוריק אַפן פראָנט, נאָך לאַנגן היילן זיך אין די שפּיטאָלן, און ווער, ווי אָט דער סטאַרשינאַ,— פאָרט, מיסטאָמע, אַהיים...

זי קען אים ניט, דעם סטאַרשינאַ, אינעם טאַנקיסטן־העלם. עס פאַלט איר גאָרניט אײַן, וואָס עס וועט געשען אין געציילטע מינוטן אַרום, ווען זי וועט דערזען, ווער דאָס איז. זי ווייסט ניט פאַרוואָס, נאָר ער ציט דאָך צו מיט עפּעס איר אופמערקזאַמקײַט. זי קען שוין מער ניט אַראָפּנעמען פון אים איר בליק.

דער שלאָף טוט זיך טייקעף אָפּ פון איר. זי גענעצט שוין מער ניט, ווי פריִער. זי קומט אַרויס פון הינטערן בופעט און, קלוימערשט, זי דאַרף צונויפנעמען דאָס געפעס פון די טישלעך, קומט זי צו צו דעם טישל, בא וועלכן דער סטאַרשינאַ זיצט. זי גייט צו אַקוראַט דעמלט, ווען די אופראַמערן פּרוּווט אים אופוועקן: „סאָלדאַטיק, מע טאָר דאָ ניט שלאָפן".

זעליק הייבט אוף דעם קאָפּ. ער איז אופגעבראַכט אַף דער גאָרער וועלט. ער איז גרייט אויסצולאָזן זײַן קאַס צו דער אַלטער. און, דערזעענדיק זײַן פּאָנעם, טוט די פרוי אַ ציטער. מער צווייפלט זי ניט, ווער עס זיצט פאַר איר. פאַרקערט, זי פאַרווּנדערט זיך: „זע נאָר, זעליקן ניט דערקענט!"

ניט אימשטאַנד זיך צו באַהערשן, מאַכט זי אַפּגיך צורעכט די האָר. זי נעמט אָן די אופראַמערן פאַרן אַקסל און זאָגט צו איר:

— מומע פּאַשע, לאָזט אים צורו. — אַליין גייט זי שטיל אַרום דעם טישל און זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן. זי פרעגט:

— זעליק, דאָס ביסטו?

ער דערהערט איר קאָל און דרייט זיך אויס. ער דערזעט פאַר זיך דאָס ווײַבל אינעם ווײַסן פאַרטעכל מיטן ווײַסן הײַבל אַפן קאָפּ, דערקענט זי ניט באַלד.

זי איז גוואַלדיק צופרידן פון דער אומדערוואַרטער באַגעגעניש מיט אים.

— שוין זשע? — פרעגט זי, פּונקט אַזוי, ווי פריִער, מיט אַ קוים מערקבאַרן ניט פריי־לעכן שמייכל אַף די ליפּן. — בין איך אַזוי אַלט געוואָרן, אַז דו דערקענסט מיך ניט?

מיט אַ ריי יאָרן צוריק, ווען ביידע זײַנען יינגער געווען, האָט זי אים ניט זעלטן באַגעגנט מיט דעם זעלבן שטילן, ניט דרייסטן שמייכל, דערוואַרטנדיק, אַז ער זאָל איר אַנטפּערן אויך מיט דעם זעלבן. ער האָט אָבער ליב באַקומען איר כאַווערטע. און קיינער, קיינער אין דער וועלט האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, וויפל קויכעס עס האָט זי געקאָסט אויסצו־באַהאַלטן פון אַלעמען איר געפיל צו אים. זי האָט קיינמאָל, ניט פריִער און אויך ניט איצטער, זיך ניט פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָזוי איז עס איר געלונגען ליב צו האָבן זעליקן און אייַנציַיטיק פאַרבלײַבן געטרײַ סײַ מירען און סײַ אים.

זי האָט אים אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט, ליב געהאַט שטענדיק, אי דעמלט, ווען זיי ביידע, ער מיט מירען, האָבן כאַסענע געהאַט, און אויך שפּעטער, בייס זי אַליין האָט זיך פאַרשריבן מיט איר מאַן.

איצטער האָט אויך זעליק זי דערקענט.

— ריווע! — האָט ער אויסגעשריִען.

— נו, ריווע, — האָט זי זיך אָפּגערופן, אַליין אויך ניט באַלד קומענדיק צו־זיך. — וואָס ביסטו אַזוי צעראַשט געוואָרן? פונוואַנען פאָרסטו?

ער האָט זיך ניט פריילעך צעשמייכלט:

— פונוואַנען קען פאָרן אַ סאָלדאַט, אויב ניט פונעם פראָנט? מע האָט מיך אָפּגעלאָזט אַהיים. בין אָט געקומען און, ווײַזט אויס, אומזיסט...

איר געזיכט איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ פּינצטערניש. זי האָט דאָך גאָרניט געענטפערט.

אים איז ניט קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי פּלוצעם פאַרענדערט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר איר, ווי אַ מענטש, וועלכער טרינקט זיך, פאַר אַ שטרוי.

— איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איך האָב דיך דערזען. קענסט מיר ניט זאָגן: מירע איז דאָ?

זי האָט אַ דריי געגעבן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ווייסט גאָרניט? ניט פון מירען און ניט פונעם קינד?

— ניין.

— ווי קומט עס? מירע האָט דאָך מיר געשריבן, אַז איר קלײַבט זיך צוזאַמען עוואַקויִרן...

זי איז געזעסן און געבעטן גאָט, אַז ער זאָל איר געבן קויכעס אַריבערטראָגן אָט די מאַטערניש. „נאָר ניט פון מיר, — האָט זי באַשלאָסן. — זאָל ער זיך אַלץ דערוויסן פון אַנדערע. נאָר ניט פון מיר”...

— מירע האָט דיר געשריבן דעם עמעס. מיר האָבן זיך געקליבן אַוועקפאָרן צוזאַמען. נאָר אײנעם טומל האָב איך זי פאַרלאָרן.

זעליק האָט זי דורכגעדרונגען מיט זײַן בליק. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ריווע באַהאַלט פון אים עפּעס אויס. ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— ריווע, — איז ער צוגעשטאַנען. — איך בין גרייט צו אַלץ. זאָג מיר, וואָס איז מיט זיי געשען? איך מוז וויסן דעם עמעס, אַניט וועל איך ניט קענען לעבן.

זי האָט בײַ אים אַרויסגענומען איר האַנט. עס איז איר אומעגלעך געווען אַריבערצוטראָגן דאָס, וואָס זי האָט אין דער דאָזיקער מינוט איבערגעלעבט. זייער אַ סך וואָלט זי געקאָנט דערציילן, ווען זי זאָל עס קענען טאָן. נאָר וויאַזוי? ליבער גאָט, וויאַזוי זאָל זי זיך עס דערלויבן?

אירע וויִעס זײַנען מיטאַמאָל רויט געוואָרן. די אויגן האָבן זיך אָנגעפּילט מיט טרערן.

— וואָס האָסטו צו מיר? — האָט זי מיט אַנגסטן געפרעגט, און איר שטים האָט זיך איבערגעריסן, — וואָס מאַטערסטו מיך? איך ווייס גאָרניט...

— וואָס זשע וויינסטו?

זי האָט מיט דער לינקער האַנט אַ וויש געטאָן די באַק, איבער וועלכער עס האָט זיך געקײַקלט אַ טרער, און זיך ביטערלעך צעשמייכלט.

— פאַראַן, זעליק, איבער וואָס צו וויינען...

ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז אויך איר האָט געטראָפן דער אומגליק, פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט געוויס אַ שײַכעס צו איר מאַן, און קורץ געפרעגט:

— מיינסט בינאַמינען?

— אומגעקומען... בינאַמין. איך האָב פון אים נאָר באַוויזן צו דערהאַלטן איין קורץ בריוועלע.

— יאָ, — איז זעליק מאַסקים געווען. — מיר אַלע האָבן פון וואָס צו וויינען, ווען איך ווייס נאָר, אַז טרערן קאָנען העלפן. — און ביידע זײַנען אַנשוויגן געוואָרן, האָבן לאַנג געשוויגן, ביזוואַנען ער האָט ווידער ניט געפרעגט, נאָר איצט שוין גאָר מיט אַן אַנדער שטימע. — נו, ווי לעבסטו?

— ווי דו זעסט. איך אַרבעט. לעב... וואָס דען קאָן מען טאָן?

פירן לענגער דעם שמועס האָט מען זיי ניט דערלאָזט. עס איז אָנגעקומען אַ באַן. דער זאַל איז פול געוואָרן מיט מענטשן, און ריווען איז אויסגעקומען אַוועקגיין צום בופעט.

ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָט זעליק גענומען זײַן פּעקל און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. דער פּלאַץ אַרום וואָקזאַל מיט די ביימער און איינשטאָקיקע אַלטע מויערן, אין וועלכע עס זײַנען פון טאָמיד אָן, זינט ער געדענקט, געווען קראָמען, איז געבליבן ניט געריירט. דער רעגן איז נאָך אַלץ געגאַנגען. נאָר דאָס שטעטל האָט ביסלעכווײַז דערוואַכט. עס האָבן זיך באַוויזן מענטשן. מע האָט געזען פאָרן ערשטע אויטאָבוסן.

זעליק איז געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג פון וואָקזאַל, געקוקט, ווי עס גיסט דער רעגן, און געטראַכט: אַוועקפאָרן ערגעץ אין עק וועלט און שוין. עס האָט אים דאָך עפּעס ניט דערלאָזט איבערצורײַסן די פעדעמער, וואָס האָבן אים געבונדן מיטן פאַרגאַנגענעם לעבן, מיט זײַן היים.

אַזוי שטייענדיק אין דרויסן, האָט אים געטראָפן ריווע, ווען זי האָט זיך באַפרײַט פון דער אַרבעט און זיך געלאָזט גיין אַהיים.

— איז וואָס טראַכסטו צו טאָן? — האָט זי אים געפרעגט.
— איך ווייס ניט.
— קום צו מיר. וועסט זיך א ביסל אָפּרוען און דערנאָך וועסטו זען, וואָס צו טאָן. — און זי האָט צוגעגעבן: — עמעס, איך בין ניט אליין. מיט מיר לעבט נאָך א שכיינע. נאָר עס מאַכט ניט אויס. מירן זיך ווי־ניט־איז אײַנמאָסטען...

# 3

שוין עטלעכע טעג, ווי זעליק פונדאַטער געפינט זיך אינעם היימישן שטעטל. נאָר ביז איצטער האָט ער נאָך ניט אויסגעטאָן פון זיך דעם שינעל, ניט אראָפּגענומען די פּאָגאָנעס.

ער אײַלט זיך ניט גיין אינעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט נעמען זיך אַפן דיסקאָנט אָדער אײַנאָרדענען זיך אַף ארבעט. ער שטייט אוף גאַנצפרי, גייט באַלד אוועק פון שטוב און דרייט זיך ארום איבער באַקאַנטע ערטער, וועלכע זײַנען אזוי פאַרענדערט געוואָרן, אז עס קומט אויס אָנצושטרענגען דעם זיקאָרן, קעדיי זיך דערמאָנען, וואָס דאָ איז פריִער געווען.

ער האָט בעקיוון נאָכאַמאָל באַטראַכט דאָס אָרט, ווו ער האָט זיך באַנאַכט ארײַנגעפּאַקט צווישן שטעכיקן דראָט. די סאָוועטישע גאַס איז געווען דערנעבן, אזוי ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. ער האָט בלויז געדאַרפט מאַכן עטלעכע טריט, וואָלט ער געפינען דעם וועג אהיים. אויך דאָס שטעכיקע דראָט האָט זיך ארויסגעוויזן צו זײַן א צוים פון עמעצנס א גאָרטן.

די ערד איז ביז איצטער געווען צעראַיעט און צעגראָבן, און עס האָבן זיך געוואַלגערט בערווענעס פון אופגעריסענע בלינדאַזשן, וועלכע זײַנען דאָ, אַפן גאָרטן, געווען.

ער האָט אויך באַזוכט דאָס אָרט, ווו ער איז אויסגעוואַקסן. שווײַגנדיקערהייט האָט ער באַטראַכט דאָס קופּקעלע ציגל פונעם אויוון, וואָס איז איבערגעבליבן ווי א זייכער פונעם לעבן, וואָס איז דאָ פריִער געווען. מיט א געוויסער פאַראַקשנטקײַט האָט ער מיטן שפּיץ פונעם שטיוול אויסגעגראָבן פון אונטערן אש א דעקל פון אַן עמאַלירטן טשײַניק און, אוועקגעשלײַדערט עס פון זיך, אוועקגעגאַנגען ווײַטער, זיך מער ניט אומקוקנדיק.

עס האָט זיך זעליקן געגלוסט ארײַן אין די וואַרשטאַטן פון עמטעעס, ווו ער האָט געאַר־בעט ביז דער מילכאָמע. דאָרטן וואָלט ער געוויס געטראָפן באַקאַנטע. ער האָט אָבער מוירע געהאַט פאַר איבעריקע רייד און איז אהינצו ניט געגאַנגען. ער האָט זיך ווידער אוועקגעלאָזט בלאָנדזשען איבערן שטעטל, באַזונדערס איבער דעם טייל, ווו עס זײַנען געשטאַנען די שולן, געווען דער מאַרק. איצטער זײַנען דאָ בלויז איבערגעבליבן וועגן, וווּ־ניט־ווו פאַרוואַקסענע מיט גראָז, וואָס האָבן זיך געצויגן אין אלע זײַטן און דערמאָנט די פריִערדיקע גאַסן.

באַטראַכטנדיק די נײַע הײַזלעך, וואָס זײַנען ווידער דאָ און דאָרט אופגעקומען, זיך אײַנ־קוקנדיק אין די פענעמער פון די מענטשן, האָט זיך זעליק אזוי לאַנג אומגעדרייט, ביזוואַנען ער האָט ניט אָנגעשפּאַרט צום ברעג פון דניעפּער, וואָס האָט געשמעקט מיט צעגאַנגענעם שניי, מיט סמאָלע און מיט לאָזע.

דער טײַך האָט זיך אינגאַנצן נאָך ניט געהאַט אָפּגערייניקט פונעם אײַז. אומעטום זײַנען געשווומען גרויסע שטיקער קריִע, מיט א קלינגערײַ אָנגעשפּרונגען איינע אַף די אַנדערע און, הילכיק קנאַלנדיק, ווי מיט האַרמאַטן, זיך צעבראָכן און אוועקגעטראָגן ווײַטער מיטן האַסטיקן שטראָם, מיטשלעפּנדיק מיט זיך אַלץ, וואָס האָט זיך געמאַכט אינעם וועג: ברעטער, מיסט, צווײַגן. פון דעם צווייטן ברעג האָט זיך געהערט א גערודער פון מאַשינעס, שטימען פון מענטשן. נאָר צוליבן נעפּל, וועלכער האָט זיך געהאַלטן איבערן טײַך, איז אומעגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן, וואָס דאָרטן קומט פאָר.

שטייענדיק אַפן ברעג פונעם ברייט צעגאָסענעם טײַך און הערנדיק א הודזשערײַ, האָט זעליק זיך אָנגעשטויסן, אז דאָס רוישן אזוי די קאַלווירטישע מאַשינעס, וועלכע האָבן זיך, געוויס, געלאָזט נאָך ברענשטאָף אָדער נאָך זריִע־פאָנדן צי נאָך רעזערוו־טיילן פאַרן רעמאָ־נענט. ער האָט זיך דערמאָנט אין יענער צײַט, ווען ער זעלבסט האָט געאַרבעט אלס טראַקטאָ־ריסט אין די קאָלווירטן אַף יענער זײַט טײַך און ווי פאַרזאָרגט און פאַרהאָוועט ער איז געווען, ווען מע האָט באַדאַרפט ארויסגיין זייען אין פעלד. איצטער איז ער אָבער נאָך אַלץ געווען אזוי ווײַט פונעם פרידלעכן לעבן, צו וועלכן ער האָט זיך באַנײַס באַדאַרפט צוגעװ־

ווינען, אז מינוטנווײַז האָט זיך אים אויסגעוויזן: ניין, ניט קיין קאָלווירטישע מאַשינעס גייען עס צום פּאַראָם, קעדיי אריבערפאָרן דעם טײַך, איבער וועלכן די דײַטשן האָבן, אָפּטרעטנדיק, אופגעריסן די בריקן, נאָר דאָס זאמלט מען קויכעס פאַר א שטורעם און עס וועט לאנג ניט געדויערן און מוירעדיקע קנאַלן פון הארמאַטן וועלן אופטרייסלען דעם ארום און פארשטעלן די זון מיט א רויך פון סרייפעס און אופרײַסן...

ביז איצט איז נאָך אין זעליקס נעשאָמע ניט געווען קיין רו. אין איין פעסטן קנופּ האָבן זיך איבערגעפלאָכטן זיכרוינעס פונעם פארגאנגענעם לעבן מיט דערמאָנונגען פונעם פּראָנט, ווו ער האָט אזוי אָפּט געבענקט נאָך דער היים און נאָך פרידלעכער ארבעט. עס האָט גע־דוכט, אז איצטער, ווען ער האָט זיך סאָפּקאָלסאָף אומגעקערט א לעבעדיקער פונעם גע־הענעם, וואָלט ער דאָך באַדארפט זײַן צופרידן. קיין פרייד האָט אים אָבער ניט געגומען. און, דערפילנדיק, אז ער איז שוין דערגאנגען צו דער העכסטער שטופע פון פארצווייפלונג, פון וועלכער מע דאַרף זיך ראַטעווען, אויב מע וויל אינגאנצן ניט פארלירן דעם גלויבן אינעם לעבן אף דער וועלט, אין דעם אייגענעם קיִעם, האָט זעליק מיט פארקלעמטע ציין צו זיך געזאָגט: „גענוג, סטאַרשינאַ! ביסט ניט איינער אזא, וועלכער האָט אלץ פארלאָרן. מע דאַרף זיך בארויִקן און לעבן ווײַטער. קיין אנדער אויסוועג איז ניט פאראַן”...

באַמיִענדיק זיך אליין אזוי אײַנריידן, האָט זעליק אָבער פארשטאַנען, אז אלץ איז ווײַט ניט אזוי פּראָסט. ער האָט געטראַכט וועגן איינס, און באַקומען האָט זיך גאָר עפּעס אנדערש. ער איז ניט בעקויעך געווען צו נעמען זיך עפּעס טאָן, גלײַך ווי ער וואָלט געווען אָן הענט. אָט האָט ער שוין געהאַט באַשלאָסן אײַנאָרדענען זיך אף ארבעט, און אָט האָט אים ווידער געגומען ציִען אוועקפאָרן פונדאַנען, וווהין די אויגן וועלן טראָגן, אבי ניט פארבלײַבן דאָ, ווו יעדע זאַך האָט אים דערמאָנט אין זײַן אומגליק.

איין זאַך האָט אים דערווײַל אָפּגעהאַלטן פון אָט דעם שריט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז ריווע ווייסט עפּעס וועגן זײַן מישפּאָכע און וויל אים ניט זאָגן. זי האָט אים ארײַנגענומען צו זיך אין שטוב. זי, האָט זעליק געפילט, וואָלט אפילע ניט געווען קעגן, ווען ער פאר־בלײַבט מיט איר אף שטענדיק. ניט געקוקט דערויף, איז זי דאָך ניט אינגאנצן אָפּנהאַרציק מיט אים. ער האָט עס געפילט פון דער ערשטער מינוט אָן, זינט זיי האָבן זיך געטראָפן אפן וואקזאַל, און אין דעם האָט ער זיך נאָך מער איבערצײַגט מיט א טאָג צוריק, ווען ער האָט, ליגנדיק אף זײַן לײַוונטן בעטל, צופעליק אונטערגעהערט דעם שמועס, וואָס די פרויען האָבן געפירט צווישן זיך אף דער קיך. די שכיינע האָט עפּעס איבערצײַגט ריווען, און יענע האָט זיך קעגנגעשטעלט: ניין און ניין... זי וועט גיכער שטאַרבן, נאָר זי וועט עס ניט טאָן. זי קען עס ניט טאָן... און זי האָט זיך דערבײַ פאנאנדערגעוויינט. שפּעטער, ווען ריווע איז ארײַנגעקומען אינעם צימער, האָט ער זי גראָדע געפרעגט, וואָס איז ווידער פאַר א געוויין. זי האָט זיך אָבער אויסגעדרייט פון געבן א קלאָרן ענטפער. זי האָט געפונען א טערעץ, אז זי האָט זיך דערמאָנט אין ביניאָמינען.

מיט א הילכיק קלאַפּערײַ האָט אָנגעהויבן ארבעטן די מאַשינע אפן בוקסיר, וואָס האָט געשלעפּט דעם פּאַראָם. דער שוואַכער מאָטאָר האָט זיך פארכלינעט פאר גרויס פלײַסיקײַט און באלד ווידער גענומען טראַסקען מיט אימפּעט. עס איז קלאָר געווען, אז דאָס האָט דער פּאַראָם זיך שוין געריסט פונעם אָרט. און זעליק האָט צורעכט געמאַכט אף זיך דעם שינעל: אפן פּאַראָם האָבן געקענט זײַן באַקענטע קאָלווירטלער, און ער האָט ניט געוואָלט, אז זיי זאָלן זיך אָנשטויסן, וואָס ער לעבט איבער.

צווישן די שטיקער נעפּל, וואָס האָבן זיך גענומען פאַנאַנדערגיין, האָט זיך באַוויזן א זײַט פונעם פּאַראָם, אָן אָנגעלאָדענער מיט מאַשינעס, פערד און מענטשן. דער האַסטיקער שטראָם האָט אים אָפּגעטראָגן אין א זײַט, און דעם מאָטאָריסט פונעם בוקסיר איז אויסגע־קומען אָנצווווענדן גרויס מי, אז דער פּאַראָם זאָל צושטיין צום בריקל.

אָט האָט שוין דער פּאַראָמשטשיק אריבערגעוואָרפן א שטריק צו די, וועלכע האָבן זיך געפונען אפן בריקל. זיי האָבן אים גערן אונטערגעכאַפּט און אָנגעהויבן צוציִען צו זיך דעם פּאַראָם, אף וועלכן אלע האָבן זיך א באַוועג געטאָן, גרייטע אראָפּצושטײַגן.

אלץ איז געגאנגען ווי עס באַדאַרף צו זײַן, ביזוואַנען מע האָט זיך ניט באַדאַרפט נעמען פאַר די פורן. מוירע האָבנדיק פאַרן פּאַסיקל וואַסער, וואָס האָט געשווינדלט צווישן דעם פּאַראָם און דעם בריקל, האָט זיך א פערד אײַנגעשפּאַרט און ווײַטער ניט געוואָלט גיין. אומ־זיסט האָט מען עס געגלעט איבערן האַלדז און אָנגערופן מיט קאָלערליי צאַרטע נעמען, אײַנ־ריידנדיק, אז עס זאָל זיך ניט שרעקן. „נו, טײַערע! נו, שיינהײַט מײַנע!” די שיינהײַט האָט זיך גענומען רוקן אף צוריק אזוי, אז דער כאָמוט איז דעם ארופגעקראָכן אפן קאָפּ, האָט פארצוימט אלעמען דעם וועג און, כאָטש שנײַד פון דעם פּאַסן — ניט אהער און ניט אהין.

און אפן ברעג האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט נײַע פורן און מאַשינעס. עס איז פרילינג־צײַט, ערעוו דעם פאַרזיי. באַ אַלעמען ברענט. די שאָפערן האָבן גענומען פײַפן און דערמיט נאָך פאַרגרעסערט דעם טומל.

מיט גוואַלד האָט מען אַראָפּגעשטופּט די אָקשנטע פונעם פּראָם. דערפילנדיק די ערד אונטער די פיס, איז דאָס פערד געקומען צו־זיך, האָט זיך פרײלעך אַ לאָז געגעבן אַרויף דעם ברעג, און נאָך אים — אַלע איבעריקע פורן. עס האָט געדויערט געציילטע מינוטן, און אויפן פּראָם איז קיינער ניט איבערגעבליבן, אויסער דעם פּראָמשטשיק און איינעם אַ יונגערמאַן מיט זײַן מאָטאָציקל.

מער שטיין אַזוי האָט קיין זין ניט געהאַט. זעליק האָט שוין געמעגט אַוועקגיין. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז, אונטערהינקענדיק, אַוועקגעגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן אַלע זײַנען אַוועק.

זעליק האָט ניט געוווּסט, וואָס וואָלט אים צוגעקומען דערפון, ווען ער באַגעגנט לעבן פּראָם באַקענטע. נאָר דאָס, וואָס אַלע זײַנען דורך פאַרבײַ און אים ניט באַמערקט, האָט אים פאַרדראָסן. ער האָט זיך דערפילט, ווי אין דער פרעמד, איינזאַם.

ער איז געגאַנגען מיטן וועג, ניט לייגנדיק קיין שום אַכט אויף דעם, וואָס הינטער אים הערט זיך דער גערודער פונעם מאָטאָציקל. מעכאַניש האָט ער בלויז אָפּגעטראָטן עטוואָס אין אַ זײַט, בייס דער מאָטאָציקל האָט אים אָנגעיאָגט. אַ לעבעדיק פײַערל האָט זיך אָנגעצונדן אין זײַנע אויגן, גלײַך ער וואָלט דערזען אַ באַקענטן, ווען פאַרבײַ אים איז דורכגעפלויגן דער מאָטאָציקליסט אין שוואַרצע ברילן און מיט אַ פעלד־טאַש אויף אַ זײַט. זעליק האָט אַפילע געהאַט אויפגעהויבן די האַנט, קעדיי אָפּצושטעלן יענעם. דער יונגערמאַן האָט זיך אָבער דורכגעטראָגן, ווי אַ ווינט, און גאָרניט באַמערקט.

ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויך דעמלט, ווען ניט ווײַט פונעם טײַך, אויף דעם אָרט, ווו פריִער איז געווען דער מאַרק און עס איז שטענדיק געשטאַנען אַ געפּילדער, האָט ער דערזען, וויאַזוי מענטשן מעסטן דעם פּלאַץ, אַרײַנקלאַפּנדיק פּלעקלעך אין דער ערד. ער איז זייער נײַגעריק געווען צו וויסן, וואָס, אַשטייגער, קלײַבט מען זיך דאָ צו בויען. ער איז אָבער ניט צוגעגאַנגען פרעגן.

ווען אין עטלעכע רעגעס אַרום איז ווידער פון ערגעץ אַרויסגעפלויגן דער זעלבער מאָטאָציקליסט, איבערגעשניטן אים דעם וועג און, דערזען אים, געבליבן שטיין, האָט זעליק ניט אַרויסגעוויזן קיין כײשעק צו פאַרפירן אַ רייד מיטן יונגנמאַן, כאָטש ער האָט שוין געוווּסט, אַז פאַר אים שטייט אַנטאָנאָוו, זײַנער אַן אַלטער גוטערברודער, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען זיך געלערנט אויף קורסן פון טראַקטאָריסטן און דערנאָך צוזאַמען געאַרבעט. דאָס ערשטע, וואָס איז אים געקומען אויפן זינען, בייס ער האָט דערזען אַנטאָנאָוון, איז געווען: „ער וועט פרעגן וועגן מײַן מישפּאָכע, צי ניין?״

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים ניט געלאָזט רוען און בעמיילע שוין אויך געווירקט אויף דעם ווײַטערדיקן שמועס, וואָס זיי האָבן, גייענדיק, געפירט צווישן זיך.

— וועסט רײַך ווערן, — האָט אַנטאָנאָוו געזאָגט פרײַנטלעך, זיך באַגריסנדיק מיט זע־ליקן, — איך האָב דיך גאָרניט דערקענט.

„ניין, ער וועט ניט פרעגן״, — האָט זעליק באַשלאָסן, ניט וויסנדיק אַליין, וואָס וואָלט ער געוואָלט, אַז יענער זאָל מיט זײַנע פראַגן אָנרירן זײַנע נאָך ניט פאַרהיילטע ווונדן אָדער בעסער וואָלט געווען, ווען אַנטאָנאָוו דערמאָנט ניט קיין זאַך.

— מיר האָט באַריס אָקון איבערגעגעבן, אַז דו ביסט געקומען צו פאָרן, — האָט ווידער אָנגעהויבן אַנטאָנאָוו, פילנדיק, ווי צווישן זיי שטייט עפּעס, ווי אַ מעכיצע, און שטערט זיי צו זײַן אַזוי אָפנהאַרציק, ווי זיי זײַנען פריִער געווען.

— באַריס איז דאָ?

— מיר זײַנען צוזאַמען מיט אים געווען פּאַרטיזאַנער און צוזאַמען זיך אומגעקערט אַהיים. איצט פירט ער אָן מיט די וואַרשטאַטן פון עמטעעס. קענסט דאָך באַריסן, אַ גאָלדע־נער אַרבעטער. נאָר מיט אַ שטיקל מעשוגאַס אין קאָפּ. ער וויל, אַז מע זאָל אים באַפרײַען פון דער אַרבעט. ער האַלט אַלץ אין איין טײַנעז: „איך קען ניט אָנפירן מיט קיין מענטשן. שטעלט מיך אַוועק צו דער מאַשין״. און עס קען זײַן, אַז מע וואָלט אים באַדאַרפט באַפרײַען. דער מענטש לעבט שטאַרק איבער דערפון, וואָס ער האָט פון זײַן מישפּאָכע קיינעם ניט גע־פונען. נאָר מיט וועמען פאַרבײַט מען אים?

— הייסט עס, אַז אויך באַריס איז געבליבן אַליין, — האָט זעליק באַשטעטיקט און זיך פאַרטראַכט.

זיי זײַנען ביידע אנשוויגן געוואָרן.

— אנטשולדיק מיר, וואָס איך האָב אָנגערירט די אָנגעווייטעקטע פראַגע. איך האָב דיך גאָרניט געוואָלט פרעגן. איך ווייס שוין אַלץ אַליין. נאָר פונעם לעבן ווײסטו דאָך ניט אוועק־גיין. זאָג מיר, וואָס קלערסטו טאָן? עפשער וואָלסטו אויך אוועק אַרבעטן אין עמטעעס. די טעג איז געווען בא אונדז, אין ראַיקאָם פון פאַרטיי, דער דירעקטאָר פון עמטעעס. ער וויינט מיט ביטערע טרערן, אַז עס איז ניטאָ מיט וועמען צו אַרבעטן.

— דערווײַל וועל איך צוװאַרטן.

— וואָס איז דען?

— איך וויל זיך אַ ביסל אָפּרוען.

— עפשער וואָלסטו גאָר געפאָרן אַף קוראָרט?

— עס וואָלט אוודאי ניט געשאַדט צו פאָרן אַף קוראָרט. וואָס דען, איך האָב ניט פאַר־דינט?

— פאַרדינט האָסטו ערלעך. דאָס ביסטו גערעכט. איך געדענק ניט, ווער האָט עס געזאָגט: „שוין דערפאַר אַליין, וואָס מיר זײַנען געבליבן לעבן, קומט, אַז מע זאָל אונדז באַלוינען".

און מיטאַמאָל ניט אויסגעהאַלטן און זיך צעלאַכט אַזוי, אַז זעליק האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם.

— וואָס קוועלסטו?

— פון זיך לאַך איך. ווען מע האָט פאַנאַנדערגעלאָזט אונדזער בריגאַדע, האָב איך אויך אַזוי, ווי דו, געטראַכט: איך וועל פאָרן אַף קוראָרט, וועל זיך באָדן אין יאַם, זיך וואַרעמען אַף דער זון. נאָר אָט האָט מען מיך אַרויסגערופן אין ראַיקאָם פון פאַרטיי און געגעבן אַזאַ מין קוראָרט, אַז איך באָד זיך ביז איצטער... יעדע זאַך קומט אָן מיט גרויסע שוועריקײַטן, אַרבעטן איז ניטאָ מיט וועמען. טראַקטאָרן פעלן. עס קומט ווייסנע, איז בלוט פון דער נאָז. נאָר דעם פלאַן פונעם פאַרזיי פיל אויס. און איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, אַז ווען מען שיקט מיך ערגעץ זיך אָפּרוען, וואָלט איך זיך איצטער אָפּגעזאָגט. אָט אַזוי, בראַטאָק, איך אייַצע דיר: דערווײַל וואַרף אַרויס פונעם קאָפּ אַלע קוראָרטן. קום צו גיין אין ראַיקאָם, און מיר וועלן אַ טראַכט טאָן, וווהין שיקן דיך אַף אַרבעט.

— לאַדנאָ. מיר וועלן זען.

— ניט לאַדנאָ. נאָר קום צו גיין. איך וועל אַף דיר וואַרטן.

זעליק האָט געשוויגן, און אָט אַזוי זײַנען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, ניט אויסדער־ציילנדיק איינער פאַרן אַנדערן אפילע אַ צענטכיילעק פון דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט און געקענט דערציילן...

# 4

אַף מאָרגן איז זעליק פונדעסטוועגן ניט אוועקגעגאַנגען אין ראַיקאָם פון פאַרטיי, ווי עס האָט אים פאָרגעלייגט אַנטאָנאָוו, נאָר אין די וואַרשטאַטן פון עמטעעס, קעדיי זיך זען מיט באַריסן, און דער גאַנצער וועג, וואָס עס האָט געדויערט, ביז ער איז אַהינצו געקומען, האָט ער אַלץ געטראַכט וועגן ריווען, וועגן באַריסן און וועגן די אַלע, וועלכע האָבן זיך ווידער אומגעקערט אַף די היימישע ערטער, ניט שרעקנדיק זיך פאַר קיין שוועריקײַטן. ער האָט זיך אַליין פאַרגעבן אַ פראַגע: וואָס האָט געטריבן די אַלע מענטשן, וועלכע האָבן קיין איין גוטן טאָג ניט געזען פאַר דער גאַנצער צײַט, זינט עס דויערט די מילכאָמע, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן אַף די כורווס פון זייער לעבן? זיכרוינעס וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט, פון וועלכע זיי זײַנען ניט אימשטאַנד זיך באַפרײַען, אָדער אַף צולאָכעס אַלעמען ווידער צו באַזעצן זיך אַף די ערטער, וועלכע זײַנען צערוי̈נירט געוואָרן?

זעענדיק, וויאַזוי אײַנגעשפאַרט מענטשן האָרען, קעדיי אופצושטעלן נײַע הײַזער אַף דעם אָרט פון די כאָרעוו געוואָרענע, וויאַזוי מע שלעפּט אַף זיך אַלץ, וואָס עס טויג נאָר אַף אַרײַנצולייגן אין די ווענט, האָט זעליק ניט ווילנדיק אַ קלער געטאָן, אַז אויך ער וואָלט באַ־דאַרפט נעמען קרעדיטן און אופשטעלן זיך אַ שטיבל, וואָרעם איין מענטש ניטיקט זיך אויך אין אַ דאַך איבערן קאָפּ.

געקומען אַף דער טעריטאָריע פון עמטעעס, האָט זעליק באַמערקט, אַז די ווײַסע, לאַנגע געבײַדע פון די וואַרשטאַטן איז קימאַט געבליבן ווי געווען, אויב ניט רעכענען דאָס, וואָס

טיילוויַיז איז זי געשטאַנען אָן א דאַך און די ווענט העכער די פענצטער זײַנען געווען אָפּגעסמאַליעט און פאַרייכערט — א סימען, אַז אויך די וואַרשטאַטן האָט די מילכאָמע ניט אויסגעמיטן. ניט געקוקט דערויף, האָט דאָ אַלץ געלעבט. פון די פענצטער, פאַרקלאַפּטע מיט דיקט, האָט זיך געטראָגן א פרייליך־גריליצנדיקער גערויש פון מעטאַל, אין וועלכן עס שנײַדט זיך אײַן דאָס מעסער פון א טאָקער־ווערקשטעל, און אַלץ אַרום האָט זיך ווי באַרימט:

— איר זעט, אַזויפיל אומגליקן איז אונדז אויסגעקומען אויסצושטיין, און מיר לעבן ווידער.

באָריסן האָט זעליק באַמערקט נאָך פון ווײַטן. יענער איז געשטאַנען און געאַרבעט בא א טאָקער־ווערקשטעל. א פאַרטאָגענער איז ער געשטאַנען בא דער מאַשין, אין א פאַרשמאָלצן קורץ כאַלאַט.

זעליק האָט אים א רוף געטאָן. נאָר איבערן טומל האָט ער גאָרניט געהערט. ער איז געשטאַנען, ווי פריִער, בא דער מאַשין, און פון אונטער זײַנע הענט האָט זיך געשלענגלט און געדרייט, ווי א לעבעדיקע, א צעגליטע מעטאַלענע טאַשמע.

ערשט דעמלט, ווען באָריס האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין, גענומען ווישן די הענט אין פאַקליע, האָט ער דערזען זעליקן און זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים. זיי האָבן זיך צעקושט.

— וואָס איז, נאַטשאַלניטשעק,— האָט זעליק געפרעגט, — האָסט מער ניט וואָס צו טאָן, ווי אַרבעטן בא דער מאַשין?

— ברודער מײַנער, וואָס בין איך פאַר א נאַטשאַלניק? איך בעט די גאַנצע צײַט, אַז מע זאָל מיך אומקערן צוריק צו דער מאַשין. איך קען ניט אָנפירן מיט קיין מענטשן. און איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, — האָט זיך באָריס אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט ניט, — קיין עכטע אַרבעטער זײַנען אין עמטעס ניטאָ, און אויב דו וועסט אַליין עפּעס ניט טאָן... נו, מיילע, גענוג צו ריידן וועגן מיר. דערצייל בעסער, וואָס מאַכסטו?

— ווי דו זעסט. איך לעב. און ווי גייט עס דיר?

— איך לעב אויך...

דער שמועס צווישן זיי האָט זיך ניט געקלעפּט. זעליק האָט געקוקט פון א זײַט אויף באָריסן, וועלכער איז געשטאַנען און לאַנגזאַם, ווי זײַן שטייגער איז, געווישט די הענט. ער האָט זיך קלאָר גאָרניט געענדערט, באָריס. בלויז בא די שלייפן האָבן זיך באַוויזן גראָווע האָר. און זעליק האָט ווידער א טראַכט געטאָן וועגן דעם, וויפל קויכעס האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן, קעדיי ניט אײַנברעכן זיך אונטערן שווערן אָל פון גרויסע צאָרעס. ווײַזט אויס, אַז עס איז ניטאָ קיין שיר צו דעם, וואָס א מענטש קען אַריבערטראָגן.

— נו, וואָס שווײַגסטו? — האָט ער געפרעגט באָריסן.

— און וואָס איז דאָ צו ריידן? איך בין שטאַרק צופרידן, וואָס איך האָב דיך דערזען.

— פון דײַנע האָסטו קיינעם ניט געפונען?

— פאַרשפּאָרט צו זוכן.

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי?

— איך מיין ניט. איך ווייס זיכער, אַז מע האָט זיי דאָ אומגעבראַכט, — און באָריס האָט אָנגעהויבן דערציילן, ווי ער וואָלט זיך באַדאַרפט מיט עפּעס פאַרענטפערן.— ווען איך בין אוועקגעגאַנגען אין וואַלד, האָב איך זיי דאָ איבערגעלאָזט. איך האָב געמיינט, אַז זײַענדיק בא די פאַרטיזאַנער, וועט זיך מיר אײַנגעבן זיי צו ראַטעווען. נאָר צום גרויסן אומגליק איז אונדזער אָטריאַד געצווונגען געווען איבערגיין אין די פּאָלעסיער וועלדער, און ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהער, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. אָט אַזוי, ברודער מײַנער. נו, און דו וואָס, האָסט אויך קיינעם ניט אָפּגעזוכט?

— קיינעם ניט.

— וואָס טראַכסטו צו טאָן?

— איך ווייס ניט. איך וויל ערגעץ אוועקפאָרן.

— וווּהין? די ערשטע צײַט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון וואַלד, האָב איך אויך אַזוי געקלערט. פון זיך וועסטו אָבער אין ערגעץ ניט אַנטלויפן.

— פאַרשטייט זיך, — האָט זעליק צוגעשאָקלט מיט א געפאַלענער שטים.

ריידנדיק אַזוי, זײַנען זיי אַרויסגעקומען אין הויף, וווּ עס זײַנען געשטאַנען פאַרשיידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס און פורן. זעליק האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַפּסנײַ באַהעפטן מיט דעם אַלעמען, פון וואָס די מילכאָמע האָט אים אַזוי אומגעריכט אָפּגעריסן.

— וואָס ביסטו געווען אין דער אַרמיי? — איז באָריס נײַגעריק געווען צו וויסן.

— ווי דו זעסט, א סטאַרשינאַ פון א ראָטע.

— דאָס איז שוין עפּעס. און איך בין געווען א פּראָסטער פּאַרטיזאַנער. עמעס, איך האָב אָנטיילגענומען אין שלאַכט־אָפּעראַציעס, בין געגאַנגען אף דיווערסיעס צום אײַזנבאַן־וועג. מע האָט מיך אפילע צוגעשטעלט אף צו באַלוינען מיט אן אָרדען. נאָר מײַנע פּאַפּירן זײַנען גע־בליבן ערגעץ שטעקן. און דיך האָט מען באַלוינט מיט עפּעס?

— מיט עפּעס באַלוינט. — און זעליק האָט ווי ניט גערן צעשפּיליעט דעם שינעל.

— אָהאָ! — האָט באָריס א מאַך געטאָן. — א פײַנער עפּעס. און פונדעסטוועגן האַלט איך, אַז די העכסטע באַלוינונג איז דאָס געלע פּאַסיקל. יאָ. האָסט גראַדע פאַרדינט, אַז מע זאָל דיך אײַנאָרדענען אף א וויכטיקער אַרבעט.

— און וואָס וועסטו זאָגן, אַז איך וועל קומען אַרבעטן צו אײַך?

— ברודער מײַנער, אַדעראַבע. עס וועט מיך נאָר פרייען. דער דירעקטאָר איז בא אונדז א לײַטישער מענטש. ער וועט דיר געבן די בעסטע אַרבעט. ווילסט, קענסטו גיין פאַר א הויפּט־מעכאַניקער. מיר וועט נאָר פריילעכער זײַן, ווען דו וועסט זײַן דאָ. ביז וואָס־ווען קענסטו זײַן בא מיר. און דערנאָך, ווי נאָר מע וועט באַפרײַען אונדזער שטוב, ווו עס וווינען זײַטיקע מענטשן, וועסטו באַקומען א צימער.

ווען זיי האָבן דורכגעשפּאַנט דעם גרויסן, מיט זון באַגאָסענעם הויף און זײַנען צוגע־גאַנגען צו דער געבײַדע פון עמטעס, איז זיי אַנטקעגן געקומען א מיידל פון א יאָר פערצן־פופצן אין א ווײַסן וואָלענעם סוויטער. זי איז געגאַנגען מיט א פּוסטן עמער נאָך וואַסער צום ברונעם. ניט וויסנדיק אליין, מיט וואָס נאָר זי האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמ־קײַט, האָט זעליק באָריסן א פרעג געטאָן, ווער דאָס מיידל איז. יענער האָט זיך א קנייטש געגעבן:

— דאָס איז פון די שכיינים, וואָס דאַרפן זיך אַרויסקלײַבן.

זעליק האָט געוואָלט אַוועקגיין. ער האָט דערלאַנגט באָריסן די האַנט. נאָר באָריס האָט אים ניט געוואָלט אַזוי גיך אָפּלאָזן.

— דו ווייסט, — האָט ער געזאָגט, — קום אָקאָרשט אַרײַן אף א ווײַלע צו מיר. האָסט ניט וואָס צו אײַלן. מירן איבערבײַסן און זיך דורכשמועסן א ביסל.

און זיי זײַנען צוזאַמען אַרײַנגעקומען אין שטוב.

צוגעגרייט אָפּדערגיך וואָס צו עסן, האָט באָריס דערלאַנגט פון שאַפּקעלע א פלאַש סאַ־מאַהאָן, וואָס עס האָט אים געבראַכט פון דאָרף א באַקאַנטער טראַקטאָריסט, און זיי האָבן גענומען צו קאָפּעלען.

זיצנדיק א דערוואַרעמטער, נאָכן ביסל בראַנפן, באַם טיש, האָט זיך זעליקן פאַרגלוסט אויסריידן א ביסל דאָס האַרץ.

— און איך... — האָט ער אָנגעהויבן, — קען זיך אַלץ ניט באַשליסן, וואָס צו טאָן. פאַרשטייסט, ווען איך בין געווען אפן פראָנט, האָב איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן מירעלען מיטן קינד. נאָר דאָרטן איז אָפטמאָל פּאַשעט ניט געווען קיין צײַט אף צו טראַכטן. אָפט האָט מען אפילע פאַרגעסן אין זיך אליין. נאָר אָט בין איך געקומען אהער, און אַלץ אין מיר האָט זיך איבערגעדרייט. וויאַזוי לעבט מען, באָריס? וויאַזוי לעבט מען ווײַטער? — און זעליק האָט אוועקגעדרייט דאָס פּאָנעם אין א זײַט, ער האָט דערפילט, אַז עס שטיקט אים אין האַלדז.

אין צימער איז געוואָרן שטיל. מע האָט דערהערט, וויאַזוי הינטער דער וואַנט, בא די שכיינים, שפּילט די ראַדיאָ.

— זעליק, ברודער מײַנער, וועסט גאָרניט צוטראַכטן. מע דאַרף לעבן. מע דאַרף אַרבעטן און לעבן. קיין אַנדער אויסוועג האָבן מיר ניט.

דעם זעלבן טאָג נאָך איז זעליק אַוועקגעגאַנגען אין ראַיקאָם פון פּאַרטיי, און אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים געקענט זען אַריבערפאָרן אף א מאַשין מיטן פּראָם איבערן דניע־פּער. ער איז אַוועקגעפאָרן אין זײַן ערשטער רײַזע איבער די קאָלווירטן אלס הויפּט־מעכאַני־קער פון עמטעס.

דער וועג איז געווען א שלעכטער, אומעטום זײַנען געשטאַנען בלאָטעס. עס איז געגאַנ־גען א רעגן. און דאָך האָט מען אין אַלץ געפילט, אַז דער פרילינג איז דאָ און אָט־אָט וועט מען דאַרפן צוטרעטן צום פאַרזיי.

די מאַשין, אין וועלכער עס איז געפאָרן זעליק, איז געפלויגן, צעשפּריצנדיק די בלאָטע. זעליק האָט שווײַגנדיק גערייכערט און געקוקט פאָרויס, אפן וועג, וואָס האָט זיך געצײַלט אַנטקעגן אין נעץ און אין רעגן.

# 5

ווי א מענטש, וואָס וויל בעקיוון זיך פאַרטומלען דעם קאָפּ, קעדיי צו פאַרגעסן אין אַלע זייַנע צאָרעס, האָט זיך זעליק מיט פלייַס אַרייַנגעטאָן אין דער אַרבעט. ניט לייַכט איז אים געווען באַשליסן בא זיך איבערצובלייַבן אינעם היימישן שטעטל. נאָר קוים האָט ער דערזען, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז ניט פאַראַן, האָט ער זיך ווידער פאַרוואַנדלט אין דעם זעלבן סטאַרשינאַ פונדאַטער, וועלכער פלעגט ניט וויסן פון קיין רו, ביזוואַנען ער האָט מיט אַלעם ניייטיקן ניט באַזאָרגט און באַוואָרנט זייַן ראָטע. אפילע דעמלט, ווען אַלע זייַנע סאָלדאַטן האָבן זיך וווילגעטאָן, איז ער נאָך אַלץ געווען אויף, פאַרזאָרגט און פאַרהאַוועט.

די מילכאָמע האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן, און איר ווירקונג האָט זיך געפילט אין אַלץ. פיל זאַכן, אָן וועלכע מע האָט ניט געקענט אויסקומען, איז אומעגלעך געווען צו קריגן. די לאַגע איז נאָך שווערער געווען דערמיט, וואָס צו דער קנאַפער צאָל טראַקטאָרן, וועלכע די עמטעס האָט פאַרמאָגט, האָבן אויסגעפעלט רעזערוו־טיילן. מיטן רעמאָנט איז מען אָפּגעשטאַנען, כאָטש הייַנט־מאָרגן האָט מען באַדאַרפט אַרויסגיין אין פעלד זייען. מע האָט געמוזט אַרויסווייַזן בעריעשאַפט, און זעליק האָט אָנגעשפאַרט אין פאַרשיידענע ערטער פונעם ראַיאָן — ער האָט געזוכט דאָס, אין וואָס ער האָט זיך גענייטיקט. זייַן מאַשין האָט מען געקענט זען בא די קוזניעס, לעבן „סעלכאָזסנאַב". ער איז געקומען צו פאָרן צו דער אייַזנבאַן־דעפּאָ און דאָרט אויסגעבעטלט אָפּגעניצטע רעסאָרן פון וואַגאָנען, פון וועלכע ער האָט בא זיך אין די וואַרשטאַטן געמאַכט טיילן צו די טראַקטאָרן.

ער איז ניט איין מאָל געפאָרן אין האָמעל, אינעם געגנטלעכן צענטער, קעדיי דאָרטן עפּעס אַרויסרייַסן פון דעפיציטע מאַטעריאַלן.

זעליק האָט זיך אויך ניט געשעמט צו ראַיען אין די בערג פונעם אַרויסגעוואָרפענעם מעטאַל־בּרוך, טאָמער וועט ער דאָרטן געפינען אַזוינס, וואָס קאָן אים צוניץ קומען.

די מילכאָמע האָט אים אויסגעלערנט צו זייַן אייַנגעשפאַרט, און דאַן, בייס בא א צווייטן וואָלטן זיך ניט געלייגט די הענט, האָט ער זיך ניט פאַרלאָרן.

אומקערנדיק זיך א מידער אַהיים, צו באָריסן, מיט וועלכן ער האָט געלעבט צוזאַמען, האָט ער זיך אָפּט קוים דערקליבן צו זייַן געלעגער און איז באַלד אייַנגעשלאָפן, ניט זעענדיק קיין כאַלוימעס און ניט פאָרשטעלנדיק זיך, אָף וועלכער וועלט ער איז.

ניט בעסער, ווי מיט מאַטעריאַלן און טיילן פאַרן רעמאָנט פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, איז אויך געווען מיט קאַדרען. די בעסטע אַרבעטער האָבן זיך געפונען אָפן פראָנט. אין עמטעס האָבן געאַרבעט קינדער.

איינעם א טאָג האָט ער באַשלאָסן אַרייַנצוגיין צו די שכיינים, וועלכע האָבן געוווינט הינטער דער וואַנט. געגאַנגען אַהין איז ער ניט דערפאַר, וואָס אים האָט זיך געוואָלט עטוואָס צעשטרייען, נאָר גאָר מיט אַן אַנדער קאַוואָנע. פון עוואַקואַציע האָט זיך אומגעקערט א געניטער טאָקער, אין וועלכן מע האָט זיך שטאַרק גענייטיקט אין עמטעס. דער מענטש האָט אָבער געשטעלט א באַדינג, אַז ער וועט גיין אַרבעטן נאָר דאַן, ווען מע וועט אים געבן א צימער. זיך דערוווּסט וועגן דעם, איז זעליק אַוועקגעלאָפן צום דירעקטאָר, און יענער האָט אים באַפולמעכטיקט זיך דורכגיין איבער דער געבייַדע פון עמטעס, אין וועלכער עס האָבן ביז איצט נאָך געלעבט מענטשן, וואָס האָבן קיין שום שייַכעס ניט געהאַט צו זייער אונטערנעמונג. דער דירעקטאָר האָט געהאַט בעדייע עמעצן פון די שכיינים מאַכן ענגער און אַזוי אַרום אויסמאַרקירן א צימערל פאַרן טאָקער. אויסער אַלץ, האָט זעליק אַליין זיך אויך גענייטיקט אין א ווינקל, און ער האָט געוואָלט דערגיין, ווי לאַנג וועט אים אויסקומען צו וואַרטן.

פון באָריסן האָט זעליק געהערט, אַז הינטער דער וואַנט לעבט א לערערן, וועלכע אַרבעט אין שול, און צוזאַמען מיט איר — יענץ מיידל, וואָס ער האָט אַנומלטן געזען גיין צום ברונעם נאָך וואַסער. א שוועסטערל דער לערערנס אָדער עפּעס א פרייַנט. די לערערן האָט זעליק נאָך קימאַט ווי ניט געקענט. בלויז איין מאָל האָט ער זי געהאַט באַגעגנט, ווען יענע איז געגאַנגען אינדערפרי אין שול. זי האָט אייַלנדיק געשפּאַנט, אויסמייַדנדיק די בלאָטעס, מיט א פולגעפּאַקטן פאָרטפעל אין דער האַנט. ער האָט זי דעמלט אפילע רעכט ניט באַוויזן אָנצוקוקן. לויטן ערשטן בליק האָט ער אָבער געמאַכט אַן אויספיר: א פייַנע פרוי. נאָך ניט קיין אַלטע...

זעליק איז ניט זיכער געווען, צי ער וועט טרעפן די לערערן. ער האָט בא זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווי עס זאָל ניט זייַן, באַדאַרף ער זיך אויפירן אָפיציעל, ווי א פאָרשטייער פון עמטעס.

אויב די לערערן וועט ניט זײַן אין דער היים, וועט ער לעכאַלהאַפאַכעס באַטראַכטן דעם צימער און זיך דערוויסן, וואָס מע קען טאָן.

אַנגעקלאַפּט אין טיר און דערהערט א קאָל, וואָס האָט אים דערלויבט אַרײַנקומען, איז זעליק אַריבערגעטראָטן די שוועל. אינעם צימער איז געווען דאָס מיידל. אַף זײַן „גוט־אָוונט" האָט זי אים אָפּגעענטפערט ניט גערן, ניט אײַנגעלאַדן אים זיך זעצן. זי איז געשטאַנען און געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. און כאָטש זעליק איז ניט געווען פון די מענטשן, וועלכע באַליידיקן זיך באַלד, טאָמער רירט מען אָן זייער קאָוועד, איז אים פונדעסטוועגן אומהיימלעך געוואָרן.

— איר זײַנט אליין אין שטוב? — האָט ער געפרעגט.

— אליין.

— און ווּ איז אײַער שוועסטער, אָדער... — ער האָט ניט געוווּסט וויאַזוי אָנצורופן די לערערן.

— זי איז נאָך ניט געקומען פון שול.

— זי וועט באַלד קומען?

— איך ווייס ניט.

אָט אַזוי, זיך דורכוואָרפנדיק מיט קורצע פראַזן, האָט זעליק איינצײַטיק באַטראַכט דעם צימער. די פענצטער זײַנען געווען פאַרצויגן מיט ביליקע פאָרהענגלעך. עטלעכע ריטעלעך מיט פרי־צעפּוקעטע קנאָספּן פון ווערבע זײַנען געשטאַנען אין א גלאָז וואַסער אַף דער עטאַזשערקע. דער צימער אליין איז דאָך ניט קיין גרויסער. דאָס אָפּגענוצטע מעבל, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי בעטן, א טיש, א שאַפע און עטלעכע בענקלעך, האָט ניט איבערגעלאָזט קיין ברעקל פרײַ פּלאַץ. אַזוי אַז עס האָט דאָ קיין שום רייד ניט געקענט זײַן וועגן ענגער מאַכן די שכיינים. דערפילנדיק א געוויסע דערלײַכטערונג דערפון, וואָס אים וועט ניט אויסקומען זיך פאַרנעמען מיט אזא ניט אײַנגענעמענעם איניען, האָט זעליק פרײַער אָפּגעעטעמט.

לויט דעם, ווי ניט גערן דאָס מיידל האָט אים באַגעגנט, האָט זעליק פאַרשטאַנען, אַז עס וואָלט עפּשער געווען גלײַכער, ווען ער גייט איצטער אַוועק און קומט צו גיין א צווייט מאָל, בײַס עס וועט זײַן די לערערן. נאָר וויבאַלד ער איז שוין דאָ געווען, האָט זיך אים ניט געוואָלט אַוועקגיין. עפּעס טשיקאַווּעס איז געווען אינעם בייזן מיידל, און ער האָט זי ניט אויפגעהערט צו באַטראַכטן.

זי איז אַלץ געשטאַנען מיטן ביכל אין די הענט, פאַרלייגט א פינגער אַף דעם אָרט, אַף וועלכן ער האָט זי געטראָפן לייענען, און געוואַרט, ער זאָל אַוועקגיין. און זעליק האָט באַשלאָסן בא זיך: איינס פון די ביידע — אָדער דאָס מיידל איז בעטעווע א שלעכטע, א מאַרשאַס, אָדער מע האָט איר שוין באַוויזן אַזוי אָנזאַליען אַפן האַרצן, אַז זי קען עס ניט פאַרגעסן.

ניט אויפהערנדיק זי צו באַטראַכטן, איז זעליק זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער. ער האָט מער ניט געוואַרט, אַז זי זאָל אים פאַרבעטן זיצן, און זיך אַראָפּגעלאָזט אַף איינעם פון די שטולן.

אין דער נאָענט האָט דאָס מיידל אויסגעזען נאָך ייִנגער. א דאַרינקע, אַף הויכע פּיסלעך, ווי א הינדעלע, האָט זי זיך, ווײַזט אויס, אַזוי שנעל אויסגעצויגן, אַז איר קערפּער האָט ניט באַוויזן אָנצונעמען אַף זיך לײַב, און בלויז אירע קליינע, שטײַפע בריסטעלעך, וואָס האָבן זיך געמערקט אונטער דעם סוועטער, האָבן אונטערגעזאָגט, אַז איר איז א יאָר פערצן־פופצן. מע האָט ניט געזען אין איר קיין שטרעבונג צו פּוצן זיך. די האָר זײַנען בא איר געווען אָבי־ווי פאַרדרייט אַף הינטן. נאָר אָט די נאַכלעסיקײַט, וואָס איז צו זען געווען ניט נאָר אין דעם, וויאַזוי זי האָט זיך פאַרקעמט, נאָר אויך אין איר אָנטאָן, האָט ניט נאָר ניט קאַליע געמאַכט איר האַלב־קינדערשן אויסזען, נאָר, פאַרקערט, צוגעגעבן איר א געוויסן כיין. מע האָט זיך לײַכט געקענט פאָרשטעלן, אַז ווי נאָר זי שטייט אויף, טוט זי אַף זיך אָן דאָס קליידל, ציט אַרויף דעם סוועטער, און אָט אַזוי גייט זי שוין אַרום דעם גאַנצן טאָג.

— איך האָב זיך געוואָלט דורכשמועסן מיט אײַער שוועסטער אָדער וואָס איז זי אײַך, די לערערן? — האָט זעליק ווידער אָנגעהויבן.

דאָס מיידל האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן ברעג בעט.

— וואָס שווײַגט איר? — האָט זעליק געפרעגט, ניט פאַרלײַדנדיק איר אָפּגעפרעמדט־קײַט. — עס קומט צו אײַך אַרײַן א מענטש, רעדט מיט אײַך, און איר קוקט אַף אים, ווי

א ווילדע, לייגט אפילע ניט פאַר זיצן. איך בין דאָך עלטער פון אײַך, מיסטאמע, אַף וואָסערע פופצן יאָר.

— ווער זײַט איר מיר, אז איך זאָל אײַך פארבעטן זיצן?

— הייסט עס, אז אויב דו ווילסט ארײַנקומען צו א מענטשן, דארפסטו אים אומבאדינגט פריִער עפּעס זײַן. און, זעט איר, איך בין צו אײַך ארײַנגעקומען אָן שום פארוואָס. עס האָט זיך מיר פארגלוסט דערגיין, ווער לעבט עס הינטער דער וואַנט.

— זיצט. איך טרײַב אײַך ניט.

— א דאַנק כאָטש דערפאַר, וואָס איר דערלויבט מיר זיצן. איר קוקט דאָך אויך איצט אַף מיר ארויס, ווי א וואָלף. פארוואָס?

זי האָט זיך פלוצעם אָנגעצונדן, איר געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר זיך באהערשט און עס ניט געטאָן. אינעם מיידל איז געוועזן עפּעס אזוינס, וואָס איז זעליקן געפעלן געוואָרן. צוזאמען דערמיט האָט אים פארקלעמט דאָס הארץ, ווען ער האָט זיך באגעגנט מיט איר בליק. פון אירע אויגן האָט ארויסגעקוקט אזא מין טיפער אומעט, ווי זיי וואָלטן אין זיך אײַנגעזאַפּט דעם גאַנצן טרויער פון דער וועלט.

— עס האָט נאָך געפעלט, אז איר זאָלט מיך ארויסטרײַבן, — האָט זעליק זיך צעשמייכלט. — פארגעסט ניט, אז איר ווויִנט דאָך אין אונדזער שטוב, און עס איז נאָך א פראַגע, ווער וועמען קען ארויסטרײַבן.

ער האָט עס, פארשטייט זיך, געזאָגט אָן שום בייזן ווילן, פּאַשעט דערפאַר ווײַל עס איז געקומען צו רייד. זי האָט אָבער אַף אים א בליק געטאָן, ווי אַף א דאַם־סוינע, אזוי, אז זעליק האָט שוין כאראָטע געהאַט, האַלעמײַ ער האָט עס געזאָגט.

— וויבאלד אזוי, טאָ וואָס זשע וואַרט איר? — האָט זי זיך אָנגערופן, א וואָרף געבנדיק דאָס ביכל אַפן בעט. — רופט מיליציע און שלײַדערט אונדז ארויס...

זעליק האָט זיך אינגאַנצן פארלאָרן: נו, א מיידל! וואָס ברענט זי אזוי? ווען זי איז זײַן טאָכטער, וואָלט ער זיך ערנסט דורכגערעדט מיט איר. אויב זי איז שוין איצטער אזא, טאָ וואָס זשע קען מען פון איר דערוואַרטן?

ווי די מײַסע זאָל ניט געוועזן זײַן, נאָר זעליק האָט דערשפּירט, אז ס׳איז אומעגלעך צו געפינען מיט איר אַן אלגעמיינע שפּראַך. ער האָט באַשטימט אוועקגיין.

ער האָט אָבער ניט באוויזן דאָס טאָן, האָט זיך דערהערט, ווי עמעצער קלאַפּט אינעם פירהויז. באלד האָט זיך אָפּגעעפנט די טיר, און עס איז ארײַנגעקומען די לערערקע.

ווײַזט אויס, אז נאָך הינטער דער טיר האָט זי דערהערט דעם מיידלס אופגערעגטע שטימע. זי האָט געהאַט א צעטומלטן אויסזען, און, ווי נאָר זי האָט באוויזן אוועקצולייגן דעם פּולגעפּאַקטן פּאַרטפעל אַפן טיש, האָט זי זיך געווענדט צום מיידל:

— לילע, וואָס איז געשען?

זעליק איז אופגעשטאַנען פונעם אָרט.

— עס איז קיין זאַך ניט געשען. איך בין צו אײַך ארײַנגעקומען אַף א ווײַלע, נאָר איך וואָלט ניט געזאָגט, אז מע האָט מיך זייער פרײַנטלעך באגעגנט.

די לערערן האָט א ווונק געטאָן צו זעליקן, ווי איינער זאָגט: „טשעפּעט זי ניט, איך בעט אײַך". זיך אָנשטויסנדיק, אז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט, איז זעליק אַנשוויגן געוואָרן.

די לערערן האָט זעליקן אײַנגעלאַדן זיצן. זי האָט זיך באַ אים פאַנאַנדערגעפרעגט, וואָס ער טוט אין עמטעס, צי געפעלט אים זײַן ארבעט, און ביכלאַל מיט וועמען איז ער דאָ, מיט א מישפּאָכע אָדער אליין. זי האָט צו אים גערעדט פראָסט און אָפּנהארציק, אזוי ווי זי איז געוווינט צו ריידן מיט אירע טאַלמידים. זי האָט אים אויך געגומען דערציילן וועגן זיך, זי האָט געזאָגט, אז אליין זײַנען זיי ביידע פון מינסק. זייער שטוב איז כאָרעוו געוואָרן און, ניט האָבנדיק, ווו צו זײַן, האָט זי געבעטן, אז מע זאָל זי שיקן ערגעץ אַף ארבעט, און זיי זײַנען געקומען צו פאָרן אהער.

די גאַנצע צײַט, וואָס די לערערן האָט דערציילט, איז לילע געזעסן אַפן ברעג בעט און געלייענט, ניט ארײַנמישנדיק זיך אינעם געשפּרעך. נאָר זי האָט, אַפּאַנעם, מער ניט געקענט אויסהאַלטן און געזאָגט:

— צוליב וואָס טראַכסטו אויס, נעכאַמע? דו זאָג בעסער, אז פון מינסק ביסטו אוועקגעפאָרן איבער מיר.

נעכאַמע האָט זיך אָנגעכמורעט. נאָר טייקעף זיך באהערשט און אפילע זיך צעשמייכלט.

— איך טראַכט אויס? דו ווייסט דאָך זייער גוט, אז איך האָב ניט געהאַט ווו צו זײַן.

— האָסט געהאַט. וועמען דערציילסטו?

— וואָס פלוידערסטו? ווו?

— אין מינסק. איך ווייס.

נעכאמע איז צוגעקומען צום מיידל און זי מילד א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, ווי עס טוט א מוטער, בייס זי וויל בארויִקן איר קאַפּריז און אופגערעגט קינד.

— נארעלע, וואָס טויג מיר אויסצובאהאלטן? איך האָב ניט וואָס אויסצובאהאלטן...

דעם גאנצן אָוונט איז זעליק געווען בא זײַנע שכיינים, לילע איז אלץ געזעסן אפן בעט און ניט אופגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט פארשטאנען, אז מיטן מיידל איז עפּעס פאָרגעקומען — ניט אומזיסט באגייט זיך נעכאמע מיט איר אזוי ציטעריק. און נאָך האָט ער דערפילט, אזביידנס גורל, דער לערערנס און דעם מיידלס, זײַנען איבער עפּעס אזוי ענג צוזאמענגעבונדן, אז איינע אָן דער אנדערער קען שוין ניט אויסקומען.

# 6

דער פארזיי האָט זיך אלץ מער דערנעענטערט, און די ארבעט אין עמטעעס איז געוואָרן אָנגעשטרענגטער. פון דער נאטור א מענטש א פראקטישער, וועלכער האָט ניט שלעכט געקענט אויסקומען מיט מענטשן, דערצו נאָך א בארײַכערטער מיט דער דערפארונג, וואָס ער האָט מיטגעבראכט פונעם פראָנט, האָט זעליק איצט, אף דער ארבעט אלס הויפּט-מעכאניקער פון עמטעעס, דאָס אלץ אָנגעווענדט אינעם לעבן. ער איז ארומגעפאָרן איבער די קאָלווירטן און האָט צוזאמענגעשטעלט די טראקטאָר-בריגאדעס. ער האָט זיך אָן א שיר געאמפּערט מיט די פאָרזיצערס פון די קאָלווירטן פאר יעדן מענטשן, וואָס זיי האָבן באדארפט געבן צוהילף די טראקטאָריסטן. און כאָטש איין מענטש, ווי מע זאָגט, איז ניט אימשטאנד צו אופטאָן אלץ, האָט מען דאָך ניט געקענט ניט באמערקן, אז א סאך זאכן זײַנען אופגעטאָן געוואָרן אדאנק זעליקס הארעוואניע, אדאנק זײַן אומדערמידלעכער ארבעט. ביסלעכווײַז איז די עמטעעס געוואָרן דער הויפּט-פונקט, וווהין עס זײַנען זיך צונויפגעקומען קאָלווירטלער. קוים זײַנען זיי ערגעץ געפאָרן נאָך עפּעס, איז ניט געווען דער פאל, אז מע זאָל אויסמײַדן די עמטעעס, ניט פארקערעווען אהער, אזוי אז פון פרי ביז שפּעט אין דער נאכט האָט מען אינעם הויף פון דער עמטעעס און ארום טויער געזען שטיין מאשינעס און פורן. אין א פרײַער מינוט זײַנען די קאָלווירטלער, אמערסטן עלטערע מענטשן, געזעסן אף די פורן און גערייכערט, דערציילנדיק איינע די אנדערע נײַסן. מע האָט געשמועסט וועגן דעם, אז מע זעט שוין אָנשוילעך, אז די מילכאָמע גייט צו א סאָף. דערציילט איינע די אנדערע וועגן דעם, וואָס מע האָט איבערגעלעבט פאר דער צײַט פון אָקופּאציע, וויאזוי ביטער-שווער עס קומט אָן אופצושטעלן די צערויִנירטע באלעבאטיש-קײַט, און ניט אופגעהערט צו טרוימען וועגן א גוטער געראטעניש. אלע האָבן זיך שנעל צוגעוווינט צו זעליקן, פון וועלכן פיל זאכן זײַנען אָפּהענגיק געווען. די קאָלווירטלער האָבן אים געליבט אין די אויגן און הינטער די אויגן, געהאלטן אים פאר א גרויסן ספּעציאַליסט, וואָס ווייסט א טאָלק אין די מעכאניזמען, און פארייִנס אויך ניט פארפעלט צו דערמאָנען באָריסן צו גוטן.

— אָ, אָט דער באָריס! ער איז א גרויסער האָרעפּאשניק...

אָפּטמאָל, ווען דער הויף פון עמטעעס איז פול געווען מיט מאשינעס און פורן און פון די ווארשטאטן האָט זיך געטראָגן דער אימפּעטפּולער גערודער פון ארבעטנדיקע מאשינעס, פלעגט זיך באווײַזן באָריס אף דער שוועל פון ווארשטאט. ער איז געשטאנען און גערייכערט, ניט אופהערנדיק צו ווישן די הענט מיט פאקליע. אין דעם, וויאזוי ער איז געשטאנען און שווײַגנדיק גערייכערט, האָט זיך געפילט די רויִקײַט פון א גוטן באלמעלאָכע, וועלכער לעבט בלויז מיט די אינטערעסן פון זײַן ארבעט, און וויבאלד אלץ גייט, ווי עס געהער צו זײַן, דארף ער מער גאָרניט. ער איז צופרידן, וואָס ארבעט איז פאראן ביז איבערן האלדז, אזוי אז עס בלײַבט ניט קיין צײַט צו טראכטן וועגן עפּעס זײַטיקס.

אויסער די ווארשטאטן, איז באָריסן איצט גאָרנישט ניט אָנגעגאנגען. זײַן איין-און-איינציקער וועג איז געווען: פון צעך אין שטוב און פון שטוב אין צעך. אין ערגעץ האָט אים ניט געצויגן. פרעגט אים בעכיירעס, וויאזוי רופט מען די שכיינים, וועלכע וווינען הינטער דער וואנט, וואָלט ער געוויס ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

זעליק איז ניט וויִנציקער פון באָריסן פארנומען געווען מיט דער ארבעט. עס האָבן אים אויסגעמאטערט די אָפטע רײַזעס איבער די קאָלווירטן. אָבער ניט געקוקט דערויף, איז ער אָפּט ארײַנגעקומען צו די שכיינים.

די לערערן פלעגט מאַכן אַ גלאָז טיי און דערלאַנגען צום טיש, וואָס אין שטוב האָט זיך געמאַכט.

זי, נעכאַמע, לויט דער נאַטור אַ פּאַשעטע און אָפּנהאַרציקע פּרוי, האָט ניט איין מאָל געגעבן זעליקן צו פילן, אַז ער איז בא זיי אַן אָנגעלייגטער גאַסט. און טאָמער האָט געטראָפן אַזוי, אַז ער איז געווען פאַרנומען און פאַרפעלט אַמאָל אַרײַנצוגיין, האָט זי אים דערנאָך, קלומערשט, אין שפּאַס, געדראָעט מיט אַ פינגער און שיר ניט אויסגערעדט, האַלעמײַ ער איז לאַנג ניט געווען.

— זעט נאָר, פאַראַט אונדז ניט!

לעכאַטכילע, ווען זעליק איז אַרײַנגעקומען, האָט זיך לילע געהאַלטן אין אַ זײַט פון אים. ער האָט גערעדט נאָר מיט נעכאַמען, און זי, לילע, איז געווען פאַרנומען בא אירע לערנביכער. געווען איז זי, ווי פריִער, אַלץ פאַרשלאָסן אין זיך, ניט קיין פרײַנטלעכע, און עפּעס שאַרפס איז געווען אין איר יעדן קער.

ביסלעכווײַז, וואָס מער זעליק איז צו זיי אַרײַנגעקומען, האָט דאָס מיידל זיך צוגעוווינט צו אים. אָפּט, ווען ער האָט געשמועסט מיט נעכאַמען, האָט לילע געוואָגט אַרײַנוואַרפן אַ וואָרט, פרעגן עפּעס. אין אַזוינע מינוטן האָט זיך איר געזיכט געענדערט, זי איז רויִקער געוואָרן, ווי עמעצער וואָלט זי באַפרײַט פון עפּעס אַ בייזער און שווערער קלאָלע.

געווען איז אַן אָוונט, ווען זעליק איז אַרײַנגעקומען צו די שכיינים אַ שטאַרק צערודערטער. באַטאָג האָט ער זיך צופעליק געטראָפן מיט ריווען, און לויט דעם, ווי זי האָט אים באַגעגנט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווײַבל פילט זיך באַליידיקט, פאַרוואָס ער קומט צו איר מער ניט אַרײַן. זעליק האָט גוט געדענקט, וויאַזוי פאַרן אַוועקגיין צו באַריסן האָט ער איר געזאָגט, וווהין ער קלײַבט זיך איבער, און וויאַזוי זי האָט זיך דאַן מיט אַ געפּאַלענער שטימע אָפּגערופן:

— נו, מיילע, קום כאָטש אַמאָל צו גיין...

— ווי זשע! — האָט ער צוגעזאָגט. — איך וועל אומבאַדינגט קומען.

ער האָט מער ניט געפרעגט ריווען, וואָס האָט זי פון אים אויסגעבאַהאַלטן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָ איז עפּעס פאַרבונדן מיט אירע געפילן צו אים. נאָר איצטער, נאָך דער באַגעגעניש מיט ריווען, האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, ער איז געווען אָף זיך בייז, האַלעמײַ ער איז געווען בא איר די עטלעכע טעג. צוליב וואָס האָט אים געטויגט דערוועקן אין איר אומזיסטע האָפענונגען? וואָלט ער כאָטש פאַרמאָגט צו איר עפּעס אַ געפיל. ער האָט זי דאָך קיינמאָל ניט ליב געהאַט. עמעס, זי איז אַ פײַן ווײַבל, זייער אַן אַקוראַטע, אַ גרויסער צוכט. פונדעסטוועגן האָט עס קיינמאָל אים צו איר ניט געצויגן...

דעם גאַנצן אָוונט האָט זעליק געשוויגן, איז געווען אומעטיק. אַרויסגייענדיק אים באַגלייטן, האָט נעכאַמע געהאַט אַ טראַכט געטאָן, צי האָט אים לילע, ווען זי איז ניט געווען, מיט עפּעס ניט אָפּגערייצט, באַליידיקט. און זי האָט געפרעגט, וואָס איז מיט אים. ער האָט אויסגעפונען אַ טערעץ און איר גאָרניט דערציילט. זעגענענדיק זיך מיט זעליקן, האָט די לערערן באַזונדערס וואַרעם צוגעגעבן:

— איר וואָלט באַדאַרפט וויסן, וואָס איז געשען מיט דעם מיידל, וואָלט איר געוויס אַ סאַך זאַכן איר מויכל געווען. ווען־ניט־איז וועל איך אײַך דערציילן...

זעליק האָט גאָרניט געענטפערט.

עס זײַנען ניט דורכגעגאַנגען קיין עטלעכע טעג, ווי די לערערן איז געקומען צו גיין אין די וואַרשטאַטן פון עמטעס. זי איז געקומען מיט די קינדער פון איר קלאַס, קעדיי באַקענען זיי מיט דער אַרבעט פון עמטעס. און זעליק איז אַוועק מיט נעכאַמען און מיט דער טומלענדיקער גרופּע קינדער פון צעך צו צעך.

זעליק האָט די קינדער צוגעפירט צו אַ טאַקער־ווערקשטעל, פאַרפעסטיקט אינעם פּאַטראָן אַ שטאָלן פרענטל און פאַר אַלעמען אין די אויגן אויסגעטאָקט אַ טייל. ער האָט צוגעפירט די כעווריע צו אַ שנײַד־מעסער, וואָס האָט געשניטן אײַזערנע באַלוואַנקעס, און געוויזן, וויאַזוי דער סטאַנאָק אַרבעט. ער האָט זיי אויך אַוועקגעפירט אין צעך, וווּ מע פאַרהאַרטעוועט די פאַרטיקע טיילן, און דערקלערט דעם סייכל, צוליב וואָס מע דאַרף עס טאָן, געגעבן צו פאַרשטיין די באַדײַטונג פון פאַרשיידענע מינים שטאָל. צום סאָף איז מען אַלע אַרויס אין הויף, ווו מע האָט רעמאָנטירט אַ טראַקטאָר. זעליק האָט באַוויזן, וויאַזוי מע אַרבעט אָף אים. און איינס פון די קינדער אַפילע אַוועקגעזעצט באַם רודער, אַרויס־רופנדיק דערמיט בא די איבעריקע אַ געפיל פון קינאָ.

ווען עס איז געקומען די צײַט זיך פאַנאַנדערצוגיין, האָבן די קינדער, צופרידענע דערפון, וואָס זיי האָבן געזען, אויסגעשריִען צו זעליקן „אַ גוטן טאָג", און נעכאַמע האָט

זיי ארויסגעפירט אין גאַס, געהייסן גיין אהיים. אליין האָט זי זיך אומגעקערט צו זעליקן, וועלכער איז געווען אין הויף.

— איר געדענקט, — האָט זי אָנגעהויבן, — איך האָב אײַך אַנומלטן צוגעזאָגט דערציילן וועגן לילען. איצט האָב איך אַ שטיקל פרײַע צײַט. לאָמיר זיך דורכגיין...

— וווּהין?

— וווּהין איר ווילט.

לעבן הויף זײַנען, ווי טאָמיד, געשטאַנען מאַשינעס און פורן. אין דער לופט האָט זיך געפּילט דער גערוך פון ברענשטאָף און מעטאַל.

פאַרבײַ האָט זיך געצויגן דער טראַקט אויף מינסק, אַ באַזעצטער פון ביידע זײַטן מיט בעריאָזעס. אויף אייניקע פון די ביימער זײַנען די שפּיצן געווען אָפּגעהאַקט פון סנאַריאַדן, און זיי האָבן זיך צעוואַקסן אין דער ברייט. ניט זאָגנדיק איינער דעם אַנדערן קיין וואָרט, איז זעליק מיט נעכאַמען אַוועקגעגאַנגען מיט אַ זײַט פונעם שליאַך, איבער וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן מאַשינעס הין און צוריק.

דאָס סאַמע שווערסטע איז געווען אָנצוהייבן. נאָר אָט האָט נעכאַמע, שטילער, ווי געוויינלעך, גענומען ריידן. זעליק איז געגאַנגען דערבײַ און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו אירע ווערטער. פון ווײַטן האָט זיך געזעצט די זון, באַפאַרבנדיק דעם הימל אין קאָלערליי קאָלירן.

— פאַר דער מילכאָמע, — האָט די לערערן אָנגעהויבן, — האָט לילע מיט אירע עלטערן געלעבט אין מינסק. איר פאָטער איז געווען אַן אָנערקענטער קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט געאַרבעט אין דער מעלוכע־אָפּערע. לילע איז געווען איין קינד בא אירע עלטערן, איז געוואַקסן אַ געבאַלעוועטע. אין שטוב בא טאַטע־מאַמע האָט איר גאָרנישט ניט געפעלט, אויסער עפּשער פויגלמילך. געווען איז זי אַ באַגאַבט קינד. נאָך קינדווײַז האָט דער פאָטער אין איר אײַנגעפּלאַנצט ליבע צו מוזיק. זי האָט געשפּילט אויף אַ וויִאָלאָנטשעל; זײַענדיק נאָך גאָר אַ ברעקל, האָט זי אָנטיילגענומען אין אָלימפּיִאַדעס פון זעלבסטטעטיקער קונסט, איז אַרויסגעטראָטן אויף קאָנצערטן, דורך ראַדיִאָ. מיט איין וואָרט — אַ ווונדערקינד... מע האָט זי צו פרי אַרומגערינגלט מיט רום. פאַרליובט, געטראָגן אויף די הענט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מע האָט איר דערמיט נאָר אָנגעטאָן שאָדן. זי האָט אויף אַלעמען אָנגעהויבן קוקן פון אויבן־אַראָפּ, האַלטנדיק, אַז זי איז פײַיקער פון אַלעמען. קורץ — מע האָט דאָס קינד קאַליע געמאַכט. וואָלט עס געווען זײַן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, וואָלט זי מיט דער צײַט געוויס פיל פאַרשטאַנען, נאָר ס'איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע און האָט געטראָפן דאָס מיידל אינגאַנצן ניט קיין צוגעגרייטע... זי איז דעמאָלט ניט געווען אין דער היים, און וועגן דעם, אַז אירע עלטערן זײַנען אומגעקומען אין געטאָ, האָט זי זיך דערוווּסט ערשט דעמאָלט, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון עוואַקואַציע. דאָס מיידל האָט פאַרלאָרן דעם ווילן צום לעבן. מע זאָגט, אַז זי האָט אַפילע געפּרוּווט זיך נעמען דאָס לעבן. געוויינט האָט זי ניט ווײַט פון מיר. נאָר, ווי עס טרעפט אין אַ גרויסער שטאָט, האָב איך פון איר גאָרניט געוווּסט. איר פאַרשטייט דאָך, ביזוואַנען איך האָב זיך אײַנגעאָרדנט, איז דער קאָפּ ניט געווען צו טראַכטן וועגן קיינעם. איך פלעג אינדערפרי אַוועקגיין אין שול און אָפּזײַן דאָרטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַפילע עסן האָבן מיר אויך געגעסן אין שול. נאָר עפּעס אייננמאָל, אַרויסגייענדיק אינדערפרי פון שטוב, האָב איך זי געטראָפן זיצן אין הויף. איך האָב זיך צוגעזעצט, געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר מע האָט פון איר קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסציִען. ווען איך האָב אָנגעהויבן צושטיין צו איר, ווער איז זי, ווו לעבט זי, האָט זי אויף מיר בייז אַ קוק געגעבן, זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק. מיך האָט פאַרינטערעסירט דאָס מיידל. איך האָב זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן איר. נאָר קיינער ווייסט ניט, וואָס צו זאָגן. פון דאַן אָן האָב איך זי מער פונעם אויג ניט אַרויסגעלאָזט. ביסלעכווײַז האָט זי זיך צו מיר צוגעוווינט, ביז עס איז ניט געקומען דער טאָג, ווען זי האָט זיך פאַר מיר צעוויינט און דערציילט, וואָס זי לעבט איבער, אַז זי קען אין מינסק ניט זײַן, ווו יעדע זאַך דערמאָנט איר אומגליק. איך האָב זי גע־פּרוּווט אַרײַננעמען צו זיך. נאָר עס האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן אַוועקפאָרן מיט איר פון מינסק, און מיר זײַנען געקומען אַהער.

די גאַנצע צײַט, וואָס די לערערן האָט דערציילט, האָט זעליק קיין וואָרט ניט אויסגע־רעדט, ניט פאַרגעבן קיין פראַגע. נאָר איצט, ווען זי איז אַנשוויגן געוואָרן און האָט זיך אָפּגעקערט. פון אים, פאַרשטעלנדיק די אויגן מיט דער האַנט, גלײַך די שײַן וואָלט איר געשטערט צו זען דעם וועג, איבער וועלכן עס טראָגן זיך האַסטיק מאַשינעס, האָט ער זי צום ערשטן מאָל גענומען אונטערן אָרעם, און זיי זײַנען אַזוי באַנאַנד אַוועקגעגאַנגען ווײַטער.

שפּעטער זײַנען זיי אַרויסגעקומען ניט ווײַט פונעם וואָקזאַל און האָבן געהערט, ווי פאַרבײַ גייט אַ צוג, פּײַפּנדיק און קלאַפּנדיק מיט די רעדער.

אַרומדרייענדיק זיך אַזוי מיט הינטערגאַסן, וועלכע זײַנען געבליבן גאַנץ אָרום וואָקזאַל, פונוואַנען נעכאַמע וואָלט אַליין ניט געטראָפן דעם וועג אַהיים, האָט זי זעליק דערנאָך געבראַכט צוריק צו פירן צום הויף פון עמטעעס. עס איז געווען זייער וואַרעם. גיין אין שטוב האָט זיך ניט געוואָלט, און זיי זײַנען ביידע לאַנג נאָך געשטאַנען באַם טויער.

# 7

ערעוו דעם ערשטן מײַ, ווען דער גאַנצער וועלט איז שוין געווען קלאָר, אַז די מיל־כאָמע וועט זיך די טעג פאַרענדיקן, האָט מען אין עמטעעס אַרויסגעגעבן טאַלאָנען אַף אינדוסטריִעלע סכוירעס, און זעליקן איז געלונגען צו באַקומען אַ טאַלאָן אַף אַ קלייד פאַר לילען. ניט זײַענדיק אינגאַנצן זיכער אין דעם, אַז דאָס בײַסיקע מיידל וועט ווערן נעמען באַ אים די מאַטאַנע, האָט זעליק פאַריינס שוין אויך געקויפט פאַר נעכאַמען אַ קעראַגאַז, וואָס איז דאַן געווען גאָר אַ נײַס און אַ גאַנץ וויכטיקע זאַך אין דער באַלעבאַטישקײַט.

געבראַכט צו טראָגן האָט ער די מאַטאַנעס בעקיוון שפּעטער, שוין נאָך דעם נײַנטן מײַ, ווען אַלע האָבן געפּײַערט דעם זיג איבערן פאַשיזם, קעדיי עס זאָל וואָס ווינציקער דערמאָנען אין די אומגליקן, וועלכע מע האָט איבערגעלעבט. באַ נעכאַמען האָט די מאַטאַנע אַרויסגערופן גרויס פאַרגעניגן. דערצו נאָך, איז זי אַ סוואָרע, אַז זי האָט פּאַשעט אַ ביסל גרעסער געמאַכט די היספּײַלעס, קעדיי מיט איר באַגײַסטערטן אויסגעשריי „ס'אַ וווּנדערלעכע זאַך!" אַרויסרופן אויך באַם מיידל אַ געפיל פון דאַנקבאַרקײַט צו זעליקן. איר האָט זיך דאָס אָבער ניט אײַנגעגעבן. לילע האָט, עמעס, צוגענומען באַ זעליקן דאָס פּעקעלע, אין וועלכן עס איז געלעגן דער שטאָף אַף אַ קלייד, באַדאַנקט אים, נאָר דערנאָך, אַפילו ניט אַ קוק געבנדיק, וואָס דאָרטן טוט זיך, געלאָזט עס ליגן, גלײַך זי וואָלט באַלד פאַרגעסן אין דעם, וואָס מע האָט איר געשענקט.

אַזוי איז דורך אַ טאָג און צוויי...

אין איינעם אַן אָפּדערנאַכט, ווען לילע איז געזעסן אין דער היים באַ אירע לימודים, איז איר בליק געפאַלן אַפן פּעקעלע און עס האָט זיך איר פאַרגלוסט אַ קוק געבן, וואָס איז דאָרטן. זי האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּאַפּיר. די וואָל איז איר געפעלן געוואָרן. זי האָט באַשטימט זען, וויִאַזוי פּאַסט עס איר. דאַן האָט זי אָנגעטאָן די טופל, גענומען דאָס צײַג און אַרופגעוואָרפן צו זיך אַפן אַקסל אַזוי, אַז דער ברעג האָט דערגרייכט ביז די קני, זיך פאַמעלעך דורכגעגאַנגען איבערן צימער אַן אײַנגעהילטע אין ווייכע און ברייטע פאַלדן פונעם געוועב, וואָס האָבן צוגעגעבן איר דינער פיגור עלעגאַנטקײַט.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, געעפנט די טיר, אַף וועלכער עס איז געווען אַ שפּיגל, אַרײַנגעקוקט אין אים. פּלוצעם האָט זי צעלאָזט די האָר און אונטערגעבונדן מיט אַ שמאָל טאַשמעלע.

ווי אַפּצולאָכעס, אַקוראַט דעמלט, ווען דאָס מיידל איז אַזוי געשטאַנען מיט דער וואָל פאַרן שפּיגל, האָט עס באַדאַרפט אָנטראָגן נעכאַמען.

מוירע האָבנדיק ניט צערייצן דאָס מיידל, האָט נעכאַמע שטיל געזאָגט:

— ווי עס קליידט דיר! פּאַשעט אַ פאַרגעניגן.

שוין דאָס אַליין איז געווען גענוג. דאָס מיידל האָט זיך אָנגעצונדן. זי האָט אַראָפּגעריסן פון זיך די וואָל און זי אַ שלײַדער געטאָן אַפן בעט.

דעם גאַנצן אָפּדערנאַכט איז לילע שוין דערנאָך געווען אַ דערהאַרגעטע. זי האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, גלײַך מע וואָלט איר אָנגעטאָן צאַרעס אָדער געטראָפן באַ עפּעס אַ כעט.

ווי געוויינלעך די לעצטע צײַט, האָט זעליק אין אָוונט באַשלאָסן אַרײַנקומען צו זײַנע שכיינים. נאָר איידער ער האָט נאָך אופגעעפנט די טיר, האָט ער דערהערט, וויִאַזוי נעכאַמע טײַנעט זיך אויס מיטן מיידל.

ער איז אַרײַנגעקומען. נעכאַמע איז געשטאַנען באַם טיש, אַף וועלכן עס איז געלעגן אַ באַרג מיט העפטן. לילע איז, ווי טאָמיד, געזעסן אַפן בעט איבער אַ לערנבוך און געלייענט אָדער זיך געמאַכט, אַז זי לייענט. דערבײַ האָט זי געהאַט אַזאַ פּאָנעם, וועלכן זעליק האָט שוין לאַנג ניט געזען.

אַף דער פּראַגע, וואָס קומט פאַר, האָט נעכאַמע ניט באַלד געענטפערט. נאָר אין א ווײַלע אַרום דאַך ניט אויסגעהאַלטן און אויסגעשריִען:

— זאָל זאָגן דער כאַוועער פונדאַטער. ער איז א זײַטיקער מענטש. בין איך גערעכט אָדער ניין. מע דאַרף עס דאָך קאָנען! איך רייד זיך צונויף מיט א שנײַדערן, אַז זי זאָל אויפנייען דאָס קלייד, ווייל זי ניט גיין אַראָפּנעמען א מאָס...

לילע האָט אויפגעהערט לייענען. זי האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ און מיט פאַרוואורף אָנגעקוקט אוי נעכאַמען, אוי זעליקן.

— איך וועל אין ערגעץ ניט גיין. איך דאַרף ניט קיין קלייד. טשעפּעט זיך פון מיר אַפּ... אויב מע האָט געקענט אומברענגען מיליאָנען מענטשן, אַזוינע עלטערן, ווי איך האָב געהאַט, ווייל איך ניט לעבן. וואָס טויג מיר אַזאַ מײַן לעבן? — און פון דעם מיט וואָס פאַר א פאַרביטערניש זי האָט עס געזאָגט, איז זעליקן דורך א שוידער איבערן לײַב.

— דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? — איז ער אופגעזאָטן. — וואָס איז עס פאַר א רייד?

— ניין, איך קען מער ניט שווײַגן, — האָט אים אויך נעכאַמע אונטערגעהאַלטן, באַשטימענדיק בא זיך פון ריין פעדאַגאָגישע טײַמים, אַז זי טאָר דעם מיידל מער ניט נאָכגעבן. — ווי געפעלט עס אײַך, האַ? נאָר מיט איר איינער האָט געטראָפן דער אומגליק... און ווער, ווער, פרעג איך בא דיר, ווער האָט ניט געליטן פון דער מילכאָמע? ווערסט דען געפינען כאָטש איין מישפּאָכע אַזאַ? און קיינער לייגט זיך ניט אוועק שטאַרבן. אַלע באַמיִען זיך מיט די לעצטע קויכעס צו טאָן, וואָס מע קען, אַז דאָס לעבן זאָל זײַן א לעבן.

נעכאַמע האָט צונויפגעקליבן אירע העפטן און אַרײַנגעלייגט אינעם פאַרטפעל. אין עטלעכע רעגעס אַרום האָט זי געגומען גרייטן צום טיש. זי האָט אוועקגעשטעלט אופזידן טיי.

— לאָמיר עסן וועטשערע, — האָט זי פאַרגעלייגט זעליקן.

ער האָט ניט געענטפערט.

נעכאַמע האָט איבערגעכאַזוערט. נאָר אויך איצטער האָט זעליק זיך ניט אָפּגערופן. אַזוי האָט אים צערודערט דאָס, וואָס ער האָט דערהערט פונעם מיידל. ענדלעך האָט ער, ווי מיט גוואַלד, געענטפערט, אַז ער וויל ניט עסן. ער איז זאַט.

— נו, זעסט, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן?! — האָט נעכאַמע אופגעוואָרפן דעם מיידל. — נאָר צערודערט א מענטשן...

לילע האָט אוועקגעלייגט דאָס ביכל. ניט קוקנדיק אַף קיינעם, האָט זי זיך אָנגערופן:

— קומט עסן.

זעליק האָט זי אָנגענומען פאַרן אַקסל און ניט געלאָזט זיך אופהייבן.

— זיץ! זיץ!

— צוליב וואָס? — האָט זי אויסגעשריִען. — איך וויל מער ניט זיצן.

— ניין, ווערסט זיצן. איר וויל זיך מיט דיר דורכריידן.

לילע האָט צום ערשטן מאָל דערזען זעליקן אין אַזאַ צושטאַנד, און אויך זי איז אומרויִק געוואָרן.

— לילע... — האָט זעליק אָנגעהויבן.

זי האָט זיך ניט אָפּגערופן.

ער האָט צוגערוקט זײַן שטול נעענטער צו איר. אַזוי, אַז ער האָט שיר ניט אָנגערירט אירע קני מיט זײַנע.

— לילע, — האָט ער געבעטן, — גיב מיר א קוק אין די אויגן...

קיין שום ענטפער. רעד צו איר און רעד צו דער וואַנט איז אַלצײַנס.

דאַן האָט זעליק געפּרוּווט אונטערהייבן איר דעם קאָפּ. נאָר זי האָט אָפּגעשלײַדערט זײַן האַנט.

— לאָזט מיך צורו. וואָס ווילט איר פון מיר?

און דערזעענדיק, אַז אַף אַזאַ מין אויפן וועט ער זיך גאָרניט ניט דערשלאָגן, האָט ער באַשלאָסן פאַרוואַנדלען אַלץ אין א שפּיל.

— נו, טײַערע, נו, גאָלד מײַנע, — האָט ער אָנגעהויבן האַלב־ערנסט און האַלב אין שפּאַס. — גיב נאָר א קוק אַף מיר.

אויך דאָס איז אָבער געווען אומזיסט. און זעליק האָט זיך מיט א שווערן זיפץ אופגע־הויבן פון זײַן אָרט, געגומען שפּאַנען איבערן צימער, מער ווי שטענדיק אונטערהינקענדיק, ווי עס וואָלט אים מיטאַמאָל געגומען שטאַרק וויי טאָן די וווּנד.

נעכאַמע האָט זיך פונעם אָרט ניט גערירט. זי איז געשטאַנען און נאָכגעקוקט, מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן.

בלײַבנדיק שטיין פאַרן מיידל, האָט זעליק מיט א הייזעריקלעכער שטימע געפרעגט:

— ווי מיינסטו, לילע, — און ער האָט מיטן קאָפּ אַנגעוויזן אױף דער לערערן, — איך קען א סאך געזונט צוקומען פון אזוינע רייד, ווי דו רעדסט? — ער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט לעבן מיידל און גיך, גיך געגומען ריידן צו איר. — ווי טראכסטו, מיר איז זייער גוט, ווען איך בין געקומען צו פאָרן אהיים און קיינעם ניט געטראָפן פון מײַן מישפּאָכע... און נעם באַריסן. ער האָט געהאַט א ווײַב, קינדער... לעבעדיקערהייט האָבן די פאַשיסטן זיי באַגראָבן. דער מענטש איז געבליבן איינער אליין אױף גאָרער וועלט. איז פרעג איך דיך, זאָג! וואָס האָבן מיר באדארפט טאָן, זיך נעמען דאָס לעבן? גיין און ארײַנוואָרפן זיך אינעם דניעפּער?

— איך ווייס ניט. איך ווייס גאָרניט...

— ניט דו ווייסט ניט, נאָר דו ווילסט ניט וויסן. דו פּירסט זיך נאָך אלץ אוף, ווי א קינד... בייס אינדערעמעסן ביסטו שוין א דערוואקסענער מענטש. — און ער האָט אויסגעצויגן זײַן האנט, צורעכט געמאכט די האָר, וואָס זײַנען איר אראָפּגעפאלן איבער די אויגן. ער האָט איר געמוזט דערוויַזן, ווי ווײַט זי איז ניט גערעכט... אין איר, אין אָט דעם מיידל, האָט ער טיילוויַז דערזען זיך אליין, זיך אליין מיט זײַן ווייטעק און זײַנע צווייפלען. ווען ער האָט ווידער גענומען טײַנען מיט לילען, איז בא אים געווען אזא געפיל, ווי ער וואָלט געגאנגען איבער דינעם אײַז, וואָס טרישטשעט אונטער זײַנע פיס...

— ווילסט, וועלן מיר דיר קויפן א וויָאלאָנטשעל... מיר וועלן דיך אוועקשיקן זיך לערנען אין א מוזיקאלער שול. דאָס גאנצע לעבן שטייט דיר נאָך פאָר, קענסט נאָך אלץ באווײַזן...

לילע האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט...

# 8

„ווילסט, וועלן מיר דיר קויפן א וויָאלאָנטשעל... מיר וועלן דיך אוועקשיקן זיך לערנען אין א מוזיקאלער שול", — אזוי האָט זיך בא זעליקן אױף דער הייסער מינוט ארויסגעכאַפּט, בייס ער האָט געוואָלט איבערצײַגן לילען, אז זי איז ניט גערעכט. קוים האָט ער זיך אָבער אומגעקערט אהיים און זיך באטראכט, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער זיך דערשראָקן פאר די אייגענע ווערטער. וואָס האָט ער עס געטאָן? צוליב וואָס האָט ער באדארפט שאפן באַם מיידל פאלשע אילוזיעס, ווען יענע איז אזוי אויך גענייגט איבערצולעבן פון יעדער זאך? וואָס האָט אים געטויגט זאָגן אזוי, ווען ער ווייסט ניט, צי וועט ער אימשטאנד זײַן עס צו פארווירקלעכן? לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז ער וועט שוין קויפן א וויָאלאָנטשעל. דאָס איז ניט דאָס סאמע שווערסטע, וואָס ער קאָן פאר איר טאָן. זײַענדיק אין האָמעל און באָברויסק, לויט איניאָנים פון עמטעעס, איז ער ניט איין מאָל פארבײַגעפאָרן די קלייטן, וווּ מע פאר־קויפט מוזיקאלע אינסטרומענטן, און אין די שויפענצטער געזען אויך וויָאלאָנטשעלן. ער וואָלט דאָס לעצטע געלט ניט געזשאלעוועט, אבי דאָס מיידל זאָל פארגעסן אירע צאָרעס. נאָר ווער וועט לערנען מיט איר? דינגען א לערער פון מוזיק קאָנען זיי ניט. פּאָשעט דערפאר, וואָס אין זשלאָבין זײַנען ניטאָ קיין לערער פון מוזיק. נעכאמע, ניט געקוקט אױף דעם, וואָס זי איז א לערערן, פארשטייט אין מוזיק זייער קנאפּ. ער — נאָך ווינציקער. עס זאָל זיך האנדלען וועגן א טאנק אָדער לעכאָלהאפאָכעס וועגן עפּעס א לאנדווירטשאפטלעכער מאַ־שין, וואָלט ער געוווסט, וואָס צו זאָגן. נאָר אזא איידעלע זאך, ווי מוזיק... וואָס פארשטייט ער אין מוזיק? איז דען דערצו גענוג דאָס, וואָס בא א געהעריקער שטימונג, ווען ער נעמט א קאָפּ, האָט ער ליב פארציַען א ניגן, כאָטש ער פארמאָגט נישט ניט קיין רעכטע שטימע און ניט קיין געהער? און ביכלאל, וואָס הייסט „מיר וועלן דיך אוועקשיקן זיך לערנען אין א מוזי־קאלער שול". ווּהין? אין וועלכער שול? עס איז דאָך גאָרניט אזוי פּראָסט, ווי עס רעדט זיך. זאָל זײַן, אז לילע איז בעעמעס א באגאבט מיידל, ווי נעכאמע טײַנעט. נאָר דאָס דאַרף מען דאָך פריִער דערוויַזן. וווּהין, וווּהין קען זי אָנקומען, אז די מוזיקאלע אָנפאנג־שול האָט זי איבער דער מילכאָמע ניט פארענדיקט, א ריי יאָרן האָט זי ביכלאל ניט געהאלטן דעם אינסטרומענט אין די הענט און האָט שוין געוויס אויך פארגעסן דאָס, וואָס זי האָט געקענט. האָט עפּעס דען א ווערט, וואָס זײַענדיק אינעם קינדערהיים, ערגעץ אױף אוראל, האָט זי פון צײַט צו צײַט געדרימבלט אױף א פּיאנע, ווי טויזנטער אנדערע קינדער איר גלײַכן.

און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט דערויף, וואָס פון די נײַע דײַגעס, וועלכע האָבן זיך אזוי אומדערוואַרט ארופגעוואלגערט אױף זעליקן, האָט זיך אים אָפּט געמישט אינעם קאָפּ, וואָס טייל־

מאָל איז אין אים פּאַשעט אופגעקומען ניט קיין גוטער געפיל צו לילען, ווי צו א מענטשן, וואָס מע האָט אים אָנגעוואָרפן מיט גוואַלד און געצוווּנגען צו זאָרגן וועגן אים, האָט דאָך זעליק באַשלאָסן ניט אָפּטרעטן פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. און וואָס מער ער האָט געקלערט וועגן דעם ווילדן, לײַדנדיקן מיידל, וועלכע איז געבליבן איין־אליין, אָן אייגענע און אָן פרײַנט, וואָס מער עס האָט אים געדרייט דער מויעך, וואָס אַן ערגער וואָלט ער געקענט פון אירעטוועגן טאָן, אַלץ מער איז ער געקומען צום אויספיר, אַז אויב לילע איז ווירקלעך באַגאַבט און האָט ליב מוזיק, איז עס דאָס איינציקע מיטל, וואָס קען היילן איר אָנגעבראָכן געמיט, אומקערן זי צום לעבן.

ער האָט זיך מיט דער צײַט אַזוי צוגעוווינט צו דעם דאָזיקן געדאַנק, אַז טיילמאָל האָט ער זיך אַליין ניט געקענט פאָנאַנדערקלײַבן, וועגן וועמען האַנדלט זיך עס, וועגן לילען, דעם פרעמדן מיידל, אָדער וועגן זײַן אייגן ייִנגעלע, וועלכן ער האָט געטרוימט לערנען מוזיק. און כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז קיינער קען אים ניט פאַרזיכערן, צי אַלץ וועט זײַן אַזוי, ווי ער שטעלט זיך פאָר, האָט ער דאָך באַשלאָסן זיך דערשלאָגן, אַז לילע זאָל זיך לערנען מוזיק.

זײַענדיק אין האָמעל, איז ער פאַרגאַנגען אין א קלייט, אין וועלכער מע האָט פאַרקויפט נאָטן, און זיך לאַנג דאָרטן געראַיעט, ניט וויסנדיק וואָס אויסצוקלײַבן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אָן א מענטשן, וועלכער איז באַהאַוונט אין מוזיק, וועט ער ניט אויסקומען. דעמלט איז ער אַוועקגעגאַנגען אין א מוזיקאַלער שול בעטן, אַז מע זאָל אים העלפן, אייצענען, וואָס ער זאָל קויפן. אויסער דעם, האָט ער פּאַשעט געוואָלט זיך דערוויסן, אַף וואָס קען לילע אויסרעכענען.

קיינמאָל אין זײַן לעבן האָט זעליק דערנאָך קיינעם ניט דערציילט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, בייס עס איז אים אויסגעקומען וואַרטן, אַז דער דירעקטאָר פון שול זאָל אים אופנעמען. אין דעם געראַמען, ליכטיקן פּאָדער־צימער מיט די געוועלבטע פענצטער און הויכן סופיט, פונוואַנען אײַזערנע, געדרייטע טרעפּ האָבן געפירט צו העכערע שטאָקן, איז געווען שטיל. עס איז געווען די צײַט, ווען אין אַלע קלאַסן האָט מען זיך געלערנט, און פון אַלע זײַטן האָבן זיך אַף זעליקן אָנגעטראָגן קאָלערליי קלאַנגען פון מוזיק: פון פידלען, טרומייטן, פון א וויִאָלאָנטשעל און א ראָיאַל. איבערפולט איז געווען די גאַנצע געבײַדע מיט קלאַנגען. עס האָט געדוכט, אַז אפילע די ווענט וויברירן. און וואָס לענגער זעליק איז געזעסן און געוואַרט, אַז מע זאָל אים אופנעמען, אַלץ מער האָט זיך אין אים פאַרפעסטיקט די איבערצײַגונג, אַז צווישן אַלע קינדער, וואָס לערנען זיך אין דער שול, דאַרף אויך זײַן לילע, אַז ער מוז זיך עס דערשלאָגן.

ער האָט דערנאָך אויך קיינמאָל ניט געקענט קלאָר מאַכן בא זיך, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט געקענט צוניפריידן מיט דער פאַרוואַלטערן פון לערן־טייל — מיט דער גלאַט־פאַרקעמטער, ניט יונגער פרוי, וואָס האָט געטראָגן אַרבל אַף די הענט, ווי עס טראָגט א בוכהאַלטער, כאָטש ער האָט געזען, אַז א מענטש איז זי א פרײַנטלעכער און ער האָט איר ניט געהאַט וואָס אופצוּוואַרפן. עפשער איז עס פאַרגעקומען דערפאַר, ווײַל זי האָט אים פאַרטריבן אין א טעמפּן ווינקל שוין באַלד מיט דער ערשטער פראַגע, וואָס זי האָט אים פאַרגעבן און אַף וועלכער ער האָט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. פונוואַנען ווייסט ער, — האָט זי אים ערנסט און מידלעך געפרעגט, — צי איז לילע טאַקע אַזוי טאַלאַנטפול, אַז מע מוז זי אומבאַדינגט לערנען מוזיק? איז דען ניט גלײַכער, איידער זי זאָל זײַן א באַלמעלאָכע אין דער קונסט, אויסלערנען זי עפּעס א נוצלעכע פּראָפעסיע, אַז זי זאָל דערנאָך דאָס גאַנצע לעבן ניט דאַרפן כאַראָטע האָבן, האַלעמײַ זי האָט עס געטאָן.

און פונדעסטוועגן, כאָטש, אין פלוג גענומען, האָט די פרוי אין א געוויסן זין אויסגעדריקט זײַן אייגענעם געדאַנק, איז דאָך זעליק ניט אָפּגעטראָטן פון זײַנעם. ער איז נאָך און נאָך אַמאָל ווידער געקומען צו פאָרן אין דער מוזיקאַלער שול. ער איז געגאַנגען אהין, ווי ער וואָלט געגאַנגען אין שלאַכט, קעמפן און אויסקעמפן זײַנס. „אַז מע וועט דאַרפן, — האָט ער איינמאָל א זאָג געטאָן נעכאַמען, — וועל איך באַדײַ אָנשפּאַרן אין מינסק, צום מיניסטער פון קולטור, נאָר איך וועל זיך מײַנס דערשלאָגן".

קיינער האָט ניט געוווּסט, צי איז זעליק געצוווּנגען געווען ווענדן זיך צום מיניסטער פאַר קולטור. א פאַקט איז אָבער, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער געקומען צו פאָרן מיט א וויִאָלאָנטשעל, מיט א פּאַק נאָטן און מיט א פּראָגראַם, לויט וועלכער לילען איז פאָרגעשטאַנען גרייטן זיך אָנקומען אין דער האָמליער מוזיקאַלער שול.

די הויפּט־שוועריקײַט איז איצטער באַשטאַנען דערין, וויִאַזוי זיך דורכריידן מיטן מיידל, אַז זי זאָל זיך אופהערן וואַרפן און טאָן, וואָס מע וויל פון איר.

אין אַט די דאָזיקע טעג איז סײַ נעכאמע און סײַ זעליק פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאַר־שווערער. אויסנוצנדיק די מינוט, ווען לילע איז ניט געווען אין דער היים, האָבן זיי זיך שטילינקערהייט אַרײַנגעכאַפּט אין שטוב מיט דער וויאָלאָנטשעל און מיט די נאָטן. לאַנג האָבן זיי זיך געייסעקט, ווו אוועקצושטעלן די וויאָלאָנטשעל, אַז לילע זאָל זי באַלד דערזען. וואָס פאַר אן אָרט זיי האָבן ניט אויסגעקליבן, איז זיי אַלץ ניט געפעלן. נעכאמע האָט אפילע, וואָס האָט איר קלאַל גאָרניט געפּאַסט, ווי א לערערן, געמאַכט אפן טשעכאָל א סימען מיט א נאָדל־פאָדעם, קעדיי צו איבערצײַגן זיך, צי לילע וועט אַרויסנעמען די וויאָלאָנטשעל.

די גאַנצע צײַט האָבן זיי ביידע, אי נעכאמע אי זעליק, פּאָשעט מוירע געהאַט, אַז זייער גאַנצע האַרעוואַניע זאָל ניט אוועקגיין מיטן ווינט...

געקומען פון שול און דערזען שטיין דעם אינסטרומענט, האָט לילע א וואָרף געגעבן דעם פּאָרטפעל מיט די ביכער אפן בעט און איז מיט א זײַט, מיט א זײַט, ניט גלייבנדיק זיך אַליין, וואָס זי זעט, אַרומגעגאַנגען דאָס אָרט, ווו די וויאָלאָנטשעל איז געשטאַנען. אַרויסנעמען זי פונעם טשעכאָל, א בליק געבן, וואָס איז עס פאַר א קיילע, האָט זי זיך ניט דער־וועגט, כאָטש אין שטוב, אויסער איר, איז קיינער ניט געווען און זי האָט עס געקענט טאָן אומגעשטערט.

פון דעם דאָזיקן טאָג אָן האָט מען באמערקט, אַז דאָס מיידל האָט אופגעהערט שלאָפן דורך די נעכט. נעכאמע האָט זיך וויפל מאָל אופגעכאַפּט און זי געטראָפן ליגן מיט אָפענע אויגן.

עטלעכע טעג איז דורך אָן שום ענדערונג. אף דער פראַגע, וואָס זעליק האָט יעדן מאָל פאַרגעבן נעכאמען: „נו, וואָס הערט זיך?"—האָט זי אים פונקט אויך אַזוי קורץ, מיט א זיפץ געענטפערט: „דערווײַל גאָרניט".

אין די דאָזיקע טעג האָט זיך זעליק בעקיוון ניט באַוויזן צו די שכיינים. ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס וועט זײַן ווײַטער.

ערעוו די קאַניקולן, ווען זיי זײַנען ביידע געווען אין דער היים, האָט נעכאמע צווישן אנדערן, גאַנץ צופעליק, א פרעג געגעבן לילען:

— האָסט כאָטש א קוק געטאָן, וואָס איז דאָס פאַר אן אינסטרומענט?—און שטיל דער־בײַ צוגעגעבן.—וואָלסט געפּרוּווט עפּעס שפּילן... א מענטש האָט דיר געבראַכט אַזא טײַע־רע מאַטאָנע, וואָלסטו אים ניט באַדאַרפט אָנטאָן קיין יעסורים.

— איך האָב אים ניט געבעטן ברענגען.

— און איך האָב דען געזאָגט, אַז דו האָסט געבעטן?

— וואָס זשע סטאַרעט ער זיך אַזוי? ניט איבער דיר איז עס?

— הער אוף! וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס איינס צום אנדערן...

— וואָס זשע דען?

— דאָס פרעג אים שוין אַליין.

— איך וועל פרעגן.

אויסגענוצט די געלעגנהײַט, ווען זעליק איז אין עטלעכע טעג אַרום צו זיי אַרײַנגעקומען, האָט לילע אַזוי טאַקע געטאָן. זי האָט אים געפרעגט:

— פאַרוואָס באַלעוועט איר מיך?

אין איר פראַגע איז דערבײַ געווען אַזא אכזאָרישע אָפנהאַרציקײַט, אף וועלכער עס זײַנען נאָר פייִק קינדער.

זעליק האָט זיך פאַרלאָרן, כאָטש שוין דאָס אַליין, וואָס זי האָט אָפּגעעפנט דאָס מויל און געגעבן רעדן, איז פאַר זיך געווען דערפרייענדיק.

— פאַרשטייסט,—האָט ער אָנגעהויבן פאַרטראַכטערהייט,—א מענטשן, אויב ער איז ניט אינגאַנצן פאַרדאָרבן, ווילט זיך ווען־ניט־ווען טאָן עפּעס אויך פאַר יענעם. איינער טוט עס פאַרן ווײַב און פאַר די קינדער. און דאָ האָט ער זיך אַליין איבערגע־שלאָגן,—ע, עס האָט ניט קיין זין צו ריידן וועגן דעם. לאָמיר בעסער ריידן וועגן פריילע־כערע זאַכן. דו זע בעסער גיב א טראַכט וועגן דעם, וויאַזוי זיך נעמען פאַר מוזיק, אַז מיר זאָלן אינגיכן קאָנען פאָרן אף די פאַרהערן.

— און איר זײַט זיכער, אַז מע וועט מיר ניט אָפּזאָגן?

— דאָס איז שוין אָפּהענגיק פון דיר...

אין דער דאָזיקער מינוט האָט לילע דערזען בא זעליקן אפן רעקל עפּעס א גרעזל. זי האָט זיך צו אים א צי געגעבן און, פאַרזיכטיק, ווי זי וואָלט געהאַט צו טאָן מיט פײַער, אַראָפּגענומען דאָס גרעזל, מיט די דינע, לאַנגע פינגער עס צעריסן אף פיצלעך. זיך דערנאָך אופגעהויבן פון איר אָרט, איז זי צוגעקומען צום אָפענעם פענצטער און אַרויסגעוואָרפן די ברעקלעך אין דרויסן. אין דעם, וויאַזוי זי האָט עס אַלץ געטאָן א שטאַרק פאַרטראַכטע, ניט

ארויסברענגענדיק קיין וואָרט, האָט זיך געלאָזט פילן א פעסטער כאַראַקטער, און זעליק מיט נעכאַמען האָבן זיך איבערגעקוקט.

עטלעכע מאָל האָט לילע דערנאָך זיך געפּרוּווט נעמען פאַרן אינסטרומענט. נאָר יעדער מאָל האָט זי עפּעס אָפּגעהאַלטן, ניט געלאָזט עס טאָן, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן, גלײַך דאָס וואָלט ניט געווען קיין וויִאָלאָנטשעל, נאָר א לעבעדיק באַשעפעניש, מיט וועלכער זי האָט פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט.

און פונדעסטוועגן איז דאָך געקומען די באַשטימטע שאָ, ווען דאָס מיידל איז בײַגעקו־מען זיך אַליין. געשען איז עס אין איינע פון די טעג, ווען די שול האָט מען פאַנאַנדערגע־לאָזט אַף קאַניקולן. זי האָט זיך דערפילט פרײַ פון די לימודים און עס האָט זי א צי געגעבן צו דער וויִאָלאָנטשעל.

זי האָט אָוועקגעשטעלט דעם פּיופּיטער, אופגעעפנט דאָס פּעקעלע נאָטן און גענומען דאָס ערשטע העפטל, וואָס איז איר געקומען צו דער האַנט. דאָס איז געווען די מעלאָדיע פונעם קאָמפּאָזיטאָר דוואָרזשעק, וואָס זי האָט געשפּילט, ווען זי איז נאָך געווען א קינד, אין די ערשטע קלאַסן — איינע פון אירע באַליבטע מעלאָדיעס...

מיט ציטעריקע הענט האָט זי פאַנאַנדערגעשפּיליעט די קנעפּלעך פונעם טשעכאָל און פאַמעלעך, זייער פאָרזיכטיק, ארויסגענומען די וויִאָלאָנטשעל, וואָס האָט געשמעקט מיט לאַק און מיט סטאָליערשן קליי.

זי, אָט דאָס יונגע און דאַרע מיידל, איז אויסגעוואַקסן אין א שטוב פון גרויסע מעווי־נים אַף אַזוינע זאַכן, און זי האָט באַלד דערשפּירט, אַז אין אירע הענט איז ארײַנגעפאַלן ניט קיין „שטיק האָלץ", אַף וועלכן מע לערנט געוויינלעך שפּילן קינדער, נאָר אַן עכטע קיילע, און אַן אַנציקטע דערפון האָט זי דורכגעפירט מיט דער האַנט איבער דער דעקע, וואָס האָט טונקל, מיט א מאַטן גלאַנץ, געלויכטן, ערטערווײַז שוין עטוואָס אַן אָפּגעריבענע פון מענטשלעכע הענט. און דאָס ערשטע, וואָס איז איר דערבײַ געקומען אַפן זינען, איז געווען: „ווו האָט ער עס געקראָגן אַזאַ אינסטרומענט?" מיינענדיק מיט אָט דעם „ער" זעליקן, ווע־מען זי האָט פאַר זיך ביז איצטער אַנדערש ניט אָנגערופן, ניט אימשטאַנד זײַענדיק צו באַהערשן אין זיך דעם געפיל פון אייפערזוכט, וואָס זי האָט געפילט צו נעכאַמען, זינט זעליק האָט גענומען ארײַנקומען צו זיי.

זיך אַוועקגעזעצט אַפן שטול און אַוועקגעשטעלט די וויִאָלאָנטשעל באַ די קני, האָט לילע אָנגעצויגן די סטרונעס און דורכגעפירט איבער זיי מיטן סמיטשעק, ארויסבאַקומענדיק די ערשטע ציטערנדיקע טענער, אַזוינע שטילע און טויבלעכע, ווי עס וואָלט זיך דערטראָגן פונדערווײַטן די שטימע פון איר מוטער.

שפּילן האָט זי דאָך נאָך אַלץ ניט געקענט. דאָס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די סטרו־נעס זײַנען ניט אָנגעצויגן ווי מע דאַרף, און דאָס, אַז די וויִאָלאָנטשעל שטייט ניט גוט.

נאָר אָט האָט זי אַלץ אויסגעריכטעט, און קעדיי עס זאָל איר לײַכטער זײַן אָנצוהייבן שפּילן, האָט זי אָנגעהויבן אונטערזינגען די האַרציקע מעלאָדיע. צוזאַמען מיט די קלאַנגען, וועלכע האָבן אָנגעפילט דעם צימער, האָט זיך אינעם מיידל דערוועקט זיכרוינעס וועגן דער קינדהײַט. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערזען צווישן די עלטערן און זיך צעוויינט.

לילע האָט געשפּילט, ניט אופהערנדיק צו וויינען און עפּשער גאָר ניט פילנדיק, וויִאַזוי עס קײַקלען זיך איר טרערן איבער די באַקן. זי האָט געשפּילט, אַזוי ווי זי האָט געדענקט, מער ניט קוקנדיק אין די נאָטן און גאָרנישט ניט זעענדיק פאַר זיך.

זי איז גיך מיד געוואָרן, געבליבן א הילפלאָזע זיצן מיט די הענט אַף דער שויס, ניט ארויסלאָזנדיק דעם סמיטשעק פון די פינגער, קעדיי עס זאָל זיך אײַנליגן דאָס אַלץ, וואָס האָט איבערגעפולט איר האַרץ. אַזוי בלײַבט שטיין א מענטש אַף איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, ווען ער שטײַגט ארויף אַף א באַרג, איידער ער דאַרף זיך לאָזן גיין ווײַטער העכער און העכער, צום סאַמע שפּיץ.

ווען נעכאַמע איז ארײַנגעקומען, איז לילע נאָך אַלץ געזעסן א מידע. און כאָטש זי, נעכאַמע, האָט, נאָך זײַענדיק אין דרויסן, געהערט, וויִאַזוי לילע שפּילט, און א צופרידענע, פּאַשעט מוירע געהאַט ארײַנצוגיין, קעדיי איר ניט שטערן, האָט זי זיך דאָך געמאַכט ניט ווייסנדיק דערפון און געפרעגט:

— האָסט געשפּילט?

— יאָ... — האָט לילע געענטפערט. — נאָר די הענט זײַנען אַזוי ווי הילצערנע...

א פראָנטיספּיס צו שאָלעם־אליכעמס דערציילונג „דער פארקישעפטער שניַידער״.

# קינסטלער הערש אינגער

רעכטס — איליוסטראַציעס צו שאָ־
לעם־אליכעמס „קאַסרילעווקע"
(אויבן) און „א גרינגער טאָנעס"
(אונטן).

לינקס — איליוסטראַציעס צו י.־ל.
פּערעצעס „דער מעשולעך" און צו
מענדעלע מויכער־ספאָרימס „מאַ־
סאָעס ביניאָמין האשלישי".



„טעוויע דער מילכיקער"
„סטעמפעניו"

„....כ'באַשווער רעדאַקטאָר, איך שיק אייך דאָ
איין ליד מײַנע, בלויז איינע...“

## הירש בלאָשטיין

### א געזאַנג צו רוסלאַנד

און אויב כ'בין אומעטום
מיט דיר צוזאַמען,
און אומעטום גייט מיט
מיט מיר די זון —
איז דאָס דערפאַר,
ווײַל דו ביסט מיר א מאַמע,
איז דאָס דערפאַר,
ווײַל איך בין דיר א זון.

און אויב איך זינג,
און כ'האָב זיי ליב, די לידער,
די שוועסטער פון מײַן פרייד,
מײַן מי, מײַן רו —
איז דאָס דערפאַר,
ווײַל כ'האָב מיליאָנען ברידער,
איז דאָס דערפאַר,
ווײַל מײַן געזאַנג — ביסט דו!

און אויב כ'בין רויִק אויך,
ווען כ'טראַכט פון דײַנע סאָנים,
וואָס לויערן אַף דיר
מיט שוואַרצער גיפט אין בליק —
איז דאָס דערפאַר,
ווײַל כ'ווייס: וועסט זיי דערמאָנען,
וואָס ס'איז געווען
מיט דרײַסיק יאָר צוריק...

✧ ✧ ✧

## כאַנע ווײַנערמאַן

### סאָף טאָג

איך האַלט פון טאָג פון הײַנטיקן די גאָב, —
איך האָב דערוואָרבן זי אין מי פון יאָרן.
און כאָטש כ'בין עלטער הײַנט געוואָרן אַף א טאָג,
דאָך יינגער בין איך אַף א יאָר געוואָרן.

און אויב איך האַלט אין האַנט די גאָב פון יאָר,
פון שפּעט ריזיקער, וואָס כ'וועל באַזינגען,
איז ווי ס'זאָלן ניט ווײַס זײַן מײַנע האָר,
און ווי איך זאָל ניט עלטער זײַן, איז קלאָר,
אַז איך בין אַף א גאַנצן טאָג איצט יינגער.

✧ ✧ ✧

## ליפע העלער

# אין מיר זיך שפּיגלט אַפֿ דער זײַן

ווי אין א טראָפּן טוי — די וועלט,
ווי אינעם סערפּ — דער זאנג אין פעלד,
אזוי אין מיר זיך שפּיגלט אַפֿ דער זײַן:
די ערד, די זון, איר שאָטן און איר שײַן.

אין מיר זיך בײַטן טעג און נעכט,
אין מיר איך פיל די גאנצע ערד,
אין מיר איז קובע און וויעטנאם,
דער רויטער און דער טויטער יאם.

און טשילי אין די ברעגן קלאַפּט,
איך אײַל, איך טו, נאָר ס'איז נאָך קנאַפּ —
איך קאָן ניט לעבן שטילערהייט,
ווען עמעץ בלוטיקט נאָך אין לייד.

✧ ✧ ✧

## זיאמע טימענטשיק

# נאציאָנאלער באַוווסטזײַן

צום קויסל ער וויל, צו דער הייליקער וואנט...
און אַט — זיך אוועקגעלאָזט האָט ער אהין.
און אפן וועג צו דעם דאָרטיקן לאנד
זיך אָפּגעשטעלט האָט ער אין עסטרײַך, אין ווין.

סטאם צו די אָוועס — עס האָט ניט קיין זין,
בא אים איז דער סייכל ניט קאליע.
איז ער פון ווין ניט דערפאָרן „אהין",
זיך אראָפּגעכאפּט קיין איטאליע.

ער וועט בא די רוימער שעפּן פארשטאנד,
אלץ איז בעכינעם, אוואדע.
צײַטיק געוואָרן פארן „אייגענעם לאנד",
איז ער אוועקגעפאָרן גלײַך קיין... קאנאדע.

אין טאָראָנטאָ דאָס לעבן איז: זוך און געפין —
קרעדיט וועט דאָך קיינעם ניט שאטן.
נאָר אײַנמאָנען כויוועס זיי נעמען בא אים,
איז שוין בעסער אהין... אין די שטאטן.

ס'איז פיטסבורג א שטאָט! ניט קיין שטאָט, נאָר א טרוים!
נאָר איינס איז, בעעמעס, דאָ — פּע!
מע מאָנט, ער זאָל צאָלן פאר ווין און פאר רוים,
איז עפּשער קיין... פּע־ער־גע?

עס דריקט אים די שײַלע אזוי ווי א בארג,
און ער איז באטראכט און איז זאכלעך.
אין ליבע צו ציאָן — אין דעם איז ער שטארק,
אין געאָגראפיע — שוואכלעך.

✧ ✧ ✧

## פיניע קיריטשאנסקי

# שמעקט מיט ליבע און מיט זומער

איבער אונדזער שטאָט דער הימל — העל,
און די לופט איז דופטיקער געוואָרן,
בלומענציכטלערנס פון גאָרער וועלט
זײַנען זיך אהער צונויפגעפאָרן.

קווייטן אף אן אויסשטעלונג געבראכט.
בונטע פארבן האָבן זיך צעגאָסן:
אף די ביימער־קרוינענ אינעם פארק,
אף די מענטשן, אף די גרינע גראָזן.

שפריצט ארויס א זוניק־העלע פרייד
פון די בלומענציכטלערנס שווארצאפּלען.
אין די בלעטעלעך פון יעדער קווייט
זאפט פון זייער ערד האָט זיך צעצאפּלט.

יעדע בלומענציכטלערן אין סאָד
וויל, אז זינגען זאָלן אירע בלומען.

קומט צו פאָרן אלע אין מײַן שטאָט,
ס׳שמעקט אין איר מיט ליבע און מיט זומער.

✧ ✧ ✧

## באָריס מאָגילנער

# אף אָט דעם אָרט

א צארטע פײַערשײַן באווײַזט זיך אינדערוויַטן,
און ס׳דוכט זיך מיר, אז כ׳האָב זי שוין געזען
אף אָט דעם אָרט, אין יענע ווײַטע צײַטן,
ווען מײַן אָקאָפּ אין שלאכט איז דאָ געווען.

מיר זײַנען הינטער טאגאנראָג געשטאנען,
דאָס דאָרף סאמבעק פארהאלטן האָט אונדז הארב.
דעם סוינע נאָכגעשפּירט באנאכט איך האָב פונדאנען,
געקענט אף אויסווייניק איך האָב די הימלפארב.

די שײַן־ראקעטעס פלעגן לאנגזאם פאָכען
מיט פאָלעס געלבלעכע קימאט מיט מיר באנאנד
און קאָנטיק אָנווײַזן פון די פארכאפּטע שטאָכים
דעם ראנד דעם פאָדערשטן און אונדזער הינטערלאנד.

אָט יענע פײַערשײַן פלעגט לעשן אלע שטערן,
זי פלעגט פון סרייפעס שטאמען, פון דעם פלאם.
אין אופלויכט מ׳האָט געקענט אי זען, אי הערן,
נאָר ס׳איז געפערלעך דאָרט געווען מיסטאם.

אויך איצט א פײַערשײַן צעפלאמט זיך אינדערוויַטן,
זי שטערט לאכלוטן ניט דעם שיינעם שטערנבערען.
אף אָט דעם אָרט, אין יענע ווײַטע צײַטן,
אָן אופגערודערט שלאכטפעלד איז געווען.

✧ ✧ ✧

## מישע מאָגילעוויטש

# אפדערנאכט

ס׳איז הײַנט דער אפדערנאכט אי קלאָר, אי שיין
און אומקלאָר בלוי. די לופט איז פריש און ריין.
און ווײַטן וויגן זיך און ווערן אײַנגעשלאָפן.
און ווי א גרויסע שטוב דער סאָד איז פאר מיר אָפן.
איך גיי ארײַן אין אים, זײַן טונקלע מיט
האָט איבער מיר צעוואָקסן זיך און זיך צעבליט.
און כ׳הער, ווי פון א צווײַג א שאָרך עס פאלט אראָפּ
און בלײַבט ווי הענגען שטיל איבער מײַן קאָפּ.
עס דאכט: אין מיר און ארום מיר סע רעדט
מיט גרינע ליפּן־בלעטעלעך די דרעמלענדיקע ערד,
ווי ס׳וואָלט דער סאָד זײַן הארץ פאר מיר געעפנט...
ער שמעקט מיט נאכט און רוישט מיט נײַע קרעפטן.
אין דער מינוט איך וויל, אז יעדער דורכגייער זאָל פילן,
ווי ס׳קען דער ווינט אין דינע גראָזן שפּילן,
ווי ס׳קען א צווײַגל, ווי א צארטע האנט,
א קלאפּ טאָן אין א שויב אָדער אין וואנט...

✧ ✧ ✧

## עליע ביידער

# באם יאם

דער ווינט האָט אף א כוואליע זיך געכאסמעט
און גלײַך אוועק אין ווײַט געזונט און פריש —
ער לויפט איבער דעם יאם, וואָס איז געפלאסטערט
מיט זילבערדיקע ליסקעס פון די פיש.

נאָר אָט א כוואליע ווידער קומט פון ווײַטן,
זי קושט מיר מײַנע פיס און גייט א מילדע אויס, —
אזא געטרײַשאפט קאָן מיט זיך פארבײַטן
פון הארץ די ליבע — אָפּפערדיק און גרויס.

## יוסעף ראַבין

# העשל דער סטאָליער און זײַן אייניקל

### ראָמאַן

14

אַשערל בלאַנדער באַוויַזט זיך זעלטן צווישן מענטשן. און אַז ער קומט אַריַין אין גרויסן בעסמעדרעש דאַוונען, שטעלט ער זיך טייקעף אַף זיַין אָרט, דאַוונט פאַר זיך, שאָקלט זיך און דווייקעט זיך. דאַוונט ער אָפּ, לייגט ער גיך צונויף דעם טאַלעס־און־טפילן און ווערט גיך נעלעם. ער רעדט מיט קיינעם ניט און וויל, אַז קיינער זאָל מיט אים ניט ריידן. א שווערע ציַיט. בילבולים. זינט מע האָט אַרעסטירט רעב דאָווידן, צו וועלכן ער פלעגט אַריַינגיין הערן ניַיס, איז ער אויס מענטש. צי קען מען צו אים אויך ניט קומען? עפשער האָט מען אים געזען אַריַינגייענדיק אָדער אַרויסגייענדיק פון רעב דאָווידן? מע וועט אים אויך באַשולדיקן. שרעק האָט גרויסע אויגן.

אָבער ויסן, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט, ווי האַלט עס מיטן בילבל, וואָס מאַכן די אַרעסטירטע, — וויל ער. ער וויל עס ניט אַזוי צוליב זיי, ווי צוליב זיך. צי דאַרף ער עפשער גאָר אַרויספאָרן צו קרויווים אין אַן אַנדער שטאָט?

ער האָט שוין אופגעהערט צו גיין דאַוונען אין בעסמעדרעש, ער דאַוונט באַ זיך אין דר'היים. ער פילט זיך ניט מיט אַלעמען. אָבער ראָשעשאָנע קען ער דאָך ניט בליַיבן אין שטוב. און אין בעסמעדרעש קען ער ניט זיַין קיין שטומער, ער דאַרף ווינטשן „לעשאָנאָ טויוואָ". פאַריינס פרעגט מען אים שוין, וואָס ווייסט ער וועגן רעב דאָווידן. „שכיינים. איר, רעב אַשערל, פלעגט אָפט צו אים אַריַינגיין".

פון דער פראַגע ווערט אַשערל מעוווּלוול. די ליפּן פאַרטשעפּען זיך אַזש באַ אים, פּלאָנ־טערן זיך. ער וווּנדערט זיך:

— איך צו אים? קיינמאָל ניט! ער האָט געהאַט א טעווע אַריַינצוקומען צו מיר. דערביַי ניט געבעטענערהייט. איך צו אים?

דער פרעגער וווּנדערט זיך און רוקט זיך אָפּ אין א זיַיט. ער ווייסט דאַפקע גוט, אַז אַשערל פלעגט קריכן צו רעב דאָווידן, און רעב דאָוויד איז פון דעם געווען אומצופרידן.

אַשערל פאַרנעמט זיַין אָרט. ער פילט זיך ניט גוט. עס באַקומט זיך: ערעוו ראָשעשאָנע, פאַרן דאַוונען, פאַרן אויסבעטן א גוט יאָר, זאָגט ער א ליגן און באַרעדט אַן אָרנטלעכן מענטשן. עס נעמט אים דורך, און אַפילע א טרער וויל אָנקומען. ער בעט גאָט, ער זאָל אים מויכל זיַין. „דיַין קנעכט אַשער מיינט דען שלעכט, ער וויל זיך נאָר אויסהיטן פון א צאָרע". אַזאַ פאַרענטפערן זיך איז פאַר אַשערקען איַינגאַנצן געַנוג. ער באַרוּיקט זיך. דער כאַזן שטעלט זיך באַם אָמעד. אַשערל דאַוונט מיט גרויס קאַוואָנע.

---

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 4, 1975.

— דו ווייסט דאָך, פּאַטער אין הימל, אַז איך בין פרום, ריר קיינעם ניט אָן, איך בין דיר געטריַי. — ער וויל נאָך צוגעבן, אַז ער גיט צדאָקע, נאָר... ראַשעשאַנע, ווען גאָטס שכינע רוט אין בעסמעדרעש, קען ער אַזוינס ניט זאָגן. הײַנט דאַרף מען זאָגן דעם עמעס. דערפֿאַר אָבער, טראַכט ער, אַז נאָך יאָמטעוו, אימירצעהאַשעם, ערעוו יאָמקיפּער וועט ער טיילן צדאָקע אָרעמעלײַט.

ער באַרוי̇קט זיך אינגאַנצן. און נאָכן דאַוונען ווינטשט ער זײַנע שכיינים אין גרויסן בעסמעדרעש אַ פֿריילעכן און האָפֿערדיקן „לעשאָנאָ טויוואָ".

נאָך ראַשעשאַנע, אינמיטן די אַסערעס־יעמיי־טשוווע, ווען אויף דער האַרבסטיקער ערד אַרום די ביימער זײַנען שוין געלעגן קופּעס געל־רויטע בלעטער, וואָס האָבן געשורשעט און זיך געטראָגן מיטן ווינט, און די זון, אַ מיד־אָפּגעשוואַכטע, ווי שוין אַ דורכגעזיפּטע, האָט ווייניק געלויכטן און נאָך ווייניקער געוואָרעמט, האָט צאַליע דער האָלץ־העקער געעפֿנט די טיר פֿון דער פּאָליציי־געבײַדע און אָן קיין שום באַגריסונג גלײַך געמאָלדן:

— איך האָב געהערט, איר זוכט מיך, אָט בין איך.

זיי האָבן אים ניט גלײַך דערקענט. ער איז גאָרניט ענלעך אויף צאַליע דעם האָלץ־העקער אין די לײַנענע פּלודערן, אין דער אַלטער פֿאַרלאַטעטער מאַרינאַרקע און אָפּגעטראָגענע אויסגעדרייטע שטיוול. גאָר אַן אַנדער צאַליע. פֿאַרמעגלעך אָנגעטאָן, אַפֿילע שיין אָנגעטאָן. אין אַ הוט און אין אַ האַרבסט־מאַנטל אויף אַ זײַדענעם אונטערשלאַק. זײַנע גרויסע גרינלעכע אויגן און די צוגעקעמטע שוואַרצע באָרד רופֿן אַרויס צו אים אָפּשײַ.

— פֿאַרוואָס אַזוי שפּעט געקומען?

— די לעצטע צײַט האָב איך געוווינט אין אַן אַנדער שטאָט. ניט לאַנג ערשט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מע זוכט מיך אויף באַשולדיקן. בין איך געקומען.

פֿאַר דער פּאָליציי איז זײַן קומען געווען אומדערוואַרט און אַפֿילע איבעריק. נאָר זיי האָבן אים, פֿאַרשטייט זיך, אַרײַנגעזעצט. און צופֿעליק, צי ניט צופֿעליק איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין דער זעלבער קאַמערע, ווו דאָוויד זיצט.

רעב דאָוויד האָט אים אויך ניט דערקענט. ערשט נאָכדעם, ווען צאַליע האָט אויפֿגעקלערט, ווער ער איז, האָט ער אים דערקענט, אים אָפּגעגעבן שאָלעם און זיך דערפֿרייט, וואָס יאָמקיפּער וועט ער זײַן ניט אַליין, נאָר מיט נאָך אַ ייִדן.

די גאַנצע צײַט, ביז צאַליעס קומען, האָט רעב דאָוויד געדאַוונט און געלערנט. ערשט דאָ אין דער טפּיסע האָט ער באַנומען, וויפֿל דאַפֿים געמאָרע ער ווייסט אויף אויסווייניק. אויסער דאַוונען און לערנען טוירע איז רעב דאָוויד געווען פֿאַרנומען מיט זײַנעם אַ לאַנגיאָריקן פֿאַרלאַנג — גיין אויף קידעשהאַשעם, לײַדן צוליב גאָט און זײַן טוירע. מיטן אַרײַנפֿאַלן אין טורמע האָט אים געדוכט, אַז דער פֿאַרלאַנג נעמט מעקוייעם ווערן. און צוזאַמען מיטן זאָגן בראָכעס נאָך „מודע אני", האָט ער אויך געזאָגט אַ לויב צום אייבערשטן פֿאַר דעם, וואָס ער האָט אים, דאָווידן, אויסגעוויילט צו דינען אים מיט לײַב־און־לעבן, אָנצונעמען דעם טויט פֿאַר גאָטס קאָוועד און זויכע זײַן, ווי רעב אַקיווע, אויסצוהויכן די נעשאָמע מיט די ווערטער „שמא ייִסראָעל"... מיט יעדן טאָג האָט ער זיך אַלץ מער און מער אין דעם אײַנגעלייבט און זיך צו דעם געגרייט. און דערבײַ ניט געפֿילט אין זיך ניט קיין שרעק און ניט קיין וואַקלונג.

דערצו נאָך האָט רעב דאָוויד באַנומען, אַז די וועלט איז איצט קולע־כײַעוו, מאַשיעכס צײַטן. ער האָט זיך באַמיט צו זײַן אינגאַנצן אָפּגעשיידט פֿון דער זינדיקער ערד, פֿון אַלץ, וואָס קומט פֿאַר אויסער זײַן קאַמערע. אַפֿילע וועגן דעם בילבל האָט ער קימאַט ניט געטראַכט. צאַליעס אָנקומען האָט אים דערמאָנט, ווו ער האַלט אין לעבן. עמעס, די וועלט איז טאַקע קולע־כײַעוו, אָבער אַנטלויפֿן פֿון איר, זיך אויסבאַהאַלטן פֿון איר — קען מען ניט. עס איז ערעוו יאָמקיפּער. עס דאַרף געכאַסמעט ווערן דאָס גוטע צעטל פֿאַר אַלע לעבעדיקע, דאַרף מען עס אויסבעטן, מיספּאַלעל זײַן, זיך מיסוואַדע זײַן אויף די זינד.

ערעוו יאָמקיפּער, נאָכן אָנבײַסן, פֿאַר מאַלקעס־שלאָגן, האָבן זיי איינער פֿאַרן אַנדערן זיך מיסוואַדע געווען.

— רעב דאָוויד, — האָט אָנגעהויבן דער ערשטער צאַליע. — איך בין זינדיק. איך מוז אַלץ דערציילן. עס שטייט מיר אין האַלדז, ניט אַראָפּצושלינגען, ניט אויסצושפּײַען. און זינדיק בין איך ניט צוליב מײַנע אייגענע זינד. מיר זײַנען געווען צוויי ברידער — אַ צווילינג. איך ווייס ניט אויף וויפֿל מינוט, נאָר איך בין דער עלטערער. אַז דער עלטערער קומט אויף דער וועלט איינער, איז ער שטאַרק אָנגעלייגט — אַ בכאָר. אַ יאַכסן. אָבער אַז ער קומט צוזאַמען מיטן ייִנגסטן, מיטן מיזיניק — איז שוין דער מיזיניק אויפֿן ערשטן אָרט. דערבײַ איז

דער מיזיניק די ערשטע צײַט געווען שוואַכער פאַר מיר, אויך אַ ביסל קלענער פאַר מיר. אַלע זײַנען געווען אַף זײַן זײַט, אַלץ איז אים נאָכגעגעבן, זיך געצאַצקעט מיט אים. ער איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער, אַ צעבאַלעוועטער, אַ באַל־טײַווע. צו זיבעצן יאָר האָט מען אים גערעדט שידוכים. ער איז אַלע קאַלעס געפעלן געווען, נאָר די קאַלעס אים — ניט. קיינער האָט עס ניט געקענט פאַרשטיין... ביז ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז ער באַגעגנט זיך בישטיקע מיט איינער אַ יעפּייפע, אַזאַ, וואָס האָט שוין ביז אים זיך באַגעגנט מיט אַן אַנדערן. זי האָט איבער אים אַ גרויסע שליטע.

פאַר אונדזער אָנגעזעענער און פרומער מישפּאָכע איז עס געווען אַ גרויסער קלאַפּ, אַ קורבן. דער גוטער שעם פון אונדזער הויז איז געפאַלן. דער טאַטע האָט זיך געשעמט גיין אין שול דאַוונען. נאָך אַ ווײַטערדיקע יערידע איז געקומען שפּעטער. די יעפּייפע האָט געהאַט אַ ייִנגל. דער ברודער האָט זיך קאַמע־מאָל געשוואָרן, אַז ס'איז ניט זײַן קינד. און די יעפּייפע מיטן שיינעם פּענעמל און מיטן זיסן שעמען־זאַיס־קעלכעלע האָט אויך געשוואָרן, אַז ס'איז יאָ זײַנס.

וואָס פאַר אַן אויסזען מיר האָבן דעמלט געהאַט בײַ מענטשן, איז צו פאַרשטיין פון דעם, אַז ייִנגלעך האָבן אונדזער טאַטן נאָכגעשריִען: מאַמזער!

דער ייִנגערער ברודער, שמוליק האָט מען אים גערופן, האָט זיך באַטראַכט, אַרויסגענומען פון טאַטנס קאַסע אַ היפּשע פּיטעקע און איז נעלעם געוואָרן.

מיט דעם האָט ער שוין אײַנגאַנצן פאַרקירצט די יאָרן פון טאַטע־מאַמע. זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען, ווי די שאָטנס.

אין אַ יאָר אַרום, נאָכדעם, ווי זי האָט דאָס קינד אַנטווײַנט, איז די יעפּייפע געקומען צו מײַנע עלטערן און געזאָגט:

— וואָס עס איז געווען אין מײַנע קויכעס, האָב איך געטאָן. איצט נעמט דאָס קינד און האָדעוועט עס.

נעמען עס אין שטוב אַרײַן האָבן אונדזערע ניט געוואָלט. עס איז דעריבער פאַרבליבן, אַז די יונגע מאַמע גיט אָפּ איר קינד עמעצן אַף האָדעווען, און אונדזער מישפּאָכע וועט דערפאַר צאָלן, וויפל מע דאַרף.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז פון שמוליקן אָנגעקומען אַ מיכטעוו, די איינציקע יעדיע פון אים. ער האָט געגעבן צו וויסן, אַז ער פילט זיך ניט גוט. זײַנע יאָרן זײַנען געציילטע. דערייבער אײַלט ער זיך, כאָטש לעאַכער־האַמײַסע, מוידע צו זײַן, אַז דאָס קינד איז זײַנס.

דאָס איז געווען דער לעצטער קלאַפּ פאַר טאַטע־מאַמע. און אין מעשעך פון איין יאָר האָבן ביידע אומגעקערט זייערע נעשאָמעס צום בוירע־אוילאָם.

רעב דאָווויד, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געהערט און געשוויגן, האָט אַ קרעכץ געטאָן.

צאַליע האָט ניט געוואָלט, אַז רעב דאָווויד זאָל אים איבעררשלאָגן אינמיטן, האָט ער געענטפערט אויך מיט אַ זיפץ און פאָרגעזעצט:

— און דאָ הייבן זיך אָן מײַנע זינד, כאָטש איך אַליין האָב ניט געזינדיקט. די גאַנצע צײַט, זינט עס איז געשען מיטן ברודער די מײַסע מיט דער יעפּייפע, האָבן די עלטערן געהאַט צו מיר אַ טײַנע: איך בין שולדיק! איך בין דער עלטערער, איך האָב געדאַרפט אַף אים אַכטונג געבן, זען, אין וועלכן דערעך ער גייט. איך בין שולדיק! די ערשטע צײַט האָב איך דערווידערט. מאַ כאָטאָסי, מיט וואָס האָב איך געזינדיקט, אין וואָס בין איך שולדיק? פאַר זיי איז קיין שום טערעץ ניט געווען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פאַר זיי איז לײַכטער, ווען עמעצער איז שולדיק אין דער שולד פון זייער געליבטן זון, וואָס אין זייערע אויגן איז ער שטענדיק געווען מאַלע־כיין. איך האָב עס אָנגענומען פאַר ליב, געוואָלט מיט דעם לינדערן זייער ווייטעק. און זיי האָבן, וואָס ווײַטער, אַלץ מער געגלייבט — איך בין שולדיק! פאַרן טויט האָט מיר דער טאַטע געזאָגט: „קויף אויס די זינד פון דײַן ברודער, אין וועלכע דו ביסט אויך שולדיק. צאָל אויס דאָס געלט פאַרן ייִנגל״. איך האָב צוגעזאָגט. געשען איז אָבער אַזוי, אַז אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום איז די יעפּייפע אוועקגעפאָרן. גערעדט האָט מען, אַז זי איז געפאָרן צו איר ערשטן געליבטן כאָסענע האָבן. מיט איר אָפּפאָרן האָט מען שוין ניט געוווּסט, ווו דאָס קינד געפינט זיך און וועמען מע דאַרף צאָלן. דעמלט האָב איך באַשלאָסן פאַרלאָזן יענע שטאָט. איך בין אַריבערגעפאָרן אהער און בין אוועק צום אַלטן ראָוו, רעב אוויגדער, זיכרוינע־ליוורָאָכע, נאָך אַן אײַצע. איך האָב אים אין אַלץ געפּאָלגט. איך האָב אויך אויסגעפילט זײַן באַקאָשע צו זאָגן קאַדעש נאָך אים. און אויך זײַן פאַרזאָג, אַז נאָך זײַן פּטירע זאָל איך זיך אומקערן צוריק צו מײַן פריִערדיקן לעבן.

רעב דאָווויד האָט געמיינט, אַז מיט דעם איז געענדיקט. ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי ער קלײַבט צונויף זײַנע געדאַנקען אַף געבן אַן ענטפער. נאָר צאַליע האָט פאָרגעזעצט:

— ניין, מיט דעם ענדיקן זיך ניט מײַנע זינד. קומענדיק צוריק אין יענער שטאָט, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די יעפּייפע האָט זיך אומגעקערט אהיים. זיך אומגעקערט מיט אַ מאַן און מיט קינדער. און אויך מיט גרויס אשירעס. ניט לאַנג געטראַכט, בין איך צו איר אוועק זיך נאָכפרעגן, ווו דאָס ייִנגל געפינט זיך און וועמען דאַרף מען צאָלן. זי האָט מיך זייער גוט אופגענומען, אָן אַ שיר מאָל געדאַנקט פאַר מײַן זאָרג וועגן ייִנגל. זי, פון איר זײַט, איז געוועזן נאָך מער פאַרזאָרגט. אַזויפיל צײַט ניט געצאָלט... ווער ווייסט, ווו דאָס קינד איז אהינגעקומען? זי האָט מיר טייקעף געגעבן דעם אדרעס און אַ בריוועלע צו יענער פרוי, בא וועמען דאָס קינד איז געבליבן. זי האָט געגעבן אַ קיילעך געלט, און איך — אַ קיילעך. אַזוי־אַרום בין איך ווידער געקומען צו אײַך אין האראָדנע, ווו יענע פרוי וווינט. איך האָב זי געפונען. זי האָט זיך זייער שטאַרק דערפרייט. ערשטנס, מיטן געלט. אָבער נאָך מער מיט דעם, וואָס זײַן מאַמע האָט זיך וועגן אים דערמאָנט, וואָס אַ פּעטער האָט זיך געפונען. די פרוי, ניט קיין ייִדישע, נאָר קען אַ ביסל ריידן ייִדיש, האָט מיר אָפּנהאַרציק וועגן אַלץ דערציילט. עמעצער האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז זי איז גאָר זײַן מאַמע. דעמלט איז ער געוואָרן אויס מענטש. ער האָט זי געשלאָגן, צעריסן אָף איר די קליידער. אים איז דאָס לעבן געוואָרן פאַרמיִעסט און פאַרסאַמט. ער איז פון איר אוועק. דערנאָך האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אַנטאָן מעקלעסן און געהאָלפן אים דערווײַזן, אַז ייִדן דאַרפן בלוט אָף פּייסעך. ער איז אַן איידעס, אַז פּיניע דער אַגאָרדניק מיט אַלע איבעריקע אַרעסטירטע האָבן פאַרנאַרט דאָס מיידל יאַדזע און זי אומגעבראַכט.

— ראַטעוועט אים! — האָט זי זיך געבעטן. — איך בין ניט זײַן מאַמע, אָבער מײַן קינד איז ער. איך האָב אים אויסגעהאָדעוועט.

— נו? — האָט רעב דאַוויד פאַרגעסן, אַז צאַליע איז זיך פאַר אים מיסוואָדע. ער איז געווען פאַרכאַפּט פון דער מײַסע גופא, געוואָלט וויסן, וואָס ווײַטער וועט זײַן.

— גאָט צו דאַנקען! דער זכוס פונעם אַלטן ראָוו, רעב אוויגדער, זיכרוינע־ליוורכע, איז בײַגעשטאַנען (איך בין בא אים אָפּן קייווער געווען). פון אָנהייב האָט דאַווידל מיט מיר ניט געוואָלט ריידן. ער וויל מיטן וואָרצל צוזאַמען זיך אַרויסרײַסן פון דער פּריִערדיקער סוויווע. נאָר ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז זײַן מאַמע וואַרט אָף אים, זי רופט אים, זי האָט אים ליב, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג:

— מאַמע?

איך האָב אים דערציילט, אַז די פרוי, וואָס האָט אים דערצויגן, איז ניט זײַן מאַמע. זײַן מאַמע איז...

זײַנע אויגן האָבן אַ לויכט געטאָן מיט איבעראַשונג און מיט פרייד.

— מאַמע! ווו איז מײַן מאַמע?

איצט, גאָט צו דאַנקען, געפינט ער זיך שוין בא זײַן מאַמען. און איך בין דאָ, מיט אײַך צוזאַמען אין קאַמער.

15

נאָך צוויי יאָר פאָרשן און אויספאָרשן, ווען אַלץ איז גענוי קלאָר געוואָרן, האָט מען אין דער שטאָט גראָדנע, וואָס אָף ייִדיש רופט מען זי האראָדנע, געקענט אָפּט הערן:

— גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מאַקע.

די מאַקע איז באַשטאַנען אין אַנטאָן מעקלעסן, אַזאַדקעוויטשן און וואַיצעכן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט דער פּאָליציי געשאַפן דעם בילבל.

די רפואה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאַווידל האָט פאַרשטאַנען זײַן טאָעס און האָט וועגן אַלץ דערציילט; אין אַנקען, וואָס איז אוועק פון איר מאַן און האָט איידעס געזאָגט, ווי אַזאַדקעוויטש, וואַיצעך און אַנטאָן מעקלעס האָבן דעם בילבל צוגעגרייט. די רפואה איז באַשטאַנען אויך אין דעם, וואָס אַנטאָן מעקלעס האָט באַשולדיקט אַ גאַנצע קריסטלעכע מיש־פּאָכע אין פאַרברעכן. דאָס האָט בא אַלעמען אַרויסגערופן גרויס צווייפל.

פון פּעטערבורג איז אַראָפּגעקומען אַ ספּעציִעלער שאַליִעך באַטראַכטן דעם איניען. אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום זײַן אומקערן זיך קיין פּעטערבורג איז פון דאָרט אָנגעקומען אַ באַפעל: די אַרעסטירטע באַפרײַען. אַזאַדקעוויטשן אַרײַנזעצן אָף אַ יאָר טפיסע (אַנקע, כאָטש זי איז פון אים אוועק און וועט זיך צו אים מער ניט אומקערן, טראָגט אים אַלע טאָג עסן, דערבײַ אַלץ קאָשער פון די ראַקאָוויצקיס קיך). אַנטאָן מעקלעסן פאַר אַ פאַלשער בילבל־איבערזעצונג פון „שולכאָן אָרוך“ — אָפּגעבן אין סאָלדאַטן. וואַיצעכן האָט אָפּגעגליקט (ווי

אַלע קאַלבאַסניקעס), וועגן אים האָט מען פאַרגעסן. און אינגיכן וועט ער געוויס ווידער שטיין בא דער טיר פון זײַן קראָם און שרײַען:

— שאַנאָוונע פּאַנאָוויע, הערט אויס, וואָס עס זאָגט אײַך פאַן וואָיצעך. פאַן וואָיצעך זעט אַלע שווינדלער און מאָשעניקעס אױף דורך און דורך...

די אַרעסטירטע האָט מען טאַקע באַפרײַט, נאָר ניט אַלע זײַנען אהיים געקומען. דער מעלאַמעד רעב כאַים איז אין טורמע געשטאָרבן פון שווינדזוכט.

זיין פרוי, פריידע, איז געוואָרן אַן אַלמאָנע און זײַן זון, מענאַכעם, אַ יאָסעם.

אפן האַלץ־מארק האָט מען שוין אַ לענגערע צײַט געזען אַ נײַעם האָלץ־הענדלער און אויך אין לײַנענע פּלודערן און צעריסענע שטיוול. ער איז געשטאַנען מיט אַ זעג און האַק און געוואַרט, אַז עמעצער זאָל אים דינגען צעהאַקן אַ וואָגן האָלץ.

די רוסישע פרוי, וואָס רעדט צו זיך אַליין, האָט אים דערזען און געזאָגט:

— אַזאַ נאַרישקײַט... איך האָב געביטן מײַן גוטן סײכל אַף אַ שלעכטן. אַף אַ נאַרישן געביטן, אַף גאָר אַ נאַרישעוואַטן, אַ דוראַשלעוועון... צוליב וואָס? פאַרוואָס האָב איך געביטן?

און ריוועקע־ראָכל, וואָס קען אַזוי גוט נעמען קינדער באַ געווינערנס, האָט, דערזעענדיק אַפן מאַרק העשל דעם סטאָליער אַ מידן און פאַרעלטערטן, אים געזאָגט, ווי אַ טרייסט־וואָרט:

— העשל, נעמט זיך ניט צום האַרצן. דאָס לעבן אַף דער וועלט איז דאָך נאַריש, נאָר דורך דער נאַרישקײַט מוז מען דורכגיין.

16

אין אַ צײַט אַרום איז באַ זעליקן און ליבע־שעוועץ אין שטוב פאָרגעקומען אַ סימכע — בערעלע איז געוואָרן באַרמיצווע. די סימכע איז געפּראַוועט געוואָרן מיט דער ברייטער האַנט. די הויפּט־געסט זײַנען געווען פינכעס מיט מאַלקען און זייערע קינדער.

סאָרעלע איז די מאַמע מאַלקעס אויסן אויג. אַ שוואַרצכיינעוודיקע, מיט העלע בעקלעך און גוטע אויגן. בערעלע איז געראָטן אין טאַטן זעליק — אַ גיכער און באַוועגלעכער, מיט אויגן, וואָס זעען אַלץ. ווען די קינדער האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן, האָבן זיי די אויגן אַראָפּגעלאָזט און זיך געררויטלט. באַ ביידן איז געווען דער געפיל, אַז זיי וועלן אַמאָל זײַן צוזאַמען. און ריכטיק: אין אַ יאָר פיר־פינף אַרום זײַנען זיי געוואָרן כאָסן־קאַלע.

## דרײַ

איך טאַנץ אַנטקעגן דיר,
און דו טאַנצסט אַנטקעגן מיר...

1

ביז כאָסן־קאַלע איז נאָך ווײַט.

נאָך מיידלוויז, ווען סאָרעלען פלעגט צופעליק אויסקומען זיך באַגעגענען מיט בערל פעדער, האָט זי זיך שטענדיק געוווּנדערט: פאַרוואָס איז ער אַזוי ערנסט? אַפילע ווען ער לאַכט, באַקומט זיך, ווי עמעצער האַלט אים אײַן און לאָזט אים ניט האָבן די פולע האַנאָע פון לעבן. סאָרעלע וויל פון אַלץ האַנאָע האָבן. פאַר איר איז געווג, אַז זי וויל — וועט עס זײַן. אַזוי איז זי געוווינט באַ דער מאַמע מאַלקע, וואָס וויל אַליין אויך האַנאָע האָבן פון לעבן, געניסן פון אַלע גוטסקײַטן און אויסנעמען מיט איר שיינקײַט.

בערעלען האָט זי ליב. זי האָט אים פאַרגעדענקט פון דער באַגעגעניש באַ דער טורמע. פון דעמלט אָן האָט זי אים פאַר זיך גערופן בערעלע, בערענקע, בערטשיקל... אין אירע פאַר־לאַנגען איז סאָרעלע אַ דרייסטע: אַזוי וויל זי, אַזוי געפעלט איר. די מאַמע מאַלקע איז אַרי־בער אין דער טאָכטער סאָרע.

באַ בערל פעדער האָט זיך באַקומען אַנדערש. דער טאַטע זײַנער זעליק איז געבאָרן געוואָרן מיטן גלויבן און מיטן געפיל פון טאָן און אופטאָן, כאָטש קיין באַשטימטער ציל,

וואָס צו טאָן, איז ניט געווען. שפּעטער איז אויך געווען אַנטוישונג. און נאָך שפּעטער: דער פאַרלאַנג צו ענדערן דעם קרומען גורל, אָבער אָן דעם וויסן, ווי־אַזוי צו טאָן און וואָס צו טאָן.

דער טאַטע זעליק האָט צו דערמאָנען אַזוינס, וואָס גייט אַרויס פון היימישן געדער: א פּאַרטיזאַן בא דעניס דאַווידאָוון, אָנפירער פון דער שטאָט־פּאָליציי, אומשולדיק זיצן אין טפּיסע.

בערעלעס דערמאָנונגען זײַנען, פאַרשטייט זיך, דערווײַל נאָר היימישע און דערצו גאָר־ניט קיין פריילעכע. בילבולים, פּאָגראָמען, טישעבאָוו, בעסאַלמען, געבעט און געוויין. ער האָט ליב דעם טאַטן, די מאַמען, דעם זיידן, די באָבע. די שטוב, ווו ער וואַקסט, איז אים טײַער. נאָר אָט מיט גאָט האָט בא אים עפּעס געטראָפן... ער פאַרשטייט ניט: „גאָט שיקט צו די רעפּוע פאַר דער מאַקע". צי איז אָבער ניט בעסער און ניט גלײַכער אינגאַנצן אָן א מאַקע?

בערעלע לערנט זיך שניצערײַ באַם זיידן. ער אַרבעט פלײַסיק, ער האָט עס ליב. און דער זיידע לעבט שוין איצט ניט מיט זײַן אייגענער אַרבעט, נאָר מיטן אייניקלס. און זאָגט עמעצער א גוט וואָרט וועגן בערלען, וואַקסט דער זיידע פון פרייד.

בא מאַלקען אין שטוב:

— מאַמע, זע, סאַראַ שיינער פרילינג־טאָג איז הײַנט. קום צום ניעמאַן. מירן גיין איבער דער בריק. מירן אַרויסגיין אין פאַרשטאָט... — בעט זיך סאָרעלע.

— גוט, מײַן טאָכטער, מירן גיין. אָבער פאַרוואָס איבער דער בריק? פאַרוואָס אין פאַרשטאָט? קום צו די קאַלאָזשעס, צום קאַזאַקישן קלויסטערל, אין וואַלד...

— אין פאַרשטאָט איז פאַראַן א הויכער באַרג, מאַמע.

— אף די קאַלאָזשעס זײַנען דורכויס בערג.

— אף די קאַלאָזשעס האָבן מיר קיין באַקאַנטע ניט.

— און אין פאַרשטאָט?

— ליבע־שעווע.

— אויב אַזוי, איז קום, מײַן קינד. טאַקע לאַנג ליבע־שעווען ניט געזען.

וועגן דעם, פאַרוואָס סאָרעלע וויל גיין צו ליבע־שעווען אין געסט, שטויסט זיך אָן די מאַמע. סאָרעלע איז אָבער ניט פון די, וואָס שעמען זיך. זי וויל טאַקע זען בערעלע פעדער. איבער דער בריק גייט זי צוזאַמען מיט דער מאַמען פאַר די הענט, קוקט אַרײַן איבער דער פאַרענטש אין וואַסער, באַטראַכט די פישער אין די שיפלעך און פאַר זיך שעפּטשעט זי: בערעלע, בערטשיקל, בערענקע... און אָלע, ווער עס באַגעגנט זיי אין וועג, באַמערקן די ענ־לעכע שיינקײַט פון דער מאַמען מיט דער טאָכטער.

— געסט, געסט! — באַגעגנט זיי ליבע־שעווע. — טײַערע געסט.

ליבע־שעווע שטייט באַם טיש מיט א ווײַס פאַרטעכל, פאַרבונדן בא די לענדן, און וואַל־גערט א בלאַט לאָקשן. אין שטוב שמעקט מיט געפילטע פיש, וואָס שטייט אין א פאַן אף א דרײַפוס און קאָכט זיך. ליבע־שעווע איז צופרידן פון די געסט, ניט ווינציקער איז זי צו־פרידן פון דעם, וואָס די געסט זײַנען געקומען דאַפקע הײַנט, ווען עס קאָכט זיך פיש, ווען זי וואַלגערט לאָקשן, גאָר ווי אין א נעגידישער שטוב. זי איז ניט מעכויעוו פאַר קיינעם אַרויס־צווײַזן די באַשיידענע פאַרנאָסע פון איר מאַן.

ליבע־שעווע מיט מאַלקען שמועסן צווישן זיך. סאָרעלע גייט אַרײַן אין צווייטן צימער, ווו בערעלע אַרבעט. פון זײַן אַרבעט איז זי צופרידן, איר געפעלט אַלץ.

— מאַמע, מאַמע, זע, ווי שיין, זע, ווי גוט! עמעס, מאַמע?

און א צווייט מאָל, ווען סאָרעלע מיט דער מאַמען זײַנען געקומען צו ליבע־שעווען אין געסט, האָט סאָרעלע בא בערלען אַפן טיש געזען א צייכענונג, געמאַכט מיט א בלײַער.

— דאָס בין איך דאָך! — האָט זי אויסגעשרײַען און איז מיט דער צייכענונג אַרײַנגעלאָפן צו דער מאַמען.

— מאַמע, זע! דאָס בין איך. עמעס?

— עמעס, מײַן קינד.

— גאָלדענע הענט בא בערלען! — האָט סאָרעלע עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט. דער־נאָך האָט זי בא אים געבעטן:

— שענק מיר עס, בערעלע.

ער האָט פאַרשעמט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף יאָ.

ביידע מאַמעס פאַרשטייען, אַז די קינדער זײַנען ניט גלײַכגילטיק איינער צום אַנדערן.

זיי זײַנען פֿון דעם צופֿרידן און ווײַזן ארויס קרוווישע געפֿילן. און דאָך... די געדאַנקען זאָגן אונטער נאָך עפּעס.

מאַלקע: עס קען דאָך טאַקע דערגיין צו כאַסן־קאַלע... פֿון וואָס וועלן זיי לעבן? פֿון די מענטשעלעך, וואָס ער מאַכט?

ליבע־שעווע: סאָרעלע איז א צעבאַלעוועטע, א פּריצטעלע, ניט געוווינט צו פּראַצע.

2

אין בערעלעס קליין וועלטל, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער שטוב און ענדיקט זיך מיט דער אַלטער הילצערנער שול, האָט זיך אומגעריכט אַרײַנגעריסן די גרויסע וועלט. אין איינעם א קאַלטן און שטילן ווינטער־טאָג (נאָך פֿאַרן בילבל), ווען דער ניעמאַן איז שוין געלעגן אײַנגעקרעמפּעוועט אין אײַז, די שינדל־דעכער פֿון די הײַזער פֿאַרדעקט מיט שניי, די ליכ־טיקע פֿענצטער פֿאַרמאַכט מיט לאָדנס און דער רויך פֿון די קוימענס האָט זיך רויִק געצויגן צום הימל, איז זעליק אָנגעקומען פֿון דער אַרבעט אַהיים מיט א נײַס: אין פּעטערבורג זײַנען אָפּיצערן אופֿגעשטאַנען קעגן דעם נײַעם קייסער.

אָט די נײַס האָט אין שטאָט אַרויסגערופֿן א גרויסע איבעראַשונג:

— קעגן קייסער!

— מע מעג דען?

— מע קאָן דען?

בערעלע האָט עס ביכלאַל ניט געקענט באַנעמען. גאָט איז הייליק! און א קייסער איז הייליק! עס האָט זיך ניט אײַנגעלייגט אין זײַן יינגלשן מויעך. נאָר אָט איז אַוועק א ביסל צײַט, די ערשטע איבעראַשונג איז אַריבער, און באַם יינגל איז פֿאַרבליבן דער אײַנדרוק, אַז טאָרן — טאָר מען טאַקע ניט, אָבער קאָנען, אפֿאַנעם, — קאָן מען.

דער זיידע האָט זיך געוווּנדערט: בערעלע האָט אויסגעשניצט א סאָלדאַט מיט א פּיקע. ס'איז גאָרניט געווען ענלעך אָף דעם זיידנס שטילע און רויִקע קליאַן־ און דעמב־בלעטער, היימישע ראָמאַשקע־ און נאַסטורציע־בלומען.

א גרעסערע איבעראַשונג איז געווען דער פּוילישער אופֿשטאַנד פֿון 1830—1831. אין גראָדנע האָט מען עס שטאַרק געפֿילט, כאָטש גופֿא אין דער שטאָט איז ווינציק־וואָס געשען. (די שילער פֿון דער גײַסטלעכער גימנאַזיע האָבן א ביסל געבונטעוועט). דער אָטעם אָבער פֿון וואַרשע איז אַהער געקומען א הייסער, א קאָכיקער.

אין דער אַלטער הילצערנער שול האָט בערעלע צווישן מינכע און מײַרעוו געהערט, אַז אין וואַרשע זײַנען אויך יידן צוגעשטאַנען צום אופֿשטאַנד. און אַז בערעק יאָסעלעוויטשעס זון (דערבײַ האָט מען דערמאָנט, ווער בערעק איז געווען — א קאָמאַנדיר פֿון א יידישן פֿאָלק פֿרײַוויליקע אין קאָסטיושקאָס אופֿשטאַנד־אַרמיי), יוזיע, וועט מיסטאָמע זײַן אַן עסקאַדראָן־קאָמאַנדיר אין א מאַזורער פֿאָלק.

דאָס, וואָס מע קען אַרויסטרעטן קעגן א קייסער, איז שוין געווען ווינציקער איבע־ראַשנד. א נײַס איז אָבער געווען, וואָס די פּוילישע באַפֿעלקערונג טרעט אַרויס קעגן, וויל באַפֿרײַען די פּוילישע מעלוכע. יידן העלפֿן, נעמען אָנטייל. א ייד — א פֿאָלקאָווניק. זײַן נאָמען איז געווען בערעק, בערל, הייסט עס. זײַן זון — אַן עסקאַדראָן־קאָמאַנדיר. בערל האָט וועגן וואָס צו טראַכטן. דערבײַ האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין גרויסן בעסמעדרעש האָט רעב דאָוויד געזאָגט: א הייליקע זאַך טוען די פּוילישע, זיי שלאָגן זיך פֿאַר זייער מעלוכע. מע האָט אויך דערציילט, אַז ווי נאָר אָשערל בלאָנדער האָט עס דערהערט, האָט ער באַלד גע־כאַפּט זײַן טאַלעס־זעקל און איז טייקעף נעלעם געוואָרן.

און איינמאָל... דער טאַטע דאַרף קומען אַהיים פֿון דער אַרבעט. ווי שטענדיק, שטייט די מאַמע באַם פֿענצטער און קוקט אָף אים אַרויס. זי דערזעט אים, און איר פּאָנעם לויכט אוף. לויט זײַן אויסזען דערקענט זי, אַז ער ברענגט נײַס. זי נעמט גרייטן צום טיש און זינגט אונטער פֿאַר זיך א לידעלע. אין שטוב איז די בעסטע צײַט, ווען אַלע זיצן באַם טיש מיט טאַטע־מאַמע צוזאַמען. דער טאַטע דערציילט, און די מאַמע הערט. זי הערט ניט נאָר מיט ליבע, נאָר אויך מיט דערעכערעץ. הײַנט, אַז דער טאַטע האָט נאָר א ביסל איבערגעביסן, האָט ער דער מאַמען דערציילט נײַע איינצלהײַטן וועגן דעם פּוילישן אופֿשטאַנד, און דערבײַ צוגעגעבן:

— אפֿאָנעם, ליבע־שעווע, אַז דאָס איז דער וועג צום ענדערן א גוירל.

די דאָזיקע ווערטער האָט בערעלע גוט פאַרגעדענקט. באַם טיש האָט ער ניט איין מאָל געהערט, ווי דער טאַטע דערציילט דער מאַמען וועגן זײַנע זוכעניש, ווי צו ענדערן א גורל. הײַנט האָט דער טאַטע געפונען.

3

פּינכעס באַס מיט זײַן פרוי מאַלקע, מיט די קינדער זײַנען געקומען כאַנעקע צו זעליק פּעדער אָף לאַטקעס. די געעפנטע טיר האָט אַרײַנגעלאָזט א סאַך קעלט, אָבער קיינעם האָט עס ניט געאַרט. אין שטוב איז גלײַך געוואָרן פריילעך און רועשיק. פּינכעס און מאַלקע זײַנען געקומען ניט מיט קיין ליידיקע הענט, זיי האָבן געבראַכט כאַנעקע־מאַטאָנעס פאַר די קינ־דער. דאָס האָט אַרויסגערופן אַזא פרייד, אַז די קינדער האָבן זיך לאַנג ניט געקענט באַרויִקן. סאָפּקאָלסאָף האָט מען זיך אויסגעזעצט אַרום טיש אונטערן ליכטיקן לאָמפּ. אָפן טיש האָט מען געשטעלט לאַטקעס פאַר אַלעמען און מאַשקע פאַר די עלטערע. ס'איז געוואָרן שטאַרק געמיטלעך און יאָמטעוודיק וואַרעם.

(די מענוירע מיט די ליכטלעך איז געשטאַנען אָפן פענצטער).

פּינכעס האָט דערציילט נײַס. און ווײַל אָפן האַרצן איז אים געווען יאָמטעוודיק און גרינג, האָט ער, ווי אַלעמאָל אין אַזא פאַל, דערציילט פריילעך און לעבעדיק. אַלע הערן אים.

— די פּוילישע אַדעליקע פאָרן פון האָראָדנע קיין וואַרשע, אַרײַנצוטרעטן אין דער אַרמיי.

וועגן דעם האָט מען שוין, אייגנטלעך, געהערט אויך פריִער. א נײַס איז אָבער געווען דאָס, וואָס ער האָט צוגעגעבן א ביסל שפּעטער.

— צאַליע קאַדיש, אונדזער געוועזענער האַלץ־העקער, אונדזער געוועזענער לאַמעדוואָווניק, פאָרט דאָך אויך קיין וואַרשע. ער וויל אַרײַנטרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי. און הערט נאָר, וואָס צאַליע האָט געזאָגט פאַר מענטשן: וועלן יִדן העלפן פּוילן ווערן פרײַ און זעלבּ־שטענדיק, וועט פּוילן העלפן די יִדן ווערן פרײַ און גלײַכבאַרעכטיקט.

די עלטערע אַרום טיש קוקן זיך איבער און שמייכלען. זיי געפעלט עס. די קינדער הערן און שווײַגן. צו זיי דערגייט עס אויך גוט.

— אין גרויסן בעסמעדרעש, — גיט צו פּינכעס, — האָט אים רעב דאָוויד געבענטשט און געוווּנטשן א גליקלעכע רײַזע. דער מאַגיד אָבער האָט געגומען זאָגן שטראָף־רייד: ס'איז קעגן מאַלכעס.

דער אופשטאַנד ווערט נעענטער, אייגענער. באַזונדערס פילט זיך עס איצט באַם פריי־לעכן טיש מיט דער גרויסער שיסל געשמאַקע לאַטקעס, אין וועלכער ליבע־שעווע לייגט אַלע ווײַלע צו נאָך פרישע און נאָך הייסע.

— א ביסעלע יאַש פאַר צאַליעס רײַזע, — זאָגט פּינכעס. — ער איז דאָך אונדזערער, א שטיק האָראָדנער אייגנס. ווער קען אים ניט? און ווער ווייסט אים ניט? וועלכע שטאָט, זאָגט מיר, האָט געהאַט אַזא האָלץ־העקער?

די עלטערע טרינקען אויס צו קאָפּעלעך.

— אויב דער האָלץ־העקער פון דער שטאָט פאָרט קיין וואַרשע אין דער אַרמיי, איז ער דאָך א שאָליִעך פון קאָהאָל. דערבײַ איז ער דער ערשטער און ניט דער לעצטער.

— ניט דער לעצטער? — פרעגן עטלעכע מיטאַמאָל.

און פּינכעס ענטפערט:

— אַרקע דער פורמאַן, וואָס פירט אָפּ צאַליען אָף זײַן שליטן קיין וואַרשע, האָט גאָר כיישעק דאָרט צו פאַרבלײַבן און מיט זײַן פערד און שליטן אַרײַנטרעטן אין דער אַרמיי.

סאָרעלע קוקט אָף בערלען. בערל קוקט אָף פּינכעסן און אָפן טאַטן.

צאַליע ווייסט, אַז מענטשן באַטראַכטן זײַן פאָרן קיין וואַרשע פאַר א העלדישקײַט. ער נעמט עס ניט אָן.

די לעצטע יאָרן איז ער געוווינט צו הערן וועגן זיך ניט וואָס אַנדערע זאָגן וועגן אים, נאָר וואָס ער אַליין טראַכט וועגן זיך. און ער אַליין טראַכט, אַז זײַן לעבן האָט ער אָפּגע־געבן אַנדערע: אָפּגעקומען פאַר א ברודער, געזעסן צוויי מאָל אין טפיסע אומזיסט און אומגישט... אַליין איז ער פאַרבליבן אָן א מישפּאָכע און, אויב זאָגן דעם עמעס, אָן א טאַכ־לעס אין לעבן. וויל ער שוין אויך אָף ווײַטער ברענגען נוצן פאַר אַנדערע. ווי ער פאַרשטייט, וועט ער מיט זײַן אַרײַנטרעטן אין דער אַרמיי טאָן גוטס פאַר יִדן. זײַן בײַשפּיל וועט מען

נאָכטאָן. מיט אַזױנע געדאַנקען איז ער געגאַנגען צו אַרקע דעם פורמאַן זיך ענדגילטיק צו־נויפריידן װעגן דער רײַזע.

באַ אַרקען אַף דער שאַלקע איז אַזױ הײס, אַזױ אָנגעהײצט, אַז די הײמישע גײען לײַכט אָנגעטאָן. עס שמעקט דאָרט מיט לײַב און מיט שװײס און אױך מיט אַרקעס ליולקע־רויך.

די סטעליע איבערן קאָפּ איז נידעריק. אין אײניקע ערטער, נעענטער צו די װענט, הענגט זי איבערן קאָפּ, אַז מע מוז זיך אײַנבײגן. אין דעם גרױסן שאַלקע־צימער שטײען באַ די װענט בעטן, קושעטקעס, טאַפּטשאַנעס. זעקס מענטשן שלאָפֿן דאָ. אַרקע מיטן װײַב, צװײ זין און צװײ טעכטער.

די זין, געזונטע, שטײף־בײנערדיקע, בײדע שמידן, װאָס אַרבעטן צוזאַמען אין אַ קלײ־נער שמידערײַ.

די טעכטער, מאַנצבלש־פּעסטע מײדלעך, מיט שװאַרצע לעבעדיקע אױגן, זעען אױס מיט זײערע פולע און שטײַפע בוזעמס, מיט די רויט־ראָזלעכע בעקלעך, װי זאַפּטיקע קאַװענעס, װאָס קענען פון רײַפקײט פּלאַצן. זײ העלפן דעם טאַטן אײַנשפּאַנען דאָס פערד אין װאָגן. און קענען אױך אױפהײבן באַ די ברידער אין דער שמידערײַ דעם שװערן האַמער און אַ זעץ טאָן איבערן אָנגעגליטן אײַזן, אַז פונקען זאָלן פליִען. דערפאַר זײַנען זײ שװער אין אײורע. דינים און מינהאָגים, װאָס אַ ייִדישע פרױ דאַרף װיסן, זײַנען צו זײ אַריבער פון דער מאַמען, װי שטײגער־לעבן, אָן געטלעכקײט.

די זין זײַנען דערװײַל כאַסאַנים אָן קאַלעס, און די טעכטער — קאַלעס אָן כאַסאַנים.

צאַליע איז געקומען צו אַרע פורמאַן אין שטוב, װען די גאַנצע מישפּאָכע איז אין אָװנט געזעסן אַרום טיש. די מײדלעך האָבן זיך טײקעף אױפגעשטעלט פון די ערטער און זײַנען שנעל אַװעק צום װינקל, װאָס איז פאַרשטעלט מיט אַ פּאַרהאַנג, אָנצוטאָן די קלײדלעך.

די זין האָבן לאַנגזאַם זיך אױפגעהױבן און מיט ניט גײַלטע טריט צוגעגאַנגען צו דער װאַנט, װוּ אונטער אַ לײַלעך הענגען זײערע מאַרינאַרקעס, און זײ אָנגעצױגן אַף זיך. אַרקע איז געבליבן זיצן, װי פריִער, אָן אַ רעקל, אין אַ העמד און אין אַ װעסטל. אַרקעס פרױ, צירל, װי נאָר זי האָט דערזען דעם גאַסט, האָט זי אױסגעשריִען „אױ, אַ כורבן״ און איז אַװעקגעלאָפֿן צו די מײדלעך אונטערן פּאַרהאַנג זיך אָנטאָן אַ קלײדל — זי איז געװען ניט מער, װי אין אַן אונטערקלײדל.

אַרקעס פרױ, צירל, איז מײדלװײַז געװען ענלעך אַף אירע טעכטער. נאָך איצט זײַנען אירע אױגן לעבעדיקע און לױכטנדיקע. זי איז נאָר געװאָרן ברײטער און שװערער. אָבער װי זי זאָגט אַלײן פאַר אירער אַ כאַװערטע, אױך אַ פרױ פון אַ פורמאַן, װײסט זי נאָך, װאָס אַ מאַנצבל באַדאַרף.

צאַליען האָט מען אײַנגעלאַדן צום טיש.

— רעב צאַליע, פאַר אַ יאַזדע דאַרף מען זיך צוזעצן, עס זאָל זײַן מאַזלדיק, דאַלי באָך. נו, צירעלע, מײַן װײַב, פאַר אַזאַ גאַסט באַװײַז, װאָס דו קענסט. זי איז באַ מיר אַ גרױסע בעריע!

אַפן טיש האָט זיך באַװיזן פלײש און פיש און מאַשקע.

— רעב צאַליע, הערט, װאָס אַ געניטער באַלעגאָלע זאָגט אײַך. אַז דער װעג זאָל זײַן אַ גוטער, אַלץ זאָל גײן קאַלי לאַסקע, קעדעבאָיע, מוז מען נעמען אַ קעלישעק מאַשקע. דאַלי באָך. לעכאַיִם!

צאַליע האָט געפּאָלגט.

צוזאַמען מיט אַרען און מיט די זין האָט ער געטרונקען און פאַרביסן מיט אַלע מײַכאָלים, װאָס זײַנען געשטאַנען אַפן טיש.

אַרקעס פרױ, די זין און די טעכטער באַטראַכטן צאַליען פון אַלע זײַטן. פאַר זײ איז אַזאַ מענטש אַ נײַס, ניט פון זײער גלײַכן, ניט פון זײער סוויווע. די זין װײַזן עס אױסערלעך ניט אַרױס. די טעכטער אָבער, זעט מען, זײַנען שטאַרק טשיקאַװ צו װיסן: װער איז ער און װאָס איז ער?

און אַז שפּעטער װערט באַװוּסט, אַז דאָס איז צאַליע קאַדיש געקומען זיך צונױפריידן מיטן טאַטן װעגן פאָרן קײן װאַרשע, װײַל ער װיל אַרײַנטרעטן אין דער אַרמײ, איז ער געװאַלדיק אױסגעװאַקסן אין די אױגן פון די מײדלעך. עמעס, ניט דערפאַר װײַל זײ האָבן אָן אַנונג װעגן דעם אױפשטאַנד, ניט װײַל זײ האָבן װעגן דעם אַ מײנונג, נאָר װײַל זײ האָבן ליב, זײ איז צום האַרצן דרײסטע מענטשן, אַנטשײדענע, געזונטע און פעסטע. דערצו איז צאַליע קאַדיש אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד, מיט װיסן, קען דערצײלן נײַס, קען דערצײלן אַזױנס, װאָס זײ האָבן קײנמאָל ניט געהערט. און דאָס רופט באַ זײ אַרױס נאָך מער סימפּאַטיע צו אים.

ארקע גיסט אָן צאַליען נאָך א ביסל מאשקע, זיי טרינקען אויס. צאַליע דערפילט זיך היימישער, ער באַטראַכט אַלעמען אַרום טיש. באַזונדערס אָבער קוקט ער אָן די צוויי שוועסטער מיט די לעבעדיקע פריילעכע אויגן און בליִענדיקע בעקלעך. ער גיט א פרעג:

— הערט נאָר, בסולעס, איר זײַט א צווילינג?

— ניין, — ענטפערןביידע.

— ווער איז עלטער?

— טרעפט, רעב צאַליע, — זאָגן די מיידלעך מיט געלעכטער.

— און מיר דוכט, — זאָגט צאַליע, — אַז איר זײַט א צווילינג, ניט אַנדערש.

— ניט קיין צווילינג, — לאַכן די מיידלעך מיט א פול מויל, אַזש די בוזעמער גייען ארויף און אראָפּ. זיי זײַנען שוין היימיש מיט רעב צאַליען. זיי זײַנען בִּיכְלָל ניט פון די שעמעוודיקע.

— ניט קיין צווילינג?

— נו, רעב צאַליע, זײַט א בריִע, טרעפט, ווער איז עלטער?

— דעם עמעס... איך ווייס ניט.

— איר ווייסט ניט?

א רעגע קוקן זיך ביידע שוועסטער איבער, און דערנאָך:

— נו, און שיינע זײַנען מיר? — זייער געלעכטער דערלאַנגט צו דער סטעליע.

פון דער דאָזיקער פראַגע דערפילט צאַליע, אַז ער איז אַריבער די מאָס, צו ווײַט זיך אַרײַנגעלאָזט מיט די בסולעס גאָרניט אין קיין קינדערשן געשפּרעך. עס פּאַסט ניט. ווי קומט עס צו אים?

— איז ווען פאָרן מיר אַרויס קיין וואַרשע, רעב ארע?

די מיידלעך פאַרשטייען אויך, אַז זיי האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס. כאָטש אין וואָס באַשטייט עס? — טראַכטן זיי. — געלאַכט, זיך פריילעך געמאַכט. איז עס דען אַוולע? זיי ווינטשן אים א גליקלעכע רײַזע. און נאָך זײַן אוועקגיין פילן זיי זיך דעם גאַנצן אָוונט גוט אופגעלייגט, זיי לאַכן. אַזאַ מענטש געפעלט זיי.

וועגן דעם, אַז ארקע אליין וויל אויך אַרײַנטרעטן אין דער פוילישער אַרמיי, ווייסט קיינער ניט אין זײַן מישפּאָכע. ארקע וועט עס ניט דערציילן. ער זאָל נאָר איין פּיפּס טאָן, וועט אים זײַן צירל אָפּשפּילן אַזאַ כאַסענקע, אַז ער וועט עס פאַרגעדענקען אַף יאָרן. זי וועט זיך פּאַשעט אוועקלייגן אַף דער שוועל פון דער שטוב און שרײַען:

— נאָר איבער מײַן קערפּער! איך זאָל בלײַבן אַן אַלמאָנע מיט פיר קינדער, און דערצו מיט קאַלע־מיידלעך! גאַזלען! רעצייעך! — זי וועט שרײַען און וויינען, אַז אַלע שכיינים זאָלן זיך צונויפלויפן. און די טעכטער וועלן דאָך אויך ניט שווײַגן. וועט ער מוזן נאָכגעבן, קיין ברייררע וועט ניט זײַן.

שווײַגט ארקע. אין וואַרשע אָבער וועט ער זײַן איבער זיך אליין א באַלעבאָס. ער פאַרייכערט זײַן קליין ליולקעלע און שפּײַט מיטן שפּיץ צונג. דערבײַ טראַכט ער עפּעס. טאַקע וועגן וואַרשע.

4

דער ווינטערדיקער אָוונט ווערט אַרומגעוואַקסן מיט פראָסט. דאָס זעט מען לויט די פאַרצויגענע שויבן, לויט די פאַרבײַגייער, וואָס אײַלן מיט גיכע טריט איבערן סקריפּענדיקן שניי. צאַליע אײַלט ניט. ער שפּאַצירט לאַנגזאַם. ער איז אָנגעטאָן אין א יענאָטן־פוטער, אין א הויך ווינטער־היטל. אים איז הייס. ס'איז אים הייס ניט נאָר פון דעם פוטער, נאָר אויך פונעם בראַנפן און צובײַסן בא ארקע דעם פורמאַן אין שטוב. און דער געדאַנק אַרבעט בא אים הײַנט אַזוי קלאָר, אַזוי דײַטלעך, אַז נאָכן אָפּזיצן א ביסל צײַט באַם טיש מיט ארקעס זין און טעכטער דערזעט ער איצט, ווי איינזאַם ער איז אינדערעמעסן. ער איז איינער אליין. טאַקע צוליב זײַן איינזאַמקייט האָט ער זיך, מיסטאָמע, געפילט אַזוי גוט אין א מישפּאָכע בא איין טיש, כאָטש ער זעט די דאָזיקע מענטשן צום ערשטן מאָל. אָט די פּאַשעטע און גוטע מענטשן דערמאָנען אים די יאָרן, ווען ער איז געווען צאַליע דער האַלץ־הענדלער, מיט א באַנק אָנשטאָט א בעט, מיט א טאַבורעט אָנשטאָט א טיש, מיט א האַק און זעג אין ווינקל.

און אָט איצט, שפּאַצירנדיק לאַנגזאַם, שמועסנדיק מיט זיך אליין, ווערט פאַר אים דײַטלעך, ווי קיינמאָל ניט, אַז זײַן גאַנץ לעבן איז געווען אָפּגעגעבן נאָר פאַר אַנדערע, ניט

פאַר זיך. און פון זיך אַליין שווימט אויף די פראַגע: צי איז ניט געקומען די צײַט, ער זאָל זײַן עפּעס פאַר זיך? ער וועט דאָך אַפילע נאָך זיך קיין זייכער ניט לאָזן. און דערבײַ קומען אויף דאַפקע הײַנט די ווערטער פונעם אַלטן ראָוו, רעב אָוויגדער: מע טאָר ניט פאַרזיצן די אייגענע יאָרן. אַן אַלטער באָכער איז ניט ייִדישלעך... און אויך רעב דאָוויד האָט אים אין טפיסע געזאָגט: ניט כאַסענע האָבן איז אַ פּלאָג. דאָס שטערט לערנען טוירע און דינען גאָט. אַפילע אין מיסכער, אין געשעפט שטערט עס אויך.

ביז איצט האָט עס צאַליע אָפּ זיך ניט געפילט. ער איז געווען אינגאַנצן פרײַ, און קיין זאַך האָט אים ניט געשטערט ניט אין דינען גאָט, ניט אין געשעפטן. הײַנט האָט ער עס דערפילט. צוזאַמען מיטן טאַם פון אַ מישפּאָכע, פון אַ פאַמיליען־לעבן, האָט ער דערפילט... ער איז אַ מאַנצבל. און אַלץ, פון וואָס ער איז ביז איצט געווען פרײַ, איז מיטאַמאָל צו אים אָנגעקומען.ביידע אַרקעס טעכטער שטייען אים לעבעדיק פאַר זײַן בליק. זיי לאַכן... זייערע בוזעמס באַוועגן זיך... זייערע אויגן לויכטן.

— טפו! — שפּײַט ער אויס. קיינמאָל איז מיט אים אַזוינס ניט געווען. — אַן אָנשיקעניש! ניט אַנדערש.

ער וויל עס אָפּטרײַבן פון זיך. ניט זען די לאַכנדיקע ליפּן, ניט פילן דעם רייעך פון זייער מיידלש לײַב. ער נעמט גיין גיכער, שנעלער, ער אײַלט. ער וועט קומען אהיים, וועט ער עס פאַרגעסן. ער זאָגט זיך שטראָף־רייד: עס פּאַסט ניט, מע טאָר ניט, ער זינדיקט. אומריינע געדאַנקען.

ער גייט אהיים. נאָר, ריבוינעשעלוילעם, וואָס טוט זיך עס? אָט די צוויי מיידלעך, וואָס ער ווייסט ניט, צי זיי זײַנען אַ צווילינג, ער ווייסט ניט, וועלכע איז די עלטערע, האָבן אָנגעצונדן זײַן בלוט און פירן אים. זיי באַלעבאַטעווען איבער אים.

דאָס רופט אַרויס בא אים גרויס צאַרן. ניין, אַזוינס איז ניט געווען און וועט ניט זײַן. ער טרייסלט זיי אַרויס פון זיך, ווי בא טאַשליך די ברעקלעך פון קעשענע. ער קומט אהיים און נעמט זיך גרייטן אין וועג אַרײַן.

## 5

דרײַ פּאָסט־וועגן פירן פון גראָדנע אין פאַרשיידענע זײַטן: דורך ווילנע אָף פּעטערבורג, דורך סלאָנים אָף מאָסקווע, דורך ביאַליסטאָק אָף וואַרשע. פון גראָדנע ביז ביאַליסטאָק ציִען זיך די ערשטע אַכציק וויאָרסט. באַגלייטן צאַליען און אים ווינטשן אַ גליקלעכע רײַזע זײַנען געקומען ווייניק מענטשן, זײַנע טפיסע־באַקאַנטע: רעב דאָוויד, פּינכעס און זעליק, פּיניע דער אָגאָראָדניק און די ראַקאָוויצקיס. אַרקען האָבן באַגלייט זײַן ווײַב און קינדער.

זונטיק. אַ שטילער טאָג מיט אַ קליין פראָסטל. צאַליע און אַרקע זעצן זיך אַרײַן אין שליטן, אָנגעפילט מיט היי און פאַרדעקט מיט אַ וואַרעמער פּלאַכטע. דאָס אויסגערוטע פערד האָט אופגעשטעלט די אויערן און וואַרט, ביז דער באַלעבאָס וועט נעמען די לייצעס אין די הענט און וועט שטיל און מילד זאָגן:

— ניאָ, מײַן טײַערער...

דעמלט וועט זיך עס אַ ציִ טאָן פאָרויס און זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

דעם וועג ווייסט אַרקע גוט, ער געדענקט אַלע אַכסאַניעס, ווו מע דאַרף זיך אָפּשטעלן און ווו מע קען זיך אויסרוען. דער לײַכטער שליטן פאָרט אַרויס פון דער שטאָט איבערן גלאַטן שליטוועגס. די וועלט ווערט ברייטער, דער הימל העכער. ערגעץ־ווו זעען זיך איינצלנע ביימער מיט פאַרשנייטע צווײַגן. צאַליע מיט אַרקען האָבן נאָך צווישן זיך אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. זיי געפינען זיך נאָך אַלץ אונטערן אײַנדרוק פון „אַ גליקלעכער רײַזע", פון זען זייערע באַקאַנטע און אייגענע. זיי פאָרן אַרײַן אין וואַלד. די וועלט ווערט שמעלער און קלענער. די געדאַנקען ווערן היימישער, נעענטער צו זיך אַליין. דער ערשטער, וואָס נעמט ריידן, איז אַרקע. די לעצטע טעג דריקט אים עפּעס אָפּן האַרצן, וויל ער, אים זאָל לײַכטער ווערן.

— אַן אַקציע מיט מײַנע טעכטער...

די ערשטע רעגע וווּנדערט אים. פאַרוואָס זאָגט ער עס? וואָס וויל ער דערציילן?

— איר פאַרשטייט, רעב צאַליע, איר פאָרט אָף ריזיקע, שטעלט איר אָבער אײַן אין קאָן נאָר זיך אַליין. בא מיר איז ערגער. איך שטעל אין קאָן מײַן גאַנצע מישפּאָכע. צירעלע קען בלײַבן אַן אַלמאָנע מיט פיר קינדער. דערבײַ פאַרגעסט ניט, צוויי קאַלע־מיידלעך. עס

ווערט קאַלעמוטנע, קאַלט אין די גערעדים, סטראַשנע. אײַך איז לײַכטער, רעב צאַליע, איר זײַט אײנער פאַר זיך, דאַלי באַך.

צאַליע זיצט אין זײַן פוטער און אין דעם ווינטער־היטל און שווײַגט. ער הערט נאָר. אַרקע רעדט צו אים, אָבער קוקט ניט אױף אים.

— אַן אַקציע מיט מײַנע טעכטער... זײ װאָלטן שױן געקענט כאַסענע האָבן. טוען זײ גאָר צולאָכעס, װי קאַפּריזנע פערד. שטענדיק גײען זײ צוזאַמען, עסן צוזאַמען און לאַכן צוזאַמען. א באָכער, אַז ער װיל אײנער פון זײ זאָגן א גוט װאָרט, מוז ער עס זאָגן בײדן. װאָלט מען זײ זען באַזונדער, װאָלט מען יעדער פון זײ באַזונדער דערקענט. אָבער אַז מע זעט זײ שטענדיק צוזאַמען, װײסט מען גאָרניט, װער איז פון זײ פײגל און װער זלאַטע. די באָכערים קלאָגן זיך פאַר מיר: „רעב אַרע, װאָס זאָלן מיר טאָן... סײַדן כאַסענע האָבן פאַר בײדע מיטאַמאָל". עך, װען זײ האָבן טאַקע כאַסענע, װער איך א פרײַער מענטש און קען טאָן אַלץ, װאָס איך װיל. צירעלע װאָלט מיר שױן מױכל זײַן, די זין — געװיס.

פון בײדע זײַטן װעג — זעט צאַליע — שטײט דער װאַלד א פאַרקלערטער, א פאַר־טראַכטער. פרילינג האָט ער גֶעבליט, זומער געװאַקסן, האַרבסט־צײַט געװיאַנעט. און איצט איז דער װאַלד פילאָסאָפיש געשטימט, ער װיל פאַרשטײן און באַנעמען דעם גאַנג פון זײַן לעבן. אונטערן שנײ און אונטער דער טונקלקײַט, װאָס קומט פון בײדע פאַרװאַקסענע זײַטן װעג, זעט מען ניט קײן באַזונדערע בײמער. װי אַלע נאַטור־באַשעפעניש, — טראַכט צאַליע, — קען דער װאַלד באַנעמען זײַן לעבנס־גאַנג ניט באַם בליִען און ניט באַם װאַקסן, נאָר װען דער װינטער קומט, װען אַלץ גײט אַריבער און אַלץ גײט אַװעק.

די דאָזיקע געדאַנקען קומען צו צאַליען, װען ער זיצט אין שליטן אין זײַן פוטער און אין װינטער־היטל, צוגעדעקט די פיס מיט דער װאַרעמער פלאַכטע. די געדאַנקען קומען, װײַל װעגן זיך טראַכט ער דאָס זעלבע: געבליט, געװאַקסן, און דער װינטער װעט קומען און אים באַשיטן מיט שנײ. דאָס דערשרעקט אים אָבער ניט. װאָס מע מוז — מוז מען. נאָר גלאַט זיך פײַניקן, זיך גריבלען... צוליב װאָס? ער װיל פון זײַנע געדאַנקען אָװעקגײן, זײ פאַרגעסן.

— זאָגט איר, אַרע, אַז מיט אײַערע טעכטער איז אַן אַקציע...

— אַן אַקציע, װי איר זעט מיך א לעבעדיקן!

צאַליע דערזעט װידער די צװײ שװעסטער, נאָר איצט רירן זײ אים מיט גאָרניט. ניט זײערע פרײלעכע אױגן, ניט זײערע פולע און באַװעגלעכע בוזעמס, ניט זײער לאַכן רופן בא אים ניט אַרױס קײן שום מאַנצבלשע געפילן. ער קען װעגן זײ טראַכטן רױק. און קען דערבײַ אָן א שום באַזונדער מײן זאָגן אַרקען:

— שײנע טעכטער בא אײַך.

— דאָס איז דאָך די צאָרע, װאָס שײנע. מײנען זײ דערפאַר, ניט אַנדערש, זײ זײַנען פּרינצעסנס בא אַרקע דעם פורמאַן. בראַקעװען, װילן דאָס טעלערל פון הימל. איר האָט עפּעס געהערט, רעב צאַליע, װעגן אײנעם א פּושקין?

— געהערט.

— װאָס איז עס פאַר א נעפעש? א רעכטער טאַנע־באַרע! עפּעס, זאָגט מען, טינטלט ער... שרײַבט סטיכעס. װאָס איז עס פאַר א מײַכל? און מײַנע נאַרישע טעלעצעס גײען אױס נאָך זײַנע סטיכעס. פונװאַנען איז עס צו זײ געקומען? אָסער, אױב איך פאַרשטײ. איך װאָלט עס קײנעם ניט פאַרטרױט, א שאַנדע! איך האָף, רעב צאַליע, אַז צװישן אונדז װעט עס פאַרבלײַבן.

פאַר צאַליען איז עס א נײַס.

— זײ פאַרשטײען רוסיש?

— קענען לײענען. אַפילע אַן אַדרעס אָנשרײַבן... און אַלץ אַלײן פון זיך.

— טאַקע א צװילינג, רעב אַרע?

— א צװילינג. דער אונטערשײד איז אינגאַנצן אױף אײן יאָר.

— און װעלכע איז די עלטערע?

— דאָס װײסט צירעלע. מײַן קאָפּ ליגט אין פערד.

מיט דעם פאַרענדיקט זיך דער געשפּרעך װעגן די טעכטער, װעלכע רירן מער צאַליען ניט אָן, נאָר װאָס קאָסט אַרען א סאַך געזונט.

עס קומט אָן דער אָװנט, די נאַכט פאַלט צו. פון הינטער די בײמער דערזעט מען א ליכטיקן אָפּשײַן, װאָס גײט אױף איבערן װאַלד. אײניקכן באַװײַזט זיך א פּערטל העלע לעװאָנע, װאָס שײַנט יונג און פרײלעך. דער דורכלױכטנדיקער לעװאָנע־סערפּ שװימט איבערן רײנעם הימל פײַערלעך דערהױבן. און איצט ערשט דערזעט מען אײנצלנע בײמער.

באזונדערס טיילן זיך אויס די יעלן, וואָס זעען אויס, ווי שיין באפוצטע פארשלאָסענע טורעמלעך. ארום איז א פארקישעפטע און שטילע יאָמטעוודיקייט.

צאליען און ארקען איז ליַכט און גוט. זיי שוויַגן און שמייכלען צו דער שיינקייט. ביז ארקע האלט ניט אויס און זאָגט:

— איר הערט, רעב צאליע, צוויי זאכן האָב איך שטארק האָלט: א גוט פערד אין שליטן און א שיינע לעוואָנע אין הימל.

6

אינגיכן זיַנען זיי אריַנגעפאָרן אין דעם שטעטל סאָקאָלקע און זיַנען צוגעקומען צו אן אכסאניע. אין דער געראַמער הילצערנער אכסאניע איז ליכטיק און ווארעם, אפילע צופיל ווארעם. באם גרויסן טיש און בא די קלענערע טישלעך זיצן מענטשן, עסן און טרינקען. עס הערט זיך אמערסטן די פוילישע שפראך. ארקען באגעגנט דער באלעבאָס מיט א ברייטן „שאָלעם־אלייכעם". ער נעמט טייקעף גרייטן א טישל פאר די געקומענע — עסן און טרינקען.

— ארע, ווּהין טריַבסטו דיַין סוס? — פרעגט אים א באקאנטער פורמאן.

— קיין ווארשע.

באם דערמאָנען דעם נאָמען „ווארשע" האָבן אלע בא די טישן אים אָנגעקוקט.

— ווארשע? וואָס פאר א מיסכער? — האָט דער זעלבער באקאנטער פורמאן געוואָלט וויסן.

— רעב צאליע פאָרט אריַנטרעטן אין דער ארמיי. איך אויך.

באם גרויסן טיש און בא די קלענערע טישלעך האָבן זיך די פוילישע יונגעליַט אופגעשטעלט, אָנגעגאָסן זייערע קוסעס מיט וויַין און מיט גרויס פּיַערלעכקייט אויסגע־טרונקען פארן געזונט פון די פּאניעס צאליע און ארע, וואָס פאָרן קיין ווארשע אין דער ארמיי.

דערנאָך האָט מען בא די טישן געפרעגט:

— ס׳קאָנט פאנאָוויע?

און אז מע האָט זיך דערוווּסט, אז זיי זיַנען גראָדנער, איז געוואָרן א טומל, א געשריי, א גוועלעכטער, וואָס האָט אָנגעפולט די גאנצע שטוב. די יונגעליַט זיַנען ארויס פון די טישן און געדריקט די געסט די הענט.

— ראָדאָקי! לאנדסמאַן! — אלע האָבן זיך ארומגעכאַפּט קושן.

— מוזיקי! ווּ איז מוזיק? — האָבן אלע געפאָדערט. און דער באלעבאָס האָט געשיקט רופן די מוזיקאנטן.

נאָך איידער די מוזיקאנטן זיַנען געקומען, האָט מען צאליען און ארקען איַנגעלאדן צום גרויסן טיש און גענומען אויספרעגן, ווער זיי זיַנען, אף וועלכער גאס וווינען זיי. און א ווארט נאָך א ווארט איז קלאָר געוואָרן: פון די צוויי יונגעליַט, וואָס פרעגן זיך אלץ גענוי אויס, איז איינער יאדזעס א ברודער, און דער צווייטער — יאדזעס מאַן. זיי פאָרן אויך אין דער ארמיי. און זיי, צאליע און ארקע, לאָזט זיך אויס, זיַנען געזעסן אין טורמע צוליב יאדזען. א וויַלע איז דעמלט געוואָרן שטיל און איינע די אנדערע האָבן אָנגעקוקט. פרי׳ער מיט פארווּנדערונג פון אזא זעלטענעם צופאל, דערנאָך מיט א שמייכל פון צופרידנקייט, און נאָך א רעגע שפּעטער — מיט געלעכטער פון פולן הארצן.

די יידישע קלעזמער זיַנען געקומען. דער ערשטער איז אריַן דער פידלער, נאָך א יונגערמאן מיט א קליין בערדעלע. נאָך אים זיַנען אריַנגעקומען צוויי עלטערע מיט צעקעמטע בערד. איינער מיט א פלייטע און דער צווייטער מיט טאצן. זיי האָבן זיך איַנגעמאָסטעט אף זייער שטענדיקן אָרט — אין ווינקל.

דער פידלער האָט, האלטנדיק דעם סמיק אין דער האנט, א קוק געטאָן צום טיש מיט די געסט און מיטן בליק געפרעגט, וואָס מע זאָל שפּילן?

ארקע האָט גוט אויסגעטרונקען און זיך שטארק דערוואַרעמט. ער האָט גאָר פארגעסן, אז ער האָט א וויַב צירל, צוויי טעכטער, וואָס בראַקעווען כאסאנים און ווילן דאָס טעלערל פון הימל, ער איז גאָר איצט ווידער דער יונגער ארקע, וואָס האָט ליב געהאַט צו זינגען און טאנצן מיט פוילישע פּאניענקעס אין דאָרף. און ער גיט א זאָג צו די מוזיקאנטן אף יידיש:

— יידן, א קראַקאָוויאַק! איך, ארע באָכער, גיי ארויס טאנצן.

דער פידלער האָט א הייב געטאָן זײַן סמיק, און די איבעריקע קלעזמער האָבן אים פאַרשטאַנען. און באלד איז די שטוב פול געוואָרן מיט דער אימפּעטפולער באַוועגלעכקײַט און טעמפּעראַמענטפולער רוישיקײַט פון דער קראַקאָוויאַק־מעלאָדיע. ארקע איז ארויס טאַנצן. און צוזאַמען מיט אים זײַנען ארויס קימאַט אַלע, וואָס זײַנען געזעסן בא די טישן, מאַנצבלען און פרויען. פון דעם שנעלן טעמפּ, פון די שאַרפע שטאַרקע טאַנץ־באַוועגונגען האָט געגומען דוכטן, אַז דער דיל אונטער די טראַסקענדיקע שנעל־באַוועגלעכע פיס שאָקלט זיך, באַוועגט זיך און טאַנצט צוזאַמען מיט אַלעמען. די פּנעמער בא די טענצער זײַנען געוואָרן רויט און פאַרשוויצט, די אויגן האָבן שטאַרק ארויסגעלויכטן. פון עטלעכע ווײַן־פלעשער האָבן זיך די קאָרקעס ארויסגעזעצט און געפלויגן אין באַלקן אַרײַן.

...ביז די טענצער זײַנען מידע צוגעפאַלן צו זייערע ערטער באַם טיש אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

נאָכדעם, ווי מע האָט די קלעזמער מעכאַבעד געווען מיט מאַכן „שעהאַקל״, האָבן זיי געשפּילט א ייִדישן ניגון. א שטילן, א האַרציקן און אַפילע א טרויעריקן.

טאַנצן איז ארויס צאַליע. נאָך דער גרויסער פרײלעכקײַט און לעבעדיקײַט פון דעם קראַקאָוויאַק, וואָס איז א טאַנץ פאַר א סאַך, איז צו צאַליען אָנגעקומען דער פאַרלאַנג פון שטילקײַט, פון רויִקער נעשאָמעדיקײַט. דאַפקע נאָך דער פרײלעכקײַט, ווען מע האָט פון אַלץ פאַרגעסן, האָט ער איצט דערפילט זײַן איינזאַמקײַט פון דער יוגנט אָן, זײַן בענקעניש, וואָס באַגלייט אים, זײַן לעבן פאַר אַנדערע. ער זוכט זיך אַליין. ווו איז ער און וואָס איז ער?

אַלע האָבן אים מיטגעפילט.

7

אַף מאָרגן זײַנען אַלע ארויסגעפאָרן צוזאַמען. דער וועג איז געווען א פרײלעכער. אין ביאַליסטאָק האָט מען ווידער פאַרבראַכט אין אַן אַכסאַניע. און אַזוי איז מען אָנגעקומען קיין וואַרשע.

אין וועג האָבן זיך צאַליע מיט ארקען גוט באַפרײַנדעט מיט יאַדזעס מאַן און מיט איר ברודער, זיך נאָענט צונויפגעלעבט און זיך גאָר אַנדערש ניט פאָרגעשטעלט, אַז אין דער אַרמיי וועלן זיי זײַן צוזאַמען. און ס׳איז טאַקע ניט זייער שולד געווען, וואָס דאַפקע איצט איז מעקוייעם געוואָרן דאָס ווערטל: א מענטש טראַכט, און גאָט לאַכט. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ייִדן נעמט מען ניט אין דער אַרמיי. צאַליען און ארקען איז עס געווען שווער צו פאַרשטיין. אָבער נאָך דעם זעלבן טאָג, ווען זיי זײַנען אָנגעקומען אין וואַרשע, האָבן זיי זיך געגנוי דערוווּסט די ווערטער פון דעם קריגס־מיניסטער מאָראַווסקי: „מיר וועלן ניט דערלאָזן, אַז ייִדיש בלוט זאָל זיך אויסמישן מיטן איידעלן בלוט פון פּאָליאַקן״.

די דאָזיקע ייִדיִע האָט צאַליען א שניט געטאָן איבערן האַרצן, עס האָט אים אַזוי טיף באַליידיקט, אַז ער האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. ער האָט זיך צו אַלץ געטשעפּעט און זיך געוואָלט קריגן.

עטלעכע טעג איז צאַליע פון זײַן צימער ניט ארויס. אַלץ איז אים געווען מיִעס און דערעסן. שאַענוויִיז האָט ער זיך ארומגעדרייט פון ווינקל צו ווינקל. אַפן דריטן טאָג האָט ער מיט האַרץ א זאָג געטאָן צו ארקען:

— איך שפּײַ זיך אויס אַף דעם מאָראַווסקין! ער זאָל מיך איצט בעטן, קניִען פאַר מיר, גיי איך ניט אין זײַן אַרמיי. אַרע, מיר פאָרן צוריק אהיים!

אַף מאָרגן האָט ארקע מיט פאַרוווּנדערונג דערזען, אַז צאַליע האָט זיך א ביסל אונטער־געשאָרן די באָרד. ער איז טאַקע געוואָרן ייִנגער.

— זעט נאָר, רעב צאַליע, איר זעט דאָך גאָר אויס, ווי א כאָסן.

אין דעם זעלבן טאָג איז צאַליע געקומען מיט א פּעקל פרויען־מאַלבושים און פרויען־צירונג.

— רעב צאַליע, וואָס טוט זיך עס מיט אײַך? פאַר וועמען קויפט איר אײַן ווײַבערישע שמאָכטעס?

— מאַטאָנעס פאַר א קאַלע.

ארקע האָט אים ניט פאַרשטאַנען. צי איז צאַליע ניט געררירט?

דער וועג אַף גראָדנע איז שוין געווען ניט קיין פרײלעכער. ער איז, עמעס, דער זעלבער,

ווי פריִער, נאָר פירט אָבער אָף צוריק. די ווילדער שטייען סײַווי פאַרטראַכטע און פאַר־שנייטע. די לעוואָנע איז די אַלטע, נאָר א פולע און א גרויסע. אַלץ, דוכט זיך, ווי געווען, נאָר צאַליע מיט אַרקען קערן זיך אום צוריק מיט פוסטע הענט, אָפּגענאַרטע. צאַליעס געדאַנקען אַרבעטן אָן אָפּשטעל. און אַלץ ווענן איינס און דאָס זעלבע: ער איז געפאָרן צוליב אַנדערע, געוואָלט צולייגן א האַנט פאַר פוילנס זעלבשטענדיקײַט, האָט מען אים אויסגעלאַכט, אָפּגעשפּאָט, טיף באַליידיקט. ער קערט זיך אום אהיים. צו וועמען? צו זיך אַליין. לעבן פאַר אַנדערע וויל ער מער ניט. באַלד כאַפּט ער זיך אָן אָן דעם פאַריקן געדאַנק: „ער קערט זיך אום אהיים צו זיך אַליין". די זעלבע ווערטער, נאָר איצט פאַרשטייט ער זיי בעסער. ער האָט זיך פריִער גאָרניט אַזוי פאַרגעשטעלט זייער באַדײַט. זײַנע אויגן ווערן ליכטיקער, ווי ער וואָלט זיך אַליין פאַרשטאַנען אַפּן ווונק. קען זײַן, אַז דער געדאַנק איז נאָך דערווײַל ניט מער, ווי א געפיל. דערבײַ א געפיל, וואָס וויל זיך נאָך אויסבאַהאַלטן.

צאַליע גיט זיך אָבער באַלד אויס. ער גיט א טאַפּ די אונטערגעשאָרענע באָרד, ער וואַרפט א בליק צום פעקל מאַטאָנעס. און ערשט איצט ווערט אים קלאָר, אַז די אײַנגע־קױפטע מאַטאָנעס און די אונטערגעשאָרענע באָרד זײַנען געווען ניט אַזוי פון פאַרדראָס און צולאָכעס צום מיניסטער מאַראַווסקי, ווי ער האָט זיך עס געוואָלט אײַנריידן (ער מוז עפּעס טאָן, גיין, לויפן, אבי ניט זיצן אָף אָן אָרט), ניין. ער פאָרט אהיים און פירט מאַטאָנעס...

דער וועג נעמט אַפילע ווערן פריילעכער.

— רעב אַרע, וואָס שווײַגט איר?

— איר שווײַגט — שווײַג איך אויך.

צאַליע וויל נאָך עפּעס זאָגן. ער וויל פרעגן: „טאַקע אָן אַקציע מיט אײַערע טעכטער, רעב אַרע?" ער פרעגט עס ניט. עפּעס לאָזט אים ניט. ער איז שוין ניט גלײַכגילטיק. דערפאַר דערזעט ער זיך בא אַרקען אין דער וואַרעמער שאַלקע מיט דער נידעריקער סטעליע. ער זיצט באַם געמיטלעכן טיש מיט אַרקעס זין און טעכטער. די טעכטער, וואָס ער ווייסט ניט, ווער פון זיי איז עלטער, פרעגן אים:

— רעב צאַליע, זײַט א בעריע, טרעפט, ווער פון אונדז איז די עלטערע?

דערבײַ לאַכן די מיידלעך מיט א פול מויל, אַז די בוזעמער גייען אַרויף און אַראָפּ. ער זעט עס, ער פילט עס, נאָר איז רויִק, ווי א מענטש, וואָס ווייסט, אַז סײַווי איז עס זײַנס, ער וועט ניט פאַרשפּעטיקן, ער וועט מיט זײַן גלוסטונג אָנקומען צו דער צײַט.

ביידע שוועסטער געפעלן אים. פאַר וועלכע אָבער פירט ער מאַטאָנעס? און דאָ דערמאָנט ער זיך די טײַנעס פון די באָכערים צו אַרקען: „סײַדן כאַסענע האָבן פאַר ביידע מיטאַמאָל". צאַליע לאַכט זיך פאַנאַנדער.

אַרקע קוקט אים אָן און טראַכט זיך: אָט האָסטו זיך אָן אַקציע! ניט אַנדערש, ווי געריִרט... דערנאָך באַרויִקט זיך אַרקע. זײַנע געדאַנקען: ער זעט טאַקע באַשײַמפּערלעך, אַז גאָט העלפט יעסוימים און אַלמאָנעס. אָט וואָלט מען אים גענומען אין סאָלדאַטן... וואָלט זײַן צירעלע געקענט בלײַבן אַן אַלמאָנע און זײַנע קינדער יעסוימים. וויל ניט גאָט. שיקט ער צוריק אהיים א לעבעדיקן מאַן און א לעבעדיקן טאַטן. און ווידער טראַכט ער וועגן צאַליען. וואָס קומט עס מיט אים פאָר? אונטערגעשאָרן די באָרד, געקויפט מאַטאָנעס. פאַר וועמען? און לאַכט נאָך פלוצלינג גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז פאַרשטיין א מענטשן איז פונקט אַזוי שווער, ווי קויפן א פערד הינטער די אויגן.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג, ווען זיי זײַנען אָנגעקומען אין גראָדנע, איז אָנהייב אָוונט צאַליע קאַדיש געקומען מיט די מאַטאָנעס צו אַרקען אהיים. אין שטוב איז געווען אַרקע, זײַן ווײַב צירל און איינע פון די טעכטער. דאָס, וואָס ער זעט נאָר איינע פון די שוועסטער, האָט צאַליען זייער דערפרייט. דערבײַ איז די שוועסטער געווען שיין אויסגעפּוצט, ווי זי זאָל וואַרטן אָף אָן אָנגעלייגטן גאַסט. צאַליע האָט זיך אַפילע צום טיש ניט צוגעזעצט און גלײַך געזאָגט צו אַרקעס פרוי:

— טײַערע צירל, איך האָב צו אײַך א באַקאָשע.

— אַדראַבע...

— איך בעט אײַך, רעדט מיר א שידעך מיט אָט דער טאָכטער אײַערער.

צירל האָט אים ניט פאַרשטאַנען. זי האָט אים אָנגעקוקט און געפרעגט:

— עפּעס כאַפּ איך ניט אוף אײַערע רייד. א באַקאָשע... וועלכע?

— רעדט מיר א שידעך מיט אײַער טאָכטער, וואָס זיצט אַנטקעגן.

— אף אן עמעס? — האָט צירל מיט פאַרווונדערונג געפרעגט. דערבײַ האָט זי א קוק געטאָן אף דער טאָכטער, וואָס איז פון פרייד און נאכעס געוואָרן אזוי אַנגעקוואָלן, אז די אויגן אירע זײַנען געוואָרן קליינע און שמאָלע. ריידן האָט זי א וואָרט ניט געקענט. ווי נאָר די טאָכטער איז געקומען א ביסל צו־זיך, האָט זי געזאָגט גיך, ווי זי זאָל מוירע האָבן פאַרשפּעטיקן:

— רעד, מאַמע, רעד! רעד דעם שידעך!

— אויב אזוי... — האָט געזאָגט צירל, — איז דאָך שוין אַלץ אָפּגערעדט. מאַזלטאָוו דיר, אַרע, מײַן מאַן. זלאָטעלע איז א קאַלע געוואָרן!

צאַליע האָט צוגעטראָגן זײַן קאַלע די וואַרשעווער מאַטאָנעס.

8

צוויי נײַסן זײַנען אין דער שטאָט צוגעקומען, וואָס האָט אַלעמען איבעראַשט. ערשטנס:

— צאַליע קאַדיש איז געקומען צוריק פון וואַרשע. יידן נעמט מען ניט אין דער אַרמיי.

צווייטנס:

— פון גרויס פאַרדראָס האָט צאַליע כאַסענע מיט אַרקע דעם פורמאַנס יינגערער טאָכטער.

יעדע מישפּאָכע אין גראָדנע האָט אופגענומען די נײַס לויט איר גוסט, ווי איר געפעלט. ווער די ערשטע, ווער די צווייטע.

אַשערל בלאַנדער האָט זיך גוואַלדיק דערפרייט. וויבאַלד מע נעמט קיין יידן ניט אין דער פּוילישער אַרמיי, וועט דאָך ניט זײַן, ווער עס זאָל גיין קעגן מאַלכעס. ביז איצט איז ער געווען ניט זיכער מיט זײַנע באַקאַנטע. עמעצער פון זיי קען אָפּטאָן א נאַרישקײַט, און אף אים, אף אַשערל בלאַנדער, קען פאַלן א כשאַד. ער מיט זײַן מישפּאָכע קענען דערבײַ לײַדן. איצט האָט ער זיך באַרויִקט. ער איז צופרידן פון זיך אַליין, ער קען לאַנגזאַם און מיט האַנאָע צעקעמען זײַן שיינע באָרד, ער קען מיט א כניפּעלע שמייכלען צו זיך אַליין. און אויב ער גיט אַרויס אן איידל־שטיל קרעכצעלע, איז עס נאָר דערפאַר, מע זאָל אים קיין אײַנהאָרע ניט געבן, ניט מעקאַנע זײַן. אפילע פאַר גאָט איז עס בעסער.

נאָכדעם, ווי צאַליע קאַדיש איז געקומען פון וואַרשע, האָט זיך אַשערל אָנגענומען מיט מוט און איז, נאָך א גרויסער האַפּסאָקע, אַרײַנגעקומען אין געסט צו זײַן שאָכן, רעב דאָוויד.

נאָך דער באַגריסונג האָט ער געזאָגט:

— איך וויל אײַך עפּעס פרעגן, רעב דאָוויד.

— פרעגט.

— צוליב וואָס איז עס אזא קלוגער און געניטער מענטש, ווי רעב צאַליע, געלאָפן קיין וואַרשע? ווערן א סאָלדאַט? עפּשער גאָר א גענעראַל? סײַווי נעמט מען דאָך ניט קיין יידן.

— איז וואָס, רעב אַשערל, זײַט איר צופרידן, וואָס מע נעמט ניט?

— צופרידן. דאַנקען גאָט. האַזשגאָכעס האַבוירע! און איר, רעב דאָוויד, מיינט, אז ניט?

— איך מיין אָט וואָס: מיילע... מע נעמט ניט. נעמען זאָל זיי די סיטרע־אַכרע. אָבער פּאַרוואָס נעמט מען ניט? מאַ פּישי, מאַ כאַטאָסי? די פּוילישע גרויסהאַלטערײַ, דער האַנאָר האָט אַלעמאָל געמאַכט פּוילן אומגליקלעך. דער כאַלוף ליגט זיי אָפּן האַלדז, מע וויל זיי העלפן, זיך שלאָגן פאַר זיי. און זיי... פּויליש בלוט איז הייליק, יידיש בלוט — טרייף.

— א דײַגע האָט איר, רעב דאָוויד. זאָגן זיי.

— איך בין אַליין א זאָגער! וויל ער מיר זײַן א ברודער — קי טויוו. וויל ער איבער מיר זײַן א פּאַרעץ — צום טײַוול!

א באַזונדער אײַנדרוק האָט געמאַכט צאַליעס צוריק־קומען אף דער פאַרמעגלעכער יידישער מישפּאָכע כאַזאַנסקי, וועמענס קינדער עס האָבן זיך ניט לאַנג אומגעקערט פון שטודירן אין אויסלאַנד. די מישפּאָכע, דעריקער די קינדער, דער זון און די טאָכטער, זײַנען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער קולטור. די מישפּאָכע שטאַמט פון קראָקע. דער זון פאָרשט די פּוילישע געשיכטע, און די טאָכטער שרײַבט פּוילישע לידער. בא דעם זון יוליאַן

(אף ייִדיש — יודל), בא דער טאָכטער עליזאַ (אף ייִדיש — לייע) האָט די יעדזיע, וואָס צאַליע האָט געבראַכט, אַרויסגערופֿן ניט קיין פֿאַרדראָס, ווי בא אַנדערע, נאָר פֿאַרלאַרנקייט און צעטומלטקייט. דער געלערנטער זון יוליאַן מיט די אַראָפּגעלאָזטע שפּיציקע וואָנצעס און זיין שיינע שוועסטער מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך פֿון ייִדן נאָך ניט אָפּגעריסן, נאָר האָבן זיך שוין לאַנג דערווייטערט און אָפּגעשיידט פֿון ייִדישקייט. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ קרייז פּוילישע אינטעליגענטן, ווו דער ברודער פֿלעגט דערציילן וועגן זיין אַרבעט און די שוועסטער האָט געליינט אירע לידער. סיי דער ברודער, סיי די שוועסטער האָבן זיך, ווי פּוילישע פּאַטריאָטן, געגרייט אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי. די יעדזיע, וואָס צאַליע האָט געבראַכט, האָט טאַקע פֿון אָנהייב אַרויסגערופֿן בא זיי אַ טיפֿע פֿאַרלאָרנקייט, ווייטעק און זאָרג. אָבער נאָך עטלעכע אומרויִקע טעג איז עס אַריבער אין אַ טיינע צו זיך אַליין. ניין, ניט אין קיין טיינע, נאָר אין אַ פּראָטעסט קעגן זיך אַליין, קעגן זייער שוואַכקייט, וואָס פֿענטעט זיי. פֿאַר זיי איז קלאָר געוואָרן, אַז אין דעם, וואָס זיי זיינען נאָך ניט קיין גלייכע, קענען ניט אַריינטרעטן אין דער אַרמיי — איז דאָך זייער אייגענע שולד. קעדיי צו זיין אַ קינד פֿון פּוילן — דאַרף מען זיין אַ קינד פֿון פּוילישן פֿאָלק, פֿון פּוילישן גלויבן.

פֿאַרן ברודער און פֿאַר דער שוועסטער איז אָנגעקומען די שאָ פֿון אַנטשיידונג: אַהער אָדער אַהין? און זיי האָבן אויסגעקליבן: אַהין!

9

סאָרעלע קוקט אף בערלען. בערל קוקט אף פֿינכעסן און אַפֿן טאַטן.

אַזוי איז געווען אין יענעם אָוונט, ווען פֿינכעס האָט באַם טיש דערציילט, וואָס צאַליע זאָגט: ווען ייִדן העלפֿן פּוילן ווערן פֿריי און זעלבשטענדיק, וועט פּוילן העלפֿן די ייִדן ווערן פֿריי און גלייכבארעכטיקט.

סאָרעלע קוקט אף בערלען. זי זעט, ווי ער כאַפּט אויף די ווערטער, וואָס איר טאַטע זאָגט אַרויס. די באַקן זיינע פֿלאַמען, ברענען. די אויגן זעען, וואָס די אויערן הערן. זיי זעען אַפֿילע מער פֿון דעם, וואָס זיי הערן. זיינע קינדערשע און ייִנגלשע יאָרן האָבן ניט געזען קיין דורכלויכט אף שפּעטער, קיינער האָט גאָרניט צוגעזאָגט... און דאָ איז געקומען אַ האָפֿענונג — דער טאַטע האָט געפֿונען אַ וועג צו ענדערן דעם גורל, צאַליע זאָגט: ווען ייִדן העלפֿן פּוילן, וועט פּוילן העלפֿן די ייִדן. בערעלע איז די מינוט גרייט גיין צוזאַמען מיט צאַליע קאַדיש און אַרקע פֿורמאַן אין דער אַרמיי זיך שלאָגן פֿאַר פּוילנס פֿרייהייט.

סאָרעלען פֿאַרדריסט אַ ביסל אף בערלען, וואָס ער קוקט ניט אין איר זייט. באַמערקט זי ניט. באַם טיש זעט ער גאָר אויס ווי איינער פֿון די עלטערע, איינער פֿון די טאַטעס. יאָ, אַ ביסעלע פֿאַרדריסט עס זי, אָבער ווי שיין ער איז איצט, בערעלע, בערענקע, בערטשיקל... אַפֿילע, ווען ער זיצט און הערט, וואָס אַנדערע ריידן, זעט מען, אַז ער איז אַ גיכער, אַ באַוועגלעכער... און אָט קוקט ער שוין גאָרניט אף די טאַטעס. מיט זיינע אויגן, וואָס זעען אַלץ און פֿאַרשטייען זיך אַפֿן ווונק, קוקט ער אין דער ווייט, ווי ער וואָלט עפּעס דערזען אַזוינס, וואָס ציט אים, איבעראַשט אים, פֿאַרקישעפֿט אים.

— בערעלע, — האַלט סאָרעלע ניט אויס און פֿרעגט: — וואָס זעסטו דאָרט?

— אַ רייטער. אַ רייטער אף אַ פֿערד. דוכט זיך, צאַליע זיצט אַפֿן פֿערד.

— בערעלע, בערטשיקל, בערענקע, — זאָגט זי אין דער הייך, וואָס ביז איצט פֿלעגט זי זאָגן נאָר פֿאַר זיך. — ווו זעסטו אַ רייטער? וואָס דוכט זיך דיר?

— דו זעסט ניט, סאָרעלע? קוק זיך גוט איין...

ווען די טאַטעס זיצן ניט דערביי, וואָלט זי אים אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און וואָלט אים געזאָגט... זי ווייסט, וואָס זי וואָלט אים געזאָגט... גוטס געזאָגט. זי איז גרייט זיך לאָזן איינריידן, אַז זי זעט אַ רייטער אף אַ פֿערד. בערעלע זעט דאָך.

גלייך אף מאָרגן האָט בערל גענומען זוכן אַ צוגעפּאַסט קלעצל האָלץ אף אויסשניצן אַ רייטער אף אַ פֿערד. דער זיידע העשל האָט אים געהאָלפֿן. דער זיידע העשל זעט, ווי אין בערלען יוירט, ווי ער איז פֿול מיט ענערגיע, מיט קראַפֿט. און בערעלע פֿילט עס טאַקע אין די הענט, אין די פֿינגער. ער פֿאַרטרויט דעם זיידן, אַז ער וויל אויסשניצן אַ העלדישן רייטער אף אַ מעכטיק פֿערד: פֿאַר פּוילנס זעלבשטענדיקייט און פֿאַר די ייִדנס גלייכ־

בארעכטיקונג. בערעלע הייבט אָן פונעם פערד, פון זײַנע הינטערשטע שטארקע פיס, מיטן לאנגן געדיכטן עק.

לויט די הינטערשטע פיס איז צו זען, אז די פֿאָדערשטע וועט דאָס פערד האלטן פארהויבן, ווי עס קלײַבט זיך א שפרונג טאָן גלײַך אפן סוינע. די הינטערשטע פיס דארפן אויסהאלטן דאָס פערד און דעם רײַטער. די מוסקולן, זעט מען, זײַנען אָנגעשטרענגט, אָנגעגאָסן מיט שטײַפקײַט, ווי דאָס גאנצע בלוט וואָלט אין זיי ארײַן. אף אזוינע פיס קען מען זיך פארלאָזן, זיי וועלן שטיין און ניט אָפּטרעטן.

דער זיידע קומט אלע טאָג ארײַן צו בערלען זען, ווי דאָס פערד וואקסט. דער זיידע איז א מייוון. ווען די הינטערשטע פיס מיטן עק זײַנען שוין געווען פארטיק, איז אָנגעקומען די יעדיע: צאַליע איז געקומען צוריק.

און דעמלט... די זעלבע בערלס הענט, וואָס זײַנען געווען פול מיט ענערגיע און קראפט, זײַנען מיטאמאָל געוואָרן אָפּגעשוואכט, אָפּגעטעמפּט און האָבן פארלאָרן דעם כיישעק צו דער ווײַטערדיקער ארבעט. בערל געפינט זיך קיין אָרט ניט. מ׳האָט אים אָפּגענארט.

אזויפיל געהאָפט, געגלייבט. וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? און שוין אינגאנצן, ווי א דערוואקסענער, זאָגט ער צו זיך:

— אז מע דארף דיך ניט, בערל, מע רופט דיך ניט, וווּהין קריכסטו? ווי זאָגט די באָבע הינדע: זײַ ניט קיין גוטער פאר יענעם, וועט מען דיך ניט זידלען.

און דאָ איז נאָך, ווי אף צולאָכעס, דער וועטער שטארק פארערגערט געוואָרן. ניטאָ שוין קיין ווינטער, ניטאָ קיין שניי, ניט פאראן קיין טרוקנקײַט. אָן אָדליגע. דער הארבסט איז צוריק געקומען. פון אויבן גיסט אָן אָסיענדיקער עסעריקער רעגן, אונטן איז א געמיש פון בלאָטע און צעטראָטענעם שניי.

ניט פריילעך, ניט פריילעך.

בערל זיצט אין א ווינקל מיט פארמאכטע אויגן פון אומעט און מידקײַט. און א צולאָכעסדיקער געדאנק בלאָנדזשעט ארום אין קאָפּ: פון זײַן פערד און רײַטער וועט פארבלײַבן ניט מער, ווי צוויי הינטערשטע פיס און אָן עק.

די מאמע קוקט ארויס אין פענצטער און באדויערט שטארק, וואָס איר מאַן וועט אין אזא שלעכטן וועטער זיך דארפן שלעפּן א מידער אהיים.

אין אָוונט איז דער טאטע טאקע געקומען א מידער. די מאמע איז שוין פון אים ניט אָפּגעטראָטן, ער זאָל זיך איבערטאָן, ארופציִען אף זיך טרוקענע קליידער. זי האָט אים צוגעטראָגן א גלעזל זיסע קארשן־מאשקע, ער זאָל זיך דורכווארעמען און ארויסטרײַבן די קעלט און די נעץ פון די ביינער. דערנאָך דערוויסט מען זיך נײַס. פון די העכער צען טויזנט ייִדישע אײַנוווינער אין דער שטאָט זײַנען צווייען אוועק „אהין”. דער גרעסטער טייל פון די צען טויזנט זײַנען ביכלאל גלײַכגילטיק צו צאַליעס נײַס.

— מיר האָבן דען ניט געוווּסט, אז אזוי וועט זיך ענדיקן? דאָס ערשטע מאָל, וואָס? אנדערש איז געווען מיט זעליקן.

זעליק, וואָס האָט געמיינט, אז ער האָט שוין געפונען דעם וועג, ווי צו ענדערן דעם גורל, האָט זיך מוידע געווען פאר ליבע־שעווען, אז ער האָט געהאט א טאָעס. ליבע־שע־ווען פארדריסט אף אזוינע רייד. זי גייט עפשער ניט ארײַן אין טאָך פון דעם, וואָס איר מאַן זוכט, פאר איר איז אָבער וויכטיק, אז ער האָט געפונען, וואָס ער האָט געזוכט. זי וויל ניט לײַדן, אז איר מאַן, איר זעליק, זאָל האָבן א טאָעס.

— רעד ניט אזוי, זעליק, איך בעט דיך.

אין דער ווארעמער שטוב מיט די פארמאכטע לאָדן און ליכטיקן לאָמפּ וואָלט איצט, ווי שטענדיק, געקענט זײַן געמיטלעך. אלע זיצן באַם טיש מיט טאטע־מאמע, וואָס שטענ־דיק רופט עס ארויס פרייד. הײַנט איז מען גאָרניט פריילעך. העשל דער סטאָליער, וואָס איז שוין קענטיק עלטער געוואָרן, נאָר וואָס באנעמט אלץ און זעט אלץ מיט זײַנע גוטע בור־שטין־אויגן, טראכט פאר זיך, אז באַם טיש איז מען צופיל פארנומען מיט אנדערע און גאָר, גאָר ווינציק מיט זיך אליין. ער האָט אין זינען זײַן איידעם. ער שטויסט זיך ניט אָן, אז גייענדיק פון דער ארבעט א מידער און אויסגעווייקטער, האָט זײַן איידעם, וועלכער לעבט איבער פון דעם, וואָס ער פארדינט קוים, קוים אף באשיידענער כאיונע, געטראכט: וואָס אזוינס זאָל ער טאָן, אז זײַן שווער לעבן זאָל גרינגער ווערן. און אויב עס איז באשערט... זאָל בערל ניט זײַן דער אָרעמער כאָסן און סאָרעלע — די רײַכע קאלע. ער קען אזוינס ניט פארלײַדן.

געוועזן אויך אזוינע הײַזער, ווו מע האָט געהאַט צו רעב צאַליען טײַנעס.

באַם שנײַדער איצע־מייער מיט די פיל קינדער, סײַ גרעסערע, סײַ קלענערע, וואָס ווינט נאָך אַלץ אין דעם ענגן דירעלע אין דער גרויסער הילצערנער שטוב מיטן שינדל־דאַך, האָט מען מיט פאַרדראָס אַרויסגעזאָגט:

— ער האָט אונדז נאָר די האַנט איבערגעשלאָגן.

— געפּאַטערט דעם כיישעק. דאַרף מען איצט ווידער פונדאַסנײַ אָנהייבן.

באַ איצע־מייערן זיצן אַרום זײַן וואַרשטאַטל עטלעכע באַקאַנטע שנײַדער און שוסטער, וואָס האָבן זיך געגרייט און געקליבן פרילינג־צײַט אַרויסצופאָרן צוזאַמען אַף ערד־אַרבעט קיין כערסאָן.

דאָס וואָרט „כערסאָן" איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און האָט אין אַלע אָרעמע הײַזער אַרײַנגעטראָגן סײַ צערודערונג, סײַ האָפענונג. אין די דאָזיקע הײַזער האָט מען אַף ברויט גענומען קוקן ניט ווי אַף אַ זאַך, וואָס מע קויפט עס באַ אַ בעקער, נאָר וואָס מע אַרבעט אויס מיט די אייגענע הענט. עלטערע און קינדער האָבן אַף אַ לעבל ברויט געקוקט ניט נאָר מיט ליבע צוליב הונגער, נאָר מיט דרעכערעץ צוליב פּראַצע. ס'האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער רייעך און אַן אַנדער געשמאַק.

אין יענער צײַט איז העשל דער סטאָליער געקומען פון דער אַלטער הילצערנער שול און דערציילט פאַר די היימישע אַ נײַס:

— האַראָדנער ייִדן פאָרן קיין כערסאָן.

— קיין כערסאָן? — האָט זיך געוווּנדערט ליבע־שעווע.

— קיין כערסאָן. ווערן פּויערים. דאָרט גיט מען ייִדן ערד.

— וואָס רעדסטו, טאַטע, עפּעס גלייבט זיך ניט? ייִדן... ערד... פּויערים?

— און איך, ליבע־שעווע, גלייב, — האָט זיך אָפּגערופן זעליק. — שוסטער זײַנען פאַראַן אַזויפיל, אַז איינער זיצט דעם צווייטן אַפן קאָפּ. שנײַדער זיצן אויך איינער דעם אַנדערן אַפן קאָפּ. און אַרבעט איז ווינציק, קיין כאַיונע איז ניט פאַראַן. ערד! אייגן ברויט!

— אָבער, זעליק, אום גאָטעס ווילן, ווו איז כערסאָן? עק וועלט! ווער וועט פאָרן?

— ווער? ווינציק „מענטשן" זוכן אַרבעט און געפינען ניט? ווינציק מעקלער זוכן געשעפטן, ווינציק ליידיקגייער? אָנשטאָט זיצן אין אָרעמקײַט און ענגשאַפט, איז דאָך בעסער קומען אַף די כערסאָנער פעלדער. ברויט אַ פול מויל. אייגן ברויט. וואָס רעדסטו, ליבע־שעווע?

ליבע־שעווע פאַרשטייט, אַז זעליקן איז עס געפעלן. וויל זי אים ניט דערווידערן.

זעליק איז פון דעם צופרידן. קיין גרויסע פאַרגעניגנס אין לעבן האָט ער ניט. איז כאָטש גוט, וואָס דאָס ווײַב פאַרשטייט אים.

אַ מענטש, וואָס פאַרלאָזט זײַן אײַנגעזעסן אָרט און פאָרט אין דער ווײַט, קעדיי ענדערן זײַן גורל, געפעלט זעליקן. מעשאַנע מאָקעם — מעשאַנע מאַזל.

דער פּוילישער אופשטאַנד, וואָס האָט צוגעזאָגט האָפענונג, האָט איבערגעשלאָגן די קלאַנגען וועגן פאָרן קיין כערסאָן. עפּשער וועט די רעפּועס קומען דאָ אַף אָן אָרט. און רעב צאַליע קאַדיש, אַ מענטש, וואָס מע קען זיך אַף אים פאַרלאָזן, פאָרט אַפילע אין דער אַרמיי. די גאַנצע שטאָט האָט געוווּסט זײַנע ווערטער: וועלן ייִדן העלפן פּוילן, וועט פּוילן העלפן ייִדן.

מיט וואָס האָט זיך עס אויסגעלאָזט? אַלע ווייסן עס גוט.

זיצן באַ איצע־מייערן אַרום שנײַדערישן וואַרשטאַטל אַ דרײַ־פיר מענטשן, וואָס דאַרפן זיך איצט אַפּסנײַ אָנהייבן גרייטן צו דער ווײַטער רײַזע מיט קינדער און בעבעכעס. ס'איז שאַבעס, נאָך שאַלעשודעס. די וואָרעמקײַט אין שטוב ווערט אויסגעקילט. דער ווינטערדיקער שאַבעס־טאָג נעמט לאַנגזאַם אויסגיין. דורך די קליינע פענצטערלעך פאַלט אַרײַן אַלץ ווינציקער שײַן. דאָס קליינוואַרג זיצט פאַרוקט אין די טונקעלע אומעטיקע ווינקלען און שווײַגט. אָדער דערציילן זיך אין דער שטיל אַ שרעקלעכע מײַסע, וואָס איז אַמאָל פאַרלאָפן אַפן ווילנער שול־הויף. די עלטערן זיצן און שווײַגן. זיי זעען אויס, ווי פאַרגליווערטע, רירן זיך ניט. ביז עמעצער פון זיי גיט זיך אַ שאָקל, גיט אַרויס אַ זיפץ און זאָגט מיט טײַנע:

— איבערגעשלאָגן די האַנט. איצט דאַרף מען אָנהייבן אַלץ פונדאַסנײַ!

די צווייטע נײַס, צאַליעס כאַסענע מיט אַרקע דעם פֿורמאַנס ייִנגערער טאָכטער, האָט אַרויסגערופֿן מער אָפּקלאַנג אין דער שטאָט.

פֿאַר יונגע מיידלעך, וואָס קענען שוין אײַנגיכן ווערן קאַלעס, האָט עס אויסגעזען אויסטערליש. איינע די אַנדערע האָט אַלפֿי־סאָד דערציילט וועגן דער ליבע פֿון צאַליען און זלאַטען.

— ער, דער כאָסן, פֿאַרשטייסט, רייזעלע, איז געווען דער האַלץ־העקער באַ אונדז אָפֿן מאַרק. אין לײַנענע הויזן, אין צעריסענע שטיוול איז ער מיט אַ האַק און אַ זעג געשטאַנען און געוואַרט, מע זאָל אים דינגען אָף צעהאַקן אַ וואָגן האָלץ. איך געדענק אים נאָך. לאָזט זיך גאָר אויס, אַז ער איז אָפּגעקומען פֿאַר די זינד פֿון זײַנעם אַ ברודער, וואָס האָט געשפּילט אַ שלעכטע ליבע. און דערנאָך, הערסט, רייזעלע, איז ער געזעסן, צאַליע, אין טורמע צוליבן בילבל מיט יאַדזען. און דערנאָך אַ צווייט מאָל געזעסן. און דאָ ניט לאַנג איז ער געפֿאָרן קיין וואַרשע, געוואָלט אַרײַנטרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי. הערסט, רייזעלע, ווי אַ באַשערטע זאַך קומט פֿאָר. ער איז געקומען צו אַרקע דעם פֿורמאַן זיך צונויפֿריידן וועגן פֿאָרן קיין וואַרשע, דערזעט ער דאָרט אַרקעסביידע מיידלעך — פֿייגעלען און זלאַטעלען. ער פֿאַרליבט זיך אין זיי, און זיי אין אים. אָבער וואָס טוט מען, רייזעלע, אַז ער איז איינער, און זיי זײַנען צוויי? און ביידע האָבן אים שטאַרק ליב באַקומען. ווי וואָלסטו געטאָן, רייזעלע?

— איך ווייס ניט. און וואָס וואָלסטו געטאָן, שיינעלע?

— איך ווייס אויך ניט.

— און וואָס האָבן די מיידלעך געטאָן?

— פֿריִער האָבן זיי זיך געשעמט וועגן דעם מוידע צו זײַן. דערנאָך האָבן זיי זיך מוידע געווען. יעדע האָט אים געוואָלט פֿאַר זיך. זיי האָבן ליב העלדישע מענטשן. שפּעטער האָבן זיי זיך געגעבן אַ טקיִעס־קאַף, אַז וועמען עס וועט אַרויסציִען דאָס קניפּל, יענע וועט כאַסענע האָבן פֿאַר צאַליען.

— נו?

— זלאַטקע האָט אַרויסגעצויגן.

— אוי אַ מאַזלדיקע! מעקאָנע צו זײַן.

— הער ווײַטער, רייזעלע. ער, צאַליע, הייסט עס, איז אַוועקגעפֿאָרן קיין וואַרשע. זלאַטקע שווערט זיך, אַז זי האָט גוט געוווסט, אַז ער וועט זיך לאַנג ניט פֿאַרזאַמען. ער וועט גיך צו איר קומען. און אַזוי איז טאַקע געווען. פֿייגעלע איז בעקיוון פֿון שטוב אַוועק, זלאַטקע זאָל זײַן אַליין. ער איז געקומען מיט מאַטאַנעס. און זי איז גלײַך געוואָרן זײַן קאַלע. אַ באַשערטע זאַך.

אַזוי האָט מען דערציילט. אָפּאַנעם אָבער, אַז דאָס איז געווען ווינציק פֿאַר די יונגע מיידלעך, וואָס ווילן הערן און ריידן וועגן ליבע. די מיידלשע אויסגעהונגערטע פֿאַנטאַזיע נאָך ליבעס האָט געאַרבעט און געפֿאָדערט נאָך געשעענישן. און אָט דערציילט שוין אַ צווייטע:

— פֿייגעלע האָט כאַראָטע באַקומען. זי וויל ניט. וואָס הייסט עס וועגן אַ כאָסן ציִען קניפּלעך? ווו איז אַזוינס געהערט געוואָרן! זי איז די עלטערע, דאַרף זי זײַן די קאַלע. די שוועסטער, דערציילט מען, האָבן זיך געקריגט, אַפֿילע פֿאַר די האָר זיך געריסן. קיינער פֿון זיי וויל ניט אָפּטרעטן. וואָס טוט אָבער פֿייגעלע?

— וואָס, וואָס? דערצייל.

— הער אויס, מאַלקעלע, וואָס פֿייגעלע טוט. ביידע שוועסטער זײַנען ענלעך. מע קען גאָרניט וויסן, ווער איז פֿייגל און ווער איז זלאַטע. וואָס טוט פֿייגל?

— נו, נו? וואָס טוט זי?

— זי גאַנוועט אַרויס די קאַלע־מאַטאָנעס, טוט זיי אָן...

— אוי, ווי קלוג! און ווײַטער?

— און אַז צאַליע איז געקומען — איז זי געוואָרן די קאַלע.

— אוי, איך שטאַרב! נו, און זלאַטקע?

— איצט ווייסט שוין גאָרניט צאַליע, וועלכע פֿון די שוועסטער איז זײַן קאַלע...

— אוי, אוי, אוי!

אינדערעמעסן אָבער איז צאַליעס קאַלע טאַקע זלאַטקע. פֿייגל האָט שוין אויך אַ כאָסן. און ביידע כאַסענעס וועט מען, מיט מאַזל, אײַנגיכן שפּילן.

די כאַסענע פון צאַליען מיט זלאָטקעס קומט פאָר בא פינכעס באַס אין דער גרויסער שטוב. מער פון אַלעמען איז פון דעם צופרידן סאָרעלע. דערבײַ איז אַ סיבה פאַראַן. די סיבה:

אין איינעם אַ זוניקן ווינטער־טאָג זײַנען סאָרעלע מיט דער מאַמען אַרויס פון זייער שטוב און זיך געלאָזט גיין אין געסט צו ליבע־שעווען. די לופט אין יענעם טאָג איז געווען אַ געמיש פון פראָסט און זון. עס האָט זיך לײַכט געאָטעמט. די פיס האָבן זיך גרינג באַוועגט. און ביידע, די מאַמע מיט דער טאָכטער, זײַנען צופרידן פון דער וועלט אַרום זיך און פון זיך אַליין. זיי וואָלטן זיך ניט שעמען, וואָלטן זיי איינע אין דער אַנדערער געוואָרפן שניי־גאָמלקעס. אַרופקומענדיק אָבער אויף דער בריק איבערן טײַך, ווו אויף די פאַרענטשעס איז געלעגן אָנגעשאָטן שניי, האָט סאָרעלע ניט אויסגעהאַלטן, האָט צונויפגעשאַרט אַ גאָמלקע און מעכאַבעד געווען די מאַמע.

— דו ביסט דאָך שוין אַ גרויס מיידל, סאָרעלע, און פאַרנעמסט זיך מיט קינדערשע געגנג. עס פּאַסט ניט.

— פאַרוואָס, מאַמע?

— ביסט דאָך, קיין אײַנהאָרע ניט, באַלד אַ קאַלע־מיידל.

— נאָר אָן אַ כאָסן.

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט און ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען.

— מאַמע, ער איז שטענדיק אַ פאַרטראַכטער. האַלט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שווײַגט. זעלטן־ווען זאָגט ער אַ וואָרט.

— דאָס ווענדט זיך אָן אַ מיידל...

— מאַמע, אַז ער וועט קומען צו מיר אין די הענט, וועל איך שוין וויסן, וואָס צו טאָן און ווי זיך פירן.

דערווײַל זײַנען די מאַמע מיט דער טאָכטער אָנגעקומען צו ליבע־שעווען אַהיים. ווי דער שטייגער איז, האָבן זיך די מאַמעס געקושט. ווי אַלעמאָל, האָבן זיי וועגן וואָס צו ריידן צווישן זיך. סאָרעלע איז אַרײַן צו בערלען אין צימער. בערל איז געשטאַנען בא דעם ניט פאַרענדיקטן „רײַטער אויפן פערד", פון וועלכן עס זײַנען, ווי פריִער, געווען פאַרטיק נאָר די צוויי הינטערשטע פיס מיטן עק.

בערל איז מיט זיך ניט צופרידן. זײַן גוט האַרץ, זײַן איידלקײַט, האָט באַקומען אַ ריץ, אַ ריס, וואָס וויל זיך אַזוי גיך ניט פאַרהיילן. ער איז אָפּגענאַרט. דערצו האָט בערל זיך גענומען מער צוקוקן, וואָס אין שטוב טוט זיך. ער האָט גענומען בעסער פאַרשטיין, אַז זיי לעבן אָרעם. די מאַמע איז פון אַלץ צופרידן, זי וויל דעם טאַטן ניט פאַרשאַפן קיין פאַרדראָס. דער זיידע העשל, וואָס איז ביז איצט געווען אַ פאַרדינער, איז געוואָרן עלטער, שוואַכער און זײַנע פאַרדינסטן זײַנען געוואָרן קלענער. און בערל האָט מער גענומען פאַרשטיין און מיטפילן דעם טאַטן. ער זעט עס זייער גוט: די מאַמע וויל דעם טאַטן ניט פאַרשאַפן קיין פאַרדראָס, און דער טאַטע פון זײַן זײַט שאַנעוועט די מאַמען, פאַרגלעט אַלץ, מאַכט אַ פריילעך פּאָנעם, ווי אַלץ וואָלט געווען אַמבעסטן. אינווייניק אָבער טאָטשעט אים, לעבט עס שטאַרק איבער. בערל ווייסט דאָך, אַז זײַן טאַטע איז געווען אַ פאַרטיזאַנער בא דעניס דאַווידאָוון, אָנגעפירט מיט דער פּאָליציי, געזעסן צוויי מאָל אין טורמע צוליב אַ בילבל. און נאָך אַלעמען דאַרף ער האָרעווען אויף קוים־קוים דערצי׳ען פון איין דאָנערשטיק ביזן צווייטן. דער טאַטע איז ווערט אַ בעסער לעבן. און צו בערלען קומט דער געדאַנק: צי איז שוין ניט געקומען די צײַט צו העלפן דעם טאַטן? ניט לערנען זיך פאָר אַ שניצער — אַ קינסטלער, ווי דער זיידע וויל און ווי דער טאַטע וויל, נאָר ווערן אַ סטאָליער, אַ באַלמעלאָכע. ער ווייסט אָבער, אַז דער טאַטע וויל עס ניט, ער איז דעם טאַטנס האָפענונג.

דער טאַטע בעט אים (און דער זיידע אויך), ער זאָל פאַרענדיקן דעם „רײַטער אויפן פערד". שטייט ער אַלע טאָג, בערל, בא די הינטערשטע פיס מיטן עק... און די הענט זײַנע ווילן ניט און קאָנען ניט אַרבעטן. עס פעלט דער פאַרלאַנג און דער ווילן. ניט פאַראַן אַזוינס, וואָס זאָל אַ ציִ טאָן, אַ ברען טאָן, אָנצינדן! אים איז שווער אויפן האַרצן.

— בערעלע, אַ גוט־העלף דיר! — באַגריסט אים סאָרעלע.

ער קוקט זי אָן און שווײַגט.

— בערעלע, פאַרוואָס שווײַגסטו?

— איך שוויַיג ניט.
— אַט איצט רעדסטו טאקע. וואָס איז מיטן פערד?
— ווי געווען.
— פארוואָס?
— ניטאָ קיין כיישעק.
— אוי, בערעלע, בערטשיקל, בערענקע, פארוואָס ביסטו שטענדיק אזא כמורער, ווי עפּעס טוט דיר שטענדיק וויי? קוקסט צו דער וואנט, שמייכלסט ניט.

בערל ענטפערט ניט. זי זעט אָבער, אז זײַן פּאָנעם איז געוואָרן ליכטיקער, ווי זײַנע ווייען וואָלטן פון אים אוועק. מיט אירע שיינע גוטע אויגן קוקט זי אָף אים. ער שעמט זיך, נאָר זען וויל ער זי. אים איז גוט, ווען זי איז דערבײַ. און סאָרעלע, וואָס ווייסט שוין, אז „דאָס ווענדט זיך אָן א מיידל...", איז צופרידן, וואָס בערעלע ענדערט זיך מיט יעדער רעגע צום גוטן. זי פילט, דוכט זיך, אליין ניט, ווי זי נעמט אים אָן פאר דער האנט, אירע פינגער ברענען... און אויך בערעלעס האנט ווערט לעבעדיקער, ווערט הייס. און אירע ליפּן זאָגן ארויס נאָר פאר זיך, קיינער זאָל ניט הערן, אויך בערל זאָל ניט הערן: בערעלע, בערטשיקל, בערענקע... זי זאָגט עס מיט הארציקייט, מיט גוטסקייט, מיט ליבשאפט. בערל הערט עס, פילט עס, זײַן ייִנגלשקייט צינדט זיך אָן, אזש ער ציטערט אוף, ער גיט זי א כאַפּ ארום און קושט זי.

אין דער ערשטער רעגע איז עס פאר סאָרעלען געווען אומדערוואַרט. זי קוקט אים אָן פארוואונדערט. אירע אויגן אָבער לויכטן און לאכן. עס איז צו זען, אז זי איז פון זיך צופרידן. זי שווײַגט. זי ווייסט נאָך אליין ניט, וואָס מיט איר טוט זיך איצט. און גאָר אומדערוואַרט דערזעט בערל, ווי איר פּאָנעם, וואָס האָט נאָרוואָס געשײַנט און געשמייכלט, ווערט פארוואָלקנט, ווי א פינצטערניש רוקט זיך אָן. די אויגן ווערן שמאָלע און שלעכטע, בייזע...
— פע! ביסט א שלעכט ייִנגל! איך האָב דיך פײַנט!
זי דרייט זיך שנעל אויס, לויפט ארויס צו די מאמעס און זאָגט, אז אלע זאָלן עס הערן:
— א שלעכט ייִנגל בערל! קושט זיך! מאמע, קום אהיים.
זיי גייען אוועק.

13

בערל האָט זיך געפילט זייער שלעכט. ער האָט זיך געשעמט פאר דער מאמען, פאר דער באָבען, פאר די פיר ווענט האָט ער זיך געשעמט. ס'איז נאָך גוט, וואָס די מאמע האָט וועגן דעם ניט דערציילט דעם טאטן.

סאָרעלען האָט ער פײַנט געקראָגן אָף קיינמאָל ניט מוחל זײַן. איר נאָמען האָט ער ניט געקענט הערן. אמאָל פלעגט ער אין שלאָף זען, ווי זי לויפט אים פארמאסערן פאר די מאַמעס. אין אים האָט געקאָכט די סינע.

און סאָרעלען האָט נאָך אין דעם זעלבן טאָג אָף זיך אליין גוט פארדראָסן. זי קען גאָר ניט פארשטיין, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען. פונוואַנען האָט זיך צו איר אזא מעשוגאַס גענומען? זי האָט דאָך געפילט, ווי די געקושטע באק פלאַמט איר מיט האנאָע, זי האָט דערשפּירט איר מיידלשקײַט אין זיך, א וואַרעמקײַט איז פון זײַנע ליפּן ארײַן אין איר בלוט. און זי האָט עס דאָך אליין פארלאנגט. צי דען איז עס דערפאר, וואָס זי האָט שוין גלײַך געוואָלט באַווײַזן, אז אָן איר ווילן קען גאָרניט געשען?

„פארוואָס בין איך אזא שלעכטע, פארוואָס?" — האָט זי מיט פארדראָס זיך געפרעגט. זי האָט כאַראָטע און וויל זיך איבערבעטן. זי איז נאָכדעם עטלעכע טעג נאָכאנאנד צוגעשטאַנען צו דער מאמען, און די מאמע האָט געמוזט גיין צו ליבע־שעווען זאָגן, אז סאָרעלע איז ניט גערעכט, ניט גוט האָט זי געטאָן.

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. אויב סאָרקע וועט קומען, — האָט בערל געזאָגט, — וועט ער זי מיט א שטעקן ארויסטרײַבן. דערפאר האָט עס אָבער אויך געווירקט צום גוטן, — בערל האָט גענומען ארבעטן איבערן „רײַטער אפן פערד". זײַן פארדראָס און פאריבל אָף סאָרעלען (אָף סאָרקען) איז אריבער אין ליבע צו דער ארבעט. צו פּינכעס באס אין שטוב איז דערגאנגען, אז די ארבעט גייט גוט און עס באקומט זיך א שיינע זאך. סאָרעלע גייט מאמעש אויס. זי וויל זען בערלען און וויל זען זײַן ארבעט. און אָט דערפאר איז סאָרעלע

צופרידן, וואָס די כאַסענע פֿון צאַליען קומט פֿאַר באַ זיי אין שטוב. זעליק, ליבע־שעווע און בערל וועלן דאָך געוויס קומען אויף דער כאַסענע. זי וועט אים זען. זי וועט אים איבערבעטן. זי איז שולדיק.

פֿון כאַסנס־צד זײַנען אויף דער כאַסענע געווען אײַנגעלאַדן זײַנע כאַווײרים. זיי זײַנען געווען ניט קיין סאַך. פֿון קאַלעס־צד זײַנען געקומען אַ סאַך מער געסט. סאַרעלע, אָן אויס־געפּוצטע, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אַנטקעגן דער טיר און באַקוקט די געסט, צי קומט ניט בערל.

די ערשטע איז געקומען דער קאַלעס שוועסטער, פייגעלע, מיט איר כאָסן. די שוועסטער האָט מען דאָ דערקענט לויטן סימען: אויב דער כאָסן איז צאַליע — איז די קאַלע זלאַטע. אויב דער כאָסן איז דער הויכער און שיינער קאַצעווי־יונג, וואָס קען אָנכאַפּן אַן אָקס פֿאַר די הערנער און אים אומוואַרפֿן, איז עס פייסאַכקע, און זײַן קאַלע איז פייגעלע. פייסאַכקע איז געווינט, אַז מע זאָל פֿאַר אים האָבן דערעכערעץ, פילט ער זיך אומעטום פֿרײַ. אַ ביסל געענגט איז אים אין זײַן נײַעם אָנצוג, צו וועלכן ער איז ניט געווינט. די שוועסטער האָבן זיך געקושט און געוווּנטשן. און פייסאַכקע האָט געזאָגט צאַליען:

— האַסט זיך, באַכער, אַ ביסל צוגעײַלט מיט דער כאַסענע. פייגעלע איז דאָך עלטער.

דערנאָך זײַנען פֿון פּראָסט אַרײַנגעקומען דער קאַלעסביידע ברידער אין באַראַשקענע היטלען אויף די גרויסע טשופּרינעס, אין פּעלצלעך. ביידע זײַנען פּריילעך פֿון פּאַרזוכן אַ ביסל מאַשקע און שרײַען דעריבער „מאַזלטאָוו", אַז מע הערט עס אויף דער צענטער גאַס.

די טיר עפֿנט זיך אַלע ווײַלע און עס באַווײַזן זיך נײַע געסט — אַרקעס ברידער מיט די ווײַבער און צירלס שוועסטער מיט די מאַנען. די מאַנצבלען, אויסגעהאָרעוועטע, פּעסטע, מיט רויטע פּענעמער פֿון ווינט און פֿון פּראָסט, מיט האַרטע הענט און שטאַרקע פינגער. געקומען זײַנען זיי ניט אין שטיוול, צו וועלכע זיי זײַנען צוגעוווינט, נאָר אין שיך. און דעריבער שטעלן זיי ניט זיכער זייער טראָט. די פיס זײַנען באַ זיי צו גרינגע און האָבן ניט דעם נייטיקן אָנשפּאַר. זיי שווימען. די פּרויען זײַנען מערסטנטייל שווערע און פליישיקע, מיט גוידערס און בוזעמס, מיט קויעך אין די הענט. פֿאַרדינען די מאַנען, און די ווײַבער האָבן אַ קערבל אין קעשענע, קאָכן זיי אַ פֿולן טאָפּ פֿלייש און אַ גרויסע פֿאַן פֿיש.

די ראַקאָוויצקיס זײַנען געקומען צוזאַמען מיט אַניען. אַניע האָט אויף ייִדיש באַגריסט כאָסן־קאַלע. און דערבײַ מיט אַזויפֿיל ייִדישע און העברעיִשע ווינטשעוואַניעס, אַז אַלע האָבן זיך געשמאָלצן פֿון צופֿרידנקײַט. און צווישן אַלעמען אויף דער כאַסענע דרייט זיך אַרום ריווקע־ראָכל. אָט איז זי דאָ און אָט איז זי דאָרטן. אומעטום זאָגט זי אַ גוט וואָרט און מאַכט פֿריילעך. און דעריקער ווייסט זי מיט וואָס פֿריילעך מאַכן און רויט מאַכן כאָסן־קאַלע.

— מאַזלטאָוו אײַך, קינדער. פֿאַרגעסט ניט... אײַנגאַנצן אַ קורצער יאָר געבליבן. אויפֿן בריס וועל איך זײַן. איך נעם זייער לײַכט ייִנגלעך.

כאָסן־קאַלע רויטלען זיך, לאַכן און זײַנען צופֿרידן.

אויף דער כאַסענע איז ריווקע־ראָכל געקומען ניט אַליין, נאָר מיט מענאַכעמען. זי פֿירט אים מיט זיך אויף אַלע סימכעס. אַ יאָסעם, נעבעך, זאָל ער האָבן אַ ביסל פֿאַרגעניגן. זאָל מען זען, אַז עס וואַקסט אַ גוט באָכערל. ער וועט אונטערוואַקסן, — טראַכט זי, — וועט זי פֿאַר אים געפֿינען אַ גוטן שידעך. ריווקע־ראָכל האָט ליב מיצוועס. אויף יענער־וועלט וועט מען עס פֿאַרעכענען.

און מענאַכעם? ער טוט זײַן מאַמען צוליב און לאָזט זיך פֿירן פֿון ריווקע־ראָכלען אויף סימכעס. אָבער צופֿרידן פֿון דעם איז ער ניט. באַזונדערס פֿילט ער זיך שלעכט, ווען ריווקע־ראָכל שטעלט זיך אַוועק אינמיטן צימער, נעמט אים אָן פֿאַר דער האַנט און זאָגט מיט אַ וויינענדיק קאָל:

— אַ יאָסעם! דער טאַטע זײַנער איז דאָך אומגעקומען פֿאַר קלאַל־ייִסראָעל. — און אַלע ווײַזן דעמלט אַרויס צו מענאַכעמען מיטגעפֿיל.

ריווקע־ראָכל האָט דערבײַ אַ כעזשבן: זאָלן טאַטעס און מאַמעס וויסן, אַז עס וואַקסט אַ גוטער כאָסן. און מענאַכעם האָט פֿון דעם גרויס פֿאַרדראָס. די טויווע, וואָס ריווקע־ראָכל טוט אים מיטן פֿירן אויף סימכעס, איז פֿאַר אים די ערגסטע ראָע. ער איז דאָך שוין ניט קיין קינד, ער איז שוין מיט געדאַנקען פֿון אַ דערוואַקסענעם.

ער פֿאַרשטייט אַ סאַך מער, ווי עס טראַכט וועגן אים די מאַמע. ער ווייסט, אַז דער בילבל איז פֿריִער געווען אַן אומגליק פֿאַר אַלעמען. איצט איז ער אַן אומגליק פֿאַר אים אַליין. אַלע האָבן וועגן דעם פֿאַרגעסן, ער מיט דער מאַמען געדענקען.

ריווקע־ראָכל באַגייט זיך מיט אים, ווי מיט אַ קינד. זי שטויסט זיך אַפֿילע ניט אָן, אַז ער איז אַ גוטער מייווין אויף איר און אויף איר אופֿירונג, וואָס איז אים ניט צום האַרצן.

פאַר סאָרעלען זײַנען די געסט אַ נײַס. זעלטן קומט איר אויס צו זען אַזױנע מענטשן. זי שטייט אין ווינקל אַנטקעגן דער טיר און וואַרט אַף נאָך עמעצן. און אָט... ליבע־שעווע איז אַרײַן. מיט איר צוזאַמען — זעליק. ווער גייט נאָך? די טיר פאַרמאַכט זיך. קיינער קומט ניט אַרײַן. און בערל? צי דען איז ער ניט געקומען? זי נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון דער טיר. זי עפנט זיך ווידער, און עס קומט אַרײַן רעב דאָוויד. סאָרעלע גיט אַרויס אַ זיפץ: ניט געקומען.

זי לויפט צו דער מאַמען:

— מאַמע, ער איז ניט געקומען.

— ווער?

— ווי שעמסטו זיך ניט, מאַמע, דו ווייסט ניט „ווער"?

— איך ווייס שוין, איך ווייס. איז ער ניט געקומען? אַזאַ אַקשן! געפּערלעך מיט אַזאַ ייִנגל האָבן צו טאָן.

— מאַמע, נו, וואָס רעדסטו? דו ווייסט דאָך, אַז איך בין שולדיק.

— און עפּשער, סאָרעלע, איז ער ניט געזונט? באַלד וועל איך פרעגן בײַ זײַן מאַמען. מאַלקע זוכט אויף ליבע־שעווען און פרעגט בײַ איר, פאַרוואָס בערל איז ניט געקומען.

— ער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען, פילט זיך ניט גוט.

מאַלקע מיט ליבע־שעווען פאַרשטייען זיך: אַ טערעץ.

פון ווײַטן קוקט סאָרעלע אַרויס מיט ברענענדיקע אויגן צו דער מאַמען און צו ליבע־שעווען. אינגיכן זאָגט די מאַמע צו סאָרעלען:

— זעסטו, מײַן קינד, ער איז ניט געזונט, צוגעקילט. און מיר האָבן געמיינט...

סאָרעלע צווייפלט, קווענקלט: אַ טערעץ? אָדער טאַקע קראַנק? אַזוי צי אַזוי, איז ניט גוט. אין דער סאַמע רעכטער סימכע באַמערקט קיינער ניט, ווי סאָרעלע טוט זיך ווינטער־דיק אָן און ווי זי שאַרט זיך אומבאַמערקט אַרויס פון שטוב. אינמיטן דער קאַלטער ווינטער־דיקער נאַכט אײַלט זי דורך די פאַרשנייטע שטילע שטאָט־גאַסן צו דער בריק, צום פאַרשטאָט. זי לויפט צו בערעלען, בערענקען, בערטשיקן...

דערפאַר האָבן שפּעטער אַלע אַף דער כאַסענע דערזען, ווי עס עפנט זיך ראַשיק די טיר און אין שטוב קומען אַרײַן סאָרעלע מיט בערלען.

## 14

בערל האָט פאַרענדיקט דעם „רײַטער אַפן פערד", ווען אין וואַרשע איז דער אופשטאַנד שוין קימאַט געווען דערשטיקט.

דער זיידע העשל, וואָס אַף זײַן מעוווינעס האָט מען זיך פאַרלאָזט, האָט אָן אַ שיר מאָל באַקוקט און באַטראַכט פון אַלע זײַטן בערלס אַרבעט און אַלץ ניט געקענט זאָגן אַף זיכער, צי דאָס פערד איז בעסער, צי דער רײַטער. אַז ביידע זאָלן זײַן אײַנגעגעבן, האָט געזאָגט דער אַלטער, וואָלט שוין געווען צו גוט. דאָס פערד האָט בײַ אים אויסגענומען מיט זײַן פעסטקײַט און באַוועגלעכקײַט. די פאָדערשטע פיס זײַנען פאַרהויבן און זײַנען גרייט אַ שפרונג טאָן פאָרויס, ניט געקוקט אַף אַלע פאַרצוימונגען אין וועג.

דער רײַטער אַפן פערד האַלט פרײַ דאָס צײַמל. ער איז זיכער, אַז צו דער נייטיקער מינוט וועט דאָס פערד ניט פאַרשפּעטיקן. ער פאַרלאָזט זיך. דער רײַטער מיט די אַראָפּגע־לאָזטע געדיכטע שפּיציקע וואָנצעס קוקט אָנגעשטרענגט פאָרויס.

דער זיידע וויל ניט אַרויסזאָגן, אַז אים געפעלט סײַ דער רײַטער, סײַ דאָס פערד. ער זאָגט עס ניט צוליב בערלען, ער זאָל זיך ניט איבערנעמען. אַזוינס קען אַמאָל ברענגען שאָדן. אָבער פאַר לײַטן, פאַר באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, האָט ער בערלס אַרבעט שטאַרק געלויבט. מענטשן זײַנען געקומען אָנקוקן און זיך געוווּנדערט. אין דער מישפּאָכע פון פינכעס באַס האָט עס אויך גוט אויסגענומען. און, אַפּאָנעם, אַז דורך זיי אָדער זייערע באַקאַנטע איז עס דערגאַנגען צו די כאַזאַנסקיס, צום זון און צו דער טאָכטער.

די כאַזאַנסקיס, וואָס האָבן אָנגענומען דעם „אהין", האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז פון אַרויסגיין ביז אָנקומען איז אָפּטמאָל אַ גרויסער מעהאַלעך. און ביז זיי זײַנען טאַקע געקומען, געוואָרן קינדער פון פוילישן פאָלק און פוילישן גלויבן — איז געוואָרן שפּעט, דער אופשטאַנד דערשטיקט. דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן זיך דערפילט זייער ניט גוט. דער ציל

פון גיין „אהיין״ איז געווען אַרײַנצוטרעטן אין דער אַרמיי באַגלײַך מיט אַלע פּוילישע, קעמפן פאַר פּוילן. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז זיי האָבן פאַרשפּעטיקט. זיי האָבן זיך דערפילט, ווי אָפּ־גענאַרטע.

און דערצו... נאָכן דורכפאַל פונעם אופשטאַנד, נאָכן אומברענגען, דערשיסן און פאַרשיקן אַן אַ שיר פּוילישע מענטשן, איז געקומען די שאָ פון אַנטוישונג, פון אומצופרידנקייט, פון זוכן שולדיקע. די פּוילישע אינטעליגענטן, מיט וועלכע די כאַזאַנסקיס זײַנען געווען פאַר־בונדן, האָבן זיך פאַרשלאָסן אין זיך. צוליב דער מוירע, אַז אַף זיי זאָל קיין כשאַד ניט פאַלן, האָבן זיי זיך פון די כאַזאַנסקיס אָפּגעזונדערט. ניט זיי צו קיינעם, ניט קיינער צו זיי. דער ברודער מיט דער שוועסטער זײַנען געבליבן עלנט. איינע אַליין אינמיטן וועג. ניט צוריק צו קומען, ניט פאָרויס צו גיין. זיי האָבן געהאַט איין טרייסט: דער ברודער מיט זײַן אַרבעט איבער פּוילנס געשיכטע, די שוועסטער — מיט שאַפן פּוילישע לידער.

ווען דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז אַ יונגער קינסטלער האָט געשאַפן פון האָלץ אַ סקולפּטור „דער רײַטער אַפן פערד״, וואָס איז געווידמעט דעם פּוילישן אופשטאַנד, האָבן זיי זיך דערפרייט. זיי זײַנען מיט פינכעסן געקומען צו זעליקן אהיים אָנצוקוקן דעם „רײַטער״. ער איז זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן. זיי האָבן זיך פּאַשעט ניט געקענט אָנלויבן. מיט דער דאָזיקער סקולפּטור איז דעם ברודער מיט דער שוועסטער צוגעקומען אַזוינס, וואָס זיי פעלט, וואָס זיי האָבן ניט דערגרייכט, — טרײַשאַפט אין שלאַכט פאַר פּוילן.

זיי האָבן דעם „רײַטער אַפן פערד״ געקויפט פאַר זיך. און האָבן גוט באַצאָלט (לויט זייער אייגענעם אײַנזען). אין פאַרגלײַך מיט די פאַרדינסטן פון זעליקן און העשלען איז עס געווען אַ גרויסע סומע.

דער ברודער מיט דער שוועסטער, וואָס זײַנען איצט געווען אָפּגעפרעמדט סײַ פון די פּוילישע, סײַ פון די ייִדישע, האָבן אַרויסגעוויזן אינטערעס צו בערלען און צו זײַנע עלטערן. וועגן דעם, אַז יוליאַן און עליזע האָבן זיך געטויפט, איז געווען באַוווּסט ווינציק מענטשן. און די, וואָס האָבן געוווּסט, האָבן זיך צו דעם באַציגן גלײַכגילטיק. די האָראָדנער ייִדן זײַנען געווווּנט, אַז אַ מעשומעד דאַרף אָנפאַלן אַף ייִדן, זיי זידלען, באַשולדיקן אין אַלע אוועירעס. יוליאַן און עליזע האָבן נאָר געוואָלט זײַן פּוילישע פּאַטריאָטן. אָבער צו ייִדן האָבן זיי אין טאָך אַרײַן גאָרניט. וועגן זיי זאָגט מען דעם לײַכטערן „זיך געטויפט״ און ניט דעם פאַרהאַסטן „זיך געשמאַדט״.

מיט ליבע־שעווען און זעליקן האָבן זיי גערעדט וועגן דעם, אַז בערלען דאַרף מען שיקן אין אַ גרויסער שטאָט זיך לערנען סקולפּטור, מאָלערײַ, באַקומען בילדונג. זיי זײַנען גרייט צו העלפן.

בערל איז אין די דאָזיקע טעג אַרומגעגאַנגען, ווי אין אַ גוטן און פריילעכן כאָלעם. פאַר אים איז עס געווען אומדערוואַרט.

## 15

אין אַ לײַכטן פאַרכאָלעמטן פאַרנאַכט, ווען דער סאָף ווינטער באַגעגנט זיך מיטן אָנקום פון פרילינג, און אַ שטילע לעוואָנע קוקט פאַרטראַכט אַרויס פון אונטער אַ ווײַסן וואָלקן־פּאַרהאַנגל, זײַנען דער ברודער מיט דער שוועסטער כאַזאַנסקי אַרויס שפּאַצירן, זען, ווי עס זעט אויס דער ניעמאַן, ווען די קריִעס גייען. פון דאָרט איז שוין ניט ווײַט אַרײַנצוגיין אין געסט צו זעליק פעדער. געווען איז עס פּרײַטיק. אַרײַנקומענדיק צו זעליקן אהיים, האָבן הײַנט די געסט דערפילט אַ באַזונדערע לײַכטיקייט און געמיטלעכקייט. די מישפּאָכע האָט זיך געקליבן זעצן צום טיש. אַלע אין שטוב זײַנען געווען יאָמטעווודיק אָנגעטאָן, זײַנען געווען גאָר נײַע, אַנדערע, מיט לויכטנדיקע פּנעמער.

— טײַערע געסט, — האָט זיי פרײַנטלעך באַגעגנט ליבע־שעווע, — זעצט זיך צום טיש. מיר בעטן אײַך, איצט איז שוין בײַ אונדז שאַבעס.

זיי האָבן זיך ניט געלאָזט בעטן און זיך געזעצט צום טיש. צוזאַמען מיט דער גאַנצער מישפּאָכע האָבן זיי געגעסן אַלע מײַכאָלים, געהערט זינגען זמירעס און אַפילע אַליין אַ ביסל אונטערגעזונגען. זיי האָבן זיך געפילט היימיש.

פאַרן אוועקגיין האָט זיי בערל געבעטן:

— קומט צו אונדז אָפטער.

— גוט, בערל, מירן קומען.

זיי זײַנען אוועק צופרידענע. און אין קומענדיקן פרײַטיק־צונאכטס זײַנען זיי טאקע ווי־דער געקומען. דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן גאָר אליין ניט באמערקט, ווי די מישפּאָכע פון זעליק פעדער נעמט אַרײַנגיין אין זייער לעבן. ס'איז די ערשטע פּאַשעטע ייִדי־שע מישפּאָכע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך נעענטער באקאנט. וועגן ייִדן איז בא זיי קימאַט געווען די זעלבע פאָרשטעלונג, ווי בא דער פּוילישער שליאכטע איז אָנגענומען: הענדלער, שווינדלער, וווכערניקעס, לעבן פון פּרעמדער פּראַצע... און דאָ... העשל דער סטאָליער מיט די גוטע בורשטין־אויגן, מיט די לאַנגע אויסגעהאָרעוועטע הענט און קנאָכיקע פינגער. און עס לאָזט זיך נאָך אויס, אַז דער דאַזיקער העשל דער סטאָליער איז א שניצער — א קינסטלער. אָף זײַן אויפן, מיט אנדערע אויסדרוקן, ווי בא די דאַוונער פון דער הילצערנער שול („כאַיונע פון סטאָליערײַ, גאַניידן — פון שניצערײַ"), באַנעמען די כאַזאַנסקיס העשל דעם סטאָליער: א מענטש אַן אידעאַליסט, האָט א שיינע נעשאָמע און איז פארליבט אין קונסט. די שוועסטער מיטן ברודער בעטן זייער, מע זאָל זיי ווײַזן די שײנקײַטן פון דער אַלטער שול. בערל מיטן זיידן האָבן צוגעזאָגט.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען קיינער איז אין שול ניט געווען, האָבן דער זיידע מיטן אייניקל זיי אהין אַרײַנגעפירט. דער ברודער מיט דער שוועסטער זײַנען געבליבן שטיין איבראַשט. זיי האָבן זייערע אויגן ניט געגלייבט. אַזוינע שניצערײַען, אַזוינע געמעלן, אַזוי דין און גרויסאַרטיק געמאַכט.

— אַן אויצער פון קונסט...

אָף צוריקוועגס האָבן זיי געפרעגט:

— ווער זײַנען די קינסטלער?

— ווער? אונדזערע זיידעס און עלטערזיידעס.

פּייסעך האָבן זיי בא זעליק פעדער באַגעגנט דעם ערשטן סיידער.

באַם סיידער האָט מען ווינציקער פון אַלץ גערעדט וועגן יעציאַס־מיצראַיִם... די געסט האָבן זיך אין דעם אָוונט דערוווּסט, אַז זעליק פעדער, וואָס איז א „מענטש" בא יענעם, איז געווען א פּאַרטיזאַנער, האָט אָנגעפירט מיט דער פּאָליציי און איז צוויי מאָל געזעסן אין טפיסע צוליב א בילבל.

דער דאַזיקער פּאַשעטער מענטש איז דאָך א העלד — האָבן זיי געטראַכט.

יוליאַן און עליזע האָבן געוואָלט וויסן: פאַרוואָס איז זעליק געווען קעגן נאַפּאָלעאָנען? ער האָט דאָך געוואָלט אופשטעלן די פּוילישע מעלוכע?

ליבע־שעווע, וואָס האָט גרויס האַנאָע, ווען מע רעדט אַזוי געהויבן וועגן איר מאַן, זי איז פאַרלאָפן דעם וועג און געענטפערט:

— אונדזער כעזשבן איז אַן אַנדערער. ער האָט געוואָלט די ייִדן מאַכן אויס ייִדן.

— פון דער אַלטער שול געמאַכט א פערדן־שטאַל, — האָט זיך אָפּגערופן העשל.

דערנאָך איז געווען א רייד וועגן דעם בילבל אַרום יאַדזען. דער ברודער מיט דער שוועס־טער האָבן עפּעס יאָ געהערט און עפּעס ניט געהערט, איצט האָבן זיי געוואָלט וויסן אַלץ גענוי. ליבע־שעווע האָט זיי וועגן דעם דערציילט. דערבײַ האָט זי פאַרגעסן, אַז אירע געסט זײַנען געטויפטע (ניט קיין געשמאַדטע) און באַזונדערס גענוי דערציילט וועגן אַנטאָן מעק־לעס, יימאַך שמוי ווזיכרוי.

וועגן דעם, וואָס ליבע־שעווע האָט וועגן דעם פאַרגעסן, איז עפּשער קיין ווּנדער ניט, דער ווּנדער איז מער אין דעם, וואָס יוליאַן און עליזע האָבן בעשאַסמײַסע אַליין פאַרגעסן, אַז זיי זײַנען געטויפטע, און האָבן זייער בייז זיך אָפּגערופן וועגן דעם אויסוווּרף אַנטאָן מעקלעס.

צום סאָף איז געווען אָפּגערעדט, אַז נאָך פּייסעך וועט עליזע אָנהייבן געבן בערלען שטונדן.



אין יענע טעג, ווען דער ברודער מיט דער שוועסטער כאַזאַנסקי האָבן געקויפט דעם „רײַטער אַפן פערד", איז בערל טאַקע אַרומגעגאַנגען, ווי אין א ווּנדערלעכן און פריילעכן כאַלעם. אָבער אָף מאָרגן נאָכדעם, ווי מע האָט דעם „רײַטער" אוועקגעפירט, האָט ער זיך דערפילט עלנט, ווי מע וואָלט אים צעשיידט מיט זיך אַליין. ער בענקט נאָך זײַן אַרבעט, נאָך

זײַן שאַפונג. צו אים איז געקומען אומעט און אומצופרידנקײַט. ניט אַלע אין שטוב פֿאַרשטייען אים. מער פֿאַר אַלעמען פֿאַרשטייט אים ניט סאַרעלע. זי טראַכט: זי אַף זײַן אָרט וואָלט געלאַכט, געטאַנצט, געשפּרונגען. אַלע וואָלטן איר מעקאַנע געווען. פֿאַרוואָס איז בערל אַזוי אומצופֿרידן?

אַרבעטן איבער אַ נײַער זאַך קען נאָך ניט בערל. ער האָט נאָך ניט געפֿונען, וואָס ער זוכט. דערפֿאַר האָט ער זיך געפֿילט גוט מיט יוליאַן און עליזע כּאַזאַנסקי. אַלעמאָל הערט ער פֿון זיי אַזוינס, וואָס ער האָט פֿריִער ניט געוווּסט, וואָס ער האָט בײַ טאַטע־מאַמע ניט געהערט. פֿון זייערע רייד ווערט ברייטער דער אַרום. גראָדנע איז ניט די איינציקע שטאָט, דער ניעמאַן — ניט דער איינציקער טײַך. רוסלאַנד איז ניט דאָס איינציקע לאַנד אַף דער וועלט. און אויסער ייִדן זײַנען אַף דער וועלט פֿאַראַן אַ סאַך, אַ סאַך פֿעלקער. זיי האָבן אופֿגעוועקט אין אים דעם פֿאַרלאַנג זיך לערנען, בילדן.

עליזע לערנט מיט אים, ער קומט צו איר אַהיים.

בערל האָט אויך פֿאַרטראַכט אַ נײַע זאַך — ייִדן פֿאָרן אַף ערד־אַרבעט.

ווען סאַרעלע קומט ניט צו אים, איז ער אָדער פֿאַרנומען אָדער גאָר אין דר'היים ניט פֿאַראַן. ער איז בײַ די כּאַזאַנסקיס. סאַרעלען פֿאַרדריסט עס. די ערשטע צײַט, ווען אַלע האָבן בערעלען געלויבט, איז סאַרעלע געווען איבערגליקלעך. איר כּאָסן איז אַן עמעסער קינסטלער. און נאָך פֿון אַ זאַך איז זי געווען צופֿרידן. צי זי האָט געהערט, ווי די מאַמע זאָגט עס דעם טאַטן, צי זי האָט זיך אַליין אָנגעשטויסן, וואָס די מאַמע טראַכט: „זיי וועלן כּאַסענע האָבן, פֿון וואָס וועלן זיי לעבן? פֿון זײַנע מענטשעלעך?“ איצט איז עס אָפּגעפֿאַלן. בערעלע איז אַ פֿאַרדינער. (זי האָט נאָך ניט פֿאַרשטאַנען, אַז פּורים פֿאַלט אויס איין מאָל אין יאָר).

איצט אָבער איז גאָר אַנדערש. ער איז שטענדיק פֿאַרנומען, זי זעט אים זעלטן. ער לויפֿט צו די כּאַזאַנסקיס, ווי זיי וואָלטן אים אַ קישעף אָפּגעטאָן. און זי, סאַרעלע, האָט דאָך שוין מיט בערעלען אָפּגערעדט, אַז זיי זײַנען כּאָסן־קאַלע.

ניין, זי וועט ניט דערלאָזן, אַז פֿרעמדע מענטשן זאָלן זײַן בײַ אים די ערשטע און זי, זײַן קאַלע, זאָל זײַן די לעצטע. ניט איין מאָל האָט זי וועגן דעם גערעדט מיט איר מאַמען און זיך פֿאַרקלאָגט אַף בערלען. ביז איינמאָל האָט זיך פֿון גרויס פֿאַרדראָס בײַ איר אַרויסגעריסן:

— מאַמע, זיי זײַנען דאָך מעשומאָדים, זיי וועלן אים אָפּשמאַדן! — זי האָט זיך דערשראָקן פֿאַר אירע אייגענע רייד, גענומען וויינען און שרײַען: — זיי וועלן אים אָפּשמאַדן, מאַמע!

## 17

קאַלזמאַן די כּאַזאַנסקיס זײַנען געווען „געטויפֿטע“, איז נאָך געווען צו דערלײַדן. מיט פּוילישע מענטשן האָט מען זיך באַגעגנט, געפֿירט געשעפֿטן, געווען באַקאַנט. ווי נאָר אָבער זיי זײַנען געוואָרן „געשמאַדטע“, דה. מעשומאָדים, האָט זיך אַלץ געענדערט. סײַ אין דער מישפּאָכע פֿעדער, סײַ אין דער מישפּאָכע באַס האָט מען אַף זיי גענומען אַנדערש קוקן, זיך גענומען אַפֿילע וווּנדערן: ווי קומט עס? וואָס פֿאַר אַ פֿרײַנטשאַפֿט? און וואָס לויפֿט טאַקע אַזוי אָפֿט צו זיי בערל? שכיינים האָבן שוין וועגן דעם גענומען ריידן. און נאָך ערגער, דער מאַגיד האָט זיך אַרײַנגעמישט...

וואָס פֿאַר אַלעמען איז אָבער געווען קלאָר און פֿאַרשטענדלעך, איז דאַפֿקע פֿאַר בערלען אומקלאָר און אומפֿאַרשטענדלעך. זיי זײַנען מענטשן, ווי אַלע מענטשן. און וואָס הייסט — ער וועט זיך שמאַדן? ער איז דאָך ניט מעשוגע!

דער זיידע העשל האָט געשוויגן. אין האַרצן איז ער געווען פֿאַר בערלען. ער, דער סטאָליער, וואָס זײַן נעשאָמע איז געלעגן אין שניצערײַ־קונסט, האָט גוט געוווּסט פֿון זײַן אייגענער דערפֿאַרונג, וואָס פֿאַר בערלען באַטײַט זיך בילדן, לערנען מאָלערײַ און שניצערײַ בײַ אַ גרויסע קענער. דער זיידע שווײַגט. וויפֿל ער געדענקט זיך, זײַנען מעשומאָדים געווען שלעכטע מענטשן. אָבער די כּאַזאַנסקיס זײַנען גאָר, גאָר אַנדערע. דאָ איז ניט מער, ווי אַ מיספֿאַרשטייעניש. לויט זײַן סייכל זײַנען זיי די זעלבע ייִדן, ווי אַלע. העשל דער סטאָליער, וואָס איז סײַ אַף דער זײַט טײַך און סײַ אַף יענער זײַט באַוווּסט מיט דעם, וואָס ער איז אַ צו גוטער, אַ צו צוגעלאָזטער, וואָס האָט אַ שיינע נעשאָמע, לעבט איבער פֿאַר יוליאַנען און עליזען. זיי וועלן דאָך פֿרעגן: וואָס האָט זיך געענדערט? פֿאַרוואָס קומט ניט בערל לערנען?

פאַרוואָס קוקט מען אויף זיי קרום, מע לאָדט ניט איין צום טיש, ווען זיי קומען אַרײַן אין אַ שטוב? פאַרוואָס באַגריסט מען זיך ניט מיט זיי? מיט וואָס שיידט זיך אונטער דער הײַנט פונעם נעכטן?

וואָס וועט מען זיי ענטפערן? און פאַרוואָס קומט זיי באַליידיקן? העשל דער סטאָליער קען עס ניט פאַרלײַדן. ער לעבט עס איבער.

ער איז אָבער ניט מער, ווי אַ זיידע. די טאַטעס און די מאַמעס (באַ זעליקן און פינ־כעסן) זײַנען געקומען צו זייער אויספיר: בערלען און סאָרעלען כאַסענע מאַכן.

## 18

און באַ די כאַזאַנסקיס, באַ דעם ברודער און באַ דער שוועסטער, גייען די געדאַנקען און געפילן גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג, ווי באַ בערלס קרויווים. באַזונדערס איז עס געשען נאָך זייער באַקאַנטשאַפט מיט צאַליע קאַדיש און זײַן פרוי זלאַטע.

פון פינכעסן האָבן יוליאַן און עליזע געוווּסט צאַליעס ביאָגראַפיע. באַזונדערס האָט זיי פאַרכאַפּט די מײַסע וועגן דעם, וויאַזוי צאַליע איז געוואָרן אַ האַלץ־העקער, קעדיי אויסקויפן זײַן ברודערס זינד. זיי האָט עס אויסגעזען ווונדערלעך. ביפראַט נאָך, אַז דאָס איז דער זעל־בער צאַליע קאַדיש, וואָס איז געפאַרן קיין וואַרשע אַרײַנצוטרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי. אין זײַן ניט גרויסער, נאָר געמיטלעכער דירע האָט זיי צאַליע זייער פײַן אופגענומען. זלאַטע האָט צוגעגרייט אַ שיינעם טיש. און אין וואַרעמען זומער־אָוונט זײַנען די כאַזאַנסקיס ביז שפּעט געזעסן באַ אָפענע פענצטער און אופמערקזאַם געהערט, וואָס די באַלעבאַטים דערציילן. און אַלץ — אָנהייבנדיק פון צאַליעס ברודער און ענדיקנדיק מיט צאַליעס און זלאַ־טעס כאַסענע — האָט זיי אויסגעזען, ווי אַ טשיקאַווער ראָמאַן, וואָס איז אָנגעפילט מיטן יידישן שטייגער, גלויבן און אָבערגלויבן. באַ דעם ברודער מיט דער שוועסטער האָט עס אַרויסגע־רופן אַנציקונג. און טאַקע באַ צאַליען אין שטוב האָט יוליאַן געזאָגט עליזען:

— וועגן יידן האָבן מיר דאַך, אייגנטלעך, געוווּסט נאָר פונדערווײַטן. פון נאָענטן איז עס גאָר אַנדערש, אַנדערש און סימפּאַטיש.

— זייער! — האָט געענטפערט די שוועסטער.

אין עטלעכע טעג אַרום איז בערל ניט געקומען לערנען. אויף מאָרגן — אויך ניט. עליזע האָט זיך געוווּנדערט: פאַרוואָס? עפּשער איז עפּעס געשען? און אין איינעם אַ טאָג פאַרנאַכט־לעך זײַנען דער ברודער מיט דער שוועסטער אַוועק צו בערלען אהיים זיך דערוויסן די סיבע.

בערלס מישפּאָכע איז זיי געוואָרן אַזוי נאָענט און בערל אַליין אַזוי אייגן, אַז דעם גאַנצן וועג האָבן זיי זיך באַומרויקט, צי בערל אַליין איז קראַנק, צי עמעצער פון זײַנע נאָענטע. אָנגעקומען זײַנען זיי צו זעליק פעדער אהיים קימאַט ווי שטענדיק אין יענער צײַט, ווען אַלע זיצן מיט טאַטע־מאַמע באַם טיש, די סאַמע בעסטע צײַט אין שטוב. ווי נאָר די טיר האָט זיך געעפנט און באַם טיש האָט מען דערזען די אַרײַנגעקומענע, איז די גאַנצע פריילעכקײַט אוועק. פון אומדערוואַרטונג (קיינער האָט זיי ניט גערופן) זײַנען אַלע געבליבן זיצן אַן לאָשן, מיט די אויגן אין די טעלער אַרײַן.

אויף דער באַגריסונג פון די אַרײַנגעקומענע האָט מען באַם טיש געענטפערט מיט אַ פּערטל מויל. ליבע־שעווע האָט מיט די הענט אויף שטום־לאָשן זיי אײַנגעלאַדן זיצן.

יוליאַן און עליזע האָבן אין די ערשטע רעגעס ניט באַנומען, ניט פאַרשטאַנען, אַז פון זייער קומען זאָל מען דאָ זײַן אומצופרידן. זיי זײַנען דאָך דאָ אייגענע.

פאַרוואָס אָבער שווײַגן אַלע? פאַרוואָס האָט מען איבערגעריסן דאָס עסן? פאַרוואָס קוקט מען ניט אין זייער זײַט?

— באַ אײַך איז עפּעס געשען?

— גאָרניט.

— איר זײַט פון עפּעס אופגערעגט?

— גאָרניט.

— פאַרוואָס איז בערל ניט געקומען לערנען?

— גאָרניט, — האָט ליבע־שעווע געענטפערט, ווי זי האָט געענטפערט אויף די פריערדיקע פראַגן. זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז דער לעצטער „גאָרניט" איז ניט קיין פּאַסיקער ענט־פער. — ער קען ניט...

— ניט געזונט?

— ניט מיט אלעמען.

— וואָס איז מיט דיר, בערל?

בערל שווייַגט.

— פאַרוואָס שווייַגסטו, עפּשער האָט דיך עמעצער באַליידיקט?

בערל שווייַגט.

— בערל...

בערל שטעלט זיך אויף און אנטלויפט.

— זאָגט אונדז, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? מיר פאַרשטייען גאָרניט.

ווידער איז שטיל. ווידער קוקט קיינער ניט אָף זיי. ביז ליבע־שעווע מוז שוין עפּעס זאָגן:

— האָט קיין פאַריבל ניט און זייַט אונדז מוחל. איר פאַרשטייט... אָט מיר, מיר זייַנען ייִדן... און איר... מע קוקט אָף אונדז ווילד. און דער מאַגיד...

— אַך, אַזוי... אײַך איז פאַרבאָטן.

— אָט, אָט... פאַרבאָטן.

דער ברודער מיט דער שוועסטער קוקן זיך איבער. זיי שטעלן זיך אויף.

— אנטשולדיקט, — פון דער אומדערוואַרטקייַט און פאַרלאָרנקייַט קענען זיי מער א וואָרט ניט אויסריידן. — אנטשולדיקט. — און לאָזן זיך גיין צו דער טיר מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי מע גייט נאָך א לעווייַע.

העשל דער סטאָליער קען עס ניט אויסהאַלטן. ווי פאַרשעמט מען מענטשן? גוטע מענטשן? די גאַנצע צייַט איז ער געזעסן, ווי אָף שפּילקעס, און ניט געקענט פאַרלייַדן, וואָס באַם טיש קומט פאָר. און ווי קומט עס צו ליבע־שעווען? וואָס איז מיט איר געשען? ער איז מאַ־מעש אונטערגעשפּרונגען און פאַרלאָפן די כאַזאַנסקיס דעם וועג.

— אנטשולדיקט! — האָט ער אויסגעשריִען. — וואָס קומט דאָ פאָר? אין מייַן שטוב זאָל מען באַליידיקן גוטע מענטשן! ניין, ניין! איך בעט אײַך... דאָ איז א מיספאַרשטייעניש. זעצט זיך. איך בעט אײַך!

דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן זיך אומגעקערט צוריק צום טיש, נאָר זיך ניט געזעצט.

ליבע־שעווע, וואָס האָט אלע אירע היימישע געשאַנעוועט און זיך אָנגענומען מיט קוי־כעס צו זייַן די שלעכטע, האָט דעם טאַטן געוואָלט פאַלן אָפן האַלדז און אים קושן. ווען דער טאַטע טאָטע פאַרלויפט איר ניט דעם וועג, וואָלט זי אליין ניט אויסגעהאַלטן און געפאַלן דעם ברודער מיט דער שוועסטער צו די פיס, זיי זאָלן איר מוחל זייַן.

— זעצט זיך. איך בעט אײַך. — איצט איז איר שטים געווען פול מיט הארציקייַט און גוטסקייַט. אירע קלוגע בורשטין־אויגן האָבן געשמייכלט. די קיין־גריבעלעך האָבן זיך גע־בעטן: „זעצט זיך”. — זעליק, רעד דו. דו זעסט דאָך, ווי איך האָב זיך פאַרפּלאָנטערט.

ארום טיש האָט מען זיך גענומען באַרויִקן. דער טאַטע האָט גערופן בערלען. בערל איז געקומען מיט אראָפּגעלאָזטע פאַרווייַנטע אויגן.

— בערל האָט כאַסענע, — האָט געזאָגט זעליק, — מיר לאַדן אײַך אײַן אָף דער כאַ־סענע. איר וועט זייַן אונדזערע אָנגעלייגטע געסט.

און כאָטש געענדיקט האָט זיך אַלץ אויסערלעך גוט און גלאַט, זייַנען דער ברודער מיט דער שוועסטער ארויס פון זעליקס שטוב מיט א שווער געמיט — אומעטום זייַנען זיי פרעמדע.

— ניין, — האָבן זיי געטראַכט, — אָף דער כאַסענע וועלן זיי ניט קומען.

19

א רייַכע און גרויסאַרטיקע כאַסענע קומט פאָר בא דער קאַלע סאָרעלע אין שטוב. די צימערן זייַנען פול מיט אויסגעפּוצטע געסט. דער אָרקעסטער שפּילט. און ביידע מעכוטענע־סטעס טאַנצן.

— דו טאַנצסט אנטקעגן מיר...

— און איך טאַנץ אנטקעגן דיר...

מאַזלטאָוו! מאַזלטאָוו! כאַסן־קאַלע פירט מען פון דער כופּע!

# פיר

כאַטש און אָרעמע,
דאָך א מומע,
ניט געבעטן —
אליין געקומען.
אָרעם איז ניט גוט,
אָרעם איז ניט גוט,
מע טאָר זיך ניט שעמען
מיט אייגענעם בלוט.

1

העשל דער סטאָליער שטאַרבט. ער איז בא אלע געדאנקען. קיין באַזונדער ווייטעק פילט ער ניט. פּאַשעט, ער האָט אויסגעלעבט זײַנע יאָרן. פון זײַן קראַנקן־בעט קוקט ער ארויס צום פענצטער און זעט, ווי די אונטערגייענדיקע זון זעצט זיך, און זעצנדיק זיך, ווערט זי שטאַרק צעגאָסן אין ראָז און רויט, אויסגעמישט מיט לײַכט־ווײַסע וואָלקנדלעך. העשלען איז א שאָד, וואָס אזא שיינער הימל לעשט זיך. ביז איצט האָט ער זעלטן צײַט געהאַט צו באַטראַכטן די שקיעה פון טאָג. און ערשט איצט, ליגנדיק אין בעט, דערזעט ער די גאַנצע שיינקײַט פון פארגיין: ליכט און אומעט. ער פילט עס נאָך מער דערפאַר, וואָס העשלען דעם סטאָליער, העשלען דעם שניצער איז א שאָד אוועקצוגיין פון דער וועלט. ער וויל ניט אוועק־גיין קיין אָפּגעזאָרטער און באַוואָלטער. אָנשטאָט צו אײַנכאַזערן זײַן פּאָסעק, ער זאָל טײַ־קעף קענען ענטפערן דעם מאלעך־האַדוימע, ווען יענער וועט אים פרעגן „מא שמעכאָ?" — טראַכט ער גאָר וועגן דעם, אז אלע זײַנע יאָרן, אָנהייבנדיק נאָך פון קיידער, האָט ער גע־גלייבט, אז גאָט וועט אים פירן אַפן ריכטיקן וועג. און דעריבער האָט ער געוווּסט, אז זײַן צו־פרידן איז בעסער ווי זײַן אומצופרידן.

אַפן קראַנקן־בעט, ווען ער ווערט שוין אָפּגעשיידט פון טאָגטעגלעכן און געפינט זיך באַם ראַנד, פונוואַנען ער זעט גאָר אנדערש, באַנעמט ער: די ערשטע זאַך, פון וואָס ער איז אומ־צופרידן — איז די גוטסקײַט זײַנע. ער האָט שטענדיק נאָכגעגעבן און קיינעם ניט מעקאַנע געווען. זײַנען טאַקע מענטשן געווען גערעכט, ווען זיי האָבן פון אים געלאַכט? אַלנפאַלס איז געווען גערעכט אַשערל בלאָנדער. ביידע זיי, ער און אַשערל, האָבן געוווּסט, אז א גוויר קײַט ניט קיין גאָלד און א קאַפּצן בײַסט ניט קיין שטיינער. פאַרוואָס אָבער פלעגט מען דאָס גאָלד אָנפּאַסן אַף אַשערלען און די שטיינער אַף אים, אַף העשלען? אַשערלען איז אַלץ געווען ווינ־ציק. ער, העשל, האָט זיך אלעמאָל באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַט. זײַן פאַרדראָס איז אָבער ניט אַפן גאָלד און ניט אַף די שטיינער, נאָר אַף דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזט אַף כעסעד, און אַשערל — אַף זיך אליין. אַף זיך אליין, לאָזט זיך אויס, איז מער...

העשל דער סטאָליער מיינט גאָרניט צו פאַרטשעפּען גאָט. כאַסוועכאָלילע! ער איז געווען א גוטער און א שטילער און אזא איז ער אויך איצט. און אויב ער איז אומצופרידן, האָט ער ווינציקער פאַר אלץ אין זינען זיך אליין. ער האָט געגעבן א שלעכטן בײַשפּיל זײַנע קינדער. אָט דאָס פאַרדריסט אים. זיי זײַנען אויך פון אלץ צופרידן און וואַרטן אויך אַף כעסעד.

דער מײַרעוו לעשט זיך. אין צימער איז אריין דער פאַרנאַכט, וואָס האָט געבראַכט א סאַך אומעט און קימאַט אינגאַנצן צוגענומען דאָס ליכט. און ווײַל ארום זײַן געלעגער וואַקסט אָן די פינצטערניש, זעט העשל בעסער, וואָס ער וויל זען — ער וויל זען זײַן אייניקל בערל. ער זעט אים אלס קינד, דערנאָך אלס יינגל, וואָס קען אזוי גוט שניצן שיינע זאַכן. בערל איז געווען זײַן פרייד און האָפענונג.

ער האָט זיך דען אמאָל געקענט פאָרשטעלן, זיך ריכטן, אז בערל זאָל זײַן עמעצנס אַן אנדערס און ניט זײַן אייניקל? בערל זאָל גאָר זײַן סאָרעלעס מאַן, בערל זאָל זײַן מאַלקעס איידעם. און ער איז שוין א טאַטע, בערל. ער שניצט מער ניט. סײַ סאָרעלע און סײַ מאַלקע האָבן ניט אופגעהערט צו טײַנען, אז פון מאַכן מענטשעלעך קען מען קיין כאַיונע ניט האָבן. העלפט ער איצט זײַן שווער פינכעס באַס אין די געשעפטן.

פינכעסן און מאַלקען איז ער קיינמאָל ניט מעקאַנע געווען, ניט פאַריבל געהאַט אַף זיי. ער האָט געוווּסט, אז זיי עסן כאַלע אינדערוואָכן (און ער נאָר שאַבעס), זיי עסן אָף אלע שאַבעס (און ער נאָר ערעוו־יאָמקיפּער צום פאַרפאַסטן). זיי האָבן א גרויסע דירע, טוען זיך שיין אָן. ער האָט ביכלאַל קיין לײַכט ברויט און קיין לעבן קיינמאָל ניט געזוכט.

אלץ איז ער מויכל, מויכל. אָבער אָפנעמען בא אים בערלען, זײַן אייניקל, זײַן געליבט איי־ניקל — דאָס וועט ער קיינמאָל ניט מויכל זײַן. ער איז באַאוולט, שטאַרק באַאוולט. העשל ליגט אַף זײַן געלעגער, די פינצטערניש דעקט אים אײַן. ער זעט איצט און פאַרשטייט איצט, אַז דער זין פון זײַן לעבן איז רויִנירט, צערונען, פאַרגאַנגען. די שניצערײַ־שײַנקײַט פון זײַן מישפּאָכע איז אַוועק, אַוועק... די קליאַן־בלעטער און ראָמאַשקע־בלומען זײַנען פאַרבליבן עלנט אַף דער מײַרעוו־וואַנט פון דער אַלטער הילצערנער פּערשטאָטער שול.

פון טראַכטן און איבערטראַכטן ווערט ער מיד. עס שלעפּערט אים אײַן. אָבער קיין שלאָף איז עס אויך ניט. ס׳איז האַלב־דרעמל, האַלב־וואָר, ווען מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער: דער טאַטע איז געשטאָרבן, די מאַמע איז געשטאָרבן. ער גייט אַף זייערע לעווײַעס. איין טאָג אָדער צוויי דוכט אים דעמלט, אַז די וועלט גייט אונטער. און דערנאָך האָט מען זיך אַפילע ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי דאָס לעבן ציט אַרײַן, כאַפּט אַרײַן און מע דרייט זיך מיט אַלעמען צוזאַמען.

אָט דערזעט ער דעם זיידן, אַן אַלטן און שוואַכן, אָן אָנגעלענדטן אַף אַ שטעקל, בלײַבט שטיין אינמיטן צימער און זאָגט מיט טרערן אין דער שטים: אל תשליכנו לעת זיקנה ככלות כוחנו אל תעזבנו[1].

פון די ווערטער און פון דעם טרויעריקן ניגן ווערט די שטוב אָנגעפילט מיט וויינענדיקן געבעט. די וועלט גייט אונטער, און נאָר מיט טרערן און טפילע קען מען זי ראַטעווען. העשל איז נאָך דעמלט אַ קינד. ער פאַרשטייט ניט און באַנעמט ניט די באַדײַטונג פון „זיקנאָ״. אים ווונדערט זײַן זיידנס טרויעריקע שטים מיטן „קיכלויס קויכיינו״. איצט איז שוין העשל אַליין דער זיידע, זײַנע קויכעס גייען אויס. געבליבן טעג אָדער עפּשער ניט מער, ווי גע־ציילטע שאָען.

ער שלאָפט אײַן. און אים כאָלעמט זיך, ווי דער מאַלעך־האַדוימע פרעגט אים „מאַ שמעכאָ?״ אָנשטאָט צו זאָגן זײַן פּאָסעק רופט ער: בערל, בערל! און שפּעטער אַ ביסל, אַז ער כאַפּט זיך אויף, ווונדערט אים, וואָס ער ליגט אַף זײַן געלעגער. ער איז דאָך שוין אין קייווער געווען. ער ליגט אָפּגעשוואַכט. פון שוואַכקײַט פילט ער ניט זײַנע גלידער. זיי האָבן קיין מאַמאָשעס ניט. קיין געדאַנקען קומען ניט. עס ציט אים אַרײַן אין שלאָף. און אין זײַן לעצטן שלאָף גייט אויס זײַן לעצטע שאָ...

## 2

אַף מאָרגן איז פאַרגעקומען די לעווײַע. געווען איז אַ שיינער האַרבסט־טאָג. די בעסאַל־מען־ביימער זײַנען שוין געשטאַנען געלע, נאָר די זון האָט נאָך אַלץ גוט געוואַרעמט.

אויסער אייגענע זײַנען באַגלייטן העשלען אַף דער עמעסער וועלט געקומען פּראָסטע באַלמעלאָכעס. ס׳איז אויך געקומען אָשערל בלאָנדער, שוין אַן אַלטער און קראַנקער, אָן דעם פּריִערדיקן האַדראַס־פּאָנעם. ער האָט געגעבן מעכילע בא העשלען און דערבײַ געוויינט.

אין דעם זעלבן טאָג נאָך איז בערל אַרײַן אין דער פּערשטאָטער אַלטער שול אָנצוקוקן דעם זיידנס בלעטער און בלומען אַף דער מײַרעוו־וואַנט, וועלכע ער האָט שוין לאַנג ניט געזען. עס האָט אים מאַמעש אָנגענומען באַם האַרצן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַנע אייגענע שניצערײַען, און ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ בענקעניש נאָך זײַנע גוטע יינגלשע יאָרן. לאַנג זיך פאַרזאַמען אין דער שול קען ניט בערל. אַף אים וואַרט סאָרעלע. און מאַלקע וואַרט אַף אים. ער דאַרף זיך אײַלן.

די לעצטע יאָרן איז פּינכעס באַס שטאַרק רײַך געוואָרן. פּינכעס זאָגט, אַז דאָס איז בערלס מאַזל. מאַלקע וויל עס ניט לײַדן, זי וויל ניט, אַז בערל זאָל זיך איבערנעמען, אויך סאָרעלע זאָל זיך ניט איבערנעמען און ניט וועלן זאָגן קיין דייעס.

מאַלקע ווערט אַלץ מער ברייטער און פּולײַביקער. די קליידער ווערן אַף איר אָפּט ענג. זי פילט זיך נאָך אָבער יונג און געזונט. אין שטוב איז זי די גאַנצע באַלעבאָסטע, קיי־נער מישט זיך ניט, קיינער זאָגט קיין דייעס ניט. דערפאַר אָבער דוכט איר אַמאָל, אַז סײַ אין שטוב בא איר, סײַ בא שכיינים און באַקאַנטע גיט מען איר אָפּ ווינציק קאָוועד. זי לײַדט פון דעם. נאָך לײַדט זי אויך פון דעם, וואָס זי האָט זיך אײַנגערעדט, אַז בערל זאָרגט מער פאַר זײַנע עלטערן, ווי פאַר זײַן אייגענער מישפּאָכע.

[1] אל טאשליכיינו לעייס זיקנאָ, קיכלויס קויכיינו אל טאאזווייינו — זאָלסט אונדז ניט אַוועקוואַרפן אַף דער עלטער, אַז ס׳וועלן אויסגיין די קויכעס, זאָלסטו אונדז ניט פאַרלאָזן.

צווישן די מישפּאָכעס באַס און פעדער ווערט די פרײַנטשאַפט אַלץ מער אָפּגעקילט. און באַזונדערס ווערן אָפּגעפרעמדט מאַלקע מיט ליבע־שעווע. וואָלטן זיי ניט געווען קיין מעכו־טענעסטעס, וואָלט זיך עס אַזוי ניט אָנגעזען. אָבער ווײַל זיי זײַנען קרויווים, פילן זיך ביידע ניט גוט. מאַלקען שטייט ניט אָן דער ייִכעס. ליבע־שעווע פאַרלײַדט ניט, אַז מע קוקט אַף איר פון אויבן־אַראָפּ. פינכעס און זעליק באַגעגענען זיך ניט. בערל קומט זעלטן צו טאַטע־מאַמע אין געסט. און דאָ האָט נאָך געטראָפן, אַז זעליק פעדערס טאָכטער האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ שנײַדער, אַ גוטן באַלמעלאָכע און ניט קיין שלעכטן פאַרדינער. אין דער אָפּ־געפרעמדטקייט פון די מישפּאָכעס איז דער „שנײַדער“ געווען דער לעצטער טראָפן, וואָס האָט איבערפילט. אַף דער כאַסענע פון זײַן שוועסטער איז בערל געקומען אַליין, אַפילע אָן סאָרע־לען. באַ דער מישפּאָכע באַס האָט מען עס אויסגעטײַטשט, ווי אַ קלאַפּ אין טיש. באַ די פעדערס האָט מען עס אופגענומען גאָר אַנדערש: זייער גוט, וואָס בערל איז כאָטש אַף איין אָוונט אײַנגאַנצן זײַערער. מע ווייסט ניט דאַרפן נאָכקוקן, צי מאַלקע איז צופרידן, צי סאָרעלע איז פריילעך, צי זיי בלאָזן ניט פון זיך. און מער פאַר אַלעמען איז געווען צופרידן דער זיידע העשל (די כאַסענע איז געווען נאָך באַ זײַן לעבן), וואָס איז ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן אייניקל.

און אָט איז העשל דער סטאָליער געשטאָרבן. בערל קומט זעלטן. די טאָכטער לעבט מיט איר מאַן. באַ די פעדערס אין שטוב, אין דער אַלטער דירע אַף יענער זײַט ניעמאַן, אין פּערשטאַט, איז געוואָרן פּוסטער און אומעטיקער. אָן עלנטקייט האָט גענומען אָנפילן די עטלעכע צימערן. און סײַ ליבע־שעווע, סײַ זעליק האָבן גענומען אָפטער זיפצן, אָפטער שווײַגן און מיט ציטער קוקן איינער אַפן אַנדערן.

די טאָכטער מיט איר מאַן קומען שאַבעס אין געסט. בערל קומט ניט.

3

איינמאָל איז ער געקומען. און ווידער אַליין, אָן סאָרעלען, ווי אַף דער שוועסטערס כאַסענע. אין שטוב האָט מען זיך דערפרייט. און פון גרויס פרייד האָט מען אַפילע ניט באַ־מערקט, אַז בערל איז הײַנט מיט עפּעס אַנדערש, ווי אַלעמאָל. ערשט שפּעטער האָט מען זיך גענומען וווּנדערן, ווען מע האָט דערזען, אַז ער זוכט דעם זיידנס דאַלאָטע און סטאַ־מעסטקע.

— אַף וואָס דאַרפסטו עס, בערעלע? — פרעגט די מאַמע.

— דעם זיידנס בלעטער און בלומען אַף דער מײַרעוו־וואַנט...

— וואָס איז מיט זיי געשען?

— זיי נעמען וועלקן, מאַמע, וועל איך פאַריכטן.

— גאָר אַזוי.

— און דערצו וויל איך נאָך זען, צי קען איך האַלטן אַ דאַלאָטע און אַ סטאַמעסקע אין דער האַנט.

די מאַמע האָט אים מיט פאַרווונדערונג אָנגעקוקט.

— איך פאַרשטיי ניט, מײַן זון, צוליב וואָס?

— זאָל עס דיך ניט וווּנדערן, מאַמע, און זאָל דיך אויך ניט וווּנדערן, אויב איך וועל אַמאָל קומען צו דיר נעכטיקן...

דאָס האָט שוין די מאַמע אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען.

עס האָט געדויערט ניט ווינציק צײַט, ביז בערל פעדער האָט זיך גענומען פילן היימי־שער אין דער גרויסער און רײַכער שטוב פון פינכעס באַס. באַזונדערס פרעמדלעך האָט אים אויסגעזען די גלעזערנע שאַפע מיט די פּאָליצעס זילבער. ער טרעט אָפּ אָן דער זײַט, ווען אים קומט אויס די שווער־אָנגעלאָדענע שאַפע פאַרבײַצוגיין, ווי ער וואָלט מוירע האָבן עפּעס קאַליע מאַכן. אָנצוקוקן אָבער די שיינע כפייצים אונטערן גלאָז האָט בערלען שטאַרק גע־צויגן. און איינמאָל האָט ער געבעטן סאָרעלען, זי זאָל עפענען די טירלעך און אים ווײַזן, וואָס אינווייניק געפינט זיך. ער איז געווען אַנציקט פון דער שיינקײַט, ניט געקענט אָפּרײַסן די אויגן. פון די בסאָמים־טורעמלעך מיט די גלעקעלעך, דין־געהאָפּטענע עסרייגים־פּושקעס, הויכע קידעש־בעכער, כאַנעקע־מענוירעס מיט פייגל, הירשן און לייבן, באַגילדטע קויסעס אַף פייסעך, זילבערנע טאַצן מיט פאַרשיידענע געמעלן...

— סאַרעלע, — האָט זיך דערהערט מאַלקעס שטים, — אומזיסט באַרימסטו זיך מיטן זילבער, ס'איז ניט דײַן נאַדן.

פון דעמלט אָן האָט בערל נאָך מער אויסגעמיטן די גלעזערנע שאַפע מיטן זילבער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מאַלקעס רייד זײַנען מער געווענדט צו אים, ווי צו סאַרעלען — ס'איז ניט זײַנס! ער איז טאַקע אַן איידעם, אָבער ניט קיין באַלעבאָס. צו אים געהערט גאָרניט. סאַרעלע האָט עס פאַרגלעט, נאָר אַף דער מאַמען איז זי עטלעכע טעג געווען באַרויגז.

אין מאַלקען איז ווי אַ דיבעק אַרײַן, וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער: געבן בערלען אָנצוהערענישן וועגן דער גרויסער טויווע, וואָס מע האָט אים אַרײַנגענומען אין אַ גווירישער מישפּאָכע. בערל איז שוין אַ טאַטע פון עטלעכע קינדער. און מאַלקע האָט זיך ערשט אַרומגעזען, אַז דער שידעך צווישן סאַרעלען מיט בערלען איז געווען אַ טאָעס. ניט קיין פאַרדינער, ניט קיין ייִכעס. וואָס זשע דען? אָן אָרנטלעכער. אָרנטלעכ־קײַט וואַלגערט זיך אין בלאָטע. ער העלפט פּינכעסן אין די געשעפטן. אָן אים וואָלט מען ניט אויסגעקומען?

די אומצופרידנקײַט נעמט זיך פון איר פאַרדראָס אַף זיך אַליין. מע האָט דאָך סאַרעלען גערעדט אַזאַ גרויסאַרטיקן שידעך. סאַרעלע האָט ניט געוואָלט. און זי, די מאַמע, האָט סאַרע־לען נאָכגעגעבן. זי קען זיך עס ניט מויכל זײַן. רופט עס אַרויס נאָך מער פאַרדראָס אַף בערלען, וואָס, לויט איר אײַנריידעניש, האָט ער מער אין זינען זײַנע עלטערן, ווי זײַן אייגענע מישפּאָכע.

פּינכעס האָט עס באַמערקט און האָט געזאָגט מאַלקען עטלעכע שווערע ווערטער. העלפט עס אָבער ניט.

בערל מײַדט שוין אויס אין דער שטוב צוויי זאַכן — די שאַפע מיטן זילבער און זײַן שוויגער מאַלקע.

זינט זײַן שוועסטער האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ שנײַדער, האַלט מאַלקע, ווו מע דאַרף און ווו מע דאַרף ניט, אין איין זידלען די שנײַדער:

— אַ שנײַדערשער קאָפּ.

— אַ שנײַדערשער כעזשבן.

— אַ שנײַדערשער ייִכעס.

ביז בערלען איז עס דערעסן געוואָרן. און וואָס מער מאַלקע האָט „געשנײַדערט", איז בערלען אַלץ מער ליבער געוואָרן זײַן זיידנס סטאָליערישער ייִכעס, זײַן טאַטעס דער „מענטש" באַ יעגנעם, זײַן גוטע אָרנטלעכע מאַמע און זײַנע עלטערנס שטוב מיט דער געמיטלעכקײַט און היימישער פרײַנטלעכקײַט. אין שטוב באַ זײַנע עלטערן אַף יענער זײַט טײַך, אין פּער־שטאָט, אין שכיינעס מיט דער אַלטער שול, איז ער געווען אַזאַ, ווי ער איז געווען. ניט געדאַרפט אַף זיך אַכטונג געבן, ווי ער גייט, ווי ער שטייט, ווי ער עסט, ווי ער רעדט, אָט דאָס אַלץ, וואָס ער דאַרף טאָן באַ זײַן שוויגער מאַלקע אין שטוב. ער בענקט נאָך דער היים פון זײַן יוגנט, ווען ער איז געווען בערל, העשל דעם סטאָליערס איינקל.

4

אַף דערוווידערן מאַלקען האָט אים נאָך קיין מוט ניט געקלעקט. אָבער אינמיטן אַ מיטוואָך זיך אָנטאָן און אוועקגיין צו זײַנע עלטערן אַף אַ גאַנצן טאָג ביז נאַכט האָט אים שוין יאָ געקלעקט מוט.

סאַרעלע האָט זיך באַאומרויִקט. אַלע ווײַלע געלאָפן צו דער טיר זען, צי ער קומט ניט אָן. פּינכעס האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס איז פאַרלאָפן. ניט אַנדערש, אָן אומ־גליק איז געשען. מאַלקע האָט געשוויגן. ס'איז אָבער געווען אַ שווערע שווײַגן. דערפאַר, ווען בערל איז אין אָוונט געקומען אהיים, האָט זי זיך אַף אים בייז צעשריִען.

— שוויגער־לעבן, שרײַט ניט. איך בין באַ אײַך ניט קיין קנעכט.

דער דאָזיקער ענטפער האָט איבעראַשט. ווי קומט עס צו בערלען? מאַלקע איז אָנשוויגן געוואָרן און אַף קיינעם ניט געקוקט. פּינכעס האָט נאָך אַלץ ניט באַנומען, וואָס דאָ קומט פאָר. סאַרעלע איז דאַפקע געווען צופרידן. איר איז זייער געפעלן, וואָס בערל קען זיך שטעלן קעגן.

— באַ מיר אין שטוב זאָל איך הערן אַזוינע רייד! — האָט זיך מאַלקע ערשט דערמאָנט. — איך וויל עס ניט לײַדן!

— באַ אײַך אין שטוב? עפּשער זײַט איר גערעכט, — האָט זיך אָפּגערופן בערל. — צי איז ניט גלײַכער זיך פאַנאַנדערגיין?

— וואָס?! — האָט שוין מאַלקע אַזאַ געשריי געטאָן, ווי עמעצער וואָלט זי מיט אַ מעסער אַ שטאָך געטאָן. — פֿאַנאַנדערגיין? ווער מיט וועמען? סאָרעלע איז מײַנע, די אייניקלעך — מײַנע. און דו? ווילסט גיין... די טיר איז אָפֿן.
— מאַלקע! — האָט פּינכעס אומצופֿרידן געזאָגט.
— איך ווייס, אַז מע רופֿט מיך מאַלקע.
אין דעם טאָכטער איז זי געווען פֿאַרגלייבט, סאָרעלע וועט זײַן אַף איר זײַט. ס'איז איר דען שלעכט בײַ דער מאַמען?
— מאַמע, פֿאַרגעס ניט, אַז בערל איז מײַן מאַן פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט. וווּהין ער וועט גיין, אַהין וועל איך מיט די קינדער גיין.
אַף דעם האָט זיך מאַלקע ניט גערעכנט. אַלע זײַנען קעגן איר. זי וועט אָבער אַף אירס באַשטיין.
און דאָ האָבן נאָך די קליינע קינדער, וואָס האָבן דערהערט, אַז מע זידלט דעם טאַטן, אויפֿגעהויבן אַ געשריי און אַ געוויין.
פֿון דעמלט אָן איז מאַלקע אַרומגעגאַנגען אין שטוב אַ בייזע, אַ באַרויגעזע, אָנגעטאָן אַזוי, ווי זי קלײַבט זיך ערגעץ אַוועקפֿאָרן. און שוין ניט אַזוי צו בערלען האָט זי געוואָלט אויסלאָזן איר פֿאַרדראָס. ווער איז ער, בערל? אַ סטאָליערס אַן אייניקל! גאָט זאָל זי ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד — זי האָט ניט ליב קיין קאַפּצאָנים. אָבער סאָרעלע? איר געליבטע טאָכטער זאָל איר וואַרפֿן דעם געט אין פּאָנעם? די מאַמע, וואָס האָט איר אַזויפֿיל נאָכגעגעבן, איז שוין פֿאַר איר גאָרניט, דער גאַנצער יִכּעס איז דער מאַן! די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב מיט איר שווערן טראָט אַ שטומע, מיט אַ געדיכטער פֿאַרביסנקייט. און פֿון איר שווײַגן האָט מאַמעש אַרויסגעשריִען. וואָס האָט זי פֿאַרטראַכט? דאָס איז קלאָר געוואָרן ערשט אין אַ ביסל צײַט אַרום.

5

סאָרעלעס יִינגערע שוועסטער, מאַלקעס מיזינקע, האָט כאַסענע.
סאָרעלע איז געראָטן אין דער מאַמען — זי איז אַ שיינע. די מיזינקע, לייע, איז געראָטן אין טאַטן, אין פּינכעסן. ווי אַ טאַטע, ווי אַ מאַנצבל, איז פּינכעס סאָליד און אָנגענעם. לייע, וואָס איז אין אים געראָטן, פֿאַרמאָגט אויך סאָלידקייט, אָנגענעמלעכקייט, עס דערמאָנט אָבער מער מאַנצבלשקייט, ווי פֿרויִשקייט. עפּעס פֿעלט אין איר פֿון מאַלקען, די מאַמע האָט איר ניט דערגעבן אַ ביסל מיידלשע דינקייט, יונגנטלעכע צוציִונג. אין שטוב האָט מען געוווּסט: אין וועלכן ווינקל סאָרעלע זאָל זיך ניט שטעלן — אין יענעם ווינקל נעמט לויכטן. און מיט לייען איז ניט אַזוי. די מיזינקע איז ניט קיין געראָטענע. מע דאַרף זי גיכער כאַסענע מאַכן. געבן מער נאַדן און געפֿינען אַ לײַטישן כאָסן.
לייע האָט גוט געפֿילט, אַז זי איז ניט די געראָטענע, נאָר זיך צום האַרצן ניט שטאַרק גענומען. זי ווייסט, אַז אַף סאָרעלען קוקן אַלע, אַף איר — ניט. עס וועט אָבער אַף איר אויך קומען אַ מיוון. זי איז אין דעם זיכער. אין שטוב האָט מען געמיינט, אַז לייע וועט זיך אָן דעם ערשטן בעסטן כאָסן טייקעף אָנכאַפּן. האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט, אַז דאַפֿקע זי בראַקעוועט כאָסאַנים.
— לייע, — האָט מאַלקע זי איינמאָל אָפּגעפֿירט אָן דער זײַט און שטיל געזאָגט, — בראַקעוועסט, ווי אַ פּרינצעסן. גיב אַ קוק אין שפּיגל... פֿאַראַן שענערע.
— איך ווייס, מאַמע, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן. איך וויל אָבער ניט אַזאַ כאָסן, וואָס זײַן וועט ער מײַן מאַן, און קוקן וועט ער אַף סאָרעלען. איך וויל אַזאַ, וואָס קוקן זאָל ער נאָר אַף מיר.
און ווען אַזאַ כאָסן האָט זיך געפֿונען, האָט זי גלײַך אײַנגעשטימט. לייע האָט זיך שטאַרק געדונגען מיט דער מאַמען וועגן נאַדן. זי וועט ניט דערלאָזן, אַז מע זאָל איר כאָסן אָפּנאַרן. אַלץ איז טאַקע געווען פּינקטלעך און געניי באַוואָרנט און פֿאַרזיכערט. דער טאָג פֿון דער כאַסענע איז באַשטימט. אַ דירע פֿאַר די יונגע האָלט מען שוין באַם דינגען. און מיטאַמאָל האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די מיזינקע איז געוואָרן די באַליבטע טאָכטער. זי מיט איר מאַן דאַרפֿן פֿאַרבלײַבן בײַ דער מאַמען אין שטוב. סאָרעלע מיט איר מאַן און קינדער דאַרפֿן אַריבערגיין אין אַ באַזונדער דירע. און כאָטש דאָס איז געווען אומדערוואַרט און אַפֿילע אומפֿאַרשטענדלעך, זײַנען בערל און סאָרעלע געווען צופֿרידן. סאָרעלען ווילט זיך שוין זײַן אַליין אַ באַלעבאָסטע אין איר שטוב. נאָר דאָ האָט

זיך אויסגעלאָזט, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסע מעניע — סאָרעלען קומט גאָרניט אַרויס פון איר נאָדן.

— פאַרוואָס? וויאַזוי? מאַמע, איך האָב דאָך באַ דיר קיין גראָשן ניט גענומען.

— אָט אַזוי. דו, דײַן מאַן און דײַנע קינדער האָבן אַלץ אופגעגעסן.

איצט האָט מען פאַרשטאַנען, אַז די עמעסע כאַכאָמע איז טאַקע לײַע. זי האָט זיך ניט געלאָזט נאַרן. סאָרעלע און בערל האָבן מיטן נאָדן געגלייבט אַפן וואָרט, זיך פאַרלאָזט אַף יושער. דערבײַ האָט מען גאָר געטראַכט, אַז מע וועט זיך קיינמאָל ניט שיידן. בערל וועט העלפן פינכעסן, ווערן אַ שוטעף.

סאָרעלע מיט איר מישפּאָכע וואָלטן זיך, מיסטאָמע, פון אָרט ניט גערירט. געטריבן מיט גוואַלד וואָלט מען זיי ניט. האָט זיך מאַלקען פאַרגלוסט צו האָבן דעם גאַנצן פאַרגעניגן פון אַ גווירנטע — אַ זיגערן, וואָס אַלץ ליגט אין אירע הענט. אַף סאָרעלעס טײַנעס האָט זי געענטפערט:

— דיר וועט פעלן כאַיונע, ניט האָבן קיין ברויט, וועסטו קומען צו מיר — וועל איך דיר פאַר די קינדער געבן.

— נעדאָוועס! נעדאָוועס קען איך אַליין געבן!

אין סאָרעלען האָט אופגעקאָכט דער פאַרדראָס פון אַזאַ באַליידיקונג, זי האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס, אַפילע אַ טרער האָט זיך באַוויזן. און אין דעם זעלבן טאָג האָט סאָרעלע אַ בארויגעזע און שוויַיגנדיקע גענומען פּאַקן אירע זאַכן. אַף מאָרגן איז בערל מיט זײַן מישפּאָכע אַריבערגעפאָרן צו זײַנע עלטערן אין פאַרשטאָט.

לײַע איז אויך ניט פאַרבליבן באַ דער מאַמען. מיט איר מאַן איז זי אַריבערגעפאָרן אין אַן אַנדער דירע.

— איך וויל ניט, מאַמע, דו זאָלסט מיר הייסן קוקן אין שפּיגל.

## 6

אין דער שטילער שטאָט האָראָדנע מיט אירע טאָגטעגלעכע זאָרגן און דײַגעס איז צוגעקומען אַ וויכטיקע נײַס, וואָס גייט איבער פון מויל צו מויל:

— מאַלקע באַס וויל ניט אָפּגעבן דער אייגענער טאָכטער דעם נאָדן.

— באַ פינכעס באַס זײַנען ביידע טעכטער פון שטוב אַוועק.

אין באַלמעלאָכישע הײַזער גיט מען נאָך צו:

— און פאַרוואָס האָט זי אַזוי פײַנט אַ באַלמעלאָכע? באַ איר איז עס ערגער פון אַ גאַנעוו, אַ מעשומעד.

פינכעס האָט זיך געפילט ניט גוט. שאַבעס באַם דאַווענען האָט מען אַף אים פון אַלע זײַטן געקוקט, און ער האָט זיך געשעמט די אויגן אופצוהייבן. ער פאַרשטייט דען ניט די אַוולע, וואָס מאַלקע איז באַגאַנגען בענעגייע סאָרעלען? אים טוט עס דען ניט וויי? די לעצטע יאָרן איז ער שוין צוגעוווינט, אַז מאַלקע טוט, וואָס זי וויל. און אויב ער מישט זיך אין די הייַמישע אייסאָקים, הערט זי אים ניט און פאָלגט ניט. ער פּרוּווט זיך צו באַשטיין אַף זײַנס, ער וויל זיך ניט קריגן. ער ווערט גיך מידע, יאָרן לאָזן זיך פילן. פינכעס ווייסט אָבער, אַז ער טוט ניט ריכטיק. ער טאָר ניט נאָכגעבן. און פון טאָג צו טאָג לייגט ער אַלץ אָפּ זײַן שמועס מיט מאַלקען וועגן דעם, אַז מע טאָר ניט אַזוי אומבעראַכמאָנעסדיק באַגיין זיך מיט קינדער.

מאַלקע באַמיט זיך וואָס ווינציקער זיך באַוויַזן אַף דער גאַס און וואָס זעלטענער זײַן צווישן מענטשן. זי ווייסט, אַז מע באַרעדט זי און מע זידלט זי. אַלע זײַנען אַף סאָרעלעס זײַט. באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע גיבן אָפּ רעכט בערלען. מע האַלט זי פאַר אַ מאַרשאַס, וואָס מאַכט קאַליע דאָס לעבן פון אירע אייגענע קינדער. און ווײַל אַלע זײַנען קעגן איר און ווײַל זי איז דאָך אַ מאַמע (עס גיט אַ ציטער דאָס האַרץ), קען זי ניט און וויל ניט דערלאָזן, אַז זי זאָל כאַראָטע האָבן. ניין און ניין, זי איז די גערעכטע! דעמלט, ווען אַלע וועלן זיך אין דעם איבערצײַגן, וועט זי זײַן אַ גוטע און געבן סאָרעלען נאָדן. פאַר איין זאַך האָט זי מוירע: בערל קען רופן פינכעסן צום ראָוו. פינכעס וועט נאָכגעבן.

עס גייט אַוועק אַ וואָך, אַ צווייטע. אַ כוידעש גייט אַוועק. מע רופט ניט צום ראָוו. און ביסלעכווײַז נעמט מען וועגן דעם ביכלאַל פאַרגעסן. מאַלקע איז אָבער ניט צופרידן. רופן צום ראָוו אַף אַ דין־טוירע וואָלט דאָך געהייסן, אַז מע דאַרף צו מאַלקען אָנקומען, פּאָדערן, זי זאָל נאָכגעבן. לאָזט זיך גאָר אויס, אַז מע פּאָדערט ניט, מע מאָנט ניט, מע דאַרף צו איר ניט אָנקומען.

אין דער גערא̈מער דירע, מיטן שיינעם מעבל, מיט דער גרויסער שאפע זילבער, איז געווא̈רן שטיל, אומעטיק. א פוסטע שטוב איז איצט א̈ן די אייניקלעך, וואָס פלעגן ווײַנען און לאכן, בעטן עסן, בעטן טרינקען און ניט וועלן גיין שלא̈פן. אויך די טעכטער זײַנען ניט פאראַן. ניטא̈ מיט וועמען צו ריידן, זיך אויסריידן, הא̈בן טײַנעס און טארומעס.

ס׳איז שוין, עמעס, געווען אזא טא̈ג, ווען מאלקע הא̈ט שיר־שיר ניט אויסגעהאלטן. צי דער הארבסטיקער טא̈ג, וואָס הא̈ט א̈ן אופהער פון פארטא̈ג א̈ן געגא̈סן מיט א̈ן אומרויִק־אײַנגעגעסענעם רעגן, צי די טרויעריק־פארנעצטע פענצטער, צי די אומעטיקע גרויקײַט אין דער לײַדיקײַט און שטילקײַט פון דער דירע, צי אלץ צוזאמען, הא̈ט א̈ף מאלקען א̈נגעווא̈רפן עלנט און שרעק, זי איז געגאנגען פון צימער צו צימער, ווי אין א פרעמדער שטוב. איר איז קאלט, זי ציטערט אזש, כא̈טש זי איז ווארעם א̈נגעטא̈ן. זי ווא̈רט מיט אומגעדולד אפן מא̈ן. זי וועט אים טייקעף פרעגן:

— פינכעס, ווי מיינסטו, לייע לעבט גוט מיט איר מאן?

און ווי וועט זײַן, אז דער מאן וועט ענטפערן:

— ווילסט פרעגן א̈ף סא̈רעלען, און פרעגסט א̈ף לייען.

אויב ער וועט אזוי ענטפערן, הא̈ט זי א טערעץ:

— פארוואָס א̈ף סא̈רעלען? און אויב יא̈, בין איך דא̈ך א מאמע!

נא̈ר אז פינכעס קומט, צינדט ער א̈ן פײַער, ווערט אין שטוב היימלעכער, די איינזאמקײַט טרעט א̈פּ. מאלקע הא̈ט מיט וועמען ריידן, פאר וועמען זא̈רגן. זי פרעגט ניט וועגן די קינדער. א̈בער פינכעס הא̈ט אליין וואָס צו זא̈גן:

— הערסטו, מאלקע, שוין לאנג, ווי איך קלײַב זיך מיט דיר ריידן.

— אדרעבע, רעד, רעד, וועט זײַן פריילעכער.

— וואָס הא̈סטו זיך א̈נגעזעצט א̈ף אונדזערע קינדער?

— איך? א̈ף אונדזערע קינדער? איך?

— מיטא̈מא̈ל בין איך געווא̈רן אויס טאטע, אויס זיידע. מע לעבט דא̈ך ניט אייביק. מע נעמט גא̈רניט מיט זיך. איך קען ניט פארשטיין, פארוואָס דו ביסט געווא̈רן אזא שלעכטע צו מיר, צו די קינדער. איך פארשטיי עס ניט און פארלײַד עס ניט. גענוג, מאלקע! הערסט?

7

די פריילעכקײַט איז ווידער געקומען צו ליבע־שעווען אהיים. און דערצו: אייניקלעך.

דא̈ס ערשטע מא̈ל הא̈בן זיך בא ליבע־שעווען אין שטוב באגעגנט זעליקס איידעם, דער שנײַדער שימען, מיט זעליקס שנור, סא̈רעלען.

שימען איז א שיינער מאנצבל, א פריילעכער, מיט א̈ן א̈נגענעמער שטים צום זינגען. ליבע־שעווע איז ניט אינגאנצן זיכער, צי דער איידעם, וואָס פילט זיך אלעמא̈ל בא איר אין דער דירע אזוי פרײַ — וועט זיך אויך אזוי פילן אין דער א̈נוועזנהײַט פון דעם גוויר־סטא̈טער, דער שיינער און קאפריזנער סא̈רעלע. זי הא̈ט געוואלט, אז צווישן זיי זא̈ל ניט זײַן קיין פרעמדקײַט. שימען הא̈ט זיך ווי אלעמא̈ל געפילט היימיש און אופגעלייגט. אים איז גא̈רניט אײַנגעפאלן צו טראכטן, אז סא̈רעלע איז פון א העכערן גראד מענטשן. ס׳איז ניט אין זײַן כאראקטער. ביפראט, אז אין דעם הויף, ווו ער וווינט, איז ער אליין א יאכסן.

דער הויף, ווו ער וווינט, באשטייט פון עטלעכע הײַזער, וואָס געהערן צו עטלעכע באלעבאטים. עס באקומט זיך א̈בער איין הויף. אין דער שטא̈ט הערט מען א̈פט וועגן דעם דא̈זיקן הויף, אז דא̈ קען מען באקליידן און באשוכן א מענטשן פון קא̈פּ ביז די פיס. דא̈ קען מען אויך א גאנצע ווא̈ך קויפן ברויט, א̈ף שאבעס — כאלע. א̈ף שאבעס און יא̈מטעוו — פיש. אויב מע דארף שטעלן א נײַעם אויוון א̈דער דער אלטער רייכערט און מע דארף אים איבערלייגן, איז דא̈ פאראַן א גוטער מולער. און אויב מע דארף אויבס א̈ף שאבעס...

אין דעם הויף וווינט שימען דער שנײַדער, רוווּן דער שוסטער, נאפטא̈לי דער קירזשנער, גא̈דל דער בעקער, פראִים דער מולער, עליע דער פישער, שיפרע די אויבס־הענדלערן. אין דעם הויף וווינט אויך דער לערער מענאכעם רובין. אלעמען רופט מען דא̈ נא̈ר בא די נעמען, דעם לערער א̈בער גיט מען א̈פּ קא̈וועד — אים רופט מען באם נא̈מען און בא דער פאמיליע.

דער הויף איז פול מיט קינדער. א גאנצן טא̈ג איז דא̈ טומלדיק פון זייער שפילן, געוויין און געלעכטער. אין די זומערדיקע א̈וונטן זיצן די עלטערע א̈ף די פריזבעס, א̈ף בענקלעך און

כאפן פרישע לופט. דעמלט קען מען דאָ הערן אלע נײַס פון דער שטאָט. דערפאר אָבער פארזעט מען אָפט די נײַס פון דעם אייגענעם הויף: וועמענס ייִנגל מיט וועמענס מיידל עס שפילן א ליבע.

אפן הויף וואקסן צוויי יונגע בערעזעס, וואָס דער לערער מענאכעם רובין צוזאמען מיטן שנײַדער שימען האָבן פארפלאנצט.

אמאָל טרעפט, אז אהער, צו די צוויי יונגע בערעזעס, קומט אָן רעב מענאשע מויכער־ספאָרים מיט זײַן פאק ביכער: סידורים, האגאָדעס, בענטשערס, טכינעס, שיר־האמײַלעסן, מעזוזעס און נאָך אזעלכע הייליקע זאכן. בישטיקע האלט מענאשע אין זײַן פאק אויך עטלעכע וועלטלעכע ביכלעך. און אז ער קומט ארײַן אין הויף, ווו מע קען א מענטשן באקליידן און באשוכן פון קאָפּ ביז די פיס, ווארט ער אפן לערער מענאכעם רובין.

— הערט איר, לערער, איך האָב הײַנט פאר אײַך א סכוירע, וואָס איז דער ערשטער סאָרט זעמל־מעל, פימסן־האָלץ, עמעסער קאנדל־צוקער. — און ער רוקט ארײַן דעם לערער אין דער קעשענע דעם „עמעסן קאנדל־צוקער״.

דער לערער גיט דאָס ביכל לייענען דעם שנײַדער שימען און דעם קירזשנער נאפטאָלי; וואָס זיי פארשטייען ניט, גיט ער זיי צו דערקלערן.

דאָס לעצטע מאָל האָט מענאשע מויכער־ספאָרים געבראכט פארן לערער אײַזיק־מייער דיקס ביכל „דער טראקטאט וועגן דאלעס״. מענאשע האָט דעם לערער גאָרניט געזאָגט, נאָר זײַן גאנצער אויסזען האָט גליקלעך געשמייכלט, סײַ די אויגן און סײַ די באָרד האָבן געטײַנעט: לערער, איר וועט מיר דאנקען.

פון דעם דאָזיקן ביכעלע איז דער לערער געוואָרן באזונדערס צופרידן. און געלייענט האָבן עס ניט נאָר שימען דער שנײַדער און נאפטאָלי דער קירזשנער, נאָר אויך רוזון דער שוסטער און פראָיִם דער מולער. לייענענדיק, האָבן זיי אָפט געלאכט, געווען צופרידן, וואָס מע שפּאָט אָפּ פון די לוי־יוצלעכס, וועלכע קענען א קאָץ אן עק ניט פארבינדן, נאָר ווילן ניט פארפלעקן זייער ייִכעס מיט א באלמעלאָכע. אייניקע ערטער האָבן זיי פארגעדענקט אָף אויסווייניק און אָפט איבערגעכאזערט, ווי, לעמאָשל:

„די ראבאָנים האָבן געלערנט: א קליין ייִדעלע נאָך זיבן יאָר ווערט א קונדעס, א קונדעס נאָך זיבן יאָר ווערט א כאָסן, א כאָסן נאָך זיבן יאָר ווערט א מעטופל מיט קינדער. א מעטופל מיט קינדער נאָך זיבן יאָר ווערט א מעלאמעד, א מעלאמעד נאָך זיבן יאָר ווערט א שאדכן, א שאדכן נאָך זיבן יאָר ווערט א באדכן, א באדכן נאָך זיבן יאָר ווערט א באטלען, און נאָכדעם שטארבט ער שוין״.

די באלמעלאָכעס פונעם הויף האָבן, לייענענדיק דאָס ביכעלע, דערלעבט א שטיקל נעקאָמע אָן די מעלאמדים, שאדכאָנים, באדכאָנים, באטלאָנים. זיי האָבן דערפילט זייער אייגענע ווערט, זייער נוץ, זײַנען געוואָרן א ביסל טאקיפער בא זיך.

שימען דער שנײַדער, וואָס איז אָן אָפּטער ארײַנגייער צום לערער מענאכעם רובין, ווערט ניט ניספּאָעל פאר א גווירס א טאָכטער. ער איז בא זיך ניט אראָפּגעפאלן. אים האלט אויף שטארק אונטער זײַן ווײַב, ליבע־שעווע טאָכטער, שיינעלע, וואָס איז פארליבט אין איר מאן, פארקאָכט אין אים, האלט אים אין איין קושן.

דער מאמען זאָגט שיינעלע:

— ער איז דאָך אזא שיינער, מאמע, א גוטער, א קלוגער, א גינציקער. און ווי ער זינגט לידער, אזא שיין זינגען, מאמע.

ווען ער קומט מיט זײַן שיינעלען אין געסט צו אירע עלטערן, זינגט ער טאקע לידער. פארשיידענע: פריילעכע און אומעטיקע, קלאָגנדיקע און צאַרנדיקע. זינגען האָט ער ליב.

סײַ זעליק און סײַ ליבע־שעווע האָבן פאר סאָרעלען דערעכערעץ, מעסטן און וועגן יעדעס וואָרט, זיי זאָלן כאסוועכאָלילע ניט אָנרירן איר האָנאָר און ניט שטערן אירע קאפריזן. זי איז אן אייגענע, א שנור, די פרוי פון זייער זון און די מאמע פון זייערע אייניקלעך. אלץ איז עמעס. זי איז דאָך אָבער א גווירס א טאָכטער, מיט אנדערע געווינהײַטן און אנדערע פאר־לאנגען. דער קוועך פון „א גווירס א טאָכטער״ איז שטארקער פון אלץ. היט מען זיך מיט א וואָרט, גייט מען אָף די שפּיץ פינגער.

דער יונגער און שיינער שנײַדער שימען האָט באלד מיט איר גענומען ריידן, ווי א גלײַכער מיט א גלײַכן. ער ווענדט זיך צו איר היימיש:

— שוועגערן, ווי פילט איר זיך?

— שוועגערן, וואָס מאכן די קינדער?

סאָרעלען איז עס דאפקע געפעלן. זי האָט ניט ליב קיין שעמעוודיקע, קיין פארשטויסענע. איר גווירישע דערציִונג פארלײַדט עס ניט. אויך שיינעלע איז סאָרעלען געפעלן. שיינעלע

מיט איר ליבע צו איר מאַן איז די גליקלעכסטע אויף דער ערד, זי איז צו אַלעמען גוט, ווײַל יעדערן טאָן טויוועס, אַרומנעמען די גאַנצע וועלט. סאָרעלען איז אַזוינס צום האַרצן. זי האָט ליב פֿריילעכקייט. בײַ דער מאַמע מאַלקע איז געווען אַ פֿריילעכע שטוב מיט געסט, מיט קיבעד, מיט אַ גרויסער און שיינער שאַפֿע זילבער. זי איז אַוועק פֿון דער היים, ווײַל אויסער אַלץ, איז זי דאָך זיכער, אַז די מאַמע וועט זיך אַזוי לאַנג אַקשענען, ביז זי וועט זיך קומען איבערבעטן, אָפּגעבן דעם נאַדן, רופֿן צוריק אין דער גרויסער געראַמער שטוב.

אַריבערפֿאָרן מיט די קינדער אין דער ענגער און ניט רײַכער דירע פֿון בערלס עלטערן איז געווען אַ דריטער אײַנפֿאַל, אַ נײַס, אַ קאַפּריז. און אַזוינס איז סאָרעלען צום האַרצן.

8

סאָרעלע איז פֿאַרבליבן אַזאַ, ווי געווען. בערל אָבער — ניט. אין אים ענדערט זיך עפּעס. ער איז ניט צופֿרידן מיטן הײַנט, נאָר וואָס וועט זײַן מאָרגן? ער האָט גוט פֿאַרגעדענקט: „סאָרעלע איז מײַנע, די אייניקלעך — מײַנע. און דו? ווילסט גיין... די טיר איז אָפֿן". ער פֿילט, אַז אינוויינעניק אין אים שטעלט זיך אַלץ קאַפּויער מיטן קאָפּ אַראָפּ (און עפּשער גאָר פֿאַרקערט — מיטן קאָפּ אַרויף). קיינער באַמערקט עס ניט, אַפֿילו סאָרעלע דערזעט עס ניט.

סאָרעלען איז באַוווּסט דער סאָד, אַז איר פֿאָטער, פּינכעס באַס, האָט איבערגעגעבן בערלען אייניקע זײַנע געשעפֿטן, פֿון וואָס בערל האָט כּאַיונע (מאַלקע ווייסט עס ניט). און ווי בײַ איר מאַמען אין שטוב, איז זי געוווינט, אַז כּאַיונע, מיסכּער, געשעפֿט געהערט צו די מאַנצבלען. פֿרויען מישן זיך ניט. פֿרויען פֿאַרנעמען זיך מיט קינדער אוןווירטשאַפֿט. בערלען ווילט זיך דאַפֿקע, אַז סאָרעלע זאָל אים פֿרעגן, מיטפֿילן און פֿאַרשטיין. זי זאָל באַנעמען, אַז זײַן באַרוף איז אינדערעמעסן ניט מיסכּער, ניט געשעפֿט. עמעס טאַקע, ער האָט פֿון דעם כּאַיונע, אָבער אינוויינעניק איז בײַ אים די בענקעניש נאָך יענע מענטשעלעך, פֿון וועלכע מע האָט ניט קיין כּאַיונע.

בערל רעדט זיך אַמאָל אָפּ דאָס האַרץ, ווען ער טרעפֿט זיך מיט צאַליען און מיט זלאַטען. זיי פֿאַרשטייען אים און פֿילן אים מיט, דערפֿאַר מײַדט ער אויס זיך צו באַגעגענען מיטן ברודער און מיט דער שוועסטער כּאַזאַנסקי — יוליאַן און עליזע. ער פֿילט זיך קעגן זיי שולדיק. ווען ער פֿאַלגט זיי און פֿאָרט זיך לערנען...

פֿאַר טאַטע־מאַמע ווײַזט ער דאַפֿקע אַרויס, אַז ער איז גוט אויפֿגעלייגט און צופֿרידן. ביפֿראַט נאָך, ווען אין געסט קומען די שוועסטער שיינעלע מיט איר מאַן. הײַנט זײַנען זיי געקומען.

דער אָפּגעשוואַכטער ווינטער קוקט פֿויל און מיד דעם אָנקומענדיקן פֿרילינג אַנטקעגן. פּורים איז אַוועק. אין די פֿאָדריאַדן באַקט מען מאַצע. עס פֿאַלן נאָך שנייען, נאַסע שנייען, וואָס צעגייען. אַמאָל פֿאַלט אויך אַראָפּ אַ רעגנדל. אויף די צווײַגן פֿון די ביימער און קוסטעס בלײַבן הענגען טראָפּנס, וואָס ווערן באַנאַכט פֿאַרפֿראָרן און זעען אינדערפֿרי אויס, ווי גלעזערנע קנאָספּן. אינדערפֿרי ברעכן זיך אונטער די פֿיס די אײַז־הײַטלעך, וואָס האָבן איבער נאַכט פֿאַרצויגן די לוזשעס און רינעס. דאָס וואַסער פֿון אַלע זײַטן נעמט מיט פֿרילינג־רויש שטראָמען אין ניעמאַן אַרײַן.

בײַ ליבע־שעווען אין שטוב איז וואַרעם און געמיטלעך. צו דער שאַבעסדיקער סודע זיצט אַרום טיש די גאַנצע מישפּאָכע, די טאַכטער מיטן איידעם, די שנור מיטן זון, די אייניקלעך. ליבע־שעווע האָט פֿאַרגרייט אַ גרויסאַרטיקן מאָלצײַט, האָט אַרויסגעוויזן איר בעריעשקײַט אין קאָכן און באַקן. ס'איז פֿריילעך. פֿון דער וואָכעדיקער זאָרג איז קיין סימען ניטאָ. שוין פֿון נעכטן, פֿון פֿרײַטיק־צונאַכטס, שוועבט אין דער שטוב די שאַבעסדיקע יאָמטעוודיקײַט. נאָכן עסן זינגט שימען לידער. שיינעלע העלפֿט אים שטיל אונטער. און ליבע־שעווע העלפֿט. בערל זיצט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, ער הערט שימענס האַרציק געזאַנג און זעט דערבײַ, ווי ייִנגלווײַז פֿלעגט ער מיטן זיידן העשל זינגען זמירעס. און איינמאָל אין אַזאַ שאַבעס־טאָג האָט דער זיידע געזאָגט: ווען ער קאָן — וואָלט ער אויסגעשניצט פֿון האָלץ, ווי אַ מישפּאָכע זינגט זמירעס באַם שאַבעסדיקן טיש. פֿון דער דאָזיקער דערמאָנונג, וואָס איז אים איצט אָנגעקומען, עפֿנט בערל די אויגן און קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט דאָ באַם טיש זוכן דעם זיידן. דער זיידע זײַנער העשל האָט געצווייפֿלט: „ווען ער קאָן?" בערל צווייפֿלט ניט — ער קאָן! ער וואָלט טאַקע אויסגעשניצט, ווי די מישפּאָכע זיצט באַם טיש און שימען זינגט לידער. שימען האַלט דעם קאָפּ עטוואָס געבויגן, די האָר בײַ אים זײַנען צעשויבערט, די רעכטע האַנט צונויפֿגעדריקט אין אַ פֿויסט. ער באַמערקט איצט גאָרניט

ארום זיך, ער באמערקט אויך גאָרניט אַף זיך. ער זינגט. ער איז פול מיט דער האַנאָע פון זינגען. שיינעלע, וואָס האַלט אים שטיל אונטער, איז מער אַרײַנגעטאָן אין שימענס זינגען, ווי אין איר אייגענעם. זײַן זינגען איז איר לעבן, זײַן זינגען איז איר ליבע צו אים. זי נעמט זיך מיט אים איבער, זי גרויסט זיך. ליבע־שעווע שײַנט, זי איז גליקלעך. ווען האָט זי זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז באַ איר טיש זאָלן זיצן בערל מיט סאָרעלען, שיינעלע מיט שימענען, ווען? אַף אַזוינס האָט איר גאָר קיין פאַנטאַזיע ניט געקלעקט. ס'איז געווען איבער אירע פאַרלאַנגען. אָבער! אַז גאָט וויל... ער האָט זיך דערבאַרעמט. א נעס!

בערל זיצט ניט ליידיק. פון דער זײַט קען זיך נאָר אויסדוכטן, אַז בלויז ער הערט, ווי שימען זינגט, בלויז ער זעט, ווי אַלע קוקן שימענען אין מויל אַרײַן, ניין, בערל אַרבעט. ער פּילט אין זײַן האַנט די דאַלאָטע און די סטאַמעסקע. ער שניצט. עס וואַקסט אויס שימען. אָט איז שיינעלע א פאַרליבטע, אָט איז ליבע־שעווע א גליקלעכע, אָט איז סאָרעלע א פאַרוואונדערטע פון דעם, וואָס זי הערט און זעט. די אַרבעט גייט, די פינגער פאָלגן, בערלען איז גוט, ער איז גליקלעך.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג, גלײַך נאָך שאַלעשודעס, איז צו סאָרעלען געקומען איר שוועסטער לייע. געקומען איז זי ניט אין געסט, ווײַל זי איז געווען אַליין, אָן דעם מאַן. זי איז מיט דער שוועסטער אַרויס אין גאַס שפּאַצירן. אַלע אין שטוב האָבן פאַרשטאַנען, אַז לייע איז ניט אומזיסט געקומען. זי איז געקומען אין שליכעס צו דער שוועסטער. וועגן וואָס אָבער? פון וועמען?

די שוועסטער שפּאַצירן. ליבע־שעווע איז צעטראָגן. זעליק איז צעטראָגן. ביידע שווײַגן. דער שאַבעס־צונאַכטס קוקט שוין אַרײַן אין די פענצטער, דערנאָך קומט ער אַרײַן אין שטוב. שוין צײַט אָנצינדן פײַער, נאָר אַפן האַרצן איז אַלעמען אַזוי שווער, אַז אין דער פינצטער איז בעסער, ווי אין דער ליכטיק.

נאָך אין דעם זעלבן אָוונט האָט סאָרעלע געזאָגט בערלען:

— דו ווייסט, מײַן מאַן, איך האָב גוטע נײַס.

— גוטע נײַס? — איז בערל געוואָרן זייער נײַגעריק.

— גוטע. די מאַמע וויל זיך איבערבעטן. זי וועט אָפּגעבן דעם נאַדן, זי רופט צו זיך אין דער דירע. ווען מיינסטו, בערעלע, וועלן מיר אַריבערפאָרן?

— ניין, סאָרעלע, מיר פאָרן ניט.

פאַר סאָרעלען איז עס געווען שטאַרק אומדערוואַרט. באַלד אָבער איז זי געקומען צו־זיך. ער שפּאַסט דאָך, ווי פאַרשטייט זי עס ניט?

— האָסט מיך איבערגעשראָקן מיט דײַן שפּאַסן, — האָט זי געזאָגט לאַכנדיק, — בערעלע, בערענקע, בערטשיקל...

— איך שפּאַס ניט.

— פאַרשטיי איך אינגאַנצן ניט.

— פאַרשטיי מיך. איך וויל מער ניט ציטערן, פאַרבײַגייענדיק די שאַפע מיט זילבער. איך וויל ניט מער, אַז דײַן מאַמע זאָל אַף מיר שרײַען. איך וויל ניט לײַדן, אַז דו ביסט אירע און די קינדער זײַנען אירע. און פאַר מיר... איז אָפן די טיר. פאַרשטיי מיך, סאָרעלע, פאַרשטיי!

9

„פאַרשטיי מיך, סאָרעלע, פאַרשטיי״.

ווי זאָל זי אים פאַרשטיין?

די מאַמע, די אַקשנטע, האָט די ערשטע געזאָגט: זי וויל זיך איבערבעטן. זי גיט אַלץ נאָך, זי גיט אַפּ דעם גאַנצן נאַדן. זי רופט צוריק אין דער גרויסער געראַמער דירע. עמעס, די מאַמע טוט ניט גוט, וואָס זי פאַלט אָן אַף בערלען. איר, סאָרעלען, פּלעגט עס אַלעמאָל פאַרדריסן. וועגן דעם האָט זי געזאָגט לייען, געזאָגט פעסט: איינמאָל פאַר אַלעמאָל, זי וויל, אַז אַזוינס זאָל זיך מער ניט איבערכאַזערן. זי וויל ניט לײַדן, ווען די מאַמע קוקט נאָך, ווי איר מאַן עסט, ווי ער גייט, ווי ער רעדט. אַף דעם האָט איר לייע געענטפערט: די מאַמע פאַרשטייט עס שוין אַליין, מער וועט זיך אַזוינס ניט איבערכאַזערן, ניט געשען. וואָס, אייגנטלעך, קען בערל נאָך פאַרלאַנגען? דער טאַטע ווערט עלטער, מידער, וועלן דאָך מיט דער צײַט די געשעפטן אַריבערגייין צו בערלען. ער וועט אויך ווערן דער באַלעבאָס איבערן זילבער, דאָס גייט אַרײַן אין נאַדן.

דערצו ווייסט סאָרעלע אויסגעצייכנט, אַז בערל האָט זי שטאַרק ליב, אַז ער איז אַ הייסער טאַטע צו די קינדער. און אַז פאַר איר פּאָטער, פּינכעסן, האָט ער גרויס אָפּשײַ. סאָרעלע גיט אַ שמייכל צו זיך אַליין — אַלץ ווענדט זיך אָן איר. זי וועט אים זאָגן: בערעלע, בערטשיקל, קום — וועט ער גיין.

...און באַ בערלען ווערט אַלץ פעסטער דער פאַרלאַנג ניט אומצוקערן זיך צו מאַלקען אין דער גרויסער דירע. ער פאַרלײַדט ניט מאַלקען, ער פאַרלײַדט ניט איר שטוב. ער דאַרף ניט די שאַפע מיטן זילבער. ער איז אַפילו מוחל דעם נאַדן.

באַ דער מאַמען, באַ ליבע־שעווען, איז ענג, וועלן זיי דינגען אַ דירע. כאַיונע האָט ער. מער קיין פאַרדינסטן זוכט ער ניט. ער זוכט ניט קיין רײַכקײַט. ער דאַרף נאָר פּאַרנאָסע פאַר ווײַב און קינדער.

דערבײַ גיט זיך בערלען ניט ווילנדיק אַ טראַכט: געדאַרפט פאָלגן און פאָרן זיך לערנען...

לייע איז ווידער געקומען צו דער שוועסטער. און, ווי דאָס פאָריקע מאָל, זײַנען זיי ביידע אַרויס שפּאַצירן. אויף דער גאַס איז שוין וואַרעמער. עס שמעקט מיט דער קאָרע־ביטערקײַט פון די טאָפּאָלן, מע קען שוין אויך דערשמעקן אין דער לופט אַ סמאָלע־רייעך פון יעלן און סאָסנעס. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע געלע שניי־בלימלעך. דער פאַרנאַכט קומט אָן, און די זון פאַרגייט אין וואָלקנדלעך הינטער הויכע דין־אָפּגעפּרישטע יעלן. פון יענער זײַט ניעמאַן בילן די הינט, פאַרגייען זיך אין אַ געוואָי און ווערן שטיל. די שטילקײַט, וואָס קומט אָן פון יענער זײַט טײַך, ווערט אָנגעפּילט מיט אָוונט־אומעט, מיט בענקעניש. און ס'איז ניט באַוווסט, נאָך וואָס און נאָך וועמען מע בענקט.

די שוועסטער שפּאַצירן. די מאַמע מאַלקע אײַלט: וויבאַלד זי איז געקומען צום העסקעם, אַז מע דאַרף זיך איבערבעטן, וויל זי, פאַרלאַנגט זי, עס זאָל געטאָן ווערן טייקעף, באַלד, די מינוט! זי האָט פּײַנט אָפּצולייגן אויף שפּעטער.

— לייע טײַערע, — בעט זיך סאָרעלע, — גיב מיר אָן אייצע. בערל וויל ניט.

לייע ווייסט, אַז בערל איז גערעכט. לייען האָט אַפילו אָפּט געוווּנדערט, פאַרוואָס סאָרעלע פאַרשווײַגט, ווען די מאַמע מאַכט בערלען פאַרשיידענע באַמערקונגען.

אַ מאַמע איז אַ מאַמע, אוודאי! לייע אָבער קען דער אייגענער מאַמען זאָגן דעם עמעס. ביפראַט נאָך, זי איז געוווען די ניט־געראָטענע און די, וואָס דאַרף אויף זיך אַ קוק טאָן אין שפּיגל. וואָס פאַר אַן אייצע קען זי געבן דער שוועסטער? סאָרעלע איז געוווינט, אַז אַלע זאָלן אַרום איר אַרומגיין, ציטערן איבער איר, לייגן דעם ביסן אין מויל, קעכלען און קוקן איר אין די אויגן. אוודאי בענקט זי נאָך דער מאַמעס שטוב.

בערל אָבער, דער מאַן אירער?

לייע האַלט זיך שטאַרק באַ איר מאַן. עס איז איר ניט לײַכט אָנגעקומען, ביז זי האָט געפונען, וואָס זי דאַרף. דער מאַן איז פאַר איר אַלץ — אַ מאַן און אַ גאָט.

— וואָס פאַר אַן אייצע קען איך דיר געבן, שוועסטער מײַנע? אוודאי וועט דיר זײַן בעסער באַ דער מאַמען. אָבער בערל איז דאָך דײַן מאַן! אַ געטרײַער צו דיר און אַ גוטער טאַטע צו דײַנע קינדער. אַ מאַן דאַרף מען הערן און פאָלגן.

— הערן און פאָלגן, זיך ניט רירן פון אָרט?

— פאַרשטיי דאָך, מײַן שוועסטער, פון וואָס וועט איר לעבן?

זינט סאָרעלע געדענקט זיך, איז די פראַגע „פון וואָס לעבן?" קיינמאָל קיין פראַגע ניט געווען. זי האָט וועגן אַזוינס גאָרניט געטראַכט. דעריבער האָט איר לייעס פראַגע „פון וואָס לעבן?" אויסגעזען אומדערוואַרט און גאָרניט צו דער זאַך.

— שוועסטער מײַנע, וואָס הייסט?

— סאָרעלע, דאָס הייסט זייער פּאַשעט: כאַיונע, פּאַרנאָסע, ברויט. פאַר זיך און פאַר די קינדער.

— ברויט פאַר מיר און פאַר די קינדער? לייע, דו רעדסט גאָר...

— איך רעד צו דער זאַך. גלייב מיר.

— בערל פאַרדינט דאָך! — האָט סאָרעלע אויסגעשריִען.

— טײַערע מײַנע, דו לעבסט אויפן הימל. דאַרפסט וויסן דעם ריינעם עמעס. די מאַמע האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, ווען דער טאַטע האָט בערלען אָפּגעטראָטן אייניקע געשעפטן. זי האָט זיך, זאָגט זי, געמאַכט ניט וויסנדיק. זי וועט דאָך אײַך ניט לאָזן הונגערן. איצט אָבער...

— איצט אָבער?

— וויבאלד, זאָגט זי, איר קערט זיך ניט אום צוריק אהיים, ווען די גאנצע שטאָט קוקט אף דעם ארויס. איר שטעלט זי ארויס צום נאַר. אלע זאָלן וויסן, אז זי איז א מאמע — א מאכשייפע, א מאמע — א גאזלען. איר ווילט אפילע דעם נאָדן ניט באקומען, אבי פון איר ניט וויסן... קענסט דאָך אונדזער מאמען, זי וועט זיך אזוי אָנזעצן אפן טאטן, אז ער וועט מוזן אָפּנעמען צוריק די געשעפטן בא בערלען.

— דו מיינסט אזוי? דער טאטע זאָל אף דעם אײַנגיין?

— סאָרעלע, דער טאטע איז שוין אלט.

— איז וואָס פאר אן אייצע גיסטו מיר? וואָס וואָלסטו געטאָן?

— מײַן מאן איז א פארדינער, ער דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען. נאָר סײַווי. איך וואָלט א סקאַרינקע ברויט געגעסן, מיט וואסער פארטרונקען, נאָר צו דער מאמען זיך ניט אומגעקערט. פארשטיי, סאָרעלע, די קינדער... וואָס זײַנען זיי שולדיק? שוועסטער מײַנע, צי האָב איך קיין טאָעס ניט? מיר שײַנט... ביסט ווידער פארגאנגען...

סאָרעלע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף „יאָ".

— אויב אזוי, טײַערינקע, איז דאָך ניטאָ וואָס צו צווייפלען. בערל וועט עס פארשטיין. צוליב א קינד, א נײַ נעפּעשל. מיר איז אף בערלען א גרויסער ראכמאָנעס. ער וועט מוזן פארנייגן דעם קאָפּ, כאָטש פון הארצן וועט בא אים בלוט רינען. איינס פארגעדענקט: באוואָרנט דעם נאָדן. עס זאָל זיך ווידער דאָס זעלבע ניט איבערכאַזערן. באוואָרנט!

10

בערלס עלטערן שוויַגן. זיי זײַנען גאָרניט זיכער, וואָס פאר בערלען איז בעסער — בלײַבן בא זיי אין פערשטאָט, צי זיך אומקערן צוריק צו מאלקען. איינס ווייסן זיי אף זיכער: דעם זון זייערן איז שווער, דעם זון זייערן איז ניט גוט.

זיי שווײַגן, נאָר זיי שלאָפן קיין נעכט ניט. און ווי עס טרעפט אָפּט, באהאלטן אויס זעליק און ליבע־שעווע איינער פון דעם אנדערן זייערע געדאנקען און געפילן, ניט צו פארשאפן איינער דעם אנדערן קיין הארצווייטעק. ביידע זיפצן. באנאכט טראכטן זיי וועגן בערלען. יעדערער אף זײַן אויפן.

ניט ווילנדיק קערן זיך אום צו ליבע־שעווען די געדאנקען פון יענער צײַט, פון בערלס ערעוו־כאסענע, ווען זי האָט געטראכט: סאָרעלע איז א צעבאלעוועטע און א קאפריזע. אלץ טוט פאר איר די מאמע, זי זאָרגט פאר איר און באלעבאטעוועט איבער איר. האָט זיך טאקע אויסגעלאָזט ניט גוט. און איצט איז מאלקע מיטאמאָל געוואָרן א גוטע און רופט זיי ווידער צו זיך. סאָרעלע איז טייקעף גרייט צו לויפן. פאר בערלען אָבער איז דאָך מאלקעס רײַכע שטוב מיטן גוטס — א געגנעם. ער דערצייילט עס ניט, אים שטייט עס ניט אָן, נאָר זי, די מאמע, זעט דאָך און פארשטייט דאָך. און דערבײַ... אזוי פאר זיך, עס זאָל זיך באקומען, אז ניט זי אליין טראכט עס, נאָר עמעצער א זײַטיקער זאָגט עס אונטער, קומט אוף דער געדאנק: ער וואָלט כאסענע האָבן מיט זײַן גלײַכן, וואָלט ער שטיל און רויק געלעבט. ניט אומזיסט פלעגט דער טאטע העשל זאָגן: א גוויר בײַסט ניט קיין גאָלד, און א קאפּצן קײַט ניט קיין שטיינער. דאָס לעבן לערנט אויס.

— א ליבע! — ענטפערט די מאמע אָט יענעם זײַטיקן, וואָס מישט זיך, ווו מע דאַרף ניט. — די קינדער האָבן זיך ליב. — און זי, ליבע־שעווע, פארשטייט זיך אין דעם זייער גוט.

— אָבער צו ליבע, — גיט זיך א זאָג דער זײַטיקער, וואָס מישט זיך, ווו מע בעט אים ניט, — דאַרף מען אויך האָבן מאזל. איז, אפּנעמס, קיין מאזל ניט פאראן.

צו סאָרעלען האָט זי גאָרניט. צי קען אָבער סאָרעלע פארשטיין א מענטשן, וואָס איז אויסגעוואקסן אין א פּאָשעטער שטוב, ניט קיין געבאלעוועטער, העשל דעם סטאָליערס אייניקל, וועלכער איז ארײַנגעפאלן אין א רײַך הויזגעזינד, און מיט דער דאָזיקער רײַכקײַט שטעכט מען אים אלע ווײַלע די אויגן? סאָרעלע האָט ליב בערלען, נאָר פארשטיין קען זי אים ניט אלעמאָל. ליבע־שעווע האָט נאָך אמאָל געהערט פון איר באָבען: פונוואנען קענען בולבעס, געפּרעגלט אף שמאלץ, פארשטיין דעם טאם פון בולבעס אין פעלצן? דוכט זיך, ביידע בולבעס...

צו סאָרעלען האָט זי גאָרניט. דער אומגליק ליגט אין מאלקען, וואָס וויל שטענדיק זײַן גערעכט, וויל ניט וויסן פון יענעם, נאָר פון זיך אליין, וויל באוויַזן, אז זי איז דער „יאַ טעבע דאַמ!". ליבע־שעווע כאפּט אוף, ווי איר דוכט זיך, מאלקעס באהאלטענעם גאנג: זי

ווײל סאָרעלען מיט בערלען צעשײדן, געטן. סאָרעלע איז דאָך נאָך א יונגע, א שײנע, א רײַכע. מאַלקע וועט פאַר איר געפינען א גוטן מאַן.

נאָר אָט דערזעט ליבע־שעווע אַן אַנדער בײַשפּיל — שײנעלע און שימען. באַ זײ איז א פרײלעכע ליבע. אײנער דעם אַנדערן ווײל פאַרשאַפן רו און פאַרגעניגן. צי דען איז דער שנײַדער שימען קליגער פון דער גרויסאַרטיקער מאַדאַם מאַלקע?

אַזוי גײט דורך די נאַכט. די מאַמע שלאָפט ניט. וואָס וועט זײַן מיט איר זון?

און זעליק שלאָפט אויך ניט. זעליק טראַכט, אַז ער, דער טאַטע, איז גאָר שולדיק אין בערלס ניט אײַנגעגעבן לעבן. ער האָט דען ניט פאַרשטאַנען, אַז מאַלקעס טאַכטער און ליבע־שעוועס זון זײַנען ניט קײן פּאָר? צי דען ווײסט ער נאָך אַלץ ניט, אַז קרום איז ניט גלײַך און אָרעם איז ניט רײַך. יאָ, ער האָט עס גוט געוווּסט. געוווּסט, נאָר געהאָפט. געהאָפט, אַז דעם זון וועט זיך אײַנגעבן אַרויסצורײַסן פון דעם שווערן לעבן פון זײַן טאַטן און זײדן. אַזוינע פאַלן זײַנען דאָך געווען. און דערצו זײַנען די מישפּאָכעס באַס און פעדער געווען אַזוי פרײַנטלעך־נאָענט. קימאַט ווי אײן געזינד. ווער האָט עס געקענט פאָרויסזען? ווערן קלוג ערשט אַף מאָרגן, נאָך אַלעמען, איז קײן כאָכמע ניט.

— אַך, זעליק, זעליק, ווילסט זיך מאַכן גרינגער, לײַכטער. ביסט ניט שולדיק, — דאָס זאָגט אים אָט יענער, וואָס האָט א טעווע זיך אַרײַנצומישן, ווו מע דאַרף ניט. — וואָס האָסטו געמײנט, דײַן בערל וועט פירן מיסכער, אַנעמען פּאַדריאַדן, בויען קאַזאַרמעס און וועגן, צושטעלן פערד־און־וועגענער... דײַן בערל?

— און פאַרוואָס ניט? מיט וואָס איז בערל ערגער פון אַנדערע? ביפּראַט, דער שווער זײַנער, פּינכעס באַס, לערנט אים, פירט אים אַרײַן צווישן מענטשן, דערקלערט ווו־אַײַן און ווו־אויס. פאַרוואָס ניט?

נאָר אָט יענער, דער זעלבער, וואָס קען אַרײַנקריכן אין דער גרינער גאַל אַרײַן, זאָגט זיך: „א וואָלף צווישן וועלף און א גאַזלען צווישן גאַזלאָנים קען לעבן. אָבער א שאָף צווישן וועלף און אָרנטלעכער צווישן גאַזלאָנים?..״

דער טאַטע מוז נעמען אַף זיך די שולד. ווי־אַזוי האָט ער עס ניט פאַרשטאַנען און ניט געוואָרנט? זעליקן קאָסט עס א סאַך געזונט. ער שלאָפט ניט. אַזאַ גוט ייִנגל געווען זײַן בערל.

11

שאַבעס. ווי שטענדיק, קומען צו ליבע־שעווען אין געסט שײנעלע מיט שימענען. אַלע זעצן זיך אויס אַרום דעם גרויסן דעמבענעם טיש, וואָס דער זײדע הערשל האָט מיט יאָרן צוריק געמאַכט. און אײדער מע שטעלט נאָך אויס אַלע מײַכאָלים, פרעגט שימען באַ סאָרעלען און בערלען:

— וואָס טראַכט איר צו טאָן? אַריבערפאָרן אָדער בלײַבן?

אין שטוב שווײַגט מען וועגן דעם. ליבע־שעווע און זעליק מישן זיך ניט. בערל און סאָרעלע רײדן צווישן זיך אָן אײדעס. אָט טאַקע דערפאַר האָט שימענס פראַגע אַרויסגערופן פאַרווונדערונג. וואָס האָט זיך שימען צו מישן? ניט אײדל פון זײַן זײַט. און קעדײ קײן פאַריבל זאָל ניט ווערן, נעמט ליבע־שעווע פאַרגלעטן. ניט דאָס האָט שימען געמײנט. א וואָרט אַהין, א וואָרט אַהער...

— שוויגער־לעבן, פאַרוואָס טראַכט איר אַזוי? מישן זיך — טאַקע ניט. אָבער אַן אײצע געבן... — ענטפערט שימען.

— אוודע, מאַמע, שימען קען געבן א גוטע אײצע, — האַלט אים אונטער שײנעלע. מע קען זיך פאַרשטעלן, וואָס דאָ וואָלט געקענט פאָרקומען, ווען דערבײַ איז פאַראַן מאַלקע באַס. פאַר דער גרויסאַרטיקער מאַדאַם וואָלט עס באַטײַט „הער נאָר, הער, דער שנײַדער־יונג שימען און זײַן שנײַדערוטשקע שײנע גיבן שוין אײצעס דער מישפּאָכע פון מאַלקע באַס. דער געמײנער גראַד ווײסט שוין גאָרניט, ווו ער האַלט אין דער וועלט״. מאַלקען וואָלט אַזוינס שטאַרק פאַרדראָסן. זי וואָלט זיך אַזש פאַרן האַרץ געכאַפּט: שימען דער שנײַדער גיט אײצעס סאָרעלען.

אָבער סאָרעלע אַלײן, וואָס איז דאַפקע יאָ דערבײַ, וווּנדערט זיך ניט און האָט ניט קײן פאַריבל. זי דאַרף טאַקע אַן אײצע.

סאָרעלען איז שווער. פריִער איז איר אַלץ לײַכט אָנגעקומען און אַלץ איז געווען פאַרשטענדלעך, ניט געצווײפלט, ניט געקווענקלט. זי ווײל — איז גענוג. באַזונדערס דרײסט

אין אירע פאַרלאַנגען איז זי געווען מיידלוויַז. שפּעטער, אַז זי איז געוואָרן אַ מאַמע, האָבן זיך אירע פאַרלאַנגען געגנומען אָפּשוואַכן, אָפּטעמפּן. זיי זיַינען געוואָרן מער היימישע, מער מוטערלעכע. און ס'איז איר געווען גוט מיט די קינדער, מיט בערלען. מיט אַלץ. וואָס וויַיטער, האָט זי פון ציַיט צו ציַיט געגנומען פילן בערלס אומצופרידנקיַיט און דער מאַמעס אומגערעכטיקיַיט צו אים. זי האָט געטראַכט: עס וועט דורכגיין, ס'איז ניט מער ווי אַ צופעליקיַיט. און צוליב אַ צופעליקיַיט האָט זיך איר ניט געוואָלט קאַליע מאַכן איר גוטן צושטאַנד, די פריילעכע שטימונג פון די קינדער. זי האָט געשוויגן און אָפּגעלייגט אַף שפּעטער, אַף מאָרגן, כאָטש די מאַמע אירע האָט זי געלערנט, אַז די ערשטע קריג — איז די בעסטע קריג. דאָס איז געווען סאָרעלעס פעלער (איצט פאַרשטייט זי עס). דערפאַר איז מיטאַמאָל אַף איר אַרופגעפאַלן אַ סאַך זאָרג. זי האָט זיך אַף אַזוינס גאָרניט געריכט: מע לייקנט דעם נאַדן, מע טריַיבט זיי אַרויס און מע פאַלט אָן אַף בערלען. ס'איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער ווירקלעכקיַיט — אַן אַנדער מאַמע, אַן אַנדער בערל. שוויַיגן האָט זי שוין מער ניט געקענט. צו איר האָט זיך אומגעקערט די געוואַגטקיַיט פון אירע מיידלשע יאָרן.

און איצט וויל זיך די מאַמע איבערבעטן. סאָרעלען ווילט זיך צוריק צו דער מאַמען, בערל וויל ניט.

אַ מאַמע איז, פאַרשטייט זיך, אַ מאַמע. אָבער אַ מאַן — איז אַ מאַן! זי האָט בערלען ליב. זיי האָבן קינדער. און זי איז ווידער אַף דער ציַיט. זי זוכט אַן אָנשפּאַר, אַן אייצע, וואָס זאָל איר אומקערן צוריק איר מיידלשע מוט און געוואַגטקיַיט. עפּשער וועט שימען געבן די אייצע.

— וואָס זאָגט איר, שימען?

— זאָגן קען מען אַ סאַך. אָבער אין דעם פאַל, ווי מיר דוכט, קען מען זאָגן נאָר איינס.

— וואָס, שימען? — סאָרעלע איז ניַיגעריק.

און וויבאַלד סאָרעלע פרעגט, ווילן שוין אַלע וויסן, וואָס שימען וועט ענטפערן. מער פאַר אַלעמען וואַרט אַף שימענס ענטפער שיינעלע. זי בליט, די אויגן שיַינען. וואָס איר מאַן וועט זאָגן, ווייסט זי ניט. נאָר וואָס ער זאָל ניט זאָגן — וועט זיַין שיין און קלוג. איר שימען...

— אַ שניַידער האָט אַ געניט אויג, מיט איין בליק דערזעט ער אַפּן קונד אַלע מיַילעס און אַלע כעסרוינעס. אָט דעריבער איז מיַין אייצע: סאָרעלע און בערל, נעמט די קינדער און פאָרט אַריבער צוריק צו פינכעסן און מאַלקען, צו שווער און שוויגער. איינס אָבער פאַרגעדענקט: באַוואָרנט דעם נאַדן!

סאָרעלע איז געווען גליקלעך.

— זעסט, בערל! — האָט זי אויסגעשריִען. — דאָס זעלבע, וואָס מיַין שוועסטער לייע האָט געזאָגט. אַ באַשערטע זאַך!

12

קימאַט אַלע שאַבעס קומען סאָרעלע און בערל, שיינעלע און שימען צו ליבע־שעווען אין געסט.

אָפּט קומט בערל אַריַין צו צאַליע קאַדיש.

בא צאַליען און זלאַטען איז אַ פולע שטוב מיט קליינוואַרג. קימאַט אַלע יאָר אַ קינד. שכיינים זאָגן וועגן זיי אין שפּאַס: עס געפעלט זיי דער איַינפאַל, זיי האָבן עס ליב. אַרקע דער פורמאַן, ווי נאָר ער האָט אַ פריַיע שאָ, קומט ער צו דער טאַטער זלאַטע אין געסט זיך פרייען מיט די אייניקלעך. ער קליַיבט נאַכעס פון זיַין טאַכטער, וואָס איז נאָך אַלץ אַ לאַכערקע און אַ בעריע. ביז איצט קען זיך אַרקע ניט צוגעוווינען צו דעם. אַז צאַליע קאַדיש איז זיַין איידעם. ביז איצט איז ער פאַר אים נאָך אַלץ דער אָנגעלייגטער פאַרמעג־לעכער פאַסאַזשיר, וועמען ער פירט קיין וואַרשע. זאָגן דעם איידעם „דו" קען ער ניט, דער „דו" שטעלט זיך אים אין גאָרגל, ניט אַראָפּצושלינגען. ער זאָגט אים „זיי".

— זיי, רעב צאַליע, ווייסן דאָך...

— טאַטע, ווי שעמסטו זיך ניט? צאַליע איז דאָך מיַין מאַן.

— וויבאַלד רעב צאַליע איז דיַין מאַן, וועל איך אויך דיך נעמען „אירצן". אַרקע דער פורמאַן קען אַנדערש ניט. איך, אַז איך דערזע אפילו אַ שיין סוסל, זאָג איך דעם אויך „איר".

אהער צו צאַליען קומט בערל זיך א ביסל דורכשמועסן, אויסריידן זיך. בערל האָט שאַלעם געמאַכט ניט נאָר מיט זײַן שוויגער מאַלקע, ער האָט מיט פּאַרמאַכטע אויגן שאַלעם געמאַכט מיט זיך אַליין. ער האָט פּאַרנאָסע, א שיינע פרוי און גוטע קינדער. די שאַפע מיטן זילבער גייט אַרײַן אין נאַדן. אָבער קיין האַנאָע פון לעבן האָט ער ניט. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז ער געהערט ניט צו די, וואָס לייגן אויס פאַר זיך א וועג, נאָר צו די, פאַר וועמען מע מאַכט א וועג. און ווען די אומצופרידנקײַט גיט אים א דריק צו, קומט ער צו צאַליען אין זלאַטעס פריילעכער שטוב.

הײַנט איז אזא טאָג. פריִער פרעגט מען אים, ווי מע לעבט און וואָס מע מאַכט. און דערנאָך רעדט שוין בערל:

— דער זיידע, אַלאָווהאַשאַלעם... דער זיידע, אז אים פלעגט זיך אײַנגעבן אויסשניצן א שיינע זאַך, פלעגט ער מאַמעש טאַנצן פון פרייד. און אז ער פלעגט קומען אהיים מיט א לויכטנדיק פּאָנעם, פלעגט אויך די באָבע הינדע נעמען לויכטן. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער. אין אזא טאָג איז באַם זיידן אין שטוב געווען יאָמטעוו. אין אזא טאָג האָב איך זיך געפילט, ווי פּייסעך באַם סיידער, ווען איך פלעג פרעגן די פיר קאַשעס. הײַנט האָט מיר דער שווער מײַנער געזאָגט, אז איך קען גוט מאַכן געשעפט. ער האָט מיך געלויבט. ער איז צופרידן. אָבער מיך פרייט עס ניט. איך האָב פון דעם קיין האַנאָע ניט. עס בלײַבט דאָך גאָרניט איבער אזוינס, פון וואָס אַנדערע זאָלן זיך פרייען. און ביכלאַל, רעב צאַליע, איך קען זיך ניט צוגעוווינען צו זײַן א נאָגיד. לאַכט ניט פון מיר. דוכט זיך, א געוויינלעכע זאַך, און באַ מיר באַקומט זיך עס ניט. אייגנטלעך, בין איך ניט מער, ווי אן איידעם. באַקאַנטע רופן מיך שויך ניט בערל פעדער, נאָר בערל באַס. איר ווייסט, ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך אַרײַן צו די כאַזאַנסקיס זען דעם „רײַטער אפן פערד".

— פאַרוואָס זיך שעמען?

בערל ענטפערט ניט. ער ווייסט, פאַרוואָס ער שעמט זיך: ניט געפאָלגט, ניט געפאָרן זיך לערנען. אומגעריכט איבערגעריסן דאָס לערנען באַ עליזען. מע האָט זיי פאַרשעמט, קימאַט אַרויסגעטריבן. ווי קען ער צו זיי קומען? אים ציט אָבער צו זײַן אַרבעט, דערמאָנען זיך אָן יענער גליקלעכער צײַט.

בערל געזעגנט זיך און גייט שטיל אַרויס.

אַרקע פורמאַן, וואָס איז געווען צוגאַסט באַ זײַן טאַכטער און האָט אויפגעכאַפּט בערלס עטלעכע ווערטער, זאָגט:

— א ראַכמאָנעס... ער קומט אום פון רײַכקײַט.

—עס טרעפט אזוינס, שווער־לעבן, עס טרעפט! — און דערבײַ טראַכט צאַליע: ווען ניט זײַן זלאַטע מיט די זלאַטקעלעך, וואָלט ער אין איינעם א שיינעם אינדערפרי גענומען די זעג מיט דער האַק און וואָלט אַרויס אפן מאַרק צעהאַקן א וואָגן האָלץ.

אומקערנדיק זיך פון צאַליע קאַדיש, גייט בערל פאַרבײַ דעם הויז, וווּ עס וווינען די כאַזאַנסקיס. ער שטעלט זיך אָפּ. עפּשער וועט אָנקומען אַנטקעגן עליזע אָדער יוליאַן. ווען ער באַגעגנט די שוועסטער אָדער דעם ברודער, וואָלט עס געווען א גוטע געלעגנהײַט אַרײַנצוגיין צו זיי אהיים און זען דעם „רײַטער אפן פערד". קיינער אָבער קומט ניט. שטיין גלאַט אזוי אָף דער גאַס טויג דאָך אויך ניט. לאַנגזאַם נעמט ער גיין ווײַטער.

„פאַרוואָס זיך שעמען?" דערמאָנט זיך בערל צאַליעס ווערטער. אינדערעמעסן, פאַר־וואָס דאַרף ער זיך שעמען? ער וויל א קוק טאָן אָף זײַן אַרבעט. ס'איז דען אן אוולע? און דאַפקע הײַנט ווילט זיך עס אים מער, ווי אַלע מאָל. עס ציט אים. ער גייט צוריק, שטעלט זיך ווידער אָפּ באַם הויז, וווּ די כאַזאַנסקיס וווינען. ער עפנט די טיר און נעמט זיך אופהייבן אָף די טרעפּ צום צווייטן שטאָק. ער בלײַבט שטיין באַ דער ווינונג. אַרײַנגיין? ער צווייפלט. און דאָס האַרץ קלאַפּט אזוי שטאַרק, אז מע הערט עס געוויס אָף יענער זײַט טיר. באַלד קען עמעצער פון דאָרט אַרויסקומען זיך דערוויסן, וואָס אָף די טרעפּ טוט זיך. ער נעמט שנעל אַראָפּגיין צוריק.

אין שטוב באַגעגנען אים מיט פרייד דאָס ווײַב און די קינדער. און באַזונדערס ווײַזט אַרויס צו אים פרײַנטלעכקײַט מאַלקע. פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען בערל מיט זײַן מישפּאָכע האָבן זיך צוריקגעקערט און מאַלקע האָט דערפילט, אז בערל גייט אַרום, ווי א האָן, באַ וועמען דער קאַם איז צונטער־רויט, א גרייטער צו נעמען פּאַטשן מיט די פליגל, האָט זי פאַרן איידעם באַלד באַקומען אָפּשײַ. געמיינט האָט מען, אז ביידע, בערל און מאַלקע, וועלן אַרומגיין באַרויגעזע. האָט זיך אויסגעלאָזט, אז דער באַרויגעזער איז בערל.

מאלקע, פון איר זײַט, האָט דאָס מאָל אַרויסגעוויזן ניט נאָר נאָכגיביקײַט, נאָר אויך קלוגשאַפט. זי איז באַ זיך ניט געגנאַרט און פאַרשטייט, אַז בערל איז גראָד ניט דער, וואָס פאַרמאָגט אַ שטאַרקן ווילן און איז נאָך דערצו אַן אַקשן. ניין, ער איז פון די, וואָס צו זיי קומט די אַקשאָנעס ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבן געליטן פון זייער ווייכקײַט און נאָכגיביקײַט. די מוירע, ווידער, נאָכצוגעבן און בלײַבן נאָכאַמאָל צום נאַר פאַרהאַר־טעוועט זיי און גיט זיי קויכעס צום שטעלן זיך קעגן.

דערצו איז ער דאָך דער מאַן פון איר געליבטער שײנער טאָכטער. ער איז אַ פאַרדינער. מאלקע זעט אויך, אַז איר מאַן פינכעס ווערט עלטער, ווערט מידער. אָן בערלען קען מען שוין ניט אויסקומען. אין שטוב איז אויסערלעך שאָלעם־וועשאָלעוו. אָבער עס פילט זיך נאָך אַלץ, אַז בערלס שאָלעם מאַכן מיט מאלקען באַהאַלט אין זיך פּולווער, וואָס קען אומגעריכט זיך אויפרײַסן.

— בערל, פאַרוואָס אַזוי שפּעט? — פרעגט סאָרעלע.

— געווען באַ צאַליען.

— וואָס מאַכן זיי? אַלע זײַנען געזונט?

— אַלע זײַנען געזונט. זיי גריסן, בעטן קומען אין געסט. באַ מיר, סאָרעלע, איז הײַנט געווען אַ ווילדער אײַנפאַל. איך בין פאַרבײַגעגאַנגען די כאַזאַנסקיס, האָט זיך מיר געוואָלט צו זיי אַרײַנגיין און אָנקוקן דעם „רײַטער אפן פערד“.

— דעם „רײַטער אפן פערד“? — סאָרעלע האָט שוין גאָר וועגן אים פאַרגעסן. זי וויל זיך דערמאָנען: דער „רײַטער...“ עס דויערט ניט לאַנג, און זי דערמאָנט זיך. זי זאָגט אַ צופרידן־גליקלעכע: — סאַראַ גוטע צײַט עס איז דאַן געווען. מיר זײַנען מיט דיר געווען כאַסן־קאַלע. ווייסט, בערעלע, איצט וואָלט איך ניט געלאָזט פאַרקויפן דעם „רײַטער“. ביסטו אַרײַן צו די כאַזאַנסקיס?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— איך האָב זיך פּאַשעט געשעמט.

סאָרעלע נעמט עס אויך אויף פּאַשעט: בערל האָט זיך געשעמט. ווי עס מאַכט זיך, אַז זי אַליין שעמט זיך אַמאָל, ווי די קינדער שעמען זיך. מאלקע נעמט עס אויף אַנדערש.

— וואָס הייסט, בערל, דו שעמסט זיך? ווי פּאַסט עס? ביסט אַ באַלעבאָס, אַ סויכער, אַ פּאַדריאַדטשיק, אַ טאַטע פון קינדער. דו ווילסט זען דײַן אַרבעט. ניט קיין אוולע. איר ווייסט, קינדער, איך האָב זיך אויך פאַרבענקט נאָכן „רײַטער“. אַ סאַך צײַט איז פון דעמלט אוועק, אַ סאַך.

— ווייסטו וואָס, מאַמע, עפּשער לאָמיר אַלע אַרײַנגיין צו די כאַזאַנסקיס? — שרײַט אויס סאָרעלע. — גוט, בערל?

און באַ אַלעמען בלײַבט, אַז דאָס איז גוט.

13

ניט נאָר פינכעס ווערט עלטער, מאלקע ווערט אויך ניט ייִנגער. אויך באַ איר וואַקסן די יאָרן. און כאָטש זי פילט זיך ניט שלעכט, באַנעמט זי זייער גוט, אַז די עלטער קומט אָן. ניין, דערווײַל טוט איר נאָך גאָרניט ווי, אָבער עס דוכט איר אַמאָל אַז עפּעס נעמט ווי טאָן. מאלקע ווייסט, וואָס מענטשן זאָגן: פריִער דאַכט זיך, דערנאָך מאַכט זיך.

די לעצטע צײַט קען זי גאָרניט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי האָט זיך פריִער געטשעפּעט צו בערלען? ניט אַנדערש, זי האָט געהאַט דעם קאָפּ פאַרלאָרן (אַז גאָט וויל שטראָפן, נעמט ער אָפּ דעם סייכל). זי זוכט מיט וואָס דעם איידעם צו פאַרגיטיקן. דעריבער, ווען סאָרעלע זאָגט צו איר מאַן: מע דאַרף רופן שימענען און שיינעלען אין געסט, מיט זיי איז פריילעכער, זיי זינגען שיין, — שווײַגט מאלקע, זי דערוווידערט ניט.

שיינעלע, וואָס איז מיידלווײַז געווען אַ שטילע, אַפילע אַ שעמעוודיקע, איז זינט זי האָט כאַסענע געהאַט, געוואָרן אויס שעמעוודיקע און אויס שטילע. און אַלץ איבער דער ליבע צו איר מאַן, וואָס פאַרפילט איר גאַנצן וועזן. מיידלווײַז האָט זי אויסגעזען, ווי אַ שווײַגנדיק הינדעלע, וואָס פּיקט גלאָזן קערנער. אַ דאַרינקע, מיט שיינע האָר, פאַרקעמט מיט אַ שרונט אינמיטן. נאָך דער כאַסענע איז זי געוואָרן ריידעוודיק און לאָזט דעם נאָמען „שימען“ פון מויל ניט אַרויס, אַלע זײַנע מײַלעס דערציילט זי. דעריבער ווייסט דער גאַנצער הויף, ווי איר שימען האָט מיט זײַן אייצע געהאָלפן שאָלעם מאַכן צווישן

איר ברודער בערל און זײַן שוויגער מאלקע באס. אויך האָט מען אין הויף זיך דערוווּסט, אַז שײנעלע מיט שימענען זײַנען אײַנגעלאַדן אין געסט צו פּינכעסן און מאלקען.

ליבע־שעווע און זעליק זײַנען פֿון דעם שטאַרק צופֿרידן. שײנעלע איז צו זיי געקומען זיך מעיאַשעוו זײַן, וואָס פֿאַר אַ קלייד זי זאָל אָנטאָן.

— מאמע, דו פֿאַרשטייסט דאָך, ווי שימען וועט זיי געפֿעלן ווערן. ער נעמט שטענדיק אויס, שימען.

אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר, אַז שימען וויל ניט גיין אין געסט.

— פֿאַרוואָס? — שײנעלע איז געווען איבעראַשט. — מע לאַדט אונדז אײַן.

— וואָס האָב איך דאָרט צו טאָן? אַ שנײַדער... איך בין זיי ניט געפֿעלן געוואָרן.

אין דעם זעלבן פֿאַרנאַכט, ווען אַפֿן הויף זײַנען די אײַנוווינער געזעסן אָף די פּריזבעס, האָט שײנעלע דערציילט:

— אײַנגעלאַדן, איז וואָס? וואָס האָבן מיר באַ זיי צו טאָן? שנײַדער... מיר זײַנען זיי ניט געפֿעלן געוואָרן.

מער האָט מען זיי ניט אײַנגעלאַדן. און ניט אײַנגעלאַדן האָט מען זיי דערפֿאַר, ווײַל סײַ דער הויף, ווו מע קען אַ מענטשן באַקליידן און באַשוכן פֿון קאָפּ ביז די פּיס, און סײַ שימען דער שנײַדער און סײַ דער לערער מענאַכעם רובין האָבן אין דער שטאָט באַקומען אַ שלעכטן שעם.

דער הויף איז שוין לאַנג אומצופֿרידן. טײַנעס זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך.

צו דער טוירע רופֿט מען זיי ניט אויף. האַקאָפֿעס איז מען זיי מעכאַבעד די סאַמע לעצטע, צוזאַמען מיט יינגלעך. קיין אייגענע „שטעט" אין שול האָבן זיי ניט, נאָר זיצן אָף דער לעזשאַנקע. דערפֿאַר, אַז עס קומט דער שאַבעס, ווען מע לייענט פֿון דעם סייפֿער דוואָרים די פּאַרשע טאָווי, רופֿט מען זיי אויס צו דער טויכעכע. שטייט רוווּן דער שוסטער אָדער פֿראַיִם דער מולער אָף דער בימע באַ דער סייפֿער־טוירע און דער באַל־קוירייע שיט איבער זייערע קעפּ קלאָלעס, מיט וועלכע גאָט וויל שטראָפֿן די אַלע, וואָס פֿילן ניט אויס זײַנע געבאָטן.

— פֿאַרשאָלטן זײַ אין שטאָט און פֿאַרשאָלטן אין פֿעלד.

— פֿאַרשאָלטן זאָל זײַן דײַן קאָרב און דײַן דייזשע.

— די הימלען, וואָס איבער דײַן קאָפּ, זאָלן ווערן קופּער, און די ערד אונטער דיר אײַזן.

עס שיטן זיך קלאָלעס, קלאָלעס, קלאָלעס...

וואָלט די טוירע געווען געשריבן אין יידיש און די טויכעכע וואָלט געלייענט געוואָרן אָף פּראָסט מאַמע־לאַשן, וואָלטן רוווּן דער שוסטער און פֿראַיִם דער מולער ניט געוואָלט לײַדן, וואָס מע שיט איבער זייערע קעפּ אָן אַ שיר שילטערײַען און צאָרעס.

— און אײַערע מייסים וועלן זײַן אַ מײַכל פֿאַר אַלע פֿייגל פֿונעם הימל און כײַעס פֿון דער ערד. און עס וועט ניט זײַן, ווער עס זאָל זיי אָפּטרײַבן.

— גאָט וועט דיך שטראָפֿן מיט מעשוגאַס, און בלינדקײַט, און טעמפּקײַט.

לעצטנס האָט מען רוווּן דעם שוסטער און פֿראַיִם דעם מולער געעפֿנט די אויגן. ווילן זיי מער ניט קיין קלאָלעס איבער זייערע קעפּ. שאַבעס, פּאַרשע טאָווי, האָט מען צו דער טויכעכע אויסגערופֿן שימען דעם שנײַדער. שימען זיצט אָף דער לעזשאַנקע און רירט זיך פֿון אָרט ניט.

— שימען, מע רופֿט צו דער טוירע.

— צו דער טויכעכע! זאָל דער גאַבע גיין! — ער האָט זיך פֿון אָרט ניט אופֿגעהויבן. אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. דער מאַגיד האָט וועגן דעם גערעדט אין זײַן דראָשע. אין די באַטעמעדראָשים האָט וועגן דעם געקאָכט: מע רופֿט אוף אַ יידן צו דער טוירע, און ער גייט ניט.

דערצו איז אינגיכן צוגעקומען נאָך אַ נײַס: עס איז געוואָרן באַוווּסט, אַז די שנײַדער זאַמלען געלט אָף שאַפֿן אַן אייגענעם בעסמעדרעש — אַ שנײַדערשן. שימען איז אין דעם שטאַרק פֿאַרקאָכט. און אַפֿן הויף, ווו מע קען אַ מענטשן באַקליידן און באַשוכן פֿון קאָפּ ביז די פּיס, האָט מען שוין אַפֿילע געוווּסט, אַז ס'איז באַשטעלט אַ רייניקײַט פֿאַרן בעסמעדרעש.

— שנײַדער ווילן ווערן גאַבאָיִם.

— שנײַדער ווילן באַקומען שלישי און שישי.

אָבער די אַלע געלעכטערס האָבן ניט געהאָלפֿן.

דערפאַר האָט אין הויף גענומען אַרײַנקומען קיווע פריידעס. ער קומט אין גאָטס נאָמען.

קיווע איז אַ הויכער, מיט אַ דאַר, אויסגעמאַטערט, צעקנייטשט פּנים, מיט אַ קליין קעפּל, מיט אַ פאַרשפּיצט שיטער בערדל, נאָר מיט ברייטע ביינערדיקע פּלייצעס און מיט שווערע שטיוול אַף די פיס. פון אויבן שפּיציק, פון אונטן ברייט — זעט ער אויס, ווי אַ היטל צוקער. באַזונדערס זעט ער אַזוי אויס, ווען ער קומט אַרײַן אין אַ בעסמעדרעש און שטעלט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט. ער שטייט אַזוי שווײַגנדיק, רירט זיך ניט, באַוועגט זיך ניט. ער ליגט אין זײַנע געדאַנקען, וועלכע מוסערן אים, ווײַזן אים זײַנע זינד, מאָלן אויס די שרעקלעכע שטראָפן אין גענעם. דערנאָך נעמט ער שעפּטשען, ריידן מיט זיך אַליין, זיך מיסוואַדע זײַן. און פּלוצלינג דערהערט זיך אַ געוויין, אַ ביטערער געוויין, ווי מע באַקלאָגט אַ טויטן. קיווע פריידעס באַקלאָגט זיך אַליין.

קיווע פריידעס האָט זיך באַוויזן באַ שימענען אין הויף. אַף קיין ווײַבער קוקט ער ניט. ער פאַרמאַכט די אויגן און פרעגט:

— ווו איז אַ מאַנצבל?

עס איז אינמיטן טאָג. מאַנצבלען אַרבעטן איצט. און קיינער פון זיי וועט ניט וואַרפן זײַן אַרבעט צוליב קיווע פריידעס, וואָס זוכט אַ מאַנצבל.

מיט זײַן קורץ געשאָרן בערדל, אין זײַן וואָכעדיקן אָפּגענוצטן און אויסגעפּוצטן רעקל קומט אַרײַן אין הויף דער לערער מענאַכעם רובין. מיט זײַן שאַרף און קלוג אויג באַמערקט ער גלײַך קיווען.

— שטיי! — באַגעגנט אים קיווע. — איך וויל זיך צו דיר ווענדן מיט גאָטס רייד!

— פאַרוואָס ניט מיט דײַנע אייגענע? פאַרלאָזסט זיך ניט אַף זיך?

— זינדיק ניט.

— און ווי מיר זײַנען געלאָפן פון די לאָוטשעס געדענקסטו?

קיווע פריידעס, וואָס האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, האָט זיי אופגעהויבן, עס האָט אים אַ טרייסל געטאָן און ער האָט גענומען ציטערן. קיווע האָט זיך געוואָלט אויסדרייען מיטן פּנים צו אַ וואַנט, נאָר קיין וואַנט זײַנען ניט געווען. ער האָט גענומען שעפּטשען פאַר זיך און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

אַמאָל האָבן ביידע געלערנט אין איין חדר. זיי זײַנען אַפילו געווען קרויווים, עמעס, ווײַטע קרויווים. ביידע האָבן ליב געהאַט צו הערן און צו דערציילן מײַסעס. מענאַכעם האָט געוווסט פריילעכע מײַסעס: וועגן אַ מיילעך מיט אַ פרינץ, וועגן אַ פרינץ מיט אַ פרינצעסן, וועגן אַ לאַמעדוואָוניק, וואָס האָט געוויזן ניסים און באַשטראָפט שלעכטע מענטשן, וועגן דעם פּראַגער ראָוו און זײַן גוילעם. אַלע מײַסעס, וועלכע מענאַכעם דערציילט, ענדיקן זיך באַ אים צום גוטן. מע הערט און מע לאַכט, מע הערט און מע שמייכלט.

קיווע האָט ליב געהאַט צו דערציילן סטראַשנע זאַכן וועגן שיידים, רוכעס, שרעטעלעך און לאַפּיטוטן. ער האָט זיי געקענט גענוי אויסמאָלן מיט הערנער, קאָפּעטעס, עקן... ער האָט גענוי געוווסט, פאַר וועלכער אווירע וועלכע שטראָף עס קומט. ער האָט אויך געוווסט, אַז באַנאַכט דאַווענען אין דער גרויסער שול טויטע. און אויב דער אויבער־שאַמעס וויל עפענען די טיר, דאַרף ער פריִער אָנקלאַפּן מיטן גרויסן שליסל, אַז די מייסים זאָלן באַצײַטנס אַוועק־גיין אין זייער רו אַרײַן.

האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז ביידע, שוין עלטערע כיידער־ייִנגלעך, זײַנען זיך ערגעץ פאַרזעסן מיט דערציילן מײַסעס און זײַנען פאַרנאַכטלעך געגאַנגען אַהיים. צו זייער גליק האָבן זיי באַצײַטנס דערזען, ווי אַרעלע לאָוטשי גאַנוועט זיך צו זיי, אַרעלע, וואָס כאַפּט קליינע קינדער און גיט זיי אָפּ פאַר סאָלדאַטן. ביידע האָבן זיך געלאָזט לויפן. ער נאָך זיי. זיי זײַנען געפלויגן, ווי דער ווינט. אַרעלע נאָך זיי. איינעם, האָט ער געטראַכט, וועט ער גע־וויס כאַפּן. און ער וואָלט טאַקע געכאַפּט, ווען ער פאַרטשעפּעט זיך ניט און פאַלט ניט. ביידע כעוורעלײַט זײַנען שוין געווען אַף יענער זײַט בעסאַלמען. זיי האָט אַלץ געדוכט, אַז מע יאָגט זיך נאָך זיי (און עפּשער ניט אומזיסט). אָן אָטעם זײַנען זיי אַרײַנגעפאַלן אין גרויסן וואַלד, וואָס ציט זיך אַף אַ סאַך ווייאָרסטן. זיי זײַנען אָן קויכעס געפאַלן אַף דער ערד און מיט אָפענע מײַלער שווער געאָטעמט, און דאָס האַרץ האָט זיך געוואָרפן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. ווען זיי האָבן זיך באַרויִקט, איז שוין געווען נאַכט. אַ האַרבסטיקע נאַכט, אַ פינצטערע, אַ קילע, גוט נאָך, וואָס ניט קיין נאַסע.

גיין צוריק? אין דער פינצטער ווייסט מען ניט דעם וועג. זיי האָבן זיך צוגעטוליעט, אײַנגענורעט, עס זאָל זײַן וואַרעמער. זיי האָבן געשוויגן. עפּשער וועט מען אַזוי איבערזיצן

די נאַכט? און אומגעריכט, אינמיטן שווײַגן, ווען עס דוכט, אַז דער וואַלד שלאָפֿט אײַן, דער־הערט זיך אַ געוויין. קיווע וויינט.

— וואָס איז מיט דיר, קיווע, וואָס וויינסטו? האָסט מוירע?

— ניין, איך בין זינדיק.

— זינדיק? ביסט דאָך קיין בארמיצווע ניט.

— זינדיק. גאָט שטראָפֿט.

— מיטן שטראָף זאָלן מיר אָפּקומען. מיר האָבן געקענט שלעכט אָפּשנײַדן, אַרײַנפֿאַלן צו אַרעלע לאָוטשי אין די הענט.

קיווע באַרויִקט זיך. מענאַכעם איז גערעכט. גאָט האָט זיי אויסגעלייזט פֿון אַזוינע קאַ־טאָרזשנע הענט. און קיווע זאָגט זיך אַליין צו, אַז ער וועט זײַן פֿרום און ערלעך, דינען געטרײַ גאָט. די נאַכט אָבער אין פֿינצטערן האַרבסטיקן וואַלד, ווי עס איז שווער אַפֿילו אונטערצושיידן אַ בערעזע פֿון אַ טאָפּאָל, ציט זיך לאַנג און נעמט מיט איר אומהיימלעכקײַט און גרויל שרעקן אויך מענאַכעמען.

— מע דאַרף טראַכטן וועגן פֿריילעכע זאַכן, — זאָגט מענאַכעם, — וועט זײַן פֿריילעכער.

אים איז טאַקע לײַכטער צו טראַכטן וועגן פֿריילעכע זאַכן, נאָר איצט גיט זיך עס אים אויך ניט אײַן. און צו קיווען קומען אָן זײַנע שרעקלעכע מײַסעס, זיי באַהערשן אים. און ווען די נאַכט נעמט ווערן ווידער אומרויִק, אין וואַלד נעמט שורשען, רוישן, ווערן פֿאַר קי־ווען די שיידים און רוכעס פֿון זײַנע מײַסעס אַ רעאַלקײַט. ער ווערט אַ קאָרבן פֿון זײַן איי־גענער פֿאַנטאַזיע. מענאַכעמען ווערט שווער אים צו טרייסטן, ער איז אַליין אויך דערשראָקן. אים נעמט דוכטן, אַז עמעצער רוקט אים אָן עק אין קאָלנער אַרײַן.

— קיווע! — מענאַכעם רופֿט אים צו הילף. — שמע ייִסראָעל! — ער כאַפּט די ציצעס פֿון זײַן אַרבעקאַנפֿעס און טרײַבט מיט זיי די ניטגוטע.

קיווע ליגט גאָר מיטן פּאָנעם צו דער ערד און וויינט און שלוקערצט. ער שרײַט:

— אַלמעכטיקער, ראַטעווע! איך וועל זײַן פֿרום, איך וועל אויספֿילן אַלע מיצוועס.

טרייסטן העלפֿט ניט. שפּעטער איז קיווע שטיל געוואָרן. פֿאַר דער שטילקײַט האָט זיך מענאַכעם מער דערשראָקן, ווי פֿאַרן געוויין. צי לעבט ער? ער שלאָפֿט.

ווי נאָר עס האָט אין מיזרעך גענומען העלן, האָבן ביידע געײַלט צוריק אַהיים. און קעדיי עס זאָל זײַן פֿריילעכער און וואַרעמער, האָבן זיך ביידע שטײַף געהאַלטן פֿאַר די הענט.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז מען געקומען צו מענאַכעמען הערן, ווי ער מיט קיווען האָבן זיך געראַטעוועט פֿון אַרעלע לאָוטשי, ווי זיי האָבן אַ נאַכט פֿאַרבראַכט אין וואַלד. דער־ציילט האָט מענאַכעם דעם גאַנצן עמעס, נאָר דאָך איז דער עמעס געווען אַן אַנדערער, אַ פֿריילעכער עמעס. מע האָט געהערט און געשמייכלט, אַפֿילו געלאַכט.

קיווע האָט געשוויגן, ער האָט אויסגעמיטן מענטשן. אַ ביסל צײַט האָט ער זיך גענומען פֿאַרהיקען. ער פֿלעגט זאָגן: ל־ל־לאָקשן, צ־צ־צימעס. אָבער וואָס ווײַטער, איז ער געקומען צו־זיך.

שפּעטער האָט ער כאַסענע געהאַט, קינדער געהאַט, געווען אַ מאַן און אַ טאַטע. פֿון צײַט־צו־צײַט נאָר פֿלעגט ער דערפֿילן אַן אומזיכערקײַט אין זיך. די קנעכלעך ווערן דעמלט אָפּגעשוואַכט, ער שטייט ניט זיכער אָף די פֿיס. טרעפֿט, ווען אים קומט אויס אַריבערצוגיין די בריק איבערן ניעמאַן, פֿילט ער אַ לײַכטן קאָפּשווינדל. ער באַמיט זיך ניט צו קוקן איבער דער פּאָרענטש אין וואַסער. באַזונדערס איז קיווע געווען פֿילבאַר צו צאָרעס, צו אייגענע, צו פֿרעמדע, ער איז שטענדיק געווען גרייט, אַז אַן אומגליק דאַרף קומען. באַנאַכט האָט ער מוירע געהאַט צו גיין אַליין, שיידים זאָלן אים ניט באַפֿאַלן. די גרויסע שול פֿלעגט ער אויסמײַדן, די טויטע, וואָס דאַוונען דאָרט, זאָלן אים ניט אופֿרופֿן מאַפֿטיר, ער האָט געזוכט אַן אָנשפּאַר אין מענטשן, זיך געניייטיקט אין אַ טרייסט־וואָרט, אין אַ האָפֿענונג. ניט זײַן אַליין, נאָר מיט עמעצן. אָפֿט פֿלעגט קיווע אַרײַנקומען צום לערער מענאַכעם רובין. מיטן לערער, ווי שוין געזאָגט, האָט ער זיך אַמאָל צוזאַמען געלערנט אין כיידער און זײַנען אויך ווײַטע קרויווים. אין מענאַכעמס קליין דירעלע פֿילט ער זיך היימיש און גוט.

מענאַכעם לעבט צוזאַמען מיט זײַן מאַמען. די מאַמע זײַנע, פֿריידע, פֿילט אויס אַלע דינים און מינהאָגים, וואָס אַ ייִדישע פֿרוי איז מעכוייעוו אויסצופֿילן. זי לייענט צענאַ־אורענאַ, טײַטשכומעש. זי פֿאַסט אין אַ טאָנעס (עמעס, דער זון זאָל ניט וויסן). אָבער אין איר האָט זיך שוין אויך פֿאַרקליבן עפּעס פֿון דעם זונס פֿרײַדענקערישקײַט. כאַסוועכאַלילע ניט אַזוי, אַז דאָס זאָל אָנרירן גאָט. איר פֿאַלט עס אַפֿילו ניט אײַן. עס טרעפֿט אָבער, אַז זי דערפֿילט אַמאָל, ווי זי געפֿינט זיך פּלוצעם אין דער מיט: פֿון איין זײַט דער אַלמעכטיקער, דער גרוי־

סער און גרויזאַמער גאָט, וואָס שטראָפט פאַר אווייריעס. און פון דער צווייטער זײַט — איר זון מענאַכעם, וואָס האָט ליב מענטשן, זאָרגט פאַר זיי, טרייסט זיי. א גוטער זון באַ איר. ער גיט איר אָפּ קאָוועד, די מיצווע פון קיבעד־איים (דער טאַטע איז געשטאָרבן) פילט אויס דער זון געטריַי און איבערגעגעבן. איין זאָרג האָט די מאַמע: פאַרוואָס האָט דער זון ניט כאַסענע? ריווקע־ראָכל רעדט אים שידוכים, און מענאַכעם וויל ניט הערן. איר גרויסע ליבשאַפט צום זון וואָלט זי וועלן טיילן פאַר א שנור און אייניקלעך. אין זייערע פריידן אוןליידן זײַנען די מאַמע מיטן זון אָפּנהאַרציק, ניט פאַראַן קיין סוידעס. אָבער וועגן כאַסענע האָבן שוויַיגן ביידע. די מאַמע שטויסט זיך אָן, אַז וועגן דעם דאַרף זי ניט פרעגן, איר איַינגעבאָרענע איידלקײַט דערלאָזט עס ניט. שוויַיגט זי, נאָר בעט גאָט, איז צו אים מיספּאַלעל. וואָס קען זי נאָך טאָן?

דער לערער מענאַכעם רובין, וואָס קען אנדערע לערנען און אנדערע טרייסטן, געבן אייצעס, קען זיך אליין ניט געבן קיין אייצע און ניט טרייסטן זיך אליין. ער איז פאַרליבט. פאַרליבט אין זײַנער א שילערן, איצט א געוועזענע שילערן. ווען דאָס מיידל (די טאָכטער פון די ראַקאָוויצקיס) איז געווען זײַן שילערן, האָט ער וועגן זײַן ליבע געשוויגן, אויסבאַהאַלטן. ס'איז ניט פּעדאַגאָגיש און ניט עטיש — דערקלערן זיך א שילערן אין ליבע. אומדערוואַרט האָט דאָס מיידל זיך אופגעהערט צו לערנען, און אזוי אומדערוואַרט האָט זי כאַסענע געהאַט. איר מאַן האָט א שיינע קאַנדיטערײַ. און מענאַכעם רובינס געוועזענע שילערן העלפט דעם מאַן האַנדלען. מענאַכעם קומט אָפּט אַהין אַרײַן. זײַן געוועזענע שילערן, וועלכע מע רופט איצט פרוי ליפּשיץ, באַגעגנט אים מיט א פרײַנטלעכן בליק, קוקט אָף אים לאַנג, נאָר שוויַיגט, זאָגט גאָרניט. דער געוועזענער לערער ווײַזט מיט גאָרניט אַרויס זײַנע געפילן. ער פרעגט אפילע ניט, וואָס זי מאַכט, ווי זי פילט זיך. נאָר איינמאָל, ווען ער איז א לענגערע צײַט ניט געקומען, האָט זי, ווי נאָר ער איז אַרײַן, קימאַט ווי אויסגעשריגן:

— וואָס איז מיט אײַך געשען, לערער?

— גאָרניט, פרוי ליפּשיץ.

— און איך האָב זייער איבערגעלעבט. עפּשער זײַט איר ניט געזונט. קומט צו אונדז אָפטער. איך וויל אײַך זען...

פון זײַן פאַרוואונדערטן בליק, וואָס וויל זיך נאָך אלץ ניט אנטפּלעקן, ניט אַרויסגעבן זיך, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז שוויַיגן טאָר זי מער ניט, האָט זי געזאָגט „אַלעף" — דאַרף זי אויך זאָגן „בייס".

— זאָל אײַך ניט וווּנדערן, לערער, זאָל אײַך ניט וווּנדערן... ווען איר זאָלט ניט זײַן אַזא שעמעוודיקער, אזא אָרנטלעכער און איידעלער, וואָלט דאָך אלץ געקענט זײַן אנדערש. איר מיינט, אַז ס'איז שווער געווען צו זען, אַז איר האָט מיך ליב? אפילע מײַן טאַטע האָט עס דערזען און מיך טייקעף כאַסענע געמאַכט. פאַרוואָס האָט איר ניט דערזען, אַז אויך איך... פאַרוואָס? לערנען יענעם איז, אפּאָנעם, לײַכטער, ווי לערנען זיך. איך האָב געוואַרט, געוואַרט. מײַן פעלער קען איך ניט פאַריכטן, איך האָב א מאַן קעדאָס מוישע וועייִסראָעל. קומט צו אונדז אַלע טאָג, אלע שאָ... איך האָב אײַך ליב.

ער קומט. זײַן געוועזענע שילערן, די יונגע און שיינע, רופט ער מער ניט פרוי ליפּשיץ, נאָר מיט איר נאָמען: פייגעלע. זי רופט אים מענאַכעם. צווישן זייער ליבע גייט דורך א גרענעץ — דער טיש, וואָס איז פול מיט געשמאַקע שמעקנדיקע געבעקסן און שאָקאָלאַדן. זי שטייט פון יענער זײַט, ער — פון דער זײַט.

געבן פייגעלען די האַנט, ווען ער קומט אַרײַן און באַגריסט זיך, פּאַסט ניט. נאָר אַמאָל איבערן טיש א גלעט טאָן איר האַנט האָט דאָך עס גאָרניט צו טאָן מיט שטאַט און לײַטישער אופירונג. דאָס איז שוין בלויז ליבע. אַזוינס קומט פון זיך אליין. די הענט פאַרשטייען זיך, באַגעגענען זיך, גלעטן זיך.

אזוי ציט זיך זייער ליבע.

...צו מענאַכעמען אין געמיטלעכן שטיבל קומט אַרײַן קיווע. פריידע באַגעגנט אים פרײַנטלעך.

— קום אַרײַן, קיווע־לעבן. זעץ זיך. וואָס מאַכסטו?

— ניט גוט. הײַנט דוכט מיר אלץ, אַז די ניטגוטע ווילן מיך באַפאַלן.

— אַל טיפּטאָך פּע לעסאָטן, קיווע טײַערער. דער בוירע־אוילאָם גיט אָף אַלעמען אַכטונג. מענאַכעם, זאָג אים עפּעס.

מענאַכעם רעדט מיט אים, טרייסט אים, דערקלערט אים. און דער טאַמציס פון זײַנע רייד: גלייב אין זיך! זײַ זיכער אין זיך! האָב קיין מוירע ניט, דײַן שרעק קומט פון דיר אליין. קיווע הערט, וואָס פריידע זאָגט אים, ער הערט נאָך מער, וואָס מענאַכעם זאָגט אים.

ער גלייבט זיי, ער בארויקט זיך. אָבער ניט אַף לאַנג. ער פילט ניט קיין מאַמאַשעסדיקן אָנשפּאַר, ער דאַרף אַ שטאַרקע האַנט, וואָס זאָל אים פירן. איינמאָל איז קיין האַראַדנע אָנ־געקומען אַ שאַליעך פון יִיסראָעל סאַלאַנטער, דעם באַוווּסטן מוסערניק און רעבע פון די מוסערניקעס, און געוואָלט דאָ שאַפן אַ מוסער־שטיבל, ווי אין ווילנע, קאָוונע, קעלעם. קיין מוסער־שטיבל גרינדן האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן, נאָר איינצלנע מוסערניקעס זײַנען צו אים צוגעשטאַנען. צווישן זיי — קיווע פריידעס.

די גוטע טרייסט־ווערטער האָבן אים ווינציק געהאָלפן. שטראַף־רייד האָט אַף אים מער געווירקט. ער האָט דערפילט אַ באָדן און אַ גלויבן. דער בייזער גאָט פון שטראָף איז פאַר אים געווען נעענטער און פאַרשטענדלעכער, ווי דער גאָט פון ראַכמים. ער האַלט פעסט קיווען פאַר דער האַנט און פירט אים.

אין אַ וואָך אַרום איז קיווע ווידער געקומען אין הויף מיט שטראַף־רייד. אויך דאָס מאָל האָט זיך גאָרניט באַקומען, קיינער האָט אים ניט געוואָלט הערן. איבער דער שטאָט איז אַוועק אַ קלאַנג, אַז אין דעם איז שולדיק דער אַפּיקוירעס, דער לערער מענאַכעם רובין. די שנײַדערשע שול האָט זיך געעפנט. די סייפער־טוירע האָבן די שנײַדער באַגעגנט מיט טענץ און געזאַנג. און דעם ערשטן שאַבעס האָט מען שימענען אופגערופן מאַפטיר.

15

ניט נאָר מע לאַדט ניט אײַן שימענען און שיינעלען אין געסט צו מאַלקע באַס, נאָר זייערע נעמען ווערן מער ניט דערמאָנט. שימען איז ניט קיין לײַטישער מענטש. בערל פאַרשטייט עס אויך. שימען איז איינער פון די גאַבאַים פון דער שנײַדערשער שול, ער כאַווערט זיך מיטן אַפּיקוירעס מענאַכעם רובין, ער איז אַ גאַנצער יאַכסן אינעם באַלמעלאָ־כישן הויף, ווו מע קען אַ מענטשן באַקליידן און באַשוכן פון קאָפּ ביז די פיס. און הערט נאָר אָן אײַנפּאַל פון אַ גראָבן יונג: מע רופט אים אוף צו דער טוירע, זיצט ער אַף דער לעזשאַנקע און רירט זיך פון אָרט ניט. אַזוינס איז ניט געהערט געוואָרן.

אַפילע באַ ליבע־שעווען אין שטוב איז מען פון שימענען ניט צופרידן. שיינעלע האָט זיך צוליב אים צעווערטלט מיט דער מאַמען.

— וואָס איז, מאַמע, באַ זיי אַזוי דער יִיכעס? באַ גאָט זײַנען אַלע ייִדן גלײַך. מיר לעבן פון האָרעוואַניע און זײַנען לײַטישער פון זיי.

— בערל זאָגט...

— בערל איז אויך קאַליע געוואָרן. שימען זאָגט...

— שימען, שימען, שימען! אויסער אים, איז גאָר קיינער ניט פאַראַן...

— ניט פאַראַן, מאַמע, ניט פאַראַן!

פאַרשטייט זיך, אַז ליבע־שעווע איז צופרידן, וואָס שימען מיט שיינעלען לעבן צווישן זיך גוט, האָבן זיך ליב. אוואדע! אָבער פאַר לײַטן פּאַסט דאָך ניט, וואָס שימען שטעלט זיך אַרויס פאַר ניט קיין לײַט. וואָס וואָלט געווען, ווען ער גייט יאָ צו דער טוירע? פון אים וואָלט עפּעס אָפּגעפאַלן?

— מאַמע, פאַרוואָס ווילסטו ניט לײַדן, ווען אַ שכיינע שעלט דיך? ביסט אומצופרידן. דיך פאַרדריסט עס. און דאָ רופט מען אויס שימענען, אַז גאָט זאָל אים שעלטן. און ווייסט, וועלכע קלאָלעס?

— ביסט געוואָרן אַ רעבעצן, מײַן טאָכטער.

— דער לערער האָט פאַרטײַטשט, סטראַשנע קלאָלעס, מאַמע: „פאַרשאָלטן זײַ אין שטאָט און אין פעלד"; „פאַרשאָלטן זײַ באַם אַרײַנקומען און פאַרשאָלטן זײַ באַם אַרויס־קומען". מאַמע, ווער וויל עס לײַדן? שימען וויל ניט.

— אָבער, טאָכטער, פאַרגעס ניט, אַז בערל איז אַ סויכער, אַ פּאַדריאַטשיק, קיין אײַנ־האָרע ניט, אַ גוויר. אים גיט עס ניט צו קיין קאָוועד. עס פּאַסט דאָך ביכלאַל ניט, מע דאַרף זײַן סטאַטעטשנע, מע דאַרף וויסן ווער עלטער איז. ניט זײַן קיין אַזעספּאָנעם.

— ווייסט, מאַמע, וואָס דער לערער זאָגט: אַף אַ נידעריקן בוים שפּרינגען אַלע ציגן.

— דער לערער, אַלץ דער לערער. פאַרגעס ניט, אַז בערל איז אַרײַן אין יִיכעס. אין אַ שווערער שאָ קען ער העלפן.

— זאָל גאָט אויסהיטן, מיר זאָלן דאַרפן אָנקומען. און הערסט, מאַמע, דער ווײַטסטער וועג איז דאָך צו דער קעשענע.

— דאָס זאָגט אויך דער לערער?

— דער לערער.

פאַר בערלען וואָלט זיך די מאַמע נאָך אײַנגעשטעלט, נאָר וויבאלד עס איז געקומען צו רייד וועגן דער קעשענע, ווייסט זי דאָך, אַז די קעשענע געהערט מאַלקען. און פאַר מאַלקען איז זי זיך ניט מעכוייעוו אײַנצושטעלן. זי ווייסט אויך, ליבע־שעווע, אַז בא מאַלקען אין שטוב האָט מען פײַנט א שנײַדער, א „מענטשן" בא יענעם, זיי האָבן ניט ליב דעם געמיינעם גראַד. דערפאַר זאָגט ליבע־שעווע מער גאָרניט, נאָר אומצופרידן בלײַבט זי, ווײַל „זיי" זײַנען דאָך פאָרט גווירים, פאַרנעמע מענטשן אין דער שטאָט, ייִכעס. בערל, טראַכט זי, קען האָבן הארצווייטעק פון שימענען, פאַרדראָס. און זי איז דאָך א מאַמע...

ס'איז נאָך ניט באַוווּסט, צי בערל נעמט זיך טאַקע צום הארצן. ניט אַלע ווייסן גאָר, אַז שימען איז זײַנער א שוואָגער. מאַלקע האָט אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל וועגן דעם שווײַגן. דערבײַ איז ער פאַרנומען מיט זײַנע געשעפטן און דערצו נאָך אויך מיט דעם, וואָס זײַן עלטער ייִנגל דאַרף אַרײַנטרעטן אין דער רוסישער גימנאַזיע. צווישן די האָראָדנער באַלעבאַטים איז אַזוינס א נײַס. ניט אַלע שטעלן זיך אײַן, ניט אַלע זײַנען צופרידן. מאַלקע באַשטייט אַף דעם, בערל — אויך, דער מאַגיד האָט וועגן דעם גערעדט אין זײַן דראָשע, אָבער קיין נאָמען ניט אָנגערופן. „מע" — מע גיט אָפּ קינדער אין גוייִשע גימנאַזיעס.

## 16

די איינציקע, וואָס זאָגט גאָרניט וועגן שימענען, איז סאָרעלע. זי קען אָבער ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס מע איז אַף אים אַזוי אָנגעשטויסן. אפילע בערל באַשולדיקט אים. סאָפּקאָלסאָף, וואָס האָט שימען פאַר א שלעכטס געטאָן? ער איז א שנײַדער, נאָר ניט קיין גאַנעוו, ניט קיין שווינדלער, ניט קיין מעשומעד. ער איז א פריילעכער, זינגט שיין, איז גאָרניט קיין נאַר. מעגלעך, אַז וועגן שנײַדער ביכלאַל טראַכט זי אַנדערש. אָבער וועגן דעם שנײַדער שימען האָט זי א גוטע מיינונג. מע האָט אים אָפּגערופן און ער איז ניט געגאַנגען — איז ער ניט געגאַנגען! וואָס קומט אים דערפאַר? איר געפעלט גאָר אַזאַ אײַנפאַל. (און ווער האָט עס געזאָגט: דעם מענטשן, וואָס איז דיר אָנגענעם, וועסטו אַלעמאָל באַרעכטיקן, פאַרגעבן). סאָרעלע איז א טאָכטער פון א גוויר און א פּרוי פון א גוויר, נאָר זי מאַכט פון דעם קיין וועזן ניט. זי איז צוגעווינט, איר קומט עס. זי פילט זיך דעריבער פרײַער און טראַכט אַמאָל (און זאָגט אפילע) אַזוינס, וואָס איז אַנדערש פון דעם, ווי אַנדערע טראַכטן און אַנדערע זאָגן. מאַלקע מיינט, אַז די טאָכטער אירע פאַרשטייט ווינציק. און די טאָכטער טראַכט, אַז די מאַמע אירע פאַרשטייט שוין צופיל, מער וויפל מע דאַרף. אין סאָרעלען איז פאַראַן מער ראַכמאָנעס און מיטגעפיל צו מענטשן און צו באַשעפענישן ביכלאַל, ווי ס'איז פאַראַן בא מאַלקען.

די מאַמע זאָגט איר אַמאָל:

— זיצן בא זיך אין שטוב מיט אייגענע קינדער — קען מען זײַן א גוטע. פּרוביר, טאָכטערקע, מיט פרעמדע.

סאָרעלע פאַרטרויט בערלען:

— די מאַמע זאָגט: פרעמדע... פאַר דיר איז דאָך שימען ניט קיין פרעמדער.

— סאָרעלע, עס פּאַסט דאָך ניט. ניט סטאַטעטשנע. קעגן גאָט און קעגן לײַט. ווי פאַרשטייסטו עס ניט, סאָרעלע?

סאָרעלע פאַרשטייט עס טאַקע ניט. זי ענטפערט גאָרניט, נאָר טראַכט דערבײַ: ווי קומט עס צו בערלען? ער רעדט דאָס זעלבע, וואָס איר מאַמע מאַלקע. זיי האַלטן איצט איינער פון אַנדערן. און סאָרעלע באַנעמט: מיט בייזן האָט אים די מאַמע ניט גענומען, מיט גוטן נעמט זי אים.

עס גייט אַוועק א יאָר, עס גייען אַוועק צוויי. עס האָט זיך געעפנט אויך א קאַזאָווישע שול, און קיינער האָט וועגן דעם ניט געטומלט. די רויִקע שטאָט איז אַרײַן אין אירע רויִקע ברעגן. און וועגן שימענס „זינד" האָט מען אויך פאַרגעסן. בערל איז א גוויר, זײַנע קינדער לערנען אין דער גימנאַזיע. פאַר די עטלעכע יאָרן האָבן שימען און בערל זיך ניט געזען, זײַנען געוואָרן אָפּגעפרעמדט, ווי זיי וואָלטן זיך קיינמאָל ניט געקענט און קיין קרויווים ניט געווען. און באַגעגנט האָבן זיי זיך, ווי עס מאַכט זיך אָפּט, אַף א סימכע אָדער אַף א לעווײַע. אויסגעפאַלן איז א לעווײַע.

17

פאַרן טויט האָט פּינכעס באַס געוואָלט זען זעליקן.

וואָס מער פּינכעס פאַרלירט זײַנע פּיזישע קויכעס, אַלץ מער און בעסער אַרבעט דער מויעך, דער געדאַנק. ער זעט פאַרשיידענע בילדער, עס קומען אויף דערמאָנונגען, צופאַלן. אַלץ שווימט פאַר די אויגן שנעל און וואָרהאַפטיק. דאַפקע איצט דערזעט ער אַזוינס, וואָס ער האָט ניט געדאַרפט טאָן, ניט אַזוי האַנדלען, ער האָט כאַראַטע, אָבער פאַריכטן קאָן ער שוין ניט. ס'איז סײַ צו שפּעט, סײַ קיין קויכעס זײַנען שוין ניט פאַראַן. ער האָט זיך פאַרנומען מיט געשעפט, און צווישן די געשעפטן זײַנען אַוועק די יאָרן, דאָס לעבן און די האַנאָע פון לעבן. ווען ער קען איצט כאַפּן צוריק, וואָלט ער שוין געוווּסט, ווי זיך צו באַגיין מיט זיך אַליין און מיט אַנדערע.

די געדאַנקען און בילדער באַוועגן זיך לײַכט, נאָר האָבן קיין וואָג ניט און האָבן קיין מאַמאָשעס ניט. פאַר וועמען דערציילט מען עס? ווער קען פאַרשטיין אַ מענטשן אין די לעצטע טעג פון זײַן לעבן? אַלע אַרום זײַנען פאַרנומען מיט זיך, מיט פאַרדינען, מיט מעקאַנע זײַן און מיט זיך אַליין ליב האָבן. ווער קען און ווער וויל מיטפילן אַ קראַנקן און אַלטן מאַן, וועלכער האַלט שוין אין דער אָפּגעשוואַכטער האַנט די קליאַמקע פון דער טיר, וואָס פירט דעם מענטשן אַרויס אַריבער זײַן לעצטן שוועל.

ער דערמאָנט זיך אָפּט אָן זעליקן. אַ סאַך בילדער קומען אויף, וואָס פאַרבינדט זיי צוזאַמען. אַ סאַך יאָרן זײַנען זיי געווען כאַווייִרים, פּרײַנט. די לעצטע יאָרן זײַנען זיי אָפּגעזונדערט, אָפּגעפרעמדט. שולדיק איז ער אַליין, שולדיק איז מאַלקע. זעליק איז אַלעמאָל געווען גערעכט. ער וויל אים איבערבעטן, שאָלעם מאַכן. זעליק וועט אים פאַרשטיין און מיטפילן. און שוין עטלעכע טעג, ווי ער בעט רופן זעליקן צו זיך.

זעליק ליגט שוין אַליין צו בעט. אויך פאַר אים גייט דורך זײַן לעבן, ער דערמאָנט זיך אָן פּינכעסן, נאָר אַף רופן אים צו זיך קלעקט אים קיין מוט ניט. ליבע־שעווע טרעט פון אים ניט אָפּ. זי ווייסט, אַז דער מאַן אירער גייט אויס און צוזאַמען מיט אים גייט צו ענדע אויך איר לעבן. זי האָט אים קיינמאָל ניט שווער געמאַכט, קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט, אַלעמאָל געשאַנעוועט. איר געוויסן איז ריין. זי קען נאָר ניט פאַרשטיין, ווי מאָדנע גאָט האָט די וועלט באַשאַפן: אַ מענטש קומט אויף מיט טומל און גייט אַוועק שטיל אַף צו פאַרגעסן ווערן.

ווינטער זײַנען געווען צוויי לעוווײַעס. פריִער פּינכעס, דערנאָך אין עטלעכע וואָכן אַרום — זעליק.ביידע לעוווײַעס זײַנען פאָרגעקומען אין די גרויסע פראָסט און קורצע טעג פון מיטן ווינטער. באַגלייטן פּינכעסן איז געקומען אַ גרויסער אוילעם, און באַערדיקט האָט מען אים אַפן שטאָטישן יידישן בעסאַלמען. געזעגענען זיך מיט זעליקן זײַנען געקומען ווינציקער מענטשן. און באַערדיקט האָט מען אים אַפן פאָרשטאָטער יידישן בעסאַלמען. אַף זעליקס לעוווײַע האָבן זיך באַגעגנט שימען מיט בערלען. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיך אָנגעקוקט, און יעדערער איז אַוועק זײַן וועג.

מיט דער צײַט איז ליבע־שעווע, וואָס איז פאַרבליבן אַליין, אַריבערגעפאָרן ווינען צו איר טאָכטער שיינעלע מיט איר מאַן שימען.

18

ניט פייגעלעס טאַטע, שימשן ראַקאָוויצקי, האָט דער ערשטער דערזען, אַז דער לערער מענאַכעם רובין האָט ליב זײַן שילערן. די ערשטע האָט עס דערזען ריווקע־ראָכל.

פייגעלעס טאַטע איז אַ מענטש, וואָס איז שטענדיק פאַרטאָן אין זיך. זעלטן זעט ער, וואָס אַרום טוט זיך. ער איז ניט זיכער מיט זײַנע געשעפטן, און דעריבער טראַכט ער שטענדיק וועגן זיי. ער כעזשבנט, רעכנט, מאַכט כיבער און כיסער. און פּלוצלינג דערשרעקט ער זיך, ער זאָל זיך אַליין קיין אײַנהאָרע ניט געבן.

ריווקע־ראָכל, וואָס עלטערט זיך און ווערט ניט אַלט, וואָס נעמט לײַכט קינדער און רעדט אַמאָל אַ שידעך, ריווקע־ראָכל, וואָס איז אָן אַרײַנגייערן אין פאַרמעגלעכע הײַזער, מוז אַלץ זען און אַלץ וויסן. אין איין הויז זעט זי, אין דעם צווייטן דערציילט זי. אָן אויג האָט זי אַ שאַרפס, אַ צינגל אויך אַ שאַרפס, דערבײַ נאָך אַ בעריע אַף אַ ווערטל, אַ כאָכמע. און וואָס עלטער זי ווערט, אַלץ מער האָט זי ליב זיך צו מישן וווּ מע בעט זי ניט און וווּ מע דאַרף זי ניט. יאָרן פאַרפירן אַמאָל.

זײַענדיק צוגאַסט באַ די ראַקאָוויצקיס, האָט זי אײַינמאָל דערזען, ווי באָם לערנען קוקט פּייגעלע דעם לערער אין די אויגן, און דער לערער האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט. איר איז עס ניט געפעלן געוואָרן. ניט גלאַט עפּעס... זי איז זיך מאַטריִעך געווען, געקומען אַ צווייט מאָל אַרײַנקוקן, ווי דער לערער לערנט מיט זײַן שילערן. און דעמלט האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין:

— ריווקע־ראָכל, דו ביסט דאָך אַ מיוון אָף ליבעס. דו האָסט דאָך אָף דײַן לעבן שוין עפּעס געזען. ער איז פאַרליבט און שעמט זיך. זי איז פאַרליבט און עסט אים מיטן בליק. איצט פאַרשטייסטו שוין, פאַרוואָס ער לאָזט זיך קיין שידעך ניט ריידן. זאָל אָקאָרשט ניט אַרויס קיין בריס פאַר דער כאַסענע. ווײ איז מיר.

ריווקע־ראָכל האָט וועגן דעם איידל און פאַרזיכטיק פאַרפירט אַ שמועס מיט פּייגעלעס מאַמע.

— וואָס רעדט איר, ריווקע־ראָכל, ווי קען עס זײַן? ניט מער, ווי אַ דימיען. דער לערער איז אַ לײַטישער מענטש. פּייגעלע איז נאָך אַ קינד.

— ניט אויסגערעדט זאָל זײַן. קיין צאַדיק איז דער לערער ניט, אָן אַפּיקוירעס. בעסער איז אָפּשפּרעכן אָן אײַנהאָרע פאַר דער קרענק, איידער נאָך דער קרענק.

פּייגעלעס מאַמע, טײַבעלע די בעריע, האָט ניט ליב, אַז מע קוקט איר אין טעפּל אַרײַן, זי האָט עס פּאַשעט פײַנט. דעריבער, ניט געקוקט אָף דעם, וואָס אין דער נאָז, ווי מע זאָגט עס, איז איר גוט פאַרגאַנגען, האָט זי געענטפערט גאַנץ רויק:

— גאָט איז מיט אײַך, ריווקע־ראָכל, זינדיקט ניט. אומזיסט באַריידן אַ מענטשן. ס'איז דאָך לוי דובים וועלוי יאַר.

— האַלוואַי! דער בוירע־אוילעם זאָל געבן גוטע יעשועס.

אָבער ווען טײַבעלע האָט דעם סאָד פאַרטרויט איר מאַן, האָט ער אופגעעפנט די אויגן, פאַרגעסן די כעזשבוינעס, וואָס ער פירט מיט זיך אַליין, און געזאָגט בעקאָל־ראָם:

— אויס לערנען! כאַסענע מאַכן!

דעם שידעך האָט געגרעדט ריווקע־ראָכל.

פון די פיל בריסן און כאַסענעס איז ריווקע־ראָכלען אָף דער עלטער פאַרבליבן אַ שוואַכקײַט צו צוויי זאַכן: אַ ביסל מאַשקע און זיסוואַרג. קומט זי טאַקע דערפאַר אָפּט אַרײַן צו פּייגעלען אין זיסן געשעפט עפּעס אַ נאַש טאָן. דאַרף זיך אַזוי מאַכן, אַז אַרײַנקומענדיק אין דער קאָנדיטערײַ, טרעפט זי דאָרט שוין עטלעכע מאָל דעם לערער. ער שטייט פון דער זײַט טיש, פּייגעלע — פון יענער זײַט. און ביידע שמועסן געמיטלעך.

שוויַיגן וועגן דעם איז איבער אירע קויכעס.

דער טאָג איז אַ הייסער, סאַף טאַמעז. אין קליינעם שטיבל מיטן ביסל פּראָסטן מעבל זיצט באַם טיש פריידע און רייניקט יונגע בורעקלעך פאַר אַ קאַלטן מילכיקן באָרשטש. אין צימער איז קיל, אָבער די היץ פון דער גאַס לאָזט זיך שטאַרק פילן. אומדערוואַרט איז אין שטוב אַרײַן די אַלטע ריווקע־ראָכל.

— הייס! — זאָגט זי. — עס דאָרשט.

— וועל איך אײַך מעכאַבעד זײַן מיט אַ גוט געטראַנק. עפּל־קוואַס!

ריווקע־ראָכל האָט מיט קליינע שלונגען געטרונקען דעם קאַלטן עפּל־קוואַס און זיך געקוויקט:

— אַ מעכײַע! אַ געטראַנק פאַר מאָנאַרכן. אַ מעכײַע.

זי האָט זיך דערפילט אַ ביסל פרישער. די אַלטע, וואָס עלטערט זיך און ווערט ניט אַלט, ווייסט זייער גוט, אַז מע קומט אַרײַן אין אַ שטוב, הייבט מען קיינמאָל ניט אָן גלײַך פון דעם איקער. אָבער היינט, ניט געקוקט אָף דעם, וואָס דער קאַלטער עפּל־קוואַס האָט זי אַ ביסל אָפּגעפרישט און אין שטיבל איז קיל, ליגט דער הייסער טאַמעז־טאָג ווי אַ סרייפע אין אירע ביינער. זי שוויצט, זי איז מיד. און זי גיט ראַפּטום מיט אַ טײַנע אַ פרעג:

— פריידע, פאַרוואָס האָט דײַן זון ניט כאַסענע?!

פאַר פריידען איז עס געוואַלדיק אומדערוואַרט. זי איז באַליידיקט. וואָס האָט די אַלטע אויסגעוועפּטע יִדענע זיך מישן צו איר זון מיט אַזאַ טײַנע?

— וועגן דעם זײַט איר געקומען ערעוו די נײַן טעג, ערעוו טישעבאָוו פאַרגעבן פרעגן וועגן מײַן זון, וואָס האָט מיט אײַך קיין מאַגע־אומאַסע ניט. ווי קומט איר צו מײַן זון? לע־האַוודל דאַרף מען זאָגן. אַ האָזע!

— איך מיין דאָך צום גוטן, פריידע טײַערע. באַ דיר איז אַ גוטער און געראָטענער זון. און באַ מיר איז היינט דער סייכל פאַרטונקלט. מע טאָר קיינמאָל ניט אָנהייבן גלײַך פון

איקער. פריִער דאַרף מען ריידן אַ ביסל איידלקײַט. און איך בין גלײַך אַרײַנגעפאַלן, ווי אַ יאָוון אין סוקע. אָבער גיי אויך אַרײַן אין מײַן לאַגע. איך בין דאָך אַ שאַדכנטע. איך פרעג. פאַר פרעגן קומט דאָך גאָרניט.

די אַלטע האָט מיט קליינע שלונגען געטרונקען און זיך פאָסמאַקעוועט, אַזש געקרעכצט. זי ווייסט אַ גוטן גאַנג: מיט אַ מאַמען, וואָס האָט אַ זון אין די יאָרן און וואָס אײַלט זיך ניט כאַסענע האָבן, דאַרף מען ריידן וועגן אייניקלעך. די אַלטע האָט גוט צוגעטראָפן. אויף פריי־דעס פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אַ גליקלעכער שמייכל: אייניקלעך. ווי דערלעבט מען שוין ווערן אַ באָבע. שוין צײַט.

— איך בין דאָך שוין, קיין אײַנהאָרע ניט, אַן עלטערבאָבע. איר פילט אין דעם גאָרניט, פריידע־לעבן?

— וואָס רעדט איר! ווי דערלעבט מען שוין ווערן אַ באָבע?

— אין וואָס איז די מעניִע?

— איך זאָג אײַך ווי פאַר גאָט, איך ווייס ניט. עפּשער, עפּשער, — זאָגט פריידע ניט זיכער, — עפּשער טאַקע ריידן אַ שידעך. וואָס זאָגט איר, ריווקע־ראָכל?

— וואָס איך זאָג, — איר ציטגל ווייסט וואָס צו זאָגן: „ניט ריידן אַ שידעך, נאָר פריִער אָפּריידן פון אַ פרעמדן שידעך. וואָס לויפט ער אַלע טאָג צו פײַגעלען אין זיסן געשעפט?" ניין, הײַנט וועט זי ניט דערלאָזן, די צונג זאָל באַלעבאַטעווען. פון אַזוינע רייד קען מען מיט פריידען געשען אַן אומגליק. מע דאַרף זי שאַנעווען. — אַ שידעך, אַוואַדע אַ שידעך!

גייענדיק צוריק פון פריידען, האָט זיך ריווקע־ראָכל געפילט, ווי אַמאָל אויף אַ בריס אָדער כאַסענע, ווען זי פלעגט די אָרעמע קרויווים מונטערן, זאָגן אַ גוט וואָרט, זיי זאָלן זיך ניט שעמען, זיך פילן גוט. ס'איז איר מיצווע, איר אוילעמהאַבע — שאַנעוון אַ מענטשן.

אָבער אינגאַנצן פאַרשווײַגן קען זי דאָך אויך ניט. זי האָט פײַגעלען גערעדט דעם שי־דעך. וואָס וועט מען זאָגן: ריווקע־ראָכל איז שולדיק. קומט זי אויף מאָרגן צו טײַבעלען די בעריע און זאָגט:

— איר ווייסט, מיר איז אַ שאָד פײַגעלעס צוקער־געבעקס.

— איך פאַרשטיי ניט.

— זי קען בלײַבן אָן זיסקײַטן.

— וויאַזוי?

— אַלע טאָג קומט צו איר דער לערער מענאַכעם רובין קויפן קיכעלעך און זעמעלעך. דערבײַ שמועסט מען, רעדט מען, קוקט מען זיך אין די אויגן. אַלע טאָג... אַזוי קען ער דאָך אויפעסן דאָס גאַנצע געבעקס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זיך דערוווסט, אַז פײַגעלע איז עפּעס ניט געזונט... אָדער זי איז שוין גאָר אויף דער צײַט. אין דער קאָנדיטערײַ וועט האַנדלען פײַגעלעס מאַן.

דער לערער מענאַכעם רובין האָט אומדערוואַרט און אין איין צײַט גענומען פאַרלירן זײַנע שילער.

אַן אַפּיקוירעס! אָבער דאָס האָט ניט אַזוי שטאַרק געווירקט. אַן אַפּיקוירעס, נאָר אַ גו־טער לערער. מע קלײַבט זיך דען מיט אים אַ שידעך שליסן, וואָס?

ערגער איז געוואָרן, ווען ס'איז אַוועק אַ צווייטער קלאַנג — ער פירט ליבעס מיט זײַנע שילערנס. קיווע האָט וועגן דעם איבער דער גאַנצער שטאָט געשריִען.

מענאַכעמס מאַמע, פריידע, קען עס ניט פאַרשטיין. די וועלט איז מעשוגע. אַזאַ גוטער לערער, ווי איר זון איז, און אַלע שילער זײַנען אַוועק.



די ייִנגלשע יאָרן קומען אַמאָל פון ערגעץ ווײַט־ווײַט, פון אַ צײַט, וואָס איז טאַקע אַמאָל געווען און איז שוין מער ניט פאַראַן. דער זיידע, העשל דער סטאָליער, איז אויף יענער־וועלט. דער טאַטע, זעליק דער „מענטש" באַ יענעם, איז אויך ניט צווישן די לעבעדיקע. אין דער שטוב, וווּ דער זיידע מיטן טאַטן האָבן געלעבט, וווּ ער אַליין איז געבאָרן געוואָרן, וווינען פרעמדע מענטשן. די מײַרעוו־וואַנט אין דער פאַרשטאָטער אַלטער שול איז פאַריאָ־סעמט. די בלעטער און בלומען זײַנען פאַרוועלקט און צעטריקנט. אַלץ איז געווען, און אַלץ איז אַוועק. אַפילו דער „רײַטער" איז ווײַט אָפּגעפאָרן, ניט צו דעריאָגן. און אַנטקעגן דער בענקעניש פון אַמאָל קומט אויף דער לעבעדיקער הײַנטיקער טאָג. אַ ווײַב, קינדער, גע־

שעפטן. צו שפעט עפּעס צו ענדערן. ווארפן ברויט און זוכן ברעקלעך. און אייגנטלעך: ווער וועמען האלט? ער — די געשעפטן, צי די געשעפטן — אים?

אוודע איז אמאָל גוט יענע יאָרן צו דערמאָנען, אפילע בענקען, באזונדערס ווען ער קומט אהיים א מידער. הײַנט איז אזא טאָג.

הײַנט איז א טאָג פון סאָף זומער. די מישפּאָכע איז שוין פון דער דאטשע אריבערגעפאָרן אין שטאָט ארײַן. די קאניקולן ענדיקן זיך, און עס הייבט זיך אָן דאָס נײַע לערניאָר אין די גימנאזיעס.

דער אָוונט איז א רויִקער, א שטילער. די סעדער זײַנען פול מיט רײַפע פרוכטן. עס בליט די גאָלדענע געלקײַט אף די בלעטער. און דער זון־פארגאנג באשײַנט דעם שפּינוועבס צווישן די צווײַגן.

אָנהייב עלעל. הײַנט האָט מען אין אלע באָטעמעדראָשים געבלאָזן שויפער. און דער הײַנטיקער טאָג האָט שוין נאָר א ווערט, ווי א צוגרייטונג צו יאָמימנויראָים — ראָשהאשאָנע און יאָמקיפּער.

בערל פעדער איז געקומען אהיים. סאָרעלע מיט די קינדער ווארטן אף אים. און ווידער וווּנדערט זיי הײַנט: וואָס איז געשען?

פריִער, ווי נאָר בערל פלעגט אריבער די שוועל, האָט ער גלײַך געײַלט צו זײַן סאָרעלען, צו זײַנע קינדער. מאלקען פלעגט ער אויסמײַדן. איצט טרעפט, אז קומענדיק אהיים, גייט ער די ערשטע זאך צו מאלקען אין איר געראמען ליכטיקן צימער דערציילן, וואָס פארן טאָג האָט פּאסירט, און זיך מעיאשעוו זײַן וועגן די געשעפטן אף מאָרגן. סאָרעלען פארדריסט עס. די קינדער וווּנדערן זיך.

מאלקע ווארט אף בערלס קומען. זײַן דערציילן און זײַן פרעגן אן אייצע דערהאלט זי באם לעבן. זי, הייסט עס, איז נאָך די באלעבאָסטע, זי פירט אָן. דאָס מאכט זי אפילע ייִנגער. די אלע כאלאסן, וואָס קומען לאנגזאם שטיל אף דער עלטער, גאנווענען זיך ארײַן און ווילן ניט אָפּטרעטן, טרײַבט זי פון זיך. זי פּוצט זיך נאָך, באשטעלט נײַע קליידער און האָט האנאָע פון א קאָמפּלימענט, אז זי איז נאָך קיין אײַנהאָרע, קיין אײַנהאָרע ניט... בערל איז בא איר איצטער דאָס אייבערשטע פון שטייסל. זי איז אים דאנקבאר, זי האָט אים ליב, זי זאָרגט פאר אים. איר געפעלט זײַן שיין אָנטאָן זיך, זײַן ברייטע האנט אף געבן א נעדאָווע, ווי עס פּאסט פאר א גוויר. זי איז צופרידן, וואָס מע גיט אים אָפּ קאָוועד, וואָס מע אכט אים. סאָרעלען האָט זי אפילע געמאכט א באמערקונג, אז זי זאָרגט ווינציק וועגן איר מאן.

סאָרעלע וווּנדערט זיך. בערל וואָלט זיך דאָך לײַכט געקענט אָנשטויסן, אז זי איז אומצופרידן. אָבער אין אזא טאָג, ווי הײַנט, קען בערל זיך ניט באגיין אָן מאלקען. די סעדער זײַנען פול מיט רײַפקײַט. די בלעטער לויכטן ארויס מיט זייער שיינער מידקײַט. די שטילקײַט פון דעם אָוונט זעצט זיך אָפּ מיט אומרו אין דער נעשאָמע. אָנהייב עלעל. אינדערפריִ באלאָזט מען שויפער. מענטשן נעמען מאכן דעם כעזשבן צווישן זיך און צווישן זיך מיט גאָט. פילט זיך בערל ניט זיכער. קומט צו א כעזשבן מיט זיך, ווערט ער אומרויִק, ער קען פארשפּילן. ער דארף, ווער עס זאָל זײַן צווייפל בארויִקן. ווער עס זאָל אים זאָגן, אז זײַן וועג איז א ריכטיקער, א באשערטער. ער האָט ניט וואָס צו צווייפלען.

וואָס קען אים סאָרעלע זאָגן? פון געשעפטן וויל זי ניט הערן. מיט דעם, זאָגט זי, פארנעמען זיך מאנצבלען. זי וויל פריילעכקײַט, מענטשן זאָלן זען איר יונגקײַט און שיינקײַט. אירע קינדער זאָלן געפעלן ווערן. זי וויל עפּעס פאר דער נעשאָמע: פײַנקײַט, קלוגשאפט. אָט דאָס אלץ, וואָס זי האָט אמאָל דערוואַרט פון בערלען. און בערל... בא בערלען האָט מען עס צוגענומען, ער פארמאָגט עס מער ניט. ער דארף, אז מע זאָל באגיטיקן דאָס, וואָס ער טוט און קען טאָן. און דאָס פילט אויס מאלקע.

בערל און מאלקע דערגאנצן איינער דעם אנדערן. זי בארעכטיקט אים, און ער בארעכטיקט זי.

20

אלץ אָפטער קומט בערל צו מאלקען. סאָרעלען פארדריסט עס: וואָס איז ער? א ייִנגל! אָפּגעבן כעזשבן, פרעגן אייצעס? בא לייען טוט זיך ניט אזוי. איר מאן דערלאָזט גאָרניט, אז מע זאָל זיך צו אים מישן. און זי גייט צו איר שוועסטער לייען, פרעגן אן אייצע.

לייע מיט איר מאן לעבן צווישן זיך, ווי ביידע ווײַזערס אף א זייגער. אויסגערעכנט, ריכטיק, פּינקטלעך. פריִער האָבן זיי איינער צום אנדערן געהאט גרויס אכטונג, איצט האָבן

זיך ביידע שטארק ליב. זיי קענען זיך גאָרניט פאָרשטעלן, ווי וואָלטן זיי געקענט איינער אָן דעם אנדערן לעבן. די נאטור גיט ניט אלץ אלעמען. איינעם — מער שיינקײַט, א צווייטן — מער סייכל. לייע און איר מאן האָבן מער כאָכמע. סאָרעלע — מער שיינקײַט. לייען מיט איר מאן איז לײַכטער צו לעבן. אלץ איז פארשטענדלעך, זיי ווייסן, וואָס זיי קומט, און מער פאָדערן זיי גאָרניט. און דעריקער: זיי קענען אויסקומען מיט זיך אליין, אָן אנדערע מענטשן.

סאָרעלען איז שווער. בערל פארשטייט זי ניט. די מאמע פארשטייט זי ניט. זי קען ניט לעבן אליין פאר זיך, אָפּגעריסן פון מענטשן. איר איז אומעטיק, זי איז אומצופרידן, דאָס לעבן גייט אוועק. זי קומט צו דער שוועסטער. ביידע גייען ארויס שפּאצירן, קיינער זאָל זיי ניט שטערן. און ווי מיט יאָרן צוריק, ווען זיי האָבן איינמאָל שפּאצירט, איז אויך הײַנט דער אָוונט אָנגעפּילט מיט אומעט און בענקעניש. און אויך הײַנט איז ניט באוווסט, נאָך וועמען און נאָך וואָס דער אָוונט בענקט. דעמלט איז געווען אָנהייב פרילינג. איצט איז סאָף הארבסט.

— זאָג מיר, שוועסטער, — בעט זיך סאָרעלע, — וואָס איז געשען מיט בערלען?

— וואָס פארשטייסטו ניט? ער איז א מענטש, קען מען זאָגן, וואָס האָט זײַן אייגן לעבן דערשטיקט.

— וואָס רעדסטו, לייע?!

— ער לעבט מיט א פרעמד לעבן.

— לייע...

— צוליב דיר, שוועסטער, צוליב דיר און דײַנע קינדער...

— איך פארשטיי דיך ניט, לייע, דו שרעקסט מיך.

— שרעקן זיך איז ניטאָ וואָס. און די מאמע, סאָרעלע, טוט ריכטיק, וואָס זי האלט אים אונטער. זי וויל, אז דאָס לעבן בא אים זאָל ווערן אן אייגנס. וואָס זשע דען? ווידער ווערן א שניצער? ער האָט די קונסט לאנג פארגעסן. ער זאָל ווערן א קאפּצן? ווער עס האָט פארזוכט געלט, וויל עס ניט אָפּגעבן. אָן געלט, שוועסטער, איז קיין לעבן ניטאָ. און דו...

— איך? וואָס איך?

— זײַ מיר מוחל, סאָרעלע, טראכסט נאָר וועגן זיך. העלף דײַן מאן אין א שווערער מינוט.

פון לייען גייט סאָרעלע אוועק מיט דעם, מיט וואָס זי איז געקומען. לייען פארשטייט זי אויך ניט. עמעס, לייע איז א קלוגע, אפילו א געבילדעטע, נאָר פארשטיין זי איז שווער. א פרעמד לעבן, אן אייגן לעבן... פארוואָס קענען שימען און שיינע לעבן אן אייגן לעבן? פארוואָס איז בא זיי פריילעך? פארוואָס קען שימען באשטיין אף זײַנס?

21

אין יענעם טאָג, ווען סאָרעלע איז אומגעריכט געקומען צו שימענען און שיינען אין דער ניט גרויסער און ניט רײַכער דירע, איז געפאלן דער ערשטער שניי, וואָס האָט זיך ווינטערדיק אויסגעלייגט איבער דער שטאָט.

מיט סאָרעלען האָבן זיך אלע דערפרייט. שימען, וואָס איז געזעסן בא דער ארבעט מיט א פארסטריגעוועט רעקל אין דער האנט, האָט די ארבעט אָפּגעלייגט און איז סאָרעלען ארויס אנטקעגן.

— שוועגערן, א גאסט! זעצט זיך, דערציילט, וואָס מאכט מען בא אײַך, דער מאן, די קינדער, די מאמע...

ליבע־שעווע האָט ארומגעכאפּט די שנור קושן. זי האָט זייער געוואָלט וויסן, וואָס אזוינס איז געשען, פארוואָס סאָרעלע איז אזוי אומגעריכט געקומען. געפרעגט האָט זי ניט. עס האָט זיך באקומען, ווי נעכטן וואָלט זי דאָ געווען און הײַנט איז זי דאָ ווידער.

שיינעלע שווײַגט. איר האָט דאָס הארץ אונטערגעזאָגט עפּעס ניט קיין גוטס. אזוי לאנג ניט געווען... וואָס אזוי פלוצלינג געקומען? זי פארשטייט עס ניט. אָבער ניין, ניט דאָס מיינט שיינעלע. ניט זי פארשטייט עס ניט, נאָר איר געפעלט עס ניט. איר געפעלט ניט, וואָס סאָרעלע איז נאָך אזוי שיין. און וואָס איר שיינער מאן, שימען, איז נאָך שענער געוואָרן, ווען סאָרעלע איז אָנגעקומען, ער לויכט ארויס, די אויגן שײַנען. און ווידער דוכט איר, און עפּשער דוכט איר גאָרניט, אז שימען מיט סאָרעלען קוקן פריילעך איינער אפן אנדערן. איר פארדריסט עס.

אין שטוב איז יאָמטעוודיק, שימען איז הײַנט באַזונדערס קלוג. ליבע־שעווע פרעגט אויס, וואָס בערל און די קינדער מאַכן. סאָרעלען איז גוט. און דער קיבעד, וואָס די שוויגנ־דיקע שײנעלע דערלאַנגט צום טיש, איז איר געפעלן. שטאַרק האָבן באַ איר אויסגענומען די פּיש־קנײדלעך פון סטינקעס, געקאָכט מיט בולבע, ציבעלעס און פעפער. זי עסט און וווּנ־דערט זיך: פאַרוואָס האָט זי באַ זיך אין שטוב אַזאַ געשמאַקן מײַכל ניט געגעסן.

שאַבעס וועט זי קומען מיט בערלען, מיט די קינדער הערן זינגען. שימען איז פון דעם צופרידן. ליבע־שעווע איז אַפן זיבעטן הימל. שײנעלע שווײַגט. גײענדיק אַהײם, איז סאָרעלע אַ גליקלעכע. ער איז דאָך טאַקע אַ שײנער, שימען, אַ קלוגער, אַ פרײלעכער. אַפן האַרצן איז איר גוט, דער אומעט איז אַוועק, די אומצופרידנקײַט איז פאַרשוווּנדן. איר געמיט איז אָנגעלאָדן מיט גוטסקײַט, מיט אָנגענעמע געדאַנקען. און עס באַקומט זיך, אַז זי איז שוין מיט עפּעס פאַרנומען און דאַרף זיך ניט אַרומדרײען, ווי אַן איבעריקע.

שאַבעס וועט זי אים קומען הערן זינגען. אָבער שאַבעס איז זי ניט געקומען. פרײַטיק־צונאַכטס האָט זי זיך אויסגעפּוצט. זיצנדיק באַם טיש, האָט זי האַנאָע פון איר קערפּער און פילט זיך, ווי פאַר אַ וויכטיקער געשעעניש. זי טראַכט: צי זעט מען באַ שײנעלען (זי שעמט זיך צו טראַכטן „באַ שימענען״), ווי שײן זי איז אָנגעטאָן און ווי גוט איר איז. דעם גאַנצן אָוונט שוועבט זי אין די הימלען. שפּעטער, אַז זי לײגט זיך אין בעט, וווּנדערט זי זיך קימאַט, וואָס זי איז אַלײן. זי שלאָפט אײַן, און איר כאַלעמט זיך, אַז שימען איז צו איר געקומען. ער נעמט זי אַרום און זאָגט:

— סאָרעלע, איך ווײס דאָך, אַז דו האָסט מיך ליב, לאָמיר זיך קושן. — זײ קושן זיך. זי דערפילט זײַן לײַב.

זי האָט זיך אופגעכאַפּט אַן אָפּגעגאָסענע מיט שווײס. דערשראָקן און מיט גרויס האַרצ־קלאַפּעניש האָט זי זיך פון אַלע זײַטן אַרומגעקוקט. גאָט צו דאַנקען, אַ כאַלעם! זי זיצט אַפן בעט מיט צונויפגעלײגטע הענט איבער אירע בריסט, ווי זי היט זײ אָפּ פון עמעצן. זי פילט אָף זיך אַ פרעמדן שווײס, פרעמדע הענט, זי איז זיך אַלײן פרעמד. זי איז זיך דערווידער. איר שײנער טרוים האָט זיך אויסגעלאָזט פאַר מיאוס. איר איז ניט גוט, ניט גוט. און שולדיק איז זי אַלײן! לײע איז גערעכט. אַ מאַן...

אָף דעם אַנטקעגנדיקן בעט שלאָפט שטיל איר מאַן. זי איז צו אים אַרײַן.

22

מאַלקען האָט זיך ניט געוואָלט גלײבן, אַז אויך זי וועט שטאַרבן. זי ווײסט דעם סאָד פון לעבן. ניט נאָכגעבן, ניט אונטערגעבן זיך קײן שוואַכקײַטן. אַ בעט מאַכט קראַנק.

עמעס, וואָס ווײַטער, האָט זי זיך אַלײן געמוזט נעמען נאַרן: איר טוט גאָרניט ווײ, זי איז געזונט. און מע דאַרף זאָגן, אַז די גענאַרערײַ האָט אָפּט געהאָלפן, באַזונדערס האָט עס געהאָלפן אין די פאַרנאַכטן, ווען בערל קערט זיך אום אַהײם. אין די פאַרנאַכטן קוקט זי אַרויס דורך די פענצטער, זי וויל אים זען. זי גײט אַרום נאָענט באַ דער טיר, זי וויל דער־הערן זײַנע טריט. זי פילט זיך דעמלט ייִנגער, אַלנפאַלס, ניט אַלט. מאַלקען קלעקט סײכל אָף דעם, אַז זי זאָל זיך ווינציקער קוקן אין שפּיגל. אָן אַ שפּיגל דוכט איר אַמאָל, אַז זי איז נאָך יונג און שײן, אַזאַ, ווי אין די ערשטע יאָרן נאָך דער כאַסענע. און דאָס פאַרפירט זי צו ווײַט: זי דערמאָנט זיך איר קויעך, ווען זי פלעגט פאַרן שלאָף זיך אויספּוצן און האַלב אויסגעטאָן זיך אַרומדרײען אַרום פינכעסן. ער פלעגט צו איר קומען, זײַן אַ גוטער און אַ נאָכגיביקער. זי פאַרגעסט, ווו זי האַלט אין דער וועלט, און גיט אָף זיך אַ קוק אין שפּיגל. זי האָט באַלד כאַראָטע. און דעמלט ווערט פאַר מאַלקען נאָך מער פאַרשטענדלעכער, אַז דאָס אײנציקע, וואָס האַלט זי באַם לעבן, איז בערלס דערצײלן, זײַן פרעגן אַן אײצע. אין דעם ליגט איר כּיעס, איר ווילן לעבן. אין אַזאַ טאָג פאַרהאַלט זי בערלען לענגער, פרעגט אײן מאָל און נאָך אַמאָל סײַ וועגן זײַנע געשעפטן, סײַ וועגן אַלע נײַסן אין דער שטאָט. נאָר אָט איז געשען, אַז הערנדיק בערלען, האָט זי אַ דרעמל געטאָן. עס האָט געדויערט אַ סעקונ־דע, אַ מינוט, ניט מער, נאָר אָף מאַלקען האָט עס שטאַרק געווירקט.

— מיר ווערן טאַקע אַלט, מײַן פרײַנט, — האָט זי זיך אַלײן געזאָגט.

פון דעמלט אָן איז איר ערשטער פאַרלאַנג געווען צו זײַן וואַך און מונטער און ניט דורכצולאָזן קײן אײן וואָרט פון בערלס רײד.

בערלען אַלײן ווילט זיך איצט ווינציקער זיצן באַ מאַלקען. אים ציט צו סאָרעלען, וועלכע וואַרט אָף אים און וויל אויך אַלץ וויסן. זי האָט אים עטלעכע מאָל געזאָגט:

— ווארט אויס, מײַן מאַן, דערווײַל פרעג איך נאָר. מיט דער צײַט וועל איך געבן אײַ־צעס אויך. א מאַן און א ווײַב זײַנען דאָך בײדע ווי ווײַזערס אף א זײגער.

בערל איז פון דעם שטארק צופרידן. וויבאלד סאָרעלע איז מיט אים, וויבאלד זי פאַר־שטײען זיך גוט, וואָס פעלט אים?

עס האָט געטראָפן, אז מאלקע איז נאָכאמאָל אײַנגעשלאָפן אינמיטן בערלס דערצײלן. דאָס מאָל שוין ניט אף אײן מינוט, ניט אף צוויי. און אז זי האָט זיך אופגעכאפּט, האָט זי גאָרניט באמערקט, אז זי איז געשלאָפן. פון יענעם טאָג אָן האָט מאלקע, כאָטש זי האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, דערפילט די אלטקײט. פון בערלס קומען און דערצײלן ווערט זי גיך מיד. און ביכלאל גײט שוין בערל פריִער צו סאָרעלען, וועלכע וואַרט אף אים און באַ־געגנט אים מיט ליבשאפט.

צו מאלקען קומט ער אלע אָוונט, פרעגט, וואָס זי מאכט, ווי זי פילט זיך. עפּשער דאַרף מען רופן א דאָקטער? ניין, זאָל גאָט אויסהיטן! זי איז געזונט. איר איז גוט צו זיצן אין גרויסן ווײכן שטול. אײנדערעמעסן טאקע, ווען מע קומט צו איר אַרײַן, זיצט זי אפן שטול. אָבער מיט יעדן מאָל ווערט מאלקע אלץ ווינציקער און דער שטול אלץ מערער. מיט איר אקשאָנעס ניט אונטערצוגעבן זיך (א בעט מאכט קראַנק) האָט זי דאָך עפּעס אויסגעפירט: זי איז גע־שטאָרבן ניט ליגנדיק, נאָר זיצנדיק.

א גרויסע לעווײַע איז געוועזן. ליבע־שעווע, אַן אלטע, הויט און בײן, איז צוזאמען מיט שײנעלען געקומען צו דער לעווײַע. און ווי שטענדיק, האָבן מענטשן, גײענדיק צום בעסאָל־מען, געטראַכט: קײנער קען עס ניט אויסמײַדן. און דערנאָך, גײענדיק צוריק, צוגעגעבן: דערווײַל לעבט מען — דאַרף מען לעבן.

בערל איז אַן אָנגעזעענער באלעבאָס אין דער שטאָט. און סאָרעלע גיט אים שוין אײַצעס. אירע אײַצעס האָבן קײן גראַשן ניט די ווערט, אָבער דאָס איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז דאָס, וואָס זי גיט די אײַצע, וואָס זי לעבט מיט זײַן לעבן, וואָס זי איז צו אים א שוטעף. ער איז ניט אלײן.

אמאָל אָבער פאַרבענקט זיך סאָרעלע נאָך „יענע" יאָרן, ווען זי איז געווען א קאלע און בערל — א כאָסן. זי קוקט דעמלט מיט פאַרכאָלעמטע אויגן אין פענצטער. פון דער נאָענט זעט זי גאָרניט, דערפאַר זעט זי איצט זײער ווײַט: בערל קושט זי... און זי זאָגט אים: ביסט א שלעכט ייִנגל. איך האָב דיך פײַנט! דערנאָך זעט זי, ווי אינמיטן דער קאלטער ווינטערדיי־קער נאכט לויפט זי צו בערלען.

— ווען איז עס געווען? עפּשער איז עס גאָרניט געווען?

אמאָל איז אויסער הײמישקײַט געווען אויך פרײלעכקײַט. איצט איז פאַרבליבן נאָר הײ־מישקײַט.

און אײנמאָל, ווען בערל פעדער איז געקומען צו זיך אהײם, האָט ער דערזען: אף א שײן טישל שטײט „דער רײַטער אפן פערד". בערל איז געוואָרן איבעראַשט און שטארק פאַר־וווּנדערט: פונוואַנען, וויאַזוי? און ס'איז ווידער צו אים אָנגעקומען די בענקעניש, ווי מיט יאָרן צוריק, ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן דעם „רײַטער". און ווי דעמלט, זײַנען פאַר אים אויך איצט ציטעריק אופגעקומען זײַנע גוטע ייִנגלשע יאָרן באַם זײדן העשל אין שטוב. יאָרן מיט האָפענונג און ליבע. יאָרן, ווען ער האָט געגלײבט אין זיך, ווען די פאַנטאַזיע איז געווען לעבעדיק און רײַך.

און איצט... ווער איז ער און וואָס איז ער?

ער פאַרמאַכט די אויגן, זײ זײַנען געוואָרן פײַכט.

מיכאַל לוואָוו

# די שווּע

די לופט־שלאַכט מיט דער עסקאַדרע „יונקערסן“, וועלכע האָט זיך געריסן צו לענינגראַד, האָט זיך צעפלאַקערט גאָר נאָענט איבער אונדזער אעראָדראָם. אַלץ וואָלט געווען נאָרמאַל, ווען די „יונקערסן“ וואָלטן פּלוצעם ניט באַקומען אַן אונטערשטיצונג: אַנטקעגן די באַלטייצעס איז געפלויגן א טשאַטע „מעסערשמידטן“. דער קאָמאַנדיר פון אונדזער עסקאַדריליע האָט באַפוילן:

— איבערשניידן זיי דעם וועג!

און טייקעף האָט יעווגעני ציגאַנאָוווס רינג זיך געלאָזט אין אַטאַקע קעגן צוועלף „מעסערשמידטן“. וולאַדימיר פּעטראָוו און אַלעקסאַנדער פרידמאַן האָבן איבערגעכאַזערט יעדן מאַנעוור פון זייער קאָמאַנדיר. אינדרייען האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן אין דער פאַשיסטישער גרופּע און גלײַך צעשטערט איר פריערדיקע אָרדענונג. מיט א טרעפלעך פײַער האָט ציגאַנאָוו אַראָפּגעקלאַפּט איין היטלערישן פאַרניכטלער, און יענער האָט זיך אופגעריסן אָף דער ערד. דער צווייטער, נאָך דעם ווי פּעטראָוו האָט אַרויסגעלאָזט אין אים א סעריע פּאַטראָנען, האָט א פאַל געטאָן אָף די ביימער, גלײַך ווי ער וואָלט געפּרוּווט זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. דעם דריטן אעראָפּלאַן האָט אַראָפּגעקלאַפּט פרידמאַן — דאָס איז געווען זײַן פערטער זיג פאַר די ערשטע צוויי וואָכן פון דער מילכאָמע. דער רינג איז ווידער געפלויגן אײַנייעם — די שלאַכט האָט געדויערט. פרידמאַן האָט באַמערקט, אַז די באָמבאַרדירער זײַנען געצווּנגען אַרויסצוּוואַרפן זייערע באָמבעס — הייסט עס, אַז קיין לענינגראַד לאָזט מען זיי ניט. אָבער, געקומען צו־זיך נאָך די פאַרלוסטן, האָבן נײַן פאַשיסטישע פאַרניכטלער אַנטשיידן זיך א וואָרף געטאָן אָף אונדזער דרײַלינג.

פּעטראָווס אעראָפּלאַן האָט זיך איבערגעקערט אינדערלופטן, דער מאָטאָר איז אַנשוויגן געוואָרן, און בלויז דורך א נעס האָט זיך וולאַדימירן אײַנגעגעבן איבערצופירן די מאַשין אין א פּלאַניר־רעזשים און אַראָפּנידערן אָפן אעראָדראָם. דעם פּליערס פּאָנעם איז געווען באַגאָסן מיט בלוט. ער איז געווען פאַרווּנדעט.

און דאָרט, אין דער הייך, האָט די שלאַכט ניט אופגעהערט. אין א געוויסן מאָמענט האָט איינעם א פאַשיסטישן שפּאַרבער זיך אײַנגעגעבן צוגיין נעענטער צום קאָמאַנדיר פונעם רינג. פרידמאַן, דער ייִנגסטער אינעם דרײַלינג, האָט זיך געשלאָגן מיט צוויי אַנדערע „מעסערשמידטן“, וועלכע האָבן אים אַרײַנגענומען אין צוואַנגען. יאָ, ס׳איז אים געווען שווער. נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז דעם קאָמאַנדיר דראָעט א געפאַר, האָט ער אונטערן סוינעס קוילן־האָגל געמאַכט א שאַרפן מאַנעוור און אונטערגעצונדן דעם פאַשיסטישן אַס. גלײַך נאָך דעם האָט ער זיך גענומען פאַרן שטורוואַל, קעדיי אופהייבן די מאַשין אָף דער נייטיקער הייך, נאָר אין דאָזיקן מאָמענט האָט דעם רויטשטערנדיקן אעראָפּלאַן אופגעטרייסלט אַן אופרײַס, ער האָט נאָך א צײַט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער, נאָר דערנאָך, פּיקירנדיק, זיך אַרײַנגעשניטן אין דער ערד. דער באַלטישער פּליער אַלעקסאַנדער פרידמאַן האָט מיט דער פּרײַז פון זײַן לעבן געראַטעוועט דעם קאָמאַנדיר.

וועגן פרידמאַנען האָט מען א סאַך געשריבן אין דער פּילטיראַזשקע „פּאָבעדאַ“, און בא די באַלטייצעס האָט זיך פאַרקריצט אין זיקאָרן זײַן פאַמיליע. אַזוי גוט פאַרקריצט, אַז ווען אין „פּאָבעדאַ“ האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּט באַווײַזן קאָרעספּאָנדענצן מיטן אונטערשריפט „פרידמאַן“,

האָבן פיל לייענער באַשטימט, אַז דאָס איז דער זעלבער העלד, וועלכער האָט געראַטעוועט זײַן קאָמאַנדיר: ער איז, ווײַזט אויס, ניט אומגעקומען, מע האָט אים בלויז פאַרוואונדעט. פליִען דערלויבט מען אים ניט — האָט מען אים גענומען אין רעדאַקציע.

אינדערעמעסן אָבער איז דאָס געווען ניט אַלעקסאַנדער, נאָר מיכאַיִל פרידמאַן, א פּראָפעסיאָנעלער לענינגראַדער צײַטונגס־רעפּאָרטיאָר. פאַר דער גאַנצער מילכאָמע איז אים ניט אויסגעקומען אפילע איין מאָל אויסשיסן. עמעס, ער אַליין איז א סאַך מאָל באַשאָסן געוואָרן. די פראָנט־צײַטונג פלעגט אויסקומען אַרויסצולאָזן אין רעדאַקציע־פורגאָן אונטער באָמבאַרדירונגען, אונטער א האָגל פון קוילן.

יעווגעני ציגאַנאָוו

מיכאַיִל פרידמאַן

אין יאַנוואַר 1942, בייס איך האָב זיך אומגעקערט פונעם אַעראָדראָם, האָט מיך מיכאַיִל פרידמאַן באַגעגנט מיט א נײַס: דער פאָלקס־קאָמיסאַר פונעם מיליטערישן יאַם־פלאָט אַדמיראַל קוזנעצאָוו האָט געמעלדן אין א באַפעל, אַז אונדזערע צוויי פאָלקן איז צוגעאייגנט דער טיטל גוואַרדייִשע.

— דער שעף פונעם פאָליט־אָפּטייל, — האָט ער פאַרגעזעצט, — האָט באַפוילן אָנשרײַבן א טעקסט, וואָס זאָל דינען די באַלטײַצעס פאַר א שוווּע. אָבער עס גייט בא מיר צו שווערלעך. נאַ, לייען.

מיכאַיִלס האַנטשריפט איז א דײַטלעכער. איך לייען:

„הײמלאַנד, הער אונדז! הײַנט גיבן מיר דיר א הייליקע שוווּע אַף טרײַהײַט...

הײמלאַנד! קאַלזמאַן אונדזערע הענט האַלטן דעם שטורוואַל פונעם אַעראָפּלאַן, קאַלזמאַן די אויגן זעען די ערד, קאַלזמאַן אין אונדזער ברוסט קלאַפּט דאָס האַרץ און אין די אָדערן שטראָמט דאָס בלוט, וועלן מיר קעמפן, וועלן מיר שלאָגן און פאַרניכטן די פאַשיסטישע כײַעס, ניט וויסנדיק פון קיין שרעק, אָן ראַכמאָנעס שלאָגן דעם סוינע, פאַראַכטנדיק דעם טויט — אין נאָמען פונעם פולן און ענדגילטיקן זיג איבערן פאַשיזם.

זאָל ציטערן דער פײַנט — זאָל ער ניט וואַרטן אַף קיין באַגנעדיקונג פון די גוואַרדייער. די גוואַרדייער טרעטן ניט אָפּ. א גוואַרדייער קאָן שטאַרבן, נאָר ער מוז זיגן.

די רויטע פאָן פון דער סאָוועטישער גוואַרדיע וועלן מיר באַשיצן און היטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג... מיר וועלן זי דורכטראָגן דורכן שטורעם פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע צום ליכטיקן טאָג פונעם זיג.

א טויט די דײַטשישע אָקופּאַנטן! זאָל לעבן אונדזער באַליבט הײמלאַנד!"

הינטער אונדז הערט זיך די שטים פונעם שעף פון פאָליט־אָפּטייל סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש בעססאָנאָוו:

— אַנו, נאָכאַמאָל. פון אָנהייב.

איך לייען דאָס צווייטע, דאָס דריטע מאָל. דערנאָך — לויט אַבזאַצן. עטלעכע ווערטער האָבן מיר אויסגעבעסערט. בעססאָנאָוו זאָגט פײַערלעך:

— אינעם נומער אַף דער ערשטער זײַט!

פרידמאַן האָט עטלעכע טעג קיינעם צורו ניט געלאָזט, געהאַלטן אין איין פרעגן:

— ס'איז ווירקלעך גוט?

— פּאַשעט אויסגעצייכנט! — האָבן מיר געענטפערט.

— ווען ס'זאָל געווען זײַן מער צײַט, — האָט מישע צוגעלייגט די האַנט צום האַרצן, — אַז מע האָט געגעבן אינגאַנצן דרײַ שאָ...

איך האָב געזען, ווי ס'האָט געגעבן די דאָזיקע שוווע דער לעגענדאַרער דרײַצנטער פּאָלק, דער זעלבער, וואָס האָט פאַרטיידיקט כאַנקאָ, טאַלין, לענינגראַד, דעם לאַדאָגער וועג פון לעבן (דער פּאָלק האָט דערנאָך געהייסן דער פערטער גוואַרדייִשער). אַדמיראַל טריבוץ, הויפּט־קאָמאַנדיר פונעם רויטפּאַניקן באַלטישן פלאָט, האָט איבערגעגעבן די לענינישע פאָן דעם פּאָלק־קאָמאַנדיר באָריס מיכײַלאָוון און דעם קאָמיסאַר סטעפּאַן כאַכילעוון. און ווען דער פּאָלק, שטייענדיק אויף די קני, האָט געגעבן די שוווע, האָט אויך דער אַדמיראַל צוזאַמען מיט אַלעמען איבערגעכאַזערט יעדער וואָרט. די שוווע איז, ווי אַ שטרענגע קאַמפּס־ליד, איבערגעכאַזערט געוואָרן אין דער גאַנצער באַלטיק, דערנאָך האָט זי געקלונגען אויפן צאָפן און איבערן שוואַרצן יאַם. דער לענינגראַדער זשורנאַליסט מיכאַיִל פרידמאַן האָט אַליין אויך געגעבן די דאָזיקע שוווע. אונדזער מיליטער־טייל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער ערשטער גוואַרדייִשער פאַרניכטלער־דיוויזיע פון די מיליטערישע קרעפטן פונעם רויטפּאַניקן באַלטישן פלאָט. די שוווע האָבן מיר געגעבן אין קראָנשטאַדט, צוזאַמען מיט די פליִער פון אַלע רומפולע פּאָלקן.

איינמאָל איז צו אונדז געקומען ווסעוואָלאָד ווישנעווסקי — דער אויטאָר פונעם באַרימטן ווערק „אָפּטימיסטישע טראַגעדיע". ווישנעווסקי האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע באַלטישע שרײַבער, און איך, אַ „שרײַבער — קאָרעספּאָנדענט פון פּאָליט־אָפּטייל", האָב באַקומען אַ באַפעל אים באַגלייטן. נאָכן מיטינג זײַנען מיר אַרײַנגעגאַנגען אין רעדאַקציע, און, באַקאַנענדיק דעם באַוווסטן שרײַבער מיטן קאָלעקטיוו, האָב איך פאָרגעשטעלט פרידמאַנען:

— עלטערער לייטענאַנט פרידמאַן, אויטאָר פון דער גוואַרדייִשער שוווע.

— אַזוי גאָר! — ווישנעווסקי האָט געגעבן די האַנט פרידמאַנען און, קוקנדיק אויף אים מיט אַ וואַרעמען בליק, געזאָגט: — איך געדענק די דאָזיקע שוווע אויף אויסנווייניק.

דערנאָך איז ווישנעווסקי צוגעגאַנגען צום זעצער מאַלישעוו און נײַגעריק געקוקט, ווי ער אַרבעט.

— מיט יאָרן צוריק האָב איך אויך אַזוי געזעצט די צײַטונג „דער רויטער באַלטישער פלאָט", — האָט ער געזאָגט.

— ביטע, טוט אַ פּרוּוו, כאַווער בריגאַדע־קאָמיסאַר, — האָט מאַלישעוו אים דערלאַנגט די ווערסטאַטקע.

ווישנעווסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף אונדז, גענומען די ווערסטאַטקע און זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער קאַסע פון קעפּל־שריפט. פּאַמעלעך האָט ער אַרײַנגעלייגט אין דער ווערסטאַטקע אָס נאָך אָס, ווי אויספילנדיק אַ הייליקן ריטואַל. שווײַגנדיק, מיט אַ מין פײַערלעכקײַט האָט ער זי איבערגעגעבן מאַלישעוון.

דער זעצער האָט אָנגעשמירט די בוכשטאַבן מיט פאַרב, אַרופגעלייגט אויף זיי אַ פײַכטן פּאַפּיר־בויגן, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן מעטאַלענעם בערשטל.

„מיר וועלן זיגן", — האָבן אַלע איבערגעלייענט.

— אַנדערש קאָן דאָך ניט זײַן, — האָט געזאָגט ווסעוואָלאָד ווישנעווסקי. — „דער גוואַרדייער קאָן שטאַרבן, נאָר ער מוז זיגן", אַזוי זאָגט זיך אין דער שוווע? — דאָס האָט ער זיך שוין געווענדט צו פרידמאַנען.

ס'איז געווען אין פעברואַר 1942. אין לענינגראַד איז געוואַקסן און געוואַקסן די צאָל אומגעקומענע פון הונגער און קעלט, פון באָמבעס און האַרמאַט־קוילן. אונדזער פּילטיראַזשקע האָט געשריבן וועגן קומענדיקן זיג. ווען דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג אַלעקסיי קאָסטראָמצאָוו איז אומגעקומען, האָט מען אויף זײַן אָרט באַשטימט מיכאַיִל פרידמאַנען.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז פאַר דער גאַנצער מילכאָמע האָט מיכאַיִל סעמיאָנאָוויטש קיין איין מאָל פּערזענלעך ניט אויסגעשאָסן אין פײַנט. נאָר דער „הויפּט־קאַליבער" — די צײַטונג „פּאָבעדאַ" האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר הויכער קאַמפּספייִקײַט. אַ צוגעלאָזטער און פרײַלעכער מענטש, האָט זיך אים אײַנגעגעבן צוציִען אַלס אויטאָרן די סאַמע בעסטע פליִער פון דער באַלטיק. געקומען צו פליִען נאָכן אויספילן די שלאַכט־אויפגאַבע, פלעגן אין רעדאַקציע קומען די אָסן — העלדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וואַסילי גאָלובעוו, געאָרגי קאָסטילעוו, גענאַדי צאָקאַלאַיעוו. אין דער צײַטונג זײַנען אַרויסגעטראָטן דער קאָמאַנדיר פון די באַלטישע פאַרניכטלער העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פּיאָטער קאָנדראַטיעוו, דער פליִער — קאָמיסאַר איוואַן סערבין, דער אָנטיילנעמער פון באַשיצן כאַנקאָ דער שטאַב־שעף פּיאָטער רויטבערג. הויך האָט געשעצט די צײַטונג און איר רעדאַקטאָר דער שרעקלאָזער קאָמאַנדיר פון דער פאַרייניקונג העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד איוואַן ראָמאַנענקאָ. אַ סאַך רעדאַקטאָרן פון פראָנט־צײַטונגען זײַנען מעקאַנע געווען מיכאַיִל

פרידמאַנען, וואָס אים האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנגלאַדן איליאַ ערענבורגן אַרויסטרעטן אין דער פּליטיראַזשקע.

אָט איז אַן עפּיזאָד, וועלכן ס'האָט באַשריבן גענאַדי צאַקאַלאַיעוו.

אײנעם טאָג, ווען מיר האָבן אָפּגעמערקט דעם יאָמטעוו פון דער קאָנסטיטוציע, איז געגאַנגען אַ שלאַכט, אין וועלכער ס'האָבן אָנטיילגענומען פאַרשטייער פון פאַרשיידענע פעלקער. געפירט די עסקאַדריליע אין שלאַכט האָט דער אָסעטין גענאַדי צאַקאַלאַיעוו. באַנאַנד מיט אים — דער רוסישער פליִער וויקטאָר גאָלובעוו, אַ פאַרשטייער פון טאַטאַריע אַנאַטאָלי קוזנעצאָוו, דער אוקראַיִנער יעווגעני גראַסימענקאָ, דער באַלקאַרעץ אַלים בײַסולטאַנאָוו, דער ווײַסרוס פּיאָטער קאָגוט, דער ייִד איסאַק אָרמאַנסקי, דער גרוזין שאַקראָ בעדוקאַדזע, און אויך יעווגעני ציגאַנאָוו, וועלכן ס'האָט אין איין־און־פּערציקסטן גראַטעוועט אין שלאַכט אַלעקסאַנדער פרידמאַן. צאַקאַלאַיעווס עסקאַדריליע רופט מען מיט אָפּשײַ אינטערנאַציאָנאַלע. אין דער דאָזיקער שלאַכט האָט די עסקאַדריליע אַראָפּגעקלאַפּט דעם סוינעס פיר אַעראָפּלאַנען. און אַף אַ גרעסערער הייך, אונטער דער שוץ פון פאַרניכטלער, זײַנען געפלויגן אַף צו צעשמעטערן דעם סוינעס ווײַטשיסנדיקע באַטארייעס אונדזערע שווערע באָמבאַרדירער. באַ זייערע שטורוואַלן זײַנען געזעסן די רוסן איוואַן באַרזאָוו און אַלעקסאַנדער פּרעסניאַקאָוו, די אוקראַיִנער ראָסטיסלאַוו דעמידאָוו און פּאַוועל קאַלעסניק, דער ייִד יורי בונימאָוויטש. זיי אַלע האָבן געקעמפט פאַרן סאָוועטישן היימלאַנד, און דאָס פאָטערלאַנד האָט אַלציינס אָפּגעשאַצט זייערע העלדנטאַטן. צאַקאַלאַיעוו, קוזנעצאָוו, בײַסולטאַנאָוו, באַרזאָוו, פּרעסניאַקאָוו, דעמידאָוו, קאַלעסניק, בונימאָוויטש זײַנען געוואָרן העלדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אומאַנסקי איז באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען, שאַקראָ בעדוקאַדזע — מיט אַן אָרדען פון דער רויטער שלאַכט־פאָן...

ווען צאַקאַלאַיעוו האָט געבראַכט זײַן קאָרעספּאָנדענץ, האָט פרידמאַן אָנגענומען אַ באַשלוס צו געבן זי אַפן אָרט פון אַ לייטאַרטיקל.

פרידמאַן האָט ניט בלויז אָרגאַניזירט מאַטעריאַלן, ער האָט אויך אַ סאַך געשריבן. וועגן דעם איז ווייניק באַוווּסט, ווײַל ער פלעגט זיך ניט זעלטן אונטערשרײַבן מיטן פּסעוודאָנים „מ. לעאָנידאָוו". ער האָט זיך געדרוקט אין די לענינגראַדער צײַטונגען, ער איז דער אווטאָר פון די אינפאָרמאַציעס וועגן די זיגן פון די באַלטישע פליִער, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „פּראַוודאַ", „איזוועסטיאַ", „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ". די אינפאָרמאַציעס זײַנען געווען געדרוקט אָן אַן אונטערשריפט. פּאַשעט, די קאָרעספּאָנדענצן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער „רויטפּאַניקער באַלטישער פלאָט (טאַסס)". יאָ, דער רעדאַקטאָר פון דער פּליטיראַזשקע איז אויך אין די מילכאָמע־יאָרן געבליבן אַ רעפּאָרטיאָר פון דער לענינגראַדער טאַסס־אָפּטיילונג.

מיליטערישע געשולט איז ער ניט געווען: אַפּן זשורנאַליסטיק־פאַקולטעט אין לענינגראַד, ווו ער האָט זיך געלערנט, האָט מען קיין מיליטערישע דיסציפּלינען ניט אונטעריכט. די סטאַטוטן און קלאָלים האָט ער דערלערנט אין מעשעך פון צוויי מילכאָמעס — טאַקע צוויי, ווײַל ער איז געווען מאָביליזירט אויך אַף דער פינלענדישער. פונדעסטוועגן האָט ער שיסן זיך טאַקע ניט אויסגעלערנט. אָבער זײַן אָרט אַלס קאָמאַנדיר פונעם רעדאַקציאָנעלן קאָלעקטיוו האָט ער פאַרנומען מיט רעכט און האָט אַלעמען באַוויזן אַ בײַשפּיל פון מוט און אויסגעהאַלטנקײַט. איך געדענק, ווי גלײַך נאָך די אָנגרײַפנדיקע מאַטאָ־מעכאַניזירטע טיילן זײַנען מיר געפאָרן אַף דער רעדאַקציאָנעלער לאַסטמאַשין אין דער ריכטונג פון פּעטערהאָף. פּלוצעם האָט זיך דערהערט גאָר נאָענט אַן אופרײַס. צו אונדז האָט זיך דערטראָגן דער געשריי פון אַ פאַרוווּנדעטן שלאַכטמאַן. דאָס האָט זיך אופגעריסן אַ פאַרבאַהאַלטענע אין שניי מינע. דעם פאַרוווּנדעטן מאַטראָס האָט מען איבערגעטראָגן אין אַ סאַניטאַר־מאַשין, און דער פּאַטרול האָט געפאָדערט, אַז אונדזער קאָלאָנע זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פונדאַנען, ווײַל ס'איז מעגלעך אַן אָנפּלי פון „מעסערשמידטן". נאָר דער שאָפער פון דער ערשטער מאַשין, אַ יונגיטשקער, קימאַט אַ ייִנגל, מיט אַ בלייך פּאָנעם פון דערשרעק, האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער איז, זעט אויס, נאָך ניט געווען אַפן פראָנט. איך האָב זיך אָנגעבויגן איבערן באָרט פון דער מאַשין, קעדיי עפּעס פרעגן באַ פרידמאַנען, וועלכער איז געזעסן לעבן אונדזער שאָפער זײַצעוון און גערעדט צו אים:

— הערט נאָר, זײַצעוו, ווי האַלט איר, צי איז באַקוועם, מיר זאָלן זיך אומקערן אין היינטערלאַנד, ווען די מאַשין, וואָס איז פאָר אונדז, פירט אַזאַ שאָפער? — פרידמאַן האָט דאָס געזאָגט ניט אין דער פאָרם פון אַ באַפעל, נאָר ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן אַן אייצע.

— ביכלאַל איז ניט באַקוועם, — האָט ניט זייער זיכער געענטפערט זײַצעוו.

זײַצעוו האָט געאַרבעט אַלס שאָפער פון אונדזער רעדאַקציאָנעלער מאַשין פון אָנהייב מילכאָמע אָן. ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגן דרייסטקײַט, וועגן העלדנטאַטן, נאָר ניט איין מאָל האָט ער איבערגעפירט פרידמאַנען דורך דער לאַדאָגער אָזערע בייס די באָמבאַרדירונגען. מיט איין וואָרט, ער איז געווען אַ דריי־

סטער מאַטראָס, האַגאַם ניט פון די, וואָס גייען אין אַטאַקע מיט הורא־געשרייען, נאָר שטיל, פאַרשטשעמענדיק די ציין. ער האָט גלענצנדיק פאַרשטאַנען דעם רעדאַקטאָר און געגעבן אַ סיגנאַל דעם שאָפער פון דער ערשטער מאַשין. יענער האָט זיך אומגעקוקט.

— ווערסט פאָרן הינטער מיר! — האָט אַ געשריי געטאָן זײַצעוו.

אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן אָן שום פּאַסירונגען דורכפאָרן דעם ראַיאָן, פון וועלכן מ'האָט ערשט מיט עטלעכע שעה פריִער געהאַט פאַרטריבן די פאַשיסטן. מיר זײַנען, פאַרשטייט זיך, געווען היפּשלעך אופגערודערט און האָבן דאָס ניט אויסבאַהאַלטן. פרידמאַן אָבער האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז געווען „פולשטענדיק רויִק". מיר האָבן געוווּסט און געזען, אַז ס'איז ניט אַזוי, נאָר ער האָט ווירקלעך זיך אַרויסגעוויזן אַלס דרייסטער מענטש.

די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט. אַ געוויסע צײַט האָט פרידמאַן פאַרגעזעצט דינען אין פלאָט, און דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט קיין לענינגראַד, אין טאַסס. זיך אומגעקערט מיט אַ גרויסער דערפאַרונג און מיט שלאַכט־באַלוינונגען — מיט צוויי אָרדענס פון רויטן שטערן און מיט מעדאַלן, פון וועלכע איז אים באַזונדערס טײַער די מעדאַל „פאַר באַשיצן לענינגראַד".

די מילכאָמע איז פאַר קיינעם ניט דורכגעגאַנגען שפורלאָז. אויך מיכאַיִל סעמיאָנאָוויטש קאָן ניט פאַרגעסן דעם הונגער, די קעלט, די אַרטילערישע קאַנאָנאַדעס און די באָמבירונגען, וואָס די לענינגראַדער האָבן געהאַט אָף זיך. מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז ער געוואָרן שטעלפאַרטרעטער פון רעדאַקטאָר פון דער פעטראָדוואָרעצער צײַטונג, און די דאָזיקע אַרבעט פאַרלאָזט ער ניט ביז הײַנט־צו־טאָג. מע האָט אים ניט איין מאָל פאַרגעלייגט העכערע שטעלעס, נאָר ער וויל אין ערגעץ ניט אַוועקפאָרן.

פעטראָדוואָרעץ, ווי באַוווּסט, האָט פריִער געהייסן פעטערהאָף. אין איין־און־פערציקסטן איז דאָ געווען אַ קליינינקער שטאַב־אַעראָדראָם, פונוואַנען פרידמאַן איז אַ סאַך מאָל געפלויגן אין די פאָלקן און עסקאַדריליעס נאָך מאַטעריאַל פאַר דער צײַטונג. די רעדאַקציע האָט זיך געפונען טאַקע דאָ, באַם שטאַב. איצט איז דאָ ניט פאַראַן ניט קיין שטאַב, ניט קיין אַעראָדראָם, אָף זייער אָרט געפינט זיך איצט דער בולוואַר אָפן נאָמען פון די אויסשפּירער, און באַנאַנד — רייען נײַע הײַזער. אין איינעם פון זיי וווינט מיכאַיִל סעמיאָנאָוויטש מיט זײַן פאַמיליע.

די צײַטונג, אין וועלכער פרידמאַן אַרבעט, האָט דאָ ניט לאַנג פאַרעפנטלעכט אַ בינטל בריוו: די פעטראָדוואָרעצער אַרבעטנדיקע באַוויליקן הייס דעם קאַמף פון אונדזער פאַרטיי פאַר שאָלעם אין דער גאַנצער וועלט. פאַר שאָלעם, פאַרן זיג איבער דער פאַשיסטישער פעסט האָט געקעמפט אין די מילכאָמע־יאָרן און קעמפט אויך איצט דער זשורנאַליסט־פראָנטאָוויק.

אַלע יאָר, אינעם טאָג פון זיג, טרעפן מיר זיך, די וועטעראַנען, אין לענינגראַד. טויזנטער אָוויאַטאָרן זאַמלען זיך צונויף אינעם טעאַטער אָף פושקינס נאָמען. קיין לענינגראַד קומט מען צו פליִען פון וולאַדיוואָסטאָק און סעוואַסטאָפּאָל, אָדעס און סעוועראָמאָרסק, מאַסקווע און קיִעוו, מינסק און קאַלינינגראַד און פון צענדליקער אַנדערע שטעט. גראָוע מענטשן באַגריסן איינער דעם צווייטן, ווי אין דער יוגנט, מע נעמט זיך אַרום, מע קלאַפּט איבער דער פלייצע, מע לאַכט און מע וויינט פון פרייד, וואָס אין יאָרן אַרום האָט מען זיך באַגעגנט. דער מאַיאָר אין דעמיסיע מיכאַיִל סעמיאָנאָוויטש פרידמאַן פאַלט אַרײַן פון איינע אָרעמס אין די אַנדערע. אָט ערשט האָט אים אַרומגענומען דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד פאָלקאָווניק אין רעזערוו אי. אַ. קאַבעראָוו — איינער פון די פּראָטאָטיפּן פון ניקאָלײַ טשוקאָווסקיס ראָמאַן „דער באַלטישער הימל". אָט איז צוגעגאַנגען אַ גרופּע פּיִאָנערן. מיכאַיִל סעמיאָנאָוויטש דערציילט זיי וועגן דער גוואַרדייִשער שוווּע. נאָר וועגן דעם, אַז די שוווּע פון די באַלטישע פליִער האָט מיטן בלוט פון זײַן האַרץ אָנגעשריבן ער, — וועגן דעם דערמאָנט ער ניט. און מיר איז אַ שאָד, וואָס די פּיִאָנערן ווייסן ניט וועגן דעם. די דאָזיקע שוווּע, וואָס די פליִער־גוואַרדייער האָבן געגעבן אָף אַלע יאַמען פונעם היימלאַנד, איז דאָך דאָס סאַמע בעסטע און סאַמע וויכטיקע, וואָס ס'האָט געשאַפן אין יענע פלאַמיקע יאָרן דער רעדאַקטאָר פון אונדזער דיוויזיע־צײַטונג.

...דער קאָמיסאַר פונעם פערטן גוואַרדייִשן פאָלק סטעפּאַן כאַכילעוו האָט אַפילע ניט באַוויזן זיך באַגריסן און טייקעף געפרעגט:

— מיכאַיִל סעמיאָנאָוויטש, דו ווייסט ניט, קאַסטיליאָוון האָט מען געשטעלט אַ דענקמאָל?

עס גייט אַ רייד וועגן זייער געמיינזאַמען פרײַנט, דעם העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. פרידמאַן ווייסט. און ניט בלויז וועגן דעם דאָזיקן דענקמאָל, נאָר אויך וועגן צענדליקער אַנדערע — ער איז דאָך אַ מיטגליד פונעם ראַט פון די וועטעראַנען פון דער מיליטעריש־יאַמישער אָוויאַציע.

ער זיצט אין פרעזידיום פון דער פײַערלעכער פאַרזאַמלונג צוזאַמען מיט די באַרימטע פליִער, קאַוואַלערן פון גאָלדענע שטערנס. ס'איז שיטערער געוואָרן זײַן אַמאָליקע שוואַרצע שוועו־

ליורע. קנייטשן אפן שטערן. נאָר ווי פריִער צעשיידט ער זיך ניט מיט זײַן געווער — מיטן בלאָקנאָט. ניט לאַנג צוריק איז דערשינען א בוך — „פופציק געשיכטעס פון פופציק בלאָקנאָטן". די אויטאָרן פון די געשיכטעס זײַנען באַוווּסטע שרײַבער און זשורנאַליסטן, און צווישן זיי — מ. ס. פרידמאַן. הערנדיק דעם העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד גענעראַל־לייטענאַנט פון אוויִאַציע איוואַן געאָרגיעוויטש ראַמאַנענקאָ, פאַרשרײַבט אויך איצט עפּעס פרידמאַן אפגיך. נאָר אָט פאַלט ארויס פון זײַן האַנט דער בלײַער. איך הער זיך אײַן אין די רייד פונעם גענעראַל — און אלץ ווערט פאַרשטענדלעך.

— גרייטנדיק זיך צום גרויסן יאָמטעוו — דעם דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאַשיזם, — זאָגט דער גענעראַל, — דערמאָנען מיר די העלדנטאַטן פון די פליִער אין די שלאַכטן. מיר רימען אויך אונדזערע באַלטישע זשורנאַליסטן, און עס ווילט זיך מיר זאָגן א גוט וואָרט וועגן דעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג פון דער ערשטער גוואַרדייִשער דיוויזיע מיכאַיִל סעמיאָנאָוויטש פרידמאַן...

דער זאַל אפּלאָדירט. און פרידמאַן, מײַן פרײַנט מישע פרידמאַן, פאַרשטעלנדיק דאָס בלייכע פּאָנעם, זוכט מיט פײַכטע אויגן אונטערן שטול דעם בלײַער.

„מע דאַרף ניט, מישע, — גלוסט זיך מיר אים זאָגן, — צו וואָס דאַרפסטו דעם בלײַער? אלצײַנס וועסטו ניט אָנשרײַבן וועגן דעם, וויִאַזוי די באַלטיק געדענקט דיך און האָט דיך ליב".

דער זשורנאַליסט מיכאַיִל פרידמאַן שרײַבט איצט אין דער פרידלעכער צײַטונג פון פּעטראָדוואָרעץ וועגן דעם לעבן און דער ארבעט פון זײַנע לאַנדסלײַט, וועגן דעם קאַמף פאַר אויספילן דעם נײַנטן פינפיאָר. ער שרײַבט מיט דעם זעלבן פלאַם אין האַרץ, מיט וועלכן ס'איז געווען דורכגעדרונגען זײַן גוואַרדייִשע שוועע. אף דער מילכאָמע האָט די דאָזיקע שוועע געהאָלפן די באַלטיִצעס צו צעשמעטערן די פאַשיסטן. פרידמאַנס איצטיקע פובליציסטיק רופט צו העלדנטאַטן אין דער מי.

---

### יעכיִעל פאַליקמאַן

# פיר ייִנגלעך

צוויי פון זיי האָב איך געקענט, צוויי — ניט, און אלצײַנס זײַנען זיי מיר אייגן און טײַער.

איידער איך נעם דערציילן וועגן זיי, ווילט זיך מיר זאָגן אָט וואָס: אונדזער דאָר, דער מילכאָמע־דאָר, האָט גאָר אן אנדער מין זיקאָרן, מיר זעען די פאַרגאַנגענע מילכאָמע אין איר גאַנצער גרייס, אין איר ריזיקײַט, — ריזיקײַט לויטן פּײַער און ריזיקײַט לויט די העלדנטאַטן. נאָר מיר הערן אויך ניט אוף צו זען די מילכאָמע לויט באַזונדערע פאַקטן, וואָס שיילן זיך ערשט איצט אויס פון אונטער דער לאַסט פון יאָרן, און אלעמאָל דערשיטערן זיי אונדז, אָט די פאַקטן, די מילכאָמע־איינצלהײַטן, מיט זייער גרויסקײַט און מיט זייער אומשטערבלעכקײַט.

וועלוול רעדקאָ. מיר איז זייער שווער צו ריידן וועגן אים, ווי וועגן א טויטן. איך זע אים אלעמאָל א לעבעדיקן. אָט אזא, ווי ער איז אף דער פאָטאָגראַפיע. א פאַרקלערטער, א ליכטיקדענקענדיקער, פלעגט ער זיצן בא מיר אין שטוב מיט אוועלכע פינף און דרײַסיק יאָר צוריק און זאָגן עפּעס וועגן אן אָקאָרשט דערשינענעם בוך פון זײַנעם און מײַנעם א באַליבטן ייִדישן שרײַבער — ער איז געווען א יונגער קריטיקער, אן אָנפאַנגער, וואָס האָט געצײַטיקט, און מיט וועמענס מיינונג עס האָבן זיך שוין גערעכנט די שרײַבער. און געווען איז וועלוול רעדקאָ אויך, צי עפשער נאָך מער, ווי א קריטיקער, א דיכטער, א לײַדנשאַפטלעכער, א האַרציק־אָרנטלעכער, וואָס האָט זײַן ערשטן העפט מיט לידער באַוויזן ניט אלעמען.

ס'איז באַוווּסט געווען: וועלוול איז געבליבן אין קיִעוו, וואָס די פאַשיסטן האָבן באַלאַגערט, וועלוול איז פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. אָבער וואָס איז ווײַטער געווען? ס'הייסט — וואָס... געפאַלן אין שלאַכט. אָבער — ווען, וווּ, וויִאַזוי? אָט די געדאַנקען האָבן געפײַניקט אונדז, וועלוול רעדקאָס כאַווײרים, פּונקט ווי דאָס, וואָס מיר ווייסן ניט, וווּ און וויִאַזוי עס זײַנען אומגעקומען אין די שלאַכטן מאָטל האַרצמאַן,



וועלוול רעדקאָ

שימען גאָלדענבערג, הענעך קופּמאַן, אווראָם באַראַדיאַנסקי, הערשל דובינסקי, הערשל דיאַ־מאַנט, שמועל העלמאַנד — סראַוו הינטער קיִעוו.

איז אָט — א פּראָסטער, א געוויינלעכער צופאַל. וועלוולס ייִנגערער ברודער, אווראָם, איז בא קנאַפּע אכצן יאָר, שוין זײַענדיק מיט דער מישפּאָכע אין עוואקואַציע, אויך פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט און האָט בעשאָלעם, א סאָל־דאַט פון א שיסער־טייל, זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע, אומגעקערט זיך שוין פון בער־לין. אווראָם האָט ניט גערוט אלע יאָרן, גע־שריבן בריוו, וווּהין מע האָט נאָר געקאָנט, פאַ־נאַנדערגעפרעגט פראָנטאָוויקעס, וואָס האָבן פאַרטיידיקט קיִעוו, צי האָט מען עפּשער באַ־געגנט, געזען וועלוול לייבאָוויטש רעדקאָן, עפּ־שער געהערט עפּעס וועגן אים. איצט, ערעוו דעם יאָמטעוו פון דרײַסיק יאָר זינט דעם זיג איבער די פאַשיסטן, האָט אווראָם אָנגעשריבן א בריוו אין דער קיִעווער צײַטונג „פּראַוודאַ אוקראַיִני" מיט א ביטע העלפן אים דערוויסן זיך עפּעס וועגן דעם ברודער. אזעלכע בריוו שרײַבן פיל מענטשן אין די צײַטונגען, אלע־מאָל שטעלט זיך אויס א צעטל, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „צו אײַך, פאָלק־כאַ־ווירים, ווענדן זיך די קרויוים פון שלאַכט־לײַט, וואָס זײַנען אומגעקומען צי פאַרפאַלן געוואָרן אָן א שפּור אף די פראָנטן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, און בעטן אײַך דערציילן, עפּשער ווייסט איר עפּעס, ווי־אזוי ס'האָבן געקעמפט פאַרן היימלאַנד..." ווײַ־טער גייען שוין פאַמיליעס, נעמען, ווען, פונוואַ־נען מע איז אוועק אפן פראָנט.

דאָס צעטל, אין וועלכן ס'איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן וועלוול רעדקאָ, האָט דערזען דער קיִע־ווער אינזשעניר יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש זיסקין.

געקומען אהיים פון דער ארבעט, צעעפנט די צײַטונג, האָט ער איבערראַשט א געשריי געטאָן צום ווײַב:

— דאָס איז דאָך יענער באָכער, וואָס איך האָב דיר וויפל מאָל דערציילט וועגן אים!

א קלונג אין רעדאַקציע. פון דאָרט — א בריוו צו אווראָם רעדקאָ, און אָט האָבן צוויי פראָנטאָוויקעס זיך באַגעגנט. זיסקין איז אָן א פוס. אויך א פרײַוויליקער, אויך א סאָלדאַט. ער איז אָנהייב אווגוסט 1941 אָנגעקומען אין א שיסער־דיוויזיע, וואָס האָט באַשיצט קיִעוו. ס'איז געווען בייסן מארש אף קאַניעוו. עטוואָס פאַר זיסקינען איז אין דער קאָלאָנע געגאַנגען א דאַרלעכער שוואַרצכיינעוודיקער באָכער מיט באַגײַסטער־טע שוואַרצע אויגן. דעם ייִנגלס פּאָנעם האָט זיך עפּעס אף א באַזונדער מין אויפן פאַרגע־דענקט — אָט איז עס פאַרקלערט, אָט שמערצ־לעך־אופגעלעבט. אינדערפרי, צווישן די דער־פער מאַלי רזשאַוועץ און יאַבלוניוו, אין הוילן פעלד, איז מען אוועק אין אטאַקע. דער שוואַר־ציגקער באָכער איז אויסגעקומען עטלעכע שפּאַן פון זיסקינען, געלאָפן מיט אָן אָנגעשטעלטן באַ־גנעט, גערופן נאָך זיך אנדערע. פּלוצעם — דעם סוינעס אעראָפּלאַנען, זיי זײַנען ארויסגע־פלויגן פון הינטער א באַרג, אנטקעגן דער צעשטראַלטער זון. באָמבעס האָבן זיך א שאָט געטאָן. אָן אופרײַס האָט א שלײַדער געטאָן זי־סקינען. געקומען צו־זיך איז ער, ווען צווייען האָבן מיט לאָפּעטקעס אָפּגעשאַרט די ערד, וואָס האָט אים פאַרשאָטן. די צוויי האָבן געזאָגט:

— דיר האָט אָפּגעגליקט, לעבסט, און דרײַ שפּאַן פון דיר ליגט טויט אזא ייִנגל, ווי דו. עפּשער — א כאַווער דײַנער?

זיסקין האָט זיך אופגעהויבן און איז צוגע־גאַנגען צום האַרוג. יאָ, דער באָכער, אף וועלכן ער האָט געווענדט די אופמערקזאַמקײַט. א שפּליטער האָט אים געטראָפן אין קאָפּ. אין קע־שענע פון דער גימנאַסטיאָרקע — דער דיפּלאָם פון א מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, פאָ־טאָגראַפיעס — טאַטע־מאַמע, שוועסטער, א ברודערל, ייִדישע בריוו, ניט קיין פאַרענדיקטע ליד — אויך אף ייִדיש... וואָלקאָ לייבאָוויטש רעדקאָ.

— עמעצער האָט אים געשריבן בריוו פון מײַרעווו־אוקראַיִנע, — דערמאָנט זיך זיסקין, — דאָס האָט געקאָנט זײַן?

— כײַקע, א שוועסטער, — באַשטעטיקט אווראָם, — פאַר דער מילכאָמע האָט זי פאַרענ־דיקט אָן אינסטיטוט אין קיִעוו, און מע האָט זי געשיקט ארבעטן אין איצטיקן איוואַנאָ־פראַנקאָווסק...

דאָס איז געווען דער ערשטער געהאַרגעטער, וועלכן זיסקין האָט געזען אפן שלאַכטפעלד,

האָט ער באשטימט פארהיטן דאָס אלץ — די דאָקומענטן, די בריוו, די פאָטאָגראַפיעס, קעדיי שפּעטער צו וויסן געבן דער מישפּאָכע רעדקאָ. אין צוויי טעג ארום איז ער שווער פארוואונדעט געוואָרן אין פוס, עס איז פארפאלן געגאנגען דער טאש פון דער גאז־מאסקע, ווו ער האָט געהיט וועלוועלס און זײַנע דאָקומענטן. מע האָט אים באוויזן עוואקויִרן אין הינטערלאנד, און קעסיידער האָט ער זיך געכאַזערט: וואָלקאָ לייַ־באָוויטש רעדקאָ. נאָר וועמען זוכן, וועמען דערציילן?

יאָסל דובילעט. יאָסלען האָב איך געקענט — ער איז מוישע דובילעטס, דעם יידישן ליטעראַ־טור־פאַרשערס, איינציקער זון. מע האָט גע־וווינט אין קיִעוו. די מאמע יאָסלס, אודיע, האָט געארבעט אין דער ווינטשעווסקי־ביבליאָטעק, פלעגט דאָס יאטל, אלעמאָל אלץ מער און און־טערגעוואקסנדיקס, נאָר אלץ מיט דעם זעלבן גוטן בלאסן פּאָנעם און מיט די פרעגעוודיק־נײַגעריקע, קלוגע אויגן, קומען אין ביבליאָטעק, ווו איך פלעג אויך זײַן, און האָט געסטארטשעט לעבן דעם טישל, ווו די מאמע האָט ארויסגע־געבן די לייענער ביכער. ער פלעגט זיך צו־מאָסטען מיט א זײַט אינעם ברייטן פאָטעל, וואָס איז דאָ געשטאנען צווישן פענצטער און דעם אלטן פיקוס, און לייענען עפּעס.

איז אָט — יאָסל דובילעט. די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, און ווען כ׳בין אוועק אפן פראָנט, האָב איך געהערט: מוישע דובילעט בלײַבט אין קיִעוו אין דער „אָפּאָלטשעניע”, און יאָסל מיט דער מאמען האָבן זיך עוואקויִרט. נאָך דער מילכאָמע האָב איך זיך דערוווּסט: מוישע דובילעט איז אומגעקומען אין ארומרינגלונג, און יאָסל איז פון מאגניטאָ־גאָרסק, ווו ער האָט שוין געארבעט אלס עלעק־טריקער אפן מעטאל־קאָמבינאט, פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. אויך אומגעקומען. העלדיש. אזוי איז אָנגעשריבן געווען אין דער טרויערי־קער צײַגעניש, וואָס די מאמע האָט באקומען. געפאלן איז ער אין שלאכט פאר דער סטאנ־ציע גאָלובינסקאיא, טימריוקער ראיאָן, קראס־נאָדארער קאנט דעם 5 אָקטיאבער 1943.

אודיע דובילעט האָט ניט איין מאָל דורכגע־מאכט אָט די ווײַטע רײַזע — פון קיִעוו ביז דער סטאנציע גאָלובינסקאיא. פריִער איז דאָרט, אין צענטער, געווען א בערגל מיט א פּיראמידקע פון דיקט, מיט א בלעכן שטערנדל פון אויבן — דער ברודער־קייווער פון אלע, וואָס זײַנען אומגעקומען, בייס מע האָט גע־טריבן די פאשיסטן. אין יאָרן ארום איז אפן בערגל אויסגעוואקסן א גרויסער ווײַסער דענק־מאָל, ארום וועלכן עס ציִען זיך אין דער הייך יונגע ביימער און בלומען. אפן שטיינערנעם

יאָסל דובילעט

אָבעליסק זײַנען מיט גאָלד אויסגעקריצט די פאמיליעס: רודענקאָ, ריבקאָ, אנדרייעוו, זובאָוו, דאָוובניא, פעדאָטאָוו, ליטינעצקי, דובילעט, גענקין און נאָך עטלעכע... און ערשט, ווען עס זײַנען אָף איינעם פון די אָנדענק־מיטינגען געקומען יאָסלס שלאכט־כאווייִרים, דערבײַ איי־נער פון דער ראדיִאָסטאנציע, מיט וועלכער דו־בילעט האָט אָנגעפירט, איז באוווּסט געוואָרן, וואָס עס באטײַט דאָס וואָרט „העלדיש” אין דער צײַגעניש, וואָס אודיע האָט באקומען. בייס מע האָט באפרײַט די סטאנציע, איז די היטלע־ראָווצעס געלונגען ניט לאנג צו קאָנטראטאַ־קירן, די ראדיִאָסטאנציע איז געבליבן שטעקן אין אן אָרט, פונוואנען ס׳איז אומעגלעך געווען אוועק. האָט יאָסיף דובילעט אָפּגעשיקט, וועמען ער האָט געקאָנט פון דער מאנשאפט צו אונד־זערע, דורך א זינק־בלאָטע האָט מען געדארפט גיין, און אליין איז ער געבליבן אין דער מא־שין, קאָרעקטירט דורך ראדיִאָ דאָס פײַער פון אונדזער ארטילעריע, געריכטעט עס אָף דעם סוינעס הארמאטן און קוילנווארפער־נעסטן, וועלכע ער האָט גוט געזען. צולעצט, ווען די פאשיסטן זײַנען געווען שוין בא דער ראציע, האָט ער ארויסגערופן דאָס פײַער אָף זיך און איז אומגעקומען.

אזא איז געווען יענץ ייִנגל מיטן גוטן בלאסן פּאָנעם און מיט די פרעגעוודיק־נײַגעריקע, קלוגע, טונקל־פלאמיקע אויגן...

דאָרט, באם שווײַגנדיקן ווײַסן אָבעליסק, האָט אודיע דובילעט (ערע איר אָנדענק, זי איז שוין ניטאָ) באקענט זיך מיט נאָך איין מאמע, וואָס איז אהין געקומען פון כערסאָן, — בערטע קארט. בערטעס איינציקער זון, דער עלטערער לייטענאנט אלעקסאנדער גענקין, איז אויך בא־ערדיקט אין יענעם ברודער־קייווער, ער איז

אומגעקומען אין דער זעלבער שלאַכט און אויך העלדיש. די באַטאַרייע מינענוואַרפער, מיט וועלכער ער האָט קאָמאַנדעוועט, איז פֿונדער־לופֿטן אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן אין הינטערלאַנד פֿונעם אַטאַקירנדיקן סוינע. דער דעסאַנט האָט אַראָפּגעשטיגן אין אַ זומפּיקן טאָל. דאָ זײַנען די דעסאַנטלער געשטאַנען ביז לעצט, אָפּגע־טאָן זייערס און אומגעקומען אַלע ביז איינעם.

בערטע קאַרט דערציילט:

— די פֿאַמיליע קאַרט איז מײַן צווייטן מאַנס, מיליעס, מיכאַיל אַבראַמאָוויטשעס. ער איז אומ־געקומען אין שלאַכט פֿאַר ראָסטאָוו. אַלעק־סאַנדערן האָט ער זייער ליב געהאַט, דערצויגן אים אַ דרייסטן, אַ שטאָלצן, ווי אַן אייגענער טאַטע. נאָר די פֿאַמיליע האָט אַלעקסאַנדער גע־טראָגן דעם טאַטנס, וואָס איז געשטאָרבן פֿון טיפֿוס בייסן בירגערקריג. אָט אַזוי איז עס געווען — דער טאַטע שטאַרבט, און אינעם זעלבן שטיבל, דעם זעלבן טאָג, קומט אויף דער וועלט דער זון. איז ער אויך ניטאָ.

בערטע קאַרט באַווײַזט די לעצטע בריוו אַלעקסאַנדערס. מע האָט לאַנג ניט געוווּסט איי־נער פֿונעם צווייטן, ערשט אין סענטיאַבער 1943 האָט דער זון אָפּגעזוכט די מוטער, און אין אַ קנאַפּן כּודעש אַרום איז ער אומגעקומען.

איך לייען די בריוו, פֿולע מיט האַס צום פֿאַ־שיסט און מיט מוט, און ווען איך הייב אויף די אויגן, דערזע איך בײַ דער פֿרוי אין דער האַנט נאָך איין פֿאָטאָגראַפֿיע — שוין ניט אַלעקסאַנ־דערס, אויך פֿון אַ יונגן באָכער, און בערטע זאָגט שטיל:

— איר וועט עפּשער עפּעס אָנשרײַבן, איז שרײַבט שוין אויך, דערמאָנט מײַן פּלעמעניק, אַלעקסאַנדערס שוועסטערקינד מיכל דאַשעווס־סקי. ער איז, אַ סאָלדאַט, אומגעקומען הינטער מאָסקווע אין איין־און־פֿערציקסטן. זאָל בלײַבן אַ צייכן...

יאָ, זאָל בלײַבן אַ צייכן אויף דער ערד!

---

ראָזע קאַץ־ראַבינאָוויטש

# אַזוינס פֿאַרגעסט זיך ניט

ס׳ווילט זיך מיר דערציילן, וויאַזוי כ׳האָב בײַם דער מילכאָמע, אַדאַנק אַ גליקלעכן צופֿאַל, זיך געזען מיט מײַן מאַן שלוימע ראַבינאָוויטש אויפֿן פֿראָנט. פֿון יענער צײַט זײַנען שוין מער ווי דרײַסיק יאָר פֿאַריבער, נאָר עס לאָזט זיך ניט פֿאַרגעסן די מינדסטע איינצלהײַט. ס׳קאָן זייער זײַן, אַז בײַ עמעצן וועט די דאָזיקע געשיכטע אַרויסרופֿן אַ שמייכל, איר מעגט מיר אָבער גלייבן, אַז אין יענעם מאָמענט איז מיר געווען ניט צום לאַכן און ניט צום שמייכלען...

אין אָנהייב פֿרילינג 1942 האָט „דער עמעס״־פֿאַרלאַג מיך אַרויסגערופֿן פֿון דער עוואַקואַציע אין קראַסנאָופֿימסק קיין מאָסקווע אויף אַרבעט. פֿיר מעסלעס האָט דער צוג זיך געשלעפּט פֿון אוראַל ביז דער הויפּטשטאָט. פֿיר שווערע טעג פֿון ניט דערעסן און נאָך ערגערע נעכט פֿון ניט דערשלאָפֿן. דער וואַגאָן איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, ווי אַ פֿאַס מיט הערינג, און ס׳איז מאַמעש ניט געווען ווו זיך צושפּאַרן, מיט וואָס צו עטעמען. ענדלעך אויפֿן פֿינפֿטן מעסלעס, אַזייגער 7 אינדערפֿרי, זײַנען מיר אָנגעקומען אויפֿן צאָפֿנדיקן וואָקזאַל, און כ׳האָב דערזען פֿאַר זיך אַ פּוסטע מאָסקווע. איך בין געשטאַנען אין פֿאַרלעגנהײַט: וווּהין זאָל איך זיך אַהינטאָן אַזוי פֿרי? צו זיך אַהיים האָב איך געדאַרפֿט פֿאָרן מיט אַן עלעקטריטש־קע, אָבער די עלעקטרע־צוגן זײַנען דעמלט קימאַט ווי ניט געגאַנגען, אויף דער אַרבעט אין פֿאַרלאַג איז נאָך געוויס קיינער ניט געווען. דערווײַל האָבן אין אַ קיאָסק דערזעבן זיך באַוויזן פֿרישע צײַטונגען. פֿיר טעג האָב איך ניט געוווּסט, וואָס ס׳הערט זיך אויף די פֿראָנטן. געקויפֿט עטלעכע צײַטונגען, האָב איך זיך אײַנגעמאָסטעט אויף אַ באַנק אין וואַרטונגס־זאַל און גענומען שלינגען די נײַעס.

9 אַזייגער בין איך שוין געווען אין סטאַראָ־

פאַנסקע־גאַסל, אין פאַרלאַג „דער עמעס״. דאָרטן האָב איך געטראָפן בלויז איין מענטשן — אונדזער לאַנגיאָריקן בוכהאַלטער מענדעלעוויטשן, וואָס האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיר, ווײַל יעדער מיטאַרבעטער איז געווען מיט גאָלד גלײַך.

איך פרעג מענדעלעוויטשן, פון וואָס מע הייבט אָן.

— צום אַלעם ערשטן, — זאָגט ער מיר, — דאַרף מען זיך צושרײַבן און באַקומען אַ ברויט־קאַרטל. דו זאָלסט נאָר ניט פאַרלירן קיין טאָג, ווײַל ברויט וועסטו באַקומען זייער ווייניק, 400 גראַם, ווי אַן אָנגעשטעלטער. פאָר שוין אין אַרליקאָוו־גאַסל, וווּ עס געפינט זיך די פאַרייניקונג פון מעלוכע־פאַרלאַגן („אָגיז״), און באַקום אַ צעטל פאַר דער מיליציע אַף זיך צוצושרײַבן. הײַנט דאַרפסטו אַלץ דורכמאַכן, דו זאָלסט מאָרגן קאָנען באַקומען דאָס ברויט־קאַרטל.

ער איז געוויס געווען גערעכט, מענדעלע־וויטש, און דאָך האָב איך אים ניט געפאָלגט. מיך האָט געצויגן אַהיים, ס׳האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער זען, צי אונדזער שטוב שטייט נאָך אַף אַן אָרט, צי איז עמעצער געבליבן פון די שכיינים.

כ׳האָב לאַנג געוואַרט אַף אַן עלעקטריטשקע און אַזוי טאַקע זיך ניט דערוואַרט, בין איך צוגעפאָרן מיט דער מעטראָ ביז סאָקאָלניקי און פון דאָרט צופוס זיך געלאָזט מיטן סאָקאָל־ניקער וואַלד אין דער פאָרשטאָט, וווּ מיר האָבן ביז דער מילכאָמע מיט שלוימע ראַבינאָוויטשן געוווינט.

אָט איז זי, אונדזער גאַס. אין אַ סך שטיבער זײַנען די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך, אַנדערע שטייען מיט אויסגעשלאָגענע שויבן. עס איז געווען אַ קאַלטער פרילינג. נאָר פון אייניקע קוימענס האָט זיך זיגזאַגאַרטיק געצויגן אַ רויך. בײַ מיר איז געווען אַזאַ אײַנדרוק, אַז די באַלעבאַטים איז אַ שאָד אַרויסצולאָזן דעם רויך אין דרויסן, אַזוי קאַלט איז אין די הײַזער. קיין מענטשן אין גאַס האָט מען קימאַט ניט געזען, די מערסטע טייל זײַנען נאָך געווען אין עוואַקואַציע, דער סוינע איז געשטאַנען גאָר נאָענט פון מאָסקווע.

שפּאַנענדיק אַזוי איבער דער גאַס, פאַרנומען מיט ניט קיין פריילעכע געדאַנקען, האָב איך ניט ווײַט פון אונדזער שטוב אָנגעיאָגט אַ פרוי, וואָס האָט געטראָגן עטלעכע שײַטלעך האָלץ. איך האָב זי ניט דערקענט, אָבער זי מיך דאַפקע יאָ. דאָס איז געווען מײַנע שכיינע — אָלגאַ איוואַנאָוונאַ. מיך דערזען, האָט זי אַ וואָרף געטאָן דאָס האָלץ אַף דער ערד, מיר האָבן זיך אַרומגענומען און געלאָזט אַ טרער.

שלוימע ראַבינאָוויטש אַפן פראָנט

— ווען דו קומסט מיט אַ וואָך פריִער, — האָט מיר אָנגעזאָגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, — וואָלסטו זיך באַגעגנט מיט דײַן מאַן, ער איז אָפּגעווען אין מאָסקווע אין אַ קאָמאַנדירונג עטלעכע טעג.

ס׳איז מיר געווען אַזאַ פאַרדראָס, אַז כ׳האָב קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען.

— וואָס איז מיט דיר, — מאַכט צו מיר אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, — וואָס האָסטו אַראָפּגע־לאָזט די נאָז? פאַרגעסן, אַז עס איז מילכאָמע? אַבי ער לעבט און איז געזונט, באַגעגענישן דאַרף מען אָפּלייגן נאָכן זיג איבער די דײַטשן.

זי האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַרײַן און ביכלאַל פאַרגעלייגט דערווײַל לעבן בײַ איר. איך בין איר געווען דאַנקבאַר פונעם גאַנצן האַרצן, ווײַל בײַ מיר אין צימער איז געווען אי קאַלט, אי וויסט. און איך האָב געוווינט בײַ איר ביז אין די וואַרעמע טעג.

שלוימען האָב איך גלײַך אָנגעשריבן, אַז כ׳בין ווידער אין מאָסקווע. פון זײַנע אײַליקע בריוו, געשריבענע צווישן איין שלאַכט און אַ צווייטער, האָב איך נאָך פריִער געהאַט פאַר־שטאַנען, אַז ער געפינט זיך ערגעץ ניט ווײַט פון מאָסקווע. און ווירקלעך, אַן ערעך אין אַ וואָך אַרום, אַ סך גיכער, ווי געוווינלעך, האָב איך באַקומען פון אים אַן ענטפער. ער איז צופרידן, האָט ער מיר געשריבן, וואָס כ׳האָב זיך אומגעקערט אַהיים, און אויב ס׳האָט זיך שוין יאָ אַזוי געמאַכט, בעט ער מיך אויספילן אַן אָפּטראַג פון דער צײַטונג «Вперед на запад» („פאָרויס אַף מײַרעוו״), וועלכע ער רעדאַגירט. ווען ער איז געווען אין דער קאָמאַנדירונג אין מאָסקווע, האָט אים איליאַ ערענבורג צוגעזאָגט אָנשרײַבן אַן אַרטיקל פאַר דער צײַטונג. איז אָט זאָל איך זיך מיט ערענ־בורגן פאַרבינדן, אָפּנעמען בײַ אים דאָס אַרטיקל און עס איבערגעבן איינער אַ פרוי אַ פאָטאָ־קאָרעספּאָנדענט פון אַ מיליטערישער צײַטונג. יענע דאַרף אין עטלעכע טעג אַרום אַרויספאָרן אַפן פראָנט, און שלוימע וועט זי באַגעגענען אַף דער סטאַנציע וויאַזמע.

СМЕРТЬ НЕМЕЦКИМ ОККУПАНТАМ! Прочти и передай товарищу

# ВПЕРЕД НА ЗАПАД

№ 104 | Красноармейская газета | ПОНЕДЕЛЬНИК 2 НОЯБРЯ 1942 ГОДА | № 10[illegible]

## В добрый час, Абдул Сефербеков!

Лезгин Абдул Сефербеков [illegible] Он говорит своему боевому другу Петру Осипову: „Болит душа, Петр, за родные горы, лезут к ним [illegible]. Лезгины с благодарностью [illegible] Абдула Сефербекова они знают, что [illegible] [illegible]ленные им, не полезут на [illegible]. Далеко от Абдулы Сефербекова, в его родных горах русские бойцы защищают лезгинские села, как лезгин Абдул Сефербеков защищает русские деревни. Одна у нас родина. Одно горе. Один враг.

Когда Абдулу Сефербекову говорят: „Молодец! ведь ты уложил 96", он отвечает: „Я их не считаю. Я их бью". За Сефербековым идут другие. Каждый день растет число метких снайперов. У них зоркий глаз. [illegible] У них большое сердце. [illegible] от самого сердца.

Ненависть не промахнется. Ненависть найдет врага. Вот ползет Абдул Сефербеков. Шесть пуль. Шесть трупов. А Сефербеков не считает, Сефербеков бьет.

Привет мужественному лезгину от русского писателя! Привет и благодарность. Великое ле[illegible]

[illegible] пришли к нам за нашей землей. Но вот они лежат скрюченные, серозеленые гады. Жадными руками они впились в землю. Они хотели прикарманить Россию. А что у них в мертвых руках? Щепотка земли.

В добрый час, Абдул Сефербеков! Еще много [illegible] нашей земле. Еще много ненависти в [illegible]. Еще много пуль, которые тос[illegible]

Илья ЭРЕНБУРГ

Снайпер Абдул Сефербеков.

[illegible] ко стрелю.

Это верно. [illegible] Но этого [illegible] Главное — нужно иметь [illegible] ненависти в душе к фашистским гадам, тогда твоя пуля непременно найдет [illegible] силами души. [illegible] щадно и злобно [illegible] гадов.

На огневом рубеже у меня только одна мысль: [illegible] Каждый сра[illegible] приближает [illegible] разгрома гитлеровской армии.

На своем боевом счету я имею 96 уничтоженных фашистов, но этого еще мало.

Абдул Сефербеков.

א זײַט פון דער רויטאַרמייִשער צײַטונג
„ווּפּעריאָד נא זאַפּאַד"

באַקומען דעם בריוו, האָבן מיר מיט אָלגאַ איוואַנאָוונען אָנגעהויבן גרייטן פאַר שלוימען און זײַנע פראָנט־כאַווייִרים א פעקל. מיר האָבן אָפּגעבאַקן פּלעצלעך, אָלגאַ איוואַנאָוונא האָט אויסגעשטריקט וואָלענע הענטשקעס.

ס'איז געווען זונטיק — א רו־טאָג. דער פרי־מאָרגן האָט זיך אויסגעגעבן א זוניקער, וואַ־רעמער. עס האָט שוין אַפילו געשמעקט מיט זומער. הײַנט האָב איך געדאַרפט אָפּנעמען דאָס אַרטיקל און עס איבערשיקן אַפן פראָנט. איך האָב אָנגעקלונגען צו ערענבורגן, און זײַן סעקרעטאַר האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס אַרטיקל איז שוין אָפּגעדרוקט אַף דער מאַשינקע, און איך קאָן נאָך דעם קומען.

איליא ערענבורג האָט געוווינט אַף גאָרקי־גאַס, אַנטקעגן דעם מאָסקווער ראַט, אַפן זיבעטן שטאָק פונעם הויז, ווו עס געפינט זיך איצט א גרויסער ביכער־מאַגאַזין. דער ליפט האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געאַרבעט, איך האָב געמוזט שפּאַנען צופוס, נאָר צו דעם זײַנען מיר דאַן געווען צוגעוווינט. באַקומען דעם פּאַקעט, האָב איך זיך, אויך צופוס, אַוועקגע־לאָזט צום ווײַסרוסישן וואָקזאַל. דאָרט האָב איך זיך געדאַרפט טרעפן מיט דער פרוי, דעם מיליטערישן פאָטאָ־קאָרעספּאָנדענט.

אַפן ווײַסרוסישן וואָקזאַל זײַנען געשטאַנען בא דער טיר מיליציאָנערן, און דורכגעלאָזט האָט מען נאָר אָפיצערן, סאָלדאַטן און פון ציווילע בלויז די, וואָס האָבן געהאַט ספּעציִעלע דערלויבענישן צו פאָרן אַפן פראָנט. איך האָב ניט געוווּסט פון די דאָזיקע שטרענגקייטן און זיך צונויפגערעדט טרעפן מיט דער פרוי אַפן פעראָן.

אומזיסט בעט איך זיך ראַכמים באַם מיליציאָנער, ער זאָל מיך דורכלאָזן. דאַן ווײַז איך אים דאָס אַרטיקל, אונטערגעשריבן פון איליא ערענבורגן. און שטעלט אײַך פאָר — ער האָט מיך דורכגעלאָזט. קיין פּינקטלעכע רעשימעס פון די צוגן זײַנען מילכאָמע־צײַט ניט געווען. איך לויף איבערן פעראָן, די פרוי קען איך ניט אין פּאָנעם, און זי מיך אויך ניט. איך האָב איר נאָר געגעבן א סימען, אַז איך וועל זײַן אין א גרינעם מאַנטל. דער צוג שטייט שוין באַם פעראָן. איך קוק אַרײַן אין יעדן פענצטער, כאָטש ווי־אַזוי כ'וואָלט זי דערקענען, הייב איך ניט אָן צו וויסן, נאָר עפּשער וועט זי מיך דערקענען. פּלוצעם הער איך, מע קלאַפּט אין א שויב, יאָ, דאָס ווײַזט מען מיר, איך זאָל אַרײַנגיין אין וואַגאָן. איך באַקען זיך מיט דער פרוי און הייב אָן אַרויסשלעפּן פון קוישל דאָס פּעקל פאַר שלוימען. די פרוי זאָגט מיר:

— אײַלט זיך ניט, דער צוג וועט נאָך אַזוי גיך זיך ניט רירן.

און גלייבט יאָ, גלייבט ניט, ווי נאָר זי האָט אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, האָב איך דערפילט, אַז מיר פאָרן שוין, און אַראָפּ־שפּרינגען וועל איך שוין ניט באַווײַזן.

איך בין א קנאַפּע ליבהאָבערן צו זײַן אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט, ביפּראַט נאָך, אַז אין האַלדז האָט זיך מיר געשטעלט א קנויל. און דאָ האָט מען מיך אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן און אָנגעהויבן צו געבן אייצעס. ווער ס'האָט געהאַלטן, אַז איך דאַרף אַראָפּ־שטײַגן אַף דער נאָענטסטער סטאַנציע. און ווער, פאַרקערט, ס'האָט געוואָרנט, איך זאָל זיך ניט דערוועגן עס צו טאָן, ווײַל אָן די געהעריקע דאָקומענטן וועל איך קיין בילעט אַף צוריק ניט קריגן, און זיך לאָזן אַהיים צופוס איז געפערלעך, די פעלדער און וועלדער הינטער מאָסקווע זײַנען מינירט. און דער צוג גייט דערווײַל, און איך ווייס אַלץ ניט וואָס צו טאָן. עס בלײַבט מיר נאָר פאָרן ביז וויאַזמע, דאָרט וועט שוין שלוימע מיך ווי־ניט־איז אַריבער־פעקלען אַהיים. נאָר ווי פאָרט מען עס אָן א בילעט און אָן א דערלויבעניש?

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין וואַגאָן זײַנען אַרײַן עטלעכע מיליטערלײַט און גענו־מען איבערקוקן בא יעדן איינעם די דאָקו־מענטן און די בילעטן. איך הייב נערוועז אָן צו זוכן אין רידיקיול מײַן פּאַספּאָרט, אָן וועלכן מע פלעגט דאַן פון שטוב ניט אַרויס. איך

געפין אויך א צעטל, אז איך ארבעט מיט אין ייִדישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. דער מיליִ־טערמאַן, וואָס האָט קאָנטראָלירט מײַנע דאָקו־מענטן, איז אזוי, ווי־זט אויס, געוווען איבערראַשט פון מײַן כוצפּע, וואָס כ׳פֿאַר אָן אַ קאָמאַנדירונג אפן פראָנט, אז ער האָט אפילע שוין פארגעסן פאָדערן בא מיר א בילעט. ער האָט מיך נאָר געפרעגט, ווי קלער איך זיך דערקלײַבן אף צוריק. איך האָב אים געזאָגט, אז אין וויאזמע וועט מען מיך באַגעגענען. ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אוועק ווײַטער.

אין עטלעכע שאָ ארום, אזייגער זעקס פארנאַכט, האָבן מיר זיך דערקליבן קיין וויאזמע.

א גרויער נעפּל האָט אײַנגעהילט די שטאָט. רויִנען און רויִנען. אײַנגעפאַלענע ווענט, קוי־מענס פון אָפּגעברענטע הײַזער. עס הערט זיך א געקנאַל פון הארמאַטן. די שלאַכטן גייען ערגעץ גאָר נאָענט.

שלוימע האָט מיך דערזען פונדערווײַטן און איז דערשטוינט געוואָרן:

— וויאזוי ביסטו אהער געקומען? דאָ איז דאָך דער פראָנט! — ער איז צופרידן געווען און זיך געבייזערט. איך האָב אים דערציילט, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. ער האָט זיך צעלאַכט. מיר זײַנען אוועק נאָך א בילעט. דערוווסט זיך, אז אף צוריקוועגס וועט דער צוג גיין ערשט אפן צווייטן טאָג, אויב, פאַר־שטייט זיך, מע וועט ניט באַמבירן דעם וואָק־זאַל. דאַרף מען, הייסט עס, נאָך געפינען אַן אָרט אף איבערצונעכטיקן. דאָס איז נאָך שווע־רער, איידער קריגן א בילעט. דער וואָקזאַל איז אף האַלב צעבאָמבירט. אין אָנגערייכערטן זאַל זײַנען סאָלדאַטן געזעסן און געלעגן אף דער ערד, אף די פענצטער. הארמאָשקעס האָבן געשפּילט די פּאָפּולערע לידער פון יענער צײַט.

דאָ אפן וואָקזאַל האָבן מיר מיט שלוימען גענומען עפּעס איבערכאַפּן, פארביסן מיטן געבעקס, וואָס כ׳האָב געבראַכט מיט זיך. עמע־צער פון די סאָלדאַטן האָט אויס אָפּשײַ צו שלוימעס אָפיצערישן טיטל אונדז אָפּגעטראָטן דאָס אָרט אף א באַנק. ביז ס׳האָט אָנגעהויבן צו שאַרײַען אף טאָג, האָבן מיר מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. געזעסן און גערעדט. מיר האָבן געהאַט וואָס צו דערציילן איינס דעם אַנדערן. איך — וועגן מײַנע איבערלעבענישן אין עוואַקואַציע, וועגן אונדזער זונעלע, וועלכן איך האָב דערווײַל נאָך איבערגעלאָזט אין קראַסנאָופימסק מיט מײַן אַלטער מאַמען. שלוימע — וועגן זיך, וועגן די שלאַכטן הינ־טער מאָסקווע. דער צוג איז אָנגעקומען. באַם געזעגענען זיך האָט מיר שלוימע געזאָגט:

— צווייפל ניט אין אונדזער זיג און האָף, אז מיר וועלן זיך נאָך זען.

א באַרויִקטע, עפּעס ווי א שטאַרקער געוואָ־רענע, בין איך געפאָרן אף צוריק קיין מאָסקווע.

אָט אזא צופאַל קאָן זיך דען פארגעסן?

■ ■ ■

# ניט פאַרעפנטלעכטע לידער

## מײַן דיכטונג

נאָך גוואַלדיקע שעדעווורען,
וואָס אונדזער וועלט פאַרמאָגט,
נו, וואָס באַטײַט מײַן איוורע,
וואָס קלאָר איז, ווי דער טאָג.

די אומדערוואַרטע ווערטער,
וואָס גייען פון געמיט

נאָר מיט מײַן הויך באַשווערטע,
פון יעדער קונסט באַהיט.

פון וועמען זיך באַהאַלטן,
איך טרייסט זיך אָפּט אַזוי.
פון יעדער צווײַגל פאַלט דאָך
אַמאָל אַ טראָפּן טוי.
— — — — — — — —

* * *

איך פיל זיך שטענדיק, ווי אין וועג,
מיר דאַכט, אַז ערגעץ פּאָר איך,
צי עפּשער שווים איך צו אַ ברעג —
ס'איז ביז אַהער ניט קלאָר מיר.

און שטענדיק שטרעב איך צו אַ ציל,
און עפּעס שטויסט מיך שטרעבן,
קאָן זײַן, אַז אָט אָ־דער געפיל
הייסט פּראָסט און פּאָשעט „לעבן".

פעוורראַל 1973

* * *

ס'איז עפּעס אַזעלעכס פאַראַנען אין האַרבסט,
אין דעם, וואָס עס וועלקט, אין דעם, וואָס עס שטאַרבט.
מיט אויגן פאַרליבטע איך קוק אױף דער וועלט,
און טאָמיד זי רירט מיך, ווען כ'זע, ווי זי וועלקט —
עס מעג זײַן אַ רעגן אַ האַרבסטיקער,
אַ האַרבסטיקער רעגן, אַ מאַבל אַ גאָס,
אין וואַלד אױף אַ רעגע אַרויסגיין איך מוז.
איך קוק און איך אָטעם, איך ווער גאָרניט זאַט,
מיר פאַלט אױפן אַקסל אַ גאָלדענער בלאַט.

25 סענטיאַבער 1972

* * *

מיר דאַכט, ווען איך וועל שוין ניט ווערן,
ניט לעשן זיך וועט מײַן געוויסן,
כ'וועל עטוואָס נאָך זען און כ'וועל הערן
און עטוואָס געדענקען און וויסן,
ווען עמעצער וועט מיך דערמאָנען.

גלײַכגילטיק כ'וועל ניט פאַרבלײַבן,

איך וועל דורך די נעפּלען־טומאַנען
פון יענער־וועלט שיקן אַ טײַבל.

אַ בריוו דורך אַ טײַבעלע שיקן,
און דײַטלעך דאָרט זײַן וועט געשריבן,
אַז כ'בין אין דיר, לעבן, פאַרצווייפלט,
דעם לעבן געטרײַ וועל איך בלײַבן.

6 יאַנוואַר 1973

---

פון דער שעפערישער ירושע.

# אומרויִקײַט

איך אײַל זיך דערפאַר, וואָס איך ווייס ניט,
איך ווייס ניט דעם טאָג און די שאָ,
ווען קומען איך וועל צו די מייסים
און זאָגן זיי: „איך בין שוין דאָ״.

און ס׳ווילט זיך מיר זייער באַווײַזן,
צערעכענען זיך מיט דער וועלט,
וואָס מיך האָט זי — שטאַרקער פון אײַזן —
אין קאָן פון די שלאַכטן געשטעלט.

מיט וואָסער א טויט כ׳זאָל ניט שטאַרבן —
א כידעש, וואָס איך האָב געלעבט,
וואָס כ׳האָב אין דער וועלט אין דער האַרבער
מײַן אוראַלטן פאָדעם געוועבט.

21 סעפּטיאַבער 1972

* * *

א מענטשן כ׳בין זעלטן מעקאַנע.
פון סינע מײַן האַרץ איך באַהיט,
פיל רײַכטום, איך ווייס, איז פאַראַנען,
וואָס דרעמלט בא מיר אין געמיט.

פיל מענטשן עס זײַנען פאַרגראָבן
אין גרונט פון מײַן אייגענעם זײַן.
איך זאָל נאָר א טייל פון זיי האָבן,
איך וואָלט, ווי א שטערן, געשײַנט.

און דער וואָלט געוועזן מיר מעקאַנע,
און בלויז אף דעם איינציקן סמאַך,
וואָס קיינעם איך וואָלט ניט דערמאָנען
(— — — — — — — — — — — —),

וואָס וואַרט, אז מע זאָל עס דערוועקן,
וואָס איז נאָך פון אָרט ניט גערירט.
די לענגסטע עס זײַנען די וועגן,
וואָס פירן צום אייגענעם איך!

אָקטיאַבער 1973

* * *

גאַנץ אָפּט צו שווער איז מיר מײַן קאָפּ
און שטאַרק דאָס האַרץ געפּענטעט.
מײַן שטימונג הענגט גאַנץ אָפּט איצט אָפּ
פון דעם, ווי ס׳איז דער וועטער.

כ׳בין אופגעשטאַנען הײַנט גאַנצפרי,
אין וואָסער גרייט זיך וואַרפן,
פון גרינגע שנייעלעך דער פלי
האָט מיר א פרייד פאַרשאַפן.

א גרינגער שניי, ער פליט צו דר׳ערד
און פון דער ערד צום הימל.
ס׳איז לעבן אף דער ערד שוין ווערט
צוליב אָט דעם געווימל.

23 פעוורַאל 1973

# מענטשן — זייער צייט און זייער גורל

אזריעל ליבערמאַן

## צוויי געלערנטע

### א פּראַקטיקער גורל

דער וועלטבארימטער רוסישער געלערנטער וולאַדימיר מיכײַלאָוויטש בעכטערעוו (1857 — 1927) האָט איבערגעלאָזט דער מעדיציני־שער וויסנשאפט א רײַכע ירושע. ער האָט דורכגעלייגט נײַע וועגן אין די געביטן פון נעווראָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, פּסיכיאטריע, אנטדעקט א ריי נאָרמאלע און פּאטאָלאָגישע רעפלעקסן. בעכטערעוו איז געווען דער גרונטלייגער פון נייראָכירורגיע. ער האָט פּאנאנדערגעארבעט ניט באוווסטע ביז אים מעטאָדן און מיטלען אף צו דערלערנען און היילן פּיל קראנקײַטן, דערונטער אלקאָהאָליזם, און אופגעטאָן נאָך א סאך אזעלכס, וואָס האָט אים געבראכט א גרויסן שעם אף דער גאנצער וועלט. ווי יעדער אויסנעמלעכער געלערנטער, האָט ער געשאפן אויך א וויסנשאפטלעכע שול, און זײַנע טאלמידים זעצן איצט ווירדיק פאָר די זאך פון זייער לערער.

וועגן איינעם פונעם אקאדעמיקער בעכטערעווס טאלאנטפולע שילער ווערט דאָ ווײַטער דערציילט.

א קילאָמעטער דרײַסיק פון קאמענעץ־פּאָדאָלסק איז פאראן א שטעטל דונעוועץ. דאָרט האָט געלעבט אמאָל א ייִד א קליינהענדלער שלוימע־זאלמען אווערבוך מיט זײַן פרוי אלטע. באם סאמע אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, אין 1900, איז בא זיי געבוירן געוואָרן א זון, וועלכן זיי האָבן א נאָמען געגעבן כאים. ווי געוויינלעך אין יענע צײַטן, האָט דאָס ייִנגל זיך געלערנט בא מעלאמדים.

ווען וו. מ. בעכטערעוו איז שוין געווען א באוווסטער פּראָפעסאָר און האָט געגרינדעט אין פעטערבורג דעם פּסיכאָנעווראָלאָגישן אינסטיטוט, האָט דאָס כיידער־ייִנגל אווערבוך, וואָס איז שוין יונגערהייט געווען פאָרטאָן אין טאנאך און געמאָרע, נאטירלעך, ניט געהאט קיין מינדסטן באגריף ניט וועגן פעטערבורג, ניט וועגן בעכטערעוון מיט זײַן אינסטיטוט.

און אָט זײַנען דורכגעגאנגען 65 יאָר... איך זיץ מיטן פּראָפעסאָר יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש אווערבוך בא א העל באלויכטענעם טיש אין זײַן אָנגעפּיקעוועטן מיט ביכער ארבעטס־צימער, אפן צווייטן שטאָק פון אן אלט לענינגראדער הויז אף קוטוזאָווסקאיא נאבערעזשנאיא. דאָ, הארט בא דער ניעווא, וווינט שוין דער פּראָפעסאָר היפּשע יאָרן צוזאמען מיט זײַן פרוי דאָניע איליניטשנע — א פּעדאגאָג, וועלכע איז איצט אף פּענסיע.

דער פּראָפעסאָר דערציילט מיר וועגן זײַן לעבן, און איך טראכט בײַסמײַסע: אזא הויכער אופשוווּנג פונעם גורל פון א קליינשטעטלדיק ייִדיש ייִנגל איז מעגלעך נאָר אינעם לאנד, ווו עס האָט געזיגט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

אָפּגעפּארטיקט זיך צום דרײַצניאָריקן עלטער מיט טאנאך און געמאָרע און פארענדיקט אויך דעם אכטן קלאס פון דער רוסישער גימנאזיע, האָט יעפים אווערבוך גלײַך נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע אָנגעהויבן זײַן ארבעטססטאזש אלס פאָרזיצער פון דער אָרטיקער ארבעטער־פּויערישער אינספּעקציע. נאָר דעמלט האָבן זיך געעפנט א סאך פרײַע וועגן אין די גרויסע שטעט, א וועג צו הויכבילדונג, און יעפים פאָרט אוועק קיין קיִעוו און קומט אָן אין פילאָלאָגישן אינסטיטוט. ער לערנט זיך און איינצײַטיק ארבעט ער אלס לערער פון פּאָליטעקאָנאָמיע. דערבײַ האָט ער דעראָבערט אזא אווטאָריטעט, אז אין 1920—1921 האָט מען

אים אויסגעוויילט פאַר אַ פאַרזיצער פונעם לע־
רערישן פאַריין.

אײַנגיכן אָבער דערפילט ער, אַז פילאָלאָגיע
און פּעדאַגאָגיק איז ניט זײַן באַרוף. סאָף 1921
פאָרט ער אַריבער קיין פּעטראָגראַד און קומט
אָן אין מעדיצינישן אינסטיטוט. אָט דאָ פירט
אים דער גורל צונויף מיטן אַקאַדעמיקער בעכ־
טערעוו: אווערבוך אַרבעט אין דער סטודענטי־
שער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט, מיט וועל־
כער וולאַדימיר מיכײַלאָוויטש פירט אָן. אין
1927, ווען יעפים אווערבוך פאַרענדיקט דעם
אינסטיטוט, לאָזט מען אים איבער באַ דער
נערוון־קליניק, מיט וועלכער עס האָט פאַרוואַל־
טעט דער פּראָפעסאָר מ. ג. ניקיטין. צוויי יאָר
אָרדינאַטור אין אָט דער קליניק — און אווער־
בוך ווערט קאָמאַנדירט קיין מיטלאַזיע, ווו ער
שטייט בעראָש פון אַ נערוון־פּסיכיאַטרישן דיס־
פּאַנסער.

אין 1931 קערט זיך יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש
אום קיין לענינגראַד, און פון דעמלט אָן ביז
הײַנטיקן טאָג איז זײַן לעבן פאַרבונדן מיטן
אינסטיטוט אַף וו. מ. בעכטערעווס נאָמען. אין
אָט דעם אינסטיטוט איז ער אויסגעוואַקסן פון
אַן אָרדינאַטאָר ביז שטעלפאַרטרעטער פון די־
רעקטאָר.

זײַן קאַנדידאַט־דיסערטאַציע אַף דער טעמע
„היסטעריע און אָרגאַנישער היסטעראָיד" האָט
יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש אווערבוך פאַרטיידיקט
אין 1938, און די דאָקטאָר־דיסערטאַציע איז
אים אויסגעקומען צו פאַרטיידיקן אין 1942 אין
בלאָקירטן לענינגראַד („שאַרפע געפעס־פּסי־
כאָזן" האָט זי געהייסן). ער איז שעף פון דער
פּסיכיאַטרישער אָפּטיילונג אין אַ לענינגראַדער
מיליטערישן שפּיטאָל. אין 1944 איז אים צו־
געייגנט געוואָרן דער טיטל פּראָפעסאָר.

אווערבוך האָט פאַרעפנטלעכט 140 וויסנ־
שאַפטלעכע אַרבעטן (צווישן זיי אויך אַרטיק־
לען, געדרוקטע אין דער גרויסער מעדיצינישער
ענציקלאָפּעדיע), דערונטער זיבן מאָנאָגראַ־
פיעס. צוויי פון די זיבן מאָנאָגראַפיעס האָבן באַ־
קומען גאָר אַ הויכע אָפּשאַצונג. דאָס זײַנען די
ביכער „פּסיכיק און היפּערטאָנישע קראַנק־
הײַט" (אַרויסגעגעבן אין 1965), אין וועלכע עס
זײַנען פאַראַלגעמיינערט די רעזולטאַטן פון די
פאָרשונגען אין פאַרלויף פון 25 יאָר, און
„שטערונגען פון פּסיכישער טעטיקײַט אין
שפּעטן עלטער" (אַרויסגעגעבן אין 1969). פאַר
אָט די צוויי ווערק האָט דער פּרעזידיום פון
דער אַקאַדעמיע פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן
אין 1970 באַלוינט דעם פּראָפעסאָר אווערבוך
מיט דער פּרעמיע אָפן נאָמען פונעם אַקאַדעמי־
קער בעכטערעוו, וועלכע ווערט צוגעמישפּעט
איין מאָל אין פינף יאָר.

דעם טאָך פון זײַנע פאָרשונגען קלערט אוף
יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש אײַנקורצן אַזוי: דער
איקער באַשטייט אין דערלערנען די פראַגע
וועגן דער ראָליע פון פּאַטאָלאָגיע פון דעם
בלוטגעפעס אין קאָפּ־מאַרך. בײַס פּסיכישע
קראַנקהײַטן אין שפּעטן עלטער ענדערן זיך באַם
מענטשן די ביאָלאָגישע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָ־
גישע אייגנשאַפטן, און אין צוזאַמענהאַנג דער־
מיט ענדערן זיך אויך גופע די פּסיכישע
קראַנקהײַטן אין שפּעטן עלטער. די פאָרשונגען
אין אָט דעם געביט האָבן מיטגעהאָלפן בעסער
צו פאַרשטיין דעם וועזן פון פּסיכישע שטערונ־
גען באַ זקנים און מער באַגרינדעט דורכצו־
פירן די פּראָפילאַקטיק און די היילונג פון אָט די
קראַנקהײַטן.

איצט אַרבעט יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש אינעם
בעכטערעוו־אינסטיטוט אַלס פּראָפעסאָר־קאָנ־
סולטאַנט און זעצט פאָר זײַנע וויסנשאַפטלעכע
פאָרשונגען. אין 1974 גיט אַרויס דער פאַרלאַג
„מעדיצינאַ" זײַן נײַע מאָנאָגראַפיע „נעווראָזן
און ענלעכע אַף נעווראָזן צושטאַנדן אין
שפּעטן עלטער".

דער פּראָפעסאָר אווערבוך גיט אָפּ פיל
צײַט און ענערגיע אויך דער געזעלשאַפטלע־
כער טעטיקײַט. ער איז אין מעשעך פון פיל
יאָרן אַ מיטגליד פון די פאַרוואַלטונגען פון דער
אַלפאַרבאַנדישער און פון דער אַלרוסלענדישער
געזעלשאַפטן פון נעווראָפּאַטאָלאָגן און פּסיכי־
אַטערן, פאַרזיצער פון דער לענינגראַדער אָפּ־
טיילונג פון אָט דער געזעלשאַפט, מיטגליד פון
דער אַלפאַרבאַנדישער פּראָבלעמען־קאָמיסיע
פון פּסיכיאַטריע.

מיטן פאָטערס וועג גייט אויך דעם פּראָפע־
סאָר אווערבוכס זון איליאַ יעפימאָוויטש. ער
אַרבעט אַלס עלטערער דאָקטער אין איינעם
פון די לענינגראַדער פּסיכיאַטרישע שפּיטאָלן.
אַ קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן, האָט
ער שוין באַוויזן צוגרייטן אויך זײַן דאָקטאָר־
דיסערטאַציע. ער איז אַן אַווטאָר פון 30 וויסנ־
שאַפטלעכע אַרבעטן.

...אין העל באַלויכטענעם צימער, אַפן צווייטן
שטאָק פון אַן אַלטן לענינגראַדער הויז, הער
איך, וואָס עס דערציילט מיר וועגן זיך און זײַן
זון דער פּראָפעסאָר יעפים סאָלאָמאָנאָוויטש
אווערבוך. איך הער ניט אוף צו טראַכטן וועגן
דעם גורל, וואָס די סאָוועטנמאַכט האָט געגעבן
דעם זון און דעם אייניקל פון אַן אָרעמען ייִדן
שלוימע־זאַלמען אווערבוך.

אַ גרויסער, אַ פּרעכטיקער גורל!

# ער שטאַמט פונעם קאַמיוגישן דאָר

אײנס פון די שענסטע ערטער אין לענינ־גראַד איז די אַלטע „פעטראָגראַדער זײַט". דאָ זײַנען אויך, ווי אין אַנדערע ראַיאָנען פון דער שטאָט, פאַראַן נײַע הויכע מאָדערנע געבײַדעס, אָבער ניט אַזויפיל, ווי, לאָמיר זאָגן, אין מאָסקווער ראַיאָן אָדער אַפן וואַסיליעווער אינדזל. אַמערסטן זעען מיר דאָ פײַנע 5־7־שטאָקיקע הײַזער, וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער אייגנאַרטיקן אַרכיטעקטור־סטיל פון די פריִערדיקע צײַטן, און אַרום זיי — ביימער, בלומען. באַזונדערס שיין איז דער צענטער פון דער פעטראָגראַדער זײַט. מענגעס מענטשן פאַרפולן דאָ די גאַסן, די טראָלייבוסן, אַוטאָ־בוסן, די קינאָ־טעאַטערס, קראָמען, גאָרקיכן, בופעטן, אַטעליע.

נאָר אויב אָפּקערעווען א ביסל אין א זײַט פון אַט דעם צענטער און אַוועקגיין עטוואָס אַף לינקס, וועלן מיר טייקעף אַרײַן אין דער שטילער טאָלסטאָי־גאַס. דאָ האָבן זיך פאַרהיט די אַמאָליקע טראַמוויי־ליניעס.

צווישן אַט דער גאַס, פון איין זײַט, און דעם טײַך קאַרפּאָווקע, פון דער צווייטער זײַט, ציט זיך אַף א היפּשן שטעך א פּלאַץ, אַרומ־גערינגלט מיט א טשוהונענעם פּלויט. אין אַט דעם גרויסן הויף געפינען זיך בישכיינעס צוויי קרויווישע אַנשטאַלטן — דער ערשטער לענינגראַדער מעדיצינישער אינסטיטוט אַף פּאַוולאָווס נאָמען און דער שפּיטאָל אַף עריס־מאַנס נאָמען. יעדערער פון זיי האָט זײַנע אייגענע קאָרפּוסן, געבײַדעס, קליניקעס, אַודי־טאָריעס.

אונדז אינטערעסירט אין געגעבענעם פאַל דער אינסטיטוט. מיט א פּאָר יאָר צוריק האָט ער אָפּגעמערקט זײַן 75־טן יאָרטאָג. אינעם קײַלעכיקן קאָרפּוס, אַן ענלעכן אַף א פּלאַנעט־טאַרי, באַם אַרײַנגאַנג אין דער 7־טער אַודי־טאָריע, איז דאַן געווען אויסגעפורעמט אַן עקספּאָזיציע פון פאַרגרעסערטע פאָטאָבילדער פון פאַרדינסטפולע געלערנטע, וועלכע האָבן זיך אינעם אינסטיטוט געלערנט אָדער זיי האָבן געלערנט אַנדערע. די עקספּאָזיציע ווערט פון מאָל צו מאָל באַנײַט. אַף איינעם פון די סטענדן האָט מען צווישן אַנדערע געקענט זען די פאָטאָגראַפיע פון סאָלאָמאָן גאַלפּערינען, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון קאָמיוג אין אינסטיטוט אין 1921 — 1922.

מיט וואָס זשע האָט דער דאָזיקער קאָמיו־גיסט זויכע געווען, אַז מע זאָל אין א האַלבן יאָרהונדערט אַרום, בײַסן יובילײַ פונעם אינסטיטוט, אַרויסשטעלן זײַן בילד באַנאַנד מיט די בילדער פון באַרימטע פּראָפעסאָרן? ווער איז ער איצט?

אַף אָרלאָווטשטשינע, אינעם געוועזענעם בריאַנסקער אויעזד, אין דער שטאָט דיאַטקאָ־וואָ האָט ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע גע־הערשט דער באַוווסטער מאַגנאַט מאַלצעוו. זײַנע נאָכלעס האָבן געהייסן „מאַלצעווס פאַב־ריטשני אָקרוג". אינעם באַשטאַנד פון דער קליינער אימפּעריע זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אַנצאָליקע אונטערנעמונגען, און אַף איינער פון זיי האָט געאַרבעט אַלס כעזשבנפירער א פאַשעטער ייִד עליע גאַלפּערין. זײַן מישפּאָכע איז געווען ניט קיין גרויסע: דאָס ווײַב, צוויי זין און א טאָכטער. דער בכאָר איז געווען שלוימע, דאָס הייסט דער זעלבער סאָלאָמאָן, וואָס אַפן דערמאָנטן בילד. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 21 אָקטיאַבער 1903. אין 1920 איז ער, נאָך א שילער, אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג און מע האָט אים אויסגעוויילט אין ראַיקאָם. אין 1921, ווען ער האָט פאַרענדיקט די שול פון דער צווייטער שטופע, האָט אים דער בריאַנסקער שטאָטישער קאָמיוג־קאָמיטעט קאָמאַנדירט זיך לערנען קיין פעטראָגראַד. דאָ האָט די ביִאָגראַפיע פונעם ביז דאַן קיינעם ניט באַוווסטן קאָמיוגיסט סאָלאָמאָן גאַלפּערין באַ־קומען א גאָר נײַע ווענדונג.

... איך זיץ אין איינעם פון די זאַלן פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען און בלעטער א ביז גאָר אינטערעסאַנטן בוך „די פיזיאָלאָגישע שול פון אי. פּ. פּאַוולאָוו. פּאָרטרעטן און כאַראַקטעריסטיקעס פון מיטאַרבעטער און שילער". די מעכאַברים — ד. ג. קוואַסאָוו און א. ק. פיאָדאָראָווו־גראָט. פאַרלאַג „וויסנשאַפט", 1967. אַף די זײַטלעך 80 און 81 געפינען מיר א לאַקאָנישע באַשרײַבונג פונעם פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן איליטש גאַלפּערינס לעבנס־וועג, און עס ווערן אָנגערופן א ריי זײַנע ווערק, וואָס זײַנען דערשינען ביזן 1965.

אין 1921 איז ס. גאַלפּערין אָנגעקומען זיך לערנען אינעם ערשטן לענינגראַדער מעדיצי־נישן אינסטיטוט, און אין 1926 האָט ער אים פאַרענדיקט. קימאַט פון די ערשטע סטודענ־טישע טריט האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אַף דער קאַטעדרע פון פּאַטאָלאָגישער פיזיאָלאָגיע, באַם אַקאַדעמיקער אָרבעלי. אין 1926, אָקאָרשט פון דער סטודענטישער באַנק, איז ער געבליבן באַ אָרבעלין אַלס אַספּיראַנט. שפּעטער זײַנען אין א וויסנשאַפטלעכער זאַמלונג פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אָרבעליס און גאַלפּערינס בעשותפעסדיקע ווערק. דערמיט האָט דער אַקאַדעמיקער באַשטעטיקט, ווי הויך ער שאַצט די מיטאַרבעט פון זײַן טאַלאַנטפולן טאַל־מיד.

אין 1929 ווערט ס. גאַלפּערין אַן אַסיסטענט, אין 1932 — א דאָצענט. די אַרבעט אינעם 1־טן מעדיצינישן אינסטיטוט פאַרייניקט ער דאַן מיט דער טעטיקייט אין אינסטיטוט פון עקס־פּערימענטאַלער מעדיצין, אין פיזיאָלאָגישן אָפּטייל, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער אַקאַדעמיקער אי. פּ. פּאַוולאָוו. פון 1933 ביזן

1941 האָט ער געאַרבעט דאָרט אין אָפּטייל פון אַלגעמיינער פיזיאָלאָגיע.

אין 1־טן און 2־טן באַנד פון דער אויסגאַבע „פּאַוולאָווס מיטוואָך" דערמאָנט דער גענ׳אַלער פיזיאָלאָג פּאַוולאָוו גאַלפּערינס פאָרשונגען. זיי זײַנען אויך אָנגערופן אינעם דריטן באַנד פון דער אויסגאַבע.

אין 1936 האָט ס. אי. גאַלפּערין פאַרטיידיקט די דאָקטאָר־דיסערטאַציע אַף דער טעמע וועגן די הויפּט־אָפּטיילן פון דער נערוון־סיסטעם. אין 1939 איז אים צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל פּראָפעסאָר. פון 1936 ביזן 1941 האָט ער איינצײַטיק מיט דער אַרבעט אין אינסטיטוט פון עקספּערימענטאַלער מעדיצין פאַרוואַלטעט מיט דער קאַטעדרע פון נאָרמאַלער פיזיאָלאָגיע און מיט דער עקספּערימענטאַלער לאַבאָראַטאָריע אין לענינגראַדער סטאָמאַטאָלאָגישן אינסטיטוט.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע, איז דער פּראָפעסאָר גאַלפּערין פרײַוויליק אַוועק אין דער אַרמיי און איז אָפּן פראָנט, הינטער לענינגראַד, אָפּגעווען ביזן סאָף פונעם קריג אַלס שעף פון אַן עוואַקאָ־שפּיטאָל.

ביז איצט האָט דער פּראָפעסאָר ס. אי. גאַלפּערין פאַרעפנטלעכט 181 ווערק, בעסיכעם 22 מאָנאָגראַפיעס — היפּשע ביכער, וועלכע פאַרנעמען אַ גאַנצע פּאָליצע אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק. אייניקע פון זיי האָבן אויסגעהאַלטן צו עטלעכע אויסגאַבעס. זײַנע אַרטיקלען און ביכער זײַנען באַוווּסט ניט בלויז בא אונדז אין לאַנד.

אין וואָס באַשטייען גאַלפּערינס פאַרדינסטן פאַר דער וויסנשאַפט? ער האָט אַנטדעקט נײַע פאַקטן אין די פונקציעס פון דער צענטראַלער נערוון־סיסטעם; אויפגעקלערט די באַדײַטונג פון דער סיגנאַליזאַציע פון די סקעלעט־מוסקולן; געשאַפן אַן אָריגינעלע קאָנצעפּציע וועגן דער פאָרמירונג פון דער העכסטער נערוון־טעטיקײַט אין דער פּסיכיק פון די שילער; אויסגעפאָרשט די ראָליע פון די האָרמאָנען אין דער העכסטער נערוון־טעטיקײַט און פון דער מוסקול־טעטיקײַט אינעם העכערן די קאָפּ־אַרבעטספייִקײַט, אינעם וווּקס, אַנטוויקלונג און פונקציעס פון די אינערלעכע אָרגאַנען.

גאַלפּערינס זיכרוינעס וועגן אי. פּ. פּאַוולאָוו האָט די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר פאַרשריבן אַף אַ מאַגניטאָפאָן־סטענגע און זי איבערגעגעבן דעם פּאַוולאָוו־מוזיי.

פיל מי גיט אָפּ סאָלאָמאָן גאַלפּערין דעם קולטור־שעפטום איבער דער סאָוועטישער אַרמיי און פלאָט, פאַר וואָס ער איז באַערט מיט די צייכנס „אויסגעצייכנטלער פון קולטור־שעפטום איבער די באַוואָפנטע קרעפטן פון פּססר", „אויסגעצייכנטלער פון פאָלקסבילדונג". פאַר די פאַרדינסטן אין קאַמף קעגן די היטלעריש פאַרכאַפּערס בייס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז דער מאַיאָר פון מעדיצין־אַמט ס. אי. גאַלפּערין באַלוינט מיט אָרדען פון רויטן שטערן און מיט פיל מעדאַלן.

אין 1974 איז דער פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן איליטש גאַלפּערין אין עלטער פון 71 יאָר, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעבן דער וויסנשאַפט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט, — אַוועקגעגאַנגען, ווי מיר זײַנען געוווינט צו זאָגן, אַף פאַרדינטן אָפּרו.

אָפּרו? עס רעדט זיך נאָר אַזוי...

אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף גערצענס נאָמען, ווו ער האָט שוין אָפּגעאַרבעט העכער דרײַסיק יאָר, האָט מען אים איצט אײַנגעלאַדן אונטעריכטן אַף קורסן פון פאַרפולקומען פּעדאַגאָגן. ער אַרבעט אויך איבער אַ נײַער מאָנאָגראַפיע.

• • •

ארן יערוסאלימסקי

# ליכטיק זאָל ווערן!

(צום נײַנציקסטן יאָרטאָג, זינט ס'איז דערשינען
די ערשטע סאָציִאַליסטישע בראָשור אין ייִדיש)

מיט גרויס ייִראַס־האַקאָוועד נעם איך אין די הענט דאָס דאָזיקע ביכעלע[1] — די ערשטע סאָציִאַליסטישע בראָשור אין ייִדיש.

די צײַט האָט מיט וועלקונג זיך צוגערירט צו דעם שאַרבלעטל, ס'איז פאַרגעלט, באַדעקט מיט טונקעלע פלעקן. בלויז בא די ראַנדן פון דער הילע האָבן זיך נאָך פאַרהיט שפורן פון דער ראָזלעכער פאַרב, מיט וועלכער זי איז געווען אָפּגעדרוקט. דאָס ביכעלע איז פון אַ קליינעם פאָרמאַט און פאַרמאָגט סאַכאַקל 23 זײַטעלעך — שוין אויך היפּש פאַרגעלטע און אויסגעטריקנטע. איך בלעטער די בראָשור מיט גרויס פאָרזיכטיקײַט, לייען זיך אײַן אין יעדער שורע און דערשפּיר אַזוי אָנשוילעך, אין וואָס עס איז באַשטאַנען איר אומגעהייערע אופווירקונגס־קראַפט אַף די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן פון רוסלאַנד, ענגלאַנד, אַמעריקע און אַנדערע לענדער. די דאַטע אַפן שאַרבלאַט טראָגט אַריבער דעם געדאַנק אַף אַ יאָרהונדערט צוריק, צו יענער צײַט, ווען עס האָט נאָרוואָס אופגעוואַכט די אַרבעטער־באַוועגונג.

„ערשטער העפט" איז אָנגעשריבן אַפן שאַרבלאַט. דער אַווטאָר און אַרויסגעבער האָבן, זעט אויס, באַטראַכט דאָס דאָזיקע ביכעלע אַלס אַן אָנהייב פון אַ פאָלקס־ביבליִאָטעק פון סאָציִאַליסטישער ליטעראַטור אין ייִדיש.

ווינטשעווסקי איז געווען סײַ אַ דיכטער, סײַ אַ סאָציִאַליסטישער אַגיטאַטאָר, פּראָפּאַגאַנדיסט, סײַ אַ טוער פון דער אינטערנאַציִאָנאַלער סאָציִאַליסטישער באַוועגונג.

די בראָשור האָט געוועקט די מאַסן צום קאַמף קעגן קאַפּיטאַל, אָנגעוויזן זיי דעם וועג צום סאָציִאַליסטישן אידעאַל. נאָך אין 1878 יאָר האָט ווינטשעווסקי, האָבנדיק אין זינען די אופוואַכונג פון דער באַפרײַונגס־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט, גערופן די ייִדישע אַרבעטנדיקע, „זיי זאָלן דערוואַכן פון שלאָף און זאָלן אַרויסגיין פאַרשפּרייטן ליכט איבער דער וועלט, מאַרשירנדיק האַנט־בא־האַנט מיט זייערע ברידער פון אַנדערע פעלקער".

די בראָשור, ווי געזאָגט, איז אָנגעשריבן אין סאָף פון 1879, נאָר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין עטלעכע יאָר אַרום. פאַרשטייט זיך, אַז ווינטשעווסקי האָט אַרײַנגעטראָגן אין אָנפאַנגלעכן טעקסט אייניקע ענדערונגען און דערגאַנצונגען, וועלכע די נײַע אומשטענדן האָבן דיקטירט. די פאָרעדע, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אַף העברעיִש, איז, ווײַזט אויס, געבליבן ניט געענדערט. אַזויאַרום, דאַרף מען האַלטן, אַז דער יעסאָד פון דער סאָציִאַליסטישער ליטעראַטור אין ייִדיש איז געלייגט געוואָרן אין 1879.

ווינטשעווסקיס וועלט־אָנשויונג האָט זיך געפורעמט אין די באַדינגונגען, ווען דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד האָט שנעל זיך אַנטוויקלט. ס'האָבן זיך שוין אַנטבלויזט זײַנע טיפע ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַן אופשטײַג פון דער רעוואָליוציִאָנער־דעמאָקראַטישער באַפרײַונג־באַוועגונג.

דער ערשטער לעבנס־„אוניווערסיטעט" איז פאַר ווינטשעווסקין (בענציִען נאָוואַכאָוויטש) געווען קאָוונע.

נויט און דאַלעס האָבן באַגלייט זײַנע קינדער־יאָרן. פאַר די אויגן זײַנען אים שטענדיק געשטאַנען די קוואָרימלעך פון די אַכט געשטאָרבענע ברידערלעך און שוועסטערלעך. דער שרעקלעכער הונגער אין קאָוונע אין סאָף פון די זעכציקער יאָרן האָט געעגבערט זײַן מויעך. ער פאַרטראַכט זיך וועגן די סיבעס פון די אומדערטרעגלעכע ליידן פון דער אָרעמשאַפט.

אין 1870, נאָכן פאַרענדיקן די רוסישע קאַזיאָנע שול, איז ער, אַ פּופּצניאָריקער, אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע. די עלטערן האָבן געוואָלט, ער זאָל אָנקומען אין דער דאָרטיקער ראַבינערשול. נאָר דאָס איז דעם יונגן ווינטשעווסקין געווען ניט צום האַרצן. אין ווילנע באַקענט ער זיך מיט די ווערק פון די רוסישע, אייראָפּעיִשע און העברעיִשע אופקלערער און ווערט אַן איבערצײַגטער פרײַדענקער, אַ דעמאָקראַט. זײַן אידעאַל אין דער קונסט איז בערנע, אין

[1] „יהי אור" (יעהי אויר) — „ליכטיק זאָל ווערן". אָנגעשריבן אין 1879, צוליב מאַטעריעלע שוועריקײַטן דערשינען אין לאָנדאָן ערשט אין 1885. די צווייטע אופלאַגע איז אַרויס אין 1890 אין ניו־יאָרק.

מאָריס ווינטשעווסקי (אין די 80־ער יאָרן)

דער פובליציסטיק — פּיסאַרעוו. ער זעט די מאָראַלישע פּאַרדאַרבנקייט, וואָס הערשט אין דער ווילנער ראַבינער־שול — דער „אַקאַדעמיע פון צוויִעס", ווי ער דריקט זיך שפּעטער אויס. ער פאַרלאָזט די ראַבינער־שול און קערט זיך צוריק אום קיין קאָוונע. ער טרוימט צו ווערן א שרײַבער, אַן אופקלערער פונעם פאָלק.

דעם צווייטן „אוניווערסיטעט" מאַכט ווינטשעווסקי דורך אין אַריאַל, וווּהין ער פאָרט אַריבער אין 1873. דאָ פאַרבינדט ער זיך מיט די אומלעגאַלע קרײַזן פון די פאָלקיסטן, ווערט פאַרכאַפּט מיט די אידייען פון טשערנישעווסקיס און פּיסאַרעווס ווערק. ער באַקאַנט זיך מיט לאַווראָווס און באַקונינס שאַפונגען און ווערט אויך פון זיי באַווירקט. דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל נעמט ער דערווײַל אויף גיכער מיטן הארצן, איידער מיטן מויעך. ער באַטראַכט אים ווי אַן אויסדרוק פון געטרײַשאַפט צום אָרעמען פאָלק, ווי א בסורע וועגן זײַן געולע. „די בסורע הער איך שוין, דאָך פעלט מיר די עמונע"[1], — דערמאָנט זיך שפּעטער ווינטשעווסקי וועגן יענע יאָרן. אָבער אינגיכן ווערט דער סאָציאַליזם פאַר אים, ווי פאַר ארן ליבערמאַנען און פאַר אַנדערע פאָלקיסטן, זײַן גלויבן. אפּן בערלינער פּראָצעס פון די „ניהיליסטן" האָט ליבערמאַן אף דער פראַגע וועגן זײַן רעליגיִעזער אָנגעהעריקײַט געענטפערט: „לויט דער רעליגיע — א סאָציאַליסט".

ווינטשעווסקי האָט איראָניזירט איבער דעם, וויִאַזוי די אַריאַלער פאָלקיסטן האָבן פאַרשטאַנען דעם סאָציאַליזם. ער האָט געזען זייער נאַיִווקייט, אים איז אָבער געווען צום הארצן זייער היסטאָרישער אָפּטימיזם, דער טיפער גלויבן אינעם אומפאַרמײַדלעכן זיג פונעם פאָלק. דעם דאָזיקן גלויבן האָט ווינטשעווסקי געטראָגן דאָס גאַנצע לעבן.

די צווייטע העלפט פון די זיבעציקער יאָרן איז געווען א ווענדפּונקט אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד. דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך, ווי א שטורעם, אַרײַנגעריסן אין טכום־האַמוישעוו, האַסטיק גענומען צעשטערן דעם פאַרגליווערטן לעבנשטייגער, מעוואַטל געמאַכט א ריי אַלטע פּאַרנאָסעס, פאַרטיפערט די קלאַסן־דיפערענצירונג, פאַרגרעסערט די צאָל פּראָלעטאַריער און האַלב־פּראָלעטאַריער און אופגעוועקט צום קאַמף די יידישע אַרבעטערשאַפט. וועגן דעם האָט איידעס געזאָגט די שטרײַק־כוואַליע אין די יאָרן 1875 — 1880 אף די טאַבאַק־פאַבריקן, טעקסטיל־אונטערנעמונגען אין ווילנע, ביאַליסטאָק, לאָדזש, אָדעס און אַנדערע שטעט. עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די קלאַסן־צעגלידערונג בא דער יידישער אינטעליגענץ, און ס'איז אנטשטאַנען א שאַרפער אידייִשער קאַמף צווישן די רעוואָליוציאָנער־סאָציאַליסטישע עלעמענטן, פון איין זײַט, און די רעאַקציאָנער־קאָנסערוואַטיווע, פון דער צווייטער. דער אופשוווּנג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט אַרײַנגעטראָגן די אידייען פונעם סאָציאַליזם אין דער יידישער סוויווע.

אין 1877 פאָרט ווינטשעווסקי אַריבער קיין קעניגסבערג, ווו ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער העברעיִשער פּרעסע, וועלכע איז דאָרט דערשינען אף צו פאַרשפּרייט ווערן אין רוסלאַנד.

אין קעניגסבערג באַקאַנט ער זיך מיט די ווערק פון מאַרקסן און ענגעלסן, מיט דער פּראָגראַם און מיט דער טעטיקײַט פון דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ער ווערט אירער אַן אַקטיווער טוער, דרוקט אַרטיקלען אין איר צענטראַלן אָרגאַן און אין די אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויסגאַבעס. א וויכטיקע געשעעניש אין זײַן לעבן איז געווען דאָס באַפרײַנדן זיך מיט ארן ליבערמאַנען, אין רעזולטאַט פון וועלכן ער ווערט ליבערמאַנס נאָענטער מיטקעמפער און מיטאַרבעטער אינעם ערשטן סאָציאַליסטישן אָרגאַן אף העברעיִש „האמת" („דער עמעס"), וואָס איז דערשינען אין ווין אין 1877. זײַענדיק דער פאַקטישער און דערנאָך דער אָפיציִעלער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „אספת חכמים" („אסיפאַס כאַכאָמים"), פאַרוואַנדלט ער אים אין א טריבונע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק.

אין 1877 הייבט אָן ווינטשעווסקי שרײַבן אַרטיקלען אין יידיש פאַר דער צײַטשריפט „קול לעם" („קויל לאָאָם"). אין קעניגסבערג פאַרטיפערט ער זײַנע מאַרקסיסטישע קענטענישן. דער האַנטבוך זײַנער איז שטענדיק געווען מאַרקס' „קאַפּיטאַל" (עמעס, ער האָט נאָך

[1] מ. ווינטשעווסקי. ערינערונגען. פאַרלאַג „שול און בוך". מאָסקווע, 1926, ז. 24.

דעמלט ניט אינגאַנצן באַנומען די איינהײַט פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, די אָרגאַנישע פאַרבינדונג פון אירע פילאָסאָפישע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַשטאַנדטיילן). ווו ער זאָל ניט געוועזן וווינען — אין דײַטשלאַנד, אין ענגלאַנד צי ערגעץ אַנדערש, — איז רוסלאַנד שטענדיק פאַרבליבן זײַן היימלאַנד. די אַנוואַקסנדיקע רוסישע רעוואָליוציע האָט ער באַטראַכט אַלס די גרונט־קראַפט פון דער וועלט־געולע. ווען אין דײַטשלאַנד האָט זיך צעשפּילט די רעאַק־ציע, האָט ווינטשעווסקי אין א שמועס מיט איינעם א כאַוער געזאָגט: „מיר וועלן זיך טרעפן אַף די באַריקאַדן אין פּעטערבורג"[1]. אַרויסטרעטנדיק אין 1879 אין „קאָמוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד", האָט ער פאַרענדיקט זײַן רעדע מיט די ווערטער: „פריִער אָדער שפּע־טער וועט די דײַטשישע באַוועגונג ווערן אַזא, ווי די רוסישע; דאָס פאָלק וועט זיך א הייב טאָן און אויסשטרעקן די האַנט דער רוסישער רעוואָליוציע"[2].

ווינטשעווסקי האָט געקעמפט פאַר דער פּראָ־גראַם, וואָס עס האָבן אַרויסגערוקט די גרויסע רוסישע רעוואָליוציאָנערן־דעמאָקראַטן. ער האָט קאָנקרעטיזירט די אויפגאַבן אין העסקעם מיט די אייגנאַרטיקע לעבנס־באַדינגונגען פון די יִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן. די הויפּט־געדאַנ־קען פאָרמולירט ווינטשעווסקי אין דער האַק־דאָמע צו „יהי אור", וועלכע איז אָפּגעדרוקט אונטער א קעפּל: „שלוישע עסער איקרים" (דרײַצן דאָגמעס — סימבאָלן). לאַקאָניש, גע־פּרעסט, אינעם נוסעך פון די דרײַצן איקאָרים פונעם ראַמבאַם, האָט ווינטשעווסקי פאָרמולירט די פּרינציפּן פון דער סאָציִאַליסטישער וועלט־אָנשויונג. אָט זײַנען די הויפּטלעכע:

איך גלייב פולשטענדיק (אני מאמין באמונה שלמה), אַז יעדער מענטש איז געבאָרן גע־וואָרן א פרײַער און זײַן פרײַקײַט איז זײַן גורל אין לעבן...;

איך גלייב פולשטענדיק, אַז דער, וואָס געניסט פון דער האָרעוואַניע פון א צווייטן און טוט אַליין גאָרנישט, — איז א פרעמדער, א רויבער;

איך גלייב פולשטענדיק, אַז עס וועלן זיך ניט אויסלאָזן קיין אָרעמעלײַט אַף דער וועלט, קאָלזמאַן יעטווידער וועט ניט אַרבעטן לויט זײַנע קויכעס נאָר פאַרן קלאַל און דער קלאַל וועט ניט באַזאָרגן יעטווידן לויט זײַנע באַדער־פענישן;

איך גלייב פולשטענדיק, אַז דער מענטש וועט זײַן א קנעכט, קאָלזמאַן איין מענטש וועט הערשן איבערן צווייטן, טאָן אים שלעכטס, און קאָלזמאַן יעכידים וועלן אײַנ־שטעלן געזעצן און פירונגען פאַרן גאַנצן פאָלק;

איך גלייב פולשטענדיק, אַז די אַמעראַציש־קײַט וועט האָבן די אויבערהאַנט איבערן וויסן און דער כוישעך וועט באַהערשן דאָס ליכט,

[1] מ אָ ר י ס ווינטשעווסקי. געזאַמלטע ווערק. ערשטער באַנד, נ.־י., 1928, זז. 79—80; [2] דאָרטן, ז. 79.

קאָלזמאַן יעדער איינער וועט ניט קאָנען באַ־קומען וויסן און זיך אָננעמען מיט פאַרשטאַנד לויט זײַנע פײַיקײַטן;

איך גלייב פולשטענדיק, אַז איין פאָלק וועט מילכאָמע האַלטן מיטן אַנדערן און צענדליקער טויזנטער מענטשן וועלן פאַלן אַף די שלאַכט־פעלדער, קאָלזמאַן עס וועט עקזיסטירן די הערשאַפט פונעם פויסט און איין מעדינע וועט זיך אָנלעבן פונעם אונטערגאַנג פון א צווייטער מעדינע;

איך גלייב פולשטענדיק, אַז די פרויען וועלן ראַק זײַן דינסטן בא די מענער און א שפּיל־צײַג פאַר זיי, קאָלזמאַן די פרויען וועלן זײַן אָפּהענגיק פון אַנדערע, אָנשטאָט צו געניסן די פרוכט פון זייער אייגענער האָרעוואַניע;

איך גלייב פולשטענדיק, אַז אַרבעט און מעלאָכע (וואָס פון זיי האָט דער מענטש אַלץ, וואָס ער דאַרף) וועלן פון אַלעמען זײַן פאַר־אַכטעט, קאָלזמאַן די אַרבעטנדיקע וועלן האָרעווען אַף אָנצופילן די בײַכער פון די ליידיקגייער;

איך גלייב פולשטענדיק, אַז נאָך א ביסל וועט איינער עסן דעם צווייטן, אויב נאָר עס וועט די מענטשן ניט באַשײַנען א נײַע ליכטי־קײַט און אויב אַלע אַרבעטנדיקע וועלן זיך ניט אויפהייבן אַף אַראָפּצושלײַדערן פון זייערע אַקסלען דעם יאָך פון געלט און אונטערדרי־קער;

איך גלייב פולשטענדיק, אַז דער סייכל־האיאַשאָר קאָן אַלץ און אַז עס וועט מעכטי־קער דער געדאַנק, אַז מענטשן וועלן לעבן ווי איין ברידערלעכע קערפּערשאַפט און אַלע פעלקער וועלן זײַן איין מישפּאָכע;

איך גלייב פולשטענדיק, אַז דער סאָף (פו־נעם קאַפּיטאַליזם. — א. י.) וועט זײַן גאָר גיך אין אונדזערע צײַטן"[1].

אין דער האַקדאָמע פאַרסאַכאַקלט ווינטשעוו־סקי אין טאָך דעם פאַרגאַנגענעם העברעיִשן פּעריִאָד פון זײַן סאָציִאַליסטישער פּראָפּאַגאַנ־דע, פאַראַלגעמיינערט די אַנטוויקלונג פונעם סאָציִאַליסטישן געדאַנק אין דעם יִדישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר־צענדליק.

ווינטשעווסקי רוקט אַרויס אַלס צענטראַלע די אַרבעטער־פּראָבלעם, פאַרבינדנדיק זי מיטן סאָציִאַליזם. דעם זעלבן צוגאַנג זעען מיר בא אים באַם באַהאַנדלען די נאַציאָנאַלע פראַגע (און בעסוכעם די יִדן־פראַגע). ער באַטראַכט די נאַציאָנאַלע פראַגע אין ענגער פאַרבינדונג מיטן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און גײַסטיקן לעבן פונעם לאַנד. די דערלייזונג פון אַלע סאָציִאַלע פּראָבלעמען זעט ער אינעם זיג פון דער סאָ־ציִאַליסטישער רעוואָליוציע.

די בראָשור איז דורכגעדרונגען מיט טיפן גלויבן אינעם ניצאָכן פונעם פאָלק. „יהי אור"

[1] מ אָ ר י ס ווינטשעווסקי. „יהי אור". 2־טע אויפלאַגע, ניו־יאָרק, 1890, ז. 2.

איז דערשינען אין אַ צײַט, ווען אין רוסלאַנד און אין גאַנץ אייראָפּע האָט געוועלטיקט די רעאַקציע. אויך אין דער ייִדישער סוויווע האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען, ס׳האָט זיך פֿאַרמירט דער ציִעניזם. אין אָט דער אַטמאָספֿער פֿון רעאַקציע האָט הילכיק געקלונגען ווינטשעווסקיס רוף: „ליכטיק זאָל ווערן!". דער אינהאַלט, דער טאָן פֿון דער בראָשור „יהי אור", ווי עס האָט באַמערקט מ. ליטוואַקאָוו, „זײַנען געווען מאַמעש אויסטערליש און איבעראַשנד פֿאַר יענער צײַט"[1].

די אידייען פֿון סאָציאַליזם באַגרינדעט ווינטשעווסקי וויסנשאַפֿטלעך. ניט געקוקט אויף געוויסע אידעאַליסטישע אַרויסזאָגונגען, דערנענטערט ער זיך צום היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אָנווײַזנדיק אויף די געזעצמעסיקייטן פֿונעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, אויף דער רעאַלקייט פֿון זײַן פֿאַרווירקלעכונג.

אין „יהי אור" האָט ווינטשעווסקי אויפֿגעהויבן אויף אַ הויכן אידייִשן ניוואָ די אַטעיִסטישע פּראָפּאַגאַנדע. ער טרעט אַרויס שאַרף און דרייסט קעגן די ראַבאָנים און אויך קעגן די צוויִעסדיקע מאַסקילים, וועלכע ווילן מאַכן אַ פּשרה מיט דער רעליגיע. מע דאַרף דערבײַ אין זינען האָבן די גוואַלדיקע ווירקונג פֿון דער רעליגיע אין יענער צײַט.

דערשינען אין אָן איבערבראַך־מאָמענט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז ווינטשעווסקיס „יהי אור" געווען אָן אָנהייב פֿון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין ייִדיש. די העברעיִשע ליטעראַטור, די העברעיִשע פּרעסע האָבן דעריקערשט זיך געווענדט צו דעם אַזוי־גערופֿענעם „אינטעליגענטישן לייענער", צו די ישיווע־בחורים. ווינטשעווסקיס בראָשור האָט זיך געווענדט צו די מאַסן. זי האָט אָפֿן פֿאָלקסטימלעכן ייִדישן לשון פּאָפּולאַריזירט די סאָציאַליסטישע אידייען.

ווינטשעווסקי האָט דערזען די נײַע סאָציאַלע דערשײַנונגען און באַדערפֿענישן אינעם ייִדישן לעבן און האָט געגעבן אויף זיי אַ נײַעם ענטפֿער. דאָס איז מעגלעך געוואָרן דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט די ייִדישע פּראָלעטאַרישע מאַסן.

מאָריס ווינטשעווסקי איז געווען אַ שרעקלאָזער קעמפֿער פֿאַר דער סאָציאַלער באַפֿרײַונג, אָבער ער איז ניט געווען גענוג שטאַרק אַלס טעאָרעטיקער. פֿאַר די רעוואָלוציאָנערן פֿון דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד פֿונעם פּאָפּוליזם צום מאַרקסיזם זײַנען געווען כאַראַקטעריסטיש ווידערשפּרעכיקע אידייען און טעאָרעטישע האַנאַכעס. דאָס פֿילט זיך אויך אין „יהי אור". ווינטשעווסקי נעמט אויף דעם גרונט־געדאַנק פֿונעם מאַרקסיזם וועגן דער היסטאָרישער מיסיע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, ער איז אָבער נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פֿון דער פּאָפּוליסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס עס לאָזט זיך פֿילן אינעם ניט־באַנעמען די נייטיקייט פֿון אײַנשטעלן די פּאָליטישע מאַכט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס באַם איבערגאַנג פֿונעם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם.

גרויס איז דער בײַטראָג צו דער ערשטער סאָציאַליסטישער בראָשור אין ייִדיש, וועלכן ס׳האָבן געמאַכט די אַרבעטער — ווינטשעווסקיס פּערזענלעכע פֿרײַנט. דאָס האָבן די אַרבעטער גרינבערג, ווײַנער, קולאָ און אַנד. געשמועסט מיטן שרײַבער וועגן דער נייטיקייט פֿון סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע צווישן די ייִדישע פּראָלעטאַריער אויף זייער מאַמע־לשון. דאָס האָבן זיי, באַקענענדיק זיך שפּעטער מיטן טעקסט פֿון דער בראָשור, אַרויסגעזאָגט דעם מעכאַבער זייער מיינונג, און דאָס האָבן זיי צונויפֿגעזאַמלט די נייטיקע סומע געלט אויף אָפּדרוקן די בראָשור און גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אינעם פּאָפּוליאַריזירן און פֿאַרשפּרייטן זי צווישן די מאַסן.

די אַקטועלקייט פֿון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין ייִדיש אין אָנהייב פֿון די 80־ער יאָרן פֿונעם פֿאַריקן יאָרהונדערט איז צו זען פֿון דעם, וואָס די דאָזיקע פֿראַגע האָבן גלײַכצײַטיק אויפֿגעהויבן אַ רײ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פֿאַרשיידענע לענדער. אין 1880 ווערט זי באַטאָנט אינעם אויפֿרוף פֿון אַ גרופּע ייִדישע סאָציאַליסטן אין זשענעווע. אין 1881 גייט אין פּעטערבורג אַרויס די ערשטע אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע אויסגאַבע אין ייִדיש „אַרבעטער־צײַטונג" (אָן איבערזעצונג פֿון דעם ערשטן נומער פֿון „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", וואָס עס האָבן אַרויסגעלאָזט די נאַראָדאָוואָלצעס). אין 1882 האָט פֿעליקס קאָן אין נאָמען פֿון דער אָרגאַניזאַציע „פּראָלעטאַריאַט" אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע אין ייִדיש „צו די ביאַליסטאָקער אַרבעטער". עס איז וויכטיק אָפּמערקן, אַז דער אָנהייב פֿון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אין ייִדיש איז פֿאַרבונדן מיטן אויפֿשוווּנג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. פֿון אָט דער ליטעראַטור האָבן געשעפּט די פּאָרגעשריטענע אידייען און דעם קאַמפֿס־גײַסט די ייִדישע סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס אין אַנדערע לענדער.

דאָס לעבן האָט אין דער פֿולער מאָס באַשטעטיקט ווינטשעווסקיס זיכערקייט אינעם זיג פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. ווינטשעווסקי אַליין האָט דערלעבט צום ניצאָכן פֿון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. די ייִדישע געלע פּרעסע אין אַמעריקע האָט זיך באַמיט מיט שענדלעכסטן שעקער באַשמוצן דעם אויפֿקום פֿון דער נײַער וועלט. מאָריס ווינטשעווסקי איז געווען איינער פֿון די ערשטע ייִדישע שרײַבער אין אַמעריקע, וועלכע האָבן זי באַגריסט און באַזונגען.

[1] מ. ליטוואַקאָוו. דער שטענדיקער פּיאָנער. „דער עמעס", 18 יול 1924.

זײַענדיק שוין א בען־שישים, טרעט ער אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און גיט אָפּ אלע זײַנע קויכעס דעם קאַמף פאר די קאָמוניסטישע אידעאַלן.

...עס דערמאָנט זיך דער טאָג פונעם 29־טן יון 1924. דער פרימאָרגן איז געווען א זוני־קער. גאנצפרי האָט זיך אין מאָסקווער קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאר נאציאָנאַלע מינ־דערהײַטן פון מײַרעוו צעטראָגן די ידיעה, אז עס קומט צו פאָרן פון אמעריקע מאָריס ווינטשעווסקי. מיר אײַלן צום ווינדאַ־ווער וואָקזאַל (איצט ריגער). אין סעדל באַם וואָקזאַל האָט זיך שוין צונויפגעזאמלט א היפשער אוילעם — דעלעגאַציעס פון ארבע־טער, סטודענטן, שרײַבער, פאָרשטייער פונעם פאָלקאָמבילד, פון דער פּרעסע און פון אנדערע אָרגאַניזאַציעס. איך בין אויסגעטיילט צו באגריסן ווינטשעווסקין אין נאָמען פון דער „מײַרעווקע".

אין עטלעכע מינוט ארום קומט אָן דער צוג. אָף די טרעפּלעך פונעם וואַגאָן דערזעען מיר ווינטשעווסקין מיט זײַנע באַגלייטער. ער איז אין א העלן אָנצוג, מיט א פּיאַנערישן האַלדזטוך. די האָר — א ביסל צעשויבערט. א גוטמוטיק שמייכעלע איז צעגאָסן איבער זײַן געזיכט. פון אונטער די ברילן קוקן ארויס גרויסע אויגן.

דער אוילעם, וואָס האָט פאַרפולט דעם פעראָן, רינגלט ארום דעם טײַערן גאסט. עס פלאַטערן רויטע פאָנען. אונטערן געזאַנג פון רעוואָליוציאָנערע לידער באַגלייטן מיר ווינ־טשעווסקין צו דער טריבונע. ער איז א ביסל איבעראַשט. אין די אויגן גלאַנצט א פריידיקע טרער. עס קומט פאָר א מיטינג. קורצע באַ־גריסונגען. מוישע ליטוואַקאָוו הייבט אָן זײַן רעדע מיט דער לעגענדע וועגן כויני האמאַגל, וועלכער איז געשלאָפן 70 יאָר און, אופוואַכנ־דיק, האָט ער דערזען, אז די וועלט האָט זיך געענדערט, ער קאָן מיט איר ניט מיטלעבן, און האָט באַשלאָסן בעסער ווידער אײַנ־שלאָפן...

— איר האָט אויך דערזען גאָר א נײַע וועלט, — ווענדט ער זיך צו ווינטשעווסקין, — אָבער איר, א קעמפער פאר אָט דער וועלט, האָט ארויסגעוויזן ליכטיקן פאַרשטאַנד און יוגנט־ברויז אָף צו לעבן מיט איר.

ווינטשעווסקי באַגריסט מיט דער האַנט די פאַרזאמלטע און ווישט די אויגן. ער פּרווט ענטפערן אָף די באַגריסונגען, אָבער א קנויי־לעכל שטייט אים, זעט אויס, אין האַלדז, ברענגט ער ארויס קוים צו דערהערן בלויז געציילטע ווערטער:

— איך בין גערירט, איך בין גליקלעך...

און מיר דוכט זיך — איך הער: „יעהי אויר! ליכטיק זאָל ווערן!.."

## וועלוול ווערניק

וועלוול ווערניק געהערט צו די דיכטער, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן נאָך פאר דער מילכאָמע. פונקט ווי באָריס מאָגילנער, כאַים גורעוויטש, ליפע העלער, עליעביידער (וועגן זיי זע אין „סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 9 פאַרן פאָריקן יאָר), האָט ער געהאט א היפשן איבעררײַס אין דער שאפונג. איצט איז ער ווידער שעפעריש אקטיוו. מיר פארעפנטלעכן זײַנע דרײַ נײַע לידער.

וו. ווערניק איז געבוירן געוואָרן אין 1916 אין שטעטל הײַסין. ער האָט פארענדיקט דעם כארקאָווער זשורנאליסטישן טעכניקום און געארבעט אין דער פעריאָדישער יידישער פרעסע. וווינט אין קיִעוו, ארבעט אין א פאבריק.

## א וואלד־לעגענדע

דורך גרינע בערג די לאָטאָריצע[1] פליסט,
עס רוישט איר וואסער צווישן די קארפאטן.
אין טיפן וואלד סע שפילט א באיאניסט,
און ליבע־לידער זינגען יונגע יאטן.

אָט דאָ כ׳האָב א לעגענדע זיך דערוווּסט:
א פאסטעך פלעגט זײַן שיינע קאלע ליבן,
און דאָרטן, ווו זיי האָבן זיך געקושט,
נאָך יעדן קוש עס איז א בוים פארבליבן.

די ליבע — זי האָט פלאנצן אויסגעשטראלט
(ניט וויכטיק, וואָס עס ווייסט אזוינס ניט קיינער),
און ס׳איז מיט יעדן הייסן קוש דער וואלד
געוואָרן פול מיט ברייט־צעצווײַגטע ביימער.

פארוואָס עס וואקסן וועלדער אין די בערג —
איצט ווייס איך שוין! איך ווייס שוין איצט די סיבע:
ווען ס׳קושן זיך געליבטע אף דער ערד,
עס גרינען ביימער פון אזא מין ליבע.

## גאָלדענע כאסענעס

גאָלדענע כאסענעס, פריילעכע כאסענעס,
לויטער און פריש אינעם ברונעם דאָס וואסער איז...
די קאלע — מיט כיין נאָך, דער כאָסן — מיט גוורע,
און פופציק — נאָך ווײַט פון דער אונטערשטער שורע.

---

[1] א טײַך אין די קארפאטן.

די קאַלע — א באַבע? דער כאָסן — א זיידע?
נאָר זעט, וויפל פײַער אין אויגן בא ביידע!
און נעמען א קאפּל ווער קאָן זיי פאַרווערן,
ווען נאָכאַמאָל קאָן מען אין ליבע זיך שווערן!

די זון גיסט מיט גאָלד זיך אַרײַן דורך די שויבן
און שמייכלט, ווען ס׳קושן זיך ווײַסע צוויי טויבן.
ביז הונדערט און צוואנציק מע ווינטשט זיי נאָך לעבן,
און נאַכעס און גליק זאָל דאָס לעבן זיי געבן.

נאָר אָט פון די ערטער זיך הייבן אוף אלע:
זאָל טאַנצן דער כאָסן! א טאַנץ פאַר דער קאַלע!
פון אויגן זיך גיסן, ווי פּערל, די טרערן,
אויב טאַנצן — דעם אָפּהילך די גאַס זאָל דערהערן!

דאָס פידעלע שפּילט אין די זילבערנע קיילים.
א שער און א פריילעכס! ניטאָ דאָ קיין זקיינים,
ווײַל ס׳ווערן די הערצער די הייסע ניט קעלטער —
און וואָס אונדז די יאָרן, און ווען אונדז די עלטער!

מיט זין און מיט טעכטער, מיט אייניקלעך אלע
ווי יונג זעען אויס אין דער ראָד כאָסן־קאַלע!
גאָלדענע כאַסענעס, פריילעכע כאַסענעס,
לויטער און פריש אינעם ברונעם דאָס וואַסער איז!

## האָב איך געזאָגט, האָסטו געזאָגט
(א שפּאַס)

איך בין געשטאַנען לעבן דיר, אין הארצן פלאַמט א סרייפע.
דו האָסט געפרעגט: „וואָס איז מיט דיר? אין שטאָט איז א מאַגייפע?"

האָב איך געזאָגט: „איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך שטענדיק גערן".
האָסטו א געשריי געטאָן אָף מיר: „ניט שפּיל מיר אָף די נערוון!"

האָב איך געזאָגט: „נו, אויב אזוי, כ׳וועל נעמען זיך דאָס לעבן".
האָסטו געזאָגט: „אויב דאַרפסט א שטריק, איז קאָן איך אים דיר געבן!"

האָב איך געזאָגט: „וואַרט צו א ווײַל, אין דרויסן בלאָזט א ווינטל".
האָסטו געזאָגט: „א ווינט — א שמינט... דאָס בילט דער שכיינעס הינטל!"

האָב איך געזאָגט: „א רעגן גייט, און נאַס זײַנען די שטיינער".
האָסטו געזאָגט: „דאָס ווייגט די זון — דו זעסט ניט, טיפּעש איינער?"

האָב איך געפרעגט: „און אויב איך וועל א קוש טאָן דיך אין פּאָנעם?"
האָסטו געזאָגט: „א נעפּעש זע... דאָס פרעגן נאָר נאַראָנים!"

האָב איך געפרעגט: „דו שמירסט מיך אויס מיט ליפּן דײַנע רויטע?".
האָסטו געזאָגט: „א טיכל נא. ביסט טאַקע גאָר א שויטע!"

האָב איך געפרעגט: „און נעמען דיך מע מעג אויך פאַר דער טאַליע?"
האָסטו געזאָגט: „ווען ליב מע האָט, מע ווערט פון דעם ניט קאַליע!"

בין איך געבליבן שטיין אזוי, דעם קאָפּ אין הייך פאַריסן:
איז וואָס זשע ווײַטער טאָן מיט דיר — פון בייז כ׳זאָל אזוי וויסן...

אירמע דרוקער

# געזעגן און געהערט

## ווי דער שאָטן פון א דורכפליִענדיקן פויגל

ס׳איז טייוועס. די טעג זײַנען קורץ, די נעכט זײַנען לאַנג, און מײַן לעבן הייבט זיך ערשט אָן. לאַנגע נעכט און קורצע טעג גייען ניט אַרײַן אין כעזשבן. וואָס איז א טאָג, וואָס איז א כוידעש און וואָס איז א יאָר, אז ס׳איז נאָך אזוי ווײַט צו מײַן בארמיצווע.

מײַנע זינד זײַנען נאָך אפילע קיין זינד ניט. אויב איך וועל זיך מיט עפּעס־וואָס פאַרשולדיקן, וועלן דאַרפן ענטפערן טאַטע־מאַמע, און איך, דער שולדיקער, וועל בלײַבן אומשולדיק און ריין, ווי דער באַנאַכטיקער ווײַס אראָפּגעפאַלענער, נאָך פון קיינעם ניט באַטראָטענער שניי. נאָר ניין, איך דערלאָז ניט צו דעם. דעם טאַטנס און דער מאַמעס לײַדן וואָלטן פאַר מיר געווען א סאַך שווערער און פּײַנפולער, איידער מײַנע אייגענע, און איך באַשיץ מײַן קאָפּ פון שלעכטע מאַכשאָוועס, גלײַך ווי ער זאָל זײַן פאַרפאַנצערט מיטן שעל־ראָש, און מײַן לינקע האַנט, וואָס איז נאָענט צום האַרצן, זאָל זײַן אײַנגעקרעמפּעוועט אין דער רעצוּעָ פון דעם שעל־יאַד, וואָס פאַרבינדט, פאַרקניפּט אַף אייביק און פאַרקנאַסט מיט כעסעד און מיט ראַכמים מיט אים אליין, מיטן אייבערשטן.

ס׳איז טייוועס. וואָס שטאַרקער דער פראָסט, אַלץ הייסער איז די הרובע, דער ברייטער אַפּן־אויוון, מײַן שטענדיקער ווינטער־געלעגער.

דער זיידע כאַצקל, מײַן טאַטנס טאַטע, און די באָבע באַסל, מײַן טאַטנס מאַמע, האָבן שטאַרק ליב די הרובע, נאָר וואַרעמען וואַרעמען זיי זיך באַזונדער, כאָטש די הרובע איז גענוג גרויס און עס וואָלט געסטײַעט אָרט פאַר זיי ביידן און נאָך פאַר עמעצן.

איך טרעט ניט אָפּ פון דעם זיידן און ניט פון דער באָבען. די וואַרעמקײַט פון דער הרובע, די וואַרעמקײַט פון מײַן באָבעס מײַסעס און פון די מידעס־טויוועס, וואָס דער זיידע פלאַנצט אײַן אין מיר, גייען זיך פאַנאַנדער מיט א באַזונדער מין מעסיקעס אין אַלע מײַנע אייוורים.

בא א הייסער הרובע איז מען זיך נויהעג אראָפּוואַרפן פון זיך די נאַקעטקע, אויסטאָן דאָס לײַבל, בלײַבן אין איין העמד, אז די וואַרעמקײַט זאָל פאַר זיך ניט האָבן קיינע שום פאַרצאַמונגען, גלײַך אָנטרעפן און גלײַך נעמען וואַרעמען די פאַרגליווערטע ביינער.

דער זיידע כאַצקל קאָן אָבער ניט אײַנגיין אַף דעם, ער קאָן זיך ניט אָנטאָן אזא ווילטיק. אויך בא דער הייסער הרובע איז ער אין דער נאַקעטקע, ווײַל דעם אייבערשטנס קאָוועד איז פול איבער גאָר דער וועלט, אין יעדן ווינקל און אין יעדער שפּאַרונע. אומעטום, ווו גאָטס דינער זאָל זיך ניט געפונען, דאַרף ער זיך פילן ווי ער זאָל שטיין פאַרן קייסער איבער אַלע קייסאָרים, פאַרן האַר פון גאָר דער וועלט.

די לאַנגע קאָרטענע נאַקעטקע איז, דוכט זיך, אײַנגעוואַקסן אין זיידן כאַצקלס גוף ווי א צווייטע הויט. ער טוט זי אויס פון זיך נאָר דאַן, ווען די נעשאָמע טוט זיך אָפּ פון זײַן גוף און זי גיט זיך איבער אין די הענט פון דעם באַשעפער ביז אינדערפרי, ביז דער ערשטער טפילע פון „מוידע אני״, אין וועלכער ער לויבט און דאַנקט פאַרן כעסעד פון באַקומען צוריק די נעשאָמע.

בא דער הרובע דערלויבט זיך דער זיידע בלויז פאַנאַנדערשפּיליען די נאַקעטקע, אז די פאָדערשטע ציצעס פונעם טאַלעסקאָטן זאָלן דערמאָנען אין דער רוכניִעסדיקער וואַרעמקײַט, וואָס איז גאָרניט צו פאַרגלײַכן מיט דער וואַרעמקײַט, וואָס די הרובע שענקט דעם גוף.

די ברייטע פּליושענע יאַרמלקע זיצט פעסט אַפן זיידנס קאָפּ, און דער זיידע גלייבט זיך אַליין ניט, און אוואַדע און אוואַדע גלייבט ער ניט דער יאַרמלקע, און ער האַלט זי אין איין צופּעסטיקן מיט זײַן האַנט. אפילע די לאַנגע

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד״ נום. 10, 1974.

װײַסע באָרד מיט די פּייעס, װאָס קאָנען ניט און װעלן זיך קיינמאָל ניט רירן פון אָרט, פאַרטרויט ניט איבעריקס דער זיידע, און ער גלעט, קרײַזלט און באַטאַפּט זיי מיט זײַנע פינגער. ס'איז דאָס געצײַג פון זײַנע מיצװעס, און געצײַג דארף שטענדיק זײַן אַפן אָרט, אז מע זאָל דאָס ניט באַדאַרפן זוכן צו דער ארבעט.

אלץ איז, דוכט זיך, אין אָרדענונג, און דער זיידע זיפצט... און װאָס מער דער זיידע זיפצט, אלץ מער בין איך פאַרטאָן אינעם כעזשבן, װיפל יאָרן עס דארף נאָך דורכגיין און װיפל יאָרן עס װעלן נאָך קומען, ביז איך װעל דערגיין צום זיידנס עלטער.

— איאָ, זיידע, אז איך װעל דערלעבן מײַן בארמיצװע, װעל איך שוין זײַן א גרויסער, אָבער אלץ נאָך א יונגער? נאָך א יאָר און נאָך א יאָר, און מ'װעט שוין מיך ניט רופן ייִנגל, נאָר באָכערל, א יונג באָכערל... נאָך א יאָר, און מע װעט מיך רופן יונגערמאַן, און נאָך א יאָר און נאָך א יאָר און נאָך פינף, און אלץ יונג און יונג!..

זיידע! זיידע! פון װען אָן װערט מען אלט, פון דער ערשטער גראָװער האָר, װאָס װײַזט זיך אין דער שװארצער באָרד און אין די שװארצע האָר פון קאָפּ, אָדער װען זיי װערן שוין אינגאַנצן װײַס? זיידע! זיידע! איאָ, ס'איז װײַט ביז זיבעציק?

— ניין, מײַן קינד, ניט װײַט, — זיפצט דער זיידע כאַצקל, — אָט גיב איך א פאַרמאַך די אויגן און דערזע זיך אלס ייִנגל, װי דו. דוכט זיך, ערשט נעכטן איז דאָס געװען. די קינדהײַט איז א ניט־אײַנשטייענדיקע, די יוגנט איז א לויפנדיקע, און אפילו זי, די קריכנדיקע עלטער, פאַרזאַמט זיך ניט און פאַרענדיקט אָפּטמאָל פאַר דער צײַט דאָס לעבן. גערעכט איז דער מעדרעש, װאָס קלאָגט זיך: פאַרװאָס איז אונדזער לעבן ניט װי דער שאָטן פון א בוים אָדער װי דער שאָטן פון א װאַנט, נאָר װי דער שאָטן פון א דורכפליִענדיקן פויגל? דורכגעפלויגן, און ניטאָ קיין פויגל, און ניטאָ קיין שאָטן. דוכט זיך, געװען, געװען, און גאָרניט געװען.

דער זיידע כאַפּט זיך, אז ער האָט מיך אראָפּגעפירט פונעם גלײַכן װעג, איך קאָן מיינען, אז די װעלט איז בעסער פון יענער װעלט, אז דער איבערגאַנג איז א שרעקלעכער, — און גלײַך טראַגט ער אַרײַן זײַן טיקון־טאָעס:

— פאַרשטייסט, מײַן קינד, די װעלט איז ניט מער װי א דורכגאַנג, װי אַן ארײַנגאַנג, װי א קאָרידאָר, װאָס פירט אין די פאַלאַצן אַרײַן. און אויב עס טוט מיר באַנק, און אויב איך גיב אָפּ גערעכט דעם מעדרעש, איז עס נאָר דערפאַר, װײַל פאַר אזא יענער װעלט איז צו װייניק די װעלט, װייניק פאַר די מיצװעס און מײַסים־טויװים, װאָס דער מענטש װאָלט נאָך געקענט אָפּטאָן און ברענגען מיט זיך אַהין. װייניק, װייניק צײַט אָף זיך ארומקוקן, אָף זיך ארומרייניקן אין קאָרידאָר, אָף ארײַנצוגיין אין די פאַלאַצן א שאַבעסדיקער, א יאָמטעװדיקער, א רייִנער, אָן דער מינדסטער פּגימע, אָן דעם קלענסטן פלעק.

װי די צײַט פליט... ערשט געכעזשבנט און זיך ניט געקאָנט אָנכעזשבענען, ערשט זיך באַרימט פאַרן זיידן מיט אזויפיל צײַט, מיט אזא רײַכן פאַרמעגן פון יאָרן, און איצט איז שוין באַלד קיין צײַט ניטאָ...

אָט ערשט האָט זיך א טאָג געצויגן פאַר א יאָר און א יאָר פאַר אַן אייביקײַט, אָט ערשט האָב איך אזוי אומגעדולדיק געװאַרט, געװאַרט און זיך ניט געקאָנט דערװאַרטן מײַן בארמיצװע, אָט ערשט, און איך בין שוין באַלד אין זיידנס עלטער...

גערעכט איז געװען מײַן זיידע כאַצקל: „איך גיב א פאַרמאַך די אויגן און דערזע זיך אלס ייִנגל“...

גערעכט, גערעכט איז דער מעדרעש...

נאָר לאָמיר ניט פאַרלויפן דעם װעג, לאָמיר זיך צוריק אומקערן צו מײַן קינדהײַט.

## דער בעסטער פשאט פון אלע פשאָטים איז דער ניגון

ס'איז טייװעס. דער טאָג טרעט אָפּ פרי פאַר דער נאַכט, דער פראָסט פילט זיך זיכערער און שטאַרקער אין דער מעמשאָלע פון פינצטערניש, דער װינט קערט װעלטן. אפילו זיי, די שטילע אָנצאָליקע שנייעלעך, װאָס זײַנען שטיל געפלויגן, שטיל געפאַלן און שטיל געבליבן ליגן, װערן ארײַנגעצויגן אין געװירבל.

אין אזא נאַכט קריכן אין קאָפּ שרעקלעכע מײַסעס און מע זעט פאַר די אויגן פאַרבלאָנדזשעטע גייער, װאָס זינקען אין שניי און פאַלן פונעם װינט. זייערע אויערן פאַרלאַנגען איינס — דערהערן א בילערײַ פון א הונט, און די אויגן קוקן ארויס אָף א פײַערל, װאָס זאָל אָנצינדן די מינדסטע האָפענונג.

און פון ערגעץ קומט ניט קיין בילערײַ, און פון ערגעץ װײַזט זיך ניט קיין פײַערל. די פאַרבלאָנדזשעטע דרעמלען אײַן און עס כאַלעמט זיך זיי א יישועו, א װאַרעמע געהייצטע שטוב, װײַב און קינד, פרײַנט און נאָענטע. מ'דריקט זיי צו זיך, און קושנדיקערהייט נעמט דער פראָסט באַ זיי ארויס די נעשאָמע, עס װערט אָפּגעשטעלט דער אָטעם, עס װערט איבערגעריסן דער כאָלעם, און דער שניי פאַרשיט, אז מע װייסט אפילו ניט, װוּ זייער געביין איז אַהינגעקומען.

עס גייט דורך א ציטער איבערן לײַב, דאָס האָט דאָך געקאָנט פאַרקומען... פאַרקומען מיט יעדן איינעם, װאָס זיצט אזוי זיכער און געמיטלעך באַ זיך אין זײַן װאַרעמער היים.

ס'איז א מוירע זיך פאַרצושטעלן און צו טראַכטן װעגן דעם... און מ'שטעלט זיך פאָר און מ'טראַכט, און װאָס מער מ'טראַכט, און װאָס שטאַרקער די מוירע, אלץ גרעסער איז די האַנאָע פון דעם אָנגעהייצטן אויװן, פון דער היי־

סער הרובע, פון דעם אכטער לעמפּל, פון דעם שלאָף, וואָס עס טראָגט מיט זיך די נאַכט, און פון די כאַלוימעס, וואָס עס ברענגט מיט זיך דער שלאָף.

ס'איז שוין נאָך נײַן. איך ליג אויסגעצויגן אויף מײַן שטענדיקן אַפּן־אויוון־געלעגער. די קינעלעך, די אונטערציִנדער, וואָס הענצן אויף און צווינגען די פאַרפרוירענע און פײַכטע שײַטלעך האָלץ זיך פאַנאַנדערצוואַרעמען און זיך פאַנאַנדערצופלאַקערן, רינגלען מיך אַרום פון רעכטס, פון לינקס און פון צוקאָפּנס.

די זיך טריקענענדיקע קינעלעך צעשמעלצן זיך פון מעכײַעדיקן פאַרגעניגן. דער טריפנדיקער פעך פאַרגייט מיר אין די נאָזלעכער, און איך דערפיל דעם רייעך פון וואַלד, דעם רייעך פון זומער.

ווי שווער און ווי ווײַט ס'איז דער וועג צום געלעגער, וויפל טירכע דאַרף דער מענטש, דער אַלטער, דער יונגער, דאָס קיידער־ייִנגל — זיך מאַטריען זײַן, ביז מ'זאָל אין די מינוטן פאַרן אײַנשלאָפן קאָנען דורכלאָזן פאַר די אויגן אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט, און אַלץ, וואָס ס'איז פאַרשווונדן מיטן אַוועקגייענדיקן טאָג.

א שווערער טאָג געווען... פאַר די העכער צען שאָ אין קיידער בין איך אויסגעווען ווי די וועלט האָט אַן עק. איז דאָס נאָך ווייניק, באַמקען זיך איצט אין קאָפּ און קומען אויף אַפן זינען די זומערדיקע סעדרעס פון די כומאָשים.

...אַרײַן אין מיצראַיִם און אַרויס פון מיצראַיִם, געבראָדזשעט אין יאַם און דורכגעגאַנגען בעשאָלעם, און אָט נאָ דיר א מידבער. די היץ פונעם מידבער פלאַקערט ווי א סרייפע, אַלץ ברענט אין דיר און אַרום דיר, גלײַך ווי דאָ וואָלטן געפאַליעט עטלעכע זונען צוזאַמען. וואָס וואָלטן אונדזערע אור־אורעלטערן געטאָן אָן דעם מאַן־מײַכל, וואָס איז געפאַלן פונעם הימל גלײַך אין מויל אַרײַן? זיי וואָלטן דאָך פון הונגער אויסגעגאַנגען! א געשמאַק מײַכל האָט געדאַרפט זײַן דער מאַן, ער האָט געקילט ווי א שטשאַוול־באָרשטש, ווי זויערמילך, ערשט אַרויסגענומען פון גריבל, ווי אײַזיק גילגעלעס א גלאָז זעלצער־וואַסער מיט סיראָפּ פאַר א קאָפּעקע. און נאָר דאָס? דער מאַן האָט פאַר א רעגע געקאָנט באַטאַמט ווערן מיט אַלע טאַמען און מיט אַלע רייכעס פון דער וועלט. מ'האָט באַדאַרפט נאָר וועלן, מ'האָט באַדאַרפט נאָר, אַז עס זאָל זיך גלוסטן.

א שווערער טאָג געווען, א טאָג פון נײַן מאָס רייד — ווײַדאַבייר — גערעדט און וואַיאָמייר — געזאָגט — גאָט רעדט און זאָגט צו מוישען, און מוישע רעדט און זאָגט צו די ייִדן, און דער רעבע רעדט און זאָגט צו זײַנע טאַלמידים, און מיר, זײַנע טאַלמידים, רעדן און זאָגן נאָך. איז, דוכט זיך, גענוג גערעדט און גענוג געזאָגט, דאַרף מען נאָך אויסהערן, וואָס עס רעדט און וואָס עס זאָגט אויף דעם ראָשע...

מילכאָמעס, ניצכוינעס, מאַפּאָלעס, און ווידער מילכאָמעס, און קיין שאָלעם איז ניטאָ, און די נעוויִים מוסערן און שרעקן מיט בייזע נעוויִעס — דאָס איז נאָך גאָרניט, ס'וועט נאָך ערשט זײַן און זײַן... ס'איז נאָך א גליק, וואָס דאָס גערעדטע און געזאָגטע ווערט אויסגעזונגען מיט א ניגון. פון אַלע פאַרטײַטשער, פון אַלע דערקלערער, פון אַלע פּשאַטים און פּיירושים איז דער ניגון דער סאַמע בעסטער. דער סאַמע קלאָרסטער. ער איז ווי די שטריק, אין וועלכער עס כאַפּט זיך אָן דער געוואַגטער באַרג־קלעטערער באַם אַריבערשפּרינגען, אַרופשפּרינגען און זיך דערנעענטערן צום שפּיץ פונעם הויכן באַרג. ער איז ווי די שפּירנדיקע און פירנדיקע האַנט פונעם נאָענטסטן פרײַנט, וועלכע איז גרייט אין יעדער מינוט פון סאַקאָנע אופּכאַפּן און אונטערהאַלטן.

באַזונדערס איז צום אָרט און צו דער צײַט דער ניגון אַפּדערנאַכט באַם געמאָרע לערנען. א טאָג אַז מ'האַלט זיך אין איין שטאָפּן מיט טוירע, איז דער קאָפּ שוין ניט לויטער, אַלע אייוורים זײַנען מיד, און קלאָר, אַז די אויספירן, צו וועלכע מיר, געמאָרע־ייִנגלעך, קומען נאָך לאַנגע אַמפּערנישן, זײַנען ניט קיין ריכטיקע. דאָרט, ווו מיר דאַרפן זיך שטעלן אויף דער זײַט פון ראָווע, שטעלן מיר זיך גאָר אויף דער זײַט פון אַבאַיע.

דער רעבע קאַעסט זיך. דער ווינט אין דרויסן ווערט אַלץ בייזער און בייזער, אָט, דוכט זיך, וועט ער זיך אַרײַנרײַסן אַהער אין קיידער, פאַרלעשן די צוויי אַכטער לעמפּלעך און פאַרמישן די זײַטלעך פון די געמאָרעס.

דער ווינט, דוכט זיך, נעמט זיך אָן אונדזער קריוודע, אים פאַרדריסט, וואָס מ'האָט אונדז, אומשולדיקע ייִנגלעך, וועלכע האָבן זייערע גאָר באַזונדערע דראַכים אין לעבן, זייערע באַזונדערע מאַכלויקעסן און זייער גאָר באַזונדערן שאָלעם, אַרײַנגעשלעפּט אין קריגערײַ פון גרײַז־גרויע אַלטע טאַנאָיִם, וואָס אַמפּערן זיך און ווייסן ניט וואָס צו טאָן און וויאַזוי צו באַשטראָפן דעם אָקס, וואָס האָט געשטויסן א בעהיימע.

האָט דער אָקס איין מאָל געשטויסן, קאָן ער דאָך א צווייט מאָל, א דריט מאָל שטויסן, און ער קאָן אַזוי כאַסוועכאָלילע אויסשטויסן גאַנצע טשערעדעס מיט בעהיימעס.

ס'איז קיין רײַע ניט, דערווידערן די, וואָס שטעלן זיך אויף דער זײַט פון דעם שטויסנדיקן אָקס, — ס'איז ניט קיין מוז, אַז דער אָקס, וואָס האָט געשטויסן איין מאָל, זאָל שטויסן א צווייט און א דריט מאָל.

— איז פון דעם גערדונגען, — קומט איינער פון די געמאָרע־ייִנגלעך צום אויספיר, — אַז אַן אָקס קאָן אויך זײַן א באַלטשוווע.

דער רעבע צינדט זיך אָן, קילט דאָס האַרץ מיט א פײַערדיקן פּאַטש און שרײַט ניט מיט זײַן קאָל:

— א מאַשל־קאַפּאַשל! ווי קומט דער איניען פון שמיטע צום באַרג סיניי? ווי קומט אַן אָקס צו טשוווע? נאָר אַן אַפּיקאָרסישער קאָפּ קאָן דערגיין צו אַזאַ ווילדן אויספיר!

וואָס מער די קריגערײַ פון די טאַנאָים ווערט פאַנאַנדערגעפלאַקערט, אַלץ מער פּלאָנטערן מיר, אַלץ מער שלאָגן מיר זיך אַראָפּ פון וועג.

פּלוצעם נעמט דער רעבע זיך צופּן די באָרד, שטרעקט אויס צוויי איבערגעשראָקענע, ראַכמים זיך בעטנדיקע הענט, ווי אַ גרויסער אומגליק וואָלט געשען — ער אַליין, דער פירער, איז פאַרפירט געוואָרן, האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און ווייסט ניט אַף וועמענס צאַד זיך שטעלן.

מיר קלײַבן נעקאָמע אין דעם רעבן, זאָל ער וויסן, וואָס עס הייסט ניט וויסן! אונדזערע קוילעס ווערן הילכיקער און פריידיקער.

עס געדויערט ניט לאַנג, און דעם רעבנס איבערגעשראָקענע, ראַכמים זיך בעטנדיקע הענט פּאַטשן הילכיק אויס אַ „טייקו" ווי די סאַמע פריידיקסטע בסורע, אַז די געפאַר איז דורך, ער איז געראַטעוועט — „טייקו" — בלײַבט אַ קאַשע, דאָס הייסט, אַז די טאַנאָים אַליין האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט און ווייסן ניט ווו אײַן און ווו אויס.

„טייקו" — עליִאָהו־האַנאָווי, וואָס וועט אין מאָשיִעכס צײַטן פאַרענטפערן אַלע קאַשעס און אַבאַיעס, וועט שוין אויך מוזן פאַרענטפערן אָט די שווערע קאַשע. דער רעבע איז גליקלעך: ווי וואָלט ער אָן דעם „טייקו" אונדז, געמאָרע־ייִנגלעך, געקאָנט קוקן אין די אויגן אַרײַן, ער וואָלט פאַרברענט געוואָרן פאַר כאַרפּע. נאָר וויבאַלד זיי אַליין, די טאַנאָים, קאָנען ניט פאַרענטפערן, מעג דאָס אים אויך אָנשטיין, אַז זיי ווייסן ניט, מעג ער אויך ניט וויסן.

דאָס לערנען ווערט פאַרגעזעצט, און דער ניגן טוט זיך זײַנס, ס'איז אים קאַשע, ניט פאַרשטענדלעך, און ער פרעגט, ווי ער זאָל זיך בעטן, ווי ער זאָל זיך פאַרגיין אין אַ טפילע.

עס קומט אַ בייזער ענטפער. אַ „טע־טע־טע" און „טי־טי־טי" קויקלען זיך און פאַלן, ווי די שטיינער פון אַ באַרג, עס הייבט זיך ניט אָן, און עס לאָזט זיך ניט אויס. און ווידער אַ קאַשע, און דער ניגן דרייט מיטן גראָבן פינגער. עס קומט אַ טערעץ, און דער ניגן מאַכט אים אוועק מיט דער האַנט.

די קלאַנגען פון דעם ניגן צעטיילן זיך אַף צוויי מאַכנעס, און דער געראַנגל ווערט שטאַרקער און שטאַרקער, און ווען עס האַלט שוין גאָר שלעכט, שליסן די קלאַנגען שאָלעם צווישן זיך און פאַרייניקן זיך מיטן ווינט. דער רעבע פאַרגעסט אין ראָווען און אין אַבאַיען און צעברומט זיך מיט אַן אומעטיקער ברומערײַ. מיר האַלטן אים אונטער.

דער ניגן ווערט אַלץ האַרציקער און האַרציקער, דעם ניגן טוט וויי פאַר דער אומזיסטער און אומנישטער קריגערײַ צווישן די טאַנאָים, אים טוט וויי פאַר אונדז, געמאָרע־ייִנגלעך, וואָס מאַטערן זיך אין דעם לאַנגן ווינטערדיקן אָוונט בײַ די צוויי אַכטער לעמפּלעך, אים טוט וויי פאַר אַלע די, וואָס בלאָנדזשען, פאַר אַלע די, וואָס זײַנען איצט אין וועג, פאַר אַלע שלאָפלאָזע און איינזאַמע.

און אָט זאָגט אַרויס דער רעבע די סאַמע בעסטע ווערטער פון די נײַן מאָס רייד, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט פאַר אַזויפיל שאָען: „נו געגוג! אַף הײַנט וועט זײַן געגוג, אַהיים!"

יעדערער וויל דער ערשטער כאַפּן זײַן פאַלטאָכל. און וואָס גיכער מ'וויל, אַלץ מער פאַרבײַט מען זיך מיט די פאַלטאָכלעך, אַלץ לענגער געדויערט עס!

אַ טומל, אַ געפילדער, אַ געשריי פון באַפרײַטע!

— אַ גוטע נאַכט, רעבע, אַ גוטע נאַכט!

מיר לויפן אַהיים. וויפל ייִנגלעך, אַזויפיל באַזונדערע לאַמטערנס, ווער מיט אַ בלעכענעם, וואָס פאַרמאָגט גלעזערנע טאַפליעלעך, ווער מיט אַ פּאַפּירענעם, אויסגעשמירט אַף דורך און דורך מיט פעטס, און ווער מיט אַ קירבעס, פון וועלכן דאָס ליכטל שײַנט אַרויס פון אַ דורכגעשניטענער נאָז און פון צוויי דורכגעשניטענע אויגן. דוכט זיך, גאָר ניט קיין סאַך ליכטלעך, און זיי באַשײַנען די גרויסע פינצטערניש, און די גרויסע פינצטערניש פון אַרום־און־אַרום קאָן ניט אויסלעשן קיין איין ליכטל.

ס'איז ליכטיק אַפן האַרצן, אָט באַלד איז די היים, אָט באַלד איז דער וואַרעמער אַפן־אויוון.

די שרעקלעכע מײַסעס, וועלכע מיר האָבן זיך אָנגעדערציילט פאַרנאַכט, ווען דער רעבע איז אוועק דאַוונען מינכע און מײַרעוו, — וועגן גאַזלאָנים, וועגן טויטע, וואָס האָבן ניט קיין רו, און וועגן נעשאָמעס, וואָס ווערן מעגולגל אין הינט און אַפילע אין קעץ, — קומען אונדז אַרויף אַפן זינען באַם שפּאַנען איבער די באַנאַכטיקע טשערנאָבילער גאַסן.

די שרעק וואַקסט. מיר כאַזערן איבער הויך אַף אַ קאָל דעם פּאָסעק, וועלכן דער רעבע האָט אונדז געלערנט אָנווענדן אין צײַט פון געפאַר: לאָ המתים יהללו יה[1] — טויטע לויבן ניט גאָט.

נאָר גיי רעד מיט טויטע, גיי שרײַ צו טויטע, ס'איז גלײַך ווי צו דער וואַנט. מ'קאָן זיי ניט איבערשרעקן און ניט פאַרטרײַבן זיי מיטן סאַמע ערגסטן און מיטן סאַמע שרעקלעכסטן פּאָסעק.

מיר נעמען זיך פאַר די הענט, מיר דריקן זיך צו איינער צום צווייטן, מיר פאָכען מיט די לאַמטערנס. מייסים, האָט אונדז דער רעבע געזאָגט, האָבן מוירע פאַר שײַן.

אוי־ווײ, אָט איז די הויכע שול. דער פּאָסעק, די איין־און־איינציקע האָפענונג, דאָס איין־און־איינציקע שוץ־מיטל, בלײַבט דערשטיקט אין אונדז. נאָר איין וואָרט פאַרלאָזט אונדז ניט, איין וואָרט איז מיט אונדז, און מיר שרײַען אַלע צוזאַמען: „מאַמעו!", „מאַמעו!".

— גאָט איז מיט אײַך, — לויפט מען אונדז אַנטקעגן פון די דערבײַיקע הײַזער. — גאָט איז מיט אײַך!

אָט אַזוי, מיט גאָטס הילף, קומען מיר בעשאָלעם אַהיים.

---

[1] לוי האמייסים יעהאלעלו יאָ.

# כצאַס

איך באַווײַז ניט אַ טראַכט טאָן וועגן די שוו־רע, זיך לאַנג צײַנדיקע שאָען אין כיידער, וועגן דער שרעק, וואָס איך האָב צוזאַמען מיט אַלע געמאָרע־ייִנגלעך איבערגעלעבט, דורכ־לויפנדיק פאַרבײַ דער הויכער שול מיט די אָנ־געצונדענע לאַמטערנס אין די הענט, און איך ווער פאַרזונקען אין טיפן שלאָף.

דער שלאָף איז אַזוי טיף, אַז די כאַלוימעס קומט אויס זיך קויקלען פון אָפּגרונט צו אָפּ־גרונט, דורכמאַכן טויזנטער מײַל, ביז זיי דער־גרונטעווען זיך צו מײַן מויעך, צו מײַנע דער־מאָנונגען, צו מײַנע פאַרשטעלונגען, ביז עס גיט זיך זיי אײַן צו פאַרמישן און צונויפגיסן דאָס מעגלעכע און אומעגלעכע, דאָס געשעענע פון דעם דורכגעגאַנגענעם טאָג מיט די נעכ־טיקע טעג, מיט פאַראַיאָרן, מיט פאַרצוויי־ און פאַרדרײַיאָרן און דעריקער מיט דעם קיינמאָל ניט געשעענעם, מיט דעם קיינמאָל ניט פאַר־לאָפענעם.

איך פלי. איך פלי מיט אַ סטײַע פויגלען, איך שפּרינג איבער צו אַ סטײַע פליִענדיקע מאַלאָ־כים. דאָס פליִען איז אַזוי שווינדיק אײַלנדיק, אַז איך באַווײַז זיך ניט אַרומקוקן און איך בין שוין בא די טויערן פונעם גאַניידן. איך קלאַפּ אָן — עפנט! — און אַ ווילדער געלעכטער צע־טראָגט זיך פון אַלע זײַטן:

— מיר האָבן אַלעקסאַנדער מוקדן ניט גע־עפנט, וועלן מיר עפענען אַזאַ שנעק?!

איך בעט אַ סימען, אַז דער טאַטע און די מאַמע, די זיידעס און די באָבעס, דער רעבע און אַלע כיידער־ייִנגלעך זאָלן מיר גלייבן, אַז איך בין געווען בא די טויערן פון גאַניידן. און ווידער דער זעלבער ווילדער געלעכטער:

— פריִער ווער אַ צווייטער אַלעקסאַנדער מוקדן, און דערנאָך וועלן מיר דיר געבן אַ סימען.

פון כאַרפּע ווער איך אײַנגעזונקען און פאַ־פאַדע גלײַך צו קוירעכן מיט זײַן איידע. איך האָב פײַנט קוירעכן, איך האָב פײַנט זײַן איי־דע, איך קאָן מיט זיי קיין איבעריקע מינוט ניט זײַן צוזאַמען. איך נעם זיך אָן מיט די לעצטע קויכעס און שפּרינג אַרויס פון די פאַרשאָטענע ערד־טיפעניש, און גלײַך אַנטקעגן קומט מיר אָן מוישע־ראַביינו. פונקט אַזאַ, ווי ער ווערט פאַרגעשטעלט אין די כומאָשים. איך דערצייל אים, פונוואַנען און פון וועמען איך בין אַנט־לאָפן. איך גיב אים איבער, אַז זײַנע גרעסטע סאָנים, וואָס האָבן שטענדיק געהעצט קעגן אים („וואָס פאַר אַ ראַביינו איז מוישע, אַ ראַביינו איז קוירעך, און מוישע איז אַ פּאַשעטער מוי־שע ווי אַלע מוישעס"), ליגן טיף אין דער ערד, איך האָב זיי ערשט געזען, ער מעג זײַן זיכער, אַז זיי וועלן קיינמאָל קיין טכיִאַס־האַמייסים ניט אופשטיין.

מוישע־ראַביינו גיט מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע און אַ קניפּ אין בעקל:

— דו זאָלסט שטענדיק דערלעבן אַנזאָגן גו־טע בסורעס!

מוישע־ראַביינוס בראָכע ווערט גלײַך מעקוי־יעם, איך טראָג זיך אַרום מיט עליִאָהו־האַנאָ־ווי, ער זאָגט מיר, וואָס איך באַדאַרף זאָגן, און איך זאָג אָן דער גאַנצער וועלט, אַז עס גייט און עס קומט דער טאָג פון דורכויסיקן טאָג, פון דורכויסיקן שאָלעם, ליבע און פרײַנטשאַפט.

מײַן קאָל איז הילכיק! מײַן קאָל איז טריי־סטנדיק, און עס טראָגט זיך פון איין עק וועלט ביזן צווייטן.

און ווי געשריגן, פּלוצעם רײַסט איבער מײַן קאָל — דאָס קאָל פון קריג און בייז — מיסנאַג־דים קעגן כסידים, כסידים קעגן מיסנאַגדים און כסידים קעגן כסידים...

ראָווע גיסט אויס פאַר מיר זײַן ביטער האַרץ אַף אַבאַיען, עס דעריאָגט מיך אַבאַיע און זאָגט מיר אָן, איך זאָל זיך ניט צוהערן און קיינמאָל ניט גלייבן ראָווען.

און דער נאָווי יעשאַיע איז אופגעטראָגן און איז פול און פול מיט בייזע נעוויִעס — עס וועט זײַן שלעכט און טויזנט מאָל ערגער פון שלעכט. און דער נאָווי ייִרמעיאָהו שרײַט פון ווייטעק — אני הגבר (אַני האַגעווער), איך בין דער אומ־גליקלעכסטער מענטש פון אַלע מענטשן, דער אומגליקלעכסטער נאָווי פון אַלע נעוויִים. אַלע נעוויִים האָבן פאַרויסגעזאָגט דעם כורבן, און מײַנע אויגן האָבן עס געזען. האַלעוואַי וואָלט איך בעסער בלינד געוואָרן, האַלעוואַי וואָלט איך בעסער פאַרשניטן געוואָרן, איידער דער־לעבן אַזאַ צײַט, די צײַט פון כורבן און אומ־קום.

און פּלוצעם, פון אַזוי ווײַט, דערזע איך זיך אַ שלאָפנדיקן אַפן איוון, עס וואַקסט אויס מײַן באָבע באַסל די פּירזאַגערן, די ווייבערן און קלאָגערן. זי זיצט אַף דער ערד מיט אַ ליכט אין האַנט. טראָפּנס כיילעוו מיט טראָפּנס טרערן פאַלן אַף די זײַטלעך פון די ווײַבערשע קינעס, וואָס זײַנען אָנגעשפּיקעוועט מיט די סאַמע שרעקלעכסטע מײַסעס און געשיכטעס וועגן כורבן.

אונדזער שטוב איז פול און פול מיט סאַווינ־סקע ווײַבער, מיט אַלטע און יונגע. אַלע זיצן זיי אַף דער ערד. זיי זיצן אין קיך, אין אַלקער און אין זאַל, און איך בין אין דער מיט, ווי אין אַלע טישעבאָווס, ווען די באָבע באַסל זאָגט קינעס.

ווי אין אַלע טישעבאָווס, זע איך אין דער נאַכט פון טייוועס, ווי אונדזער שטוב איז באַ־לאַגערט און אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט ווײַבער, פאַר וועמען עס האָט ניט געסטײַעט קיין אָרט אין שטוב. זיי כאַפּן אוף יעדן קלאַנג פון דער באָבעס טרויעריקן ניגן און יעדעס וואָרט, וואָס דערגייט צו זיי דורך די פאַנאַנ־דערגעעפנטע פענצטער. יעדע איינע פון די אין דרויסן זיצנדיקע ווײַבער, ווי די, וואָס גע־פינען זיך אין שטוב, האַלט אָן אָנגעצונדענע ליכט אין האַנט, אַ יאָרצײַט־ליכט נאָכן ערשטן כורבן, נאָכן צווייטן און נאָך אַלע ווײַטערדיקע

כורבוינעס פון פאַרשיידענע צײַטן. מײַן באָבע באסל באדארף מען דעם צונג ניט פיקן, זי קאָן צוויי שאָ דורכאַנאַנד באַוויינען א טויטן, אַז די שטיינער פון די ווענט זאָלן מיט איר מיטוויינען.

...שרעקנדיקע סימאָנים זײַנען געווען פאַרן כורבן בייסהאמיקדעש, און ניט ווייניקער שרעקלעכע סימאָנים ברענגט די באָבע וועגן די קומענדיקע כורבוינעס.

מיך אינטערעסירט מער דאָס, וואָס ס'איז געווען. דאָס, וואָס ס'איז געווען, האָב איך דאָך ניט געזען, און דאָס, וואָס ס'וועט זײַן, וועל איך אליין מיט מײַנע אייגענע אויגן זען.

און די באָבע זאָגט, און די באָבע קלאָגט, און די ליכטלעך פלאַטערן, טוקן און שרעקן זיך פאַר די סימאָנים.

...פערציק יאָר פאַרן כורבן פונעם צווייטן בייסהאמיקדעש האָבן זיך שוין באַוויזן שרעקנדיקע סימאָנים, דער נייר־טאָמיד פלעגט זיך פלוצעם אויסלעשן, די ברייטע טירן פלעגן פלוצעם זיך פאַנאַנדערעפענען פון זיך אליין.

ווען ראַבי יויכאָנאָן בען זאַקאַי איז איינמאָל בײַגעווען דערבײַ, האָט ער אויסגעשריגן:

— בייסהאמיקדעש! בייסהאמיקדעש! וואָס שרעקסטו אונדז! מ'ווייסט, מ'ווייסט, אַז עס דערנעענטערט זיך דער כורבן, מ'ווייסט, מ'ווייסט, אַז מע גייט צו גרונט!

דאָס געוויין פון די ווײַבער ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ס'איז א צאָרעס ראַבים, און קיין איינע פון די ווײַבער שרײַט ניט: „וויי איז מיר!“ אַלע ווי איינע שרײַען: „וויי איז אונדז! וויי איז אונדז! מיר גייען צום גרונט!“

פאַר וואָסערע זינד האָט זיך אָנגערוקט אַזאַ שטראָף? און די באָבע מאַכט א כעזשבן. און דער כעזשבן איז א שרעקלעכער: אַלץ איז געווען געקויפט און פאַרקויפט, אויס אָפּגעבן קאָוועד טאַטע־מאַמע און עלטערע פון זיך, שעקער און כוצפּע האָבן אַלעמען באַהערשט. און וואָס מער די גײַווע און די ליבע צו זיך זײַנען געוואַקסן, אַלץ ווייניקער און ווייניקער איז געוואָרן די ליבע צום כאַווער, צום פרײַנט.

וואָס אַמאָל, איז אַלץ ערגער און ערגער, — קומט די באָבע צום טרויעריקן אויספיר. וואָס אַמאָל, איז ערגער, — דערפילן די ווײַבער דעם ביטערן עמעס פון דער באָבעס ווערטער, און זיי הייבן אויף א גוואַלד, גלײַך ווי מע האָט זיי, אַלע ווײַבער, פאַרקויפט פאַר דינסטן און זייערע מאַנען פאַר קנעכט, און אָט באַלד וועט מען זיי אוועקפירן געשמידטע אין קייטן ערגעץ אין אַלדי רוכעס, אין די סאַמע ווײַטסטע און פאַרוואָרפנסטע מעדינעס, הינטער די האָרעכוישעכן.

מײַן ייִנגלש האַרץ האַלט עס ניט אויס, איך וואַרף זיך פון איין זײַט אויף דער צווייטער, איך קײַקל זיך אַראָפּ פונעם אונטערבעט, און א הייסער ברי פון דעם שטאַרק געהייצטן אָפּן־אויוון וועקט מיך אויף פון שלאָף. פאַר מײַנע נאָך פאַרמאַכטע פאַרשלאָפענע אויגן פלאַקערן די פײַערן פונעם כורבן. דאָס האָב איך פאַרזוכט דעם ערשטן ברי, און באַלד וועט מיך דאָס פײַער אַרומכאַפּן פון אַלע זײַטן, און איך וועל, ווי א קאָרבן־אוילע, פאַרברענט ווערן אינגאַנצן און פון מיר וועט בלײַבן בלויז א ביסל אַש.

פון גרויס ראַכמאָנעס צו זיך אַליין כאַפּ איך זיך אַלע ווײַלע פאַרן אָפּגעבריטן אָרט, און ערשט דאַן, ווען איך נעם אויסגלײַכן דאָס צעבויפּגעקויקלטע אונטערבעט, דערזע איך, אויף וועלכער וועלט איך בין.

ס'איז שוין האַלבע נאַכט. דער זיידע כאַצקל פּראַוועט כצאָס. ער זיצט אויפן שטיין, וועלכן ער לייגט הינטערן קישן צוקאָפּנס אין די אַלע נעכט פון א גאַנצער וואָך, אויסער שאַבעס. די טפילעס פון כצאָס קען דער זיידע כאַצקל אויף אויסווייניק, ווי אַלע אינדערפרײַקע, פאַרנאַכטיקע און אָפּדערנאַכטיקע. איז צוליב וואָס זשע פלאַטערט אין זײַן האַנט דאָס פלעמל פונעם ביילעוונעם ליכטל? און גלײַך געפינען איך אויס פאַר זיך אַן ענטפער. באַם זיידן איז דאָך יאָרצײַט ניט איין מאָל אין יאָר, נאָר נאַכט און נאַכט, און ווי קאָן זײַן יאָרצײַט אָן א ליכטל? דאָס ליכטל ברענגט אַרויס פון דער פינצטערניש אַלץ, וואָס איז געווען און איז שוין מער ניטאָ. אַזאַ קליין פלאַטערנדיק פלעמל אין דעם זיידנס האַנט, און עס באַלײַכט פאַר אים אַלע פלאַמפײַערן, וואָס האָבן געברענט.

דער זיידע באַרויִקט זיך אויף א רעגע און גייט גלײַך איבער צום כורבן פון דעם מענטשן. אדם דואג על אבוד דמיו ואינו דואג על אבוד ימיו[1] — דער מענטש דאגהט וועגן פאַרלוירן גיין פון זײַן געלט און דאגהט ניט וועגן פאַרלוירן גיין פון זײַנע טעג...

דער צווייטער כורבן, דער כורבן פון דעם מענטשן, באַאומרויִקט מיך ניט, איך בין נאָך אַזוי ווײַט פון אים, איך האָב נאָך אַזוי ווייניק יאָרן צעביטן. איך קער זיך אום צום כעזשבן, וואָס איך האָב געמאַכט, שטייענדיק מיטן זיידן בא דער הרובע, און דער כעזשבן באַווײַזט קלאָר, אַז איך האָב ניט וואָס צו דײַגענען וועגן די פאַרלוירן געגאַנגענע יאָרן, אַלץ איז פאָרויס.

א גליקלעכער, וואָס איך בין נאָך ווײַט ניט פאַרגאַנגען צו מײַן באַרמיצווע, ווער איך ווידער טיף פאַרזונקען אין שלאָף, און דאָס רעדעלע פון דעם כאָלעם דרייט זיך און דרייט זיך. עס ברענט!

פון איין פײַער אַרויס און אין דעם צווייטן אַרײַן. עס ברענט טשערנאָביל. דער גלעקערגעקלאַנג פון די צוויי קלויסטערס און פונעם קאָסטיאָל וועקן אויף אַלט און יונג. יעדער איינער שעפּט פון זײַן פאַס וואַסער, אַלע לעשן, און די פאַנאַנדערגעהוליעטע פײַערן טוען זיך זייערס, זיי שלינגען שטוב נאָך שטוב, קלייט נאָך קלייט, גאַס נאָך גאַס און באַלעקן זיך מיט זייערע טײַוועסדיקע, זיך ניט אָנזעטנדיקע צינגער. אין דעם שרעקלעכן געלויף רײַסט זיך אַרײַן אַן אינדרײַען אײַנגעבויגענע ייִדענע, וואָס

[1] אָדעם דויעג אַל איבוד דאָמאָוו וועיינוי דויעג אַל איבוד יאָמאָוו.

קאָן ניט האַלטן קיין עמער אין האַנט, זי בעט זיך, מ׳זאָל זי די ערשטע דורכלאָזן.

— וואָס איז דאָס לויפעניש, וואָס איז די ספּעשקע! — באַוואַרפט מען זי מיט געשרייען פון אַלע זײַטן. — וואַרט אויס אַ ווײַלע, און דאָס פײַער וועט קומען צו אײַך.

— וואָס רעדט איר, וואָס רעדט איר, ווי קאָן איך וואַרטן, געוואָלד, וואָס איך האָב ניט זויכע געוועזן, ווי דער בייסהאַמיקדעש ברענט, וויל איך כאָטש זויכע זײַן זען מיט מײַנע אויגן, ווי אונדזער בעסמעדרעש ברענט. לאָזט מיך! לאָזט מיך!

אַף אַ רעגע דערפיל איך אַ שמייכל אַף מײַן פּאָנעם, און גלײַך איז ניט צום לאַכן. אַן אומדערטרעגלעכע היץ שלאָגט מיר אין פּאָנעם, און פײַערן בליצן אָן אופהער פאַר מײַנע אויגן. ווידער כאַזערט זיך איבער פאַר מיר די סרייפע פון בייסהאַמיקדעש, אַ שרעקלעכע סרייפע, אַ סרייפע, וואָס האָט פראַנק־און־פרײַ געברענט, און קיינער האָט ניט געלאָשן. אָנשטאָט וואַסער האָבן אַפילע זיי, די פייגעלעך, אין זייערע קליינע פּיסקעס געטראָגן און געבראַכט מיט זיך אַהער זייער כיילעק פײַער אַף צו פאַרגרעסערן און פאַרגיכערן די סרייפע.

דער קויהענגאָדל וואַרפט די שליסלען פון בייסהאַמיקדעש אין דער הייך, אין הימל אַרײַן, און בעט זיך בײַ די זינגענדיקע און שפּילנדיקע לעוויִים — ראַטעוועט דעם ניגן, וועט לעבן דער ניגן, וועט דאָס פאָלק קיינמאָל ניט שטאַרבן. און די לעוויִים שפּילן און זינגען. די קלאַנגען ווערן געלײַטערט און געפעסטיקט, און דאָס פײַערדיקע ווידערקאָל טראָגט זיך אַלץ הילכיקער און הילכיקער, אַלץ ווײַטער און ווײַטער. דאָס פײַער שוינט ניט די זינגענדיקע און שפּילנדיקע לעוויִים, עס צינדט אָן זייערע צען פינגער. צען פינגער, ווי צען ליכט, גיבן אַ פינקל און לעשן זיך גלײַך אויס. די לעוויִים שפּילן מיט די עלנבויגנס, און ווען פון די הענט בלײַבט קיין זייכער ניט, בײַסן זיך אײַן זייערע ליפּן אין די סטרונעס.

פון קאָפּ ביז די פיס אין פײַער. אַ ברענענדיק געזאַנג פון ברענענדיקע סטורקאַטשן.

דער ניגן קויקלט זיך פון יאָר צו יאָר און פון דאָר צו דאָר. אונדזער שטוב איז פול מיט געזאַנג. געזאַנג אַף די ווענט, אַף דער סטעליע, אַפן דיל, אַף די טישן און בענקלעך, אין יעדן טאָפּ און טעפּל, אין יעדער שיסל און אין יעדן טעלער.

דעם טאַטנס נאָטן איז ענג געוואָרן אין פאַרשלאָסענעם קאַסטן, אַף די זײַטלעך פון די ביכער און העפטן, אין די פינפשורעסדיקע גראַטעס. די איינקעפּלדיקע און פילקעפּלדיקע נאָטן פון אַרויף און אַראָפּ טראָגן זיך ווי סטײַעס פויגלען. יעדער פויגל — מיט זײַן באַזונדער געזאַנג.

מײַן ייִנגלש האַרץ ווערט צעריסן פון ניסי בעלזערס צעבראָכענער און צעריסענער שטים, וואָס בעט זיך און קלאָגט זיך: אתיתי לחנניך בלב קרוע ומרתך[1] — איך בין געקומען פאַר דיר, גאָט, מיט אַ צעריסן און צעבראָכן האַרץ.

[1] אָסיסי לעכאַנענאָך בעלייוו קאָרוא אומורטאָך.

— אָשאַמנו! אָשאַמנו! — טײַנעט דער כאַזן יאַנקל גאָטבליט, וועמען מ׳האָט גערופן „יאַנקל דער הייזעריקער”. די הייזעריקײַט האָט צוגעגעבן אַ באַזונדער טאַם און אַ באַזונדער מעסיקעס זײַנע טפילעס. גלײַך ווי ער האָט געעפנט דאָס מויל, האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז מיספּאַלעל און בעט ראַכמים שוין גאָר פון לאַנג, ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט, געטײַנעט און געבעטן, אַז ער איז אַזש הייזעריק געוואָרן.

פון מײַן טאַטן האָב איך ניט איין מאָל געהערט, אַז ניסי בעלזער און יאַנקל דער הייזעריקער זײַנען דער בעסטער באַווײַז, אַז דאָס קאָל פונעם האַרץ און פון דער נעשאָמע קאָנען מער אופרודערן, איידער די סאַמע שענסטע און די סאַמע הילכיקסטע שטים.

אַ דערציטערטער און אַן איבערגעשראָקענער איז דער כאַזן זיידל ראָוונער — הנני העני ממעש[1] — ער איז דער אָרעמאַן פון אַלע אָרעמעלײַט — ער איז אָרעם אין מײַסים! אָרעמע ייִדן האָבן אים געשיקט צו זײַן אַ גוטער בעטער פאַר זיי, און ער אַליין זאָגט וועגן זיך, אַז ער איז ניט ווערט און ניט ראָע פאַר דעם. אַ ראַכמאָנעס אַף זיידל ראָוונער, אַ ראַכמאָנעס אַף די אַלע ייִדן, וואָס האָבן אַזויפיל האָפענונגען אַרופגעלייגט אַף אים...

עס הייבט זיך אָן די „אַווידע”. דער קויהענגאָדל איז דער כאַזן יערוכעם האַקאָטאָן. מ׳האָט אים אַזוי גערופן, ווײַל ער איז געוועזן אַ קליינוווּקסיקער. אָבער ווי קליין ער איז געוועזן, אַזוי גרויס איז געוועזן זײַן שטים. וועגן אים, יערוכעם בלינדמאַנען, פלעגט מען זאָגן, אַז האַשפּאָלאָסוי — האַגבאָהאָסוי — אין זײַן נידעריקײַט באַשטייט זײַן הויכקײַט; ווען ער וואָלט געוועזן נאָך נידעריקער, וואָלט זײַן שטים עפּשער געוועזן נאָך שטאַרקער.

יערוכעם האָט אויך געהייסן דער נאַשער, ווײַל ער האָט גענאַשט פון פרעמדע גערטענער — פון דעם קאָמפּאָזיטאָר באַך און פון דעם רוסישן מיליטערישן מאַרש, פון די רוסישע און אוקראַיִנישע פאָלקסלידער. דאָס גענאַשטע פלעגט ער אַזוי פאַרדייען, אַזוי אָרגאַניש אײַנפלעכטן אין זײַנע טפילעס, אַז אַלע כאַזאָנישע מעווינים פלעגן זיכער זײַן, אַז די מעלאָדיעס האָט אים געגעבן דער באַרג סינײַ...

די „אַווידע” ווערט פאַרגעזעצט. די קויהאַנים מיטן פאָלק, וואָס שטייען אין דער אַזאָרע, קריכן אַרויף צו מיר אַפן אויווון און אַלע פּאָמעסטיען זיך. דער קויהענגאָדל „יערוכעם האַקאָטאָן” שרײַט אויס דעם שרעקלעכן שיים־האַמפּוירעש, און אַלע פאַלן קוירים, אַלע בוקן זיך און פאַלן אַף זייערע פּענעמער, אַלע זײַנען גליקלעך און איך צוזאַמען מיט זיי, וואָס דער קויהענגאָדל איז אַרײַן אין קאָדשיי־קאָדשים בעשאָלעם און איז אַרויס בעשאָלעם.

דעם קויהענגאָדלס אָרט פאַרנעמט מײַן טאַטע. ער זינגט מיטן כאָר זײַן נײַעם „אונסאַנע טויקעף”, וועלכער פילט זיך דאָ היימישער פון

[1] הינעני העאָני מימאַאס.

אלע טפילעס, ער איז דאָך דאָ אין שטוב געבוירן געוואָרן, דאָ זײַנען דאָך אופגעקומען זײַנע ערשטע קלאַנגען.

א כאַזן נאָך א כאַזן, א מעשוירער נאָך א מעשוירער. אלע כאַזאָנים און אלע מעשוירערים, וואָס איך האָב שוין באַוויזן צו הערן אין אָנהייב פון מײַן לעבן, זינגען פאַר מיר אין כאָלעם און באַווײַזן וואָס זיי קאָנען. איך בין איבעראַשט פון דעם סאַוויונטשיק סענדערל — מיכל דעם טשערנאָבילער קאַצעווס ייִנגל, וואָס האָט שפּעטער זיך גערופן אלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש בראַגין און איז באַרימט געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד אלס אָפּערע־זינגער (1881—1955).

דער טאַטע מײַנער, וואָס האָט מיט אים ייִנגלווײַז געזונגען אין איין כאָר, קאָן זיך גאָרניט אָפּלויבן פון זײַן קלינגענדיקן, ראַכוועסדיק טיפן אלט, וועלכן ער האָט געקאָנט פאַרוואַנדלען אין דעם סאַמע שטילסטן קויל דמאָמאָ דאַקאָ...

באַזונדערס האָט זיך סענדערל אויסגעצייכנט אין זײַן סאָלאָ „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר"[1] — דעם מענטשנס יעסאָד איז פון ערד און זײַן סאָף איז אין דער ערד.

די טשערנאָבילער יידן, וואָס האָבן זויכע געווען צו הערן סענדערלס באַוווסטע סאָלאָ, האָבן אים ניט גערופן סענדערל, ניט גערופן אים מיכל דעם קאַצעווס ייִנגל, ניט גערופן סאַוויונטשיק, זיי האָבן אים גערופן דער אָדאָם! אײַ איז דאָס א אָדאָם, אָן אָדאָם שעבעאָדאָם!

סענדערל זינגט זײַן „אָדאָם", און איך הער אים מיט מײַן טאַטנס אויערן און נעם אים אוף און באַנעם אים אזוי, ווי מײַן טאַטע האָט אים אופגענומען און באַנומען.

די גאַנצע מעכטיקײַט פון זײַן ברייטן און זאַפטיקן אלט לייגט ארײַן סענדערל אין דעם „אָדאָם". דער אויסגעשריי פּאַרמאָגט אין זיך אלע ווידערקוילעס פונעם גלעקער־געקלאַנג, וואָס זאָגט אָן און גיט צו וויסן, אז א גרויסער אומגליק איז געשען. ס'איז אָן אויסגעשריי ניט צו איין מענטשן, נאָר צום גאַנצן מין מענטשן אף גאָר דער ערד. „אָדאָם! אָדאָם!", און אלע מענטשן וואַכן אוף, און באַגלײַך מיט מיר הערן זיי אין דער פינצטערער נאַכט, וואָס סענדערל האָט צו זאָגן.

די שווערע בסורע, אז דעם מענטשנס יעסאָד איז נישט מער ווי פון דער ערד, צעברעכט סענדערלס שטים, זי פאַלט זיך ציטערנדיק פאַנאַנדער אף שטיקלעך און ברעקלעך. און וועגן סאָף איז שוין גאָר קיין שטים ניטאָ — א טיף אויסגעייעגדיקער קלאַנג פון אן איין־און־איינציקער פידל־סטרונע, א זיך אויסלעשנדיקער און פאַרגייענדיקער שטראַל.

דער באַס און דער טענאָר, די טשערנאָבילער סטודענטן פון דער קיִעווער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכע פלעגן אין זייער קאַניקול־צײַט זינגען אין דעם טאַטנס יאָמימנויראָזמדיקן כאָר, האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון בראַגינס דראַמאַטישן באַריטאָן, מיט וועלכן ער ווײַזט די זעלבע וווּנדער, ווי מיט זײַן געוואָזענעם ייִנגלשן אלט.

בראַגינס באַריטאָן איז א געדיכטער, א גלעטנדיקער, א ווייכער, וואָס לאָזט זיך קנעטן, ווי די לייַם אין די הענט פונעם טעפער. ס'איז ניטאָ אזא באַריטאָן־פּאַרטיע, אָנהייבנדיק פון די סאַמע העכסטע ביז די סאַמע נידעריקסטע, אז בראַגין זאָל זי ניט קאָנען בײַקומען, ער לאָזט זיך לײַכט אראָפּ צום נידער פונעם באַס, און מיט דער זעלבער לײַכטקײַט דערהייבט ער זיך צו די הייכן פונעם טענאָר. אין זײַנע לירישע ראָמאַנסן, און אין אייניקע אריעס, באַנוגנט ער זיך אָפּט מיט א העלפט פון זײַן שטים, מיט א פערטל און מיט אן אכטל. דער שטילסטער קלאַנג, ארויסגעבראַכט ווי א סאָד, ווערט ניט פאַרלוירן, דערגרייכט אין יעדן אויער און אין יעדן האַרץ.

עס באַווײַזט נאָך ניט אויסגיין בראַגינס „אָדאָם", און איך דערזע פאַר זיך מייער מעדוועדעוור, כאַים דעם ראַקיטנער ראַווס זון, שאָלעם ראַבינאָוויטשעס (שאָלעם־אַלייכעמס) קיידער־כאַוער און זײַן ייִנגלשן מיטשפּילער. מייערקע און שאָלעמקע פלעגן שפּילן דעם כומעש־רעפּערטואַר, זיי האָבן אויך געהאָט וואָס צו זינגען און צו זאָגן וועגן זייער הײַנטצײַטיקײַט, וועגן די צאַרישע רעדיפעס אף יידן. מייערקע איז דער גאָזלען, און שאָלעמקע איז דער קאָרבן. אין לייצאָנעס, אין פאַרשטעלן זיך, אין בײַטן געשווינד איין האָוויִע אף דער צווייטער איז שאָלעמקע ניט אָפּגעשטאַנען פון מייערקען. אין ארויסרופן געלעכטער באַ די קיידער־ייִנגלעך מיט א נאַרוואָס נײַ געבוירן וואָרט און מיט א פּאָסעק, אָן איבערגעקערטן מיטן קאָפּ אראָפּ, האָט שאָלעמקע אפילע איבערגעשטיגן מייערקען, אָבער אין זינגען האָט מייערקע צו זיך קיין גלײַכן ניט געהאַט. קיידער־ייִנגלעך האָבן געריסן פון זיך די קנעפּלעך פון די הויזן און פון די פּידזשאַקלעך, ביז א לעצטן גראָשן אוועקגעגעבן פון זייער כאַנעקע־געלט — און מעכאַבעד געווען מייערקען מיט די בעסטע נאַשערײַען, אבי ער זאָל זינגען. און ווער וואָלט זיך געווען ריכטן און ווער וואָלט געקאָנט פאַרויסזאָגן, אז מייערקעס און שאָלעמקעס „טעאַטער־שפּילן" אינעם פּיצינקן שטעטעלע וואָראָנקאָ איז געווען דער אָנהייב פון יענער מאַזלבראָכעדיקער שפּיל, וואָס האָט זויכע בעגוירל געווען אויסשפּילן דעם גרויסן געווינס — מייערקע איז מיט דער צײַט געוואָרן א וועלטבאַרימטער אָפּערע־זינגער, עפּעס א קלייניקײַט מיכאַיל יעפימאָוויטש מעדוועדיעוו (1852—1925), און שאָלעמקע האָט אָפּגעשטעקט א ברייטן שאָלעם־אַלייכעם דער גאַנצער וועלט, אזוי, אז אלע האָבן דערפילט די וואַרעמקײַט פון זײַן האַנט, פון זײַן האַרצן און פון זײַן וואָרט, פון זײַן געלעכטער און פון זײַן לויטערער טרער.

דער באַס און דער טענאָר פון דעם טאַטנס

[1] אָדאָם יעסוידו מעאָפאָר ועסויפו לעאָפאָר.

יאָמימנויראָ?מדיקן כאָר פלעגן יעדן אָוונט, נאָך יעדער רעפּעטיציע, פאַרן טאַטן און פאַר אונדז, אַלע מעשוירערים, שאָענוויַיז דערציילן מיט דער גרעסטער באַגײַסטערונג וועגן מעדוועדעוון.

אָף יעדער רעפּעטיציע — א נײַער מעדוועדעוו, איין מעדוועדעוו אינטערעסאַנטער פונעם צווייטן. און איצט, אין כאָלעם, האָבן זיי זיך אַלע צוזאַמען צונויפגעקליבן. א גרויסע מאַכנע מעדוועדעווס. עס גיסן זיך אַרײַן אין דער מאַכנע אַלע געשאַפענע געשטאַלטן, אַלע קאָמפּאָזיטאָרס, דיריזשאָרן, רעזשיסערן און אַקטיאָרן, מיט וועלכע מעדוועדעוו האָט זיך באַגעגנט, די פילצאָליקע טאַלמידים פון דער מאָסקווער מוזיקאַליש־דראַמאַטישער שול, פונעם קיִעווער אָפּערע־טעאַטער און פון דער סאַראַטאָווער קאָנסערוואַטאָריע, און די מאַכנע ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, דער אָפן־אויוון, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געראַם געווען פאַרן קויהענגאָדל מיטן פאָלק פון דער אזאָרע, ווערט ענג פאַר דער מעדוועדעוו־מאַכנע.

איך נעם פאַנאַנדער ברייט מײַנע הענט, און מיטן שענסטן קאַבאָלעס־פּאָנעם נעם איך אוף דעם זיבעצניאָריקן מייערקען, וועלכער גיט אָפּ קאָוועד די ווײַטערדיקע מעדוועדעווס, וואָס האָבן זיך ברייט פאַנאַנדערגעוואַקסן פון אים, ווי פון א געראָטענעם בוים־וואָרצל די צווײַגן.

איך קאָן מײַנע אויגן ניט אַראָפּנעמען פונעם באָכערל, וואָס איז שוין געניט און רײַף געווען אין הונגער און נאָך דאַן ניט פאַרמאָגט קיין רײַפן טענאָר. זײַנע שוואַרצע אויגן לויכטן מיט כאָכמע, מיט גוטסקײַט, מיט גלויבן און מיט האָזע — מיר ווייסן ניט פון קיין זעט און ווילן ניט און וועלן קיינמאָל ניט וויסן. זײַן שטאַלטנע פיגור פאַלט בא זיך ניט אַראָפּ, זי ווערט אַלץ שטאַלטנער און שטאַלטנער.

ניקאָלײַ גריגאָריעוויטש רובינשטיין (1835—1881), דער גרינדער און דירעקטאָר פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע, וואָס איז געקומען קיין קיִעוו אָפּקלײַבן גוטע שטימען, האָט זיך בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס אָפּגעריסענע באָכערל קלײַבט זיך ווערן א זינגער. מעדוועדעוו מאַכט ניט קיין ראַכמאָנעס־פּענעמל, און מיט דער פעסטקײַט פון א פרינץ, וואָס איז זיכער, אַז זײַנע פאַרלאַנגען וועלן אויסגעפילט ווערן, האָט ער א זאָג געטאָן מיט אַלע זיסקײַטן און מיט אַלע הילכיקײַטן פון זײַן שטים:

— איך וויל און וועל זײַן אַן אָפּערע־זינגער, און אין דעם, ניקאָלײַ גריגאָריעוויטש, באַדאַרפט איר מיר העלפן!

איך בין גערירט. איך דאַנק רובינשטיינען פאַרן גרויסן כעסעד, וואָס ער טוט מיט מייערקען, מיט כאַיִם דעם ראַקיטנער ראָווס זון.

איין מיצווע שלעפּט נאָך זיך די צווייטע.

מאָסקווע! אַזאַ גרויסע שטאָט, און מעדוועדעוו האָט ניט ווו צו לייגן זײַן קאָפּ. זינגען איז טאַקע דאָס שענסטע אין לעבן, נאָר צוליב דעם באַדאַרף מען עסן און טרינקען, באַדאַרף מען זיך אָנטאָן. אָף דעם אַלץ באַדאַרף מען געלט, און ווו זאָל ער עס נעמען, ווו זאָל ער עס פאַרדינען?

און פאַר מעדוועדעוון האָבן זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די טירן פון ניקאָלײַ גריגאָריעוויטשעס האַכנאָסעס־אָרכימדיקער שטוב. אַלע זאָרגן זײַנען פון מעדוועדעוון אַראָפּגענומען געוואָרן, בלויז מיט איין זאָרג האָט אים באַזאָרגט ניקאָלײַ גריגאָריעוויטש — זיך לערנען אָף אויסגעצייכנט!

ער אַליין, ניקאָלײַ גריגאָריעוויטש, קנעלט מיט מעדוועדעוון טעאָריע פון מוזיק; פּראָפעסאָר גאַלוואַני בילדעט זײַן שטים, לערנט אים, וויאַזוי מיט קלאַנגען מאָלן בילדער, איבערגעבן שטימונגען, דראַמאַטישע האַנדלונגען, דראַמאַטישע כאַראַקטערן.

איינער פון די אָנגעזעענסטע אַרטיסטן פונעם קליינעם טעאַטער איוואַן וואַסיליעוויטש סאַמאַרין אַנטפּלעקט פאַר מעדוועדעוון די סוידעס פון דער סצענישער קונסט. סאַמאַרין איז איבעראַשט פון מעדוועדעווס אַקטיאָרישער באַגאַבטקײַט — ער איז בא דער מאַמען אין בויך געבוירן געוואָרן אַן אַקטיאָר. ניטאָ פאַר אים קיין סוידעס. איידער איר באַווײַזט אים דעם אָדער יענעם זשעסט, דעם אָדער יענעם ווענדונג קער, די אָדער יענע מימיק, טוט ער עס גלײַך אַליין, און טוט עס פונקט אַזוי, ווי איר האָט דאָס פאַרטראַכט.

מעדוועדעוו האָט ניט פאַרשעמט זײַנע לערער. וויפל די לערער האָבן פון אים דערוואַרט, האָט ער עס איבערגעשטיגן. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ווען מעדוועדעוו איז נאָך געווען אָפן דריטן קורס, האָט דער אַנטרעפּרעניאָר או. יאַ. סעטאָוו אונטערגעשריבן א ביז גאָר גינסטיקן קאָנטראַקט פאַר אים — דרײַ יאָר גאַסטראָלירן און זינגען די וויכטיקסטע פּאַרטיעס פון פאַרשיידענע אָפּערעס איבער די גרעסטע שטעט פון רוסלאַנד. ווען ניקאָלײַ גריגאָריעוויטש רובינשטיין האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט ער, אַן אופגערעגטער, צעריסן דעם אָפּמאַך:

— איך וועל ניט דערלאָזן, אַז פון מײַן סאָד זאָל מען רײַסן פאַר דער צײַט די פרוכט.

ווען די פרוכט איז צײַטיק געוואָרן, האָט טשײַקאָווסקי גערדריקט מעדוועדעוון די האַנט און אים אָפּגעגעבן א יאַשער־קויעך פאַר זינגען די פּאַרטיע פון גערמאַנען. דער יאַשער־קויעך קלינגט אָפּ מיט א „זדראַוואָ!”. עס צעטראָגט זיך דער ווידערקאָל פונעם רוסישן וואָרט „זדראַוואָ” איבער אונדזער שטוב, ווי דער סאַמע גליקלעכסטער, ווי דער סאַמע שענסטער מאַזלטאָוו!

— וועגן אַזאַ גערמאַנען האָב איך געטרוימט, — באַגײַסטערט זיך אַלץ מער און מער טשײַקאָווסקי, — אַזאַ גערמאַנען האָב איך זיך פאָרגעשטעלט. מיכאַיִל יעפימאָוויטש, איר זײַנט דער בעסטער גערמאַן, גלייבט מיר אָפן וואָרט!

די פילצאָליקע מעדוועדעווס, זײַנע פילצאָליקע געשטאַלטן, די פאַרשיידענע זינגערס, קאָמ־

פּאָזיטאָרס, דיריזשאָרן און רעזשיסערן, וואָס געפינען זיך איצט בא אונדז אין שטוב און נעמען אָן אָנטייל אין מײַן כאָלעם, האַלטן אונטער טשײַקאָווסקין — ריכטיק, ריכטיק! דער בעסטער גערמאַן, דער בעסטער! אַלע אַפּלאָדירן, און איך צוזאַמען מיט זיי. די פינגער, די דלאָניעס פון מײַנע הענט פײַערן, ווערן געשוואָלן, און איך אַפּלאָדיר און אַפּלאָדיר, אַפּלאָדיר ביז די לעצטע קויכעס.

דער דערפאָלג פון גערמאַנען אין דעם קיִעווער אָפּערע־טעאַטער איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען דער מאָסקווער גרויסער טעאַטער האָט זיך געקליבן שטעלן „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ", האָט פּיאָטער איליטש געפאָדערט אײַנלאַדן אַף דער ראָל פון גערמאַנען מעדוועדעוון, קיין בעסערן גערמאַן זעט ער דערווײַל ניט.

דאָס זעלבע האָט פּיאָטער איליטש טשײַקאָווסקי אָנגעשריבן אַפן קלאַוויר פון דער אָפּערע, וועלכן ער האָט געשענקט מעדוועדעוון, — „דעם בעסטן גערמאַנען", — דערבײַ האָט ער אין דער זעלבער ווידמונג באַדאַנקט מעדוועדעוון פאַר טרעפלעך ענדערן די טעמפּן באַם אויספילן די גערמאַן־ראָל.

טשײַקאָווסקי ווענדט זיך צו איינעם פון די אָנגעזעענסטע מוזיק־אויטאָריטעטן אין פּעטערבורג, צו וולאַדימיר פּעטראָוויטש פּאָגאָזשעוון, מיט אָט אַזאַ רעקאָמענדיר־בריוו:

„דערלויבט מיר צו רעקאָמענדירן אײַך פון דער סאַמע בעסטער זײַט דעם טענאָר־זינגער מעדוועדעוון, וואָס פאַרלאַנגט דעביוטירן אין פּעטערבורג. ווײַזט אים אַרויס, איך בעט אײַך, אײַער מיטהילף. איך בין זיכער, אַז ווען איר וועט אים אויסהערן, וועט איר דערפילן, אַז אין זײַן פּערזאָן וועט די פּעטערבורגער טרופּע באַקומען אַ גרויס געווינס פאַר זיך" (3 סענטיאַבער 1890).

סאַראַ ליכטיקײַט! די שײַן קומט פון די גרויסע ספעאָרים־שראַנקען. פאַר דעם זינגערסוועגן האָט איבער אַלע הייליקע ספעאָרים, ווי אַן אָדלער, פאַרשפּרייט זײַנע פליגל אַ רוסיש בוך, וואָס איז דערשינען אין קיִעוו לעקאָוועד דעם הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון פּושקינען. מיט אָט דעם רוסישן בוך האָט זיך דער טענאָר פון דער קיִעווער קאָנסערוואַטאָריע קיינמאָל ניט צעשיידט, שטענדיק, אַף אַלע רעפּעטיציעס, פלעגט ער אים מיטברענגען מיט זיך און ניט אויפהערן אים בלעטערן און באַווײַזן, אַז צווישן די פאַרשיידענע פּאָרטרעטן פון די פּושקין־פערסאָנאַזשן איז אָפּגעדרוקט זײַן, מעדוועדעווס, פּאָרטרעט, אָפּגעדרוקט דערפאַר, ווײַל ער, מעדוועדעוו, האָט באַשאַפן דעם בעסטן, צו יענער צײַט, גערמאַן אין „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ", דעם אויסגעצייכנטן דאָן־זשואַן אינעם „שטיינערנעם גאַסט", דעם פירשט אין „רוסאַלקע" און דעם פין אין „רוסלאַן און ליודמילאַ".

אין דער צײַט, ווען רוסלאַנד האָט אָפּגעגעבן אַזאַ גרויסן קאָוועד מעדוועדעוון, האָט אַמעריקע היסלײַוועסדיק אַפּלאָדירט אים, ווי אַ זינגערשאָליִעך פון רוסלאַנד. אין וועלכער ראָל עס דערשײַנט נאָר מעדוועדעוו אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, טשיקאַגאָ, שרײַבט מען אין אַלע צײַטונגען אין איין קאָל — דער בעסטער, דער בעסטער! די בעסטע ראָל!

אַמעריקע, עפּעס אַ קלייניקײַט — אַמעריקע! דאָרט זײַנען פאַראַן אַ סאַך אַזעלכע הײַזער, אַז ווען מ'זאָל אַף דער טשערנאָבילער הויכער שול אַוועקשטעלן נאָך פּופּצן און נאָך צוואַנציק אַזעלכע הויכע שולן, וועלן זיי ניט דערלאַנגען ביז צו דער מיט פון אַ ניו־יאָרקער פּילשטאָקיקן מויער. און אָט זי, די הויכשטאָקיקע אַמעריקע, האָט עס געמוזט אַזוי דערהייבן מעדוועדעוון. דער טענאָר פון דער קיִעווער קאָנסערוואַטאָריע טרינקט זיך אין די פאַרבן פון די אַפישן און ברענט אין די עלעקטרישע פײַערן פון די רעקלאַמעס... מיר דוכט, אַז אַלע שטערן האָבן זיך אָפּגעריסן פונעם טשערנאָבילער הימל, דורכגעבראָכן אונדזער דאַך און אַלע זיך אויסגעשאָטן אַף מײַן אַפן־אויוון און זיך אַרופגעוואַלגערט אַף מיר.

ווער קאָן עס איבערטראָגן אַזאַ ליכטיקײַט? עס גייען מיר אויס די לעצטע קויכעס, קוים וואָס איך עטעם.

און פּלוצעם דערהער איך, שווימענדיק אין דעם מאַבל פון ליכטיקײַט, טשײַקאָווסקיס מילדע שטים: „לאָמיר לאָזן דאָס יִינגל צורו, ער וועט נאָך אַף זײַן לעבן אויסכאָלעמען אַ סאַך אַזעלכע כאָלוימעס. זאָל ער נאָך אַ ביסל אונטערוואַקסן, און ער וועט אַליין געפינען דעם וועג פונעם בעסמעדרעש אין דער אָפּערע..."
(דער כאָלעם, טשײַקאָווסקיס נעוווע זײַנען מעקוייעם געוואָרן. ווען איך בין געקומען קיין קיִעוו, אַ זעכצניאָריק באָכערל, איז פאַרפעלן אַן אָפּערע פאַר מיר שרעקלעכער געווען, איידער פאַרפעלן אין די פרומע קינדערשע יאָרן אַ מינכע און מײַרעוו. אַ סאַך מאָל האָב איך ניט דערעסן, אַז איך זאָל אַף דער העכסטער גאַליאָרקע זיך באַוואַשן מיט טרערן פאַר דער אומענדלעכער קישעפדיקער שיינקײַט פון ליכט און קלאַנג, געזאַנג, טאַנץ, שפּיל, וואָס איך האָב עס געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן, און כ'האָב ניט געגלייבט, אַז איך זע עס, אַז אַזוינס איז מעגלעך, אַז דער מענטש קאָן זיך אַזוי דערהייבן אַף צו באַשאַפן אַזעלכע דערהויבענע שיינע וועלטן).

די ליכטיקײַט האָט זיך אויסגעלאָשן, דער ראַש און טומל איז שטיל געוואָרן, גלײַך ווי קיינער איז דאָ ניט געווען.

מייערקע גיט אַ קונדייסישן שפּרונג צו מיר אַפן אויוון און נאָך אים שפּרינגען קונדייסיש נאָך אַלע מײַסעס, וואָס מע דערציילט וועגן אים, אַ וועלט מיט מײַסעס, מאַמעש ווי וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער. און ווידער איז מיר גוט, און ווידער איז מיר וואַרעם, און ווידער איז מיר ליכטיק.

מע דערציילט, און ווער האָט עס ניט געהערט, אַז איידער נאָך מייערקע האָט געוווּסט אַ צוראַס אַלעף, האָט ער שוין געקענט נאָכזינ־

גען זײַן מאַמעס אַלע װיגלידער און אַפילע דעם טאַטנס זמירעס.

א פאַרשײַטער און אַן אַזעספּאָנעם איז געװען אַט דער מײערקע. זײַענדיק אַ מעשוירער באַ מײער פּאָלישטשוק, באַם כאַזן פון דער „טאַל־נער קלויז" אין בעלאַצערקאָװ, האָט ער אײנ־מאָל צו סליכעס־צײַט אָפּגעטאָן אַזאַ מײַעס שפּיצל. אין דעם כאַזנס סליכע, פאַר דער טפּי־לע „שמא קוילײנו", האָט ער אַרײַנגעשריבן מיט געדרוקטע אויסיעס: „דער כאַזן האָט ליב אַ „שיקסע!", און צו יעדן „מאַ" פון דער טפילע „מאַ נוימאַר לעפאָנעכאָ, מאַ נעדאַבײר, מאַ נע־סאַפּײר, מאַ ניצטאַדײק" האָט ער מיט דריבנע אויסיעס צוגעגעבן „רוסע", האָט זיך באַקומען פיר מאָל מאַרוסע. דאָס האָט באַטײַט, אַז די „שיקסע" איז ניט קײן אַנדערע, װי מאַרוסע דעם גאַבעס דינסט.

אָפּגעטאָן אַ שפּיצל אײן כאַזן, האָט מײערקע געזוכט אַ צװײטן און אַ דריטן אױף זײ אָפּטאָן נאָך גרעסערע שפּיצלעך. ער באַװײַזט זיך ניט אָנװאַרעמען באַ אײן אָמעד, און ער װאַקסט אויס באַ אַ צװײטן, באַ אַ דריטן. מײערקע איז געװאַקסן, און מיט אים איז געװאַקסן זײַן פאַר־שײַטקײַט, זײַן ליבע אָפּצוטאָן שפּיצלעך, װי עס פלעגט אָפּטאָן זײַן באַליבטער העלד, דער פרײלעכער קאַפּצן הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

װען דער טאַטע זײַנער, דער ראַקיטנער ראָװ האָט צום ערשטן מאָל דערזען זײַן זון אַ גע־גאָלטן װי דער אַפּטײקער, לעהאַװדל, און דער־הערט, אַז זײַן שײנע שטים, װאָס איז געגעבן געװאָרן אױף צו לויבן גאָט, זינגט ניט אױף לאָשנ־קוידעש, נאָר אױף טרײף־פּאָסל אַזעלכע געזאַנ־גען, װאָס װײ צו די אויערן, װעלכע הערן עס, האָט ער גענומען שרײַען ניט מיט זײַן קאָל:

— אַפּיקוירעס, אַרויס פון מײַן זון! אַפּיקוי־רעס, אַרויס פון מײַן זון!

און מײערקע, װאָס האָט שוין דאַן געהײסן מיכאַיל יעפימאָװיטש, האָט מיטן ניגן פון „האַ־מעלעך", װאָס באַשטײט פון אַ געקײטלטן „אײַ־אײַ־אײַ", אויסגעזונגען:

— שויטע, אַרויס פון מײַן טאַטן! שויטע, אַרויס פון מײַן טאַטן!

די מײַסעס װעגן מײערקען זײַנען אָן אַ סאָף און אָן אַ ברעג, און איך בעט אים, אַז ער זאָל דאָ באַ מיר אױפן אויװן אויסזינגען זײַן „האַבײן יאַקיר". מײערקע לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. אױף זײַן געזאַנג לויפן זיך צונויף אַלע געזאַנגען, װאָס האָבן דאָ געאָרודעװעט אין דער נאַכט. עס װערט ענג פון זײ אין שטוב, סע בלײַבט קײן אָרט פאַר זײ אױפן גרויסן אױפן־אויװן.

די געזאַנגען באַפאַלן מײַן גוף, יעדן אײװער מײַנעם, זײ רײַסן זיך אַרײַן אינװײניק אין מיר. איך װער געשװאָלן פון געזאַנגען, פון ניגונים, אָט פּלאַץ איך. די אײנציקע רעטונג איז אויס־זינגען זיך, און איך זינג זיך פאַנאַנדער אין שלאָף.

די מאַמע מײַנע װעקט מיך:

— זינגערל מײַנער, װאָס האָסטו זיך אַזוי צעזונגען? װאָס האָט זיך דיר געכאָלעמט? װאָס האָסטו געזען?

— מאַמע, מאַמע! — רײַב איך פאַנאַנדער די אויגן. — דו װײסט, װעמען איך האָב געזען? איך האָב געזען דעם ניגן, ניט אײנעם, נאָר אַ װעלט מיט ניגונים, געזען און געהערט, געהערט און געזען. פון גרויס סימכע האָב איך זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, זיך ניט געקאָנט דער־װאַרטן, ביז איך װעל זיך אויפכאַפּן, און גענומען זינגען אין שלאָף...

—זינגערל מײַנס! — האָט די מאַמע מיך אַרומגענומען און געקושט. — שטענדיק, װען דיר װעט זיך כאָלעמען, זאָלן זיך דיר כאָלעמען נאָר אַזעלכע כאַלוימעס...

יעשועַ ליובאָמירסקי

# דער וועג פון א בינע־מײַסטער

באַים ספּיוואַק שטאמט פונעם אוקראַיִנישן שטעטל ראַקיטנע, ניט ווײַט פון בעלאָצערקאָוו. א שטעטל, ווי אנדערע שטעטלעך. בלויז אין איין פּראַט איז עס געוואָרן א שטיקל שעם־דאָווער: דאָרט האָט זײַן קינדהײַט פאַרבראַכט דער באַרימטער אָפּערע־זינגער מייער מעדוועדיעוו, וועגן אים דערציילט גענוי שאָלעם־אַליײכעם אין זײַן ראָמאַן „פונעם יאַריד".

געבוירן איז ספּיוואַק אין 1915. דער טאַטע זײַנער איז געווען א לערער. ווען כאַים איז אַלט געווען צען יאָר, זײַנען די עלטערן מיטן גאנצן געזינד אריבערגעפאָרן קיין קיִעוו. דאָ לערנט ער זיך אין א מיטלשול, באַטייליקט זיך אין שול־כאָר, וווּ ער טיילט זיך אויס מיט זײַן שיינער שטים.

א גרויסע ווירקונג אַף ספּיוואַקס וועג צו דער בינע האָט געהאַט זײַן עלטערער ברודער מוישע. אליין אַן אַרבעטער אַף א זאַוואָד, האָט מוישע אַקטיוו זיך באַטייליקט אינעם קיִעווער טעאַטער פון אַרבעטער־יוגנט („טראַם"). מיט דער צײַט איז ער געוואָרן א פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און האָט געקראָגן דעם ערן־טיטל פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער ווײַסרוסישער רעפּובליק.

אויך כאַימען איז געווען שטאַרק צום האַרצן דער „טראַם", און מע האָט אים פון דער בינע שוין אָפּרײַסן ניט געקאָנט. אין טעאַטער פון אַרבעטער־יוגנט האָט ער געשטעלט די ערשטע טריט אַלס אַרטיסט.

דער טרוים וועגן טעאַטער האָט פולקאָם באַהערשט ספּיוואַקן. ער איז געוואָרן א לײַדנשאַפטלעכער און אָפטער באַזוכער פונעם ייִדישן, רוסישן און אוקראַיִנישן טעאַטער. און ס'איז גאנץ נאַטירלעך: קיִעוו האָט דאָך אין יענע יאָרן פאַרמאָגט אַזעלכע גרויסע מײַסטערס, ווי בוטשמאַ, אוזשווי, גנאַט יורא, זערקאַלאָוואַ און אין ייִדישן טעאַטער — די באַוווּסטע אַרטיסטן קאַלמאַנאָוויטש, סאָנץ, זשאַבאָטינסקי, נוגער.

אין 1932 האָט אין קיִעוו גאַסטראָלירט דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער. כאַים ספּיוואַק האָט זיך דערוווּסט, אַז עס וועט פאָרקומען א קאָנקורס אַף אָנצוקומען אינעם טעאַטראַלן טעכניקום, וועלכער גרייט קאַדרען פאַר די ייִדישע טעאַטערן. קעדיי נעמען אָן אָנטייל אין אָט דעם קאָנקורס, האָט מען באַדאַרפט פאָרן קיין מאָסקווע. כאַים האָט באַשלאָסן פּרוּוון דאָס מאַזל.

דעם קאָנקורס האָט ספּיוואַק אויסגעהאַלטן מיט דערפאָלג, און די טיר פון דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטראַלער שול האָט זיך פאַר אים ברייט צעעפנט.

פּעדאַגאָגן זײַנען דאָ געווען אויסגעצייכנטע. מיכאָעלס האָט געוואָלט, אַז די טאַלמידים זאָלן קריגן ניט נאָר ספּעציעלע טעאַטראַלע בילדונג, נאָר עס זאָל פון דער שול אַרויס אַלזײַטיק אַנטוויקלטע שוישפּילער.

פּאַראַלעל מיט די טעאָרעטישע לימודים האָבן די שילער געקראָגן א מעגלעכקײַט זיך צו באַטייליקן אין די ספּעקטאַקלען פונעם טעאַטער, קעדיי צו קענען אין דער פּראַקטיק באַאָבאַכטן

די שפּיל פון אַזעלכע מײַסטערס, ווי מיכאָעלס, זוסקין, ראַטבאום, ראָם, מינקאָווא.

טכילעס האָט מען ספּיוואַקן פּאַרטרויט עפּי־זאָדישע ראָלן. אינעם ספּעקטאַקל „אָרן פריד־מאַן" האָט ער געשפּילט א באַדאַכטן קאַלווירט־ניק, א שווײַגער; אין מאַרקישעס „מאַלצײַט" — א פּאַרכוישעכטן קוואָרעסמאַן, אָבער זייער א דורכגעטריבענעם, א כאַכעם. אין „שולאַמיס" האָט מען אים געגעבן די ראָל פון א פּלישטי, זייער א צוריקגעהאַלטענעם, און אינעם דריטן אַקט — די ראָל פון אַן אַלטן קויהען, וועלכער האָט זיך געשאַדכנט צו שולאַמיס.

באַאַבאַכטנדיק ספּיוואַקן אין אָט די קליינע ראָלן, איז דער טעאַטער־קריטיקער אי. קרוטי געקומען צום אויספיר, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט א באַגאַבטן אַקטיאָר. אָט וואָס ער שרײַבט וועגן ספּיוואַקן אינעם רוסישן זשורנאַל „טעאַ־טער" נומ. 8 פאַרן 1940: „ספּיוואַק איז אין יעדער ראָל אַן אַנדערער, ער כאַזערט זיך ניט איבער. יעדע געשטאַלט באַשאַפט ער מיט דער הילף פון געציילטע קאַרגע שטריכן. זײַן שפּיל איז איבערצײַגעוודיק, ער איז פייִק אָרגאַניש זיך אײַנלעבן אין דער אַטמאָספער פונעם ספּעקטאַקל".

מיכאָעלס האָט אַמאָל געזאָגט וועגן ספּיוואַקן, אַז זײַנע אַקטיאָרישע דערגרייכונגען קאָן מען דערקלערן דערמיט, וואָס ער טוט אָף דער בינע בלויז דאָס, וואָס אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַגרײַפן, דאָס הייסט — זיך דערגרינטעוועט צו דעם טאָך פונעם פּערסאָנאַזש, פון דער קאָנקרע־טער סיטואַציע. דאָס איז אַזאַ מין יונגער אַק־טיאָר, וועלכער באַמיט זיך מיט זײַן מאַניר צו דערציילן דעם צושויער עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר ער, דער אַקטיאָר, ווייסט עס, און מער קיינער ניט.

קריגן אין שאָלעם־אַלייכעמס „דער געט" די ראָל פונעם זײַדענעם איידעמל מאָטעלע איז פאַרן יונגן אַקטיאָר זיכער געווען א געווינס. די מאָראַלישע ציכטיקײַט פון אָט דעם גע־שטאַלט האָט געווירקט אָף אים דערפרישנדיק.

וואָס האָט אַרויסגערופן בא דעם אַקטיאָר סימפּאַטיע צו מאָטעלען? פריִער פאַר אַלץ זײַן טרײַהייט אין ליבע. ניטאָ אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל אים צווינגען זיך צעשיידן מיט עטעלען. דער אַקטיאָר האָט אין מאָטעלען דערזען דעם ליכטיקן שטראַל אין דער מעמשאָלע פון פינצ־טערניש, אין דער מעמשאָלע פון די סאָרע־כאַנטשעס. מאָטעלעס האַנדלונג באַשטעטיקט דעם טעזיס, אַז ביכלאַל באַדאַרף א נאָרמאַל פאַמיליען־לעבן, א געזונט פאַמיליען־לעבן זײַן געבויט אָף די יעסוידעס פון פרײַער, טרײַער און קעגנזײַטיקער ליבע. ווען מיר קוקן זיך אײַן אין כאַיִם ספּיוואַקס פּאָטאָגראַפיע בייסן שפּילן מאָטעלען, איבעראַשט אונדז די קינ־דערשע נאַיִווקײַט, וואָס איז אויסגעגאָסן אָף דעם פּערסאָנאַזשס פּאָנעם, און דאָס רעדט זייער פיל וועגן דער ליבשאַפט, וואָס מאָטעלעס גע־שטאַלט האָט אַרויסגערופן בא ספּיוואַקן אין האַרצן.

איך מיין, אַז א וווּנטלעכן אָנשפאַר, א גע־וויסע הילף בעשאַסן שפּילן מאָטעלען האָט ספּי־וואַק געקראָגן אין דער מוזיק פון אַלעקסאַנדער קרײן, וועלכער האָט בעפיירעש אַרײַנגעטראָגן דעם נייטיקן קאָלאָריט אין ספּעקטאַקל און האָט אַנטפּלעקט די אַטמאָספער, אין וועלכער עס זײַ־נען געוואַקסן די מאָטעלעך און עטעלעך.

באַנאַנד מיטן פּאַטאָס, מיט וועלכן ספּיוואַק שילדערט די דערהויבנקײַט פונעם מאָטעלע־געשטאַלט, באַנאַנד מיט דעם, ווי אימפּעטפול מאָטעלע באַשיצט זײַן רעכט און דאָס רעכט פון עטעלען אָף גליק, אָף ליבע און טרײַהייט,— איז בא דעם אַקטיאָר נאַטירלעך די סאַטירע־קראַפט, מיט וועלכער ער דעמאַסקירט די יע־רידע, דעם גרייַלעכן ציניזם, די מאָראַלישע גע־פאַלנקײַט פון אַזאַ בריִע, ווי עליאָקום אין א צווייטער שטעלונג — אין דער „קישעפמאַכערן".

ווער עס געדענקט די געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט אין גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַ־כערן", דעם איז באַוווּסט, אַז קימאַט אַלע פּע־דעמער פון אינטריגע האַלטן אין זייערע הענט מירעלעס שטיפמאַמע באַסיע און די בעסטיע, די באָבע־יאַכנע. און אויספּילן אַלע שווינדלע־רישע שטיק, וואָס עס האָבן פאַרטראַכט די באָ־בע־יאַכנע און באַסיע, איז באַרופן עליאָקום — א דערפאַרענער אַוואַנטוריסט, וואָס האַנדלט שוין ניט דאָס ערשטע יאָר מיט „לעבעדיקער סכוירע". גאָלדפאַדען האָט, כאַראַקטעריזירנ־דיק עליאָקומען, אָנגעשריבן אַזאַ לידעלע:

איך בין אויסגערײַזט די גאַנצע וועלט,
איך בין א יונג מיט שפּאָרן,
כ'האָב פאַרקויפט מירעלען פאַר געלט
און האָב געהאַנדלט קאָרן.

ספּיוואַק האָט אין עליאָקומען דערזען א גע־מיינעם נפעש און א לעב־יונג. בא אים, בא עליאָקומען, איז באַסיע אויך א קערן. ער כאַפּט זיך גערן אַרײַן צו איר — זי איז אים מעכאַבעד מיט א טרונק בראָנפן. ער איז גרייט צו פאַר־בײַטן איר דעם מאַן אוורעמצען, וועמען מע האָט אַרײַנגעזעצט אין טפּיסע, לויט באַסיעס מעסירע. ער איז דאַפקע ניט קיין אָפענער גאַזלען. אויסערלעך אַפילע סימפּאַטיש. גייט אָנ־געטאָן אין א קאָסטיום פון א שטאָף, געצאַצקע־וועט מיט קעסטעלעך. אָפן קאָפּ — א שליאַפּ־קעלע א טיראָלקע. ער איז שטענדיק זאַט איבערן האַלדז. מיט זעלבסטצופרידנקײַט ווייעט פון זײַנע ראַזעווע בעקעלעך — ער איז דאָך שטענדיק בעגילופן. אָט אַזוי, מיט כיינדעלעך, שפּילעוודיק, פירט ער דורך זײַנע פּאַרדעכטיקע אייסאָקים, זײַן האַנדל־וואַנדל.

ספּיוואַקן איז געווען ניכע צו שפּילן די דאָ־זיקע ראָל, ווײַל עס זײַנען דאָ געווען היפּשע מעגלעכקײַטן צו אימפּראָוויזירן.

ער האָט אויך גענומען אַרבעטן איבער דער פישל־ראָל אין שאָלעם־אַלייכעמס „מענטשן", און אין דער זעלבער צײַט איז אים אויסגעקו־מען זיך פאַרטיפן אין דער ראָל פונעם אופגע־



כ. ספיוואק — דער שאדכן (דער ערשטער פון רעכטס) אין „טעוויע דער מילכיקער"

קומענעם גוויר קרענדעלמאַן אין שאָלעם־אלייכעמס איינאקטער „א דאָקטער". גראָד דעמלט איז צו דער האנט אים געקומען דער באַנד פערעצעס דיכטונג, ווו ס׳איז אָפּגעדרוקט די ליד „מיין ניט — די וועלט איז א קרעטשמע". די ליד האָט באַגײַסטערט, זי האָט געשטויסן דעם אקטיאָר נאָך מער זיך פארטראכטן איבער די גויראָלעס פון פישלען און פון זײַנע סאָציאַלע אנטיפּאָדן — עליאָקום און קרענדעלמאַן. מעגלעך, דאָס האָט טיילווײַז גוירעם געווען, אז די שילדערונג פון פישלען זאָל אויסזען אזוי טעמפּעראמענטפול.

אין שאָלעם־אלייכעמס „מענטשן" זײַנען א ריי פערזאָנען געשילדערט אין טראגישן אספּעקט. דאָס ווערט אונדז קלאָר, ווען מיר טראכטן זיך ערנסט ארײַן אין די גויראָלעס פון דער פארפירטער יונגער רעוועטשקע, פון דער געוועזענער פּאָקאָיאָווע פאניטשקע, פון דעם יונגן לאקיי הערץ. און אפילע דער מאזשגיעך פון דער דינערשאפט דאניִעל איז אויך אן אונטערדריקטער און באליידיקטער. צו אָט דער גרופּע באלאנגט אָן שום סאָפעק ריקלס מאן פישל, האגאם ער איז א מעשאָרעס ניט בא דער מאדאם גאָלד, נאָר בא א צווייטן גוויר. שוין אין דער רעמארקע אין אָנהייב פון דער פּיעסע גיט אונדז שאָלעם־אלייכעם אָנצוהערן, אז פישל איז א „פארזאָרגטער נעפעש". אייגנטלעך, איז פישלס מאָרעשכוירע נאטירלעך. עס קאָכט און עס זידט אין אים דער פּראָטעסט קעגן דער ברוטאלקײַט פון די באלעבאטים, די אופגעקומענע גווירים, עס יוירט אין אים דער טרוים צו באפרײַען זיך פון סאָציִאלן דרוק, דער טרוים וועגן א בעסער, שענער לעבן, וועגן א נאָרמאל מישפּאָכע־לעבן. זײַן ווײַב ריקל דינט בא דער מאדאם גאָלד, ער גופע איז, ווי געזאָגט, א מעשאָרעס בא אן אנדער גוויר; זײַן יונגע טאָכטער איז א דינסט ערגעץ אנדערש... ניטאָ קיין הויזגעזינד — צעזייט און צעשפּרייט!

נאָך מער פּײַניקט פישלען אן אנדער צאָרע: עס ברענט בא אים אין הארצן דאָס אייפערזוכט־פײַער. ער איז מעקאנע דעם לאקיי הערצן, וואָס יענער קאָן זינגען, שפּילן אף א גיטארע, ביפראט, אז זײַן ריקל איז א „פריילעכע נעשאָמע", ווי שאָלעם־אלייכעם אטעסטירט זי, און זי וויל דאפקע יאָ הערן, ווי הערץ זינגט און שפּילט...

דער אקטיאָר כאַיִם ספּיוואק האָט, קענטיק, זיך טיף דורכגעדרונגען מיט פישלס שטימונגען, מיט זײַן געדאנקענגאנג. דער צושויער דערשפּירט עס באזונדערס בוילעט, ווען ער הערט זיך אײַן אין פישלס אינטאָנאציעס: ס׳איז א שטים פון א מענטשן מיט א צעבלוטיקט הארץ, אָט פונקט ווי מֶע וואָלט אים אָנגעטראָטן אף א פרישער ווונד. ווען ער רעדט וועגן די גווירים, איז זײַן מײַנעלאָשן גיפטיק, אָנגעזאפּט מיט גאַל.

אינעם גאָרדין־ספּעקטאקל „פון יענער זײַט יאם" („קרייצער־סאָנאטע") שפּילט כאַיִם ספּיוואק די ראָל פון גרעגוארן. גרעגואר איז א טאלאנטפולער מוזיקאנט. גופע ספּיוואק, ווי מיר

כ. ספּיוואַק — סאַריני אין מ. לערמאָנטאָװס „די שפּאַניער"

וויסן פון זײַן ביאָגראַפֿיע, איז טאָמיד פֿאַר־כאַפּט פון מוזיק און איז אָף דורך און דורך מוזיקאַליש. אָבער דעם אַקטיאָר ספּיוואַק גייט אָן גאָר קנאַפּ גרעגוארס באַגאַבטקײַט, אים אינ־טערעסירט אין דער ערשטער ריי זײַן מאָראַ־לישע פֿאַרדאָרבנקײַט.

איז ספּיוואַקן געלונגען טיף באַנעמען אַזאַ געשטאַלט, ווי גרעגואר?

ס'איז באַוווּסט, אַז ניט אַלע סצענע־מײַסטערס באַמיִען זיך אופֿצופּאַסן אַלע כאַראַקטער־שטריכן פון א קאָמפּליצירט סצעניש געשטאַלט. פֿאַראַן אַקטיאָרן, וואָס באַטאָנען, לעמאָשל, אין האַמלעטן זײַן נעקאָמע־דאָרשט, דאָס איבערי־קע ווערט געמאָלט בלויז אַגעוואָרכע. אין טשאַצקין שטרײַכט מען אָפּט אונטער דעם טריבון, דעם עמעס־זוכער, דאַקעגן זײַנען פֿאַ־ראַן אַקטיאָרן, וואָס באַטאָנען אין טשאַצקין זײַן ליבע צו סאָפֿיען.

כאַיִם ספּיוואַק האָט גרעגוארן אופֿגעפּאַסט בלויז ווי א צעיושעטן דאָן־זשואַן, ווי א פֿרעכן יונג, וועלכער שפּײַט אָף זײַנע עלטערן. און ניט נאָר וואָס ער שפּײַט אָף זיי — ס'איז אים א כאַרפּע, וואָס זײַן טאַטע איז אַן אָרעמער פּראָווינציעלער ייִדישער קלעזמער. דער אַק־טיאָר האָט אין גרעגוארן דערזען בלויז א ני־דערטרעכטיקן אוואַנטיוריסט. ער האָט אים גע־געבן א שעלמיש שמייכעלע, וואָס פֿאַרוואַנדלט אָפּט דאָס פּאָנעם אין א מאַסקע. ער איגנאָרירט אַפּילע אין גרעגוארן דעם באַגאַבטן מוזיקאַנט. עמעס, גאָרדין האָט גאָר קנאַפּ שטאָף געגעבן אָף צו שילדערן גרעגוארס באַגאַבטקײַט...

גאָר אַנדערש איז געווען מיט דער ראָל פון סאַרינין אין „שפּאַניער". ס'איז בעפּיירעש שווער צו געפֿינען דעם געהעריקן שליסל צו אַזאַ געשטאַלט. פֿאַראַן אַקטיאָרן, וואָס פּאַסן אוף סאַרינין בלויז ווי א פֿאַרברעכער, אַן אויס־וווּרף. דאָס איז דער סאַמע איינפֿאַכער צוגאַנג. אין אַזאַ אַספּעקט דערלאַנגען סאַרינין איז ניט שווער. אָבער אָט די אויסטײַטשונג קאָן ניט באַפֿרידיקן דעם קוואַליפֿיצירטן צושויער.

אַז מע טראַכט זיך טיף אײַן אין סאַריניס פּסיכאָלאָגיע, דערשפּירט מען די פּילפּאַרבי־קײַט פון אָט דעם פּערסאָנאַזש. דעריבער פֿאַר־שטיי איך ספּיוואַקן, ווען ער זאָגט:

— מיר איז געווען דערווידער שפּילן סאַרי־נין ווי אַן איינפֿאַכן גאַזלען...

יאָ, ספּיוואַק האָט געוווּסט סאַריניס אַלע כעס־רוינעס: ער איז א ציניקער; זײַן גאָטספּאָרכטי־קײַט איז ניט מער ווי א מאַסקע; ער לאַכט זיך אויס פון דער קאַטוילישער קירכע; ער איז א מעכוטן מיט באַנדיטן. דאָך האָט ספּיוואַק דער־זען אין סאַרינין אויך אַזאַ שטריך, וואָס האָט געגעבן א מעגלעכקײַט צו אופֿפּאַסן און מאָלן אים אין טראַגישן אַספּעקט. ספּיוואַק האָט אין סאַריניס באַציִונג צו דער יונגער עמיליע דער־שפּירט ניט קיין איינפֿאַכן באַלטײַוועניק. לויט ספּיוואַקס האַשאָרע איז סאַריני פון עמיליען באַצויבערט. דעם גײַסטיקן קריפּל אימפּאָנירט די זויבערקײַט פון אַזאַ אומשולדיקער פּרוי, ווי עמיליע, זײַן לײַדנשאַפֿט איז באַזיניקט. אָבער פון זײַן טרוים לאָזט זיך גאָרנישט ניט אויס, און אים, וואָס קיין הייליקײַט האָט פֿאַר אים שוין ניט עקזיסטירט, בלײַבט איבער צו אַנ־טוישן זיך. אָט פֿאַרוואָס ספּיוואַק באַטראַכט סאַרינין ווי א טראַגישע פֿיגור.

אין דעם דאָזיקן עסיי האָבן מיר באַטראַכט בלויז זעקס פון דער צאָלרײַכער גאַלעריי סצע־נישע געשטאַלטן, וועלכע ס'איז אויסגעקומען צו שפּילן כאַיִם ספּיוואַקן. דאָס איז לעסאַטע, קאָן מען זאָגן, די אַלגעמיינע אַמפּליטודע פון ספּיוואַקס שעפֿערישן דיאַפּאַזאָן.

די געשטאַלטן, וועלכע ספּיוואַק האָט פֿאַר־קערפּערט אָף דער בינע, — דאָס זײַנען אַלץ פֿאַרשטייער פונעם אַוואַר. מיר האָפֿן, אַז דער רעפּערטואַר פונעם מאָסקווער אַנסאַמבל וועט זיך באַרײַכערן מיט נײַע שטעלונגען, וואָס זיי־ער אינהאַלט איז די הײַנטצײַטיקײַט. און כאַיִם ספּיוואַק וועט אין זיי פֿאַרקערפּערן נײַע גע־שטאַלטן.

הערש רעמעניק

# נאַטאַן זאַבאַרע און זײַן לעצטער ראָמאַן

## I

מיט זײַנע ערשטע ווערק האָט נאַטאַן זאַבאַרע גלײַך צוגעצויגן צו זיך די אופמערקזאַמקײַט פון דעם לייענער און פון דער קריטיק. זײַנע ביכער „ראַדיאָ־ראָמאַן" (1932), „נילאָווקע" (1934), די זאַמלונג דערציילונגען און פאַרצייכענונגען „מענטשן און צײַטן" (1935), די ראָמאַנען „פון לאַנד צו לאַנד" (1938) און „דער פאָטער" (1940) זײַנען אופגענומען געוואָרן ווי אינטערעסאַנטע דערשײַנונגען פון דער פּראָזע אין די דרײַסיקער יאָרן.

אין יענער צײַט האָבן נאָך געלעבט און געשאַפן די גרויסע קינסטלער דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, די אָנהייבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע איציק קיפּניס, נויעך לוריע, שמועל גאָדינער, מ. דאַניִעל, מייער אַלבערטאָן, הערשל אָרלאַנד און אַנד. עס איז שוין געקומען אין דער ליטעראַטור א נײַע פּלעיאַדע פּראָזאַיִקער. זאַבאַרע איז אַנערקענט געוואָרן ווי א נײַער קויעך. עס האָבן וועגן אים געשריבן כאַיִם לויצקער, מוישע דובילעט, דער אוטאָר פון אָט די שורעס און אַנדערע קריטיקער.

פאַר זאַבאַרעס ערשטע ווערק איז כאַראַקטעריסטיש דער אינטערעס פונעם אווטאָר צו דער הײַנטצײַטיקײַט, צו די אַקטועלע פּראַגן פון דער עפּאָכע. אָט די וויכטיקע פּראָבלעמאַטיק איז באַזונדערס בוילעט פאַרקערפּערט אין „נילאָווקע", „פון לאַנד צו לאַנד", „דער פאָטער".

„נילאָווקע" איז א ראָמאַן וועגן דעם באַנײַטן שטעטל. דער שרײַבער אַנטפּלעקט דעם נײַעם פּראָצעס פון דער ווירקלעכקײַט. אין נילאָווקע קלײַבט מען טשערעפּאַכעס פונעם „סלוטש" און מע פאַרקויפט זיי דעם „מעלוכע־האַנדל". אין שטעטל איז פאַראַן א שנײַדער־שוסטערישער אַרטעל און אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָלווירט, אָבער אייניקע מיטגלידער פונעם אַרטעל און פונעם קאָלווירט גייען קלײַבן טשערעפּאַכעס, און דערפון לײַדן דער קאָלווירט און דער אַרטעל. עס קלײַבן זיך נאָך אַלץ צונויף רעדלעך אין מאַרק. מע קוילעט יונגפּי, כאָטש מע ווייסט, אַז דאָס איז א פאַרברעכן. די צײַט גייט שוין לויטן פינפיאָר, אָבער „ס'איז הײַנט אויכעט שאַבעס, און דאָס איז צו דערקענען לויטן לייִדיקגייערישן שפּאַציר".

עס קעמפן אַקשאָנעסדיק אין שטעטל דער אַלטער און דער נײַער סיידער. די זיגנדיקע סאָוועטישע אָרדענונג — זי איז די הערשנדיקע, די מאַכטהאַלטנדיקע; עס ווירבלען נאָך אָבער אין שטעטל, אין דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, אינעם שטייגער רעשטלעך פונעם אַלטן לעבן; זיי לאָזן זיך פילן אין דער אויפירונג פון דאָניען און איר פאָטער, זיי האַלטן נאָך פעסט אין קלעם אַזעלכע מענטשן, ווי מאַרק באָריסאָוויטשעס פאָטער.

אפן פאָן פון אָט דעם קאַמף פון די אַלטע און נײַע לעבנס־פאָרמען וויקלט זיך פאַנאַנדער די טעטיקײַט פונעם יונגן וויסנשאַפטלער־געאָלאָג בוזי פּעוונע. ער אַנטדעקט אין שטעטל געפינערטער פון פאָספאָריטן, פון וועלכע מע קאָן אויסאַרבעטן סופּערפאָספאַט. אַרום דעם קומען פאָר שאַרפע קלאַסן־צוזאַמענשטויסן. עס פעלן ניט פאַרשיידענערליי שטערונגען, שעדיקערײַ, פּרוּוון אָפּצוהאַלטן און אַרונטערצורײַסן די סאָציִאַליסטישע איבערבויונג פונעם שטעטל. א געוויינלעכע, אין טאָך, סכעמע פון א ריי ווערק אין יענער צײַט, אָבער א פולע מיט לעבנשטייגער, מיט צאַפּלדיקע אינטערעסן פון לעבעדיקע מענטשן, מיט דראַמאַטישע קאָליזיִעס און צוזאַמענשטויסן.

זאַבאַרעס „נילאָווקע" איז א פאָרזעצונג פון דער טראַדיציִאָנעלער שטעטל־טעמע אין דער ייִדישער ליטעראַטור ביז און נאָך דער רעוואָלוציע, א נײַע קינסטלערישע פאַרקערפּערונג אירע. דער אווטאָר טרעט דאָ אַרויס ווי א יורעש און ווי א נאָוואַטאָר. דאָס איז מער פאַר אַלץ צו זען, ווען מע פאַרגלײַכט דעם צענ־

טראלן העלד פון „נילאָווקע", בוזי פּעוונען, מיט
אזא טיפּיש געשטאלט פונעם שטעטל ערעוו דער
אָקטיאבער־רעוואָליוציע, ווי בורמאן בא בער־
געלסאָנען „אין א פארגרעבטער שטאָט". איך
האָב דאָ אין זינען ניט דעם גראד מײַסטער־
שאפט פון קינסטלערישער פארקערפּערונג פון
ביידע געשטאלטן, נאָר דעם סאָציִאלן טאָך פון
דער לעבנס־דערשײַנונג, דעם קאָלאָסאלן אָפּ־
שטאנד פון צוויי פארשיידענע וועלטן: בא
בערגעלסאָנען איז בורמאן א מײַסטערישע
פארקערפּערונג פון א כאראקטער פון אן „אינ־
טעליגענט", א קאזיאָנע ראָוו, וואָס ווייסט אליין,
אז ער זינקט אין פּראָסטראציע, אין געפיל פון
איבעריקײַט און נישטיקײַט; דאָס איינציקע,
וואָס רופט בא אים נאָך ארויס א מין רעפלעקס
פון לעבן, וואָס צעשטערט זײַן פּאראזיטישן
צושטאנד פון דרעמל און פּוסטקײַט, איז דאָס
פרעמדע ווײַבל, וואָס ער קנײַפּט אָפּט אונטער
אין די הוילע הענט; בא זאבארען אין „נילאָוו־
קע" איז בוזי פּעוונע א פארקערפּערונג פון א
רעוואָליוציאָנערן כאראקטער, וועלכער איז פול
מיט שעפערישן אופברויז, מיט זודיקער, די־
נאמישער, אומדערמידלעכער ענערגיע און
אומופהערלעכער שטרעבונג צו טאט, צו האנד־
לונג און בויערישן אופטו.

בוזי פּעוונע שיידט זיך אונטער אויך פון
דעם אינזשעניער גאָרן אין ה. אָרלאנדס „הרעב־
ליעס", וועלכער פארקערפּערט מיט זיך אן אינ־
טעליגענטיש־צעצווייט געשטאלט; ער פארלירט
זיך באלד, ווי נאָר עס רוקן זיך אָן אָף אים
וויכטיקע געשעענישן. זאבארעס בוזי פּעוונע
אנטפּלעקט זיך מיטן אָנוווקס פון די געשעע־
נישן. וואָס קאָמפּליצירטער די סיטואציע, אלץ
בוילעטער טרעט ארויס דער כאראקטער פון
דעם סאָוועטישן געלערנטן. עס שטעלט אים
גאָרנישט ניט אָפּ אין קאמף פאר דערגרייכן
דעם ציל. און אזוי איז ער אויך אין פּערזענ־
לעכן לעבן, אין שטייגער. ער איז מיט לײַב
און לעבן איבערגעגעבן זײַן ארבעט, אָבער
אויך פול מיט מענטשלעכער לײַדנשאפט.

אין זאבארעס ביזמילכאָמע־ווערק פילט זיך
נאָך אָפּט זײַן אומדערפארנקײַט און אמאָל אפּי־
לע — אומבאהאָלפנקײַט אין די קינסטלערישע
מיטלען, באזונדערס אין דער שפּראך. אָבער
אופבליצן פון מײַסטערשאפט קאָן מען אנט־
פּלעקן אויך אין די ניט גאָר געלונגענע אָדער
ווייניק געלונגענע ראָמאנען און דערציילונגען,
און מער פון אלץ אין „נילאָווקע".

אין „נילאָווקע" האָט זאבארע זיך ארויסגע־
וויזן ווי א יונגער מײַסטער מיט היפּשע מעג־
לעכקײַטן פון פּסיכאָלאָגישער שילדערונג,
קינסטלערישער דעטאלן־מאָלערײַ און רײַפן
דיִאלאָג. דאָס איז געווען אן אָנזאָג, אז עס איז
געקומען א פּראָזאיִקער מיט א פּערספּעקטיוו
פון שעפערישן וווּקס און דערפאָלגרײַכער אנט־
וויקלונג.

אין זאבארעס ערשטע ווערק האָט זיך שוין
אויך געפילט די פארבינדונג מיט דער קלאסי־
שער טראדיציע. אינעם דיִאלאָג איז געווען אן
אָנדײַט אָף שאָלעם־אלייכעמס באריידעוודיקײַט
(„דו פארשטייסט, — האָט ער זיך מיט גרויס
האנאָע צערעדט, — איך האָב איר געזאָגט, זאָל
זי זאָגן, צי כ'האָב איר ניט געזאָגט, באסיע, האָב
איך איר געזאָגט, גענוג, כ'האָב זיך קוים ארויס־
געדראפּעט פון דער סטאָליארנע"). אין דער
שילדערונג פון פּסיכאָלאָגישער האנדלונג פילט
זיך בערגעלסאָנס ווירקונג.

„נילאָווקע" איז דאָס צענטראלע ווערק פון
זאבארעס שאפן ביז דער מילכאָמע. מיט אָט
דעם ראָמאן זײַנען אזוי אָדער אנדערש פאר־
בונדן אויך אנדערע ווערק פון יענעם פּעריִאָד.
אין „נילאָווקע" איז געשילדערט דאָס נײַע לעבן
פונעם סאָוועטישן פאָלק נאָך דער אָקטיאבער־
רעוואָליוציע, דאָס לעבן פון דעם ייִדישן פאָלק
אין דער נײַער וועלט. דער דאָזיקער סינטעטי־
שער צוגאנג האָט באטײַט, אז דער יונגער
קינסטלער האָט געשטרעבט צו קינסטלערישער
פאראלגעמיינערונג פון נאציִאָנאלע און אינ־
טערנאציִאָנאלע פּראָבלעמען פון דער היסטאָרי־
שער עפּאָכע.

II

אין די יאָרן פון דער מילכאָמע און אין די
דרײַ יאָרצענדליקער נאָך איר האָט נאטאן זא־
בארע געשאפן א ריי ווערק, מיט וועלכע ער
האָט פארנומען אן אָנגעזעען אָרט אין דער
הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע.
ווי אנדערע שרײַבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן
זייער וועג אין דער ליטעראטור אין סאָף פון
די צוואנציקער און אין אָנהייב פון די דרײַסי־
קער יאָרן, האָט דער רײַפער זאבארע זיך אנט־
פּלעקט מערסטנטייל אין זשורנאל „סאָוועטיש
היימלאנד", דעריקער מיט זײַנע היסטאָרישע
און היסטאָריש־פילאָסאָפישע ווערק „הײַנט
ווערט געבוירן א וועלט" („סאָוועטיש היימ־
לאנד", 1965, נומ. 3), „אף געקרייצטע וועגן"
(„סאָוועטיש היימלאנד", 1966, נומ. 12), „א
פּאָשעטע מאמע" („סאָוועטיש היימלאנד",
1967, נומ. 9—11) און מיט דער גרויי־
סער ניט פארענדיקטער פילבענדיקער עפּאָפּיי
„גלגל חחוזר" („גאלגאל האכויזער" — „דאָס
רעדל דרייט זיך", אף רוסיש האָט דער אווטאָר
אָנגערופן דאָס ווערק «На круги своя»).

„הײַנט ווערט געבוירן א וועלט" איז דער
סאמע בוילעטער פּרוּוו צו באזיניקן און קינסט־
לעריש פארקערפּערן דעם היסטאָרישן באדײַט
פון די הײַנטצײַטיקע געשעענישן, וועלכע
ברענגען דערצו, אז עס ענדערט זיך דאָס גאנ־
צע לעבן פון אלע פעלקער. נאָך שווערע קאמפן,
טראגישע איבערלעבונגען פילט זיך דער הויפּט־
העלד פון דעם ראָמאן, עריקע האָמבערג, ווי
נײַ־געבוירן. גאנץ פּובליציסטיש, אָבער גענוג
איבערצײַגנדיק נאָך דער לעבעדיקער און פאר־
כאפּנדיקער דערציילונג וועגן דעם בראָך פונעם
היטלעריזם, וועגן דער דעמאסקירונג פונעם נא־
ציסט פּאָן האָמבערג, וועגן דעם זיג פון נײַע
מענטשלעכע זיטן, פארענדיקט דער אווטאָר

דאָס ווערק, שילדערנדיק אזא מין פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונג אין דער נעשאָמע פונעם הויפּט־העלד:

„איצט גייט זי, עריקע, איבער דער שטילער גאס איינע אליין, אויך א צעבליטע, מיט א שמייכל אַף די ליפּן און מיט א שטילן, זיסן קלעם אין דער נעשאָמע. עפּעס יוירט אין איר א בענקשאפט, אין וועלכער ס׳איז פאראן פרייד. נעכטן אין אָוונט, אין דער זעלבער צײַט, איז בא איר געוועזן א פולע שטוב מיט געסט. מע האָט זיך געפרייט, געיויוולט, געפײַערט איר דרײַסיקסטן געבורטסטאָג... און איר דוכט זיך, אז זי האָט א טאָעס געהאט, זי וואָלט גאָר געדארפט הײַנט פײַערן איר נײַ־געבוירן — הײַנט איז פאר איר געבוירן געוואָרן א נײַע וועלט״ („סאָוועטיש היימלאנד״, 1965, נום. 3, ז. 88).

די ווענדונג צו דער היסטאָרישער פארגאנגענהײַט איז בא זאבארען געווען א וועג צום באנעמען מער אלזײַטיק דעם היסטאָרישן אינהאלט פון דער הײַנטצײַטיקײַט. זאבארעס היסטאָריזם איז דורכויס קינסטלעריש און אידייִש פונקציאָנעל. און דאָס איז צו זען ניט בלויז אינעם ראָמאן „הײַנט ווערט געבוירן א וועלט״, נאָר אויך אין די ווערק „אַף געקרייצטע וועגן״ און „א פּאָשעטע מאמע״.

„אַף געקרייצטע וועגן״ איז א דערציילונג וועגן די אידייִשע זוכונגען פון דער אוקראַיִנישער און ייִדישער אינטעליגענץ אין איר גאנג צו דער רעוואָליוציע. עס ווערן ארויסגעפירט די אָנגעזעענע אוקראַיִנישע שרײַבערן לעסיא אוקראַיִנקא (לאריסא פּעטראָוונא קאָסאטש), דער העברעיִשער שרײַבער מאָרדכע־זעייוו פייערבערג, דער יונגער אגיטאטאָר נאָוואָמיסקי (מוישע אָלגין). דער ראָמאן „א פּאָשעטע מאמע״ שילדערט די עפּאָכע פון ערעוו דער אָקטיאבער־איבערקערעניש און דירעקט די היסטאָרישע טעג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. דער ראָמאן איז רײַך מיט פארשיידענערליי געשטאלטן פון רעוואָליוציאָנערן, צארישע טשינאָווניקעס, פאָרשטייער פון פארשיידענע קלאסן. זאבארע פירט ארויס אַפן פאָדערגרונט געשטאלטן פון היסטאָרישע פּערזענלעכקײַטן, באָלשעוויסטישע העלדן פון דער רעוואָליוציע — טשודנאָווסקין, פּאָדוואָיסקין אא.

פאר זאבארען אלס קינסטלער, און באזונדערס אלס קינסטלער פונעם היסטאָרישן זשאנער, איז כאראקטעריסטיש א באזונדערע אייגנשאפט, וועלכע גיט צו זײַנע ווערק לעבעדיקײַט, עכטע רעאלקײַט און נאטירלעכקײַט פון דער שילדערונג: דאָס איז די שטארקע פאָרשטעלונגס־קראפט, דער גרויסער קינסטלערישער קויעך־האדימיען, די רײַכקײַט פון פאנטאזיע, וואָס גיט אים א מעגלעכקײַט פרײַ זיך צו אַרײַנטירן אין אמאָל און אין הײַנט, אין פארשיידענערליי סוויוועס, אין שטייגערישע און פּסיכאָלאָגישע סיטואציעס, מאָלן פּאָרטרעטן און געשטאלטן פון ייִדן, רוסן, אוקראַיִנער, דײַטשן, פּאָליאקן אין אלערליי לענדער.

דאָס איז ניט בלויז רײַכע לעבנס־דערפארונג און ערודיציע. זעלבסטפארשטענדלעך, אָן פּראקטישער דערפאַרונג און אָן קולטור־היסטאָרישער ערודיציע איז דער קינסטלער באגרעניצט אויך אין זײַן פאָרשטעלונגס־קראפט. בלויז מיט הוילער פאנטאזיע קאָן מען ניט שאפן אפילע קיין פאנטאסטיש ווערק. נאטאן זאבארע פארמאָגט טאקע, ווי די מערהײַט שרײַבער פון זײַן דאָר, א רײַכע לעבנס־דערפארונג. ער פארמאָגט אָבער נאָך דערצו וויסן אין געביט פון קולטור און געשיכטע, באזונדערס אין ייִדישער געשיכטע און קולטור. ערודיציע און וויסן, צונויפגעפּאָרט מיט עכטן קויעך־האדימיען, גיט צו דעם קינסטלער זיכערקײַט אינעם שאפן, אינערלעכע מאָראלישע איבערצײַגטקײַט. דער קינסטלער איז שטענדיק גײַסטיק און מאָראליש העכער פון דעם געשטאלט, פון דעם העלד, וואָס ער מאָלט, זאָל דאָס זײַן אפילע דער גרעסטער מאכטהאָבער. טאָלסטאָי האָט, ווי באוווּסט, אויסגעלאכט נאָפּאָלעאָנען, אלעקסאנדער I, די פארשיידענע דײַטשישע, עסטרײַכישע, פראנצויזישע און רוסישע גענעראלן, וועלכע האָבן געמיינט, אז זיי שאפן די געשיכטע.

זאבאַרעס ווערק צייכענען זיך אויס מיט א שטײַף אנטוויקלטן סוזשעט, מיט געשפּאנטקײַט אין דער שילדערונג פון לעבנס־סיטואציעס. די היסטאָריש־פילאָסאָפישע אָנשויונגען און אידייען באקומען א ווירקונגס־קראפט און פארכאפּן דעם לייענער, אויב זיי ווערן פארקערפּערט אין לעבעדיקע בילדער און געשטאלטן, אויב זיי זײַנען קאָנקרעטיזירט אין דער שילדערונג פון אינדיווידועלן גוירל פון דעם מענטשן, פון זײַן לעבן און פון זײַן פּסיכאָלאָגיע. אין זאבארעס ווערק איז דער סוזשעט מערסטנטייל געבויט אַף דער שילדערונג פון די באציִונגען צווישן מאן און ווײַב, אַף ליבע־סיטואציעס, דעריקער אַף דער שילדערונג פון פרויען־פּסיכאָלאָגיע, פון פרויען־כאראקטערן. זאבארע איז א מײַסטער פון פארקערפּערן אָט די וויכטיקסטע פּראָבלעם אין לעבן און אין דער ליטעראטור. די פרויען־געשטאלטן אין זײַנע ווערק זײַנען געגעבן עכט רעאליסטיש, זיי זײַנען שיין און רייצנדיק, כיטרע און אופריכטיק, צניִעסדיק און פארפירעריש. די ליבע־פּראָבלעמאטיק איז איינע פון די וויכטיקסטע זײַלן, אַף וועלכע עס האלט זיך דאָס געבײַ פון זאבארעס א ווערק.

III

מיט דער עפּאָפּיי „גאלגאל האכויזער״ האָט זאבארע זיך ארויסגערוקט אַפן פאָדערגרונט פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער פּראָזע. די עפּאָפּיי איז ניט פארענדיקט, אָבער די דרײַ ביכער, וואָס זײַנען פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד״ — „ס׳איז נאָך גרויס דער טאָג״ (נום. 9—10, 1972), „אונטער דער הייסער זון פון פּראָוואנס״ (נום. 9—10, 1973) און „אינמיטן העלן באטאָג״ (נום. 1—3, 1975) — גיבן א מעג־

לעכקײַט צו באַטראַכטן דאָס ווערק ווי א זעלבשטענדיקע קינסטלערישע דערשײַנונג.

דער לייענער האָט באַקומען א ברייטן לײַוונט וועגן א וויכטיקער עפּאָכע אין דער קולטורגעשיכטע פון אייראָפּע אפן ראַנד פונעם שפּעטן מיטלאַלטער און פריִען רענעסאַנס — אין סאָף פונעם 12־טן און אין אָנהייב 13־טן יאָרהונדערטער.

פרידריך ענגעלס האָט געגעבן די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון אָט דער איבערגאַנג־עפּאָכע צווישן מיטלאַלטער און רענעסאַנס:

„אַן אומפאַרגלײַכלעך העכערע שטופּע אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדל, וואָס עס האָט געשאַפן דאָס מיטלאַלטערלעכע בירגערטום; א מענגע זעלבשטענדיקע אַנטדעקונגען, געבראַכטע פון מיזרעך, וועלכע האָבן ניט בלויז מעגלעך געמאַכט דאָס דערשײַנען און די פאַרשפּרייטונג פון דער גריכישער ליטעראַטור, די יאַם־רײַזעס און אויך די רעליגיִעזע רעוואָליוציע, נאָר האָבן צוגעגעבן דער דאָזיקער רעוואָליוציע אַן אומפאַרגלײַכלעך גרעסערן אופשווּנג און פאַרגיכערטן טעמפּ; אויסער דעם, האָבן זיי געבראַכט, האַגאַם נאָך אין אַן אָנסיידערדיקן אויסזען, א מענגע וויסנשאַפטלעכע פאַקטן, וועגן וועלכע דאָס אַלטערטום האָט אפילע קיינמאָל ניט געטראַכט (די מאַגניט־נאָדל, דעם ביכער־דרוק, די ליטערס, דאָס לײַן־פּאַפּיר, וועלכע עס האָבן באַנוצט די אַראַבער און די שפּאַנישע יִידן פונעם 12־טן יאָרהונדערט...“[1]

אָנהייבנדיק פון דעם 10־טן און ביזן 13־טן יאָרהונדערט האָט די יִידישע קולטור, די וויסנשאַפט, די פילאָסאָפיע און די ליטעראַטור דורכגעמאַכט אַן אומגעזעענעם שווּנג — אין דער אַראַבישער, העברעיִשער און אין אַנדערע שפּראַכן. צו אָט דער עפּאָכע געהער אויך דער אופקום פון יִדיש. אין פאַרלויף פון דרײַ הונדערט יאָר האָט די העברעיִשע ליטעראַטור אַרויסגערוקט אַזעלכע שרײַבער פון וועלט־באַדײַט, ווי שלוימע איבן גאַבירָאָל (1021—1055), מוישע איבן עזרָא (בא 1055—1139), יעהודע האַלייווי (1075—1141), יעהודע אַלכאַריזי (בא 1160—1230). דער שטורמישער אופבלי פון דער ליטעראַטור בא יִדן אין יענער צײַט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט דער שאַפונג פון אימאַנויִל האָרוימי (בא 1268—1330).

באַנאַנד דערמיט האָבן געשאַפן זייערע ווערק פאָרשער און איבערזעצער, גראַמאַטיקער און טעאָרעטיקער איבער פראַגן פון דיכטונג, פון קינסטלערישער שאַפונג ביכלאַל, פון נאַטורוויסנשאַפט, געשיכטע און פילאָסאָפיע. און דאָס אַלץ איז אָפּגעשפּיגלט אין נאַטאַן זאַבאַרעס היסטאָרישער עפּאָפּיי.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַל אין זאַבאַרעס ראָמאַן איז ניט בלויז א סאָציִאַלער פאָן, א מין רעמל צו די געשילדערטע געשעענישן. דאָס איז דער גאַנצער אינהאַלט, דער סוזשעט פונעם ווערק. די היסטאָרישע געשעענישן, די היסטאָרישע פּערזענלעכקײַטן פון שרײַבער און קינסטלער — יִדן, אַראַבער, דײַטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער, איטאַליענער, שפּאַניער — זײַנען ניט קיין צופעליקע, ריין עפּיזאָדישע. דאָס זײַנען טיפן און געשטאַלטן, אף וועלכע עס האַלט זיך דאָס ווערק.

דער ערשטער ראָמאַן פון דער עפּאָפּיי — „ס'איז נאָך גרויס דער טאָג“ — הייבט זיך אָן מיטן קאַפּיטל „א בריוו פונעם ראַמבאַם“. און האַגאַם דאָס געשטאַלט פונעם ראַמבאַם אַלס פּערזענלעכקײַט איז ניט אַרויסגעפירט אין ראָמאַן, איז אָבער זײַן לערע, זײַן אופטו אין דער וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע, דער קאַמף אַרום אים — א וויכטיקער קאָמפּאָנענט פונעם ווערק. און אין דעם אַנטפּלעקט זיך זאַבאַרעס כוש פאַר היסטאָרישער שילדערונג.

איך האָב ניט בעדייע צו געבן א כאַראַקטעריסטיק פונעם ראַמבאַם. דעם יִדישן לייענער איז דער נאָמען גענוג באַקענט. איך וועל דאָ בלויז באַמערקן, אַז דער ראַמבאַם אַלס געלערנטער און דענקער איז ניט בלויז א יִדישע, נאָר אַן אַלוועלטלעכע פיגור. איך וועל זיך אין דעם פראַט פאַרופן אף אַזא אַווטאָריטעט, ווי העגעל. אין זײַנע לעקציעס איבער דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע האָט העגעל אָפּגעגעבן פיל אופמערקזאַמקײַט דעם ראַמבאַם (מײַמאָנידן). כאַראַקטעריזירנדיק די אַראַבישע פילאָסאָפיע, איז העגעל אײַנגאַנצן זיך סוימעך אף „מוישע מײַמאָניד, דעם געלערנטן יִדן“. ער ברענגט אַן אויסצוג פון דעם ראַמבאַמס „מורה נבוכים“ וועגן דער אַראַבישער פילאָסאָפישער שול פון די מעדאַבערים. אין א ספּעציִעלן קאַפּיטל „יִדישע פילאָסאָפן“ שרײַבט העגעל: „באַנאַנד מיט די אַראַבער שטייען די יִדישע פילאָסאָפן, פון וועלכע עס רוקט זיך אַרויס אפן פאָדערגרונט דער שוין אויבנדערמאָנטער מוישע מײַמאָניד“...[1]

אין אַן אַנדער אָרט כאַראַקטעריזירט העגעל דעם ראַמבאַם אַלס פּאַנטעיִסט אָדער אפילע אַלס אייגנאַרטיקן ספּינאָזיסט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, העגעל איז געווען אַן אידעאַליסט, אָבער מאַרקס, ענגעלס און לענין האָבן אים געהאַלטן פאַר א געניִאַלן דענקער, און באַזונדערס הויך האָבן זיי געשאַצט זײַן „געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע“.

דער ראַמבאַם איז אַזויאַרום געווען א צענטראַלע פיגור פון דער עפּאָכע, וואָס ווערט געשילדערט אין זאַבאַרעס עפּאָפּיי. ער איז געווען די בוילעטסטע אַנטפּלעקונג פון דעם פריִיִקן רענעסאַנס אין דער יִדישער קולטור, און דאָס ווערט געוויזן גאַנץ קלאָר אין זאַבאַרעס ווערק.

די קולטור פונעם רענעסאַנס כאַראַקטעריזירט זיך מיט א גרונט־אייגנשאַפט, וועלכע איז אייגנטימלעך פאַר אַלע שעפער פון אָט דער עפּאָכע, באַזונדערס אין 14—16 יה., אָבער אויך

---

[1] Ф. Энгельс. «Диалектика в природе». Сочинения, т. XIV, стр. 440—441.

[1] Гегель. Лекции по истории философии. Книга третья, Соч., т. XI. М., 1935, стр. 106.

גענוג דײַטלעך אין 12—14 יה. דאָס איז פריִער פאר אלץ די אידיי פון הומאניזם, די אידיי וועגן דעם, אז אין גרונט פון אלץ איז דער מענטש, זײַנע אינטערעסן, זײַנע איבערלעבונגען און די אידעאלן, צו וועלכע ער שטרעבט. דאָס איז געווען אן אבסטראקטער הומאניזם, וועלכער האָט אנטשפּרעכט דער אידעאָלאָגיע פון דער פּאָרויסמארשירנדיקער בורזשואזיע אפן וועג צו איר הערשאפט. דאָס איז אָבער געווען א פּראָגרעסיווע געזעלשאפטלעכע אידיי אין קאמף קעגן דער פעאָדאלער הערשאפט, קעגן דער רעליגיעזער אונטערדריקערישער סכאָלאסטיק.

דעם געדאנק וועגן דעם מענטשן אלס דאָס וויכטיקסטע אין דער גאָרער וועלט זאָגט ארויס אין זאבארעס ראָמאן ייִצכאָק סאגי־נאָהער: „ער צערעדט זיך וועגן דער אייביקײַט פונעם לעבן אף דער ערד, און דער מענטש, וואָס ער איז דער מיטלפּונקט, דער עצעם טאמצים און דער פּויעל־יויצעדיקער טאכלעס פון אלדאָס לעבעדיקע, מוז ער אויך זײַן אומשטערבלעך. האוילאָם באראָ בישוויל האָאָדאָם — אלץ דאָ, אף דער ערד און אין די הימלען איז באשאפן געוואָרן פאר דעם מענטשנס־וועגן. ער איז דער איקער און טאָך פון גאָר דעם באשאף, ער איז דער העכסטער אויסדרוק, די קרוין פון דער וועלט־באשאפונג"[1].

און טאקע דורך דער אידיי פון הומאניזם אין דער עפּאָכע פון פריִען רענעסאנס גיט זאבארע זײַן ווערק א ווענדונג צו הײַנטצײַטיקײַט. ווײַל די היסטאָרישע עפּאָפּיי איז ניט בלויז געשיכטע, זי קלינגט אויך אקטועל. און אנדערש קאָן דאָס ניט זײַן. מאָלנדיק רעאליסטיש דעם אמאָל און שילדערנדיק ריכטיק די היסטאָרישע פאקטן, די קאמפן אין דער פארגאנגענער היסטאָרישער עפּאָכע, בלײַבט דער אווטאָר א מיטצײַטלער פון זײַן עפּאָכע.

דער מאטעריאל פון זאבארעס ווערק גיט א מעגלעכקײַט מיט מער אָדער ווייניקער זיכערקײַט אָנצונעמען, אז דער שרײַבער האָט אינעם 12־טן יאָרהונדערט געזוכט די אנאלאָגיעס מיט די קרייץ־צוגן פונעם סאָף מיטלאלטער און מיט דעם פאשיזם און אגרעסיוון קריגערישן אימפּעריִאליזם אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט.

אין זײַן ווערק רעדט זאבארע ניט איין מאָל וועגן די קרייץ־צוגן אלס ווילדן אופברויז פון בלוטיקע אטאוויסטישע רעציכעדיקע אינסטינקטן. דער שרײַבער האָט, נאטירלעך, דערמיט ניט אנטדעקט קיין שום נײַס. עס איז שוין לאנג פעסטגעשטעלט, אז די קרייץ־צוגן אין 11—13 יאָרהונדערטער זײַנען געווען פארכאפּערישע אגרעסיווע מארשן פון די אייראָפּעיִשע פעאָדאלן און פון דער קאטוילישער רעליגיע; די דאָזיקע אגרעסיווע פארכאפּערישע אקציעס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אונטער רעליגיעזע לאָזונגען פון „באפרײַען גאָטס קיווער פון אונטער דער מאכט פון אומגלויביקע", פון „פארטיידיקן אָדער פארשפרייטן דעם קאטאָליציזם".

עס איז אויך באוווּסט, אז זינט דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָבן די אימפּעריִאליסטישע לענדער אף מײַרעוו פאָרגענומען אין פארשיידענע צײַטן קרייץ־צוגן קעגן דעם לאנד פון די ראטן. אין טאָך איז אויך דער היטלעריזם, דער דײַטשישער פאשיזם מיט זײַן „דראנג נאך אָסטען", מיט זײַן עקלהאפטן ראסיזם און אריזם געווען א נײַער וואריִאנט פון די מיטלאלטערלעכע קרייץ־צוגן, דאָס מאָל געריכטעט קעגן דעם קאָמוניזם און מיט נאָך מער שארפע און ווילדע אימפּעריִאליסטישע צילן. עס איז דעריבער נאטירלעך און פארשטענדלעך אין זאבארעס היסטאָרישער עפּאָפּיי די אנאלאָגיע פונעם פאשיסטישן קרייץ־צוג אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט מיט די פעאָדאליש־קאטוילישע קרייץ־צוגן אין מיטלאלטער. די דעמאסקירונג פון די שוידערלעכע מילכאָמעס, פון אומברענגען און פארניכטן פעלקער און רויִנירן לענדער אין נאָמען פון קאניבאליסטישע אידייען, אין נאָמען פון דערשטיקן דעם פרײַען מענטשלעכן געדאנק און לאָזן הערשן בלויז דעם אווטאָריטארן, דעם טאָטאליטארן ווילן פון דעם „פיורער" — דאָס אלץ טרעט בוילעט ארויס אין זאבארעס ווערק. עס קלינגט ביז גאָר אקטועל און הײַנטצײַטיק דער מאָנאָלאָג פון א וויכטיקן פערסאָנאזש אינעם ראָמאן מיכאִיל סקאָט; דער מאָנאָלאָג איז געווענדט קעגן דעם פויפּסט אינאָקענטי, אָבער ער איז א באשולדיקונג קעגן די פויפּסטן און פיורערס פון אלע צײַטן און פון אלע לענדער:

„— זיי וואָלטן וועלן, אז דאָס גאנצע מענטשלעכע לעבן אף גאָטס וועלט, דאָס לעבן פון אלע פאָלקס־שיכטן, דאָס אויסערלעכע, דאָס אלגעמיינע, ווי אויך דאָס פערזענלעכע לעבן פון יעדן יאָכיד, זאָל זײַן אונטערגעוואָרפן די באדערפענישן פון דער קירך. צו דערצו זײַנען זיי געצוווּנגען אָנצוהאלטן די מאכט פון דער איינער פערזענלעכקײַט, גאָטס פארטרעטער אף דער ערד... אָט די אליינהערשאפט, אָט די אויסשליסלעכע רעכט פון איין גלויבן, פון איין מענטשן צו געוועלטיקן איבער מענטשלעכע מויכעס, איבערן סייכל און פארשטאנד, איבערן וויסן, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן דורך אזויפיל הונדערטער יאָרן, איז נויטע צו ברענגען דער טײַוול ווייסט צו וואָס: צו א מין ווילדער אומדערהערטער פארגרעבטקײַט, צו א פארטעמפונג פון די געשמאקן, צום דערשטיקן די נייגונג צו שיינקײַט און לעבנסלוסט אפילע באם פּראָסטן פאָלק, און דאָס סאמע שרעקלעכסטע: צו נײַע בלוט־פארגיסונגען, צו פארפאָלגונגען און מילכאָמעס פארן גלויבן, א זאך, וואָס פון זינט די וועלט שטייט, האָט מען דערפון ניט געוווּסט, קימאט ווי ניט געוווּסט, ביז אָט אונדזערע

---

[1] נאטאן זאבארע. „אונטער דער הייסער זון פון פּראָוואנס". „סאָוועטיש היימלאנד", 1973, נומ. 10, ז. 28.

יאָרן, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די קרייץ־צוגן״.[1]

עס איז אָבער פאַראַן נאָך איין וויכטיקער מאָמענט, וועלכער האָט צוגעצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פונעם קינסטלער צו דער עפּאָכע פון סאָף מיטלאַלטער און פריִקן רענעסאַנס, און באַזונדערס טאַקע צו דער באַוועגונג פון די קרייץ־צוגן. איך האָב דאָ אין זינען די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, דעם גורל פון דעם ייִדישן פאָלק אין יענער ווײַטער היסטאָרישער צײַט און איצט. אויך אין דעם זינען האָט דער אויטאָר געפונען קרוווישע אַנאַלאָגיעס אין ביידע עפּאָכעס, וועלכע זײַנען דערווײַטערט איינע פון דער צווייטער אַף א מעהאַלעך פון זיבן הונדערט יאָר.

די קרייץ־צוגן זײַנען באַגלייט געוואָרן מיט פּאַגראָמען פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין אַלע לענדער פון אייראָפּע. אין די שטעט און יישובים, ווו עס האָבן דורכמאַרשירט די אַרמייען פון די קרייץ־טרעגער, זײַנען אכזאַריעסדיק דערמאָרדעט געוואָרן אַלע ייִדן — מענער, פרויען, קינדער. און ניט בלויז אין אייראָפּע, און ניט בלויז מיט דער ייִדישער באַפעלקערונג האָבן די קרייץ־טרעגער זיך צערעכנט. אין אַלע ראַיאָנען פונעם נאָענטן מיזרעך — אין קאַיר און אין ירושאָלאַיִם, אין באַגדאַד און אין דאַמעסעק — האָבן די קריסטלעכע קרייץ־טרעגערישע אַרמייען געטראָגן מיט זיך אומקום און פאַרניכטונג פון דער אַראַבישער, ייִדישער און אַנדערער באַפעלקערונג. ספּעציעל פאַרן ייִדישן פאָלק איז דאָס געווען די גרעסטע קאַטאַסטראָפע נאָכן פאַלן פון דער צווייטער ייִדישער מעלוכע אין אַלטערטום. נאָך א גרעסערע קאַטאַסטראָפע פאַר דעם ייִדישן פאָלק אין אַלע לענדער פון אייראָפּע איז געווען דער דײַטשישער נאַציזם. די קרייץ־צוגן אין 11—13 יאָרהונדערטער האָבן אין מעשעך פון צוויי הונדערט יאָר ניט אויסגעראָטן אַזויפיל ייִדן, ניט כאַרעוו געמאַכט אַזוי די ייִדישע יישובים און די ייִדישע קולטור, ווי דער דײַטשישער פאַשיזם אין מעשעך פון סאַכאַקל איין צענדליק יאָר. די מאַסשטאַבן און די טעמפּן און די טעכניק פון פאַרניכטן אין אונדזער צײַט זײַנען אַוועק אַזוי פאָרויס, אַז מע קאָן זיי ניט פאַרגלײַכן מיט דער עפּאָכע פון מיטלאַלטער. אָבער דער טאָך זייערער איז דער זעלבער. דעריבער האָט זאַבאַרע געהאַט א גרונט צו באַטראַכטן די הײַנטצײַטיקע טראַגישע קאַטאַסטראָפע פון דעם ייִדישן פאָלק אין פאַרבינדונג מיט דער טראַגעדיע אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהייט. און אין דעם איז אויך פאַראַן אין זאַבאַרעס עפּאָפּיי אַן איבערוף פון אַמאָל מיט הײַנט, פון געשיכטע און הײַנטצײַטיקייט. דאָס פילט זיך אינעם טעקסט, און נאָך מער אינעם אונטערטעקסט פונעם ווערק.

[1] דאָרטן, „סאָוועטיש היימלאַנד״, 1973, נום. 9, זז. 50—51.

איבעריקנס, איז פאַראַן דעם אויטאָרס א דערקלערונג, וועלכע קאָן דינען פּאַר א מין באַווײַז, אַז דער אינטערעס צו דער עפּאָכע פונעם סאָף מיטלאַלטער און אָנהייב רענעסאַנס איז בא אים אויפגעקומען טאַקע אין פאַרבינדונג מיט די געשעענישן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע פונעם סאָוועטישן פאָלק קעגן דעם דײַטשישן פאַשיזם, דאָס הייסט מיט די וויכטיקסטע היסטאָרישע געשעענישן פון אונדזער הײַנטצײַטיקייט. אין זײַן אַרטיקל „לעכאַים״ שרײַבט זאַבאַרע:

„אין 1942 בין איך געלעגן אין שפּיטאָל אין טביליסי. צו אונדז אין פּאַלאַטע האָט מען געבראַכט א ייִדן מיט א פּאַטריאַרכאַלער שיינער אשור־באָרד. א גרוזינישן ייִדן, צי א באַרג־ייִדן... ער האָט מיר דערציילט, אַז דער גרוזינישער ייִד, דער געלערנטער אַראָן קריכעלי, דער מיטאַרבעטער פון דער רעפּובליקאַנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, האָט אָנגעשריבן א ווערק וועגן די צווישנבאַציִונגען פונעם גרוזינישן גענ׳אַלן דיכטער שאָטאַ רוסטאַוועלי מיט די ייִדן פון זײַן צײַט. אין דער פּאָעמע „דער גיבער אין דער טיגער־פעל״ ווערט דערמאָנט דער נאָמען פונעם מיטלאַלטערלעכן גרויסן ייִדישן פּאָעט איבן־עזרא. דער כאָכעם עזרא, רופט ער אים דאָרטן...״[1]

פון דעם, מיין איך, קאָן מען פאַרשטיין די פאַרבינדונג פון דער עפּאָכע, וועלכע ווערט געשילדערט אין זאַבאַרעס היסטאָרישער עפּאָפּיי, מיט אונדזער הײַנטצײַטיקייט.

## IV

איך שטעל זיך דאָ ניט קיין ציל צו געבן א גענויעם קינסטלערישן אַנאַליז פון זאַבאַרעס לעצט ווערק. צוליב דעם האָבן מיר נאָך ניט קיין גענוג אויסשעפּנדיקע מאַטעריאַלן, וועלכע זאָלן דערקלערן אַלע פראַגן, וואָס אַנטשטייען אין צוזאַמענהאַנג מיט אַזא מין אַנאַליז. דאָס ווערק איז ניט פאַרענדיקט. מיר ווייסן ניט, וווהין דער אויטאָר האָט געוואָלט פירן די האַנדלונג, די אַנטוויקלונג פון די היסטאָרישע געשעענישן, די עוואָלוציע פון די געשטאַלטן. מיר האָבן פאַר זיך שוין איצט א ברייט אַנטוויקלטע, קינסטלערישע היסטאָרישע פּאַנאָראַמע, ווו עס באַוועגן זיך געשעענישן און גורלאָלעס פון פעלקער און לענדער, פון צענדליקער און הונדערטער מענטשן — ייִדן און איטאַליענער, דײַטשן און פראַנצויזן, ענגלענדער און שפּאַניער, אַראַבער און פּאָרטוגעזער, פעאָדאַלן און לײַבייגענע, געלערנטע און קינסטלער. עס באַוווּנדערט די מײַסטערישע שילדערונג פון דעם שטייגער און פּסיכאָלאָגיע פון יענער עפּאָכע, די ערודיציע און דער קויעך־האַדימיען, די קונסט פונעם אויטאָר באַם אויפשטעלן די

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד״, נום. 5, ז. 161.

גענויע בילדער און דעם קאָלאָריט פון דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט, די דעטאַלן־מאָלערײַ און די פּאָרטרעטן־צייכענונג פון די אומצאָליקע פּערסאָנאַזשן אין דעם ווערק.

איך וויל דאָ ווידער אופמערקזאַם מאַכן דעם לייענער אַף דער שילדערונג פון פּרויעקן־געשטאַלטן אין זאַבאַרעס ראָמאַנען. אין דער היסטאָרישער עפּאָפּיי גיט ער מיט דער פּען פון אַן עכטן קינסטלער בילדער און באַשרײַבונגען פון ליבע־קאַליזיעס און שאַפט דאָס געשטאַלט פון ווערטוריען, וואָס איז נײַ און אָריגינעל אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין דער קריטיק איז ביז איצט באַטראַכט געוואָרן בלויז די פּראַגע וועגן דער שפּראַך פון דער עפּאָפּיי, און נאָך שמעלער — וועגן די העברעיִזמען. עס קאָן גרײַלעך זײַן, אַז דער אויטאָר האָט טאַקע אַ ביסל געזינדיקט מיט אַ צו גרויסן שטראָם העברעיִשע ווערטער און אויסדרוקן, וועלכע וואָלטן עפּשער געמעגט זײַן ווייניקער. אָבער דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן לינגוויסטישע פּראַגן. דער לינגוויסטישער צוגאַנג צו אַ קינסטלעריש ווערק, אויב ער טראָגט אַ לאָקאַלן כאַראַקטער, קאָן בלויז אָפּווענדן די אופמערקזאַמקײַט פון די וויכטיקע פּראָבלעמען פונעם ווערק אַלס ליטעראַריש־קינסטלערישע שאַפונג. דער שטאַרקער שטראָם פון העברעיִזמען אין דעם ווערק איז ניט קיין קינסטלעכע שטרעבונג צו דערווײַזן, אַז מע איז באַהאַוונט אין די קליינע אויסיִעלעך. די העברעיִשע וואָרט־סטיכיע האָט אין דעם פאַל אַ באַדן אונטער זיך, אַף וויפל דורך דעם וואָרט רעפּראָדוצירט דער קאָלאָריט פון דער צײַט. אויב אין אַ ווערק איז געשילדערט דער שטייגער פונעם ייִדישן מיטלאַלטער און פון דעם אָנהייב רענעסאַנס, עס ווערן אַרויסגעפירט היסטאָרישע פּערזענלעכקײַטן, געלערנטע, דענקער, קינסטלער, דיכטער, וועלכע האָבן געשאַפן אין העברעיִש, — מוז אינעם לאָשן פונעם אויטאָר פאַרנעמען אַ באַדײַטנדיק אָרט דאָס העברעיִשע וואָרט, דער העברעיִשער טערמין, אין אַ גרויסער מאָס — אפילע די אינטאָנאַציע, דער נוסעך, דער גאַנצער סטיל. אָבער די סטיל־פּראָבלעמען פון דעם ווערק, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט, פאָדערן אַ באַזונדערע אויספאָרשונג, וועלכע דאַרף ערשט קומען.

אין זאַבאַרעס עפּאָפּיי ווערט געוויזן די פאַרבינדונג פון דער קולטור פונעם ייִדישן רענעסאַנס מיטן קלאַסישן פּעריִאָד פון דעם גריכישן אַלטערטום און אויך מיט דער קולטור פון ייִדישן אַלטערטום, מיט דער ביבלישער ליטעראַטור, מיט דעם פּאַטאָס פון דער נעוויִי־שער, פילאָסאָפישער און קינסטלערישער שאַפונג. אָבער דאָס איז ניט קיין אַפּאָלאָגיע פון אַלטער ירושע, נאָר אַ שעפערישע פאָרזעצונג אירע. אין ראָמאַן פלאַקערן שטרײַטן אַרום דעם ראַמבאַמס לערע, אַרום דער שאַפונג פון יעהודע האַלייווי, מוישע איבן־עזראָ, שלוימע גאַבירָאָל, יעהודע אַלכאַריזי, אַרום פּראָבלעמען פון טאַרגום, פון פילאָלאָגיע און געשיכטע.

די ייִדישע ליטעראַטור איז ניט אָרעם אין זשאַנער פון היסטאָריש־קינסטלערישער שאַפונג. איך רעד דאָ ניט פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, וועלכע האָט אַ רײַכע טראַדיציע אין היסטאָריש־קינסטלערישן זשאַנער. אָבער אויך די ליטעראַטור אַף ייִדיש האָט אַרויסגערוקט אַ ריי גרויסע שעפער אין דעם געביט. איך וואָלט אַפילע געזאָגט, אַז עס איז שוין געשאַפן געוואָרן אַ קלאַסישע טראַדיציע פון דעם גרויסן היסטאָרישן זשאַנער. אין אָט דעם זשאַנער האָבן געשאַפן יויסעף אָפּאַטאָשו (די טרילאָגיע: „אין פּוילישע וועלדער", „1963", „אַליין"; „אַ טאָג אין רעגענסבורג", „דער לעצטער אופשטאַנד"), שאָלעם אַש („קידעש־האַשעם", „די קישעפמאַכערן פון קאַסטיליע", „דער טהילים־ייִד", „דער מאַן פון נאַצערעס") און אַנדערע. אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור האָבן געשאַפן אין דעם זשאַנער דאָוויד בערגעלסאָן („באַם דניעפּער", „פּרינץ רעוווייני"), דער ניסטער („מישפּאָכע מאַשבער"), מייער ווינער („קאָלעוו אַשקענאַזי", „באַם מיטללענדישן יאַם") און אַנד.

מיט זײַן היסטאָרישער עפּאָפּיי שטעלט זיך זאַבאַרע אין דער ריי פון די באַדײַטנדיקע שעפער פונעם היסטאָרישן זשאַנער.

## ארן ווערגעליס

# דער דענקמאָל אין באַבי יאַר וועט שטיין לעדוירעס

קיינער פון די קיִעווער טוישווים, מיט וועלכע איך האָב גערעדט, ווייסט ניט, פונוואנען עס שטאַמט דער נאָמען באַבי יאַר. מיר פּערזענלעך זעט ער אויס ווי א זעלבסטפאַרשטענדלעכער, ניט מיט הונדערט יאָר צוריק און ניט מיט טויזנט יאָר צוריק האָט מען אים ניט געדאַרפט צוטראַכטן. דער יאַר הינטער קיִעוו, אָט דער דאָזיקער אַלטער יאַר, דער דורכגעווייקטער מיט אומויסשעפּלעכן טרויער, דער באַשאָנקענער מיט אַן אייגענעם עלעלדיקן קלימאַט, מיט לופט־שטילקייַט, מיט הימל־סוידעסדיקייַט, מיט, וואָלט איך זאָגן, א באַזונדער לייַב־און־נעשאָמע, דער צוגעפּריִעטער, אָנגעבראַקנעטער, קימאַט דורכזיכטיקער אין דער הייך און לאַבירינטיש־אויסגאַנגסלאָזער אין דער טיף, דער אָנגעזאַפּטער מיט בלוט און מיט טרערן, דער לאַכלוטן פּוסטער און אין דער זעלבער צייַט געדיכט־באַפעלקערטער — מיט וואָס און מיט וועמען, ווייסט איין גאָט אין הימל, — דער דאָזיקער ערדכיילעך בא דער זייַט פונעם גרויען דניפּראָ, צופוסנס בא דער מאַמען פון די רוסישע שטעט, ער איז אייביק געווען א באַבי יאַר, ניט קיין אַנדערער.

עס קאָן גרייַלעך זייַן, אז ביזן טויזנט נייַן הונדערט איין־און־פערציקסטן יאָר האָבן זיך דאָ ניט געשפּרייט אינעם באָדן אַזויפיל פעדעמדיק־אָנגעקנוילטע און פאַרפּלאָנטערטע וואָרצלען, ווייַל אייגנטלעך זייַנען דאָך ערשט אין יענעם יאָר, הארבסט־צייַט, אַרייַנגעבראַכט געוואָרן אין דעם באָדן די לאָקן־קרויזן פון צענדליקער טויזנטער אָקאָרשט געטייטע פרוייִשע און קינדערשע קעפּ, און אָט די לאַנגע, ווייכע לעבעדיקע האָר האָבן זיך, וואָרשייַנלעך, פאַרוואַנדלט אין וואָרצלען, מיט דעם אונטערשייד, וואָס די אַרויסגעקומענע פון אָט די דאָזיקע וואָרצלען ביימער־קרוינען זייַנען געוואָרן מערער נעשאָמע, איידער לייַב פונעם יאַר. עס קאָן אוואדע זייַן... יעדנפאַלס, דער באַבי יאַר איז איצט אַזוי איבערגעזעטיקט מיט דינע און גראָבע, לאַנגע און קורצע, גלייַכע און פאַרדרייטע, זויגנדיקע און שמאַכטנדיקע וואָרצלען, אַז ווען מע זאָל אים אַפּסנייַ דאַרפן געבן א נאָמען, וואָלט בא קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין סאָפעק, אַז דאָס איז דער באַבי יאַר.

איך געדענק ניט, דאָס וויפלטע מאָל כ׳קום אהער, צו דעם אָפענעם אונטערן בלויען קיִעווער הימל טויטן־טאָל, צו וועלכן ס׳טוליען זיך פון קאַדמוינים אָן — אוואדע ניט צופעליק — דרייַ שכייניסדיק־באַהעפטע הינטערשטאָטישע בעסוילעמס: דער „לוקיאַנאָווער" — א קריסטלעכער, דער ייִדישער, און דער, וואָס אין יענער שטאָט רופט מען אים געמישטער, אָדער אַלגעמיינער בעסוילעם... אויך באַבי יאַר איז א געמישטער, אַן אַלגעמיינער קייווער פאַר הונדערט צוואַנציק טויזנט קדושים.

איך דערמאָן זיך אַזאַ פאַל.

אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך פאַרזאַמלט א גרויסע גרופּע טוריסטן פון קאַליפאָרניע. בעשאַסן שמועס האָט איינער פון די געסט געבעטן, מע זאָל אים דערציילן, וויִאַזוי עס ווערט פאַרייביקט דער אָנדענק פון די זיבעציק טויזנט דערשאָסענע אינעם יאַר ייִדן. אַן אַנדערער האָט זיך אָפּגערופן: „נאָר ייִדן דען? דאָרט ליגן דאָך ניט נאָר ייִדן"... איך האָב דערציילט די קאַליפאָרניער טוריסטן וועגן פערציק טויזנט סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע — זייער לאַגער האָט זיך געפונען הארט באַם באַבי יאַר, — וועלכע די פאַשיסטן האָבן צעטיילט אף צוויי גלייַכע מאַכנעס: צוואַנציק טויזנט האָט מען אָפּגעפירט אינעם יאַר, און דאָרט האָט מען זיי צעשאָסן צוזאַמען מיט די ייִדן, די אַנדערע צוואַנציק

טויזנט סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי — קריגסגעפאַנגענע — זײַנען ליקווידירט געוואָרן אַפן אָרט, און זייערע קערפּערס האָבן די הענקער אַרײַנגעוואָרפן אין די גריבער פונעם יאַר. „זיבעציק טויזנט און פערציק טויזנט — הונדערט צען טויזנט, — האָט אונטערגערעכנט א דריטער פון די געסט. — און ווער זײַנען געווען נאָך צען טויזנט דערשאָסענע?”

ווען די היטלעראָווצעס זײַנען אַרײַן אין קיִעוו, האָבן זיי אַרויסגעפירט פון די היימען צען טויזנט יונגע און עלטערע אײַנוווינער פון דער שטאָט און געמאָלדן אין דער עפנטלעכקייט, אַז דאָס זײַנען פּאַרטייִש־קאָמיוגישע אַקטיוויסטן, וועלכע זײַנען איבערגעלאָזט געוואָרן אין קיִעוו צוליב אונטערערדישער אַרבעט. מע האָט זיי אַלע ביז איינעם דערשאָסן אינעם באַבי יאַר.

בייס איך האָב דערציילט די טוריסטן וועגן די דאָזיקע פאַקטן פון מאַסן־מאָרד, האָט דער קאַליפאָרניער גאַסט עטלעכע מאָל געפּרוּווט איבעררײַסן מײַנע רייד. צום סאָף האָט ער מיט אומגעדולד אויסגעשריִען: „איך פרעג וועגן ייִדן, און איר פאַרקלאַפּט מיר דעם קאָפּ מיט סאָלדאַטן און מיט פּאַרטייִשע אַקטיוויסטן!...” צווישן די געסט איז געוואָרן א טומל. א פרוי האָט פאַרקאַטשעט דעם אַרבל און אופגעדעקט אַף דער האַנט אַן אויסגעברענטן נומער: „אין בירקענאַו האָב איך זיך גערעכנט סײַ פאַר א ייִדישקע און סײַ פאַר א פּאַרטייִשער אַקטיוויסטקע — מע האָט מיך גענומען צווישן קאָמוניסטן, און, אויב איר ווילט וויסן, האָט מען מיך אויך גערעכנט פאַר א קריגסגעפאַנגענער, ווײַל די קעמפער פון דער וואַרשעווער געטאָ זײַנען געכאַפּט געוואָרן אין קריגס־אומשטענדן”...

אין באַבי יאַר ליגן 70 טויזנט מענטשן, דערשאָסענע דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען געווען ייִדן; 40 טויזנט — ווײַל זיי זײַנען געווען רויט־אַרמייער; 10 טויזנט — ווײַל זיי האָבן געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָדער צום קאָמיוג. אַזאַ צעטיילונג האָבן געמאַכט די פאַשיסטן. אָבער ווער פאַרשטייט ניט, אַז סײַ צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג, סײַ צווישן די סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי זײַנען געווען טויזנטער און טויזנטער קאָמוניסטן און קאָמסאָמאָלצעס. פון דער צווייטער זײַט, זײַנען דען צווישן די רויטאַרמייער און צווישן די קיִעווער אונטערערדלער ווייניק געווען ייִדן?

באַ אַלע דערשאָסענע, אומאָפּהענגיק, צי זיי זײַנען פרויען צי מאַנצבלען, קינדער צי אַלטע לײַט, ייִדן צי ניט־ייִדן, — באַ אַלע קדושים האָט דאָס בלוט, וואָס מע האָט אַרויסגעלאָזט פון זייערע אָדערן, געהאַט איין פאַרב.

לעצטנס האָבן זיך באַ מיר אויסגעגעבן עטלעכע פרײַע טעג, און כ׳האָב זיך געלאָזט פאָרן קיין קיִעוו, קעדיי גענוי צו באַקאַנען זיך מיט אַלץ, וואָס איז שײַך די אַרבעטן אַף אַוועקשטעלן א דענקמאָל די אומגעבראַכטע אין באַבי יאַר. איך האָב שוין דאַן געהאַט באַ זיך די באַשטימונג פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון אוקראַיִנע פאַרן 31 יאַנוואַר 1975 וועגן באַשטעטיקן דעם פּראָיעקט פונעם דענקמאָל און אַסיגנירן פאַר דער בויונג פון דעם מעמאָריִאַלן קאָמפּלעקס א מיליאָן מיט הונדערט צען טויזנט רובל. אַף וויפל די פליכטן צו קאָנטראָלירן, וויִאַזוי עס ווערט אויסגעפילט די באַשטימונג, זײַנען אַרופגעלייגט אַף דעם שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דעם קיִעווער שטאָטישן אויספיר־קאָמיטעט מ. א. אָרליק, האָב איך, ווי מע זאָגט, אַליין זיך אָנגעבעטן צוגאַסט צו מאַרינע אַנדרייעוונען.

דער וויצע־מער פון דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע קלײַבט זיך קיין איטאַליע אַף א וועלט־טרעפונג פון די אָנפירער פון שטעט, וועלכע זײַנען געוואָרן קרויווים („פּאַראַדניאַניִע גאָראַדאַ”). די „קרויווע” פון קיִעוו איז פלאָרענץ, וועט מאַרינע אַנדרייעוונע נאָך דער באַראַטונג אַרײַנפאָרן אַהין אַף עטלעכע טעג, און שפּעטער, צוריקוועגס, וועט זי, נאַטירלעך, זײַן אין מאָסקווע, און מיר וועלן דעמלט באַווײַזן אַרומריידן די פּראָטים, וועלכע וועלן, מעגלעך, בלײַבן ניט באַהאַנדלט. דערווײַל קאַרגט ניט מאַרינע אַנדרייעוונע קיין צײַט פאַר מיר. פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט פאָרן מיר אַרום איבער דער שטאָט, איך זאָל זען מיט די אייגענע אויגן אַלץ, וואָס האָט א שײַכעס צום איניען, פערזענלעך שמועסן מיט אַלעמען, ווער עס אינטערעסירט מיך.

די שטאָט איז אין אָט די וועסנעדיקע טעג איבערפולט מיט זונען־שטראַלן, און זי פינקלט אינעווייניק, צווישן די פּאַראַדנע מויערן, מיט א שפּיגל־אָפּשײַן, ווי, לעמאָשל, א גלעזערנע שאַפע, אין וועלכער ס׳זײַנען אָנגעשטעלט אַף די פּאָליצעס טײַערע קידעש־גלעזלעך און פּאָרצעלײַ. פאַרשטענדלעך, אַז באַם באַבי יאַר האָב איך דערוואַרט גאָר אַן אַנדער בילד, און דער קאָנטראַסט — סײַ דער רעאַל־זאַכלעכער, סײַ דער, וואָס אין געמיט, — האָט פון פריִער אופגערודערט מײַן האַרץ. כ׳האָב פאַרגעדענקט, אַז אין די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן, ווען איך בין געפאָרן מיט כאַווײרים צום באַבי יאַר, האָט דער וועג זיך געצויגן פאַר מיר זייער לאַנג, ס׳איז טאַקע געווען גאַנץ ווײַטלעך אויסער דער שטאָט, און איצט בין איך געבליבן פאַרכידעשט, ווען גלײַך נאָך א גרויסן מאַסיוו פון נײַע פילשטאָקיקע הײַזער, אין סאַמע טומל פון די בײַליגנדיקע גאַסן, דאָרט, וווּ עס שטייט דער קיִעווער טעלעוויזיע־טורעם, — טאַקע דאָרט האָט זיך אונדזער אויטאָ אָפּגעשטעלט, און כ׳האָב דערהערט דאָס וואָרט „באַבי יאַר”.

פון ביידע זײַטן פון דעם ברייט־אַספאַלטירטן וועג ליגט ער, דער יאַר: אַף לינקס דער טייל, וועלכן מע האָט מיט גרויסע באַמיִונגען אויסגעטריקנט, פאַרפעסטיקט און עטוואָס „אונ־

טערגעהויבן", קעדיי דאָרט אוועקשטעלן דעם מעמאָריאַל, און אנטקעגן — דער פארהיטער אזוי ווי געווען טייל.

די אנטיסאָוועטישע פּרעסע אין כוץ־לעאָרעץ, די פילצאָליקע, ווי היישעריקן, אונטערהעצער האָבן געהאט זייערע אייגענע ווערסיעס וועגן די ארבעטן, וועלכע זײַנען געפירט געוואָרן אין מעשעך פון יאָרן אָף צוגרייטן דעם יאר צו זײַן אָנדענק־מיסיע. ס׳זײַנען פארשפרייט געוואָרן קלאנגען, איינער נידערטרעכטיקער פונעם אנדערן: אפן אָרט פונעם באבי יאר קלײַבט מען זיך אופשטעלן א סטאדיאָן... דער באבי יאר וועט פארשאָטן ווערן, און קיין צייכן לעזיקאָרן די קדוישים וועט דאָרט ניט זײַן...

מארינע אנדרייעוונע אָרליק רעדט מיט הארצקלעמעניש, שיר ניט מיט טרערן אין די אויגן, וועגן דעם פראָפּאגאנדע־טומל ארום דער הייליקער שטילקײַט פונעם ריזיקן מאסן־קייווער:

— אף צעשיסן מענטשן דארף מען, אז דער יאר זאָל זײַן טיף און פינצטער, מיט וואלגעררערד, מיט זומפּ, מיט שיידים וויסן וואָס. מער באדארף מען גאָרנישט ניט. אָבער די מענטשן זײַנען שוין צעשאָסן, און איצט, אף צו שטעלן א דענקמאָל, דארף מען גאָר עפּעס אנדערס. מיסטאמע געדענקט איר די קאטאסטראָפע, ווען דער באבי יאר האָט אָנגעהויבן אזוי ווי צעשפּארן זיך אין דער ברייט, און די ערד מיט אלע אראָפּהאנגען איז זיך פון פײַכטקײַט צעפלאָסן אין די זײַטן און, דורכברעכנדיק די הרעבליע, זיך אראָפּגעלאָזט אף קיעוו, אפן פּאָדאָל, אף די בײַליגנדיקע שטאָט־ראיאָנען. מענטשן זײַנען אומגעקומען, דאָס זײַנען געווען די לעצטע קאָרבאָנעס אינעם באבי יאר...

— איך פארשטיי, מארינע אנדרייעוונע. קעדיי אוועקשטעלן דעם דענקמאָל, האָט מען געדארפט פעסטיקן דעם באָדן אינעם יאר. אָבער ווי טראכט איר, די ארבעטן האָבן זיך ניט פארצויגן צו לאנג?

אָרליק האָט צעפירט מיט די הענט:

— איך זאָג ניט, אז מע האָט ניט געקאָנט עס טאָן גיכער. אָבער דער יאר! ס׳איז ניט עפּעס א גרוב, א טאָלעכל. א גאנצע געגנט איז דאָס! מע רופט זי „סירעצקי מאסיוו" — מאסיוו פון פײַכטקײַט. די אונטערערדישע וואסערן האָבן דאָ רויִנירט דעם באָדן. וואָס טוט מען?

זי האָט געקוקט אף מיר מיט טרויעריקע אויגן, ווי גלײַך אָן מיר וואָלט זי ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

און פאָרגעזעצט:

— ס׳איז נייטיק געווען ניט בלויז אָפּפירן די אונטערערדישע וואסערן. ניט נאָר מעליאָראציע... די עראָזיע פונעם באָדן אין מעשעך פון יאָרהונדערטער, די גרויסקײַט פונעם שעטעך, וואָס דער יאר פארנעמט, באזונדערס דאָס, וואָס ער הענגט אראָפּ איבער דער שטאָט, — אלץ האָט געשאפן גרויסע שוועריקײַטן. דאָס ענדערן די באָדן־סטרוקטור פון א געגנט זעט פאָרויס, אז דער ציקל מוז דויערן יאָרן.

— איר קלאָגט זיך אפן טומל אין דער פרעסע... צײַטונגס־לײַט האָבן, מעגלעך, געקאָנט האָבן אין זינען די הומאניסטישע זײַט פונעם איניען... ווען עס גייט א רייד וועגן א קייווער פון הונדערט צוואנציק טויזנט מענטשן, קאָנען דען זשורנאליסטן טראכטן וועגן מעליאָראציע, וועגן דרענאזש־ארבעטן?

— אינזשעניערן, ארכיטעקטאָרן מוזן וועגן דעם טראכטן. דער ביטערער עמעס איז אזא: ווען דער דענקמאָל וואָלט אוועקגעשטעלט געוואָרן אין באבי יאר אָן די דויערנדיקע פאָרלויפיקע ארבעטן אפן באָדן, דאן וואָלטן די וואסערן יעדן פרילינג אראָפּגעשווענקט דעם דענקמאָל, ער וואָלט אײַנגעפאלן, און, אויסער אלע זאכן, וואָלטן אזעלכע קאטאסטראָפעס שטענדיק געווען א טראגישע דערשיטערונג פאר די לעבעדיקע...

זי באווײַזט מיר דעם באשלוס פונעם קיעווער שטאָט־אויספירקאָם וועגן דעם, וויאזוי עס וועלן אויסגענוצט ווערן די אסיגנירטע מיצאד דער רעגירונג געלטער אף צו אויסבויען דעם מעמאָריאלן קאָמפּלעקס:

— טוט א קוק, — זאָגט זי. — פונעם מיליאָן מיט הונדערט צען טויזנט רובל וועלן אף דעם דענקמאָל גופע אוועק בלויז דרײַ הונדערט טויזנט. די ארבעטן אפן באָדן און אף ווילאײַנאָרדענונג, וועלכע שטייען אונדז נאָך פאָר, וועלן אָפּנעמען גאנצע אכט הונדערט טויזנט רובל. דאָס הייסט, אז מע דארף נאָך טאָן און טאָן און טאָן! דעם דענקמאָל שטעלן מיר אוועק ניט אף איין זומער — ער וועט שטיין לעדוירעס...

— זאָגט מיר, אויב ס׳איז ניט קיין סאָד: פון וועלכן ביודזשעט וועט דער קיעווער סאָוועט אויסטיילן אזא גרויסע סומע געלט, מער פון א מיליאָן?

— דאָס געלט וועלן מיר נעמען פונעם שטאָט־ביודזשעט, אפן כעזשבן פון דער עקאָנאָמיע, וועלכע קיעוו וועט האָבן פארן יאָר. דערבײַ איז וויכטיק אָט וואָס. די רעגירונג פון דער רעפובליק האָט אונדז דערלויבט, אלס אויסנאם־פאל, צו פאנאנדערוויקלען די ארבעטן אף אוועקשטעלן דעם דענקמאָל שוין איצט, אין 1975, ניט געקוקט דערויף, וואָס אין יאָר־פּלאן האָבן מיר אָט די ארבעטן ניט באוויזן ארײַנצושטעלן.

— און דאָס דערלויבט אײַך א היפּשן טייל פונעם פראָיעקט רעאליזירן נאָך האיאָר?

— וואָס הייסט „א היפשן טייל"?! פארגעסט ניט, אז דאָס וויכטיקסטע, דער פלאץ אינעם באבי יאר, ווו ס׳וועט זײַן דער מעמאָריאל, איז שוין איצט אין גרונט צוגעגרייט. ס׳איז אויך אָפּגעקליבן און באשטעטיקט דער פראָיעקט פארן דענקמאָל. דאָס אלץ האָט אונדז דערלויבט צו אויסארבעטן א פעסטן גראפיק, לויט וועלכן ס׳איז פאָרויסגעזען, אז אין נאָיאַבער כוידעש, האיאָר, — אזוי האָבן מיר אָפּגע־

רעדט, — זאָלן מיר „עפֿענען“ דעם דענקמאָל.
איך טו אַ בלעטער דעם גראַפֿיק, וועלכער
פֿאַרנעמט עטלעכע בויגנס פּאַפּיר. בלויז אין
דעם אָפּטייל „מאָנטאַזש־אַרבעטן און וויל־
אײַנאָרדענונג“ ווערט פֿאָרויסגעזען: „אויפֿשטעלן
דעם פֿונדאַמענט און דעם פּאָסטאַמענט פֿאַרן
דענקמאָל“, „צונויפֿקלײַבן די סקולפּטור־קאָמ־
פּאָזיציע“, „אָפּרייניקן דעם פּלאַץ פֿון איבערי־
קע ביימער, פֿאַרפֿלאַנצן נײַע“, „אַרויספֿירן די
טראַסע“, „אָפּווענדן פֿונעם מעמאָריִאַל־פּלאַץ די
וואַסערן“, „באַדעקן די פּלאָשטשאַדקעס“,
„אַרײַנמאָנטירן דעם קאַבעל“, „דורכפֿירן צום
אָרט אַ באַגיסונגס־וואַסערלייטונג“, „סטאַביליִ־
זירן די סיסטעם פֿון עלעקטראָ־באַדינונג פֿונעם
מעמאָריִאַל“, „עלעקטראָ־פֿאַרטיידיקונג פֿון אונ־
טערערדישע קאָמוניקאַציעס“, „אײַנריכטונגען
פֿאַרן ראַדיִאָ־קנופּ“, „אויסערלעכע דעקאָראַטי־
ווע באַלײַכטונג“ אאַוו. אדג.

די היסכײַוועסן פֿונעם גענעראַלן פּאָדריאַ־
טשיק האָט דער קיִעווער סאָוועט אַרויפֿגעלייגט
אויפֿן טרעסט „קיִעווגאָרסטראָי נומ. 1“. אַ צווייִ־
טע מעכטיקע אָרגאַניזאַציע — די פֿאַרוואַלטונג
פֿון קאַפּיטאַלער בויונג — איז דער באַשטעלער
פֿון די בויונגס־אַרבעטן. אָפּגיסן די בראָנזענע
קאָמפּאָזיציע און קאָמפּלעקטירן אַלץ, וואָס באַ־
ציט זיך צו איר, איז פֿאַרטרויט דער ספּעציִע־
לער וויסנשאַפֿטלעכער רעסטאַווראַציע־פֿאַר־
וואַלטונג פֿונעם „גאָססטראָי“ פֿון דער אוקראַיִ־
נישער סאָוועטן־רעפּובליק. ספּעציפֿישע פֿליכטן
זײַנען אַרויפֿגעלייגט אויפֿן אינסטיטוט „קיִעוו־
פּראָיעקט“, אויפֿן קאָמבינאַט פֿון מאָלערײַ און
סקולפּטור באַם קונסט־פֿאָנד פֿון אוקראַיִנע.

קורץ, דעם מעמאָריִאַלן קאָמפּלעקס אין אָנ־
דענק פֿון די קדושים פֿון באַבי יאַר וועט בויִ־
ען „גאַנץ קיִעוו“, „גאַנץ אוקראַיִנע“.

די טערמינען זײַנען שטרענגע און קאַרגע.
די בויער פֿונעם מאָנומענט זאָגן: „באַבי יאַר
איז איצט אונדזער הויפּט־אָביעקט“...

— לאָמיר צופֿאָרן אין דער אַטעליִע, ווו עס
ווערט געפֿורעמט די קאָמפּאָזיציע, — לייגט
פֿאָר מאַרינע אַנדרייעוונע אָרליק.

ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, פֿלעגן
מיך דערשיטערן מיט זייער מײַסטערדיקן פֿאַרנעם
און ראַכוועס — אָן אײַזנבאַן־דעפּאָ („די שטוב
פֿאַר לאָקאָמאָטיוון“), אָן אַעראָדראָם־אַנגאַר
(„די שטוב פֿאַר אַעראָפּלאַנען“). די שטוב פֿאַר
מאָנומענטאַלער סקולפּטור, וווּהין איך בין גע־
קומען צוזאַמען מיטן וויצע־מער פֿון קיִעוו,
האָט אַרויסגערופֿן בײַ מיר אַ פֿאַרגלײַך מיט די
געבײַען אויף אַ קאָסמאָדראָם. פֿאַרשטענדלעך,
אַז די סיבה דערפֿון איז ניט בלויז דער גראַנ־
דיִעזער פֿאַרנעם פֿון דעם פּאַוויליאָן, ווו די
סקולפּטור־קאָמפּאָזיציע ווערט באַאַרבעט, נאָר
טאַקע זי אַליין, די קאָמפּאָזיציע, וואָס געשאַפֿן
איז זי פֿון מענטשן, נאָר אַפֿילע איצט, נאָך ניט
קיין פֿאַרענדיקטע, מאַכט זי אַן אײַנדרוק, ווי
זי וואָלט אָפּגעשפּיגלט דאָס קומען אויף דער
ערד פֿון קאָסמישע ריזן.

קעדיי פֿאַרגיכערן די אַרבעט, האָט מען די
סקולפּטור „צעזעגן“ אויף דרײַ טיילן: די „אייִ־
בערשטע פֿיגור“, דער „גרונט־טייל פֿון דער
קאָמפּאָזיציע“ און די „אין דער נידער אַראָפּ־
הענגענדיקע פֿיגורן“. אַזוי שטייען זיי, אַרומגע־
צוימטע מיט רישטעוואַניעס, די נאָך ניט פֿאַרפֿול־
קומטע ליימענע גוליוווער־וועזנס, און מיר, די
„געוויינלעכע, לעבעדיקע מענטשן“, דערפֿילן
לעבן זיי אַן אָנשוילעכע פּראָפּאָרץ־פֿאַרהעלטע־
ניש, וועלכע איז פֿון טאָמיד אָן אײַנגעשטעלט
צווישן ערדישקײַט און אייביקײַט...

ווען מע וועט די טיילן פֿונעם דענקמאָל
צונויפֿנעמען אינאיינעם, וועט אויף 15 מעטער אין
דער הייך אַ ריס טאָן זיך די דערשיטערנדיקע
בראָנזענע קאָמפּאָזיציע פֿון צוועלף דערהויבע־
נע איבערן יאַר, שטייענדיקע אַנטקעגן די
ביקס־רערן פֿון די הענקער און שוין פֿאַלנדיקע
אין די גריבער אַרײַן מענטשן־פֿיגורן. דאָרט,
ווו דער דענקמאָל דאַרף באַקומען זײַן אייביק
אָרט, וועלן אויפֿגעשטעלט ווערן די קאָנטורן
פֿונעם באַבי יאַר, ווי זיי זײַנען געווען אין
מאָמענט פֿון דער צעשיסונג, און דאָס דאָזיקע
אָפּבילד פֿונעם באַבי יאַר וועט זײַן געגליכן,
לויט זײַן אויפֿווירקונגס־קראַפֿט, צום שוידער־
לעך־באַרימטן אָפּבילד פֿונעם מענטשלעכן
שאָטן אין כיראָסימע. אויף זעקס מעטער אין
דער טיף וועט „אַרײַנגעקוועטשט“ ווערן די
ערד דאָרט, ווו פֿונעם דענקמאָל וועלן „פֿאַלן“
די דערשאָסענע קדושים. אַ הייליקע זאָנע
וועט עס זײַן, אַ ברודער־קייווער. צופֿוסנס דעם
דענקמאָל וועט ליגן אַ גרויסע טרויעריקע
דערנער־צווײַג, געמאַכט פֿון טשוהון, פּונקט ווי
פֿון שטעכלדראָט, און פֿון אונטער איר וועט
זיך זיפּן אַ ווייכע שײַן און ס׳וועט זיך הערן
רעקוויִעם־מוזיק.

דער אווטאָר פֿונעם דענקמאָל, איינער פֿון
די מערקווירדיקסטע סאָוועטישע סקולפּטאָרן —
מיכאַיִל גריגאָריעוויטש ליסענקאָ, — איז שוין
ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. און שטייענ־
דיק איצט פֿאַר זײַן ווערק, וואָס עס ווערט
פֿאַרענדיקט פֿון זײַנע טאַלאַנטפֿולע טאַל־
מידים, האָב איך געפּרוווט פֿעסטשטעלן פֿאַר
זיך אַליין, לויט קוים זעבאַרע אַנאַלאָגיעס, צי
ער, דער אוקראַיִנישער קינסטלער, האָט געזען
אַמאָל דעם וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל. פֿאַר־
שטייט זיך, אַז יאָ, מיכאַיִל ליסענקאָ האָט ניט
בלויז געזען די קאָמפּאָזיציע פֿון נאַטאַן ראַ־
פּאָפּאָרטן, נאָר ער האָט „געצויגן ווײַטער די
ליניע“.ביידע מאָנומענטן וועט פֿאַרייניקן אַ
מין אַנטישע עסטעטישע סקולפּטור־מאַניר,
וועלכע שטרײַכט אונטער, אַז די דענקמעלער
זײַנען אַדרעסירט ניט בלויז די איצטיקע, נאָר
אויך די קינפֿטיקע דורות. אַקטיווקײַט, קעמ־
פֿערישקײַט, אָרגאַנישע פֿאַרבינדונג פֿון טראַ־
גיק מיט העלדישקײַט, פֿון אומקום מיט לעבן, —
די דאָזיקע גרונט־מאָטיוון זײַנען אייגנטימלעך
ביידע ווערק. פֿאַראַן צווישן זיי אויך אַ וועזנט־
לעכער אונטערשייד, און ניט נאָר אַ קאָמפּאָזיִ־
ציִאָנעלער (אין וואַרשע איז די קאָמפּאָזיציע

אזוי וועט אויסזען דער דענקמאָל אין באבי יאר





אף די פאָטאָס: די קאָנטורן פונעם מעמאָריאַלן קאָמפּלעקס אין באבי יאר; א פראגמענט פונעם דענקמאָל אין פאוויליאָן פון דער ספּעציעלער פארוואלטונג פון „גאָסטראָי" פון אוקראַינע; דער שטעל־פארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון קיעווער שטאָט־אויספירקאָם מ. אָרליק און דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" א. ווערגעליס באם ארבעטס־מאקעט פונעם מאָנומענט.

„צוגעשטעלט“ צו א וואנט, ווײַל די געטאָ האָט געקעמפט צווישן אירע אייגענע ווענט; אין קיִעוו איז די צעשיסונג אינעם יאָר פאָרגעקומען אַף מאָרגן נאָך די שלאכטן, וועלכע ס'האָבן געפירט רעגולערע ארמייען, און דריטער איז די קאָמפּאָזיציע א רונדארטיקע, מיט פיגורן פון אָקאָרשט געפאנגענע קעמפער, אין איין זײַט, און פון פאלנדיקע בײַס דער עקזעקוציע מאנצבלען און פרויען, אין דער צווייטער זײַט). דער אונטערשייד צווישן די צוויי מאָנומענטן שטאמט פון דעם, וואָס אין באבי יאר ליגן צוזאמען מיט די זיבעציק טויזנט — די פערציק טויזנט און די צען טויזנט...

אין שפּיץ פון מיכאַיִל ליסענקאָס סקולפּטורגרופּע, הויך אופגעהויבן איבער דעם שווידערלעכן אומגליק, זיצט א נאקעטע פרוי מיט געבונדענע הענט, און זי האָדעוועט מיט דער ברוסט איר קינד. בײַס דער באהאנדלונג פונעם פּראָיעקט האָבן אייניקע עקספּערטן פאָרגעלייגט אראָפּנעמען די מאמע מיטן קינד. ס'איז נאטוראליזם, האָבן זיי געטײַנעט. און איך בין גליקלעך, וואָס אזא קאָרעקטיוו איז ניט געמאכט געוואָרן. שמועסנדיק וועגן דעם מיט די קיִעווער כאווירים, האָב איך זיך ניט אײַנגעהאלטן און דורכגעלייענט זיי מײַנע א ליד, וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע. איבעריק צו זאָגן, אז אין אונדז, פראָנט־סאָלדאטן, האָבן פון דעם סוינעס זײַט געשאָסן ביקסן פונעם זעלבן, ווי אין באבי יאר, דײַטשיש־פאשיסטישן קאליבער. אָט איז די ליד:

וען פלאמען בושעווען אף ברענענדיקן פעלד,
עס דוכט, אז כאָרעוו ווערט א האלבע וועלט,
דײַן אייגן לעבן כאָרעוו ווערט,
נאָר אָט דערטראָגט זיך פון די גראָזן א געזאנג,
און בא דעם וואָרצל פון אן אָפּגעברענטן זאנג
די מורעשקע נאָך האָרעוועט.

אף גאנץ סמאָלענשטשינע עס ברענט דער טאָרף.
מיר האָבן הײַנט פארנומען דאָ א דאָרף —
פון הײַזעלעך קיין שאָטן ניט.
נאָר צווישן די רויִנען, בא א קוסט,
א יונגע מוטער האָט מיט ווײַסער ברוסט
דאָס אָפּגעראטעוועטע קינד געהאָדעוועט.

אין שלאכט פארביטערטער דאָס לעבן הויך
מיר רופן,
בא מידע פיס די ריינע קוואלן רינען.
איך וויים: עס וועט דאָס קינד אף די רויִנען
מיט מוטערס מילך א טראָפּן בלוט פארזוכן...

**דער דענקמאָל אין באבי יאר וועט שטיין אפן ראנד פון א מעמאָריִאלן סקווער, וועלכער וועט פארנעמען 8 העקטאר באָדן.**

**אין סקווער: ביימער. אלייען. גרינס. בענק אף זיך צוזעצן. שטילע מוזיק. מער גאָרניט.**

**דער טעלעוויזיע־טורעם, הארט באם יאר, וועט צוגעפאסט ווערן אזוי, אז אין אים, אף א היפשער הייך איבער דער ערד, וועט זײַן אויסגעשטאט א קוק־פלאָשטשאדקע, וועלכע וועט זיך דרייען ארום איר אייגענער אקס, לויטן מוסטער פונעם מאָסקווער אָסטאנקינאָטורעם.**

**די נײַע שטאָט־קווארטאלן פון קיִעוו וועלן נאָך נעענטער צוטרעטן צום יאר. די גיגאנטישע היסטאָרישע שטאָט פון דער סאָוועטישער מעדינע וועט זיך אריבערנייגן איבערן ברודערקייווער פון אירע הונדערט צוואנציק טויזנט דערמאָרדעטע זין און טעכטער, ווי זי וואָלט זיי, די טײַערע קינדער אירע, פארוויגט אין דער אייביקײַט.**

**אזוי איז בעפיירעש געזאָגט אין א ליד בא איינעם פון די בעסטע יִדישע סאָוועטישע דיכטער — בא שיקע דריזן:**

העלפט מיר, מאמעס, העלפט מיר
אויסקלאָגן מײַן ניגן!
העלפט מיר, מאמעס, העלפט מיר
דעם באבי יאר פארוויגן...

דאָ וועט שטיין דער דענקמאָל

## וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פובליקאַציעס

# וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן

*«Jewich Affairs» (March—April, 1974, pp. 3—10)*
*H. Lumer. On Antisemitism in the U.S.*

אינעם צווייכאַדאַשימדיקן זשורנאַל פון דער קאָמפּאַרטיי פון פשא „דזשויִש אפערס" איז פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע הײַמען לומער „וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין די פאַרייניקטע שטאַטן".

אין אָנהייב פונעם אַרטיקל שרײַבט דער אווטאָר, אַז די ברייטע קרײַזן פון דער ייִדישער בורזשואַזיע אין די פאַרייניקטע שטאַטן פּרוּוון איצט שאַפן אַן אײַנדרוק, אַז עס פאַרשווינדט דער אָפענער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּאָליטישן לעבן אין אַמעריקע. דאָס איז, קלוימערשט, צו זען לויטן יערידע־צושטאַנד, אין וועלכן עס געפינען זיך איצט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס פּראָפּאַגאַנדירן סינע צו ייִדן: לויט דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל פון זייערע מיטגלידער, לויט זייער בעהאַדראָגעדיקן פאַרשווינדן פון דער פּאָליטישער אַרענע, אויך לויט דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל פאַלן פון דיסקרימינאַציע בענעגייע די ייִדן. אַזעלכע באַהויפּטונגען, שרײַבט ה. לומער, זײַנען אַ „געפערלעכע אילוזיע". „די אָרגאַניזירטע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע ווערט קלאָל ניט שוואַכער, פאַרקערט, עס זײַנען פאַראַן קלאָרע סימאָנים, אַז זי ווערט נאָך שטאַרקער".

איינער פון די הויפּט־צענטרען פונעם אַנטיסעמיטיזם איז די גרעסטע אין פשא אולטראַ־רעכטע אָרגאַניזאַציע — די דזשאָן־בערטש־געזעלשאַפט. אין 1972 האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט 60 טויזנט מיטגלידער, אירע הויצאָעס האָבן באַטראָפן 8 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. זי האָט אין איר רעשוס אַרום 400 ביכער־מאַגאַזינען און לייען־זאַלן, וועלכע זײַנען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פון די פאַרייניקטע שטאַטן און ווו עס געפינט זיך די ליטעראַטור, וואָס זי גיט אַרויס, און די פּראָפּאַגאַנדיסטישע מאַטעריאַלן. בײַ דער צוגרייטונג צו די פּרעזידענט־וואַלן אין 1972 האָט די דאָזיקע סאַמע רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציע פאַרשפּרייט העכער 6 מיליאָן עקזעמפּליאַרן פון דזשערי אַלענס בוך, אין וועלכן עס ווערן איבערגעגעבן אַלע ווילדע אויסטראַכטענישן וועגן די „פּראָטאָקאָלן פון זיקנייציען", ווי אויך די היטלעריסטישע רעכילעס וועגן דער „צווישנפעלקערלעכער פאַרשווערונג פון די ייִדישע באַנקירן". דער קאַנדידאַט פאַר אַ פּרעזידענט, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון אַזאַ אולטראַ־רעכטער אָרגאַניזאַציע, ווי די „אַמעריקאַנער פּאַרטיי", דזשאָן שמיץ, האָט די מאַטעריאַלן פון אָט דעם בוך ברייט אויסגענוצט אין זײַנע אַרויסטרעטונגען בײַס דער וואַל־קאַמפּאַניע פון 1972. מער ווי אַ מיליאָן וויילער, — שרײַבט ה. לומער, — האָבן געשטימט בײַס די וואַלן פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי.

אין די פאַרייניקטע שטאַטן זײַנען ביז איצט טעטיק אויך אַנדערע טראַדיציאָנעלע אַנטיסעמיטישע גרופּירונגען, צווישן זיי די גרופּע „ליבערטי לאָבי" („פרײַהײַט־אָנהענגער"). בעראָש פון איר שטייט היטלערס אַלטער פּאַרערער וויליאַם אַ. קאַרטאָ. דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס ציילט בא 25 טויזנט מיטגלידער, זי גיט אַרויס אַ כוידעש־זשורנאַל „ליבערטי לאָבי" און אַנדער ליטעראַטור אין אַ טיראַזש פון צוויי הונדערט טויזנט עקזעמפּליאַרן.

ביז איצט לאָזט זיך הערן דער טרויעריק באַקאַנטער אַנטיסעמיט, וואָס האָט נאָך אין די 30־ער יאָרן זיך דערקלערט אַלס אָפענער אָנהענגער פון היטלערן, דזשעראַלד אַ. ק. סמיט. ער שטייט בעראָש פון דער אָרגאַניזאַציע

„קריסטלעכער נאַציאָנאַליסטישער קרייץ־צוג“. די יערלעכע אײַנקונפטן פון אָט דער אָרגאַניזאַציע באַטרעפן אַרום 300 טויזנט דאָלאַר. זי גיט אַרויס אַ כוידעש־זשורנאַל „קראָס ענד פלעג“ אין אַ טיראַזש פון 26 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

עס לעבט און אַרבעט אַקטיוו די „רעכטע נאַציאָנאַלע מעלוכע־פּאַרטיי“, וועלכע האָט זיך באַוויזן אַף דער וועלט אין סאָף פון די 50־ער יאָרן. זי גיט אַרויס דעם זשורנאַל „פּענדע־באָוט“, וואָס איז אַף דורך און דורכגעזאַפּט מיטן גײַסט פון אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם. איר אָנפירער דזש. ב. סטאָונער האָט אַף דער פּאָרוואַל־פאַרזאַמלונג פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין 1972 באַקומען אינעם שטאַט דזשאָרדזשיאַ 41 טויזנט שטימען. עס וואַרפט זיך אין די אויגן אויך די טעטיקייט פון אַזאַ אולטראַ־רעאַקציאָנערער אָרגאַניזאַציע, ווי „קו־קלוקס־קלאַן“. איר גרעסטער פיליאַל, מיט וועלכן עס פירט אָן ר. מ. שעלטאָן, גיט אַרויס אַ צײַטונג, וואָס איז אַ מוסטער פון מענטשן־האַס, — „פעיברי קראָס“. וועגן דער טעטיקייט פון אָט די אַלע אָרגאַניזאַציעס, זאָגט דער אַווטאָר, קאָן מען געפינען גענויע ידיעות אינעם בוך פון פאָסטער און עפּשטיין „דער נײַער אַנטיסעמיטיזם“.

אַלם בײַשפּיל פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין פּשא ברענגט ה. לומער דאָס אַרטיקל „די ייִדן־פּראָבלעם“, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל פון דער אולטראַ־רעכטער אָרגאַניזאַציע פונעם נאַציאָנאַלן יוגנט־אַליאַנס „עטעק“ נום. 16 און איז ווינטער 1973 איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַן אַנדער רעאַקציאָנערן זשורנאַל — „שיזם“.

אינעם אַרטיקל ווערט געזאָגט, אַז די ייִדן ווילן פאַרכאַפּן אַלע וויכטיקסטע פּאָזיציעס אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, זיי טרעטירן די אַמעריקאַנער אַלס מענטשן פון צווייטן סאָרט. דער אַווטאָר באַהויפּט, אַז די ייִדן קאָנטראָלירן „אַלע לעבנסוויכטיקע צענטרען פון דער מײַרעוו־וועלט“. אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפינט זיך, קלוימערשט, אין זייערע הענט די מאָנאָפּאָל איבער די מיטלען פון מאַסן־אינפאָרמאַציע, זיי דאָמינירן אין דער קולטור, ווילן אוועקשטעלן אונטער זייער קאָנטראָל די וויסנשאַפט, נעמען אַרײַן אין זייערע הענט די אינדוסטריע. דאָס אַרטיקל פאַרענדיקט זיך מיטן רוף אַרויסצושטעלן קעגן־מיטלען קעגן דער „ייִדישער אַרײַנדרינגונג“. „די צוקונפט פון אונדזער ראַסע און פון אונדזער נאַציע, — שרײַבט דער אַווטאָר, — איז אָפּהענגיק פון אונדזער אורטייל, און דער ריכטיקער אויסוועג פון דער לאַגע אין דער גאָר ניט ווײַטער צוקונפט איז — אומברענגען (די ייִדן)“ (ז. 4). אין ה. לומערס אַרטיקל ווערט אויך געבראַכט אַ רעשימע פון אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור, וועלכע ווערט געוויינלעך באַגלייט מיט דעם לאָזונג: „לייענט, דערנאָך זײַט אַקטיוו!“. „קורץ גערעדט, — זאָגט ה. לומער, — דאָס, וואָס מיר זעען דאָ, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָפענעם רוף צו אויסראָטן די ייִדן“.

בײַשפּילן פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע פון דעם מין, האַלט ה. לומער, קאָן מען ברענגען אַ סאַך. ער באַטאָנט דערבײַ, אַז עס פילט זיך אָפּן די טענדענץ צו פאַרברייטערן ווײַטער אָט די פּראָפּאַגאַנדע. צוגלײַך דערמיט לאָזט זיך מערקן אַ וווּקס פון דער צאָל וואַנדאַליזם־אַקציעס בנוגע די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. דער גײַסט פון אַנטיסעמיטיזם טראָגט זיך פון אַ סאַך ביכער און טעאַטראַלע פּיעסן.

ה. לומער שרײַבט, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן זײַנען פאַראַן מענטשן, וועלכע זײַנען גענייגט צו אונטערשאַצן די געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם, זיי האַלטן, אַז אַזעלכע רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, ווי די בערטשיסטן, קו־קלוקס־קלאַנאָווצעס און אַנד., האָבן ניט קיין אָנהענגער אין לאַנד. „אָבער די דאָזיקע באַהויפּטונגען, — שרײַבט ער, — זײַנען אַן ערנסטער פעלער. ערשטנס, דאַרף מען געדענקען, אַז דאָס זעלבע האָבן בעשײַטע גערעדט אויך היטלער און זײַנע מעקוראָווים. צווייטנס, אַז צווישן די רעכטע פּאָליטיקער, אָנהענגער פון וואָלעס, באַקלי, ריגאַן און ענלעכע צו זיי, זײַנען פאַראַן טוער, וועלכע שטייען בעראָש פון אַזעלכע קרײַזן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע זײַנען ריינבלוטיקע ראַסיסטן און אַנטיסעמיטן“.

אַלס בולעטער בײַשפּיל פון דער טעטיקייט פון אָט די קרײַזן, האַלט ה. לומער, קאָן דינען דער קאַמף צווישן באַקלי און דעם צווייטן קאַנדידאַט אָטינגער (לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ ייִד) בײַס דער וואַל־קאַמפּאַניע צום סענאַט אין 1970. באַקלי, וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַנטיסעמיטישע לאָזונגען, האָט אין אָט דעם קאַמף אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער זײַן קעגנער.

„דריטנס, — שרײַבט דער אַווטאָר, — באַשטייט די גרונט־טעטיקייט פון די רעכטע קרעפטן ניט בלויז אין אַפּעלירן צום ראַסיזם אינגאַנצן גענומען, נאָר אויך צום „רעספּעקטאַבעלן“ אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז שוין אַ לאַנגע צײַט ברייט פאַרשפּרייט בײַ אונדז אין לאַנד“. ער פאַררופט זיך דערבײַ אַפן בוך פון טשאַרלז או. גלאָוק און ראָדני סטאַרק „די קריסטלעכע עמונע און דער אַנטיסעמיטיזם“. די דאָזיקע אַווטאָרן באַהויפּטן, אַז צוויי דריטל פון די אַמעריקאַנער, וועלכע געהערן ניט צום אייראָפּעיִשן טייל פון דער באַפעלקערונג, זײַנען אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטישע פאָרורטיילן און אַ העלפט פון זיי זײַנען אָפענע אַנטיסעמיטן.

דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם לאָזט זיך, צווישן אַנדערס, פילן אין דער שטענדיקער דיסקרימינאַציע פון די ייִדן בײַם אָננעמען אַף אַרבעט, בײַם פאַרדינגען אַ דירע אאַז״וו. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ברענגט דער אַווטאָר אויסצוגן פונעם אַרטיקל פון דעם זשורנאַליסט דזשאָזעף ב. ראָבינסאָן, פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל „קאָנגרעס בי־וויקלי“, ווו עס ווערן געבראַכט פאַקטן סײַ פון אַ פאַרוואַלירטער, סײַ פון אַן אָפענער דיסקרימינאַציע בנוגע דער

ייִדישער באַפעלקערונג פון פשא. ראָבינסאָן באַטאָנט, אז א סאך אונטערנעמער זאָגן זיך אָפ צו אָנעמען אף ארבעט ייִדן בלויז דערפאר, ווײַל זיי האלטן זיך באם קלאל „מיר ווילן ניט קיינע ייִדן". באם זעלבן קלאל האלטן זיך, ווי דאָס איז געווען אין שטאט פלאָרידא, די אָנפירער פון די פירמעס, וועלכע בויען אינדיווידועלע הײַזער (developers). די לעצטע זאָגן זיך אָפ אָנצונעמען בא ייִדן באשטעלונגען אף בויען דירעס. בײַשפילן פון אזא דיסקרימינאציע, שרײַבט ה. לומער, קאָן מען ברענגען א סאך. אָבער אין די פאראייניקטע שטאטן, באטאָנט דער אווטאָר, טונקט מען ניט אײַן קיין פינגער אין קאלטן וואסער, קעדיי מאכן א סאָף צו דער דיסקרימינאציע.

א נײַע כוואַליע פון אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען האָט זיך דורכגעקײַקלט איבער די פאראייניקטע שטאטן אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס די אראבישע לענדער האָבן אײַנגעפירט עמבארגאָ אף די נאפט־ליפערונגען. ברייט איז פארשפרייט געוואָרן דער לאָזונג: „מיר נייטיקן זיך אין נאפט, ניט אין ייִדן". דער דאָזיקער אופשטײַג פונעם אנטיסעמיטיזם דינט די אינטערעסן פון די נאפט־מאָנאָפּאָליעס, די ווירקלעכע שולדיקע אינעם הייצווארג־קריזיס, — ער ציט אָפ פון זיי דעם צאָרן און די אופגעבראכטקײַט פון דער באפעלקערונג. „אינגאנצן גענומען, — שרײַבט ווײַטער ה. לומער, — ווערט די געפאר פון אנטיסעמיטיזם אין די פאראייניקטע שטאטן ניט קלענער, נאָר פארקערט, — זי ווערט גרעסער. אלס קוואל דינט דאָ, ווי בא אלע אנדערע פאָרמען פון שאָוויניזם און ראסיזם, — דער מאָנאָפּאָליסטישער קאפיטאל. דער אנטיסעמיטיזם איז א געווער, וואָס פארנעמט א וויכטיק אָרט אין זײַן ארסענאל און העלפט אים ארײַנצוטראָגן א צעשפאלטונג און צעטומלונג אינעם עקספלואטירטן און אונטערדריקטן ארבעטספאָלק". אין די לעצטע יאָרן, אינעם פאָליטישן לעבן פון די פאראייניקטע שטאטן, ווײַזט ווײַטער אָן דער אווטאָר, זעט זיך קלאָר א וווּקס פון פאשיסטישע טענדענצן. דאָס האָט באשײַמפערלעך באוויזן דער גאנג פון אויספאָרשן דעם וואָטערגייטער איניען. אין די דאָזיקע באדינגונגען איז נאָך שטארקער אויסגעוואקסן די געפאר פון אָפענע אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען, וועלכע ווערן באגלייט מיט גוואלדטאט. דעריבער דארפן די פראָגרעסיווע קרעפטן פארשטארקן דעם קאמף קעגן דעם אנטיסעמיטיזם.

ה. לומער שרײַבט, אז די וואקסנדיקע געפאר פון אנטיסעמיטיזם אנערקענען אויך אייניקע פאָליטישע אָרגאניזאציעס פון דער ייִדישער בורזשואזיע, באזונדערס די „ליגע פון קאמף קעגן דיפאמאציע". דער פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט, וואָס איז געשאפן אין די ראמען פון אָט דער אָרגאניזאציע און וואָס זײַן אופגאבע איז — פעסטשטעלן די פאקטן פון דיסקרימינאציע קעגן ייִדן, — לאָורענס פערעץ האָט אינעם דעקאבער־העפט (1972) פונעם געדרוקטן אָרגאן פון דער ליגע „א. ד. ל. באלעטין" געשריבן, אז מע טאָר ניט פארקלענערן די געפאר פון דער סאקאָנע, וואָס דראָעט די אמעריקאנער ייִדן". פערעץ און זײַנע מעקוראָווים זאָרגן זיך אָבער לאכלוטן ניט וועגן דער סאקאָנע, וואָס דראָעט ווירקלעך די ייִדן אין די פאראייניקטע שטאטן. זיי באומרויִקט דער „נײַער אנטיסעמיטיזם". ריידנדיק וועגן דעם „נײַעם אנטיסעמיטיזם", זאָגט לאָורענס פערעץ: „דער אנטיסעמיטיזם איז שוין לאכלוטן ניט קיין דערשײַנונג, וואָס איז כאראקטעריסטיש בלויז פארן עקסט רעכטן פליגל פונעם פאָליטישן ספעקטער, ער שטאמט איצט פון די עקסט לינקע רעספעקטאבעלע קרײַזן און פון די עקסטרעמיסטישע עלעמענטן, וועלכע געהערן צו די מינדערהײַט־גרופעס". דער הויפט־קאָמפּאָנענט פון דעם דאָזיקן „נײַעם אנטיסעמיטיזם", — שרײַבט פערעץ, — זײַנען „אזעלכע עפעמיזמען, ווי די טערמינען „אנטיציִעניסט" און „אנטיציִעניזם", וועלכע באטײַטן אינדערעמעסן ניט קיין אנדער זאך, ווי „אנטי־ייִד" און „אנטי־יודאיִזם". די זעלבע אידייען, באהויפט ה. לומער, זײַנען פאָרמולירט אינעם אויבן דערמאָנטן בוך פון פאָסטער און עפשטיין „דער נײַער אנטיסעמיטיזם". די דאָזיקע אווטאָרן שטעלן ארויס די פאלשע טעזע, אז דער ציִעניזם איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי א באוועגונג פאר באפרײַען די ייִדן, א גאראנטיע פאר זייער עצעם קיִעם. די מעלוכע ייִסראָעל איז דעריבער, לויט זייער געדאנקענגאנג, „די מאטעריעלע פארקערפערונג פון די דאָזיקע אידייען פונעם ציִעניזם". פונדאנען ווערט געמאכט דער שאנטאזש־אויספיר, אז די אנטיציִעניסטן זײַנען סאָנים פון די ייִדן, אז יעדע ארויסטרעטונג, וועלכע פארורטיילט די אויסערן־פּאָליטיק פון ייִסראָעל, איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אנטיסעמיטיזם. אָט די אלע באהויפטונגען, וועלכע האָבן אונטער זיך קיין שום גרונט ניט, פארענדיקן זיך מיטן אויספיר, אז די הויפט־סאקאָנע פארן ייִדישן פאָלק איז קלוימערשט ניט זײַן עמעסער סוינע — די מאָנאָפּאָליסטישע רעאקציע, נאָר די קעגנער פונעם ציִעניזם. די אווטאָרן כאזערן איבער די אנטיסאָוועטישע און אנטיאראבישע טעזיסן, זיי זוכן סאָנים פון די ייִדן אפילע צווישן די נעגערס און אנדערע עקספלואטירטע אונטערדריקטע מענטשן, וואָס זייער הויט איז ניט קיין ווײַסע, צווישן די לינקע קרײַזן אין פשא און אין אזעלכע רעליגיעזע סעקטעס, ווי די קוואקערס און ענלעכע.

די געבראכטע באהויפטונגען זײַנען אזוי אומזיניק, אז זיי זײַנען קריטיקירט געוואָרן אפילע מיצאד יענע, וועלכע סימפאטיזירן, אלס קלאל, די „ליגע פון קאמף קעגן דיפאמאציע" און די פובליציסטן פון אָט דער ליגע. ה. לומער פארופט זיך דערבײַ אפן ארטיקל פון דזשיימס א. וועטשלער, פארעפנטלעכט אין „ניו־יאָרק פאָסט". דזש. א. וועטשלער פארורטיילט אנטשיידן די באהויפטונגען, וועלכע ווערן געבראכט אינעם דערמאָנטן בוך, אז די קריטיק קעגן די האנדלונגען פון דער ייִסראָעל־רעגירונג איז געגליכן צו אנטיסעמיטיזם. מיט דזש. א.

וועטשלערן איז מאסקים אויך דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „טשיקאַגאָ סענטינעל" י. פּישביין. דער לעצטער ווײַזט אָן, אַז מיט קריטישע באַמערקונגען קעגן די אויסערן־פּאָליטישע אַקציעס פון דער ייִשׂראָעל־רעגירונג טרעטן אָפּט אַרויס אַ סאַך אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס און באַזונדערע טוער, וועלכע מע קאָן אין קיין פאַל ניט כוישעד זײַן אין אַנטיסעמיטיזם און אומפרײַנטשאַפט צו ייִשׂראָעל. מיט אַזעלכע קריטישע באַמערקונגען זײַנען, לעמאָשל, אַרויסגעטראָטן דער מעמונע פון דער בישאָפּישער קירך פּ. סאַוער, דער סענאַטאָר אָו. פולברײַט אאַ.

די אַמעריקאַנער ציִעניסטן האָבן באַשולדיקט אין אַנטיסעמיטיזם אַפילע דעם באַקאַנטן פּאַציפיסט דעם גאַלעך דאַניעל בעריגען פאַר זײַן אַרויסטרעטונג אַף דער פאַרזאַמלונג פון דער אַסאָציאַציע פון אַספּיראַנטן, וועלכע לערנען זיך אינעם אַראַבישן אוניווערסיטעט אין פּשאַ. האַגאַם בעריגען, — שרײַבט ה. לומער, — האָט אין זײַן רעדע דערלאָזט אַנטיסאָוועטישע אָנפאַלן, האָט ער אָבער „אַנטשיידן פאַרורטיילט די פּאָליטיק פון דער ייִשׂראָעל־רעגירונג, און ניט דאָס ייִדישע פאָלק". אין דער זעלבער צײַט אָבער זעען מיר, ווי די ציִעניסטישע קרײַזן, וועלכע האָבן אַרום דער דאָזיקער רעדע פאַרקאָכט אַזאַ „פּרעצעדענטלאָזן טומל", „איגנאָרירן די ווירקלעכע געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם".

„דער אַנטיסעמיטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן, — שרײַבט ווײַטער ה. לומער, — איז בעפּיירעש פאַרבונדן מיט אַנדערע דערשײַנונגען פון שאָוויניזם און ראַסיזם. ער דינט אַלס בײַשפּיל פאַרן ראַסיזם, וואָס דרינגט אַדורך אונדזער גאַנצע געזעלשאַפט אַף דורך און דורך, פאַרדאַרבט זי, און זײַן הויפּט־עלעמענט איז די אומענטשלעכע ראַסן־אונטערדריקונג פון די נעגערס. עס איז ניט קיין צופעליקײַט, וואָס די סאַמע אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן זײַנען אויך די סאַמע פאַרברענטע ראַסיסטן. דעריבער איז דער וויכטיקסטער באַדינג פונעם קאַמף קעגן ראַסיזם — אויסשמידן די איינהײַט צווישן די ייִדן און די נעגערס, אויך פּוערטאָריקאַנער, מעקסיקאַנער און אַנדערע אונטערדריקטע מינדערהײַטן, באַ וועמען די הויט איז אַ קאָלירטע, די איינהײַט אינעם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן אַלע פאָרמען פון ראַסעווער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג".

ה. לומער ווײַזט אָן, אַז די טעאָריע וועגן דעם „נײַעם אַנטיסעמיטיזם" באַטראַכט די פראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם איזאָלירט. זי לייגט קימאַט קיין שום אַכט ניט אַף די פאַקטן פון אונטערדריקן די נעגערס אָדער אַנדערע פאָרשטייער פון דער קאָלירטהויטיקער באַפעלקערונג, דערפאַר אָבער באַהויפּט זי, אַז עס וואַקסט דער אַנטיסעמיטיזם פון די שוואַרצהויטיקע. נאָר דאָס, וואָס זיי רופן אַנטיסעמיטיזם, איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי „אָן אָפּאָזיציע, וועלכע וואַקסט אָן צווישן די נעגערס בענעגייע דעם ציִעניזם, אַ פאָרם פון פאַרורטיילן די פּאָליטיק פון אונטערדריקונג, וועלכע ווערט געפירט אין ייִשׂראָעל בענעגייע די אַראַבער און די ספאַרדישע ייִדן...".

אין רעזולטאַט פון דער אַנטינעגערשער פּראָפּאַגאַנדע, — שרײַבט ה. לומער, — איז צווישן די ייִדן אין פּשאַ צו מערקן אַ וווּקס פון די ראַסיסטישע שטימונגען, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין די סאַמע פאַרשיידענע פאָרמען.

נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן אין ניו־יאָרק זיך אָנגעהויבן אַרויסטרעטונגען פון דער עקסטרעמיסטישער ייִדישער אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער עס פירט אָן דער באַקאַנטער ראַסיסט, פאָרזיצער פונעם פּראָפאַריין פון די לערער אַ. שענקער. די אָרגאַניזאַציע האָט געפאָדערט, אַז די מעלוכע זאָל אופהערן אונטערצוהאַלטן די נעגערשע און פּוערטאָריקאַנישע שולן, וועלכע געפינען זיך אין די ראַנד־גאַסן פון גרויסע שטעט. די אַרויסטרעטונגען פון די עקסטרעמיסטן פון אָט דער גרופּע דויערן נאָך ביז הײַנט. די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכקײַט פון פּשאַ פאַרורטיילט די סקאַנדאַליעזע האַנדלונג פון די ווײַסע ראַסיסטן בענעגייע דער באַפעלקערונג מיט אַ קאָלירטער הויט, און די ייִדישע קעהילע באַציט זיך דערצו מיט פולן גלײַכגילט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די באַציִונגען צווישן נעגערס און ייִדן איז געוואָרן ערגער.

די ייִדישע רעכטע אָרגאַניזאַציעס נעמען אָן הילף פון די אולטראַ־רעאַקציאָנערן, ראַסיסטן און אַנטיסעמיטן, פון אַזעלכע, ווי דער דערמאָנטער סענאַטאָר באַקלי. ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זײַן, איז גראָד באַקלי אײַנגעלאַדן געוואָרן אין פרילינג 1974 צו האַלטן אַ רעדע אַפן מיטינג, געווידמעט דעם אָנדענק פון די קאָרבאָנעס פון וואַרשעווער געטאָ. אַף אַ צווייטן מיטינג, געווידמעט דער פּראַגע וועגן דעם אַזויגערופענעם „אַנטיסעמיטיזם אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד", איז אַרויסגעטראָטן דער באַוווּסטער סענאַטאָר־רעאַקציאָנער דזשעקסאָן. „אין אַלגעמיין, — באַטאָנט ה. לומער, — פירט אַזאַ פּאָליטיק צו אָן אײַנרײַס צווישן די ייִדן און זייערע פאַרבינדעטע, צו אַ בלאָק צווישן די פאַרבינדעטע פון די ייִדן מיט די סאָנים פון די ייִדן".

די לידערס פון דער ייִדישער קעהילע אין אַמעריקע דאַרפן ניט קריכן אין קעשענע נאָך אַ שיינער פראַזע, ווען זיי ווילן ריידן וועגן דער נייטיקײַט צו פאַרבעסערן די באַציִונגען צווישן די ייִדן און די נעגערס. אָבער די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער אָנגעשטרענגטקײַט אין אָט די באַציִונגען לייגן זיי אַרוף אויסשליסלעך אַף די נעגערס.

אַ שטערונג אינעם פאַרבעסערן די באַציִונגען צווישן די נעגערס און די ייִדן, — שרײַבט ה. לומער, — איז קלאַל ניט דער „שוואַרצער אַנטיסעמיטיזם", נאָר דער „ראַסיזם, מיט וועלכן עס איז אָנגעזעטיקט די ייִדישע קעהילע פון אַמעריקע (ווי די אַנדערע גרופּעס פון דער ווײַסער באַפעלקערונג) און וואָס ווערט אַלץ מער פאַרטיפערט צוליב דעם ציִעניסטישן אײַנפלוס".

ריידנדיק וועגן דער ציִעניסטישער קאַמפּאַניע פאַר „ראַטעווען" די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע

האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין פּשא, ווײַזט אָן דער אוטאָר, אַז אין גרונט ליגט דאָ דער מעטאָד פון צוגלײַכן דעם אנטיסעמיטיזם צום אנטיציִעניזם. „די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און זייערע לידערס, — שרײַבט ה. לומער, — האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו אָט דער קאַמפּאַניע און זײַנען ארויסגעטראָטן אין א בלאָק מיט די אַנטיסאָוועטישע און אנטיסעמיטישע עלעמענטן, וועלכע זאָרגן זיך לאַכלוטן ניט וועגן דעם גורל פון די ייִדן ניט דאָ (אין פּשא), ניט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זיי טראַכטן בלויז ווי צו אויסנוצן יעדע געלעגנהײַט, קעדיי אָנטאָן וואָס מער שאָדן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע קאַמפּאַניע ציט אָפּ די אויפמערקזאַמקײַט פון די ייִדן פונעם קאַמף קעגן זייערע עמעסע סאָנים דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איר ציל איז דערשלאָגן זיך צו אן אײַנרײַס צווישן די ייִדן און זייער סאַמע געטרײַען פרײַנט — דעם סאָוועטנפאַרבאַנד”.

„דער אנטיסעמיטיזם, — ווײַזט אָן ה. לומער, — איז אן ערנסטע געפאַר, קעגן אים דאַרף פירן אן אנטשיידענעם קאַמף ניט בלויז דאָס ייִדישע פאָלק, אַזאַ קאַמף דאַרפן פירן אלע פּראָגרעסיווע קרעפטן, אין דער ערשטער ריי די קאָמוניסטן און די מיטגלידער פון די פּראָפאַריינען. קעמפן דאַרף מען קלאַל ניט קעגן דעם אַזויגערופענעם „נײַעם אנטיסעמיטיזם”, וואָס זײַנע טרעגער זײַנען, קלוימערשט, די נעגערס, פּוערטאָריקאַנער און אנדערע אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן, די קוואַקערס אאַוו., — קעמפן דאַרף מען קעגן דעם עמעסן אנטיסעמיטיזם, וואָס זײַן טרעגער איז די מאָנאָפּאָליסטישע רעאַקציע און איר אַגענטור. אָט דער קאַמף דאַרף זײַן א באַשטאַנדטייל פונעם קאַמף קעגן אלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער און ראַסעווער אונטערדריקונג. ער דאַרף געפירט ווערן דורך איינהײַטלעכע אַקציעס פון די ייִדן, נעגערס און אנדערע אונטערדריקטע מינדערהײַטן. דעריבער דאַרפן די ייִדן מאַכן א סאָף צו די אויסטראַכטענישן וועגן דעם „שוואַרצן אנטיסעמיטיזם” און אַקטיוו אײַנשליסן זיך אינעם קאַמף קעגן אלע פאָרמען פון ראַסן־אונטערדריקונג. מע דאַרף קעמפן פאַר דעם, אַז די דערשײַנונגען פון ראַסיזם און שאָוויניזם זאָלן פאַרבאָטן ווערן אָף א געזעצגעבערישן אויפן, עס זאָל געמאַכט ווערן א סאָף צו דער דיסקרימינאַציע באַם אָננעמען אָף אַרבעט, באַם באַזאָרגן מיט דירעס אאַוו. „דער קאַמף קעגן אנטיסעמיטיזם, — פאַרענדיקט זײַן אַרטיקל ה. לומער, — איז פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר אָנטשפּאַנונג, דעטאַנט, פאַר פרידלעכער קאָעקזיסטענץ, קעגן יענע, וואָס ווילן פאַרייביקן די קאַלטע מילכאָמע...”

ל. קרילאָוו, ט. קאַראַסאָוואַ

---

# כראָניק

## נאָך 30 יאָר וועט א נאַציפאַרברעכערן געשטעלט ווערן צום מישפּעט

די אמעריקאַנער מאַכט האָט איבערגעגעבן אין רעשוס פון מײַרעוו־דײַטשלאַנד די נאַצי־פאַרברעכערן הערמינאַ בראַונשטיינער. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, ווען פּשא האַנדלט אַזוי מיט א מילכאָמע־פאַרברעכער.

ה. בראונשטיינער איז איצט אלט 56 יאָר. א געוועזענע אויפזעערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, איז זי אין די יאָרן 1942—1943 געווען דער קאָמאַנדיר פון דער פרויען־אָפּטיילונג אינעם טויטלאַגער מײַדאַנעק.

## א פאָרשונג וועגן טערעזינשטאדטער טעאטער

דער צאָפּן־בעהמישער קרײַזפאַרלאַג אין דער שטאָט אוסטי האָט לעצטנס ארויסגעגעבן א בוך וועגן טערעזיענשטאדטער טעאַטער. די אוטאָרן פון דער פאָרשערישער אַרבעט עווא שאַרמאָוואַ אַנאַליזירט באַזונדערע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וואָס זײַנען באַוויזן געוואָרן אין דער געטאָ פון טערעזיענשטאדט. די ספּעקטאַקלען, ווי באַוווּסט, פלעגן דאָרט געשפּילט ווערן געהיים.

■ ■ ■

אונדזערע מיטווירקונגען

ל ײ ב   װ ו י ל ס ק ע ר

הויפט־ביבליָאטעקער פון דער
לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליָאטעק

# צו דער געשיכטע פון דרוק־וועזן בא ייִדן

(וועגן צוויי אנטדעקטע בלעטער)

וועגן אינקונאבולן* ביכלאל און העברעיִשע אינקונאבולן ביפראט איז פיל געשריבן געוואָרן. ייִדן זײַנען ניט אָפּגעשטאנען פון אנדערע פעלקער, און זיי האָבן אָפּגעדרוקט אין 15־טן יה. העכער צוויי הונדערט העברעיִשע און אראמעיִשע ביכער. עס איז אויך באוווּסט דער ביטערער גוירל פון אָט די ביכער. שוין אין 1490 האָבן טויזנטער עקזעמפּליאַרן פון די געדרוקטע ספאָרים געפלאקערט אף שײַטערהויפנס לויט דער פאראָרדענונג פון דער „הייליקער אינקוויזיציע״.

ווייניקער זײַנען באוווּסט די ביכער בא ייִדן, וואָס האָבן זיך באוויזן אין דער ערשטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט. אין דער געשיכטע פונעם דרוקוועזן ווערן זיי אָנגערופן „פּאָסט־אינקונאבולן״, אָדער „פּאלעאָטיפּן״.

דערלערנענדיק די מאטעריאלן פון א. פירקאָוויטשעס ארכיוו, וועלכער ווערט אָפּגעהיט אין מאנוסקריפּטן־אָפּטייל פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליָאטעק, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אף א פראגמענט, וואָס באשטייט פון צוויי געדרוקטע פּארמעטענע בלעטער, וועלכע האָבן מיך פאראינטערעסירט פון פיל שטאנדפונקטן. איך בין געקומען צום אויספיר, אז די בלעטער זײַנען געדרוקט געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט פון דער געוועזענער טערקישער אימפעריע, אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, קימאט מיט א האלבן יאָרטויזנט צוריק, און ביכלאל איז די געשיכטע פון די בלעטער ווײַט ניט קיין געוויינלעכע.

צי ס׳איז מיר בעעמעס געלונגען ניט נאָר פעסטשטעלן דעם אינהאלט פון די בלעטער, נאָר אויך זייער עלטער, דעם אָפּשטאם און די געשיכטע,—וועגן דעם זאָל אורטיילן דער באהאוונטער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד״.

צוערשט וועל איך דערציילן וועגן דעם, אף וועלכע פראגן איך האָב זיך באמיט קריגן אן ענטפער, איידער איך בין געקומען צו מײַן אויספיר.

ערשטנס. וואָס איז דער אייגנטלעכער אינהאלט פון די בלעטער?

לויטן אויסערלעכן אויסזען דערמאָנען זיי געוויינלעכע בלעטער פון דער געמאָרע. אז דאָס איז אָבער ניט אזוי, האָב איך זיך גלײַך איבערצײַגט. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיטן יורידישן ווערק „די האלאָכעס פון ייִצכאָק אלפאסי״, באגלייט מיט די קאָמענטארן פון ר׳ ניסים. די „האלאָכעס״, געשריבענע אין אראמעיִש, געפינען זיך אין דער מיט פון די בלעטער, און אף די שפּאלטן פון רעכטס און לינקס — די קאָמענטארן, וואָס זײַנען געשריבן אין אראמעיִש מיט א סאך העברעיִזמען. די צוויי בלעטער שטעלן מיט זיך פאָר א טייל פונעם טראקטאט „קידושין״, וואָס באהאנדלט הויפּטזאכלעך די כאסענע־געזעצן לויטן דין פון דער געמאָרע. דער טראקטאט „קידושין״ איז א טייל פונעם צווייטן באנד פון די „האלאָכעס״ פון אלפאסי.

צווייטנס. ווער איז אלפאסי, און ווען האָט ער געשריבן זײַן ווערק?

ייִצכאָק אלפאסי (1103—1013) האָט א לאנגע צײַט געלעבט אין דער שטאָט פאס, וואָס געפינט זיך אין צאָפן־אפריקע. און דערפאר ווערט ער אָנגערופן אלפאסי. אין פינף־און־זיבעציקיאָריקן עלטער האָט ער זיך אריבערגעקליבן קיין שפאניע, ווו ער האָט בעמעשעך פון פערצן יאָר (1103—1090) אָנגעשריבן די „האלאָכעס״. אין שפאניע איז ער געווען דער גרעסטער באָקי פון געזעץ בא ייִדן, ווי אין פראנקרײַך און פראָוואנס איז עס געווען רשי (ראשי).

ייִסראָעל צינבערג שטרײַכט אונטער די ראָל, וואָס עס האָט געשפּילט אלפאסי און זײַן שול אין אויספורעמען די אלזײַטיקע קענטעניש פון יעהודע האלייווי. צינבערג דערציילט, אז יעהודע האלייוויס פאָטער האָט געשיקט זײַן זון פון דער שטאָט טאָלעדאָ, דאָס הייסט פון דער קריסטלעכער קאסטיליע, צו

* אזוי ווערן אָנגערופן ביכער, וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אין 15־טן יה.. ווען די קונסט פון דרוקן האָט זיך נאָך געפונען אין וויגעלע (אף לאטײַן: „אינקונאבולוס״).

באַקומען בילדונג אין דער אַראַבישער שפּאַניע — אין וויכטיקסטן צענטער פון דער דעמלטיקער קול־טור. אין דער לוסענער יעשיווע, אונטער דער האַזש־גאָכע פונעם באַרימטן ר׳ יִיצחאָק אַלפאַסי, האָט יעהודע האַלייווי שטודירט טאַלמוד און די אַנדערע יידישע לימודים. ער האָט אויך געלערנט מעדיצין און גרינטלעך זיך באַקענט מיט דער גריכיש־אַראַ־בישער פילאָסאָפיע (י. צינבערג. „די געשיכטע פון ליטעראַטור בא יידן". בוענאָס־אײַרעס, 1964, ט. 1, ז. 100).

כאָטש דער אַלפאַסי איז געווען אויך איינער פון די באַגאַבסטע שפּראַכקענער פון יענער צײַט און ער האָט פולקאָם באַהערשט די העברעיִשע, אַראַמעיִ־שע און אַראַבישע ליטעראַטורן און גראַמאַטיקעס, — האָט ער וועגן זיי קיין ספּעציִעלע אַרבעטן ניט גע־שאַפן, אָבער זײַנע טאַלמידים האָבן געגאָסן בעשעפע פון זײַנע יעדיִעס אין די דערמאָנטע געביטן. און ווען אַלפאַסי איז ניפטער געוואָרן, האָבן געשריבן עלע־גיעס אַף זײַן טויט יעהודע האַלייווי און מוישע איבן עזראָ.

דריטנס. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער קאָמענ־טאַטאָר פון אַלפאַסי?

זײַן פולער נאָמען איז ר׳ ניסים בען רעוווין גי־ראַנדי (1320—1380). דער קאָמענטאַר צו די „האַלאָ־כעס" איז זײַן וויכטיקסט ליטעראַריש ווערק. ער האָט באַקומען אויך א פילזײַטיקע פילאָסאָפישע און אַלגע־מײַן־וויסנשאַפטלעכע בילדונג, געשעמט אַלס א מעדי־קער און אַסטראָנאָם, געווען דער פירער פון דער יידישער קעהילע אין באַרצעלאָנע און אויך דער דאָרטיקער ראָש־האַיעשיווע.

פערטנס. צי איז דער פאַקט, וואָס די בלעטער זײַ־נען געדרוקט אַף פאַרמעט, א גענוגנדער באַווײַז, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אן אינקונאַבולאַ, אָדער מיט א פּאַלעאָטיפּ?

פאַרשטייט זיך, ניין.

לאָמיר זיך באַקענען מיט דער רעשימע פון די העברעיִשע און אַראַמעיִשע ביכער, וואָס זײַנען גע־דרוקט געווען אַף פאַרמעט און זײַנען געוואָרן באַ־וווסט דער וויסנשאַפט.

א. פריימאַן ברענגט אין זײַן אַרטיקל „די הע־ברעיִשן פּערגאַמענט־דרוקע", וואָס איז פאַרעפנט־לעכט אין דעם ביבליִאָגראַפישן זשורנאַל „צײַטשריפט פיר העברעיִשע ביבליִאָגראַפיע, 1911", 165 אויס־גאַבן, וועלכע זײַנען געדרוקט אַף פאַרמעט. דער גע־לערנטער א. מאַרקס האָט צוגעגעבן צו דער רעשימע אַנדערע פינף אויסגאַבן, ע. נ. אַדלער — דרײַ אויס־גאַבן, און י. כאַזאַנאָוויטש און דער זעלבער א. פריי־מאַן — נאָך צו איין אויסגאַבע. אַזוי־אַרום ציילט די רעשימע אינגאַנצן 175 אויסגאַבן. אונדז איז, ליי־דער, ניט צוגענגלעך די אַרבעט פון אַווראָהאָם יערי (1899—1966) וועגן די פאַרמעט־דרוקן, וואָס געפינען זיך אין דער ביבליִאָטעק פון סאַסאָן[1], און מיר ווייסן ניט, וועלכע נײַע אָנגאַבן זײַנען דאָרט פאַראַן. פון דער באַוווסטער רעשימע פון די פאַרמעט־דרוקן איז מער פון א העלפט (אַרום הונדערט אויסגאַבן) אָנגע־דרוקט געוואָרן אין דער אָנהייב־טקופע פון דרוק

[1] יערי, א. ספרי דפוס על קלף בגנזי ששון — קרית ספר, באנד 14 (1937), ז. 389—391.

בא יידן (1470 (?) — ביז 1600). מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז אויסגאַבן אַף פאַרמעט פלעגט מען דרוקן אויך פיל שפּעטער, און אַפילע אין 20־טן יה.

פינפטנס. צי האָבן אונדזערע בלעטער פאָרט א שײַכעס צו אן אינקונאַבולאַ אָדער צו א פּאַלעאָטיפּ?

צו איינעם פון זיי געוויס. אן איידעס דערצו — דער שריפט.

די העברעיִשע אינקונאַבולן, ווי אויך א גרויסער טייל פון די פּאַלעאָטיפּן, פלעגן זיך דרוקן אַפן זעלבן אויפן, ווי מע פלעגט שרײַבן קסאַוויאַדן. בא ספאָרים איז געווען א קלאַל, אַז מע מוז פאַרנעמען מיטן טעקסט די שורעס ביזן סאָף, אַזוי, אַז ס׳זאָל ניט זײַן קיין מעגלעכקײַט אַרײַנטראָגן א פעלשונג, צוגעבנדיק א וואָרט, אן אָס אָדער אַפילע א וועלכן־סע־איז צייכן. דעם דאָזיקן פּרינציפּ האָט מען אויך אָנגענומען אין פריצײַטיקן דרוק־וועזן בא יידן. ביכדיי דער טעקסט אין די שורעס זאָל אומעטום האָבן א גלײַכע לענג, פלעגט מען זיך באַנוצן מיט צוויי מיטלען. איינס איז באַשטאַנען דערין, וואָס מע האָט אויסגעאַרבעט א צוגאָב־קאַסע מיט אויסגעברייטערטע אויסיעס, קע־דיי אויסמײַדן א פּוסט אָרט צום סאָף פון די שורעס. דעם זעלבן ציל פלעגט מען דערגרייכן אויך אַף אן אַנדער אויפן: מע האָט געדרוקט אין דעם פּוסטן אָרט פון דער שורע א טייל פונעם קומענדיקן וואָרט. און אין דער ווײַטערדיקער שורע — דאָס וואָרט גאַנ־צערהייט.

די ביידע מיטלען זעען מיר אין אונדזערע בלע־טער. צווישן די קוואַדראַטע אויסיעס פונעם טעקסט פון דער „האַלאָכע" געפינען מיר זיבן אויסגעברייטערטע — א, ב, ה, ל, ק, ר און ת — און אין ראַשי־קסאַוו, מיט וועלכן עס זײַנען געדרוקט די קאָמענ־טאַרן, — צוויי אויסיעס: ר און ת.

זעקסטנס. צי האָבן מיר צו טאָן מיט אן ערשט־דרוק אָדער מיט אן איבערדרוק?

די צוויי בלעטער זײַנען אן ערשטדרוק. אן איי־דעס דערפון איז דאָס, וואָס די אָנגעדרוקטע קאָמענ־טאַרן שטימען ניט מיטן הויפּט־טעקסט, זיי יאָגן אים איבער, האָבנדיק א שײַכעס צו א טעקסט, וואָס דאַרף ערשט זײַן אָנגעדרוקט שפּעטער. אַזא טאָעס אין פּלאַנירן דעם מאַטעריאַל איז מעגלעך אין אן ערשט־דרוק. באַם איבערדרוקן מײַדט מען געוויס אויס אַזא פעלער.

זיבעטנס. צי האָבן מיר צו טאָן מיט אן אינקונאַ־בולאַ?

ניין. צווישן די 29 אויסגאַבן פון די „האַלאָכעס", וועלכע עס ברענגט פרידבערג אין זײַן ביבליִאָגראַ־פיש ווערק[1], איז פאַראַן בלויז איין אינקונאַבולאַ. אַגעוו, ער ברענגט זי אין קוואַדראַטע קלאַמערן, דאָס הייסט, אַז אים איז ניט געלונגען זי צו זען. וועגן דער אינקונאַבולאַ האָט געהאַט געשריבן אויך ש. ווינער[2] (אַז דער באַוווסטער אין 19־טן יה. הענד־

[1] ח. ד. פרידבערג, בית עקד ספרים (בייס אייקעד ספאָרים). תל־אביב, 1951, ב. 1, ז. 291, נ׳ 780.

[2] שמועל ווינער (1860—1929) — באַוווסטער ביי־בליִאָגראַף, ביבליִאָטעקער אינעם אַזיִאַטישן מוזיי אין פּעטערבורג. אין 1893—1904 האָט ער פאַרעפנט־לעכט א קאַטאַלאָג „קויהעלעס מוישע", וועלכער נעמט אַרום א טייל פון דער פרידלענדער־ביבליִאָ־

לער מיט העברעיִשע קסאָוויאַדן און ביכער פּישל הירש האָט פאַרמאָגט א טייל פון אלפאסיס כיבער, וואָס איז געווען געדרוקט מיט גרויסע קוואַדראַטע אויסיִעס אף בלעטער פון ניט קיין גרויסן פאָרמאַט[1].

אונדזערע בלעטער זײַנען אָבער פון א גרויסן פאָרמאַט און געדרוקט מיט צוויי פאַרשיידענע שריפטן: דער הויפּט־טעקסט — מיט גרויסע קוואַדראַטע אויסיעס, און די קאָמענטאַרן — מיט קליינע, אַזויגערופענע אויסיִעס פון ראַשי־קסאַוו.

אַכטנס. מיט וועלכער שפּעטסטער דאַטע גרענעצן זיך אונדזערע בלעטער?

אונדזערע בלעטער האָבן געמוזט געהערן צו אן אויסגאַבע, וואָס האָט זיך געדרוקט פאַר דעם יאָר 1511.

אן איידעס דערצו: זיי פאַרמאָגן ניט קיין פאָר־לויפנדיקע נומערן. ווי עס האָט פעסטגעשטעלט א. מ. האַבערמאַן, זײַנען ערשט אָנהייבנדיק פון 1511 יאָר די ביכער בא ייִדן נומערירט געוואָרן דורך העב־רעיִשע אויסיעס* און פון 1517 יאָר — דורך אראַ־בישע ציפערן[2].

צווישן אלע אויסגאַבעס פון אלפאסיס בוך איז בלויז פאַראַן איינע, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין 16־טן יה., פאַרן 1511 יאָר. דאָס איז די קאָנסטאַנטי־נאָפּאָלער אויסגאַבע.

נײַנטנס. ווען איז אָפּגעדרוקט געוואָרן די קאָנ־סטאַנטינאָפּאָלער אויסגאַבע פון אלפאסיס בוך?

עס קען זיך דוכטן, אז אַזאַ פראַגע איז ניט באַרעכ־טיקט. א. יערי האָט אין זײַן מאָנאָגראַפיע, וועלכע איז געווידמעט דער געשיכטע פונעם העברעיִשן בוך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל[3], געגעבן איבערגעגעבן דעם קאָ־לאָפאָן, וואָס געפינט זיך אין סאָף פון דעם בוך און ווו עס ווערט געזאָגט, אז דער בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן מיצאַד די אייגנטימער פון דער דרוקערײַ, די ברידער דאָוויד און שמועל, נעכעמיעס זין, אין דער שטאָט קושטנטינא (קאָנסטאַנטינאָפּאָל) אין יאָר 5269 פונעם וועלט־באַשאַף, דה. אין 1508 — 1509.

איז דאָך אַלץ קעשורע, און וואָס פעלט דאָ נאָך?

די דאַטע קאָן אָבער ניט באַפרידיקן דעם פאָר־שער פון אן אינקונאַבולאַ, אָדער פון א פּאַלעאָטיפּ. אויב אַרײַנקוקן אין אלע קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אויס־גאַבעס פון יענע צײַטן, איז צו זען, אז אַזאַ דאַטירונג איז דעמלט ניט געמאָלט געווען. מע פלעגט, געוויינ־לעך, אַנוועַזן ניט נאָר דאָס יאָר, נאָר אויך דעם כוי־דעש און מערסטנטייל אויך דעם טאָג פונעם כוי־דעש, און אָפטמאָל — דעם טאָג אין דער וואָך.

די ביידע ברידער־טיפּאָגראַפן האָבן פאַרעפנט־לעכט 9 ביכער, און אין זייערע קאָלאָפאָנען לייענען מיר פאָלגנדע דאַטירונגען, ווען די ביכער זײַנען אַרויס פון דרוק:

פּרײַטיק, דעם פערטן טאָג אין טייוועס 5245 יאָר*.

כוידעש ניסן, יאָר 5265 פונעם וועלט־באַשאַף.

דאָנערשטיק, דעם 9־טן קיסלעוו, יאָר 5266 פונעם וועלט־באַשאַף.

דעם 19־טן עלעל פונעם יאָר 5266.

דעם ערשטן אָדאָר, יאָר 5269.

ראָישכוידעש טאַמעז, יאָר 5270.

ראָישכוידעש אָוו, יאָר 5270.

פונוואַנען זשע קומט אַזאַ גרינגשעצונג צו אל־פאַסיס בוך, וואָס אין קאָלאָפאָן איז בלויז אָנגע־דרוקט דאָס יאָר, און מער גאָרניט?

מיר דוכט זיך, אז אלע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען ביז איצט מיט פאָרשן דעם בוך, האָבן ניט באַמערקט איין קלייניקײַט. פאַר דעם קאָלאָפאָן זײַנען גע־בראַכט אייניקע לידער. אין איין ליד, וועלכע א. יע־רי האַלט פאַר אן אַקראָסטיך, איז, אייגנטלעך, א מעזאַסטיך, ווו מע דאַרף אויך לייענען די ערשטע ווערטער פון די צווייטע העלפטן פון די סטראָפן: ה חדש דין כל, וואָס עס באַטײַט: „דער פינפטער טאָג אין כוידעש, ווען מע מישפּעט אַלעמען". גע־מיינט: דעם כוידעש טישרע, ווען עס זאַמלט זיך צונויף דער בעסדין־שעל־מײַלע צו מישפּעטן די גאַנצע וועלט.

אויב אַזוי, איז די דאַטע א פולקאָמע, און מע קאָן זי גענוי פעסטשטעלן: מיטוואָך, דעם 30־טן אָקטיאַ־בער פון יאָר 1508.

צולעצט, איז קעדײַ צו דערמאָנען נאָך צוויי פאַקטן, וואָס עס קאָן זײַן, אז זיי האָבן א נאָענטע שײַכעס צו דער געשיכטע פון אונדזערע ביידע בלע־טער.

קוידעמקאָל מוזן מיר זיך אָפּשטעלן באַזונדער אף דעם מינהעג פון ביכער־פאַרשפּרייטונג, וואָס איז געווען אײַנגעפירט בא ייִדן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַזויווי דאָס דרוקן גרויסע ביכער, ביכלאַל, און אף פּאַרמעט ביפראַט, האָט געקאָסט זייער טײַער און האָט געדויערט א לאַנגע צײַט, פלעגט מען דרוקן די ביכער אין באַזונדערע קונטרעסים (בראָשורנווײַז), און אלע שאַבעס, ווען דער אוילעם פלעגט זיך צו־נויפזאַמלען אין די באָטעמעדראָשים און שולן, פלעגט מען אײַנטיילן די קונטרעסים פון גרויסע ביכער צווישן די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן זיך מיסכײַעוו געווען אינמיטן דער וואָך צו באַצאָלן פאַר זיי.

אז דער מינהעג גהאַט פּאָזיטיווע און נעגאַ־טיווע פאָלגן, האָט שוין אָנגעוויזן א. יערי. פון איין זײַט, האָט דער מינהעג געגעבן א מעגלעכקײַט די אייגנטימער פון די דרוקערײַען צו פינאַנסירן די דרוק־אַרבעט און ער האָט אויך פאַרלײַכטערט דעם אוילעם צו קריגן די נײַע ביכער. פון דער צווייטער זײַט, האָט דער מינהעג געבראַכט דערצו, אז פיל

טעק, וואָס געפינט זיך ביז הײַנט־צו־טאָג אין דער ביבליאָטעק פונעם אינסטיטוט פאַר מיזרעך־קענטע־נישן בא דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר.

[1] ש. ווינער. קהלת משה, העפט 3, פעטערבורג, 1902, ז. 373, נ׳ 3154.

* די אויסיעס אלס ציפערן באַם נומערירן די בלעטער און די זײַטלעך פון ביכער נוצט מען אפן פאָלגנדיקן אויפן: א—1, ב—2..., י—10..., יד — 14, טו — 15, טז — 16, יז — 17, כ — 20..., ק — 100, ר — 200, ש — 300, ת — 400.

[2] הברמן, א. מ. הספר העברי במאה השש — עשרה (האַסייפער האָיִוורי באַמייאָ האַשייש־עסריי" — דאָס העברעיִשע בוך אין 16 יה.) — אין זשורנאַל „גליו־נות" („גיליוינויס") ב. 5, ז. 350, באַמ. 1.

[3] א. יערי, הספר העברי בקושטא (האַסייפער האָיִוורי בעקושטאָ). ירושלים (יערושאָלאַיִם), 1967.

* אייניקע געלערנטע האַלטן, אז עס דאַרף זײַן 5264 יאָר.

קאָנסטאַנטינאָפּאָלער עקזעמפּליאַרן זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. ניט יעדערער, וועמען עס האָט אָנגעהויבן צו קויפֿן קונטרעסים, האָט געקענט פֿאַרזעצן צו קויפֿן זיי ביזן סאָף. אייניקע קויפֿער זײַנען געשטאָרבן, אַנדערע זײַנען אַריבערגעפֿאָרן אין אַנדערע שטעט. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפֿן אַ לאַגע, אַז בײַ אַ טייל לייענער האָט געקענט זײַן נאָר צו איין קונטרעס, און זײַנע בלעטער זײַנען מיט דער צײַט פֿאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די יאָרשים.

אַ. טיבאָן ברענגט אין זײַן בוך „פּרקים בתולדות הדפוס והספר" („פּראָקים בעטוילעדויס האַדפּוס וועהאַסייפֿער" — קאַפּיטלען פֿון דער געשיכטע פֿונעם דרוק און בוך) פֿאָלגנדע ידיעס, וועלכע וואַרפֿן אַ שײַן אויך אױפֿן גורל פֿון אַלפֿאַסיס בוך:

„די ייִדן מעשומאָדים פֿלעגן מאָסערן פֿאַרן פּויפּסט יוליוס דעם דריטן דעם טאַלמוד און אַנדערע ספֿאָרים. אין רוים זײַנען אין 1553 יאָר פֿאַרברענט געוואָרן טויזנטער ייִדישע ספֿאָרים אויף דעם זעלבן עפֿנטלעכן פּלאַץ, אויף וועלכן עס איז מיט אַ צײַט שפּעטער פֿאַרברענט געוואָרן דער באַוווּסטער פֿילאָסאָף דזשאָרדאַנאָ ברונאָ... בלויז אין ווענעציע, וואָס איז געווען דער צענטער פֿון ייִדישן דרוק־וועזן, זײַנען אַוועק אין פֿלאַם טויזנטער עקזעמפּליאַרן פֿונעם טאַלמוד, 500 עקזעמפּליאַרן פֿון דעם סייפֿער „די האַלאָכעס פֿון ר' ייִצכאָק אַלפֿאַסי", פֿון די ערשטע פּאָסקים און אַ סאַך אַנדערע. די, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן זייערע ספֿאָרים און ניט געבראַכט זיי צום פֿײַער, האָט געדראָעט סאַקאָנעס־נעפֿאָשעס. מעשומאָדים פֿלעגן נישטערן אין ייִדישע הײַזער און אַרויסבאַקומען ביכער צום פֿאַרברענען. אין קרימאָנאַ האָבן די דאָמיניקאַנער („גאָטס הינט") מיט פֿלײַס און אײַפֿער זיך גענומען צו דער „הייליקער" אַרבעט, גענישטערט העברעישע „אַפּיקאָרסישע" ביכער, ווי אויך פּראָטעסטאַנטישע, און אַפֿילו דער טאַנאַך, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק איבערגעזעצט געוואָרן אין דער איטאַליענישער שפּראַך, איז געוואָרפֿן געוואָרן אין ברענענדיקן שײַטער". מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן, וויפֿל טויזנטער עקזעמפּליאַרן פֿון אַלפֿאַסיס ווערק זײַנען דאַן פֿאַרברענט געוואָרן!

אויב מיר האָבן אין ערגעץ ניט קיין טאָעס געהאַט אין אונדזערע אויספֿירן, קומט אויס, אַז די אויסגאַבע, צו וועלכער אונדזערע ביידע בלעטער געהערן, איז פֿולקאָם פֿאַרענדיקט געוואָרן מיטוואָך דעם 30־טן אָקטיאַבער 1508 יאָר. אין איינעם פֿון די פֿריערדיקע שאַבייסים, נאָך איידער דאָס בוך איז פֿאַרענדיקט געוואָרן, האָט איין קונטרעס (העפֿט) פֿונעם בוך געקויפֿט איינער פֿון די מיספּאַלעלים אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער שול. מיט דער צײַט זײַנען די ביידע בלעטער, וואָס מיר זעען פֿאַר זיך, אַריבער בעירושע צום מיספּאַלעלס אַ יוירעש. די בלעטער זײַנען אין די ווײַטערדיקע צײַטן אַריבער צו דער גניזע פֿון דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער שול.

די ווײַטערדיקע געשיכטע איז באַוווּסט. אַווראָם פֿירקאָוויטש איז אין 19־טן יאָרהונדערט געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אויסגערעאַמט די דאָרטיקע גניזע. זײַן גאַנצע זאַמלונג און דער אַרכיוו זײַנען אַריבער אין רעשוס פֿון דער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק אין פּעטערבורג. און די בלעטער האָבן ניט אופֿגעהערט צו פֿאָדערן: באַהאַנדלט אונדז! איצט דערציילט וועגן זיי דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

# כראָניק

## פֿאַרורטיילט די אַפּאַרטהייד־פּאָליטיק

דער פֿאָרזיצער פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון ייִדישע געזעלשאַפֿטן אין דאָרעם־אַפֿריקע מאָריס פּאַרטער האָט דערקלערט, אַז די אָרטיקע ייִדישע געמיינדע האָט פֿאַרורטיילט די אַפּאַרטהייד־פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג און גערופֿן אַקטיוו אַנטקעגנשטעלן זיך דעם ראַסן־האַס.

## טראַדיציאָנעלע ייִדישע קליידונג פֿון מיטלאַלטער

אינעם מוזיי פֿון ייִדישער קונסט אין אַמסטערדאַם איז געעפֿנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פֿון טראַדיציאָנעלער ייִדישער קליידונג אין מיטלאַלטער. די עקספּאָזיציע נעמט אַרום אַן ערך 5130 בילדער און צייכענונגען. אייניקע פֿון זיי זײַנען אויסגעפֿילט דורך באַוווּסטע מײַסטערס פֿון איטאַליע, דײַטשלאַנד, האָלאַנד, שפּאַניע, טערקײַ.

■ ■ ■

# וועגן פאַקטן און געשעענישן

די וויכטיקע נאָטיצן זײַנען גענומען פון דער פּאַריזשער צײַטונג „נײַע פּרעסע", פונעם אָפּטייל „אָפּקלאַנגען".

## העלפט הון, העלפט פערד...

ס׳איז באַקאַנט דער וויץ וועגן דער „ייִדישער אַגענץ" (סאָכנות), וואָס א. דרויאַנאָוו ברענגט, אַגעוו, אין זײַן באַקאַנטן „בוך פון וויץ און שאַרפזין".

ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן די דאָזיקע אַגענץ, וועלכע האָט געזאָלט באַשטיין פון אַ העלפט ציִ־עניסטן און אַ העלפט ניט־ציִעניסטן, האָט איין ציִע־ניסט געפרעגט דעם צווייטן:

— ווי:אזוי ווערט דורכגעפירט די דאָזיקע פאַרטיי־לונג?

— איך וועל עס דיר דערקלערן, — האָט יענער געענטפערט: — עס איז גענוי ווי מיטן וווּרשטן־מאַ־כער. ווען מע האָט אים געפרעגט, פון וואָס פאַר אַ פליי׳ש ער מאַכט זײַנע וווּרשטן, האָט ער געענטפערט: העלפט הון, העלפט פערד. און ווען מע האָט אים ווידער געפרעגט, ווי:אזוי ער פירט אַדורך די פאַר־טיילונג, האָט ער געזאָגט: גאָר פּאַשעט — אַ הון און אַ פערד, אַ הון און אַ פערד...

איבעריק צו פאַרטײַטשן, אַז דער טייל הון — דאָס זײַנען געווען די ניט־ציִעניסטן...

אַנטקעגן וואָס דערמאָנען מיר איצט דעם דאָזיקן וויץ? אַנטקעגן די ייִדישע קאָנגרעסן און צוזאַמענ־פאָרן, וואָס קומען אָפּט פאָר אין ייִסראָעל — ווי, לע־מאָשל, דער „צוזאַמענפאָר פון ייִדישע זשורנאַליסטן" אין ירושאָלאיִם.

אָפיציִעל און פאָרמעל איז עס ניט קיין ציִעני־סטישער צוזאַמענפאָר, נאָר אַ „סטאַם ייִדישער". וויפל אָבער ניט־ציִעניסטן זײַנען געווען צווישן די אָנ־טיילנעמער? אַוואַדע נאָך ווייניקער, ווי דאָס הינער־פליי׳ש בײַ יענעם וווּרשטן־פּראָדוצענט...

## אַ זייער וויכטיקע דעבאַטע אין ייִסראָעל

אַ זייער וויכטיקע דעבאַטע — דערוויסט מען זיך — האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין ייִסראָעל. צווישן וועמען? — צווישן די צוויי הויפּט־ראַבאָנים.

און וועגן וואָס? — וועגן דעם גראָז, וואָס וואַקסט צווישן די שטיינער פון קויסל־האַמאַאראָווי...

יאָ, ס׳איז ניט קיין וויץ.

דאָס גרויסע פּראָבלעם באַשטייט אין פאָלגנדיקס: צי באַדראָעט דאָס גראָז דעם קויסל־האַמאַאראָווי? צי שטעלט עס אין געפאַר די סטאַבילקייט פון די שטיי־נער? און אויב יאָ, מוז מען עס אַרויסרײַסן. אָדער עפשער איז די געפאַר אַן איבערגעטריבענע, און דאַן טאָר מען, כאָלילע, ניט אָנרירן דאָס גראָז...

די ערשטע טעזע וועגן דער געפאַר פון די גראָזן האָבן אַרויסגערוקט אייניקע אינזשעניערן, וועלכע האָבן עס איבערגעגעבן דעם ראָוו דויוו פּערלא, דעם באַופטראָגטן צו היטן די הייליקע ערטער, און יענער האָט, פון זײַן זײַט, אינפאָרמירט דעם הויפּט־ראַבינער גאָרען. דער לעצטער האָט זיך אָבער ניט גערעכנט מיט דער מיינונג פון די ספּעציִאַליסטן און האָט גע־פּאַסקנט, אַז לויט דער „האַלאָכע", לויטן ייִדישן דין, הייסט עס, טאָר מען ניט אַרויסרײַסן די גראָזן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אָבער דער צוויי־טער הויפּט־ראַבינער, אויוואַדי יויסעף, שטיצנדיק זיך אַף דער זעלבער האַלאָכע, געפּאַסקנט דאָס פאַר־קערטע: דאָס גראָז איז אַ געפאַר און מע דאַרף עס אַרויסרײַסן.

וואָס וועט איצט זײַן? ווער וועט האָבן דאָס לעצ־טע וואָרט? אין דערוואַרטונג פון אַן ענדגילטיקן באַ־שלוס קומען דערווײַל פאָר — דערציילט די „ייִטא" — פיבערהאַפטע באַראַטונגען מיט די אַרכיטעקטאָרן, אַג־ראָנאָמען און, נאַטירלעך, קוידעמקאָל אין די ראַבאָ־נישע קרײַזן.

אין אַמאָליקן ביזאַנץ, אין מאָמענט פון די גרעס־טע געפאַרן, האָבן די גײַסטלעכע, ווי באַוווּסט, דע־באַטירט וועגן דעם געשלעכט פון די מאַלאָכים. די ראַבאָנים אין ייִסראָעל האָבן איצט ניט קיין גרעסע־רע זאָרג, ווי פּילפּלען זיך אין רעליגיִעזן דין וועגן די גראָזן פון קויסל־האַמאַאראָווי.

■ ■ ■

# באַגעגענישן מיט מאָטל גרוביאַנען

כאַשעווע רעדאַקציע!

אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור זײַנען די ליטעראַטור און די טעאַטראַלע קונסט שטענדיק געגאַנגען באַנאַנד. מיר, אַן אַרטיסט, וועלכער האָט אָפּגעגעבן דעם טעאַטער עטלעכע צענדליק יאָרן, איז אויסגעקומען צו זײַן אַן אייִדעס פון דער גרויסער שעפערישער פרײַנטשאַפט צווישן אַקטיאָרן און שרײַבער. וועגן דעם קאָן מען אַ סאַך דערציילן, נאָר הײַנט וויל איך זיך באַנוגענען מיט אייניקע עפּיזאָדן, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צום טאַלאַנטפולן דיכטער מאָטל גרוביאַן.

און געווען איז דאָס אַזוי.

אין 1929 האָט זיך אין כאַרקאָוו געגרינדעט אַ טעאַטער פון קליינע פאָרמען — „געזקולט”. צווישן די גרינדער זײַנען געווען אַזעלכע אָנגעזעענע קולטור־טוער, ווי הענעך קאַזאַקעוויטש, אויזער האָלדעס, לייב מישקאָווסקי און אַנדערע. אָנגעפירט מיטן טעאַטער האָט טעוויע ליוקסעמבורג, און דער אַנסאַמבל איז באַשטאַנען פון יונגע אַרטיסטן: ריווע רופינע, זאַכאַר יאַגאָדע, איליאַ כאַליף, שימען פאָיאַס, ראָזע ראַשקאָווע, געניע צינגער, מוישע פורמאַן און אַ סאַך אַנדערע.

די פּראָגראַם פונעם טעאַטער האָט זיך געבויט אויף די ווערק פון באַוווּסטע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און אויך פון דער שעפערישער יוגנט. זי האָט אײַנגעשלאָסן לידער, פּאָעמעס, באַלאַדעס פון פּערעץ מאַרקיש, איציק פעפער, דאָוויד האָפשטיין, מוישע כאַשטשעוואַצקי און פון די יונגע — יאָסל קאָטליאַר, עמע קאַזאַקעוויטש, מאָטל גרוביאַן, פײַוול סיטאָ. שוין די ערשטע פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, באַזונדערס די אָראַטאָריע „רויטע קאַוואַלעריע” אין דער אויספילונג פונעם גאַנצן אַנסאַמבל.

טאַקע אָט דער טעאַטער האָט זייער באַפרײַנדעט די אַרטיסטן מיט די שרײַבער. די שרײַבערישע יוגנט איז געווען בא אונדז קימאַט אויף אַלע רעפּעטיציעס און ספּעקטאַקלען און אין די פרײַע אָוונטן. זיי זײַנען געווען אונדזערע קריטיקער און אָפּשאַצער, און ניט איין מאָל פלעגן פאָרקומען הייסע שעפערישע דיסקוסיעס.

איינער פון די דאָזיקע באַשטענדיקע אַרײַנגייער איז געווען מאָטל גרוביאַן. אינעם פּריוואַטן לעבן האָט ער ליב געהאַט אַ וויץ, אַן אַנעקדאָט, און ניט איין מאָל פלעגן מיר קײַכן פון געלעכטער, הערנדיק זײַנע שפּאַסן. ווען אָבער ס'איז געגאַנגען אַ רייד וועגן ליטעראַטור און טעאַטער, פלעגט מאָטל ווערן זייער ערנסט. ליטעראַטור, פּאָעזיע איז פאַר אים ניט געווען קיין זאַך אויף שפּאַסן, ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז צו קונסט דאַרף מען זיך באַציִען מיט דער גאַנצער שטרענגקייט. שפּאַרנדיק זיך מיקויעך פראַגן פון קונסט און ליטעראַטור, פלעגט ער מיט מעסירעסנעפעש פאַרטיידיקן זײַן שטאַנדפּונקט, און דערפאַר האָט ער געהאַט אין אונדזער קרײַז אַ שעם פון אַ „קײַסן”.

אין מעשעך פון צוויי יאָר האָט אונדזער „געזקולט” געשאַפן עטלעכע פּראָגראַמען מיטן אָנטייל פון דער שרײַבערישער יוגנט, און די גאַנצע צײַט איז מאָטל גרוביאַן געווען איינער פון אונדזערע באַשטענדיקע פאַרערער. זיך צעשיידט מיט אים האָבן מיר, ווען דער „געזקולט” איז אַרויסגעפאָרן אויף גאַסטראָלן איבער די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע.

אין 1932 בין איך אַריבערגעגאַנגען אַרבעטן אין דער אָדעסער עסטראַדע אַלס קינסטלערישער פאָרלעזער. מיר איז אַ שאָד געווען זיך איינגאַנצן געזעגענען מיט די יונגע כאַרקאָווער שרײַבער. אָבער ס'האָט אַזוי פּאַסירט, אַז אויך קיין אָדעס איז געקומען זייערע אַ גאַנצע גרופּע און צווישן זיי — מאָטל גרוביאַן.

איצט האָט ער שוין אויסגעזען אַ סאַך „סאָליידער”, ווי אין אָנהייב פון אונדזער „געזקולט”. מאָטל איז שוין געווען אַ דיכטער מיט אַן אייגענעם נאָמען אין דער ליטעראַטור. אין אָדעס האָט ער זיך געלערנט אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, און ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַהין געקומען, האָב איך גלײַך דערזען, אַז אויך דאָ, צווישן די סטודענטן און לערער, איז ער אַ היימישער מענטש און אַלע האַלטן פון אים אַ וועלט.

מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן אין אָדעסער ייִדישן קולטור־הויז. אויך אַזוי, ווי אין כאַרקאָוו, האָט זיך אין דער פּרעכטיקער דאָרעם־שטאָט אָנגעקליבן אַ היפּשע שעפערישע יוגנט: נאָטע לוריע, אײַזיק הורבערמאַן, אירמע דרוקער, כאָנע ווײַנערמאַן, שמועל העלמאָנד, שלוימע לאָפּאַטע, פײַוול סיטאָ — מערסטנטייל סטודענטן פונעם אינסטיטוט.

באַזונדערס אינטערעסאַנט זײַנען געווען די ליטעראַרישע אָוונטן, אויף וועלכע עס פלעגן אָפט קומען געסט פון אַנדערע שטעט — שרײַבער פון קיִעוו, מינסק, מאָסקווע. מע פלעגט אַרויסטרעטן מיט פאָרלעזונגען פון נײַע ווערק, דערנאָך אָרגאַניזירן דיסקוסיעס, קאָנצערטן.

מאָטל האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין אָוונט. ער פלעגט לייענען זײַנע לידער, נאָר מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט אַרויסטרעטן אויף די דיספּוטן. גערעדט

האָט ער שאַרפזיניק, אָביעקטיוו, קיינעם ניט געשוינט, ווען ער איז ניט מאַסקים געווען מיט דעם אָדער יענעם שרײַבער. און קיינער האָט אף אים קיין פאַריבל ניט געהאַט, ווען ער האָט זיך געהיצט, אַפילע געקריגט זיך אַרום אַ וויכטיקער פראַגע.

דאָס דריטע מאָל האָבן זיך אונדזערע שעפערישע וועגן איבערגעקרייצט אין מינסק, וווהין מאָטל איז אַריבערגעפאָרן נאָכן פאַרענדיקן דעם אָדעסער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט און שוין דאָרטן פאַרבליבן ביז דער מילכאָמע.

איך בין געקומען קיין מינסק אף גאַסטראָלן מיט קאָנצערטן פון קינסטלערישע פאָרלעזונגען, און, ווי דער שטייגער איז, גלײַך זיך גענומען באַקאַנען מיט די אָרטיקע ייִדישע שרײַבער. פונקט ווי אין כאַרקאָוו און אין אָדעס, האָבן די שרײַבער געלעבט אין מינסק ווי איין שעפערישע מישפּאָכע. מאָטל גרוביאַן איז שוין געווען אַ באַוווּסטער דיכטער, און ווען כ׳האָב זיך געטראָפן מיט די אַרטיסטן פונעם ווײַסרוסלענדישן ייִדישן טעאַטער, צווישן וועלכע איך האָב געהאַט אַ סאַך פרײַנט, האָבן זיי אַלע וועגן אים גערעדט מיט אָפּשײַ, געלויבט זײַן פּאָעזיע, אָפּטמאָל ציטירט אף אויסווייניק זײַנע לידער. און ביכלאַל האָבן זיי פון אים געהאַלטן ווי פון אַ גוטן, האַרציקן מענטשן.

אין מינסקער שרײַבער־הויז האָב איך געגעבן אַ ספּעציִעלן קאָנצערט פאַר די דאָרטיקע שרײַבער. אַכוץ זיי, איז געווען אַ היפּשער אוילעם אַרבעטער, ליבהאָבער פון ליטעראַטור. ווי היימיש האָב איך זיך דעמלט געפילט, זעענדיק, אַז אין זאַל זיצן איזי כאַריק, מוישע קולבאַק, מוישע טייף, לייזער קאַצאָוויטש, אײַזיק פּלאַטנער, ריווקע רובין, ייִסראָעל סערעבריאַני — און, געוויינלעך, ער, מײַן גוטער כאַווער מאָטל גרוביאַן.

נאָך מײַן אַרויסטרעטונג איז פאָרגעקומען אַ מיינונג־אויסטויש, און ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אַ דיסקוסיע.

איך האָב דעמלט איבערגעלעבט אַ נײַעם שעפערישן אופשטײַג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אופבלי פון דער קינסטלערישער פאָרלעזונג אַלס זשאַנער. דאָס איז געווען בא מיר אַ פּרווו צו דערפירן צום צושויער דאָס געשטאַלט פונעם שרײַבער אַלס קינסטלער, אַלס מײַסטער ניט דורך באַזונדערע ווערק, נאָר דורך גאַנצע קאָמפּאָזיציעס. קיין מינסק האָב איך געבראַכט קאָמפּאָזיציעס פון איזי כאַריקס „קײַלעכדיקע וואָכן”, פּערעץ מאַרקישעס „אַנשל דער זשעליאַזניק” און שלוימע לאָפּאַטעס „צוויי מאָל געבוירן” (וועגן דעם ווײַסיאַמישן קאַנאַל).

אָט די פרײַע קאָמפּאָזיציעס האָבן אַרויסגערופן קאָלערליי, אָפּט דיִאַמעטראַל־ווידערשפּרעכיקע מיינונגען. אייניקע אָנטיילנעמער פון דער דיסקוסיע האָבן אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן מײַן נײַע אַרבעט, אַנדערע האָבן זי געלויבט ביזן הימל אַרײַן. צווישן די, וואָס האָבן פאַרטיידיקט מײַן קינסטלערישע אינטערפּרעטאַציע, זײַנען געווען איזי כאַריק, מוישע טייף און מײַן כאַווער מאָטל גרוביאַן! ביז איצט געדענק איך זײַן פײַערדיקע אַרויסטרעטונג, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפילט אַ הייסע פאַרינטערעסירטקײַט און פאַרשטאַנד.

דערנאָך זײַנען געווען באַגעגענישן אין מאָסקווע שוין נאָך דער מילכאָמע, ווען איך פלעג קומען אף גאַסטראָלן צוזאַמען מיט סידי טאַלס אַנסאַמבל. מאָטל גרוביאַן, איינער פון די אָנגעזעענסטע דיכטער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, איז פאַרבליבן, ווי פריִער, דער זעלבער אופריכטיקער און האַרציקער מענטש. און אונדז איז געווען זייער אָנגענעם זיך צו דערמאָנען כאַרקאָוו, אָדעס, מינסק — אונדזערע ביידנס יוגנט־יאָרן און שעפערישע מיטאַרבעט.

איליאַ כאַליף, קיִעוו

## לידער, פאַרשריבענע אין געטאָ

**כאָשעווע רעדאַקציע!**

דאָ ניט לאַנג האָב איך דורכגעקוקט מײַנע אַלטע, פאַרגעלטע פּאַפּירלעך פון די מילכאָמע־יאָרן און זיך אָנגעשטויסן אף עטלעכע לידער, וועלכע איך האָב פאַרשריבן, זײַענדיק אין געטאָ. מיר איז שווער אָפּצושאַצן די ליטעראַרישע ווערט פון אָט די לידער. איך מיין, אַז זיי זײַנען אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכט. זייערע אווטאָרן זײַנען ניט באַוווּסט. נאָר אַלס דאָקומענט פון יענע שוידערלעכע יאָרן, האַלט איך, דאַרפן זיי ניט פאַרגעסן ווערן.

אויב איר האָט אַ מעגלעכקײַט און געפינט, אַז דאָס איז נייטיק, בעט איך זיי אָפּדרוקן אין אונדזער זשורנאַל.

מוישע צימקינד, מאָלאָדעטשנאָ, מינסקער געגנט

פון רעדאַקציע. מיר דרוקן דרײַ פון די לידער, וועלכע ס׳האָט אונדז צוגעשיקט דער כ׳ צימקינד.

### מײַן ליבסטע היים

מײַן ליבסטע היים, איך מוז דיך הײַנט פאַרלאָזן,
ווער ווייסט, צי איך וועל דיך נאָך איינמאָל זען.
מײַן קליין ליב שטעטל, ווו איך בין געבאָרן,
ביסט סײַ אין פרייד, אין לייד מיט מיר געווען.

דער בייזער היטער פירט שוין אונדז אין לאַגער,
אַרומגעצוימט איז ער מיט הויכן דראָט,
ער טוט מיך לייגן אף די האַרטע נאַרעס,

ער שלאָגט און שרײַט: „אָט דאָס דײַן היים איז, יוד!”

אין פײַכטן צימער, ווו מיר אַלע זײַנען,
פון ווענט עס קאַפּען טראָפּנס וואַסער פּיל,
און יעדער איינער אין זײַן פינצטער ווינקל
פאַרשמאַכט דאָרט מורמלט, וויינט דאָרט אין דער שטיל.

## פּאָנאַר

שטילער, שטילער, לאָמיר שווײַגן —
קוואָרים וואַקסן דאָ.
ס׳האָבן זיי פאַרזייט די סאָנים —
גרינען זיי ביז בלאָ.

ס׳פירן וועגן צום פּאָנאַר,
ס׳פירט קיין וועג צוריק.
ס׳איז פאַרשוווּנדן אויך מײַן טאַטע,
און מיט אים דאָס גליק.

— ווײַן ניט, קינד מײַנס, וויין ניט איצטער,
ס׳העלפט ניט קיין געוויין:
ס׳וועלן סאָנים דײַנע טרערן
סײַווי ניט פאַרשטיין.

## זײַט ניט אָפּהענטיק, ברידער!

שטיל קומט אום דער אומבאַשיצטער,
אַלע שרײַען: — שאַ,
ס׳איז אַ דאָר אַ בייזער איצטער,
ס׳איז אַ צײַט אַזאַ.

ס׳ציִען כמאַרעס, שוואַרצע כמאַרעס
איבער באַרג און טאָל.
דאָ — אַ האָמאָן, דאָ אַ פּאַרעאָ,
ערגער ווי אַמאָל.

און די אייגענע פאַרעטער
רייצן אויף די וועלט —
בלײַבט דאָס פאָלק אַזוי ווי בלעטער
און ווי היי אין פעלד.

זײַט ניט אָפּהענטיק, איר, ברידער.
ביז ס׳איז דאָ די פאָן,
קאָלזמאַן טוט אַ פונק נאָך פינקלען —
ליכטיק זײַן נאָך קאָן.

איידער אומקומען — איז בעסער
העלדיש צו פאַרגיין.
אויסשטרעקן דעם האַלדז צום מעסער?
ניין! און ניין! און ניין!

## דער פרײַנט פונעם גרויסן פילאָסאָף

טײַערע כאַווײרים פון רעדאַקציע!

איך בעט אָפּדרוקן מײַנע פאַרנאָטירונגען וועגן אַן אינטערעסאַנטן היסטאָרישן פאַקט.

אַ סאַך ביכער זײַנען אָנגעשריבן וועגן דעם גרויסן אוקראַיִנישן פילאָסאָף פון 18־טן יאָרהונדערט גריגאָרי סקאָוואָראָדאַ. אָבער ניט אַלץ איז ביז איצט קלאָר, ניט אַלץ איז אויסגעפאָרשט סײַ וועגן זײַן ביִאָגראַפיע, סײַ וועגן זײַן שאַפונג.

אָט, לעמאָשל, איז ווייניק וואָס באַוווּסט וועגן דער פרײַנטשאַפט פון גריגאָרי סקאָוואָראָדאַ מיטן מעדשיבאָזשער ייִדן וולאַדימיר קאַליגראַף (וואַסילי קריזשאַנאָווסקי), איינעם פון די מערקווירדיקסטע מענטשן אין יענער צײַט.

דער ערשטער, וואָס האָט ווירדיק אָפּגעשאַצט די דאָזיקע פרײַנטשאַפט און געשריבן וועגן דעם, איז געווען זייער כאַווער און מיטצײַטלער מיכאַיִל קאָוואַלענסקי. אויך אין אייניקע אַנדערע, איצט שוין לאַנג פאַרגעסענע קוואַלן ווערט וועגן דעם דערמאָנט.

איך האָב געפּרוּווט צונויפזאַמלען די קאַרגע ידיִעס וועגן קאַליגראַפן און זיי סיסטעמאַטיזירן. און אָט וואָס ס׳האָט זיך באַ מיר באַקומען.

וולאַדימיר קאַליגראַף איז געבוירן געוואָרן, ווי געזאָגט, אין מעדזשיבאָזש אין 1716. אין יענער צײַט האָבן אַף פּאָדאָליע (מעדזשיבאָזש איז געווען אַ שטאָט אין פּאָדאָליער וואָיעוואָדסטווע) געהערשט די פּוילישע מאַגנאַטן. ווי זיי האָבן אַליין זיך מודה געווען, איז אָט די ערד געווען „אַ גאַניידן פאַר די פּאַנעס און אַ גיהנעם פאַרן פּראָסטן פאָלק״. דער פּוילישער שרײַבער פון 18־טן יאָרהונדערט טרענטאָווסקי האָט געשריבן: „יעדער האָרעפּאַשנער מענטש באַ אונדז איז אַ קנעכט און שקלאַף. אויב אַ פּאַן האַרגעט אַ מענטשן, רופט עס אַרויס אַ צאָרן ניט מער, ווי ער וואָלט דערהאַרגעט אַ הונט״.

דאָס לעבן פון דער שטאָטישער אָרעמשאַפט — אוקראַיִנער און ייִדן — האָט זיך מיט גאָרנישט ניט אונטערשיידט פונעם לעבן פון די לײַבאייגענע. ניט־קאַטוילישע בירגער האָבן ניט געהאַט קיין רעכט אַרײַנטרעטן אין די האַנטווערקער־צעכן, וווינען אין צענטער פון דער שטאָט, אַרבעטן בײַס די קאַטויליִשע כאָגעס. זיי האָבן געמוזט צאָלן אומגעהײַערע שטײַערן. אַפילע מעקאַבער זײַן דיסעדענטן (ניט־קאַטוילִיקער) איז דערלויבט געווען בלויז באַנאַכט. און אויסער די פּוילישע מאַגנאַטן, זײַנען דאָך סײַ באַ די אוקראַיִנער און באַ די ייִדן נאָך געווען „אייגענע״ בלוטזויגער.

אָט אין אַזאַ צײַט האָט געלעבט וולאַדימיר קאַליגראַף, וואָס זײַן עמעסן נאָמען ווייסן מיר ניט. מיר ווייסן ניט, ווער עס זײַנען געווען זײַנע עלטערן און צו וועלכער סוויווע האָבן זיי געהערט. ס׳איז ניט באַ־

ווּסט, ווּ ער האָט באַקומען די אָנפאַנג־בילדונג. אין מעדזשיבאָזש זײַנען געווען אַן אוקראַיִנישע און פּוילישע שולן, נאָר זיי זײַנען געווען אין די הענט פון די גײַסטלעכע, פונעם באַלעבאָס פון דער שטאָט גראַף סיניאַווסקי, און פאַר ייִדישע קינדער זײַנען די טירן פון די דאָזיקע שולן געווען פאַרמאַכט. ווײַזט אויס, אַז דער דראַנג נאָך וויסן איז געווען באַם קינפטיקן פילאָסאָף אַזוי גרויס, אַז ער איז געצוווּנגען געווען זיך צו שמדן.

פון אים האָבן זיך אָפּגעקערט אַלע אייגענע און באַקאַנטע, ראַבאָנים האָבן אים אַרײַנגעלייגט אין כיירעם. אונטערן נאָמען וואַסילי קריזשאַנאָווסקי דערקלײַבט ער זיך קיין קיִעוו. דאָס איז אויך געווען ניט לײַכט. פונעם 1654 איז קיִעוו שוין געווען אײַנגעשלאָסן אין באַשטאַנד פון רוסלאַנד. דורך דער מעלוכע־גרענעץ האָט מען געדאַרפט זיך דורכשמוגלען בעסאָד־סוידעס.

קריזשאַנאָווסקי האָט געהאַט אין אויג די קיִעווער אַקאַדעמיע, וועלכע האָט שוין צו יענער צײַט געגעבן הויכע בילדונג. דאָ האָבן זיך געלערנט יונגעלײַט פון 14 לענדער, און וואַסילי איז געווען דער ערשטער ייִד, ווען ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן איבערצוטרעטן די שוועל פון דער אַקאַדעמיע. טאַקע דאָ האָבן זיך באַקאַנט און זיך באַפרײַנדעט די פרײַדענקער — דער אוקראַיִנער גריגאָרי סקאָוואָראָדאַ און דער ייִד וואַסילי קריזשאַנאָווסקי.

אינעם 1745/46־טן לערניאָר איז וואַסילי שוין אַליין געווען אַ לערער אין די אָנפאַנג־קלאַסן פון דער אַקאַדעמיע, דערנאָך האָט ער אונטערריכט רעטאָריק אין די עלטערע קלאַסן.

פאַרבלײַבן אַף שטענדיק אין דער אַקאַדעמיע האָט מען געקאָנט בלויז מיט איין טנײַ — ווערן אַ מאָנאַך. אַזוי האָט געפאָדערט דער דין. און וואַסילי גייט אײַן אויך אַף אָט דעם זעלבסטאָפּפער. מע גיט אים אַ נײַעם נאָמען — וולאַדימיר קאַליגראַף, און אונטער דעם דאָזיקן נאָמען גייט ער אַרײַן אין דער געשיכטע.

פון דעמלט אָן געפינט זיך דער גוירל פונעם געלערנטן־מאָנאַך פולשטענדיק אין די הענט פונעם קלויסטער־סינאָד. דער פאַטריאַרך פון „ווסיעיאַ רוסי״ האָט באַפוילן, דער קיִעווער מיטראָפּאָליט זאָל צושיקן קיין מאָסקווע די בעסטע, די טאַלאַנטפולסטע לערער. און ווי דער מיטראָפּאָליט האָט ניט געוואָלט זיך צעשיידן מיט וולאַדימיר קאַליגראַפן, האָט ער דאָס געמוזט טאָן. דעם 30 דעקאַבער 1754 איז קיין מאָסקווע אַוועק אַ פּאַפּיר, אַז די אַקאַדעמיע שיקט דעם לערער פון רעטאָריק דעם ייִעראָמאָנאַך וולאַדימיר קאַליגראַפן אין דער מאָסקווער סלאַוויש־גריכיש־לאַטײַנישער אַקאַדעמיע. דער מיטראָפּאָליט האָט בלויז פאַרשוויגן, אַז דער זעלבער קאַליגראַף איז אַ לײַדנשאַפטלעכער אָנהענגער פון לייבניצן. צוזאַמען מיט וולאַדימירן האָט זיך געלאָזט קיין מאָסקווע אויך דער טאַלאַנטפולער פריידיקער באַראַנאָוויטש.

אין די לעצטע טעג ערעוו דעם אָפּפאָר קיין מאָסקווע האָבן די וועגן פון גריגאָרי סקאָוואָראָדאַ און וולאַדימיר קאַליגראַף זיך ווידער איבערגעקרייצט. די מאַטעריעלע און מאָראַלישע לאַגע פונעם אוקראַיִנישן פילאָסאָף איז דעמלט געווען זייער אַ שווערע. דאָס לעצטע יאָר האָט ער געאַרבעט אַלס דערציִער אין הויז פונעם אוקראַיִנישן פעאָדאַל טאָמאַר, אַ שרעקלעכן עקספּלואַטאַטאָר. דער הויז־לערער האָט איבערגעטראָגן גענוג צאָרעס און דערנידעריקונגען מיצאַד דעם הויכגעשטעלטן סראָרע, אָבער וואַרפן די אַרבעט האָט ער ניט געקאָנט, ביז מע האָט אים סאָפּקאָלסאָף אַרויסגעטריבן, און ער איז געבליבן ווי אַפן וואַסער.

און סקאָוואָראָדאַ האָט אויסגענוצט די געלעגנהײַט אַוועקפאָרן קיין מאָסקווע צוזאַמען מיט זײַן פרײַנט קאַליגראַף.

דעם 29 דעקאַבער 1754 האָט די מיטראָפּאָליטישע קאַטעדרע פון דער קיִעווער אַקאַדעמיע, „נעמענדיק אין אַכט די אומגערעטעניש אַף ברויט און היי״, אַרויסגעגעבן קאַליגראַפן אַף וועג־הויצאָעס 40 רובל.

פון 1755 איז שוין דער געוועזענער מעדזשיבאָזשער ייִד אַ פּרעפעקט פון דער מאָסקווער אַקאַדעמיע, ווּ ער לייענט אַ קורס פון פילאָסאָפיע.

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס קאַליגראַף איז מאַטעריעל גוט באַזאָרגט, אַרומגערינגלט מיט קאָוועד, פאַרנעמט אַ הויכע שטעלע, פאַרוואַנדלט ער זיך ניט אין אַן אונטערטעניקן קנעכט פונעם קלויסטער. ער פאַרבלײַבט טרײַ די פּרינציפּן פון פרײַדענקערישקײַט און ווערט באַוווּסט ווי איינער פון די פּראָגרעסיטנסטע פילאָסאָפן פון זײַן צײַט. דאָס איז געווען אַ העלדישקײַט פון זײַן זײַט — די פרײַדענקער האָבן געליטן פון שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען מיצאַד דעם קלויסטער.

פון דער הויכער קאַטעדרע קלינגען אָפּט אַזעלכע אידייען, וואָס פאָרן זיך ניט מיט דער לערע פונעם קלויסטער און מיט די זיטן פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. קאַליגראַף ווערט געשטעלט פאַרן קלויסטער־געריכט, נאָר מע האַלט עס בעסאָד: די גײַסטלעכע סראָרעס קאָנען ניט דערלאָזן, אַז די עפנטלעכקײַט זאָל זיך דערוויסן וועגן דער „ווידערשפּעניקײַט״ פונעם געלערנטן. ס׳איז בלויז באַוווּסט, אַז לויטן אורטייל האָט מען אים פון מאָסקווע אַרויסגעשיקט קיין וועליקי אוסטיוג, נאָר דערבײַ איבערגעלאָזט פאַר אים דעם סאַן, און אין משך פון אַ יאָר איז ער געווען אַרכימאַנדריט פון דעם אַרכאַנגעלסקן מאָנאַסטיר.

אין האַרבסט 1759 דערלויבט מען אים זיך אומקערן נעענטער צו מאָסקווע און מע באַשטימט אים אַלס אַרכימאַנדריט פונעם ספּאַסקער מאָנאַסטיר אין יאַראָסלאַוול. אַף דעם פאַרלירן זיך די שפּורן פון סקאָוואָראָדאַס פרײַנט, דעם מעדזשיבאָזשער ייִדן וולאַדימיר קאַליגראַף.

טאַמאַרע סיס, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק

# דאָס איז טשיקאווע

## לענינס באליבטע לידער

די פוילישע ארבעטער האָבן בעשײַטע געשאפן ניט ווייניק פרעכטיקע רעוואָליוציאָנערע לידער, וועלכע מע זינגט ביז הײַנט אין א סאך לענדער. צווישן זיי טיילט זיך אויס דער אלטער רעוואָליוציאָנערער הימן „ווארשאווריאנקע״.

וולאדימיר איליטש לענין האָט זייער ליב געהאט די פוילישע ארבעטער־לידער. לענינס שוועסטער אנא איליניטשנא אוליאנאָווא־יעליזאראָווא דערציילט אין אירע זיכרוינעס: „לענין פלעגט זינגען און די שוועסטער פלעגט צוקלײַבן פאר אים אף דער פאָרטעפיאנע מאָטיוון פון פוילישע רעוואָליוציאָנערע לידער, וועלכע לענין האָט געהערט פון פארשיקטע פוילישע ארבעטער. זינגען פלעגט ער אמאָל אף פויליש, אמאָל אין א רוסישער איבערזעצונג.

דאָס זײַנען געווען די לידער „ווילדעוועט, טיראנען״, „פײַנטלעכע ווירבל־ווינטן״, „די רויטע פאָן״. איך געדענק ווי איצט, ווי וואָלאָדיע פלעגט שפאנען איבער אונדזער קליינינקן עסצימער און זינגען מיט באגײַסטערונג:

און דער קאָליר פון דער פאָן איז רויט,<br>ווײַל אף איר זעט זיך ארבעטער־בלוט[1].

ער איז געווען אנציקט פון די רעוואָליוציאָנערע לידער פון די פוילישע ארבעטער, ער פלעגט זאָגן, אז אזעלכע לידער דארף מען שאפן אויך פאר רוסלאנד״.

די ליד „ווארשאוויאנקע״ האָט פארפאסט דער פוילישער סאָציאַליסט וואצלאוו סווענציצקי. אומגעקערט זיך פון דער סיבירער פארשיקונג, האָט סווענציצקי אָפּגעדרוקט דעם טעקסט פון „ווארשאוויאנקע״ אין דעם אומלעגאלן פוילישן זשורנאל „פראָלעטאריאט״ (1883, נומ. 1). אף רוסיש האָט די ליד איבערגעזעצט (אין 1897) לענינס נאָענטער מיטקעמפער, דער געלערנטער גלעב קרזשיזשאנאָווסקי, וועמען לענין פלעגט אָפט רופן „מײַן פרײַנט דער דיכטער״.

די געשיכטע פון דער איבערזעצונג איז אזא.

אין סאָף 1895 האָט די צארישע אָכראנקע ארעסטירט א גרופע אָנגעזעענע טוער פונעם „פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרײַונג פונעם ארבעטער־קלאס״, צווישן זיי קרזשיזשאנאָווסקין, וואנייעוון, סטארקאָוון און אנד. מע האָט זיי פארמישפּעט אף פארשיקונג קיין מיזרעך־סיביר. דער עטאפּ־פונקט פון אָט דער גרופע איז געווען די טרויעריק בארימטע בוטירקער טורמע אין מאָסקווע. אין ארעסטקאמער האָט קרזשיזשאנאָווסקי זיך באגעגנט מיט די ארעסטירטע פוילישע רעוואָליוציאָנערן.

„די פּאָליאקן, — שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס דער אלטער באָלשעוויק פּ. נ. לעפּעשינסקי, — האָבן באקאנט געמאכט זייערע רוסישע כאוויירים מיט א סאך פוילישע רעוואָליוציאָנערע געזאנג־לידער, און „אונדזער אייגענער פּאָעט״ גלעב קרזשיזשאנאָווסקי האָט פארפאסט פאר זיי די אנטשפרעכיקע טעקסטן אָדער אף פויליש אָדער אף רוסיש. דאָס האָט ער טאקע אָנגעשריבן אפן מאָטיוו פונעם פּאטריאָטישן פוילישן הימן „ווארשאוויאנקע״ די ליד „פײַנטלעכע ווירבל־ווינטן בלאָזן איבער אונדז״, וועלכע איז געוואָרן ברייט פּאָפּולער״.

קרזשיזשאנאָווסקי דערציילט, ווי דער רוסישער טעקסט פון „ווארשאוויאנקע״ האָט באקומען זײַן שלאכט־קרייצונג:

„עס איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען מע האָט אונדז באדארפט אָפּשיקן קיין סיביר. בא דער טיר פון דער קאמער האָבן מיר אוועקגעשטעלט אבראמאָוויטשן, א יונג א גיבער. מיר האָבן זיך פארזאמלט ארום אים אין א קרײַז און גענומען זינגען... די קלאנגען פון דער מעכטיקער ליד האָבן זיך צעטראָגן איבער דער בוטירקער טפּיסע. די נאדזיראטעלעס האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו אונדזער קאמער, געוואָלט עפענען די טיר. זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט בײַקומען די אײַזערנע גווורע פון אונדזער וועכטער אבראמאָוויטש״.

א ברייטע פארשפרייטונג האָט באקומען די „ווארשאוויאנקע״ בייס דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע — אין 1905. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט די „ווארשאוויאנקע״ פארנומען א בעקאָוועדיק אָרט צווישן די אינטערנאציאָנאלע לידער, וועלכע מע האָט געזונגען אין די לענדער פון צענטראל־ און מיזרעך־אייראָפּע, אויך אין אנדערע לענדער פון דער וועלט. אָפט האָט די „ווארשאוויאנקע״ געקלונגען אף די דעמאָנסטראציעס פון די פראנצויזישע ארבעטער, די דאָזיקע ליד האָבן ליב די ענגלישע ארבעטער, די פּראָלעטאריער פון די סקאנדינאווער לענדער און אנד.

י. גינעווסקי

---

[1] А колер штандар червоны<br>Бо на ним работникув крев.

# פאַרשיידנס

## אלץ ווייניקער צושויער

די פראַנצויזישע קינאָ גופינט זיך אין א קריטישער לאגע. אזא מיינונג האָט דאָ ניט לאנג צוריק ארויסגעזאָגט דער נאַציאָנאַלער צענטער פון דער פראַנצויזישער קינעמאַטאָגראַפיע. כאָטש די צאָל ארויסגעלאָזטע קינאָ־פילמען איז ניט קלענער, ווי פאַראַיאָרן, ווערט אָבער די צאָל צושויער אין די קינאָ־זאַלן אלץ ווייניקער. דער באזוך פון די קינאָ־טעאַטערן, ווו עס ווערן דעמאָנסטרירט פראַנצויזישע פילמען, איז געפאַלן אַף 11 פּראָצענט.

די ספּעציאַליסטן זעען איין די סיבע פון אָט דער דערשיינונג אין דעם, וואָס עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פון די אזויגערופענע „עראָטישע" פילמען. צום ביישפּיל, דריי און צוואַנציק פּילמען פון די 80, וואָס זיינען ארויסגעלאָזט געוואָרן פאַר דער ערשטער העלפט פון 1974 יאָר, טראָגן אַן אויסגעשפּראָכן פאָרנאָגראַפישן כאַראַקטער.

## צו דער געשיכטע פונעם רוסישן קאַלענדאַר

עלעמענטן פונעם קאַלענדאַר, וואָס פירט דעם כעשובן פון די טעג אין יאָר, טרעפן מיר אין די היסטאָרישע קוועלן פונעם אַלטערטימלעכן רוסלאַנד. אלס דאָס ערשטע ספּעציעלע ווערק אין געביט פון דער רוסישער כראָנאָלאָגיע איז אָנגענומען צו רעכענען די אזויגערופענע „כראָנאָלאָגישע אַרטיקלען" פונעם נאָווגאָראָדער טוישעוו קיריק (XII יה.). אין XV יה. איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דער „קרייז פון וועלט־באַשאַף" («Круг миротворный»), אין וועלכן עס ווערן אין XVI יה. איינגעשלאָסן א גרויסע צאָל פראַגן, וואָס האָבן א שייכעס צום קאַלענדאַר: וועגן זון־יאָרן און איבעריאָרן, וועגן די פיר צייטן פון יאָר, וועגן כאָדאָשים אאוו.

אין XVI—XVII יה. ווערן פאַרשפּרייט פון דער האַנט געשריבענע קאַלענדאַרן־אַלמאַנאַכן. געדרוקטע קאַלענדאַרן באַווייזן זיך אין אָנהייב XVIII יאָרהונדערט. ברייט באַוווּסט איז געווען דער אזויגערופענער „בריוסאָוו־קאַלענדאַר" (דאָס ערשטע מאָל דערשינען אין 1709 יאָר), וואָס איז באַשטאַנען פון 6 באזונדערע בויגנס. אין די ווייטערדיקע יאָרן איז ער א סאך מאָל ארויסגעלאָזט געוואָרן אין נייע אופלאַגעס.

היינט־צו־טאָג ווערן ארויסגעגעבן זייער א סאך קאַלענדאַרן. אפּן 1975 יאָר, לעמאָשל, האָט דער פאַרלאַג פאַר פּאָליטישער ליטעראַטור ארויסגעלאָזט עלף פאַרשיידענע קאַלענדאַרן מיט אן אַלגעמיינעם טיראַזש פון העכער 41 מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

---

## דעלפינען — לאַצמאַנען

די וווּנדערלעכע גוטפריינטשאַפט פון דעלפינען צום מענטשן איז נאָכאַמאָל דערוויזן געוואָרן בייס די פּאַראַיאָריקע האַרבסט־פאַרמעסטונגען פון קרייסער־יאַכטעס אַפּן שוואַרצן יאַם.

דער לידער פון דער רעגאַטע — די יאַכטע „אַרקטורוס" האָט אינדערפינצטער פאַרלאָרן דעם אָריענטיר.

— און דאַן איז פאָרגעקומען אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך, — דערציילט דער קאַפּיטאַן א. באָוושיק. — דעם וועג האָבן אונדז איבערגעשניטן צוויי דעלפינען, ווי זיי וואָלטן אונדז געוואָרנט פון א צוזאַמענשטויס מיטן ברעג, וועלכן מיר האָבן אינדערפינצטער ניט געזען. די דעלפינען זיינען צוגעשווווּמען האַרט צום באָרט, דערנאָך האָבן זיי פאַרקערעוועט אין דער זייט פונעם אָפענעם יאַם, ווי ווייזנדיק אונדז, וווּהין מיר דאַרפן האַלטן דעם וועג. מיר האָבן באַוויזן אויסמיידן דעם זאַמדבאַנק אין דער סאַמע לעצטער מינוט.

אי. מירסקי („איזוועסטיא")

## די רעסטאַווראַציע פון רעמבראַנדטס א בילד

אין דער נייער עקספּאָזיציע פונעם מעלוכע־מוזיי פון פּלאַסטישער קונסט אַף פּושקינס נאָמען ווערט נאָך דער רעסטאַווראַציע באַוויזן רעמבראַנדטס באַוווּסט בילד „אַכאַשווירעש, האַמאָן און עסטער".

בילדער, ווי מענטשן, פאַרמאָגן זייערע גורלאָלעס. פון דער „ביאָגראַפיע" פון אָט דעם רעמבראַנדטס ווערק איז געווען באַוווּסט, אז אין דער ערשטער העלפט פון XVIII יאָרהונדערט האָט עס שטאַרק געליטן, ווי מע איז זיך מעשאַער, פון א סרייפע, און די רעסטאַווראַטאָרן האָבן עס „פאַריכט". אין 1764 יאָר האָט א בערלינער אַנטיקוואַר פאַרקויפט דאָס ווערק דעם ערמיטאַזש. אין דעם ערשטן אינווענטאַרצעטל פון 1773 יאָר ווערט דאָס ווערק באַגלייט מיט א באַמערקונג: „א שיין בילד, נאָר שטאַרק צעשעדיקט". לויט די אַרכיוו־אָנגאַבן, האָט דער רעסטאַווראַטאָר פונעם ערמיטאַזש א. מיטראָכין אין 1819 יאָר „איבערגעטראָגן דאָס בילד פונעם אַלטן ליוונט אַף א נייעם". נאָר אין 10 יאָר אַרום האָט מען דאָס בילד ווידעראַמאָל רעסטאַווירט.

אין 1861 יאָר, בייס מע האָט איגעם ערמיטאַזש אָפּגעקליבן ווערק פאַר דעם רומיאַנצעוו־מוזיי, וואָס איז דעמלט נאָרוואָס געשאַפן געוואָרן אין מאָסקווע, האָבן די ספּעציאַליסטן איבערגעגעבן אויך רעמבראַנדטס בילד, נאָר, זעט אויס, איבער דעם, וואָס עס האָט זיך געפונען אין א שלעכטן מאַצעוו, האָט מען עס אַלפּי־טאָעס פאַררעכנט אלס א בילד פונעם גרויסן מייסטערס א שילער. דאָ האָט מען עס קימאַט אין פערציק יאָר אַרום נאָכאַמאָל רעסטאַווירט. פון דאַן אָן, ניט געקוקט אַף אלע באַמיזונגען פון די רעסטאַווראַטאָרן, איז דאָס בילד נאָך יעדער „היילונג" ווידעראַמאָל „קראַנק" געוואָרן. און אָט איצט האָט די דאָזיקע אַרבעט פאַרענדיקט דער דערפאַרענער מייסטער ס. ס. טשוראַקאָוו.

די רעסטאַווראַציע־געשיכטע פון דעם דאָזיקן ווערק רעמבראַנדטס איז אַן אוניקאַלע. ס'איז א ספק, צי ס'איז פאַראַן נאָך א ווערק, בא וועלכן מע זאָל פיר מאָל בייטן דעם ליוונט.

ל. בערנאַסקאָני („איזוועסטיא")

## א דיסערטאציע וועגן פעפין

דאָס לעבעדיקע דערפינדערישע מיידעלע פעפי „דער לאנגער זאָק" — דער הויפט־פערסאָנאזש אין די ווערק פון דער שוועדישער שרײַבערן אסטריד לינדגרען — זעצט פאָר טריִומפאל מארשירן איבער די ביכער־שאפעס פון די לייענער אין א סאך לענדער פון דער וועלט.

פעפין, ווי מיר דערוויסן זיך, גייט שוין דאָס 34־טע יאָר. אלנפאלס, באוויזן האָט זי זיך אף דער וועלט אין 1941 יאָר, ווען א. לינדגרען האָט אָנגעהויבן דערציילן איר טעכטערל קארין וועגן פעפיס שטוסערײַען. ערשט אין דרײַ יאָר ארום האָט די שרײַבערן אָפגעדרוקט די דאָזיקע דערציילונגען אף א שרײַב־מאשינקע.

און דערנאָך, שרײַבט די צײַטונג „אפטאָנבלאדעט", איז געשען א טשיקאווע געשיכטע. די שרײַבערן האָט אָפגעגעבן דעם מאנוסקריפט אין דעם סאמע גרעסטן אין שוועדן פארלאג „באָניער". נאָר דאָרט האָבן פעפיס פאסירונגען קיינעם ניט גערירט און דעם מאנוסקריפט האָט מען אומגעקערט דעם אווטאָר. א געוויסע צײַט האָט א. לינדגרען נאָך געארבעט איבערן קסאוויאד און אָפגעשיקט אים אין פארלאג „ראבען און שיאָגרען". אָט פון דאָרטן האָט זיך עס אָנגעהויבן פעפיס טריִומפאלער מארש. מע זאָגט, אז די באָנערס — איינע פון די סאמע רײַכע מישפאָכעס אין שוועדן — קאָנען זיך ניט ביז הײַנט־צו־טאָג מויחל זײַן די באגאנגענע נארישקײַט: האלטן אין די הענט אזא גאָלדענעם זאק און גלאט אזוי אים ארויסלאָזן! און פעפי „דער לאנגער זאָק" איז שוין ארײַן אין דער ליטעראטור־געשיכטע: אולא לונדקוויסט שרײַבט וועגן איר א דיסערטאציע.

מ. זובקאָ („איזוועסטיִא")

## ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק

דער וועג „פון די וואריאגן צו די גריכן" — ווער ווייסט ניט אָט דעם אמאָליקן אויסדרוק? דורכגיין אין אונדזער צײַט דעם דאָזיקן אוראלטן וועג האָט אָפגעגליקט דער עקספעדיציע פון די לענינגראדער געלערנטע. דעם מארשרוט האָט זי אָנגעהויבן אף איינעם פון די בײַטײַכן פונעם דניעפער אף בײַדארקעס און גענומען דעם קורס אף לאָוואט. באם דורכלייגן דעם מארשרוט האָט מען גענומען אלס יעסאָד די קארגע יעדיִעס פון דער כראָניק — „געשיכטעס פון די אומרויִקע צײַטן" («Повести временных лет») — דער איינציקער קוואל פון אינפאָרמאציע וועגן דעם דאָזיקן פארצײַטיקן וועג.

די גרויסע וויסנשאפטלעכע ווערט פון דעם דאָזיקן עקספערימענט האָט באשטעטיקט דער דירעקטאָר פונעם לענינגראדער ערמיטאזש — דער אקאדעמיקער ב. ב. פיִאָטראָווסקי:

— איצט וועלן די געלערנטע וויסן דעם לעגענדארן מארשרוט ניט בלויז לויט די כראָניקעס, נאָר אויך לויט די דערציילונגען פון די אָנטיילנעמער פון דער עקספעדיציע. דאָס וועט פארלײַכטערן צו דערלערנען די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען פארן יאָרטויזנט אף דער אוראלטער האנדלס־טראסע.

## סימענאָן האָט זיך צעשיידט מיט זײַן העלד מעגרע

מיט אָנדערהאלבן יאָר צוריק האָט זשאָרזש סימענאָן עפנטלעך געמאָלדן, אז ער וועט מער ניט אָנשרײַבן קיין איין שורע וועגן דעם פאָליציי־קאָמיסאר מעגרע, דעם העלד פון 200 דעטעקטיווע דערציילונגען, וואָס זײַנען דערשינען אף פארשיידענע שפראכן שיר ניט אין אלע לענדער פון דער וועלט. קיינעם אָבער פון די, וואָס קען פון לאנג דעם שרײַבער און פאָלגט אופמערקזאם נאָך זײַן שאפונג, האָט די דאָזיקע מעלדונג ניט דערשטוינט. מעגרע מיט זײַן ליולקע־ציבעק, מיט וועלכן ער צעשיידט זיך ניט, האָט, צום באדויערן, געמוזט פארשווינדן פונעם הײַנטצײַטיקן דעטעקטיוו. און די סיבע איז ניט דערין, וואָס דעם שרײַבערס פאנטאזיע האָט זיך אויסגעשעפט, נאָר אין דעם, וואָס ס'האָט זיך גרינטלעך געענדערט די גאנצע וועלט, אין וועלכער ס'האָט געלעבט סימענאָנס באליבטער העלד. און ס'איז א סאָפעק, צי וואָלט דער גוטמוטיקער קאָמיסאר פון דער פאריזשער פאָליציי, וואָס האָט צענדליקער יאָרן געהאט צו טאָן מיט פארברעכער, וואָס די לאָגיק פון זייערע מײַסים האָט מען כאָטש ווי־ניט־איז געקאָנט פארשטיין, — צי וואָלט ער בא הײַנטיקן טאָג געקענט פאנאנדערקלײַבן זיך אין די מײַסים פון די איצטיקע אָנראכמאָנעסדיקע און אכזאָריעסדיקע פארברעכערס. דאָס געזעגענען זיך מיט מעגרען נאָך גאנצע פופציק יאָר, וואָס זײַנען אָפגעגעבן געוואָרן דעם דאָזיקן העלד, האָט איבער גאנץ פארשטענדלעכע סיבעס ארויסגערופן אן איבערײַס אינעם שרײַבערס שאפן.

צו דער פרייד פון סימענאָנס פארערער, איז דער קריזיס, זעט אויס, בײַגעקומען געוואָרן. דער שרײַבער האָט ניט לאנג צוריק געמאָלדן: קעדיי „פארגעסן" מעגרען, האָט ער זיך אָפגעזונדערט אין זײַן פאמיליען־קרײַז און האָט אָנגעשריבן א האלבן טוץ נײַע ווערק. דער ערשטער בוך איז שוין ארויס פון דרוק. ער הייסט „בריוו צו מײַן מוטער". אין דער פאָרם פון א טאָגבוך דערציילט סימענאָן אין אָט דעם בוך וועגן א וואָך, וואָס ער איז אָפגעזעסן באם טויטן־בעט פון זײַן מוטער. דאָס איז א רעגונגס־פולע ווידע פון א זון, וועלכער האָט נאָך א פיליאָריקער צעשיידונג מיט דער מוטער דערפילט, ווי שטארק עס איז זײַן ליבע צו איר.

„בריוו צו מײַן מוטער" איז דער סאמע אינטימער און מענטשלעכער בוך סימענאָנס. דער שרײַבער האָט אין מעשעך פון זײַן לאנג לעבן — ער איז איצט אלט 71 יאָר — שטענדיק געשטרעבט צו זייען גוטע געפילן, וואָס האָבן זיך געגעסטיקט אין זײַן הארץ. די הויפט־אייגנשאפט זײַנע אלס מענטש איז — ליבע צו קינדער, צו דער פאמיליע.

(„זא רובעזשאָם")

# כראָניק

## א פרעמיערע אין ווילנע

בוזי מילערס פּיעסע „פונעם הימל פאלט גאָרניט אראָפּ״, וואָס דער ווילנער ייִדישער פאָלקס־טעאטער האָט לעצטנס אופגעפירט, זעצט פאָר אין דער ייִדישער דראמאטורגיע די טראדיציע פונעם קאָמעדיע־זשאנער.

א סצענע פונעם ספּעקטאקל: גרייזער — ארטיסט יודל קאַץ; גרייזערס פרוי (אף לינקס פון אים) — ארטיסטקע טעמע גאָרעליק; פריידע — ארטיסטקע כײַע לעווינע

עס ווערט ארויסגעפירט א גאלעריי געשטאלטן, וואָס אלע זײַנען זיי, דאכט זיך, געוויינלעכע, סאָוועטישע מענטשן, נאָר אין דער סיטואציע, אין וועלכער דער מעכאבער שטעלט זיי אוועק, אנטפלעקן זיך בא אייניקע פון זיי נעגאטיווע שטריכן: בא איינעם צוויִעס, בא א צוויטן כניפע, בא א דריטן קינע... דערמיט בארעכטיקט דער קאָמעדיאָגראף זייער דערשײַנען אין דער פּיעסע.

נאָר פון אָנשרײַבן אפילע א גוטע פּיעסע ביז צו איר פארווירקלעכונג אף דער סצענע איז א גרויסער מעהאלעך. מע דארף זי נאָך „איבערזעצן״ אפן לאָשן פון טעאטער. און דאָס איז די ארבעט פונעם רעזשיסער.

אין ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאטער האָט די דאָזיקע ארבעט אויסגעפירט — און גוט אויסגעפירט — יולי קאַץ, איינער פון די הויפּט־אקטיוויסטן און עלטסטע אָנטיילנעמער פונעם קאָלעקטיוו. ער האָט אין דער קאָמעדיע ארײַנגעפירט אינטערמעדיעס מיט מוזיק, געזאנג און אפילע טענץ, טעאטראליזירט זי אף א זייער געלונגענעם אויפן.

אויסגעצייכנט איז די סצענע, ווו דער אָנפירער פון דער זעלבסטעטיקײַט אינעם קלוב פון די בויער „אימפּראָוויזירט״ א קאָנצערט. די דאָזיקע סצענע, פול מיט טעאטראליש לעבן, גיט דעם רעזשיסער די מעגלעכקײַט ארויסצופירן אף דער בינע ניט נאָר די דראמאטישע ארטיסטן, נאָר אויך די טאנץ־און געזאנג־גרופּעס. די סצענע בארײַכערט און באכיינט דעם ספּעקטאקל און גיט אים צו עכטן טעאטראלן שווונג.

גוט איז אויך דער ארײַנפיר צו דער קאָמעדיע, וואָס דער רעזשיסער האָט צוגעגעבן. ער באשטייט פון א מאָנאָלאָג פון דער פּראָסטער ערלעכער ייִדענע, פריידע דער שטוב־ארבעטערן. אין א הומאָריסטישן, און צוגלײַך א ביסל טרויעריקן, טאָן דערציילט זי וועגן דער קאָליזיע פון דער פּיעסע. דער מאָנאָלאָג שאפט באם אוילעם די געהעריקע שטי־

דער פינאל פונעם ספּעקטאקל

מונג אַף ווײַטער נאָכצופאָלגן די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן.

דעם ספּעקטאַקל האָט מען געגרייט כאַדאָשימלאַנג — פּאַרט ליבהאָבער. איצט קאָן מען מיט באַפרידיקונג פעסטשטעלן, אַז די אָנגעשטרענגטע אַרבעט איז באַקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג.

די הויפּט־ראָל אין דער קאָמעדיע, די ראָל פונעם בוכהאַלטער, האָט געשפּילט דער רעזשיסער גופע, יולי קאַץ. דעם געניטן אַקטיאָר איז ניט שווער געווען זיך אײַנצולעבן אין דער נײַער ראָל, ווײַל אייגנטלעך איז דער דאָזיקער פּערסאָנאַזש אַ מין העמשעך פון די אַלט־באַקאַנטע טראַגיקאָמישע פּיגורן פון דער ייִדישער קלאַסיק אין די הײַנטיקע סאָוועטישע צײַטן. יולי קאַץ האָט טאַקע געשפּילט אַף אַן עכט פּראָפעסיאָנעלן אופן. מע קאָן אים עפּשער נאָר פאָרוואַרפן, אַז אין אייניצלנע מאָמענטן האָט ער אַ ביסל שאַרזשירט זײַן העלד — קענטיק, דאָס האָט אַף אים געווירקט די „קלאַסישע יערושע".

דעם בוכהאַלטערס פרוי, אידע לוואָוונע, האָט געשפּילט טאַטיאַנע גאָרעליק, אויך אַ געניטע אַקטריסע. מיט איר גוטער דיקציע און טעאַטראַלן טאַקט האָט זי טאַלאַנטפול אַרויסגעבראַכט דעם טיפּ פון אַ זעלבסטצופרידענער קליינבירגערן. די ראָל פון דער פּראָסטער טמימעסדיקער פריידע, דער שטוב־אַרבעטערן, האָט געשפּילט רײַע לעווינע, וועלכע האָט גאַנץ געלונגען פאַרקערפּערט דאָס געשטאַלט.

עכט „האָצמאַכיש", מיט פיל דינאַמיק האָט דעם אָנפירער פון דער זעלבסטעטיקײַט אין קלוב פון די בויער, זינאָווי נאַומאָוויטשן, געשפּילט מאָטל קאַנאָוויטש, אויך איינער פון די עלטסטע מיטגלידער פונעם ווילנער טעאַטער.

בינ־אָמין צוויזאָן האָט דערפאָלגרײַך זיך ספּראַוועט מיט דער שטייגעריש־הומאָריסטישער ראָל פון יעווסיי יעפימאָוויטשן, דעם בוכהאַלטערס געהילף.

פון די יונגע אַרטיסטן דאַרף באַזונדערס אָפּגעמערקט ווערן מאַשע גורוויטש, וועלכע האָט געשפּילט די ראָל פון יעווסיי יעפימאָוויטשעס, דעם „סאַמאָדעיאַטעלנעם שלימאַזלס", פרוי. אַ דעביוטאַנטקע אין טעאַטער, צייכנט זי זיך אויס מיט אַ גוטער דיקציע, מיט פרײַען האַלטן זיך אַף דער סצענע און מיט שוישפּילערישן כיין.

עס האָבן אויך אָנטיילגענומען: וואָלף שאַלקינסקי, פאַיִנע גאַלפּעראָוויטש, יאַשע לעווין, סאָניע קאַץ, לאַריסאַ ראַדיאָנאָווע, פאַני רעוווזאָן און צ. פראַנק.

זייער גוט זײַנען די דעקאָראַציעס, וועלכע ס'האָט געמאַכט דער פּראָפעסיאָנעלער קינסטלער סעמיאָן לוקאַצוקי. די דירע פונעם שלימאַזלדיקן בוכהאַלטער, אין וועלכער עס קומט פאָר די האַנדלונג, איז געגעבן אָפּן פאָן פון פאַרביקע פּילפּענצטערדיקע הײַזער, וואָס שאַפן דעם אײַנדרוק פון אַ מאָדערנער דינאַמישער שטאָט.

די מוזיק צום ספּעקטאַקל האָט געשאַפן עמיל יאַנאָווסקי, דער לייטער פון דער געזאַנג־גרופּע פונעם פאָלקס־טעאַטער.

אין אַלגעמיין איז דער ספּעקטאַקל אַ וויכטיקע געשעעניש אין קולטור־לעבן פון ווילנע.

בער האַלפּערן

## אינעם ביראָבידזשאַנער פאָלקס־טעאַטער

דער ביראָבידזשאַנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער, וועלכער מערקט היאָר אָפּ דעם צעניאָריקן יובילײ פון זײַן עקזיסטענץ, פירט איצט דורך די גענעראַל־רעפּעטיציעס פונעם צענטן ספּעקטאַקל פון זײַן רעפּערטואַר — לעאָניד לעאָנאָווס פּיעסע „אינוואַזיע", וועלכן דער טעאַטער־קאָלעקטיוו ווידמעט דעם 30־טן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד.

אין משך פון די צען יאָר איז דער טעאַטער ברייט אָנערקענט געוואָרן בײַ די צושויער פון דער געגנט. ער האָט אויך מיט דערפאָלג זיך באַטייליקט אין רעפּובליקאַנישע דורכקוקן, אַף וועלכע ער איז באַערט געוואָרן מיט דיפּלאָמען. פאַר גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַכערן" האָט ער אַפן אַלרוסלענדישן דורכקוק פון די פאָלקס־טעאַטערן באַקומען דעם ערן־טיטל „לאַורעאַט".

דער טעאַטער פאַרמאָגט אין זײַן רעפּערטואַר אַזעלכע אויסגעצייכנטע ספּעקטאַקלען, ווי שאָלעם־אַלייכעמס „200 טויזנט" און „מענטשן", מוישע גערשענזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", מ. דאַניעלס „זיאַמקע קאָפּאַטש", בוזי מילערס „פונעם הימל פאַלט גאָרנישט אַראָפּ".

איינע פון זײַנע שטעלונגען — „סטעמפּעניו" (רעזשיסער ב. שילמאַן) — האָט דער ביראָבידזשאַנער פאָלקס־טעאַטער לעצטנס מיט דערפאָלג אויפגעפירט אין כאַבאַראָווסק.

## אַ נײַער טעלעוויזיע־פילם

דער מײַרעוו־בערלינער טעלעוויזיע־צענטער „זאָנדער־פרײַעס־בערלין" האָט געשאַפן אַ דאָקומענטאַלן פילם, אין וועלכן עס ווערן באַרירט פּראָבלעמען פונעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן פון די ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער.

דער פילם שליסט אין זיך אײַן עפּיזאָדן און דאָקומענטאַלע כראָניקעס, וואָס זײַנען אַראָפּגענומען געוואָרן אין מײַרעוו־בערלין, אין ייִסראָעל און אין ווין. זיי שילדערן די וואָגלענישן פון די ייִדן, וועלכע וואַרפן אַוועק זייערע היימען און לאָזן זיך קיין ייִסראָעל זוכן גליקן.

אַ בריגאַדע קינאָ־רעפּאָרטיאָרן, וואָס איז באַשעפטיקט מיט שאַפן דעם דאָזיקן פילם, איז געקומען צו פאָרן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד מיטן ציל צו אַראָפּנעמען דאָ אַ לענטע וועגן דעם עקאָנאָמישן און קולטור־לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן.

אין דער שאַכטיאָרן־שטאָט דאָנעצק האָבן די אָפּעראַטאָרן פילמירט די גאַסטראָל־ספּעקטאַקלען פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל אינעם זאַל פון דער דאָרטיקער פילהאַרמאָניע, וועלכער איז געווען איבערפולט מיט צושויער — אַרבעטער, אינזשעניערן, אָנגעשטעלטע פון די דאָנעצקער אונטערנעמונגען, ליבהאָבער פון ייִדישער טעאַטראַלער קונסט.

אַ רײ קינאָ־קאַדרען צו דעם פילם זײַנען גענומען געוואָרן אין מאָסקווע, צווישן זיי אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד". אין דער דרוקערײַ נומ. 7 פונעם אַלרוסלענדישן קאָמיטעט פאַר פּרעסע־איניאָנים זײַנען פאָטאָגראַפירט געוואָרן באַזונדערע פּראָדוציר־פּראָצעסן באַם אַרויסלאָזן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און די ביכער פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער.

## אַ קאָנקורס אַרום „טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק"

אין טאָקיאָ איז פאָרגעקומען אַ קאָנקורס אַף דער טעמע „וויאַזוי אַמבעסטן פאַרשטיין די שווערע איבערלעבונגען, וואָס דרינגען אַרויס פונעם טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק". אין קאָנקורס האָבן זיך באַטייליקט פיל שילער פונעם שטאָטישן ליציי, פיר פון וועלכע זײַנען פּרעמירט געוואָרן מיט אַן עקסקורסיע קיין אַמסטערדאַם, ווו זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט אַנאַ פראַנקס פאָטער, אָטאָ פראַנק. עס איז דערבײַ וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אין יאַפּאָניע איז דער „טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק" לעצטנס דערשינען אין אַ טיראַזש פון אַ מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

דער לעגענדאַרער טאָגבוך ווערט איצט אינסצענירט און וועט אינגיכן אויפגעפירט ווערן אַף דער בינע פונעם יאַפּאַנישן טעאַטער.

# פֿרײלעכע שורות

# וויצן פון ייִשׂראָעל

## אַ נײַע פּאַרנאָסע

אַן אַמעריקאַנער טוריסט שפּאַצירט באַם ברעג יאַם אין טעל־אוויוו. מיטאַמאָל זעט ער, ווי אַ ייִד זיצט באַם יאַם, האַלט אַ ווענטקע אין דער האַנט, און באַם עק פון דער ווענטקע איז אָנגעשפּעט אַ וועקזייגער. פרעגט דער טוריסט פאַרוווּנדערט:

— רעב ייִד, וואָס טוט איר דאָ באַם יאַם מיט אַ וועקזייגער?

— איר זעט דאָך, — מאַכט דער ייִד, — איך כאַפּ פיש.

— ווי־אַזוי כאַפּט מען עס פיש מיט אַ וועקזייגער?

— דאָס קאָן איך אײַך ניט זאָגן. ס'איז מײַנער אַ פּאַטענט...

— איך וועל אײַך באַצאָלן, — זאָגט דער טוריסט, — און זאָגט מיר אויס דעם סאָד. נאָט אײַך 25 דאָלער...

נעמט דער ייִד די 25 דאָלער און דערקלערט דעם טוריסט:

— איר זעט דעם וועקזייגער? איך שטעל אים אָן, ער זאָל קלינגען, און איך לאָז אים אַראָפּ אין וואַסער. דערהערן די פיש דעם קלונג, דערשרעקן זיי זיך און שווימען אַרויף. דעמלט טו איך זיי אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן, און איך כאַפּ זיי.

— האָט איר שוין געכאַפּט אַ סאַך פיש מיט אײַער פּאַטענט?

— איר זײַט באַ מיר דער דריטער, — ענטפערט דער ייִד.



## אַ נעס

אַ מאַן קומט צוויי אַזייגער באַנאַכט שטאַרק בעגילופן. אַף דער שוועל זאָגט אים אָן אַ שכיינע די בסורע:

— מאַזלטאָוו אײַך! אײַער פרוי האָט איצט געבוירן צוויי ייִנגלעך, ווי די בערן. אַ געראָטענער צווילינג.

— צוויי ייִנגלעך? — שטאַמלט דער שיקערער מאַן. — אַ מאָדנע זאַך: אַ מענטש קומט צוויי אַזייגער, און מע זאָגט אים, אַז זײַן ווײַב האָט געבוירן צוויי ייִנגלעך! נאָך גוט, וואָס איך בין געקומען צוויי אַזייגער באַנאַכט און ניט צוועלף אַזייגער באַטאָג.

## עקספּאָרט און אימפּאָרט

די היסטאַדרוט פירט אַ וויקועך מיטן פינאַנס־מיניסטער וועגן דער יאָקרעס־קאָמפּענסאַציע. דער פינאַנס־מיניסטער איז באַ דער מיינונג, אַז דאָס ניט אויסצאָלן די יאָקרעס־קאָמפּענסאַציע וועט דעקן דעם דעפיציט אין צאָלונגס־באַלאַנס.

— און פאַרוואָס איז פאַראַן דער דאָזיקער דעפיציט? — פרעגט דער היסטאַדרוט־סעקרעטאַר.

— ווײַל דער אימפּאָרט איז באַ אונדז גרעסער פונעם עקספּאָרט.

— ניט ריכטיק. אונדזער עקספּאָרט איז אַ גאַנץ היפשער, — ענטפערט דער סעקרעטאַר. — איר האָט פאַרגעסן, אַז בלויז אין איין כוידעש האָבן מיר עקספּאָרטירט עטלעכע מיניסטאָרן קיין אויסלאַנד. איר האָט עס פּאַשעט פאַרגעסן צושרײַבן צו אונדזער עקספּאָרט.

## אַ טרייסט

אַף אַ מעלאָדראַמע אין ייִדישן טעאַטער זיצט אַ פרוי, קוקט אַף דער פאָרשטעלונג און ווישט מיט אַ טיכל די אויגן. רופט זיך אָן צו איר אַ מאַן, וואָס זיצט לעבן איר:

— גברת[1], איר האָט נישט וואָס צו וויינען, איך בין דער דירעקטאָר פונעם טעאַטער, מיך האָט די פאָרשטעלונג אָפּגעקאָסט אַ מאַיאָנטעק, פונדעסטוועגן וויין איך ניט.

[1] גווערעס — געשעצטע פרוי.

## די אײנציקע האַנאָע

גייט אַ ייִד אין גאַס און קרעכצט: אוי, אוי. פרעגט אים אַ פאַרבײַגייער:

— רעב ייִד, וואָס קרעכצט איר?

— ניט פאַר אײַך געדאַכט, מײַנע שיך קוועטשן מיר סאַקאָנעס־נעפאָשעס.

— צוליב דעם לוינט לײַדן יעסורים? גייט אַהיים און טוט איבער די שיך, וועט איר פאַרשפּאָרן צו קרעכצן.

— איר זײַט אַ נאַר, — ענטפערט דער ייִד. — וואָס פאַר אַ האַנאָע האָב איך, מישטיינסגעזאָגט, אין מײַן לעבן? אַרבעטלאָז בין איך. אַז איך קום אַהיים, פאַרקלאַפּט מיר מײַן ווײַב דעם קאָפּ: הענג און ברענג, אַבי גיב פּאַרנאָסע. זעץ איך זיך אַוועק אַפן באַלקאָן און טו אויס די ענגע שיך, און דעמלט ווייס איך פון אַ לעבן! און איר הייסט מיר אַוועקוואַרפן די ענגע שיך...

## א ייִדישער ענטפֿער

מע האָט גערעדט וועגן א פּי־כוס[1], און אַנשטאָט דעם איז גאָר געקומען א „נײַע" עקאָנאָמישע פּאָליטיק. גייט א ייִד ארויס פון געדולד און שרײַבט אָן א בריוו דעם פינאַנס־מיניסטער:

„אדוני האמיניסטער! מע רעדט וועגן א פּיכוס, און איר לייקנט אָפּ, אַז עס וועט זײַן א פּיכוס. איר ווייסט דאָך יאָ דעם עמעס, איז זאָגט מיר: עס וועט זײַן א פּיכוס, צי ניט? טוט עס צוליב שאָלעם־באַיִס. מײַן ייִדענע דער־גייט מיר וועגן דעם די יאָרן".

גייט ניט דורך קיין טאָג, ווי דער ייִד באַקומט אַן ענטפער פּור־נעם מיניסטער בעצם האַלאָשן:

„ליבער ייִד! איר פרעגט מיך, צי עס וועט זײַן א פּיכוס, ווײַל איר ווילט דאָך מיסטאָמע, איך זאָל אײַך ענטפערן, אַז עס וועט ניט זײַן, קעדיי איר זאָלט פון דעם פאַרשטיין, אַז עס וועט יאָ זײַן. זאָג איך אײַך: עס וועט ניט זײַן קיין פּיכוס. און טאָמער מאַכט זיך, אַז עס וועט יאָ זײַן א פּיכוס, טאָ זײַט צופרידן, וואָס איך האָב אײַך ניט אָפּגענאַרט און אײַך אינפאָרמירט ווי אַמבעסטן..."

[1] פּיכוס האמאטבייע — דעוואַל־וואַציע.

## ניטאָ קיין סיבע

מאַן און ווײַב זיצן באַם טיש און עסן מיטיק. רופט זיך אָן דער מאַן צום ווײַב:

— איך בעט דיך, זיץ ניט אַזוי אָנגעברויגעזט, טו א שמייכל.

— וואָס עפּעס דאַרף איך פּלוצעם שמייכלען? — זאָגט דאָס ווײַב צום מאַן. — ווו זײַנען מיר ערגעץ, באַם פאָטאָגראַף?

## צו דער פראַגע: ווער איז א ייִד?

ווען אויך אין ישׂראל האָט זיך באַוויזן די מאָדע, אַז יונגע־לײַט זאָלן ארומלויפן נאַקעט, האָט איינער א פרומער ייִד דערזען אין דעם א גוטן סימן:

— איצט וועט מען, ענדלעך, וויסן, ווער ס'איז א ייִד...

## א נודניק

דער צוג פאָרט מיט דער גאַנ־צער שנעלקײַט פון כּײַפע קיין טעל־אוויוו. פּלוצלינג פאַרהאַלט ער זיך.

— וואָס איז געשען? — פרעגט א פּאַסאַזשיר דעם קאָנדוקטאָר.

— דער צוג איז אַרויף אָף א בעהיימע, — ענטפערט דער קאָנ־דוקטאָר.

— איז די בעהיימע געשטאַנען אָף די רעלסן?



— ניין, — ענטפערט אופגע־רייצט דער קאָנדוקטאָר, — דער צוג האָט נאָכגעיאָגט נאָך דער בעהיימע ביזן שטאַל אַרײַן.

## די מאַמע ווייסט

די מאַמע מאַכט אופמערקזאַם איר טאָכטער:

— עס איז ניט שיין, וואָס דו באַרימסט זיך אין יעדער געזעל־שאַפט, אַז דו ביסט די טאָכטער פונעם באַוווּסטן פּראָפעסאָר אַש־קענאַזי. מע וועט דיך האַלטן פאַר א באַרימערן.

אין א צײַט ארום פרעגט איי־נער א יונגערמאַן בא דער טאָכ־טער:

— זײַנט איר עס די טאָכטער פון פּראָפעסאָר אַשקענאַזי?

— ביז מיט א צײַט צוריק האָב איך טאַקע אַזוי געמיינט, אָבער די מאַמע האָט עס מיר אופגע־

קלערט, און איצט בין איך שוין אין דעם ניט זיכער. די מאַמע ווייסט בעסער...

## א ייִד מיט ביטאָכן...

א טײַמענער קומט פאַרשרײַבן זײַן זון אָף באַקומען א ביסל ערד.

— ווי אַלט איז אײַער זון? — פרעגט אים דער באַאַמטער.

— אין א יאָר ארום ווערט ער באַרמיצווע.

— צו יונג. קיין קינדער באַ־זעצט מען ניט אָף ערד.

— שאַדט ניט. ביז מע וועט אים באַזעצן, וועט ער זיכער ווערן גרויס...

די וויצן זײַנען גענומען פון דער ישׂראלדיקער פּרעסע.

נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר

# שרײַבער און ווערק

מיט 100 יאָר צוריק איז אין שטעטל סקידל, גראָדנער גובערניע (הײַנט ווײַסרוסלאַנד), געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרײַבער היימאַן פאָלסקי.

ה. פאָלסקי האָט אין דער יוגנט אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, וווּ ער האָט באַטאָג געאַרבעט אין אַ שנײַדער־שאַפּ, באַנאַכט געשריבן. דרוקן האָט ער זיך אָנגעהויבן אינעם זשורנאַל „שולאַמיס", וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט זײַנע ערשטע נאָוועלן און ראָמאַנען. שפּעטער איז ער איבערגעפאָרן קיין דאָרעם־אַפריקע און אין 1911 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין יאָהאַנעסבורג „דעם איינציקן ייִדישן וועכנטלעכן זשורנאַל פאַר פאָליטיק, ליטעראַטור און וויסנשאַפט" — „דער אַפריקאַנער".

כוץ דערציילונגען, סקיצן, אַרטיקלען (אָפט אונטערן פסעוודאָנים „עליק שרײַבער") האָט דער אַוטאָר אָפּגעדרוקט אינעם זשורנאַל פיל צײַט־ראָמאַנען, וועלכע זײַנען דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ ריי לאָנדאָנער און ניו־יאָרקער פערי?אָדישע אויסגאַבעס. צווישן די דאָזיקע ראָמאַנען זײַנען געווען אָריגינעלע, ווי, אַשטייגער, „דער באַל־טשוווע", „דער יאָסעם", „די שטיפמאַמע", „די אַריסטאָקראַטישע פרוי", „ייִסראָעלקע", „יודעלע", „בלימעלע", „די געבראָכענע הערצער", „גיטעלע", „אַ פאָטערס זינד" אאַ., און ניט ווייניק איבערגעזעצטע, מערסטנטייל פון ענגליש, — „דעם לאָרדס געהיימניס", „ייִדן און קריסטן", „די מאַרטירער", „אייזנער פון די קאַרבאָנאַס", „דער צעדער־טאָל", „דער פאַרלאָרענער ברודער", „צווישן ליבע און רעליגיע" און אַנדערע.

ה. פאָלסקי איז געווען דער אָנהייבער פון ייִדישער זשורנאַליסטיק אין דאָרעם־אַפריקע. ער איז געשטאָרבן אין יאָהאַנעסבורג דעם 20 יון 1944.

מיט 100 יאָר צוריק, דעם 6 יון 1875, איז אין דער שטאָט לובעק געבוירן געוואָרן דער דײַטשישער שרײַבער, לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פרעמיע טאָמאַס מאַן.

אין זײַן ערשטן ראָמאַן „די בודענבראָקס" (1901), אין גרעסטן טייל אַן אַוטאָבי?אָגראַפישער, מאָלט מאַן די יערידע פונעם פאַטריאַרכאַלן בירגערטום, ווען עס שטויסט אַרויס די אימפּערי?אַליסטישע בורזשואַזיע. אין זײַנע נאָוועלן („טאָנאָ קרי?אָגער", 1903, אאַ.) און אין די אַרטיקלען („וועגן טעאַטער", 1910, אאַ.) האָט טאָמאַס מאַן באַוויזן, מיט וויפל סינע די קאַפּיטאַליסטישע וועלט באַציט זיך צו דער קינסטלערישער שאַפונג. אינעם ראָמאַן „דער צויבער־באַרג" (1924) האָט ער געשילדערט דעם אידייישן קריזיס פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, די קריגערישקײַט פון דער אימפּערי?אַליסטישער רעאַקציע.

נאָך דער היטלער־איבערקערעניש (1933) האָט טאָמאַס מאַן פאַרלאָזט דײַטשלאַנד און זיך באַזעצט אין דער שווייץ, דערנאָך אין פשא, פון 1953 — ווידער אין דער שווייץ. אין די דאָזיקע יאָרן האָט מאַן געשריבן דעם ציקל ראָמאַנען „יוסעף און זײַנע ברידער" (1933—1934), די דערציילונג „לאָטע אין ווײַמאַר" (1939), אין וועלכע ער פאַרורטיילט אָמשאַרפסטן דעם נאַצישן באַרבאַריזם. אין 1947 האָט מאַן אָנגעשריבן דעם ראָמאַן „דאָקטאָר פאַוסטוס", וווּ ער קריטיקירט דעם פאָרמאַליזם אין דער דעקאַדענטישער קונסט. צו די דאָזיקע ווערק געהערט דער ראָמאַן „אין וואָס עס איז זיך מודיע דער אַוואַנטוריסט פעליקס קרול" (1954, ניט פאַרענדיקט, דערשינען אין רוסיש אין 1956).

אין זײַנע קינסטלערישע ווערק און אין דער פובליציסטיק איז מאַן אַרויסגעטראָטן קעגן דער פאָליטיק פון צעצינדן אַ נײַע וועלט־מילכאָמע.

אַ ריי ווערק פון טאָמאַס מאַן זײַנען אַרויס אויך אין אַ ייִדישער איבערזעצונג.

טאָמאַס מאַן איז געשטאָרבן דעם 12 אויגוסט 1955 אין ציריך (שווייץ).

דעם 25 מײַ 1905 איז אָף דער סטאַנציע כריסטינאָווקע, קיִעווער גוב., אין געזינד פון אַן אײַזנבאַן־שלאָסער, געבוירן געוואָרן דער אוקראַיִנישער סאָוועטישער דראַ־מאַטורג און אָנגעזעענער געזעל־שאַפטלעכער טוער אַלעקסאַנדער יעוודאָקימאָוויטש קאָרנייטשוק.



די ליטעראַרישע טעטיקייט האָט א. קאָרנייטשוק אָנגעהויבן אין 1925. זײַן ערשטע דערציילונג („ער איז געווען גרויס", 1925) איז געווען געווידמעט דעם אומ־שטערבלעכן געשטאַלט פון וו. אי. לענין. די ערשטע פּיעסע „אָפּן ראַנד" (1929) איז אָנגעשריבן גע־וואָרן פאַרן טעאַטער פון דער אַרבעטער־יוגנט. אין דער פּיעסע „דאָס שטיינערנע אינדזל" (1929) דעמאַסקירט דער אוטאָר דעם טאָך פונעם אוקראַיִנישן בורזשו־אַזן נאַציאָנאַליזם. די פּיעסע „דער שטורעם" (1931) דערציילט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַ־ריטעט פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די שענסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע פאַרנעמען א. קאָר־נייטשוקס פּיעסן „דער אומקום פון דער עסקאַדרע" (1933) — וועגן דער אײַזנפעסטער אײנהײט פון דער פּאַרטיי מיטן פאָלק, „פּלאַ־טאָן קרעטשעט" (1934) — דאָס געשטאַלט פון א סאָוועטישן אינ־טעליגענט־הומאַניסט און אומדער־מידלעכן נאָוואַטאָר, די היסטאָריש־רעוואָליוציאָנערע פּיעסע „פּראַוו־דאַ" (1937), ווו ער מאָלט דאָס געשטאַלט פון וו. אי. לענין. פון א. קאָרנייטשוקס פּיעסע „באָגדאַן כמעלניצקי" איז געשאַפן אַן אָפּע־רע „באָגדאַן כמעלניצקי" (1951) און א פילם „מיט 300 יאָר צוריק" (1956). מיטן ווערק „אין סטעפּעס פון אוקראַיִנע" (1941) האָט א. קאָרנייטשוק אָנגעהויבן זײַן סעריע פּיעסן וועגן דעם קאָלווירט־טישן דאָרף.

אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז א. קאָרנייטשוק אַרויסגעטראָטן מיט גלענצנדיקע פּובליציסטישע אַרטיקלען און מיט די פּיעסן „פּאַרטיזאַנער אין די סטעפּעס פון אוקראַיִנע" (1941), „פראָנט" (1942), „מיסטער פּערקינס מיסיע אין לאַנד פון די באָלשעוויקעס" (1944).

אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן האָט דער דראַמאַטורג געשריבן אָף די טעמעס וועגן דער אופשטעלונג און אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, וועגן דעם גײַסטיקן וווּקס פון די מענטשן. דאָ זעען מיר באַם אוטאָר פּיעסן, קאָמע־דיעס, סאַטירישע ווערק, ער נוצט ברייט אויס די מעטאָדן פון בור־פאָנאַדע און גראָטעסק (דער קאָל־ווירט־פאַרזיצער מאַקעדאָן סאָם אין דער קאָמעדיע „איבערן דניע־פּער", 1960).

אַלעקסאַנדער יעוודאָקימאָוויטש קאָרנייטשוק איז געשטאָרבן אין 1972.

---

# ערע זייער אָנדענק

## שאָלעם מאַטלין

אין עלטער פון 72 יאָר איז געשטאָרבן שאָלעם מאַטלין. ער האָט אָנגעהויבן זײַן שעפערישע טעטיקייט (1921) אין דער קאָמיר־גישער צײַטונג „דער יונגער דאָר", אָרגאַן פון אַן אויעזד־קאָ־מיטעט פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אָף דער אוקראַיִנע. אין די ווײַטערדיקע יאָרן איז מאַטלין געוואַקסן צוזאַמען מיטן יונגן דאָר און האָט אַלע זײַנע קויכעס אָפּגעגעבן דער פאַרשונג פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער טעאָריע.

נאָכן ענדיקן די „מײַרעוווקע" האָט ער עטלעכע יאָר געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פון דער צײַ־טונג „יונגע גוואַרדיע" (אָרגאַן פון צק פונעם לענינישן קאָמוני־סטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון אוק־ראַיִנע), געווען א קאָרעספּאָנדענט פונעם „עמעס". פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ש. מאַטלין זיך אומגעקערט אַן אינוואַליד. אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט ער געאַרבעט איבער א מאָנאָ־גראַפיע וועגן דער טעטיקייט פון מאַרקסן און ענגעלסן אין דער דײַטשישער רעוואָליוציע פון 1848.

שאָלעם מאַטלינס עטלעכע אַר־בעטן זײַנען געווען אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

## שאָלעם גאַנעלין

אין לענינגראַד איז געשטאָרבן דער וועטעראַן פון דער סאָוועטי־שער פּעדאַגאָגיק, מיטגליד־קאָ־רעספּאָנדענט פון דער אַקאַדע־מיע פון פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפטן שאָלעם גאַנעלין.

געבוירן אין פּאָלאָצק (ווײַס־רוסלאַנד) אין 1894, האָט ש. גאַ־נעלין נאָך פאַר דער רעוואָלוציע אָנגעהויבן זײַן וויסנשאַפטלעך־פּעדאַגאָגישע טעטיקייט. פונעם 1922 ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן האָט ער געאַרבעט אין די לענינגראַדער פּעדאַגאָגישע הויכ־שולן. ער האָט אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט העכער 100 וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטן, צווישן זיי אַזעלכע קאַפּיטאַלע ווערק, ווי „פאַרצייכענונגען וועגן דער גע־שיכטע פון דער מיטלשול אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט", „האַנטבוך פון געשיכטע פון פּע־דאַגאָגיק", „דידאַקטישער פּרינ־ציפּ פון באַוווסטזיניקייט", „גע־שיכטע פון פּעדאַגאָגיק און די הײַנטצײַטיקייט" און אַנד. פּיל פון זיי זײַנען איבערגעזעצט און דערשינען אויך אין אַנדערע שפּראַכן. פּיל אופגעטאָן האָט ש. גאַנעלין אויך אין געביט פון יידישער קולטור.

ש. גאַנעלין איז געווען א לאַו־רעאַט פון דער אושינסקי־פּרע־מיע, ער איז באַערט געוואָרן מיטן לענין־אָרדען.

לאָמיר זינגען נײַע לידער

# קוק, ווי בלעטער שלאָפן

ווערטער פון מ. מאָגילעוויטש

מוזיק פון ס. פײַנטוך






קוק, ווי בלעטער שלאָפֿן אף די ביימער,
ריר ניט אָן די שטילקײַט, ווען זי גרינט.
זאָל די נאַכט מיט קרוינען אונדז באַשײַנען
מיט א פרײַער לײַכטקײַט ביז באַגין.

קיינער וועט די שטילקײַט ניט דערשרעקן,
זײַ זשע רויִק און לעם מיר שלאָף אײַן.

כ׳וועל דיך מיט דעם הימל־בלוי פארדעקן,
וואָס איז אויסגעשפינט פון שטערן־שײַן.

זאָלן זיך דיר כאָלעמען כאַלוימעס,
ווי די הייסע יוגנט קומט אפסנײַ,
שלאָפֿנדיק, די הויכע ביימער־קרוינען
קושן זיך אין הימל פראַנק־און־פרײַ.

---

# כראָניק

געסט אין רעדאקציע

בײַס די פײַערונגען, געווידמעט דעם 30־טן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד, האָט אין סאָוועטנפאַרבאַנד געווײַלט א גרויסע צאָל דעלעגאַציעס און גרופּעס טוריסטן פון אויסלאַנד. אייניקע געסט האָבן אין יענע טעג באַזוכט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, צווישן זיי א גרופּע טוריסטן פון העכער 60 מאַן — פאָרשטייער פון פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין ארגענטינע, א גרופּע יוגנטלעכע פון מײַרעוו־דײַטשלאַנד, די אָנפירונג פונעם פּראָגער ייִדישן היסטאָרישן מוזיי עמיל סאַדעק און עריק קליימאַ, דער געזעלשאַפטלעכער טוער פון ענגלאַנד מײַלעך שוואַרץ.

אין אָנהייב מײַ האָט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אַרן ווערגעליס געהאַט א לענגערן שמועס מיטן האַראַוו האַקוילעל פון רומעניע, דעם דעפּוטאַט פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג דר. דאָוויד־מוישע ראָזען, וועלכער האָט עטלעכע טעג געווײַלט אין מאָסקווע נאָך זײַנער א רײַזע איבער א ריי לענדער.

■ ■ ■

# В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

## Идиш-русский алфавит — יידיש־רוסישער אלעפבייס

| א | אָ | ב | ג | ד | ה | ו | וי | װ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אלעף | קאָמעץ־אלעף | בייס | גימל | דאלעד | היי | וואָוו | וואָוו־יוד | צוויי וואָוון |
| а | о | б | г | д | h | у | ой | в |

| ז | ח | ט | י | ײ | ײַ | כ | ל | מ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| זײַען | כעס | טעס | יוד | צוויי יודן | צוויי יודן מיט א פאסעך | כאָף | לאמעד | מעם |
| з | х | т | и, й | эй | ай | х | л | м |

| ם | נ | ן | ס | ע | פּ | פֿ | ף | צ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| שלאָס־מעם | נון | לאנגע נון | סאמעך | אײַען | פּיי | פֿיי | לאנגע פֿיי | צאדיק |
| м | н | н | с | э | п | ф | ф | ц |

| ץ | ק | ר | ש | שׂ | תּ | ת |
|---|---|---|---|---|---|---|
| לאנגע צאדיק | קוף | רייש | שין | סין | טאָוו | סאָוו |
| ц | к | р | ш | с | т | с |

אָנמערקונגען:

1) די אויסיעס ם, ן, ף, ץ שרײַבט מען צום סאָף וואָרט; 2) די אויסיעס ח, ש, ת, ת קומען אין העברעיִשע ציטאטן.

## לערנט זיך לייענען שילדן

Учитесь читать вывески

| | | | |
|---|---|---|---|
| Папиросы | פּאפּיראָסן | Гостиница | האָטעל |
| Одежда | קליידער | Ресторан | רעסטאָראן |
| Белье | וועש (גרעט) | Столовая | גאָרקיך, עסצימער |
| Обувь | שיך | Буфет | בופעט |
| Шляпы | היט | Гастроном | גאסטראָנאָם |
| Чулки | זאָקן | Колбаса | וווּרשט |
| Книги | ביכער | Молоко | מילך |
| Кино | קינאָ | Булочная | בעקערײַ |
| Искусство | קונסט | Кондитерская | קאָנדיטערײַ |
| Аптека | אפּטייק | Рыба | פֿיש |
| Парикмахер | פֿאריקמאכער | Овощи | גרינוואַרג |
| Портной | שנײַדער | Фрукты | פֿירעס |
| Сапожник | שוסטער | Табак | טאבעק |
| Поликлиника | פּאָליקליניק | | |

| | |
|---|---|
| Доброе утро! | גוטמאָרגן! |
| Добрый вечер! | גוטנאָוונט! |
| С праздником! | גוטיאָמטעוו! |
| Здравствуйте! | שאָלעם־אלייכעם! |
| — Когда открывается ресторан? | — ווען עפֿנט זיך דער רעסטאָראן? |
| — В девять часов | — אום נײַן אזייגער. |
| — Когда открываются магазины? | — ווען עפֿענען זיך די קראָמען? |
| — Продовольственные — в девять; универсальные в восемь; другие в одиннадцать. | — די שפּײַזקראָמען — אום נײַן; די אוניווערסאלע — אום אכט; אנדערע אום עלף. |
| — Где тут поблизости продовольственный магазин? | — ווו איז דאָ ניט ווײַט א שפּײַזקראָם? |

— Недалеко от нашей гостиницы, вот видите вывеску «Гастроном»
— Как пройти в Кремль? На Красную площадь?
— Где можно купить путеводитель по Москве?
— Сколько это стоит?

— ניט ווײַט פון אונדזער האָטעל, אָט זעט איר א שילד „גאַסטראָנאָם“
— ווי קומט מען צום קרעמל? אפן רויטן פלאַץ?
— ווו קאָן מען קויפן א וועגווײַזער פאר מאָסקווע?
— וואָס קאָסט עס?

Учитесь считать:

לערנט זיך ציילן:

Один, два, три, четыре,
пять, шесть, семь (7),
восемь, девять, десять,
одиннадцать, двенадцать,
тринадцать, четырнадцать,
пятнадцать, шестнадцать,
семнадцать, восемнадцать,
девятнадцать, двадцать,
двадцать один (21)...
тридцать (30), сорок (40),
пятьдесят, шестьдесят (60),
семьдесят, восемьдесят (80),
девяносто, сто, двести,
триста, четыреста (400),
пятьсот, шестьсот (600)...
Тысяча (1000), две тысячи,
три тысячи (3000)...
пять тысяч (5000)...

איינס, צוויי, דרײַ, פיר,
פינף, זעקס, זיבן (7),
אכט, נײַן, צען(10),
עלף, צוועלף(12),
דרײַצן, פערצן(14),
פופצן, זעכצן (16),
זיבעצן, אכצן (18),
נײַנצן, צוואנציק (20),
איין און צוואנציק (21)...
דרײַסיק (30), פערציק (40),
פופציק, זעכציק (60),
זיבעציק, אכציק (80),
נײַנציק, הונדערט (100), צוויי הונדערט,
דרײַ הונדערט, פיר הונדערט (400),
פינף הונדערט, זעקס הונדערט...
טויזנט (1000), צוויי טויזנט,
דרײַ טויזנט (3000)...
פינף טויזנט (5000)...

Первый, второй, третий,
четвертый, пятый, шестой,
седьмой, восьмой, девятый,
десятый...

דער ערשטער, דער צווייטער, דער דריטער,
דער פערטער, דער פינפטער, דער זעקסטער,
דער זיבעטער, דער אכטער, דער נײַנטער,
דער צענטער...

Первая, вторая, третья,
четвертая, пятая...

די ערשטע, די צווייטע, די דריטע,
די פערטע, די פינפטע...

Одна копейка,
две, три, четыре
копейки,
пять... копеек.
Один рубль,
два, три, четыре
рубля,
пять... рублей...

איין קאָפּקע,
צוויי, דרײַ, פיר
קאָפּקעס
פינף... קאָפּקעס.
איין רובל,
צוויי, דרײַ, פיר
רובל,
פינף... רובל...

— Дайте, пожалуйста, двести граммов масла, двести советского сыра, триста колбасы и бутылку молока.

— גיט מיר, כ'בעט אײַך, צוויי הונדערט גראם פוטער, צוויי הונדערט סאָוועטישן קעז, דרײַ הונדערט וורשט און א פלעשל מילך.

— Сколько с меня следует?
— Два рубля и двадцать четыре копейки

— וויפל קומט פון מיר?
— צוויי רובל און פיר און צוואנציק קאָפּקעס.

— Что сегодня идет в Большом?
— «Анна Каренина»
— Плисецкая участвует?

— וואָס גייט הײַנט אין „גרויסן“ טעאטער?
— „אננא קארענינא“.
— פליסעצקאיא באטייליקט זיך?

— יאָ, זי באַטייליקט זיך. — Да, участвует.

— גיט מיר, כ׳בעט אײַך, צוויי בילעטן אין פּאַרטער, ניט ווײַטער פון דער פינפטער ריי. — Дайте, пожалуйста, два билета в партер, не дальше пятого ряда.

| די טעג | Дни |
|---|---|
| זונטיק. | Воскресенье. |
| מאָנטיק. | Понедельник. |
| דינסטיק. | Вторник. |
| מיטוואָך. | Среда. |
| דאָנערשטיק. | Четверг. |
| פרײַטיק. | Пятница. |
| שאַבעס. | Суббота. |
| הײַנט. | Сегодня. |
| נעכטן. | Вчера. |
| אייערנעכטן. | Позавчера. |
| מאָרגן. | Завтра. |
| איבערמאָרגן. | Послезавтра. |

| | |
|---|---|
| א פרימאָרגן, אינדערפרי. | Утро, утром. |
| א טאָג, באַטאָג. | День, днём. |
| אן אָוונט, אין אָוונט. | Вечер, вечером. |
| א נאַכט, באַנאַכט. | Ночь, ночью. |
| דעם (א) גאַנצן טאָג. | Весь день. |
| דעם (א) גאַנצן אָוונט. | Весь вечер. |
| די (א) גאַנצע נאַכט. | Всю ночь. |
| די (א) גאַנצע וואָך. | Всю неделю. |
| דעם (א) גאַנצן פרימאָרגן. | Всё утро. |
| די טעג פאָר איך אַוועק. | На днях я уезжаю. |

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

---

## מוישע סאָקאָל

עס איז געשטאָרבן דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער רעפּובליק מוישע סאָקאָל. מענטשן פונעם עלטערן דור געדענקען אים גוט אין די ראָלן פון טעוויע דעם מילכיקן, באַר־קאָכבע, שימעלע סאָראָקער, האָצמאַך אאַ. אינעם ווײַסרוסישן ייִדישן מעלוכע־טעאַטער איז ער געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע אַקטיאָרן.

אָנהייבנדיק פונעם 1949 אַרבעט מ. סאָקאָל אויף דער רוסישער בינע. פאַר אויסגעצייכנטע פאַרדינסטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער טעאַטראַלער קונסט אין ווײַסרוסלאַנד איז ער באַלוינט געווען מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן, מיטן אָרדען „ערן־צייכן“ און מיט ערן־גראַמאָטעס פונעם פּרעזידיום פון אויבער־ראַט פון דער ווײַסרוסישער רעפּובליק.



מוישע סאָקאָל איז געווען א הויכגעבילדעטער מענטש. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער אַרויסטרעטן אין דער פּרעסע מיט אַרטיקלען וועגן טעאַטער־פּראָבלעמען.

אין די לעצטע יאָרן האָט ער געאַרבעט איבער א בוך מעמואַרן, וואָס האָט זיך באַדינגלעך גערופן „פופציק יאָר אויף דער בינע“. צום באַדויערן, איז דעם בוך ניט באַשערט געווען פאַרענדיקט צו ווערן.

© Журнал «Советиш геймланд», 1975 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

*На еврейском языке*

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
**Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай,
И. Чичельницкий** (зам. главного редактора)
Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
заместитель главного редактора — 294-46-69
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

---

Подписано к печати 18.V.1975 г. Формат $70\times108^1/_{16}$.
Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 2382.

---

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.
Индекс 70821

# СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

# СОВЕТСКАЯ РОДИНА

## № 6

1975

■

**В НОМЕРЕ:**

И. Брагинский. Мы интернационалисты.
**Наши современники.** И. Серебряный. Люди Биробиджана.
**Стихи** Х. Бейдера, Г. Блоштейна, Х. Вайнермана, Л. Гелера, З. Тименчика, П. Киричанского, Б. Могильнера, М. Могилевича, Э. Бейдера, Ш. Холоденко, В. Верника.
Г. Добин. В родных местах (рассказ).
И. Рабин. Столяр Гешл и его внук (роман. Окончание).
**По следам событий.** Очерки М. Львова, И. Фаликмана, Р. Кац-Рабинович.
И. Любомирский. Мастерство актера.
Г. Ременик. О Натане Забаре и его последнем романе.
Л. Крылов. Антисемитизм в Соединенных Штатах Америки.
**Наши сообщения.** Л. Вильскер. К истории еврейского книгопечатания.
Листая журналы и газеты. Почта «Советиш геймланд». Разное. Хроника. Заметки на календаре.
Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.